STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08618

MAYN LEBN UN MAYNE RAYZES

Noach Mishkowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח מישקאָווסקי

מײַן לעבן און מײַנע רײזעס

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון נח מישקאָווסקי בוך קאָמיטעט

1947

COPYRIGTH, BY N. MISHKOWSKY
New - York

Printed in Mexico

דרוקעריי „וויסן". באַכיאָ 319. מעקסיקע, ד. פ.

Imprenta "Saber" — Bajío No. 319 — México, D. F.



נח מישקאָווסקי

עטלעכע ווערטער וועגן מיין אויטאָביאָגראַפיע

איבערגעבנדיק מיין בוך צו דער עפנטלעכקייט, ווילט זיך מיר מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען.

שווער זייער שווער, איז מיר אָנגעקומען שרייבן און ארויסגעבן מיין בוך אין צוויי בענדער. נאָר דער שטאַרקער ווילן צו זען מיין בוך געדרוקט האָט מיך ניט דערלאָזן אָפּשטעלן זיך, ניט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן, און אָנגיין ווייטער מיט מיין אַרבעט. איך פיל אַז מיין אויטאָביאָגראַפישע אַרבעט וועט געבן אַ באַשיידענעם מאַטעריאַל פאַר די צוקונפטיקע היסטאָריקער, וועלכע וועלן פאָרשן אונדזער געשיכטע פאַר די לעצטע פופציק גורלדיקע יאָרן אין יידישן לעבן. און דאָס האָט מיר געגעבן מוט און ענערגיע ממשיך צו זיין מיין אַרבעט פאַר די לעצטע צען יאָר.

אַ סך קאַפּיטלעך פון בוך האָבן זיך געדרוקט אין די פאַרשיידנסטע ציַיטונגען און זשורנאַלן איבער גאָר דער יידישער וועלט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר.

איך בין קיינמאָל ניט געווען פון די, וואָס שטופּן זיך אין פראָנט פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איך האָב כמעט קיינמאָל ניט גערעדט פון זיך ווי אַ כלל טוער, קולטור טוער, קעמפער פאַר די יידישע אַרבעטער אינטערעסן און פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אָבער אין דעם בוך, שרייבנדיק וועגן זיך אַליין; פון מיין לעבן, מיינע רייזעס, האָב איך פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט אויסמיידן מיין „איך" און האָב געמוזט שרייבן פון אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, געזען, אָנטייל גענומען און וואָס איך האָב דורכגעלעבט אלס מענטש און ייד, באַמיענדיג זיך צו זיין וואָס מער אָביעקטיוו.

איך האָב אַ סך דורכגעלאָזן באַשרייבנדיק מיינע רייזעס אַרום דער וועלט און אויך ניט אַריינגענומען די אַלע זייטיקע רייזעס. איך האָב עס געטאָן צוליב עקאָנאָמיע. איך האָף מיט דער צייט זיך אומקערן צו דעם.

איך האָב ניט אַריינגענומען אין בוך די באַשרייבונגען פון די פּאַרשיידנסטע אינטערעסאַנטע טיפּן, מיט וועלכע איך בין געקומען אין באַרירונג אין כינע, יאַפּאַן, תימן, ארץ ישראל און אַמעריקע. דאָס וועל איך אַרויסגעבן אין אַ באַזונדערן בוך גאָר אין גיכן.

און איצט געפין איך פאַר מיין חוב צו באַדאַנקען אַלע די, וואָס האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן מאַטעריעל אין דער אויסגאַבע פון די צוויי ביכער. מיט גרעסטע ביישטייערונגען האָבן זיך אָפּגערופן: דער יידי־שער אַרבעטער קאָמיטעט, בען מאַנדעל, פ. קאָהן, מיין שוועסטער בער־טע בראהינסקי (לאָס אַנדזשעלעס), חברה אַנשי מיר, דרי פאַקס, ברוך אַנטאָנאָוו, ה. אוזדאַנסקי (סאַן אַנטאָניאָ), יוסף קליין (קענטאָן, אָהייאָ) ב. זאַרעצקי, (ווינּיפּעג), פרידע האַוזער, וויליאַם בעלמאָנט, אלתר כהן (מאָנטרעאַל), יידישער קולטור קאָנסיל (ראָטשעסטער), סעם אָקאָנעווס־קי, אלטע סודאַרסקי, רעגאַל ארט נאָוועלטי, קאָ. און אַלע די, וואָס האָבן זיך אַבאָנירט אויף מיינע ביכער.

און אחרון־אחרון מיין וואַרימסטן דאַנק מיין קרוב מאיר עליאַ־שאָוו פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט אַלס קאַסיר און געלט זאַמלער און פאַר זיין פערזענלעכער שיינער ביישטייערונג און מיין טייערן פריינט מ. בערגער פון מעקסיקאָ סיטי, וואָס האָט זיך מער פון אַלע אַנדערע אָפּגעגעבן מיט מיין בוך אַלס קאָרעקטאָר און דרוקער.
איך וועל זיין אַרבעט קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

נח מישקאָווסקי

1469 פולטאָן עוו., ניו יאָרק, נ. י.

קאַפּיטל 1

מיין שטעטל „מיר"

כאָטש איך בין געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל קאַפּולע, האַלט איך זיך אָבער פאַר אַ מיר׳ער, ווייל פון קאַפּולע האָבן זיך מיינע עלטערן אַריבערגעצויגן קיין מיר, ווען איך בין אַלט געווען אַנדערהאַלבן יאָר. בעת קאַפּולע איז מיר פון יענע יאָרן אינגאַנצן אומבאַקאַנט, האָב איך אָבער אין מיר פאַרבראַכט מיין גאַנצע קינדהייט, ביז איך בין אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר. אַלע מיינע דעריִנערונגען פון מיינע קינדער־יאָרן און די ערשטע יאָרן פון מיין יוגנט זיינען פאַרבונדן מיט דער שטעטל מיר, וואָס איז מיר ליב און טייער ביזן היינטיקן טאָג. איך געדענק מיין שטעטל מיר, ווי עס האָט אויסגעזען מיט זעכציק יאָר צוריק, דאָס הייסט פון דער צייט, ווען איך בין אַלט געווען זעקס־זיבן יאָר.

איך געדענק גוט די הויפּט־גאַסן ווילנער, זשוכאָוויטשער און מיר־אַנגקער. איך געדענק אויך דעם שולהויף מיט דער קאַלטער שול, מיטן בית המדרש און אַנדערע קליינע שולכלעך און שטיבלעך און די אַלע געסלעך, וואָס ציען זיך פון שולהויף און ווייטער אַביסל דאָס ניי־שטעטל, וואו אונדזער שטעטלדיקע אָרעמקייט האָט געלעבט אין אומבאַשרייבלעכער נויט. מיר געדענקט זיך אויך די שטאָט טיילן פּאַדאַל און יורזדיקע און אויך די געסלעך, וואו עס האָבן געוואוינט די שטעטלדיקע מעשטשאַנעס און די טאָטערן, וועלכע מען האָט ביי אונדז גערופן, לויטן אויסדרוק פון חומש, קדרים. באַזונדערס געדענק איך גוט אונדזער פעסטונג — דעם שלאָס, וואָס האָט אין די אַמאָליקע צייטן פאַרטיידיקט אונדזער שטעטל פאַר אָנפאַלן מצד די פרעמדע חיילות. דעם דאָזיקן פעסטונג־שלאָס האָט נאַפּאָלעאָן אין זיין גאַנג אויף מאָסקווע פון אַלע זייטן צעשאָסן און פון דעמאָלט אָן איז פון אים פאַרבליבן בלויז אַ חורבה. אָבער אַמאָל־אַמאָל האָבן אין אים געלעבט די גראַפן און קניאַזשן, צו וועלכע אונדזער שטעטל האָט באַלאַנגט. דער שלאָס איז געווען אַן אמתע פעסטונג צוגעפּאַסט פאַר די מלחמות אינעם מיטל־אַלטער. אַ גרויסער מויער מיט זייער דיקע ווענט אַ דריי־פיר עטאַזש די הויך, מיט טורעמס אַרום אַלע זייטן, געבויט מיט אַ ברייטער האַנט און מיט אַ סטראַטעגישן קאָפּ. אונטן, האָט מען דערציילט, איז דאָ אַן אונטער־

ערדישער וועג, דורך וועלכן מען קען מיט אַ קאַרעטע, געשפּאַנט מיט פיר פערד, אַנטלויפן אַזש קיין נעסוויזש, וואָס ליגט 28 וויאָרסט פון אונדזער שטעטל. אַרום דעם שלאָס זיינען געווען אָנגעשאָטענע בערגלעך און אַביסל ווייטער צו האָט געפלאָסן אונדזער טייכל — די מיראַנקע. צום שלאָס, פלעגן מיר, קינדער, אַלע שבת, נאָכן טשאָלנט, קומען צו גיין פאַרווילן זיך. מיר פלעגן אַריינגיין אינווייניק, שפּאַצירן איבער די ריזיקע חרובע צימערן, קלעטערן איבער די עטאַזשן, דורכגיין די ברייטע לאַנגע קאָרידאָרן, גיין מיט די „שווינדל־טרעפּ" אין דער הויך און דערנאָך אויבן שפּאַצירן איבער די צעשאָסענע ווענט, כאָטש דאָס איז געווען זייער ריזיקאַליש. וועגן שלאָס האָבן זיך קינדער דערציילט פאַרשיידענע מעשות וועגן די „ניט גוטע", וועלכע פראָווען דאָרט יעדע נאַכט זייערע אָרגיעס, וועגן די שיינע מכשפות, וואָס פאַרנאַרן אַהין אומשולדיקע מענער און אַז אַך און וויי איז דעם, וואָס פאַלט אַריין אין זייערע הענט: זיי שפּילן זיך מיט אים, קושן און האַלדזן אים אַזוי לאַנג, ביז ער שטאַרבט אין זייערע אָרעמס. און מיט גרויס שרעק האָבן די קינדער דערציילט, ווי אָט ניט לאַנג צוריק האָבן זיי געפּאַקט דעם וועכטער פון שלאָס און טאַקע יענע נאַכט איז ער געשטאָרבן אין די אָרעמס פון די שיינע שלאָס מיידלעך. פלעגן מיר טאַקע קיינמאָל ניט גיין אַליין אין דער שלאָס־חורבה, נאָר אַלע מאָל אין גרופּן, כדי די מכשפות זאָלן אויף אונדז קיין שליטה נישט האָבן.

אַרום אַ האַלב וויאָרסט ווייטער פון שטעטל האָט זיך געפונען „דער הויף" פון די פריצים, צו וועלכע דאָס שטעטל האָט געהערט. אין מיין צייט איז דער פריץ פון שטעטל געווען אַן אַלטער פּאָלאַק פּוציאַטאַ. ער האָט דאָרט געוווינט מיט זיין גרויסער הויזגעזינט און מיט זיינע צענטליקער באַדינער. דערנאָך איז דער הויף אַריבער צום נייעם באַלעבאָס פון שטעטל — דעם קניאַזש סוויאַטאָפּאָלק מירסקי. אָט דער דאָזיקער הויף איז פאַר אונדז, קינדער, געווען שוין גאָר אַ פרעמדע און אפילו אַ „פּיינטלעכע" מלוכה... אַהין האָבן מיר מורא געהאַט צו גיין, ווייל ערשטנס האָבן מיר מורא געהאַט פאַר זיין „וואַרטאָווניק" (דעם היטער), וואָס האָט ליב געהאַט פון אונדז אַראָפּצורייסן די היטלען, צווייטנס האָבן מיר מורא געהאַט פאַר זיינע גרויסע הינט. מען האָט געשמועסט אין שטעטל, אַז ביים אַריינגאַנג אין הויף שטייט אַ שרעקלעכער וואָלף מיט אויסגעשטשירעטע ציינער און גלייך, ווי ער דערזעט אימיצן, וואָס גיין אַריין אין הויף, גיט ער זיך אויף אים אַ וואָרף און צערייסט אים אויף שטיקער...

אויף דער צווייטער זייט פון שלאָס, אויפן וועג צו די „קדרשע מאָ־הילקעס" (טאָטערשער בית עולם), האָט זיך געפונען נאָך אַ פּריצישער הויף.

אַ לאַנגע צייט האָט ער געפּוסטעוועט, אָבער דערנאָך האָט זיך אָהין אַריינ־געקליבן דער שטעטלדיקער ריכטער — דער סודיאַ. דאָרטן, אין דעם צווייטן הויף, האָט ער געטיילט „גערעכטיקייט".

אַלס 16 יאָריקער ייִנגל האָב איך געהאַט די „זכייה" צו אַרבעטן ביי אים אַלס ניט אָפּיציעלער סעקרעטאַר, ווייל, אַלס ייד, האָב איך דעמאָלט קיין רעכט ניט געהאַט צו פאַרנעמען אַזאַ הויכע „רעגירונגס שטעלע".

דער מיר, ווי מיר האָבן גערופן דאָס שטעטל, האָט געהערט צו מינסקער גובערניע. ניט ווייט פון מיר האָט זיך געפונען אונדזער קרייז שטאָט, נאָוואָרידאָק און אַ 15 מייל פון שטעטל האָט זיך אויך געפונען די באַן־סטאַנציע גאָראָדייע, אָדער נאַראָדזשע ווי מיר האָבן זי גערופן. די שטעטל האָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון פינף טויזנט נפשות, פון וועלכע די מערסטע זיינען געווען יידן. די יידן האָבן פאַרנומען דער עיקר דעם צענטער פון שטעטל מיטן מאַרק, אָבער זיי זיינען אויך געווען פאַרשפּרייט אין די אַנדערע טיילן פון שטעטל, נאָר שוין ניט אין אַזאַ געדיכטער צאָל ווי אין צענטער. די פינף טויזנט־קעפּיקע באַפעלקערונג האָט זיך געטיילט אויף דריי ראַסן: די סעמיטישע — די יידן, די קאַווקאַזישע — די ווייס־רוסן און די מאָנגאָלישע — די טאָטערן. נישט אַלע האָבן אָבער געהאַט גלייכע רעכט. די טאָטערן האָבן געהאַט אַ סך פּריווילעגיעס. זיי האָבן געהאַט די רעכט פון „נאָבלייט" (דוואָריאַנעס), בעת די ווייסרוסן האָבן געהאַט די רעכט פון דער פּשוטער באַפעלקערונג (מעשטשאַנעס) און מיר, יידן האָבן בכלל קיין רעכט ניט געהאַט. מען האָט אונדז בלויז געדולדעט. לויט דער רעליגיע האָט זיך די באַפעלקערונג אויך געטיילט אויף דריי באַזונ־דערע גרופּן: די טאָטערן זיינען געווען מאַכמעדאַנער, די ווייס־רוסן — פּראַוואָסלאַווע און די יידן האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך געהאַלטן פון תורת משה.

אין יענער צייט זיינען דאָס געווען דריי באַזונדערע וועלטן, וואָס האָבן כמעט קיין שום געמיינשאַפטלעכעס צווישן זיך ניט געהאַט אַ חוץ דעם, וואָס זיי האָבן אָנגעהאַלטן צווישן זיך בלויז האַנדלס באַציאונגען.

דער לעבעדיקסטער טייל פון שטעטל איז געווען דער מאַרק. דאָ האָבן זיך געפונען שענערע געביידעס, דאָ זיינען געווען די צוויי קלויסטערס, דאָ האָבן געוווינט די רייכערע יידן, דאָ האָבן זיך געפונען אַלע קראָמען, די שיינקען און אויף דער נאַכט איז דער מאַרק געווען באַלויכטן מיט קע־ראָסין לאָמטערנעס.

אין די יידישע געגנטן זיינען די גאַסן געווען ברוקירט. אָבער דאָס האָט נישט פאַרהיטן, אַז אין פרילינג און אין האַרבסט זאָלן זיין אַזעלכע בלאָטעס, אַז מען האָט נישט געקענט דורכגיין די גאַסן.

פון די שענסטע געביידעס אין שטעטל זיינען געווען די צוויי קלויס־טערס און להבדיל די קאַלטע שול, ווו מען האָט ווינטער צייט ניט געדאַוונט צוליב דעם, ווייל די שול איז ניט געווען געהייצט. אויך דער בית המדרש אויפן שול־הויף, די געביידעס פון דער רוסישער פאָלקס־שול און שטאָטישע זעקס קלאַסישע לערן־שול און די מויערן פון די קאַמענצקעס און לעווינס. די אינטערעסאַנטסטע געביידע אין שטעטל איז געווען די קאַלטע שול. פון אויסנווייניק האָט זי געמאַכט אַ גראַנדיעזן איינדרוק פון אַ ריזיקן בנין מיט הויכע און נידעריקע דעכער. די פענצטער זיינען געווען הויכע און ברייטע, אויסערגעוויינלעך שיין אויסגעשניצטע, מיט גלעזערנע שויבן פון די פאַרשיידנסטע קאָלירן. איבער די פענצטער זיינען געווען ברייטע געשניצטע קארניזן. אין פאָליש פון דער שול האָט זיך אין איין זייט געפונען דאָס טהרה ברעט פון דער חברה קדישא און אנטקעגן איבער איז געווען אַן אָפּגעצאַמטער אָרט פאַר אַ קאַסטן מיט שמות פון אַלטע צעריסענע ספרים. דאָס אַלץ — דער אויסנווייניקסטער אויסזען און דער פאָליש — האָט אויף מיר, ווי אויף אַלע יידישע קינדער, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, פון וועלכן איך קען זיך נאָך עד היום ניט באַפרייען.

גלייך ווי דו ביסט אַריין אינווייניק אין שול, האָט דיך באַהערשט אַ הייליקער רעליגיעזער געפיל. בלויז איין בליק אויפן אויסערגעוויינלעך הויכן וואונדערבאַר געשניצטן ארון קודש, אויף דער בימה און אויף די שניצערייען אויף דער טיר, וואָס פירט פון פאָליש אין שול אַריין — איז געווען גענוג, אַז מען זאָל זיי אייביק געדענקען. היינט די מאָלערייען און אויסשניצונגען אויף די ווענט פון אונטן ביז אַרויף — זיי פלעגן אינגאַנצן פאַרכאַפּן מיין פאַנטאַזיע: בילדער פון תנ"ך, בילדער פון חיות, פון עקדישן, פון פאַרשידענע פויגלען, פישן, אפילו פון אַ העלפאַנט, אַלע אין זייער נאַטירלעכער גרויס. עס זיינען אויך געווען פאַרשיידענע ביבלישע און פאַנטאַסטישע בילדער פון דעם לויתן, פונם שור־הבר, פון אַ ברענענדיקער שלאַנג.

איצט קען איך אויסזאָגן דעם אמת, אַז אפילו נאָך זייענדיק אַ ייִנגל פלעג איך אַלע מאָל קוקן אויף די בילדער און זיך קיינמאָל ניט געקענט אָפּרייסן פון זיי... זייער אַ לאַנגע צייט האָבן די דאָזיקע בילדער געשפּייזט מיין יוגנטלעכע פאַנטאַזיע. (מיין לאַנדסמאַן און פריינט דער פאַרשטאָרבענער מאָלער און שריפטשטעלער געצל טשארני, האָט אין זיין הספד איבער דער אָפּגעברענטער מירער שול אויף אַ זייער טאַלאַנטפולן אופן אין זיינע שריפטן באַשריבן די דאָזיקע היסטאָרישע שול, וועלכע איז איצטער אוודאי ווי טויזנטער אַנדערע שולן חרוב געוואָרן...)

ניט ווייט פון שול־הויף האָט זיך געפונען די וועלט באַוווסטע מירער ישיבה, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1817 דורכן דעמאָלסטיקן מירער רב, הרב הגאון דוד אייזענשטאַט. דער ערשטער ראש הישיבה איז געווען זיין זון רב משה אברהם. אין מיין צייט איז דער ראש הישיבה געווען רב חיים לייב, משה אברהמס אַ פּלימעניק. רב חיים לייבן געדענק איך נאָך זייער גוט. ער איז געווען דער אמהעכסטן געאַכטעטער און אָנגעזעענסטער ייד אין שטעטל. איך האָב פּאַר אים אינסטינקטיוו שטאַרק מורא געהאַט, ווייל מיינע עלטערן זיינען געווען ניט קיין פרומע, האָבן ניט געפירט קיין כשרע קיך און איך האָב זיך אַלעמאָל געשראָקן, אַז ער, אַלס „היילִיקער" זאָל אונדז חלילה ניט פאַרשילטן... מען האָט פון אים געהאַלטן אין שטעטל און אין ווייטן אַרום אַ סך מער ווי פון אונדזער רב ר' ליפּעלע, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שם אין דער דעמאָלסטיקער ווייס־רוסלאַנד. רב חיים לייב האָט זיך ניט געמישט אין שטאָטישע ענינים, נאָר האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דער ישיבה. ער איז געווען אַ ייד ניט פון דער וועלט, נאָר פון אַ גאָר אַנדער וועלט, פון אַ העכערער, שענערער און מאָראַלישער וועלט. ער האָט געשוועבט אין די הימלען און זיך באַוועגט נאָר אין דער וועלט פון דער העכסטער יידישער מאָראַל. מיט זיך אַליין האָט ער זיך ניט אָפּגעגעבן, נאָר זיין גאַנצע צייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט די ישיבה בחורים, וועלכע ער האָט אַלעמאָל געהאַט אין אַ צאָל פון 400־500. געקומען זיינען זיי פון אַלע טיילן פון רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע, עסטרייך און אפילו פון סיביר, פון אפריקע און פון אַמעריקע.

די ישיבה איז געווען אַ גראַנדיעזער בנין מיט פענצטער פון אַלע זייטן. אינווייניק פול מיט בענק און שטענדערס, אויף וועלכע עס זיינען געלעגן אָפענע גמרות און פון ישיבה בנין האָט זיך שטענדיק געטראָגן דער אומעטיקער געזאַנג פון די יונגע ישיבה בחורים. זיי האָבן געלערנט זינגענדיק און לויטן ניגון פון לערנען האָט מען געקענט דערקענען ווער פון וואַנען עס קומט, פון ליטע צי פון פוילן צי פון אוקראַינע צי גאָר פון קאַווקאַז. אויך די קליידונג פון די ישיבה בחורים איז געווען אַ פאַרשיידענע, די לאַנגע קאַפּאָטעס פון די גאַליציאַנער האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קורצע רעקלעך פון די ליטווישע און אַנדערע ישיבה בחורים.

אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט איז געווען אין אַ זומערדיקן אָוונט צו שפּאַצירן איבער די געסלעך פון דער מיר. אַלע פענצטער פון דער ישיבה און פון די פּריוואַטע הייזער, ווו די ישיבה בחורים האָבן געוווינט, זיינען געווען אָפן און איבערן גאַנצן שטעטל האָבן זיך געטראָגן די געזאַנגען פון די ישיבה־בחורים עד לב־השמים. עס האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז דאָס גאַנצע שטעטל לערנט און זינגט.

די ישיבה בחורים האָט מען קיינמאָל ניט גערופן לויט זייערע נעמען, נאָר לויט דער שטאָט פון וואַנען זיי זיינען געקומען: דער סלאָנימער, אָדער וואָלקאָווויסקער, קראָקאָווער, לובלינער, קאָברינער און אַזוי ווייטער.

אָבער אויב דאָס יידיש לעבן מיט זעכציק יאָר צוריק איז נאָך געווען טיילווייז פאַרזונקען אין מיטלאַלטער האָבן נאָך אונדזערע שכנים, די טאַטערן און די ווייס־רוסן, געשטעקט אין דעם טיפן מיטלאַלטער. זעלטן האָט אַ טאַטער געקענט לייענען אָדער פאַרשטיין די שפראַך פון זייער קאָראַן, אָדער געקענט עפּעס אָנשרייבן אין זיין שפראַך. נאָך זעלטענער האָט אַ ווייס־רוס בכלל געקענט לייענען אָדער שרייבן. אָבער אַלע אונדזערע מירער האָבן געקענט דאַווענען און האָבן פאַרשטאַנען דעם פּרוש המלות, אפילו די ווייבער האָבן געקענט אַריינקוקן אין אַן עברי טייטש ביכל און קוויקן זיך מיט די הויכע געדאַנקען און שיינע מעשות. מיר האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אין אונדזער שטעטל יידישע לערער, דאָקטוירים, אַפּטייקערס, צוויי אַדוואָקאַטן. אַ טייל פון אונדזער יוגנט האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין לייענען וועלטלעכע ביכער. נאָך פון יענער צייט געדענק איך די ברידער זעלדאָוויטש, וואָס האָבן זיך אַליין אויסגעלערנט אויסער רוסיש און דייטש אויך ענגליש. איך געדענק די יידישע סטודענטן יעקב האַלפּערן, סאַלאָמאָן און פאַדיי לעווין, שמואל לעדער, דעם פּראָפעסאָר פון מנעמאָניק פיינשטיין און די העכסט געלערנטע וועראַ לעווין, פּריינט פון א. לעסינען אין זיין מינסקער פּעריאָד. די אַריינגעשיקטע רוסישע „אינטעליגענץ" ווי די לערער, דער ריכטער, דער פּריסטאַוו און דער גלח האָבן מער פאַרגעניגן געהאַט צו חברן זיך מיט די אינטעליגענטע יידן, ווי מיט זייערע אייגענע גלויבנס גענאָסן.

מיר האָבן שוין דאַן אין אונדזער שטעטל געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן אויסוואַל פון רוסישע, יידישע און העברעאישע ביכער, פריער אין הויז פון שואל ראַזאָווסקי און דערנאָך אין הויז פון איסאַאַק שוואַרץ. אַ חוץ דער ביבליאָטעק איז ביי אונדז אין שטעטל געווען אַ מיידל, וועלכע מען האָט גערופן פריילין פעדער, וואָס פלעגט אויסשרייבן יידישע ביכער, ראָמאַנען, מעשה ביכלעך און זיי געבן לייענען אויף פּראָקאָט אירע שטענדיקע קונדן. דערנאָך, אַז עס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען די יידישע ליטעראַרישע זאַמלביכער, פלעגט זי זיי אויך קויפן און געבן דורכלייענען אויף פּראָקאָט. אַזוי אַרום האָט זי געשפּרייט ליכט און וויסן אין אונדזער שטעטל.

ביי אונדז אין שטוב פלעגן אַריינקומען רוסישע צייטונגען, זשורנאַלן, מיין פאָטער האָט פאַרמאָגט אַ שיינע רוסישע ביבליאָטעק פון די קלאַסיקער

און איבערזעצונגען פון אייראָפּעאישער ליטעראַטור. דאָך מוז איך צוגעבן, אַז לייענער פון רוסישע, יידישע און העברעאישע ביכער אין מיין שטעטל צו יענער צייט איז געווען ניט גרויס אין צאָל, אפשר אַ 40־50. געלייענט האָבן מערסטנס פרויען און זייערע באַליבטסטע ביכער זיינען געווען שמר'ס „העכסט אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען. אין אַלגעמיין איז נאָך דאָס יידישע לעבן אין דער מיר צו יענער צייט געווען פּאַרגליווערט. דער גרויסער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען זייער פרום און אַלע האָבן זיך אויסגעלעבט לויט דער אַלטער יידישער טראַדיציע.

ביי אונדז פלעגט מען די יידן אין שטעטל שאַצן נישט לויט זייער עשירות, נאָר לויט זייער לומדות. די „רייכקייט" פון יחיד איז געגאַנגען אויפן צווייטן אָרט.

די שול אָדער דער בית המדרש איז געווען דער הויפּט־פּלאַץ, ווו די יידן פלעגן אַרומריידן די פּאָליטיק, אָדער די גוטע און די שלעכטע נייס פאַר יידן. אין אַזעלכע שמועסן פלעגט זיך דער עמך־מענטש שטאַרק רעכענען מיט די מיינונגען פון די, וואָס האָבן געקענט די „שוואַרצע פינט־לעך", ובפרט פון יענע, וואָס האָבן געקענט רוסיש.

אין אונדזער געגנט האָבן יידן יונג חתונה געהאַט, געקינדלט און גע־לאָזט לערנען זייערע קינדער ביי פּריוואַטע מלמדים, אָדער ווען מען איז געווען צו אָרים — אין דער שטאָטישער תלמוד תורה. אַ גרויסער פּראָ־צענט פון די גוטע קעפּ זיינען געוואָרן ישיבה־לייט. מיט דעם אַליין האָבן זיי אַ סך געוווּנען אין די אויגן פון די באַלעבאַטים.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין שטעטל איז געווען אַ שרעק־לעכע. כמעט 80 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן ניט געהאַט קיין ברויט צו דער זאַט. די קריסטן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט זייער לאַנדווירטשאַפט, דאַקעגן די יידן האָבן דאָס ניט געטאָרט. די רעגירונג האָט פאַרשטאָפּט פאַר די יידן אַלע קוואַלן פון חיונה און ביז היינטיקן טאָג קען איך נישט פאַרשטיין ווי אַזוי די מירער אָרעמע יידן זיינען פשוט נישט אויסגעשטאָרבן פון הונגער. פרנסה האָבן ביי אונדז געהאַט בלויז די שענ־קער, עטלעכע רייכערע קרעמער, אַ פּאָר פּראָצענטניקעס, די וואַלד הענ־דלער, די וואַלד אָנגעשטעלטע און די פאַרשיידענע יידישע פּראָפעסיאָנאַלן, בעת די גרויסע מערהייט פון די קרעמער, די בעלי מלאכות, די קליינע תבואה הענדלער, די דאָרפס־גייער, די סאַדאָווניקעס און די יידן מיט ענ־לעכע „פּרנסות", האָבן זיך זייער גאַנצן לעבן געמאַטערט און האָבן קיינ־מאָל ניט געהאַט קיין זאַטן מאָלצייט. נאָך אַ גליק, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט ניט פאַרווערט די מאַרק טעג, וואָס פלעגן ביי אונדז פאָרקומען יעדן

זונטיק און צוויי מאָל אַ יאָר זיינען געווען אין שטעטל יאַרידים. אויף דעם האָבן די יידן אַרויסגעקוקט ווי אויף מן פון הימל. פון די אַרומיקע דערפער פלעגן אָנקומען טויזנטער פויערים. זיי האָבן פאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן און פאַרן געלייזטן געלט האָבן זיי אָנגעקויפט פאַר זיך: טאַבאַק, נאַפט, היטלען, לייוונט, פאַרשיידענע מאַטעריעס, לאַנדווירטשאַפטלעכע געצייג און מתנות פאַר די ווייבער און קינדער. נאָך יעדן קויף און פאַרקויף זיינען די פויערים אַריין אין די שענקען. יידן האָבן זיך געגרייט צום יאַריד מיט וואָכן. און וואָכן פריער. און אַלע זיינען געוואָרן סוחרים. מען האָט אַנטליען אַ פּאָר רובל און מען האָט געהאַנדלט. געקויפט און פאַרקויפט אייער, היי־נער, תבואה, אַ בושל עפּל און אין קעשענע איז געבליבן עפּעס ריוח. די רייכערע האָבן געקויפט שעפּסן, קעלבער, פערד און פון דעם דאָזיקן מסחר האָט מען שוין געהאַט פּרנסה אויף אַ האַלבן יאָר. יידן האָבן אויך אַ גאַנץ יאָר אַרויסגעקוקט אויף דער פּריזיוו צייט, ווען „נאָוואָבראַנצעס" פלעגן פון גאַנצן אַרומיקן געגנט אָנקומען אין שטעטל, ווייל דעמאָלסט האָבן די שענקער און די קרעמער זייער גוט געלייזט. אמת, זייער אָפט פלעגן זיך די מערק און דאָס אָנקומען פון די נאָוואָבראַנצעס פאַרענדיקן מיט גע־שלעגן צווישן זיך אַליין אָדער צווישן די קריסטן און די יידן. אין אַזאַ פאַל פלעגן זיך באַווייזן די יידישע שטאַרקע יונגען און די קצבים און פאַר־טרייבן די שיכורע אָנפאַלער.

פון די אַלע אַרומיקע יידישע שטעטלעך האָבן זיך די יידן פון מיין שטעטל מיר אויסגעצייכנט מיט זייער איידלקייט און געלערנטקייט. אונ־דזערע יידן פלעגן זיך גרויסן: ווי קומען די קלעצקער, די סטויפּצער, די נעסוויזשער אָדער די לעכוויטשער צו די מירער? און מיר אַלע האָבן טאַקע פּשוט שטאָלצירט דערמיט, וואָס מיר זיינען מירער...

מיין עלטער זיידע הירש מישקאָווסקי

קאַפּיטל 2

מיין משפּחה

פון מיין מאַמעס צד האָב איך ווייניק ווען געקענט. מיין באָבע איז געשטאָרבן נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן. דער זיידע איז יאָ אַמאָל געוועזן צו גאַסט ביי אונדז, נאָר איך בין דעמאָלט נאָך געווען גאָר אַ קליין קינד און איך געדענק אַפילו נישט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען און וואָס פאַר אַ סאָרט ייד ער איז געווען. פון דער מאַמעס צד האָב איך בלויז געקענט אירע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס — די קינדער פון איר שוועסטער טויבע יעפים (חיים כיסין), דעם באַקאַנטן בילועץ ד"ר כיסין, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין תל אביב. זיין ברודער אָסיפּ כיסין, דעם באַוווסטן מאָסקווער זיידנס פאַבריקאַנט און זייער שוועסטער ליזע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיטן מירער סטודענט שמואל לעדער און איז גלייך נאָך דער חתונה מיטן מאַן אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. איר מאַן איז דאָ, אין ניו יאָרק געווען אַ באַקאַנטער ראַדיקאַל, האָט מיטגעאַרבעט אין דער „אַרבעטער צייטונג" האָט געהאַט אין ברוקלין אַ פאַרזיכערונגס ביוראָ און ער איז, אגב, מיט אַ 15 יאָר צוריק געשטאָרבן.

דערפאַר האָב איך אָבער גוט געקענט מיין טאַטנס משפּחה. איך געדענק גוט מיין עלטער זיידן, הערשל דעם שרייבער פון לעכעוויטש. דאָס איז געווען אַ ייד אַ הויכער, אַ ברייט פּלייציקער, זייער אַ שיינער, „הירשל דער שרייבער" האָט מען אים גערופן דערפאַר, ווייל זייענדיק דער סטאַראָסטע פון שטעטל האָט ער פאַרשריבן אַלע געבורטן, חתונות און די טויט פאַלן. ער איז בשעתו געווען דער פאַרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לעכעוויטש, וועגן אים איז אַרומגעגאַנגען אין אונדזער געגנט דער פאָלגנדער וויץ:

מיט אַכציק יאָר צוריק האָט דער לעכעוויטשער פּריץ שטאַרק אונטערדריקט דאָרטן די יידישע באַפעלקערונג. האָבן די פּני פון לעכעוויטש צוזאַמענגערופן אַ גרויסע אסיפה צו באַטראַכטן די מיטלען, דורך וועלכע מען קען ווייכער מאַכן דעם פּריצס האַרץ לגבי די יידן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אים, מיין עלטער זיידן, אַז ער זאָל זיך ביי אים משתדל זיין. ווען מיין עלטער זיידע איז צו אים געקומען, האָט ער פאַרן פּריץ

אַוועקגעלייגט אַזעלכע טענות: „גוואלד פּריץ, וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף די יידן, וועלכע ברענגען דיר אַריין אַזאַ ריזיקן איינקונפט. זיי צאָלן דיר די אַלערליי שטייערן, דיינע קוויטלעך נעמען זיי און איצט ווילסטו ווידער איינפירן אַ נייעם אָפּצאָל. מיינע יידן לעבן אין שרעקלעכער נויט און דו האָלטסט אין איין רייסן פון זיי פּאסנוויין. וואָס האָסטו צו זיי?

דערויף האָט דער פּריץ מיט כעס געענטפערט: וואָס הייסט? פאַרוואָס זאָל איך זיך באַגיין מיט זיי בעסער, ווען זיי האָבן געקרייציקט גאָטס זון יעזוס?!

אדוני פּריץ — האָט דערויף מיין עלטער זיידע געענטפערט — עס וווּנדערט מיך אויף דיר פאַרוואָס דו זאָגסט אַזוי. דו ביזט דאָך אַ לעכע־וויטשער, דאַרפסטו דאָך וויסן, אַז נישט מיר, די לעכעוויטשער יידן, האָבן אים געקרייציקט, נאָר דאָס האָבן געטאָן די קאַפּוליער יידן.

דערהערנדיק דאָס, האָט זיך דער פּריץ פאַרשעמט, פאַרוואָס ער האָט דאָס אַליין נישט געוווּסט און זיין האַרץ איז אַביסל וייכער געוואָרן...

מיט אַ יאָר 47 צוריק בין איך געווען אין לעכעוויטש צו מיין פּריזיוו און זיינער אַן אייניקל, מאיר, האָט מיך געפירט אין שול אַריין ווייזן די ביל־דער, וואָס זיין זיידע און מיין עלטער זיידע האָט געמאָלן אויף די ווענט. דאָס זיינען געווען בילדער פון יידישן לעבן אין דער ביבלישער תקופה. די בילדער האָבן דעמאָלט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. און עס איז טאַקע וואונדערלעך: אַ קליין שטעטלדיקער ייד, וואָס האָט אחוץ די הגדה און תנ"ך בילדער קיינמאָל אין זיין לעבן קיין אַנדערע בילדער נישט געזען, האָט זיך קיינמאָל נישט געלערנט די קונסט פון מאלעריי, ווערט מיט אַמאָל אַ מאָלער און באַמאָלט די שול־ווענט מיט גרופּן בילדער, וועלכע מאַכן דעם געהעריקן איינדרוק. איך ווייס נישט צי זיינע בילדער זיינען געווען לויט די קינסטלערישע כללים אָבער די לעכעוויטשער יידן האָבן זיך געגרויסט מיט זיי, ווייל אין זיי זיינען זייער בולט געקומען צום אויסדרוק די אינטערע־סאַנטע עפּיזאָדן פון דער ביבלישער עפּאָכע.

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר זעקס־זיבן האָט מיין עלטער זיידע הערש ד'ער שרייבער באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ ישראל און ער איז דאָן געקומען צו אונדז, זיינע אייניקלעך און אור אייניקלעך אין דער מיר, צו זעגענען זיך מיט אונדז און ער האָט דאָן פאַרבראַכט מיט אונדז אַ וואָך צייט. פון יענער צייט געדענק איך בלויז דאָס, וואָס ער איז געווען זייער אַ הויכער, געהאַט יידישע טרויעריקע אויגן און אַ לאַנגע ווייסע באָרד. אויך געדענקט זיך מיר אַז ער האָט מיך פאַרהערט און ער איז געווען צופרידן מיט מיר. פאַרן אַוועק־פאָרן האָט ער מיר געשענקט צום אָנדענק אַ גרויסע קופּערנע מטבע, וועלכע



מיין זיידע רפאל.

איך האָב יאָרן לאַנג געהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. געשטאָרבן איז ער אין ירושלים. ערשט אין 1922 האָב איך באַזוכט זיין קבר, וואָס געפינט זיך אויפן הר הזיתים. גייענדיק פון דאָרטן האָב איך געטראַכט, אַז ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינער, רייכער, אינטערעסאַנטער טיפּ פון די אַמאָליקע ציטן. פון זיינע קינדער האָב איך גוט געקענט בלויז צוויי: מיין זיידן רפאל און זיין ברודער ישראל. מיין זיידע איז געווען דער סטאַראָסטע אין קאַפּוליע און ישראל איז געווען דער סטאַראָסטע אין לעכעוויטש. מיין זיידע רפאל איז אַלעמאָל געווען אַ שטאַרק פאַרנומענער מענטש, וועלכער האָט זיך שטענדיק געזאָרגט פאַר טובת הכלל. אַחוץ זיין אָפיציעלן אַמט, אַלס סטאַראָסטע, איז ער געווען דער גבאי פון דער שטאָטישער תלמוד תורה, דער פאַרזאָרגער פון יתומים און איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט באַזאָרגן די אָרימע קינדער מיט שפּייז און קליידונג. ער איז יונגערהייט רייך געוואָרן דורך פאַרקויפן אַזעלכע רעגירונגס קוויטאַנציעס, וועלכע באַפרייען די באַזיצער פון זיי פון מיליטער דינסט. אויסער דעם האָט מיין באָבע געהאַט אַ שענק און אַן אַריינפאַרהויז. נאָר ער האָט זיך אין זיין ווייבס געשעפטן נישט געמישט, ווייל ער איז געווען צו פאַרנומען מיט קהלשע ענינים און האָט אַפילו נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט זיינע אייגענע עלף קינדער. ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר בין איך געקומען צום זיידן צו גאַסט. די ערשטע צוויי טעג האָט ער אַפילו נישט קיין צייט געהאַט זיך אומצוקוקן אויף מיר. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט ער מיר באַמערקט און זיך געפרעגט ביי דער באָבען ווער איך בין.

אַז איך האָלט שוין ביים זיידן, דערמאָן איך זיך נאָך אַ קוריאָז, וועלכן איך מוז דאָ דערציילן. איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק און ער אַ 65ער. איך האָב זיך דעמאָלסט געפונען אין וואַרשע. איינמאָל זאָגט מיר אָן זיין טאָכטער, חנה כיסין, אַז דער זיידע איז געקומען קיין וואַרשע און זי וויל, אַז איך זאָל אים וויזן די שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב איינגעשטימט. איך האָב גענומען אַן איזוואָשטשיק. מיר זיינען געפאָרן איבער דער קראָקאָווער פאָרשטאָט, איבער די אויאַזדאָווסקער אַלייע, געווען מיט אים אין מאָקאָטאָוו, געשפּאַצירט מיט אים איבער די פּאַרקן, מיר האָבן צוזאַמען געגעסן אין אַ יידישן רעסטאָראַן אַ מילכיקן מאָלצייט און אין אָוונט האָב איך אים גענומען אין גרויסן טעאַטער, וואו מען האָט געגעבן די אָפּערע „לא באהעם". דער טעאַטער האָט אים פאַרוואונדערט. ער האָט נאָך אַזוינס נישט געזען. אָבער גלייך ווי די באַהעמער סטודענטן מיט די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן „וויזן זייערע שטיק", האָט מיר שוין פאַרדראָסן, פאַרוואָס איך האָב גענומען דעם זיידן אַהער. איך בין געווען גאַנץ זיכער, אַז ער מוז אויף מיר זיין

אין כעס. פאַרוואָס איך האָב אים געבראַכט צו אַזאַ פאַרשטעלונג, וואו מען זעט „צעלאָזענע בחורים און מיידלעך". איך האָב זיך געשעמט פאַר אים. אַפילו מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף אים. די סצענעס אין דער אָפּערע זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער און איך בין געזעסן אַ פאַרשעמטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פּלוצים גיט מיר מיין זיידע אַ שטורקע אין זייט און רוימט מיר איין אין אויער: נח, דו זעסט סאַרא שיינע מיידלעך עס שפּילן דאָ.

דעמאָלסט איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. און מיר זיינען שוין רויק געזעסן ביזן סוף פון דער אָפּערע.

מיט צוויי יאָר שפּעטער איז ער געשטאָרבן. איך בין שוין דאַן געווען אַ פאַרקאָכטער אין דער רעוואָלוציע. איינמאָל בין איך מיט מיינע חברים און עטלעכע יונגע יידישע שרייבער געווען אויף אַ ליאַמע. ווען מיר זיינען שוין געווען אַ ביסל בגילופין, קומט אַריין מיין בעסטער פריינט אברהם קאַסטעלאנסקי, וואָס האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין מיין מומעס זיידן געשעפט און זאָגט מיר אָן, אַז דער זיידע איז געשטאָרבן. זייענדיק אָבער אַ היפּש ביסל שיכורלעך, האָב איך אים דערויף געענטפערט: אויב אַזוי, חברה, לאָמיר מאַכן נאָך אַ שנאַפּס! קענטיק, אַז קאַסטעלאנסקען האָט שטאַרק שאָקירט מיין רעאַגירן אויפן זיידנס טויט, און ער האָט וועגן דעם דערציילט מיין מומען און זי ווידער האָט דאָס איבערגעגעבן אין אַ בריוו צו איר מוטער. מיט אַ יאָר שפּעטער בין איך געקומען קיין נעסוויזש, — ווייל דעם זיידנס מויער איז איבערגעגאַנגען צו מיין טאַטן בירושה און מיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין נעסוויזש, וואו זיי האָבן געוווינט צוזאַמען מיט דער באָבען — און האָב באַמערקט, אַז די באָבע איז עפּעס ברוגז אויף מיר. דאָס האָט מיך, דעם אמת געזאָגט, נישט שטאַרק געאַרט. אָבער אַ פּאָר שעה פאַר מיין צוריקפאָרן קיין וואַרשע רופט זי מיר אַריין אין איר צימער, פאַרמאַכט די טיר און פרעגט מיך מיט אַ צעבראָכענער שטים און מיט טרערן אין די אויגן, צי עס איז אמת, אַז איך האָב נאָכן טויט פונם זיידן געמאַכט אַ לחיים...

איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, אָפּגעלייקנט שטיין אוןביין.

איך האָב איר מיט מיין ענטפער גליקלעך געמאַכט און זי האָט מיר דערנאָך דערציילט, וואָס פאַרא בכבודיקע לויה דער זיידע האָט געהאַט. אַלע קראָמען אין שטאָט זיינען געווען פאַרמאַכט, קיין שום ייד איז נישט געבליבן אין הויז, אַפילו אַ סך גויים זיינען נאָכגעגאַנגען דער לויה. די גאַנצע שטאָט איז געווען אין טרויער.

פון דעם זיידנס קינדער האָט בלויז מיין פאָטער אַ סך אייגנשאַפטן



מיינע עלטערן, מארקוס און שרה מישקאָווסקי.

געירשנט פון אים. אַלס געוועזענער ישיבה בחור האָט ער געקענט גוט לערנען און איז געווען אַ סך באהבנט אין דער וועלטלעכער בילדונג. ער איז געווען אין פולן זין פון וואָרט אַ מאָדערנער מענטש מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. זייענדיק אַן אדוואָקאַט, האָט ער פּרינציפּיעל קיינמאָל נישט פּאַרטיי־דיקט אַ פאַרברעכער און קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין פּראָצעס פון אַ קריסט קעגן אַ יידן. מיין טאַטע האָט גערעדט און געלייענט אין עטלעכע שפּראַכן און איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער שיינער ליטעראַטור. ער האָט אויך אַ סך געשריבן אין יידיש. מיר איז עד היום געבליבן אין זכרון זיינס אַ גרעסערע ווערק: „די פּאַלעסטינער עמיגראַנטקע". אויף וויפל איך געדענק איז דאָס געווען אַ בעלעטריסטיש ווערק מיט אַ שטאַרקן פּאַטריאָ־טישן אינהאַלט אין וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק פון די „חובבי ציון". ער האָט אויך געשריבן דראַמען, קאָמעדיעס און דערציילונ־גען. זייער אָפט פלעגט ער פאַר דער מאַמען, פאַר אונדז קינדער און פאַר השובע געסט פאָרלייענען עפּעס פון זיינע שריפטן. דעמאָלט זיינען אָבער נאָך נישט געווען קיין יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן און אויך נישט קיין פאַרלעגער, אַזוי אַרום האָט ער דאָס נישט געקענט אָפּדרוקן. ערשט נאָך זיין טויט האָט מיין מאַמע, שוין דעמאָלט עטלעכע און אַכציק יאָר אַלט, בלייבנ־דיק אַליין און נישט וועלנדיק, אַז די אַלע שריפטן זאָלן אַריינפאַלן אין פרעמ־דע הענט, דאָס אַלץ אַליין פאַרניכטעט. (זע מיין מוטערס אַרטיקל „פון דער אַמאָליקער קאַפּוליע" — זכרונות פון שרה מישקאָווסקי, ייווא בלעטער, מערץ אַפּריל 1937).

פון יענער צייט געדענק איך אויך קוים קוים די ערשטע עפּאָכע פון דער „חובבי ציון" באַוועגונג אין די אַכציקער יאָרן. איך געדענק ווי מיין פאָטער איז געווען פאַרנומען מיט דער „חברה". ער איז געווען אי דער פאָר־זיצער אין אי דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע אין דער מיר. אָפט פלעגן ביי אונדז אין הויז פאָרקומען די זיצונגען און מיין טאַטע פלעגט ריידן. איך געדענק ווען פּרץ דעם דיינס, אַ הייסער חובבי ציוניק האָט פאַרלאָזן אונדזער שטעטל און צוזאַמען מיט זיין הויז־געזינט איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל. ביי אונדז אין הויז איז דעמאָלט צוליב דעם געווען אַ סעודה. אַלע האָבן גערעדט און אויף צומאָרגנס האָבן אים אַלע חובבי ציוניקעס אַרויסבאַגלייט פון שטעטל. איך האָב דעמאָלט פאַרלאָרן אַ חדר־חבר. דאָס איז געווען פּרצעס יינגל, וועלכער איז צוזאַמען מיטן פאָטער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל און אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע האָב איך מיר פאָר־געשטעלט, ווי מיין חבר ווערט אַ פּאַסטוכל אויף די הרי ציון און איך האָב אים שטאַרק מקנא געווען...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט מיין טאַטע אָפּט ביי מיר בעטן אומלעגאַלע ליטעראַטור פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און ווען איך פלעג אים דאָס געבן, איז דאָס ביי אים זייער אָנגעלייגט געווען און אַ צו־פרידענער פלעגט ער אַריין צו זיך אין קאַבינעט, פאַרשליסן די טיר און אויפמערקזאַם לייענען. טיילמאָל פלעגט ער זיך מיט מיר טיילן מיט זיינע איינדרוקן און מיינונגען. אין נאַטור איז ער געווען אַ ווייכער, אַ גוטהאַרציקער און אינטעליגענטער ייד.

מיין מאַמע איז שוין געווען אַן אַנדער סאָרט מענטש. זי איז געווען זייער אַ פעאיקע און אויסערגעוויינלעך קלוג. אין פּראַקטישע לעבנס ענינים האָט זי אַ סך מער פאַרשטאַנען פונם טאַטן. זי האָט געהאַט אַן אייזערנעם זכרון. זי פלעגט אונדז אָפט דערציילן פון אירע זכרונות, ווען זי איז נאָך געווען אַ 3־2 יאָריק קינד. זי איז געווען די ערשטע פרוי אין דער מיר, וואָס האָט געטראָגן אירע אייגענע האָר און די ערשטע אין שטעטל, ביי וועלכער די קיך איז נישט געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעהיטן אין כשרות (פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז געווען מיט איבער זיבעציק יאָר צוריק). כאָטש זי האָט פאַרמאָגט מער כאַראַקטער פון מיין טאַטן און זי האָט מער פון אים פאַר־שטאַנען פאַרשיידענע סיטואַציעס און איז געווען פּראַקטישער פון אים, האָט זי אַלעמאָל אַרויפגעקוקט צום טאַטן און געהאַלטן אים פאַר העכער פון זיך. מיין מאַמע האָט אַ סך געלייענט, ליב געהאַט צו זינגען יידישע און רוסישע לידער און זי האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף איר אַמאָל, — ווען זי איז געוואָרן אַ כלה, — געמאַכט אַ פאַר־שטעלונג אין יידישן טעאַטער אין מינסק.

אין דער מיר און דערנאָך אין נעסוויזש איז זי געווען שטאַרק אָנגעזען. ווייבער פלעגן צו איר קומען מיט זייערע סודות און מיט בקשות אַזוי ווי צו אַ גוטן ייד. אַ סך פלעגן קומען פרעגן עצות און די אינטעליגענטערע פרויען פלעגן קומען מיט איר פאַרברענגען.

זי האָט געהאַט עלף קינדער פון וועלכע צוויי זיינען געשטאָרבן אַלס פּיצלעך, געבליבן זיינען ניין: דריי יינגלעך און זעקס מיידלעך. איך בין גע־ווען דאָס דריטע קינד ביי איר. מיין מוטער האָט איבערגעלעבט אַ סך טראַ־געדיעס. נאָר דאָס ערגסטע איז פאַר איר געווען, וואָס כמעט אַלע קינדער האָבן איר פרי פאַרלאָזן, צו זעכצן זיבעצן יאָר האָבן זיי שוין נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין שטעטל. עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט זיי געטריבן פון דאָרט. דעם אָנהויב האָט געמאַכט די עלטסטע שוועסטער טייבל, וואָס האָט פאַרלאָזן די שטעטל צו 17 יאָר און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. איך מיט מיין עלטערן ברודער משה, האָבן פאַרלאָזן דער מיר אין אַ פּאָר יאָר

שפּעטער, פֿאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין וואַרשע און דערנאָך זיינען מיר אויך אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. נאָך אונדז האָבן פֿאַרלאָזן אַלע איבעריקע קינדער, זיי זיינען אויך געפֿאָרן קיין אַמעריקע. בלויז די יינגסטע שוועסטער אונדזערע איז פֿאַרבליבן מיט איר ביז דער חתונה, אָבער גלייך נאָך איר חתונה האָט זי אויך פֿאַרלאָזן די עלטערן און זיך באַזעצט אין מינסק. אַזוי אַרום איז זי פֿאַרבליבן צו די עלטערע יאָרן אַליין מיטן טאַטן. דערנאָך אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן איז זי פֿאַרבליבן איינע אַליין פֿאַר איבער פֿופֿצן יאָר. מיט 6 יאָר צוריק, ווען רוסלאַנד האָט פֿאַרנומען נעסוויזש, איז צו איר געקומען צו פֿאָרן פֿון מינסק איר יינגסטע טאָכטער, יהודית, און איר אַוועקגענומען צו זיך אין מינסק. זי איז שוין דאָן געווען אַלט און קראַנק און בלינד. לעצטנס שוין, נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, האָב איך זיך דערוווסט, אַז זי איז געשטאָרבן אין מינסק אָן איינזאַמע, אַ פֿאַר־לאָזענע, ווייל די שוועסטער מיינע מיט אירע קינדער זיינען עוואַקואירט געוואָרן אין טיף רוסלאַנד, נישט קענענדיק מיטנעמען דער 93 יאָריקער מאַמען...

קאַפּיטל 3

מיין קינדהייט

אויף זיכער ווייס איך נישט, אין וועלכן חודש און וועלכן יאָר איך בין געבוירן געוואָרן. אָבער אָפיציעל בין איך געבוירן געוואָרן דעם 18־טן נאָ־וועמבער 1878, דאָס הייסט, אַז איך בין איצט אַלט 69 מיט אַ האַלבן יאָר. די ערשטע פיר יאָר בין איך געווען אַ קראַנק קינד. איך האָב געליטן פון ווייכע ביינער. מיין קרענק האָט געהייסן ראַכיט. איך האָב די גאַנצע צייט נישט געקענט שטיין, אָדער גיין. פלעג איך זיצן אַ גאַנצן טאָג און סתם קוקן אין דער וועלט אַריין. מיין מאַמע האָט פשוט איר לעבן אַוועקגעגעבן מיך אויסצוהיילן פון דער ראַכיטישער קרענק. ווען די מירער דאָקטוירים האָבן נישט באַוויזן מיך אויסצוקורירן, איז זי מיט מיר געפאָרן צו גרויסע דאָקטוירים אין אַנדערע שטעט. די דאָקטוירים האָבן איר געראָטן מיך אַריינ־צוזעצן מיטן גאַנצן קערפּער אין הייסן זאַמד. פלעגט זי מיר אין די זומערדיקע וואָכן אַוועקטראָגן יעדן טאָג הינטערן שטעטל און ביזן האַלדז מיך אַריינגראָבן אין זאַמד. זי האָט דערביי געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון די גוישע פּאַסטוכער און זייערע בייזע הינט. דאָך האָט זי איר שווערע אַרבעט נישט אויפגעגעבן אַזוי לאַנג, ביז איך בין אין גאַנצן אויסגעקורירט געוואָרן און שוין געקענט אַליין זיך שטעלן אויף די פיס.

דעם שטאַרקסטן איינדרוק פון יענע פריע קינדער יאָרן מיינע האָט אויף מיר איבערגעלאָזט די פאָלגנדע פּאַסירונג:

אין אַ שיינעם און וואַרעמען פרימאָרגן בין איך צום ערשטן מאָל אַרויס אַליין אין גאַס. די זון האָט געשיינט און די הייזער האָבן זיך געטונקט אין זון, מענטשן האָבן זיך געאיילט און קינדער האָבן זיך געשפּילט. מיר איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן, און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט צו קוקן ווי אַזוי קינדער שפּילן זיך. האָבן זיי מיך געפרעגט צי איך וויל זיך שפּילן מיט זיי. איך האָב, פאַרשטייט זיך, איינגעוויליקט. זיי האָבן מיך אַוועק־געפירט אין אַ הויף פון אַ הויז און דאָרט זיינען מיר אַריין אין אַ שטאַל. דאָרטן האָבן מיר זיך געשפּילט. איך האָב פון דעם שפּיל גרויס פאַרגעניגן געהאַט, ווייל דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך האָב זיך געשפּילט מיט נאָך קינדער.

אין אַ יאָר שפּעטער האָט מיך די מאַמע אָװעקגעפירט צו מיין ערשטן מלמד, קיווע קוגעלע. איך האָב דערנאָך געלערנט ביי נאָך צוויי מלמדים. אַרום און אַרום בין איך געגאַנגען אין חדרים נישט מער, ווי קנאַפּע פיר יאָר. פאַר דער דאָזיקער צייט האָב איך געלערנט חומש אויך יהושע, שופטים, שמואל און דערמיט האָט זיך כמעט פאַרענדיקט מיין אַלטע, יידישע דערציאונג.

אין יענער צייט האָבן מיר געוווינט ביי דאַדזשען (דודן) — אַ ייד, וואָס פלעגט שרייבן ביטעס (פּראָשעניעס) צו די רוסישע באַאַמטע. ער איז געווען אַן אלמן און האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. ער פלעגט אַלע־מאָל אַ היים קומען זייער שפּעט. זיין זון בערל, אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן, וואָס האָט שוין באַזוכט די רוסישע קרייז־שול, איז געוואָרן מיין ערשטער לערער פון רוסיש. אין גיכן האָבן מיר מיינע עלטערן געשיקט אין דער רוסישער פאָלק שול. באַזוכנדיק די פאָלק שול, האָב איך זיך געלערנט ביי צוויי פּריוואַטע לערער, ביי דעם לערער ווינער, האָב איך געלערנט העברע־איש און שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב די געשיכטע פון „ראָבינזאָן קרוזאָ" איבערגעזעצט פון רוסיש אין העברעאיש, און דייטש האָב איך זיך געלערנט ביי אַ דייטשקע, פרוילײן טעך.

אונדזער הויז איז געווען דאָס אינטערעסאַנטסטע און פאַרגעשריטנסטע הויז אין אונדזער שטעטל. אָפט פלעגן צו אונדז אַריינקומען דער ריכטער באַרזאָוו, די שטעטלדיקע דאָקטוירים, דער אַפּטייקער, די סטודענטן, ווען זיי פלעגן אהיים קומען אויף זייער וואַקאַציע. אין אונדזער הויז האָט מען אָפט גערעדט וועגן פּאָליטיק, וועגן ליטעראַטור און וועגן דער יידישער לאַגע אין רוסלאַנד. איינמאָל האָב איך זיך צוגעהערט צו אַ היציקן שמועס וועגן דער דערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און דערנאָך האָב איך אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן. פאַר מיר האָבן געשוועבט די ביל־דער פון די העלדישע נאַראָדאָוואָלצעס זשעלאַבאָוו, פּיראָווסקאַיא און אַנ־דערע. נאָך מער פון אַלץ האָב איך ליב געהאַט די אָוונטן, ווען מיין פאָטער פלעגט פאָרלייענען זיינע דערציילונגען, אָדער הערן פאָרלייענען דעם ראָמאַן פון מירער לעבן, וואָס מענדל צירינסקי, דער זייגערמאַכער, האָט צו יענער צייט געשריבן. אויף וויפל מיר געדענקט זיך, האָט ער אים געשריבן מיט גרויס טאַלאַנט. זיין קומען און לייענען איז פאַר מיר געווען אַ גאַנצער יום־טוב. ביי מיינע עלטערן האָט זיין ראָמאַן שטאַרק אויסגענומען. אין מיטן שרייבן פון זיין ראָמאַן איז ער אָבער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און מער האָבן מיר פון אים נישט געהערט.

אין מיינע קינדער יאָרן בין איך געווען פרום און פלעג אָפט גיין אין שול אַריין. איינמאָל, ווען איך בין געווען ביים דאַווענען, האָט אימיצער געבראַכט די ידיעה, אַז ערגעץ אין צוויי שטעט פון אוקראַינע זיינען געווען

פּאָגראָמען אויף יידן און כאָטש איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 6־7 געדענק איך זייער גוט, וואָס פאַר אַ שווערן איינדרוק די ידיעה האָט געמאַכט אויף די דאַוונענדיקע יידן. אַזאַ טרויער אויף אַן עדה פון אַ פאַר הונדערט יידן האָב איך אַפילו אין מיין שפּעטערדיקן לעבן קיינמאָל נישט געזען. זייער האַרצרייסנדיקער צער האָט זיך מיר אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין קינדערשער נשמה און עד היום זע איך אין מיין פאַנטאַזיע די שוידערלעכסטע בילדער, ווי אַזוי אוקראַינער רוצחים הרגענען יידישע זקנים, פרויען און קינדער.

אין יענער צייט איז מיין פאָטער געווען שטאַרק פאַרנומען מיט גרינדן בילדונגס קורסן פאַר אונדזער אָרימער יוגנט. ער האָט געהאַלטן אין איין אַגיטירן, אַז די גאַנצע צרה פון יידן באַשטייט אין דעם, וואָס מיר פאַרנעמען זיך נישט מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, נאָר מיר פאַרמאָגן קרעמער, שענקער, פּעדלער, קאַראַבעלניקעס מער וויפל מען דאַרף. איינע קאָנקורירן מיט די אַנדערע און רייסן אַרויסביים צווייטן דעם לעצטן ביסן פון מויל. אויך דער אַנטיסעמיטיזם — האָט ער געטענהט — נעמט זיך דערפון, וואָס מיר ציען אונדזער חיונה פון דרייען מיטן שטעקל, פון אַ שמעק טאַן אין מאַרק, פון ווינט. מען מוז ביי אונדז אין שטעטל עפענען אַ האַנטווערקער שול, וווּ מען זאָל לערנען אונדזער יוגנט ווי צו באַאַרבעטן ערד, אָדער זיי אויסלערנען צו זיין גוטע שניידער, שוסטער, שלאָסער. זאָל אונדזער האַנטווערקער שול, — פלעגט ער פאַרענדיקן זיינע אָפטע דרשות, — דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַר די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, ווי אַזוי מען קען אַריבערגיין פון לופט־פּרנסות צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

ער האָט אָבער נישט נאָר אַגיטירט, נאָר ער איז אויך מיט אַן אייזערנער ענערגיע צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן זיין אידעאַל. ער האָט דורך דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן אַרבעט, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין פּעטערבורג, געשאַפן פאַר דעם צוועק געלט און אויך נאָך לאַנגע שתדלנותן אין די הויכע רעגירונגס־ספערן, איז ער צוגעטראָטן בויען אַ הויז פאַר אַזאַ אינסטיטוציע. אָבער, ווען אַלץ איז שוין געווען כמעט פאַרטיק, איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס, צוליב וואָס די גאַנצע אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אָבער גאָך איידער די אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, האָט עס די מינסקער גבירים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אין אַזאַ קליין שטעטל, ווי דער מיר, ווערט געבויט אַזאַ אינסטיטוציע און ביי זיי נישט. האָבן זיי געשאַפן נאָך גרעסערע סומען, אַוועקגעשיקט אין פּעטערבורג נאָך גרעסערע שתדלנים און האָבן געפּועלט ביי דער רעגירונג און ביי דער פּעטערבורגער יידישער געזעלשאַפט, אַז מען זאָל אויך אין מינסק עפענען אַזאַ פאַך־שול. און אין גיכן האָט זיך טאַקע אַזאַ פאַך שול געעפנט

אין מינסק. מען קען דרייסט זאָגן, אַז פון מיין טאטנס אַגיטאַציע איז געווען דער פאַקט, וואָס אין מינסק האָט זיך דעמאָלט געעפנט די ערשטע האַנט־ווערקער שול, אָבער דער אידעאַל פון מיין טאַטן צו גרינדן אַזאַ שול אין דער מיר איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

ווען איך בין אַלט געוואָרן אַ יאָר נײַן האָט זיך געטראָפן אין אונדזער הויז אַ געשעעניש, וואָס האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז חדשים לאַנג בין איך אומגעגאַנגען ווי אַ צודולטער. מיר האָבן נאָך דעמאָלט קיין אייגענע הויז נישט געהאַט, מיר האָבן געוווינט אין אַ געדונגענער הויז. אין דעם זעלבן הויז האָט געוווינט נאָך אַ שכן, אַ געשמדטער ייד פון די קאַנטאָניסטן — באַס, האָט ער געהייסן, — מיט זיין קריסטלעכער פרוי און זייערע דריי דערוואַקסענע זין. דער אריינגאַנג צו אונדזערע דירות איז געווען דורך אַ בשותפותדיקן קאָרידאָר. איינמאָל אום ראש השנה, ווען מיינע עלטערן זיינען אַוועק אין שול אריין, בין איך געבליבן אין דער היים, כדי צו קענען אויפ־פּאַסן אויף די קלענערע קינדער. אַרום 12 אַ זייגער בייטאָג איז די מאַמע אַהיימגעקומען פון שול, כדי צו זען, וואָס עס מאַכן די קליינע קינדער. אָבער גלייך, ווי זי איז אַריין אין קאָרידאָר, האָבן איר די באַסיכע מיט אירע דריי זין באַפאַלן מיט שטעקנס און איר אָנגעהויבן שלאָגן. מיין מאַמע האָט אַרויס־געלאָזן אַ שרעקלעכן געשריי, מיר, די קינדער, דערשראָקענע צום טויט, האָבן אויפגעעפנט די פענסטער צום גאַס און אָנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות: „מען שלאָגט אונדזער מאַמען". די באַסעכע, דערהערנדיק מיין מאַ־מעס געשריי און אונדזערע קולות, איז גלייך מיט אירע זין אַריינגעלאָפן צו זיך אין הויז, פאַרשליסנדיק הינטער זיך די טיר. דערווייל זיינען אָנגעלאָפן יידן פון גאַס, האָבן אַוועקגעלייגט מיין מאַמען אויפן בעט, דערנאָך אויפגע־ריסן דער גויעס טיר און איר געגעבן אַ געהעריקן פסק דין... אין עטלעכע מינוט אַרום איז געקומען צולויפן מיין טאַטע אין באַגלייטונג פון צוויי שטאַר־קע יונגע לייט: הערשל קאַזשיי (משה יונה כאימאָוויטשעס פעטער) און מוניע מאַטע ריוועס, און וואָס די באַסעכע האָט דעמאָלט געקראָגן, קענט איר שוין אַליין פאַרשטעלן. דער קאַנטאָניסט איז דעמאָלט נישט געווען אין דער היים, אַלס פעלדשער איז ער אַרומגעפאָרן איבער די דערפער אַרום אונדזער שטעטל. נאָר גלייך, ווי ער איז אַהיים געקומען, האָט ער גענומען אַן אַנדערע דירה און זיך מיט זיין משפחה אַרויסגעצויגן פון דעם הויז. דערנאָך איז גע־ווען אַ פּראָצעס. נאָר דער ריכטער האָט געווירקט, אַז מיר זאָלן מאַכן שלום און קיין שום צד האָט נישט באַקומען קיין שטראָף.

און נאָך אַ געשעעניש האָט אין מיין קינדהייט געהאַט אויף מיר אַ שטאַרקע ווירקונג. ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר עלף איז צו אונדז געקומען עפּעס אַ געמיינדעספּולער גאַסט, וועלכן מען האָט גערופן „יעפּים".

ער האָט נישט געטאָרט אַרויס פון שטוב. ער האָט זיך, ווייזט אויס פאַר עמיצן אויסגעבאַהאַלטן און אונדז, קינדער, האָט מען אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן וועגן דעם גאַסט קיינעם נישט דערציילן. מיין מאַמען האָט ער גערופן מומע און מיין טאַטן, פאַטער. ווער ער איז און צוליב וואָס באַהאַלט ער זיך האָבן מיר, די קינדער, נישט געוווּסט. באַמערקט האָבן מיר אָבער, אַז אונדזערע עלטערן באַציִען זיך צו אים מיט גרויס רעספּעקט און ליבשאַפט און אַז אַלע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט שרייבט ער אין רוסיש. ביסלעכווייז האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער איז מיין מאַמעס שוועסטערס אַ זון, אַז ער איז געווען אַ סטודענט אין מאָסקווע, אַז נאָך די פּאָגראָמען אויף יידן אין 1882 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער בילו*) באַוועגונג, האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד מיט זיין רייכן לעבן און איז אַוועק קיין ארץ ישראל, וווּ ער האָט באַאַרבעט די ערד, געגראָבן ברונימער, געמאַכט וועגן, געווען אַ בעל עגלה, זיך אפילו דערוואָרבן דערנאָך אַ וויינגאָרטן פון זיבעצן טויזנט בוימלעך, געבראַכט אַהין זיין אָדעסער כלה, מיט איר חתונה געהאַט, קינדער אויפגעהאָדעוועט. איך האָב זיך אָבער ניט דערוווּסט, פאַרוואָס ער איז פון דאָרט צוריקגעקו־מען. ביי מיר אין די אויגן איז ער אָבער גאָר שטאַרק דערהויבן געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט אַז ער שרייבט זיך דורך מיטן יידישן היס־טאָריקער ש. דובנאָוו און מיטן יידיש־רוסישן דיכטער ש. פרוג, וועמעס שאַפונגען איך פלעג דאַן ממש ווי אַ הונגעריקער שלינגען. האָב איך נאָך מער צו אים אַרויפגעקוקט. זיין גרויסקייט האָט נאָך מער געשטיגן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דורך די נעכט שרייבט ער אַ בוך: „נאָטיצן פון אַ פּאַלעסטינער עמיגראַנט". שפּעטער האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז ער האָט דעמאָלט אויך אָנגעשריבן נאָך אַ בוך „זאַיאָרדאַניע". די ביידע ביכער האָבן זיך דערנאָך געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין דעם יידיש־רוסישן זשור־נאַל „וואָסכאָד".

ווען ער האָט פאַרבראַכט ביי אונדז אין שטוב, פלעגט ער זייער אָפט דערציילן פאַר אונדז אויסטערלישע געשיכטעס און איך האָב זייער ליב גע־האַט זיינע מעשות פון ארץ־ישראלדיקן און פון אַראַבישן לעבן. און דער־ציילט האָט ער וועגן ארץ ישראל מיט אַזויפיל וואַרעמקייט און ליבשאַפט, אַז ביי מיר איז דאַן אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז אויב איך וועל האָבן אַ מעגלעכקייט אין מיין לעבן, איז דאָס ערשטע, וואָס איך וועל טאָן, איז: אַוועקלאָזן זיך קיין ארץ ישראל. אם שטאַרקסטן האָט אויף מיר געווירקט די געשיכטע, ווי אַזוי ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט אַנדע־

*)בילו זיינען די ראשי תיבות פון „בית יעקב לכו ונלכה".

רע סטודענטן און פֿאַרענדיקט די „עשׂיכטע האָט ער מיט די פֿאָלגנדע ווער־טער: „אַז מיר זיינען אַראָפּ פֿון שיף אין יפו, וואָס איז אַ פּאָרט פֿון שטיינער, זיינען מיר מיט טרערן אין די אויגן צוגעפֿאַלן צום שטיינערנעם באָדן, גע־קושט די שטיינער און באַגאָסן זיי מיט אונדזערע הייסע טרערן"...

שפּעטער אַביסל האָבן מיר געהאַט נאָך אַ גאַסט, דאָס איז געווען יעפים כיסינס אַ ברודער, אַסיפּ, וועלכער איז געקומען פֿון מאָסקווע און האָט פֿאַר־בראַכט ביי אונדז איבער אַ יאָר צייט. ביי אונדז אין הויז האָט ער אויך חתו־נה געהאַט מיט מיינער אַ מומען — מיט דער מומע חנהן. אַסיפּ כיסין איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ, שוין גאָר ווייט פֿון זיין עלטערן ברודער. אין זיין ריידן, אויפֿנעמען זאַכן, געדאַנקען, אין זיין זינגען, טאַנצן און פֿאַר־ברענגען איז ער געווען אַ טיפּישער רוס, שיעור נישט אַ קאַצאַפּ. פּאָליטיש האָט פֿאַר אים גאָרנישט עקזיסטירט, אַפֿילו נישט קיין יידישע פֿראַגע. אַ זעלבסט צופֿרידענער, אַן אייביק־פֿריילעכער. מיט אים האָב איך זיך געהאַלטן פֿון דער ווייטנס און צייטנווייז אים אַפֿילו אויסגעמיטן.

יעפים איז פֿון אונדז אַוועקגעפֿאָרן אין דער שווייץ, דאָרט שטודירט מעדיצין און ווען ער האָט פֿאַרענדיקט אַלס דאָקטאָר, האָט ער זיך אומגע־קערט קיין ארץ ישראל, כדי דאָרט צו פּראַקטיצירן צווישן דער יידישער און אַראַבישער אָרעמקייט. בעת זיין ייִנגערער ברודער אַסיפּ, איז גאָר אַוועק קיין מאָסקווע, ווו ער האָט מיט דער הילף פֿון זיין פֿעטער הענדל כיסין, דעם דעמאָלט באַוווסטן גביר און פֿילאַנטראָפּ, געעפֿנט אַ זיידן פֿאַבריק און אים האָט אָפּגעגליקט. זיין פֿאַבריק האָט געאַרבעט פֿאַר גאַנץ רוסלאַנד און פֿאַר פּוילן און ער איז פֿון דער דאָזיקער פֿאַבריק גאַנץ רייך געוואָרן.

איך געדענק נאָך אַ דריטן גאַסט, וואָס האָט גאָר אַ לאַנגע צייט פֿאַר־בראַכט ביי אונדז אין הויז. דאָס איז געווען מיינער אַ קוזין פֿון דער מאַמעס צד, שמואל שמוראַק האָט ער געהייסן, און ער איז גלייכצייטיק געווען אַ פּלי־מעניק פֿון אונדזער קלאַסיקער, מענדעלע מוכר ספֿרים. שמואל האָט זיך לכתחילה געהאָדעוועט אין זיין פֿעטערס הויז ביי ר. מענדעלען אין אָדעס און גלייך פֿון מענדעלעס הויז איז ער אַלס 21־יאָריקער בחור געקומען צו אונדז צו גאַסט. מענדעלע האָט פֿון אים געוואָלט מאַכן אַ פּראָדוקטיוון יידן און ער האָט אים אַריינגעגעבן אין דער פֿאַך שול „טרוד", פֿון וועלכער ער, ר. מענ־דעלע, איז געווען דער דירעקטאָר. שמואל האָט זיך אַלעמאָל ליב געהאַט צו באַרימען מיט זיין גרויסן פֿעטער און האָט אַלעמאָל דערציילט מעשׂות פֿון זיין פֿעטערס שטוב. אָבער פֿערזענלעך האָט ער זיך מיט קיינע פֿראַגן נישט אינטערעסירט, האָט גערעדט נאָר רוסיש, האָט זיך געקליידט ווי אַ טיראָ־לער דייטש. ער האָט אויך חתונה געהאַט מיט מיין פֿאָטערס צווייטע שוועס־טער ראַשקע. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ לערער אין אונדזער שטעטל

און דערנאָך אַ לערער אין באַראַנאָוויטש, פון דאָרטן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, ווו ער איז געוואָרן דער פאַרטרעטער פון אָסיפ כיסינס זיידן־פאַבריקאַציעס איבער פוילן.

דאָך האָט די ערנסטקייט פון מיין הויז מיך נישט געשטערט אין מיינע שפילן. איך האָב געהאַט גענוג חברים מיט וועלכע איך פלעג גיין אין וואַלד רייסן יאַגדעס, גיין צום שלאָס און דאָרטן קלעטערן איבער די שווינדל טרעפּ, גיין צום טייך באָדן זיך און ווייזן ווי ווייט איך קען שווימען, נאָך מער האָב איך ליב געהאַט זיצן מיט מיינע חברים ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגענעם פּלאַץ און הערן זייערע מעשׂות פון שדים, רוחות, פון נסים און פון הייליקע יידן.

זיסע, טייערע קינדער יאָרן אין מיין שטעטל מיר! די מירער יידן און דאָס שטעטל האָבן זיך מיר איינגעבאַקן אין האַרצן און די דאָזיקע גרויסע ליבשאַפט צו מיין שטעטל איז ביי מיר פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

קאַפּיטל 4

איך הויב אָן לייענען

מיין פאָטער האָט זיין גאַנץ לעבן אַ סך געלייענט און אויב עפּעס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט ער ליב געהאַט דאָס פאָרצולייענען פאַר דער מוטער און די קינדער. מיר געדענקט זיך נאָך ביז היינט, ווי די מאַמע פלעגט אונדז אַריינרופן אין זייער שלאָף צימער מיטן אָנזאָגן: קינדער, קומט אַריין צום טאַטן, ער וועט פאַרלייענען! מיר פלעגן גלייך אַריין אין זיין שלאָף צימער. דער טאַטע איז שוין געלעגן אין בעט, געווען איינגעדעקט אין אַ וואַרעמער קאָלדרע און געהאַלטן אַ בוך אין האַנט. מיר פלעגן אַריין שטיל, פלעגן זיך זעצן אַרום זיין בעט און דער ליטעראַרישער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן. ער פלעגט פאַר אונדז פאָרלייענען אין יידיש „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק“ פון דינעזאָנען, „דער יידישער פאַר פסח“ פון שאַצקעסן, „דאָס מעסערל“, יאָסעלע סאלאוויי, „סטעמפעניו“ פון שלום עליכם, אין רוסיש האָט ער פאַר אונדז פאָרגעלייענט גאָגאָלס, פושקינס, לערמאַנטאָווס נעקראָסאָווס און פרוגס. פון די אַלע ביכער האָט דעם גרעסטן איינדרוק אויף מיר געמאַכט שלום עליכמס סטעמפעניו, כאָטש מיר איז אויך שטאַרק געפאַלן געוואָרן גאָגאָלס „די נאָז“.

צו צען יאָר האָב איך שוין אָנגעהויבן אַליין לייענען. יעדן זונטיק צום מאַרק טאָג פלעגט קומען אַ רוס מיט זיינע גייסטיקע און הייליקע סחורות: הייליקע בילדער, איקאָנעס, סטאַטועטקעס, צלמים און אויך רוסישע וועלט־לעכע מעשיות און לידער זאַמלונגען. מיין מאַמע פלעגט מיר מיטגעבן יעדן טאָג אין שול אַריין דריי קאָפּיקעס, פלעג איך זיי נישט אויסגעבן אויף נאַש־וואַרג, נאָר איך פלעג די דריי קאָפּיקעס זאַמלען. פאַר אַ וואָך צייט פלעג איך אָנזאַמלען אַכצן קאָפּיקעס און דאָס געלט פלעג איך יעדן זונטיק אויסגעבן אויף די ביכלעך, ביז איך האָב אָנגעזאַמלט אַן אייגענע ביבליאָטעק פון מעשה־ביכלעך. קיין יידישע ביכלעך האָב איך נישט פאַרמאָגט, ווייל אַזעלכע ביכלעך אין יידיש, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט פאַר אַ צען־עלף יאָריק יינגל זיינען דעמאָלט נישט געווען.

אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך שוין אָנגעהויבן לייענען ערנסטערע ביכער און פּעריאָדישע אויסגאַבן סיי אין יידיש און סיי אין רוסיש. ספּע־

ציעל די יידיש רוסישע אויסגאַבן ווי דעם אַלטן ראַזסוועט, סיאָן, דיען, וועסט־ניק רוסקיך יעווריעוו, וואָסכאָד און יעווריסקאַיא ביבליאָטעקאַ.

שפּעטערצו פלעג איך זיך צוכאַפּן צום „הויז פריינד" צו דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק, אָדער צו דער יידישער ביבליאָטעק און צום „קול מבשר". אָט אַזוי בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט די ווערק פון שלום עליכם, פרוג, בן עמי, ראַבינאָוויטש און אַנדערע. צו יענער צייט האָב איך שוין געלייענט דזשאָרדזש עליאָטס „דניאל דעראָנדאָ" אויך די ווערק פון פראַנצאָז, וואַ־סערמאַן און אויך לעוואַנדעס ביכער.

אין אַלגעמיין האָב איך ליב געהאַט צו לייענען ביכער מיט אַ יידישן אינהאַלט. און ווען איך בין אַריבער צו די רוסישע קלאַסיקער האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ווען זיי ברענגען אַרויס אַ יידישן טיפּ, איז ער אַלע מאָל אַ נעגאַטיווער, מערסטנס אַ קאַריקאַטור און דאָס האָט שטאַרק אָפּ־געקילט מיין באַגייסטערונג פאַר די בויער און שאַפער פון דער רוסישער ליטעראַטור.

נאָך דעם גרעסטן אינטערעס האָב איך געהאַט אין ביכער, אין וועלכע עס ווערן באַשריבן רייזעס, פעלקער און לענדער. דער ערשטער זשורנאַל, אויף וועלכן איך האָב זיך אַבאָנירט, איז געווען דער רוסישער „וואָקרוג סוועטאַ" אַרום דער וועלט, און מיט וואָס פאַראַ אומגעדולד איך האָב יעדע וואָך געוואַרט אויף זיינע וועכנטלעכע אויסגאַבעס און יעדן ערשטן אויף די מאָנאַטלעכע זשורנאַלן. דער זשורנאַל האָט זיך אָפּגעגעבן ספּעציעל מיט רייזע באַשרייבונגען און האָט פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעך שיינע און אינטערע־סאַנטע בילדער פון אַלע לענדער פון דער גאַנצער וועלט. איך פלעג די ביכער לייענען מיט אַ הייליקן עקסטאַז, און מיר פלעגט נישט מיאוס ווערן גאַנצענע טעג קוקן אויף די אילוסטראַציעס.

אויך פלעג איך מיט גרויס חשק יעדן טאָג לייענען די רוסישע צייטונג „נאָוואָסטי" (נייס) וועלכע מיין פאָטער פלעגט קריגן פון פעטערבורג. קיין יידישע צייטונגען זיינען נאָך דעמאָלט אין רוסלאַנד נישט דערשינען.

איך געדענק אויך, אַז ביי אונדז אין שטוב האָבן זיך געפונען צוויי מאַ־נוסקריפּטן איינגעבונדענע אין אַ בוך פאָרם אוןביידע מאַנוסקריפּטן זיינען געווען אין דער יידישער שפּראַך, איינער מיט אַ וואונדערבאַרער האַנטשריפט, אַ ראָמאַן פון יידישן לעבן אין נאָוואָרידאָק פון דעם נאָוואָרידאָקער נאָטאַריוס יאַסעלעוווסקי. (מיינעם אַ פעטערס אַ טאַטע). דער מאַנוסקריפּט האָט געמוזט פאַרמאָגן אַ דריי הונדערט זייטלעך. דער צווייטער מאַנוסקריפּט אין מענדע־לעס פערלדיקן האַנטשריפט „די קלאַטשע". איך פלעג זיך אָפּט צאַצקען מיט די ביכער און נאָכמאַכן זייער שריפט. כ'פלעגט זיי אָפט לייענען, נאָר איך

האָב זיי ווייניק פאַרשטאַנען. און נאָך ווייניקער האָב איך דאַן פאַרשטאַנען דעם ווערט פון די מאַנוסקריפּטן פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. נאָר ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דיביידע ביכער זיינען פאַרברענט געוואָרן אין דער גרויסער שריפה, וואָס האָט פאַרוויסטעט אונדזער שטעטל, האָט עס מיר שטאַרק פאַרדראָסן.

אין שטוב האָט מען ביי אונדז גערעדט יידיש, כאָטש מיר האָבן גערופן די שפּראַך „זשאַרגאָן". מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געשעמט מיט אונדזער יידיש און קיינמאָל נישט שטאָלצירט מיט אונדזער קענען רוסיש. די ביידע שפּראַכן זיינען אין אונדזער הויז געווען גלייכבאַרעכטיקט. ביי מיין פאָטער איז די רוסישע שפּראַך געווען די פּרנסה שפּראַך. ער האָט געשריבן די אָפיציעלע פּאַפּירן אין רוסיש, ער פלעגט פאַרטיידיקן זיינע קליענטן אין רוסיש אויך די גרויסע מערהייט פון זיינע קליענטן זיינען געווען ווייס רוסן. נאָר ווי ער איז אַריין אין דער היימישער אַטמאָספערע האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט צו אונדז אין רוסיש, נאָר אַלעמאָל אין יידיש. אויך אין לייענען זיי־נען די ביידע שפּראַכן אין אונדזער הויז געווען גלייכבאַרעכטיקט. די יידישע שפּראַך צו יענער צייט איז געווען זייער אָרים, די יידישע ליטעראַטור נאָך אָרימער און אויב מיר האָבן געוואָלט לייענען וועגן אַן ערנסטן ענין, אַ וויסנשאַפטלעכן בוך האָבן מיר זיך געמוזט באַנוצן מיט דער רוסישער שפּראַך מיט דער רוסישער ליטעראַטור. און דערפאַר איז מיר אויסגעקומען לייענען אין דער רוסישער שפּראַך אַ סך מער, ווי אין דער יידישער. אין דייטש האָב איך צום אָנהויב יאָ איבערגעלייענט אַ פּאָר ביכלעך און פאַרטיק, מער האָב איך שוין נישט געלייענט. מיט געטן, היינען און די אַנדערע דייטשישע שריי־בער, האָב איך זיך באַקאַנט פון די איבערזעצונגען אויף רוסיש.

קאַפּיטל 5

די „גרויסע שריפה"

אונדזער שטעטל פלעגט אָפּט ברענען, אָבער עס פלעגן קומען צולויפן ייִדן, קריסטן, טאַטערן און מיט געמיינשאַפטלעכע כוחות נישט דערלאָזן, אַז דאָס פייער זאָל זיך ווייט פאַרשפּרייטן. עס פלעגט אָפּברענען אַ הויז, אָדער צוויי און מען פלעגט דעם פייער אויסלעשן. אָבער ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוועלף־דרייצן איז כמעט אונדזער גאַנץ שטעטל אָפּגעברענט געוואָרן און די דאָזיקע „גרויסע שריפה" געדענק איך גוט.

דאָס איז געווען אין אַ הייסן זומערטאָג. איך בין דאַן געווען ביי מיין פעטער יאסעלעווסקי, וועלכע איז ווי מיין פאָטער געווען אַן אַדוואָקאַט. פּלוצלונג האָבן אָנגעהויבן קלינגען די קלויסטער גלאָקן. מיר האָבן פאַר־שטאנען, אַז עס ברענט ערגעץ אַ הויז. איך בין גלייך אַוועקגעלאָפן צום אָרט, ווו עס האָט געברענט און איך האָב געהאָלפן פּאָמפּען וואַסער, ברענגען די פעסלעך צו די ברענענדע הייזער. איך בין געלאָפן פון הויז צו הויז און גע־האָלפן לעשן. דערנאָך איז מיר אַרויף אויפן זינען, אַז מען דאַרף בעסער אַרויסראַטעווען פון די אָרימע יידישע הייזער זייער מישטיינסגעזאָגט, באַ־לעבאַטישקייט. און איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צו די ברענענדע הייזער אַרויס־ראַטעווען די „מעבל" און דאָס בעטגעוואַנט פון אינעווייניק. איך האָב אַזוי אָפּגעאַרבעט אַרום אַ שעה צייט. דערנאָך האָב איך דערהערט ווי עמיצער זאָגט, אַז עס האָט זיך אָנגעכאַפּט די קאַלטע שול און ס'איז דאָרט קיינער נישטאָ, ווער עס זאָל ראַטעווען די ספרי תורות. בין איך גלייך אַוועקגעלאָפן צו דער קאַלטער שול. אַביסל יידן זיינען דאָרט יאָ געווען, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט אַריינצוגיין אינעווייניק. איך האָב זיך געלאָזט אין שול אַריין און איך האָב דערהערט אַ שטים הינטער זיך; יינגל, דאָס ערשטע נעם אַרויס די ספרי תורות. מיט גרויס קוראַזש האָב איך זיך געלאָזט צום ארון קודש. אין דער מינוט זיינען אַריינגעקומען נאָך אַ זעקס יידן און צוזאַמען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט האָבן מיר געראַטעוועט די אַלע ספרי תורות. אָבער דאָס פייער איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די פייערצונ־גען האָבן שוין אָנגעהויבן אַרומצוכאַפּן די שיינע מאַלערייען אויף די ווענט און מיר האָבן געמוזט אויפגעבן די ווייטערדיקע רעטונגס אַרבעט.

און דאָ שטעלט מיר אָפּ אַ ייד און זאָגט צו מיר:

— ביזט אַ ווילער בחור, האָסט פאַרדינט אַ סך מצוות. ווענעס ביזטו?

— מישקאָווסקי — דעם אַדוואָקאַטס.

— זע נאָר ווו עס פאַרוואַלגערט זיך אַ וואָרעמע יידישע נשמה. דאָ קענסטו שוין גאָרנישט טאָן. אייער גאַס ברענט אויך. לויף גלייך אַהיים און ראַטעווע דאָרט, וואָס עס לאָזט זיך.

איך בין גלייך אַוועקגעלאָפן אַהיים און לויפנדיק טראַכט איך ביי זיך, אַז איך וועל שוין האָבן באַקומען פון טאַטן איינמאָל אַ פּאַרציע און ווער ווייסט, טראַכט איך, וואָס עס איז געוואָרן מיט מיין הינטל, מיט מיינע ביכער, מיטן שיינעם לאָמפּ, וואָס דער טאַטע האָט נישט לאַנג צוריק געקויפט ביי אַ פּריץ?...

איך לויף דורך אַ ברענענדן געגנט. אומעטום פאַרצווייפלונג, געשרייען, געוויינען, מען רייסט פון זיך די האָר, מען ברעכט די הענט. אומעטום פייער, אומעטום פאַרוויסטונג. עס לויפן יידן, יידענעס מיט פּעק אויף די פּלייצעס. עס ברענען שוין די זאַכן, וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן פון די הייזער און אַוועקגעלייגט אין די גאַסן.

איך קום צולויפן אין אונדזער שטוב. ערשט ס׳איז קיינער נישטאָ. עפּעס האָט מען יאָ אַרויסגענומען: נישטאָ די טישן מיט די שטולן. נאָר אַ סך, גאָר אַ סך איז נאָך איבערגעבליבן. איך נעם זיך אויף גיך צו דער אַרבעט: אַרויסראַטעווען דאָס, וואָס מען קען נאָך און אַוועקטראָגן דאָס אין לעווינס סאָד. און איך האָב געראַטעוועט אונדזער באַלעבאַטישקייט, ביז מען האָט שוין ווייטער גאָרנישט געקענט ראַטעווען, ווייל דאָס גאַנצע הויז איז איינגעוויקלט געוואָרן אין פייער. בין איך אַוועקגעלאָפן זוכן מיינע עלטערן, מיינע ברידער און שוועסטער. און לויפן האָב איך געקענט בלויז דורך איין וועג, דורך יורזדיקע, דאָס הייסט דורכן ברעג פון אונדזער טייך, כאָטש דער וועג איז געווען אַ צו לאַנגער, דערפאַר אָבער איז ער געווען דער זיכערסטער.

דאָרט האָט מיר עמיצער אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז מיין גאַנצע משפחה געפינט זיך אין הויז פון אונדזער ריכטער באַרזאָוו. האָב איך שוין געמוזט לויפן פון דאָרטן צום פּאַדאָל און פון פּאָדאָל דורך בלאָטעס צום ריכטערס הויז. אויפן גאַנצן וועג האָב איך געזען בילדער, וועלכע וועלן זיך קיינמאָל נישט אויסמעקן פון מיין זכרון. יידן אין טויט שרעק, אין דער גרעס־טער פאַרצווייפלונג. די פרייע פּלעצער אונטערן שטעטל זיינען געווען פאַר־וואָרפן מיט טישן, בענק, אַלמערס, בעטן, זעק, קערבלעך, קאַסטנס. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט יידישע הויז זאַכן. די גאַנצע ברייטקייט פון הינטערן שטעטל איז באַזייט און פאַרשפּרייט מיט יידיש האָב און גוטס, וואָס עס האָט זיך נאָר איינגעגעבן צו ראַטעווען פון פייער. אויף די פּעק און פּעקלעך זיצן

יידן, יידענעס, וואָס היטן אָפּ דאָס גערעטעוועטע. קינדער פאַרגייען זיך אין געוויין. זיי אַלע זיינען איצט היימלאָז און אַלע באַוויינען דעם גרויסן אומגליק.

מיט די לעצטע כוחות בין איך צוגעלאָפן צום ריכטערס הויז. ערשט איך טרעף דאָרט נישט נאָר מיין משפחה נאָר אויך נאָך צוויי משפחות פון מיין פעטער יאסעלעווסקעס און די סאכאראוויטשעס. און דאָ האָב איך ערשט דער־פילט, אַז איך האָב פון פרי אָן נישט געגעסן. נאָר ווי אַזוי קען מען בעטן עסן אין אַזאַ אומגליק. און דאָ גייט צו דער טאַטע און פרעגט מיר מיט כעס:

— וו ביזטו דאָס אויסגעווען די גאַנצע צייט, תכשיט מיינער?!

אָבער ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב געראַטעוועט זאַכן אין ניישטעטל און אויך די ספרי תורות פון דער אַלטער שול, האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט און דערנאָך האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ לייכטן פאַרוואורף:

— פונדעסטוועגן האָסטו געדאַרפט פריער אַהיים קומען און זאָגן, אַז דו לויפסט ראַטעווען די קאַלטע שול. די מאַמע איז דאָך שיעור נישט משוגע געוואָרן, איבערטראַכטנדיק וועגן דיר.

— וואָס האָסטו צום קינד, — האָט זיך אַריינגעמישט די מאַמע. — ער האָט דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן און דו דרייסט אים אַ קאָפּ. קום, נח, איך וועל דיר געבן עסן.

און נעמענדיק מיך פאַרן האַנט, האָט זי מיך אַוועקגעפירט אין קיך.

איצט קענט איר זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ אַפּעטיט איך האָב יענעם אָוונט געגעסן...

דאָך האָט זי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אין מיטן עסן האָט זי צו מיר אַ זאָג געטאָן: נו, אַ גאַסט אין שטוב... וו ביזטו דאָס געווען בעת דעם גרויסן פייער?!

איך האָב איר אויך איבערגעגעבן, וואָס איך האָב אויפגעטאָן פאַרן טאָג און זי האָט שוין מיך מער גאָרנישט געפרעגט.

פאַר דער צייט, וואָס מיר האָבן געוווינט ביים ריכטער, בין איך גע־וואָרן אַ גאַנצער גוטער ברודער מיטן ריכטערס סאָד. דאָרט זיינען געווען גוטע פּרוכט־עפּל, באַרן, פלוימען, קאַרשן און וויינטרויבן. די „סודיכע" (דעם ריכטערס פרוי) האָט מיר אַליין פאָרגעשלאָגן, אַז ווען איך וויל פּרוכט, מעג איך אַריין אין סאָד און עסן וואָס און וויפל איך וויל. האָב איך טאַקע גוט אויסגענוצט די געלעגנהייט. איך פלעג יעדן אָוונט אַריינגיין אין סאָד און אָנרייסן אַ וועלט מיט פּרוכט און זיך מיט דעם טיילן מיט די אַלע אַנדערע קינדער. אין יענע טעג בין איך געווען דאָס גליקלעכסטע ייִנגל אויף דער גאַנצער וועלט. אַ קלייניקייט — איך האָב אַן „אייגענעם" סאָד און איך בין מכבד מיט די בעסטע פּרוכט מייִנע אַלע חברים און חברטעס...

אויף מאָרגנס נאָך דער גרויסער שריפה בין איך געגאַנגען אָנקוקן, ווי אַזוי עס זעט אויס מיין שטעטל נאָכן פייער. איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן, וואָס זיינען שוין קיין גאַסן נישט געווען. פון די מיינסטע הייזער זיינען בלויז קוימענס פאַרבליבן און פון אַ טייל הייזער זיינען אַפילו קיין קוימענס אויך נישט פאַרבליבן. דאָס פייער איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן אויס־געלאָשן און פון יעדן אָפּגעברענטן הויז איז נאָך געגאַנגען אַ רויך פון אַש און קוילן. לעבן יעדן הויז איז געשטאַנען עמיצער, ווי לעבן אַ מת, און האָט געבראָכן מיט די הענט און האָט ביטער געוויינט. און גאָר אַנדערע האָבן פאַרנאַנדערגעשאַרט מיט אַן אייזערנעם שטעקן די קוילן און אַש און האָבן דאָרט עפּעס געזוכט: אפשר איז נאָך פאַרבליבן עפּעס פון זייער באַלעבאַ־טישקייט. אויפן ברייטן פעלד, ביים טייכל, האָב איך געזען אַ סך באַקאַנטע יידן, פרויען און קינדער און זיי אַלע זיינען געווען פאַרוויינטע, אויסגעהונ־גערטע, נישט אויסגעשלאָפענע און פאַרצווייפלטע...

אָבער אין גיכן האָט אָנגעהויבן אָנקומען הילף פון די אַרומיקע יידישע שטעט און שטעטלעך — פון סלוצק, נאַווארידאָק, נאַראָדזשע, נעסוויזש, קלעצק, קאַפּולע, טורעץ, קאָרעליטש און אַפילו פון אַזוי ווייט ווי באַראַנאָ־וויטש און מינסק. עס זיינען געקומען גאַנצע וועגענער מיט ברויט, פלייש, קעז, פּוטער און אַפילו קליידונג. אין די פאַרשיידענע אַרומיקע שטעט זיינען דערנאָך געגרינדעט געוואָרן קאָמיטעטן צו געבן הילף די חורבנות פון דער מירער שריפה און אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז אונדזער שטעטל צוריק אויפ־געשטאַנען תחית המתים, אָבער שוין אַ באַנייטע און אַ מאָדערנע...

בלויז אונדזער אַלטע שול מיט די וואונדערבאַרע שניצונגען, קאַרניזן, מאָלערייען איז טאַקע אָפּגעברענט געוואָרן אויף אייביק, און דאָס טוט מיר וויי ביזן היינטיקן טאָג...

קאַפּיטל 6

איך הויב אָן ווערן אַ מענטש

אַ האַנט־שריפט האָב איך געהאַט זייער אַ שיינע אי אין העברעיש, אי אין רוסיש און אי אין דייטש. מיינע עלטערן האָבן זיך מיט איר געצאַצקעט. מיין טאַטע פלעגט זאָגן, אַז איך שרייב קאַליגראַפיש. און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז צו מיין דרייצענטן יאָר האָט ער מיך שוין אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש, איבערצושרייבן פאַרשיידענע פּאַפּירן, ביטעס, דאָקומענטן אי צום לאָקאַלן ריכטער אי צו פאַרשיידענע העכערע אינסטאַנצן ווי אין קרייז געריכט, אין גובערניאַלע אינסטיטוציעס און אַפילו קיין פּעטערבורג אַליין. מיין „שם טוב" האָט זיך פאַרשפּרייט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל אי־בערגעשריבן אַ פּראָשעניע (אַ ביטע) צום אים אַליין — צום צאַר פון רוס־לאַנד. איך האָב מיין גאַנצע קאַליגראַפישע פעאיקייטן אריינגעלייגט אין דער אַרבעט און ס'איז אַרויס שוין איינמאָל אַ „פּראָשעניע". מיין פאָטער האָט געשטאָלצירט מיט מיין שטיקל אַרבעט און נאָכדעם בין איך אין שטעטל אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ גרויסער „שרייבער".

נאָך דער גרויסער געשעעניש האָב איך זיך אָנגעהויבן צו דערלויבן אייניקע פרייהייטן. אויפגעהערט גיין אין שול, אויפגעהערט אין דער פרי דאַווענען, זיך געחברט מערסטנס מיט קריסטלעכע יינגלעך, מיט וועלכע איך בין געגאַנגען אין דער שטאָטישער קרייז שול. אַפילו שוין געהאַט אייניקע באַקאַנטע קריסטלעכע מיידלעך. צוליב דער אָרימקייט פון דער יידישער ליטעראַטור בין איך געווען אָנגעוויזן בלויז אויף דער רוסישער.

קיין בר מצוה האָט מען פאַר מיר שוין נישט געפּראַוועט, אַזוי אַז דער יום טוב איז פאַר מיר דורך אומבאַמערקבאַר.

אין יענער צייט האָבן מיר געבויט אונדזער הויז, אַ צוויי־שטאָקיקן הילצערנעם בנין, און אַ מאָדנע איבערלעבונג האָב איך דאַן געהאַט. איך בין שוין דאַן אַריבער אין פינפטן קלאַס. איך האָב שוין געלערנט פיזיקע, אַלגעברע, געאָמעטריע. האָב געקענט גוט צייכענען מאַפּעס, פּלאַנען. איך האָב נישט געוווסט ,אַז דער פאָטער קוקט אַריין פון צייט צו צייט אין מיינע אַרבעטן. אין אַלגעמיין איז מיין פאָטער כמעט אַלעמאָל געווען צו מיר קאַלט און איך האָב פאַר אים אַלעמאָל מורא געהאַט. ער האָט מיך אַלע מאָל

געמאַכט צו גאָרנישט און האָט אין אַלגעמיין פון מיר נישט געהאַלטן. ער איז קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען צו מיר ווי אַ טאַטע צו אַ קינד, ווייך, האַרציק. ער האָט מיר קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין פריינטשאַפט, מיך קיינמאָל נישט געלאַשטשעט. איך פלעג אַלע מאָל אויסמיידן זיין אַליין מיט אים אין איין צימער. (מיט אַ פערציק יאָר שפּעטער האָב איך געשילדערט דעם טאַטנס באַציונג צו אונדז, זיינע קינדער, אין מיין קינדער דראַמע אין צוויי אַקטן „דער קינדער שטרייק").

איינמאָל, זיץ איך אין מיין צימער און ער איז אַריין. מסתמא האָב איך זיך שוין פאַרזינדיקט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און ער איז אַריינגעקומען מיך באַשטראָפן. מיט טויט שרעק האָב איך זיך שוין געריכט אויף אַ פּאָר־ציע מוסר. ער זעצט זיך אַוועק קעגן מיר, טראַכט עפּעס, קוקט מיר אין די אויגן אַריין און גיט אַ זאָג:

— מיין זון, דאָס זיינען די פּלאַנען פון דעם הויז, וואָס איך גיי בויען. דער איז פון דעם אונטערשטן עטאַזש און דער איז פון אויבערשטן. דענקסטו נישט, אַז מיר האָבן דאָ עפּעס פאַרפּעלט און אין אַלגעמיין ווי געפעלט דיר דער סדר פון די צימערן? דענקסטו נישט, אַז מען דאַרף עפּעס צוגעבן אָדער איבעראַנדערשן?

מייך טאַטע איז געקומען צו מיר, רופט מיך מיין זון און האַלט אַן עצה מיט מיר... איך בין נישט געווען צוגעגרייט צו דעם, די וואַרימע כוואַליע האָט מיך צעטומלט. עס האָט מיר אָנגעהויבן רייסן דאָס האַרץ, עס האָט מיך אָנגעהויבן שטיקן און ווערגן, איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך ביטער צעוויינט. און אַזוי אַרום איז די באַראַטונג נישט פאָרגעקומען. איך דענק, אַז אים האָט אויך פאַרקוועטשט פאַרן האַרצן און ער איז אַרויסגעגאַנגען. אָבער אין דער טיפקייט פון מיין קינדערשער נשמה בין איך געווען שטאָלץ מיט מיין טאַטנס ערשטן וויזיט. גאָר אַ קלייניקייט — ער האַלט שוין מיר פאַר אַ שטיקל מענטש.

צו פופצן יאָר בין איך שוין געוואָרן אַ לערער פון רוסיש אין די רייכערע הייזער פון מיין שטעטל און פלעג קריגן פאַר יענער צייט אַ גאַנץ גוטן פּרייז, גאַנצע דריי רובל אַ חודש פאַר אַ שעהדיקע לעקציע. און איך בין שוין געוואָרן מער זעלבשטענדיק. פון מיין טאַטנס צען קאָפּיקענע צאָלונגען פאַר איבערשרייבן, האָב איך זיך נישט געקענט קליידן, נישט געקענט איינקויפן ביכער און אויסשרייבן זשורנאַלן פאַר זיך. איצט בין איך געוואָרן פרייער אין געלט. און ווען איך האָב שוין פאַרענדיקט דעם פינפטן קלאַס האָב איך פאַר אַ הוז״ש צייט געקראָגן גאָר אַ געהויבענע שטעלע. אין יענער צייט איז דער קניאגיניעס פאַרוואַלטער פון אונדזער שטעטל געווען אַ רוס מיטן נאָמען זשאַלאָבאָוו, וועמעס היים איז געווען אין ווילנע, אָבער ער אַליין

האָט געווינט צוליב זיין שטעלע ביי אונדז אין „דער מיר" האָט ער גענומען אַ וואַקאַציע אויף אַ חודש צייט. אָבער ער האָט נישט געהאַט וועמען איבער־צולאָזן ביי אים אין ביוראָ. מען האָט געדאַרפט פאַר דער צייט אויפמאָנען שטייערן, אַרענדע געלט, אַרויסגעבן קוויטאַנציעס און עס אַריינשרייבן אין די ביכער. קורץ, איך בין געוואָרן זיין פאַרטרעטער פאַר אַ חודש, מיט אַ געהאַלט פון גאַנצע פופציק רובל.

איצט קענט איר זיך פאָרשטעלן מיין פרייד, ווען איך האָב מיט אַמאָל דערהאַלטן גאַנצע פופציק רובל! פאַר דעם געלט האָב איך זיך אויסגעקליידט ווי אַ גראַף און איך בין שוין געוואָרן אַ „פאַלנער קאַוואַליער"...

אין גיכן איז אונדזער ריכטער געבליבן אָן אַ סעקרעטאַר און ער האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין אַזעלכן. נישט געפינענדיק צווישן דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג קיין פאַסנדן מענטשן, האָט ער אומאָפיציעל מיך אָנ־געשטעלט, איך זאָל צייטווייליק פאַרנעמען דעם אַמט, ווייל אָפיציעל האָט ער מיך, אַלס אַ יידן, נישט געטאָרט אָנשטעלן.

די אַרבעט איז געווען נישט קיין שווערע און צייט האָב איך געהאַט גענוג. דעם ריכטערס פרוי, אַקולינא פעטראָוונא, אַ איבערגעגעבענער פריינט פון אונדזער הויז, האָט אויף מיר זייער גוט אויפגעפאַסט, פלעגט צוויי מאָל אַ טאָג ברענגען מיר טיי מיט קיכלעך, אַמאָל מיר מכבד זיין מיט אַ שנאַפּס און אירע אייגענע געבעקס. אָבער דאַנקבאַר בין איך איר ביזן הייטיקן טאָג, וואָס זי האָט פאַר מיר געעפנט די אויסערגעוויינלעכע רייכע ביבליאָטעק פון איר מאַן. זי האָט מיר אַפילו איבערגעגעבן די שליסלעך צו דער טיר פון ביבליאָטעק און צו די אַלע ביכער שאַפעס. דאָרטן האָב איך זיך אַ נעם געטאָן צו די איבערזעצונגען פון די ענגלישע, פוילישע, פראַנצויזישע און סקאַנדינאַווישע קלאַסיקער. ספּעציעל האָב איך אַ סך געלייענט אין די צען טעג, ווען דער ריכטער פלעגט יעדן צוואַנציקסטן אַוועקפאָרן קיין נאַוואַרי־דאָק צום צוזאַמענפאָר פון די אַלע ריכטער פון אונדזער קרייז. דאָן פלעג איך אַפילו אין ביוראָ נישט אַריינשמעקן. איך פלעג די גאַנצע טעג זיצן אין ביבליאָטעק און אָפט אַפילו ביז שפּעט אין דער נאַכט. און געלייענט האָב איך ווי אַ דורשטיקער אין מדבר טרינקט וואַסער פון אַ קוואַל... אָבער נישט לאַנג האָב איך פאַרנומען דעם אַמט, אין גאַנצן אַ פיר חדשים. עס איז געקומען דער אָפיציעלער סעקרעטאַר, אַ באַוווסטער מינסקער שיכור, און ער האָט פאַרנומען מיין אָרט און איך האָב זיך ווידער אומגעקערט צו מיין לערעריי.

צו יענער צייט האָב איך געלייענט דאָסטאָיעווסקיס: „נאָטיצן פון אַ טויטן הויז" און דאָרטן איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן די באַשרייבונג פון דער פאָרשטעלונג, וואָס די אַרעסטאַנטן האָבן דורכגעפירט אין טורמע און איך האָב באַשלאָסן די זעלביקע פאָרשטעלונג דורכצופירן אין אונדזער הויז.

איך האָב וועגן דעם פּלאַן גערעדט מיט מיינע ברידער און שוועסטער און זיי איז דער פּלאַן שטארק געפעלן געוואָרן. איך האָב פּאַר זיי פאָרגעלייענט די גאַנצע קאָמעדיע און זיי האָבן איר אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. מיר האָבן איינגעטיילט די ראָלן און צוגעטראָטן צו די רעפּעטיציעס. מיר האָבן אָפּגעמאַכט אַז ערשטנס זאָלן טאַטע מאַמע פון דעם נישט וויסן, אַז די שפּיל וועט פאָרקומען אין אונדזער קיך, אונטן, אין דער קינדערשער אָפּטיילונג און אַז שפּילן וועלן מיר אין אַזאַ אָוונט, ווען טאַטע מאַמע וועלן נישט זיין אין דער היים. און טאַקע אַלע קינדער האָבן געהאַלטן וואָרט. אונדזער טאַטע מאַמע האָבן פון דעם נישט געוווּסט. די רעפּעטיציעס פלעגן פאָרקומען דער־מאָלט, ווען טאַטע־מאַמע פלעגן אַרויף אין דער הויך שלאָפן. די סצענע האָט זיך געפונען צווישן דעם גרויסן אויוון און דער וואַנט. נאָך אַ סך רע־פּעטיציעס זיינען מיר געקומען צום שלוס, אַז אַלע קענען גוט די ראָלן און איצט האָבן מיר באַשלאָסן, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועלן מיר דורכפירן די שפּיל. און די געלעגנהייט איז גיך געקומען. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז שבת צו נאַכט גייען אונדזערע עלטערן צו אַ חתונה. און אַזוי איז טאַקע געווען. גלייך ווי די עלטערן אונדזערע זיינען אָוועק, האָבן מיר זיך אַלע אַרויסגעלאָזן איבערן שטעטל צונויפרופן אונדזערע חברים און חברטעס זיי זאָלן קומען צו אונדז, ווייל מירן היינט געבן אַ טעאַטער שפּיל. אין אַ האַלבע שעה צייט זיינען שוין אַלע געקומען זען דעם טעאַטער. מיר האָבן פון די אַלע אַנדערע צימערן אַריינגעטראָגן די שטולן אין קיך, מיר האָבן אויפגעהאַנגען איבער דער „סצענע" אַ פאָרהאַנג (אַ יילעך). אימיצער האָט אַ קלונג געטאָן מיט אַ גלעקל און די „שפּיל" האָט זיך אָנגעהויבן. מיר האָבן געשפּילט מיט „פייער" און מיט „ברען", געשריען, בולט אַרויסגעבראַכט די קאָמישע עפּיזאָדן און דער עולם האָט געלאַכט און האָט אונדז שטארק אַפּלאָ־דירט. און מיר „די אַקטיאָרן" זיינען פון דערפאָלג געווען איבער גליקלעך. דער עולם איז אַרויס פון „טעאַטער" העכסט צופרידן. פאַרשטייט זיך, אַז די זעלביקע נאַכט האָט די גאַנצע אינטעליגענץ און אויך מיינע עלטערן זיך דערוווּסט וועגן דעם טעאַטער און וועגן דער „שפּיל".

עס זיינען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכן פון דער „היסטאָרישער" שפּיל, ערשט עס קומט אַריין צו מיר מיין פאָטער מיט אַ בריוו אין האַנט און ער גיט דאָס מיר לייענען. איך זע, אַז דער בריוו קומט פון פּעטערבורג. פון דער יידישער קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפט „איקאַ" מיט אַ ביטע, אַז אַזוי ווי זיי ווילן אַרויסגעבן אַ בוך וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, בעטן זיי מיין פאָטער אַרויסהעלפן זיי אין דער אַרבעט. צו דעם בריוו זיינען צוגעלייגט אַ סך פראַגע־בויגנס. בעטן זיי פשוט אַריינצוגיין אין יעדער יידיש הויז פון שטעטל און דאָרט אויספילן אַ פראַגע־בויגן; וויפל

הויזגעזינטן וווינען אין דער הויז. פון וויפל באשטייט יעדע משפחה. פון וואָס ציען זיי זייער חיונה. וויפל אַרבעטן און ביי וואָס. וואָס זיינען זייערע פאַר־דינסטן. אויב נישט אַרבעט איז פון וועלכע קוואַלן ציען זיי זייער חיונה. וויפל וווינען אין איין צימער. וואָס זיינען זייערע פאַרדינסטן און וואָס זיינען זייערע הוצאות און אַזוי ווייטער.

און אַזוי ווי מיין טאַטע האָט נישט קיין צייט פאַר דעם, בעט ער מיך, אַז איך זאָל זיך מיט דעם אָפּגעבן. איך שטים איין און טרעט גלייך צו צו דער אַרבעט.

און דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַן אַרבעט. קריכן אין קעלערן, אריינ־שטופּן זיך אין זעמליאנקעס, גיין טאָג איין און טאָג אויס און אויסהערן די קלאָגעס פון הונגער, פּיין און דחקות, זען הונגעריקע אויסגעדאַרטע קינדער, זען די טרערן פון אַזוי פיל יידישע מאַמעס, זען די גרויסע פאַרצווייפלונג פון מענטשן, וואָס זעען נישט קיין אויסגאַנג פון זייער שרעקלעכער לאַגע. איך האָב געזען אַ סך „געזינדן זאלבע אַכט און בעטן נאָר צוויי", און אפילו אָן בעטן אין גאַנצן. אַ סך געזונט האָט מיך אָפּגעקאָסט די צוויי וואָכן, וואָס איך האָב געהאַלטן אין איין גיין איבער די הייזער און אויספילן די בלאַנקען. אַזאַ הונגער, אַזאַ עלנד, אַזאַ פאַרצווייפלונג איז שווער צו באשרייבן. מיינע אויגן האָבן דאָס אַלץ צוגעזען, מיין יונג האַרץ האָט מיט זיי מיטגעפילט אַזוי, אַז איך אַליין בין פאַרצווייפלט געוואָרן פון זייער לאַגע. אין אַלגעמיין איז די אַרבעט פאַרן „איקאַ" נישט געווען קיין גרינגע. ערשטנס האָבן זיך די יידן דערשראָקן. זיי ווייסן נעבעך פון דערפאַרונג, אַז ווען מען פאַרשרייבט זיי און מען פרעגט זיי אויס, וועלן דערנאָך זיין צרות. איך האָב זיי באַדאַרפט באַרויקן, אַז דאָס טו איך נישט פאַר דער רעגירונג, נאָר פאַר אַ יידישער געזעלשאַפט און אַז די געזעלשאַפט וויל גאָר אויסבעסערן די יידישע לאַגע און כדי זי אויסבעסערן מוזן זיי וויסן די פּרטים. צווייטנס, האָט אויף מיר אַליין שוידערלעך געווירקט אָט די וויזיטן צו דער יידישער אָרימקייט. אַ גרויסער טייל האָט גאָרנישט נישט געטאָן און האָט גאָר נישט פאַרדינט. ווי אַזוי האָבן זיי געלעבט? דאָס האָב איך פאַר קיין שום פאַל נישט געקענט פאַרשטיין. די גליקלעכערע, וואָס האָבן שוין יאָ עפּעס געטאָן און יאָ עפּעס פאַרדינט האָבן פאַרדינט אַזוי ווייניק, אַז עס האָט נישט געקלעקט אויף צו באַשפּייזן די גאַנצע הויז־געזינד, די מערהייט פון מיין שטעטל האָט געלעבט אין שטענדיקן הונגער: אויף ברויט מיט „ליאַק". פאַרמאָגן אַ גאַנצן גילדן (זיבן און האַלבן סענט) איז געווען אַ גרויסע רייכקייט. איך האָב געזען אַ סך קראַנקע און ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו היילן זיי, איך האָב געזען הייז־לעך, וועלכע זיינען שוין געשטאַנען איינגעזונקען אין דער ערד, — ווו די זון קען קיינמאָל נישט צוקומען און דאָרטן האָבן געוווינט גאַנצע משפחות.

פון 8־10 מענטשן. עס האָט זיך געפילט אין זיי אַ שטענדיקע פייכקייט. אַפילו קיין דילן זיינען דאָרט נישט געווען און די מענטשן האָבן געשלאָפן אויף דער הוילער פייכטער ערד. איך האָב דאָן אויסגעפונען, אַז בלויז אין מאַרק און אין אַ דריי פיר געסלעך ווינען די יידן ווי עס איז דערטרעגלעך, אָבער אין די אַלע איבעריקע געסלעך האָבן זיי געוווינט אין אַ שטענדיקער שרייענדער נויט און ביי די ערגסטע באַדינגונגען.

די פאַר וואָכן, וואָס איך האָב געאַרבעט אויף דער סטאַטיסטיק, האָבן געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק אויף מיר, אַז איך בין מיט אַמאָל עלטער געוואָרן אויף גאַנצע יאָרן. אַז איך האָב אָנגעהויבן זען דאָס אַרומיקעס אַנדערש ווי ביז איצט, אַז זיי האָבן אָנגעמערקט פאַר מיר דעם ווייטערדיקן וועג מיינעם: אָפּגעבן מיין לעבן פאַר די אינטערעסן פון דער יידישער אָרעמקייט. שוין דעמאָלט האָב איך אין דעם באַשולדיקט די אַנטיסעמיטישע רוסישע רעגירונג, דערפאַר ווייל זי האָט אונדז יידן באַרויבט פון אַלע מענטשלעכע און בירגערלעכע רעכט און אונדז אַריינגעקוועטשט אין אַ תחום המושב — אַ געטאָ אין עטלעכע גובערניעס, וווּ ס'איז אונדז דערלויבט געווען צו ווינען. די רעגירונג האָט אונדז באַרויבט פון אַלע מעגלעכקייטן צו מאַכן אַן אַנשטענדיקן לעבן, נישט דערלויבט אונדז צו באַזיצן און באַאַרבעטן לאַנד, אונדז נישט צוגעלאָזט צו קיין שום געזעלשאַפטלעכע, אָדער רעגירונגס שטעלעס און דעמאָלט איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער האַס צו דער רוסישער רעגירונג.

מיין ערשטער „פּראָטעסט" קעגן דער רוסישער רעגירונג איז געווען, ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער איז געשטאָרבן און זיין אָרט האָט פאַרנומען ניקאָלאַי דער צווייטער. מיר, די יידישע תלמידים פון דער שטאָטישער רעגירונגס שול האָבן געמוזט שווערן טרייהייט דעם נייעם צאַר פון רוסלאַנד אין בית המדרש, אין דער אָנוועזנהייט פון אונדזער דירעקטאָר, אונדזערע לערער און יידישע כלי קודש. איך בין געקומען אין שול אַריין צוזאַמען מיט די איבעריקע יידישע שילער פון די נידעריקע קלאַסן. דער דירעקטאָר האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ פּאַטריאָטישע רעדע און צום סוף האָט ער פאַר אונדז פאָרגעזאָגט די ווערטער פון דער שבועה, וועלכע מיר האָבן מיט אויפגעהויבענע הענט געדאַרפט נאָכזאָגן. מיין האַנט האָב איך געהויבן, אָבער די ווערטער האָב איך נישט נאָכגעזאָגט. און אַזוי אַרום, האָב איך געמיינט, אַז איך בין פריי פון מיין שבועה...

אַ צווייטן מאָל האָב איך שוין גאָר אייגנאַרטיק „פּראָטעסטירט". מיין פרומקייט האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרשוווּנדן. איך פלעג גיין אין קלאַס אין די שבתים און יום־טובים. דאַרף זיך גראַד מאַכן, אַז דער עקזאַמען פון מאַטעמאַטיק פאַלט אויס אום שבועות. האָב איך, דער איינציקער ייד אין

מיין קלאַס, פּראָטעסטירט פאַרן פּעדאַגאָגן־ראַט און אים איבערגעגעבן, אַז אַזוי ווי דער עקזאַמען קומט פאַר אין טאָג פון אַ יידישן יום־טוב, וועל איך צום עקזאַמען נישט קומען. דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ טשיקאַווער שמועס צווישן מיר און דעם פּעדאַגאָגן־ראַט.

— וועסט נישט קומען צום עקזאַמען, וועסטו נישט קריגן קיין אַטעסטאַט.

— האָט צו מיר געזאָגט דער דירעקטאָר.

— איך דאַרף נישט האָבן קיין אַטעסטאַט, — האָב איך דערויף געענטפערט.

—און צוליב וואָס האָסטו זיך געלערנט גאַנצע זעקס יאָר? — האָט מיך געפרעגט איינער פון די לערער.

— איך האָב זיך געלערנט, כדי דורכגיין דעם קורס פון דער שול.

— צוליב וואָס האָסטו געדאַרפט דורכגיין דעם קורס, אַז קיין אַטעסטאַט וועסטו נישט באַקומען? — פרעגט מיר אַ צווייטער לערער.

— איך בין געגאַנגען אין שול צוליב דעם וויסן, וואָס זי גיט.

אָבער דער אַטעסטאַט וועט דיר עפענען גרויסע מעגלעכקייטן אין דיין ווייטערדיקן לעבן, — האָט מיר דערויף באַמערקט דער לערער.

— פאַר די קריסטלעכע שילער יאָ, נאָר פאַר מיר, אַלס ייד, גאָרנישט.

— האָב איך געענטפערט — אונדז, אַלס יידן, פאַרווערט מען דאָך צו ווערן אָפיצערן, פאָסט באַאַמטע, לערער, אָדער צו פאַרנעמען וועלכע ס'איז רעגירונגס־שטעלע. פאַר מיר איז אייער אַטעסטאַט בלויז אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס זאָגט עדות אויף מיין רעכטלאָזיקייט. צו וואָס דאַרף איך עס? ווי מיט אים, אַזוי אָן אים. עס מאַכט נישט קיין אונטערשייד.

און נאָך מיינע ענטפערס האָב איך פאַרלאָזן דעם פּעדאַגאָגישן ראַט.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען איך האָב שוין אין גאַנצן אויפגעגעבן דעם געדאַנק פון די ווייטערדיקע עקזאַמענס, אָדער וועגן קריגן מיין דיפּלאָם, האָבן מיינע עלטערן דערהאַלטן פון דער שול אַ בריוו, אַז זיי האָבן אָפּגעלייגט מיין עקזאַמען אויף אַ פּאָר טעג און אַז איך דאַרף קומען דעמאָלט און דעמאָלט.

איך האָב אויסגעהאַלטן די אַלע עקזאַמענס און געקראָגן מיין דיפּלאָם.

נאָכן אָפּזיין אין מיין שטעטל נאָך אַ האַלבן יאָר האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט קיין וואַרשע, כדי דאָרטן אָנצוהויבן אַ ניי בלעטל אין מיין לעבן...

קאַפּיטל 7

טרוים אוןווירקלעכקייט

אָבער איידער איך שילדער מיין רייזע קיין וואַרשע, וויל איך פריער איבערגעבן, ווי אַזוי איך האָב פון קינדווייז אָן געחלומט וועגן ווייטע רייזעס און וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, ווען איך בין נאָך געווען אַ שרעקעוודיק קינד.

נאָך פון די גאַר יונגע יאָרן האָבן מיך רייזע־באַשרייבונגען שטאַרק אינטערעסירט. איך בין געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכער לעזער פון ביכער, אין וועלכע עס ווערן באַשריבן די רייזעס אַרום דער וועלט, די לעבנסגעשיכטעס פון פאַרשיידענע רייזנדע, אַנטדעקער פון נייע לענדער, נייע ימים און נייע וועגן. צו צען־עלף יאָר האָב איך שוין געהאַט אַ גאַנץ שיינע ביבליאָטעק פון זשול ווערן, אַרגאָ, וועגן ליווינגסטאָן, סטענלי, קאָלומבוס, וואַסקאָ דע גאַמאַ, קאָרטעז און אַנדערע. איך געדענק מיט וואָס פאַראַ אינטערעס איך פלעג קויפן יעדעס נייעם בוך און מיט וואָס פאַראַ באַגייסטערונג איך פלעג אים לייענען. מען פלעגט מיך פאַר קיין פאַל נישט קענען אָפּרייסן פון בוך, כדי צו גיין עסן, אָדער פאָלגן דער מאַמען אַ גאַנג. די מאַמע איז געווען גאַנץ גוט אין כעס אויף מיר און אָפטמאָל פלעג איך פון איר „לייזן" אַזוי, ווי איך האָב פאַרדינט, דערביי פלעגט זי מיר נאָך צוזאָגן, אַז דער טאַטע וועט מיר נאָך „דערלייגן".

גאַנץ אָפט האָב איך געלעבט אין אַ פרעמדער וועלט, אין אַ וועלט פון מיינע קינדערשע פאַנטאַזיעס. איך בין נישט אין אַ קליין שטעטל, אין דער מיר, נאָר איך וואַנדער אַרום איבער די אוראַלטע וועלדער פון אַפריקע. אויף מיינע וואַנדערונגען זע איך, ווי די ווילדע שוואַרצע אַפריקאַנער עפּעס אין אַ וואַלד ביים ברעג ים פּראַווען אַ סעודה, זיי זינגען זייערע לידער און זיי טאַנצן אויס אין אַ קאַראַהאַד זייערע ווילדע טענץ. אין מיטן פון קאַראַהאַד ברענט אַ פייער — עס פּרעגלט זיך דער קרבן — אַ קריגס־געפאַנגענער פון אַן אַנדער שבט...

איך וואַנדער ווייטער און טרעף אויף מיין וועג לעמפּערטן, לייבן, טיגערן און אַנדערע ווילדע חיות. אָבער איך דערשרעק זיך נישט — איך

האָב מיט זיך דעם אייביקן פייער און אויך אַ ביקס, מיט אַ שאַרפן שווערד און גיך ווער איך פאַרטיק מיט זיי...

אָפטמאָל פאָר איך אויף אַ שיף. עס פאַלן אָן אויף אונדזער שיף ווילדע פּיראַטן. עס קומט פאַר צווישן אונדז און זיי אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. אָבער מיר קעמפן העלדיש מיט אונדזערע ביקסן און שווערדן און מיר הרגענען זיי אויס און מיר פאָרן ווייטער.

אַ שטאַרקע ווירקונג האָבן געהאַט אויף מיר מיינע ביכער און ביי מיר האָט זיך פאַרנאַנדערגעפלאַקערט אַ שטאַרקער חשק אַליין צו באַזוכן די אַלע לענדער און ימים, לעבן צווישן אָט די ווילדע מענטשן, אנטייל נעמען אין אַלע זייערע פּראָצעסיעס, יום טובים, אויסלערנען זיך זייערע שפּראַכן און זיין איינער פון זיי. איך האָב געוואָלט זען די טראָפּישע און עקוואַטאָריעלע פלאַנצונגען, חיות, שלאַנגען און פייגלען, זען די אוראַלטע וועלדער...

איך האָב געהאַט אַ חבר, נחום סעלצאַווסקי האָט ער געהייסן, און יענער האָט אויך אַ סך געלייענט, נאָר ער פלעגט לייענען יידישע און העבּרעאישע היסטאָרישע ביכער. איך האָב אַ סך געטרוימט מיט אים צוזאַמען צו מאַכן די רייזע אַרום דער וועלט. ער פלעגט באַגייסטערט ווערן פון מיינע מעשהלעך וועגן די וואונדערס, וואָס אונדזער וועלט באַזיצט. מיר, צוויי יונגע מירער יינגלעך פלעגן מאַכן די פּלענער, ווי אַזוי אַרויסצוגנבענען זיך פון אונדזערע היימען — כדי צו מאַכן די רייזע איבער די ווייטע, ווילדע געגנטן. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן אפילו זאַמלען געלט אויף דעם. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען פאַרבליבן קינדער טרוימען.

צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען אַ באַן, ווען איך בין אַלט געווען עלף יאָר, און כאָטש עס איז שוין פון דעמאָלט אָן אַריבער איבער פופציק יאָר, געדענק איך דאָס, ווי עס וואָלט זיך געטראָפן היינט. איך בין דאַן געפאָרן פון מיין היים־שטעטל קיין נעסוויזש. דאָס איז אויך געווען מיין ערשטער אַרויספאָר אין דער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט מיך נישט געלאָזט פאָרן אַזוי ווייט איינעם אַליין. באַגלייט האָט מיך מיין עלטערע שוועסטער טאַניע. זי איז שוין פריער געהאַט געווען נישט נאָר אין נעסוויזש, נאָר אפילו אין מינסק. דערפאַר האָב איך פאַר איר גרויס רעספּעקט געהאַט. אונטער איר שוץ האָב איך זיך געפילט ווי אונטער אַן אייזערנער וואַנט. מיר האָבן געדאַרפט דורכפאָרן גאַראַדייע, אַ סטאַנציע פון מאָסקווער־בריסקער אייזנבאַן. דער בעל עגלה האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע וואַרטן אויפן צוג, אפשר וועט אים גאָט צושיקן נאָך אַ פּאָר פאַרשוינדלעך. די שוועסטער איז מיט מיר אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע, זען ווי די באַן קומט אָן. ווען איך האָב דערזען דעם רויך פון לאָקאָמאָטיוו און דערהערט דאָס פייפן, רוישן, קלאַפּן און, איך האָב דערזען

ווי אַ סך אייזערנע הייזער לויפן אַן מיט אַן אימפעט גלייך אויף מיר, האָב איך זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן, אַז איך האָב זיך אָנגעהאַלטן אַן מיין שוועסטער און באַהאַלטן מיין קאָפּ אין איר קלייד. איך האָב געפילט, אַז איך וואָלט מורא געהאַט צו פאָרן אין איינעם פון די דאָזיקע אייזערנע הייזער. אָבער פון דער צווייטער זייט איז מיר געפעלן געוואָרן, וואָס די מענטשן אינעווייניק זיצן באַקוועם, רויק און קוקן אַרויס פון פענצטער. מסתמא איז דאָס נישט אַזוי געפערלעך, האָב איך געטראַכט און איך בין ביי זיך געווען שטאָלץ, וואָס איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן אליין געזען אַ באַן. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען איך האָב באַדאַרפט פאַרברענגען מיינע וואַקאַציעס ביי מיינע קרובים, מארשאקס, נישט ווייט פון קוידענאָוו אין דעם גראַף טשאפסקעס וואַלד און איך האָב געדאַרפט אַ דריי־פיר סטאַנציעס פאָרן מיט דער באַן, איז מיר שוין גראדע יע געפעלן געוואָרן די רייזע. ס'איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, האָב איך געטראַכט, אַריינזעצנדיק זיך אין וואַגאָן. עס האָט עטלעכע מאָל געפייפט, עס האָט דריי מאָל געקלונגען און די באַן האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט צוערשט לאַנגזאַם, דערנאָך גיכער און גיכער. אָבער איין זאַך האָט מיך יאָ אַביסל געשראָקן: איך האָב מורא געהאַט, אַז די באַן זאָל נישט אַראָפּגיין פון די רעלסן. אויב די באַן וועט אַביסל אַראָפּ פון די רעלסן, האָב איך געטראַכט, איז דאָך מיט אונדז אַלע קאַפּוט. נאָר ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיינע מיטרייזנדע, ווי זיי זיצן זיך אַזוי רויק, פאַרברענגען צווישן זיך, אַנדערע עסן און גאָר אַנדערע שפּילן גאָר אין קאָרטן, דעמאָלט האָב איך זיך באַרויקט. איך בין אפילו צוגעגאַנגען צו אַ פענצטער באַטראַכטן די פעלדער, וועלדער, דערפלעך, וועלכע מיר זיינען פאַרביי געפאָרן. מיר איז דעמאָלט שטאַרק געפעלן געפאָרן, ווי די טעלעגראַף סלופּעס, די הייזלעך פון די באַן וועכטער, די ביימער, די וועלדער און די פעלדער לויפן אונדז אַנטקעגן. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיר פאָרן גאָרנישט, אַז מיר שטייען אויף איין אָרט, נאָר דאָס אַרומיקע לויפט אונדז אַנטקעגן. מיר איז אויך געפעלן געוואָרן, וואָס פריער זע איך עפּעס אַ קליינע זאַך, אַזוי ווי אַ וואָלקנדל העט העט דאָרטן ביים עק פון דער ערד. אָבער וואָס נעענטער מיר פאָרן צו, ווערט דאָס טונקעלע גרעסער און גרעסער, ברייטער און ברייטער, ביז איך הויב שוין אָן באַמערקן, אַז עס איז אַ קליינער וועלדל. דאָס וואַלד ווערט גרעסער און גרעכער און אָט פאָרן מיר אַריין אין אים. עס איז אַ גרויסער סאָסנע וואַלד און די באַן שניידט אים דורך און עס זעט זיך גאָר קיין סוף נישט.

אָט פאָרן מיר דורך דערפלעך־אָנגעוואָרפענע פויערים הייזלעך, גאַנץ ווייט איינע פון די אַנדערע און אָט זיינען ברייטע זאַמדיקע פעלדער. פּויערים און פויערטעס אַרבעטן.

ווען איך בין אַרויס פון באַן בין איך געווען אין גאַנצן צעבראָכן. גאָר אַ קליינינקייט, מיט אַמאָל אַזאַ רייזע דורכגעמאַכט.

אויף מיין זומער ווינונג, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן וואַלד, האָב איך זיך געפילט די ערשטע צייט נישט אַזוי פויגלדיק. פאַרן וואַלד האָב איך מורא געהאַט און פלעג זעלטן גיין דורך אים אַליין. אַלעמאָל פלעג איך מיטנעמען אימיצן פון מיין קוזינס קינדער. כ׳פלעג מיטנעמען מיט זיך אַ גראָבן שטעקן און פלעג אויך רופן דעם גרויסן שוואַרצן הונט — זשוקן. אָבער נאָך דעם ,ווי איינמאָל האָט מיר דער רבי, וואָס האָט געלערנט מיט מאַרשאַקס קינדער געזאָגט, אַז דאָ אין וואַלד זיינען פאַראַן וועלף, פוקסן און אפילו בערן, איז שוין ביי מיר די נשמה אין די פיאַטעס אַריין... איך האָב זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר יעדער קליינינקייט, פאַר אַ שאָרך, ריר, פאַר יעדן רויש. איך געדענק, אַז איינמאָל האָט זיך מיר פאַרוואָלט צוגיין צום באַן וועכטערס הייזל און זען ווי די באַן לויפט פאַרביי. דאָס איז געווען אַ גאַנג פון קאַרגע דריי וויאָרסט. איך האָב אָבער נישט געהאַט מיט וועמען צו גיין, האָב איך נאָר מיטגענומען מיין שטעקן מיטן הונט. דעם גאַנצן וועג בין איך געגאַנגען מיטן וואַלד. נו, האָב איך שוין געהאַט איינמאָל אַ שרעק! ביי יעדן שאָרך פלעגן זיך מיר די האָר שטעלן קאַפּויר און דאָס בלוט פלעגט ביי מיר פאַרגליווערט ווערן. ווי גליקלעך איך בין אָבער גע־ווען, ווען איך האָב שוין דערזען דעם וועכטערס הייזל. איצט שטעלט זיך פאַר מיין שרעק, אַז צוריקוועגס האָט מיך געכאַפּט אַ שטורם. עס איז אין וואַלד געוואָרן שטאָק פינצטער און יעדער רגע פלעגט די לופט דורכגעריסן ווערן דורך אַ בליץ און דאָס גאַנצע וואַלד פלעגט אָפּגעהילכט ווערן פון אַ שטאַרקן דונער און אַ גרויסער רעגן האָט אַ גאָס געטאָן. איך האָב אין טויט שרעק אָנגעהויבן לויפן. איך בין געלאָפן אַזוי געשווינדט, ווי נאָר איך האָב געקענט. איך האָב אין טויט שרעק אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כוחות און געלאָפן ווי אַ פייל פון בויגן. איך האָב געפילט, אַז די אַלע וועלף, פוקסן און בערן יאָגן זיך נאָך מיר און אָט כאַפּן זיי מיך. מיט די לעצטע כוחות בין איך צוגעלאָפן צו מיין קוזינס שטוב און אַז איך בין אַריין אין הויז האָבן מיינע אויסגעווייקטע זאַכן געמאַכט דאָרט אַ גאַנצע לוזשע. דער עולם האָט זיך שטאַרק דערשראָקן אויף מיר קוקנדיק. זיי האָבן מיך פאַרנאַנדערגע־פרעגט. אָבער איך האָב זיך געשעמט זיי דערציילן דעם אמת.

נו, און איצט וועל איך זיך אומקערן צו מיין ערשטער רייזע קיין וואַרשע.

ק אַ פּ י ט ל 8

איך פאָר קיין וואַרשע

ווען איך האָב צום זיבעצנטן יאָר פאַרענדיקט די שול, האָב איך גלייך אָנגעהויבן צו טרוימען וועגן פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט. איך האָב נאָך אַ האַלבן יאָר פאָרגעזעצט מיין לערעריי, געאַרבעט ביים טאַטנס שרייב־טיש און אָנגעקליבן אַ ביסל געלט אויף מיין ערשטער גרויסער אונטערנעמונג. אין צווישנצייט האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין וואַרשע. פאַרוואָס עפּעס וואַרשע, האָב איך אַליין נישט געוווסט. עפּעס האָט וואַרשע צו מיר אַפּגעלירט מער פון אַלע אַנדערע שטעט. אויף מיין פאָטערס פראַגע, וואָס וועל איך טאָן אין וואַרשע, האָב איך געענטפערט: אַלע לעבן דאָרטן און פאַרדינען און איך בין נישט ערגער פון אַנדערע. איך וועל זיך צו עפּעס דערשלאָגן.

איך האָב זיך אַליין געמאַכט אַ קופערטל, וואָס פאַרשליסט זיך. אין דעם קופערטל האָב איך פון דינע ברעטלעך געמאַכט קליינע אָפּטיילונגען פאַר פאַרשיידענע טיילן פון מיין באַגאַזש, געקויפט אַ ביסל וועש, אַ ניי̆עם קאָסטיום און נייע שיך און נאָך אַנדערע נויטיקע זאַכן, און ביי מיר איז נאָך איבערגעבליבן אַ קאַפּיטאַל פון גאַנצע פופצן רובל און מיט דעם „פאַרמעגן" האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אויף מיין ערשטער גרויסער נסיעה. אַז די נסיעה איז אַ גרויסע און אַ וויכטיקע, האָב איך פאַרשטאַנען לויט די צוגרייטונגען און לויט דעם געזעגענען זיך מיט מיר. די שטוב איז געווען געפּאַקט און דאָס געזעגענען זיך און באַגלייטן מיך איז דורכגעפירט געוואָרן ווי אַ גאַנצע פּראָצעסיע. דעם לעצטן טאָג אין דער מיר האָב איך זיך געפילט נישט אַזוי פריילעך. עס איז מיר עפּעס געוואָרן אַ שאָד איבערצולאָזן מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, מיינע פריינט און באַקאַנטע, איבערלאָזן דאָס שטעטל, דעם טייך, דעם שלאָס, די בערג מיטן וואַלד. זיינען זיי דאָך געווען פאַרבונדן מיט אַזוי פיל זיסע קינדערישע דערינערונגען. אַלץ אַרום און אַרום איז מיר מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי טייער... און אַ צווייפל האָט זיך אין מיר אַריינגעגנבעט: אפשר טו איך אַ נאַרישקייט, וואָס איך פאַרלאָז דאָס שטעטל. נאָר פאַרפאַלן: אַלע ווייסן פון מיין רייזע, די זאַכן זיינען שוין איינגעפּאַקט. עס איז שוין נישטאָ קיין וועג אויף צוריק. און מיט אַ צעבראָכענעם געמיט פאַרלאָז איך מיין שטעטל. ביז צו

דער באַן דאַרף איך פאָרן פּופצן וויאָרסט און די גאַנצע צייט זיץ איך אין בויד אַן אומעטיקער, אַ דערשלאָגענער, פאַרטיפט אין טרויעריקע געדאַנ־קען. איך בין מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן — פון אַ טאַטנס אַ קינד אין אַ דער־וואַקסענעם מענטש, וועלכער דאַרף זיין איינגאַנצן אָנגעוויזן אויף זיך. איך פאַרלאָז אַ וואַרעמע היים, אַ באַקוועמן לעבן און איך לאָז זיך אַוועק אין אַ פרעמדער שטאָט, צו אומבאַקאַנטע מענטשן. ווי אַזוי וועט מיך דאָס נייע לעבן באַגעגענען? איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן פאַר מיין צוקונפט און דאָס האַרץ האָט מיר ווי געטאָן. קענטיק, אַז עס האָט פאָרויסגעזען, אַז אין מיין נייעם לעבן וועלן זיין אַ סך טעג נישט געגעסענע און אַ סך נעכט נישט געשלאָפענע און עס וועט מיר אויסקומען אויסצוטרינקען דעם ביטערן כוס פון אָרעמען צרהדיקן לעבן ביזן סוף...

געקומען צו דער באַן־סטאַנציע גאָראָדייע בין איך שוין ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט ווי אַזוי זיך צו באַגיין. כ׳בין גלייך צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, געקויפט אַ בילעט דריטן קלאַס קיין וואַרשע, אַרויס אויף דער פלאַטפאָרמע וואַרטנדיק אויף דער באַן, וועלכער איז טאַקע באַלד אָנגעקומען, מיך אויפ־גענומען און מיך אַוועקגעטראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער פון מיין וואַרע־מער נעסט, פון מיין היים, פון מיין שטעטל...

דער צוג שטעלט זיך אָפּ ביי יעדער סטאַנציע: ניעגאָרעלע, פּאָגאָרעל־צי, באַראַנאָוויטש. די ערשטע צוויי זיינען קליינע סטאַנציעס, אָבער באַראַ־נאָוויטש איז שוין אַ גרויסע סטאַנציע. דאָ קומען זיך צונויף די צוגן פון פאַרשיידענע ריכטונגען און אַ טייל פון די פּאַסאַזשירן גייען דאָ אַריבער פון איין צוג אינעם צווייטן. אין יענער צייט זיינען געווען צוויי באַראַנאָ־וויטשעס — די אַלטע און די נייע. די נייע האָט זיך גערעכנט פאַר אַ שטעטל און יידן האָבן געמעגט דאָרט וווינען און די אַלטע האָט זיך גע־רעכנט פאַר אַ דאָרף און די יידן האָבן דאָרט נישט געטאָר וווינען. דאָס האָט געבראַכט אַ סך שאָדן די באַראַנאָוויטשער יידן און זיי פלעגן דער־לאַנגען בקשות אַזש קיין פעטערבורג, אַז די רעגירונג זאָל זיי דערלויבן דאָרטן וווינען און האַנדלען, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן; די רעגירונג פלעגט אַלעמאָל אָנטזאָגן.

איך זיץ אין באַן די גאַנצע צייט איינער אַליין. איך האָב מורא צו פאַרלאָזן מיין פּלאַץ, כדי אַן אַנדערער זאָל אים נישט פאַרנעמען. איך היט די גאַנצע צייט מיין באַגאַזש, עמיצער זאָל אים נישט צוגנבענען. יעדע רגע פלעג איך אַ טאַפּ טאָן אין מיין בוזעם קעשענע, וווּ עס האָט זיך גע־פונען מיין קאַפּיטאַל, צו איבערצייגן זיך, צי אַלץ איז אין אָרדענונג.

און די באַן לויפט און לויפט. מיר איז שוין דערעסן געוואָרן צו באַ־

טראַכטן די טעלעגראַף סלופּעס, די וועכטערסביידלעך, די סטאַנציעס און אפילו די לאַנדשאַפט צו באַטראַכטן איז מיר אויך שוין געוואָרן איבער־דריסיק. אומעטום די זעלביקע פלאַכקייט, די זעלביקע זאַמדיקע ערד און די זעלבע אָרעמקייט. אָרעמע פּויערים, אַלטע ליימענע אָדער הילצערנע הייזלעך, אַלטע, כמעט איינפאַלנדיקע שייערן, מאָגערע פעלדער, דאַרע פערד און בהמות פּאַשען זיך אויף כמעט טרוקענע לאָנקעס. נישט מער די אָפטע וועלדער און וועלדלעך פאַרטרייבן די מרה שחורה, וואָס די אָרע־מע פּאַנאָראַמע פון אונדזער געגנט וואַרפט אויף מיר אָן. ביי די גרויסע סטאַנציעס זעט מען אַ סך יידן. זיי ריידן, שרייען, טראָגן עפּעס, באַגלייטן, געזעגענען זיך און עס איז אַ טומל, אַ הו־האַ. איך באַטראַכט אויפמערק־זאַם מיינע מיטפאָרער, כמעט אַלע יידן, וואָס ריידן אַ גוטן זאַפטיקן יידיש און איך דערפיל זיך אַ ביסל היימישער. דער עולם פרעגט מיר אָן צערע־מאָניעס ווער איך בין, פון וואַנען, וווהין איך פאָר, צוליב וואָס איך פאָר.

מיר דערנענטערן זיך צו בריסק. דאָ דאַרף איך בייטן דעם צוג אויף אַן אַנדערן, וועלכער זאָל מיך פירן קיין וואַרשע. כ'האָב מורא איך זאָל נישט פאַרבייטן די יוצרות און איך זאָל נישט פאַרפאָרן גאָט ווייסט וווהין. דער עולם איז באַן איז דערווייל שטאַרק באַשעפטיקט אין ברענגען אין אָרדענונג זייערע זאַכן. יעדערער פּאַקט און פאַרבינדט זיינע פּעקלעך און אָט אַזוי קומען מיר אָן קיין בריסק. „סטאַנציע ברעסט ליטאָווסק"! — שרייען אויס אויפן קול די קאָנדוקטאָרן. אין די וואַגאָנען שיטן זיך אַריין אַ סך גויים מיט בלעכלעך אויף די היטלען און נומערן אויף זייערע ברוסטן. אויף די בלעכלעך איז אויסגעקריצט אין רוסיש דאָס וואָרט „טרעגער". די פּאַסאַזשירן גיבן זיי זייערע שווערע טשעמאָדאַנען און זיי טראָגן עס אַוועק. איך בין אַרויס מיט מיין קעסטל און מיך האָט גלייך אָרומגעכאַפּט אַ שרעק. אַזוי פיל זשאַנדאַרן, פּאָליציי, סאָלדאַטן, פורמאַנעס און אַ ים מיט מענטשן. ס'איז אַן אומבאַשרייבלעכער טומל. נאָר וואָס, ווען, ווייס איך נישט. ווען ס'פאַלט נאָר אויף מיר אַ בליק פון אַ זשאַנדאַר, אָדער אַ פּאָ־ליציסט, ווער איך אַ פאַרציטערטער, זיי זאָלן מיך נישט אַרעסטירן, כאָטש מיין פּאַס ליגט אין בוזעם קעשענע און איך פיל זיך אין גאָרנישט שולדיק.

איך גיין אַריין אין וואקזאל דריטן קלאַס און גיב אַ קוק אויף זיין גרויסקייט און הויכקייט און איך ווער איבעראַשט. די שטוב איז נישט נאָר גרעסער פון אונדזער אָפּגעברענטער מירער שול, נאָר זי כאַפּט די לענג שיעור נישט, ווי אַ האַלבע מירער גאַס. נישט נאָר האָב איך אַזאַ גרויסע שטוב קיינמאָל נישט געזען, נאָר איך האָב אפילו אין מיינע פאַנטאַזיעס אַזאַ גרויסן זאָל זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט. און וואָס נאָך מער עס

ווונדערט מיר שטאַרק איז דאָס, וואָס די גאַנצע שטוב איז געפּאַקט, אָרע־מע גוים ליגן אויפן דיל מיט זייערע פּעקלעך און מיט זייערע בעבעכעס אונטערן קאָפּ. עס זיינען אויך דאָ אַ סך אָרעמע יידן, פרויען און קינדער, וועלכע זיצן איבער זייערע פּעקלעך. אַ טייל פון דער גרויסער מאַסע האַלט זיך אין איין באַוועגן, דער לויפט אַהער און דער אַהין. און אַזעלכע מאָדנע מענטשן זיינען דאָ. זיי זעען אויס אַזוי פאַרשיידן, זיינען אַזוי טשיקאַווע אָנגעטאָן. זייער אָפּט קלינגט איינער און שרייט אויס וווהין עס גייט איצט אָפּ אַ באַן, אָדער פון וואַנען עס קומט אָן אַ צוג. איך מאַך מיר האַרץ און גיי צו צום אויסשרייער און פרעג אים ווען עס גייט אָפּ מיין באַן קיין וואַרשע. ער ענטפערט מיר, אַז איך דאַרף וואַרטן נאָך פערציק מינוט.

וואָס, טראַכט איך, קען מען מיר טאָן, אַז איך וועל אַריינגיין אין צווייטן קלאַס, אָדער גאָר אין ערשטן? איך מאַך מיר האַרץ, נעם מיין פּעקל און מאַרשיר אַריין אין צווייטן קלאַס. דער זאַל איז שוין אַביסל קלענערער. נאָר דאָ איז שוין אין גאַנצן אַנדערש. צוגעקליבן, ריין און שיין. קיינער ליגט נישט אויפן דיל, נאָר זיצן אין ווייכע שטולן אַרום די ווייס באַדעקטע טישן. דער עולם איז רייך אָנגעטאָן. מען עסט און מען טרינקט. די קעלנערס פאָרען אַרום די טישן, דערלאַנגען די פּאַסאַזשירן פון דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, און דער עולם לאָזט זיך וווילגיין.

איך האָב זיך ווידער געמאַכט האַרץ און אַריין אין ערשטן קלאַס. דאָ בין איך פשוט פאַרבלענדט געוואָרן: אַלץ שיינט און גלאַנצט. שיינע טישן מיט געשמאַק געגרייט און סערווירט. עס זיצן אָפיצערן, פּאָלקאָווניקעס, גע־נעראַלן און מענטשן זייער רייכע און מיט געשמאַק אָנגעטאָן און פרויען אין רייכע קליידער, זיינען באַהאַנגען מיט גאָלד און טייערע שטיינער. פּלו־צים האָט עפּעס אַ זשאַנדאַרם נישט פון די פשוטע, נאָר פון די געהויבענע, אויף מיר עפּעס אַ קוק געטאָן אַזוי, אַז איך האָב געפונען פאַר נויטיק וואָס גיכער זיך אָפּצוטראָגן און בין צוריק אַריין אין דריטן קלאַס. איצט איז מיר נישט לאַנג אויסגעקומען וואַרטן. אין גיכן האָט מען אויסגעשריען, אַז ס'איז אָנגעקומען דער צוג, וואָס גייט קיין וואַרשע. איך בין אַריין אין באַן און גענומען אַן אָרט לעבן פענצטער. דער צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן און מיר פאָרן שוין דירעקט קיין וואַרשע. מיין וואַגאָן איז ווידער געפּאַקט מיט יידן, נאָר די יידן זיינען עפּעס אַנדערע. דאָס זיינען געווען יידן אין האַלב לאַנגע און גאָר לאַנגע קאַפּאָטעס, יידן מיט פּאות, מיט ארבע כנפות'ן איבער די הויזן, זיי טראָגן שטיוול אין וועלכע זיי רוקן אַריין די הויזן און אַנדערע גייען גאָר אין שטעקשיך און אין לאַנגע ווייסע זאָקן. חוץ אייניקע חסידים, האָב איך אַזעלכע יידן אין מיין שטעטל נישט געזען. און ריידן,

ריידן זיי מאָדנע. דוכט זיך, אַז זיי ריידן יידיש, אָבער אַזאַ יידיש, וואָס איך קען קוים פאַרשטיין. אַנדערע פאַרשטיי איך אין גאַנצן נישט. זיי זינגען עפּעס אויס ווערטער, וועלכע איך פאַרשטיי נישט. די ערשטע זיינען דאָס געוועזן פון בריסקער געגנט, די צווייטע זיינען דאָס געוועזן פוילישע יידן. אָט פאַר זיי, פאַר די פוילישע יידן, בין איך גאָר געוועזן אַ ליטוואַק און דאָס איז פאַר מיר געוועזן גאָר אַ נייע אַנטדעקונג. איך האָב אַלע מאָל גע־ווּוּסט, אַז איך בין אַ ווייסרוסישער. (שפּעטערצו האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פאַר די פוילישע יידן זיינען אַלע נישט פוילישע יידן — ליטוואַקעס)

איינער אַ פוילישער ייד האָט מיר פאַרגעלייגט צו טרינקען אַ גלאָז טיי. ער האָט זיך די גרעסטע מצוה איינגעקויפט. דעם גאַנצן וועג האָב איך געחלשט אַ טרונק, נאָר איך האָב מורא געהאַט אַראָפּצוגיין פון מיין אָרט. איך האָב די טיי מיט פאַרגעניגן גענומען און כ'האָב געפילט, אַז יעדער זופּ איז פאַר מיר אַ היילונג. דער ייד האָט מיט מיר פאַרפירט אַ געשפּרעך. נאָר איך האָב אים זייער שווער פאַרשטאַנען. ער הויבט אָן צו ריידן מער אויסגעצויגן, ער באַמיט זיך נאָכצוריידן דעם ליטווישן אַקצענט און איך הויב אים אָן אַביסל בעסער צו פאַרשטיין.

ער קען גוט ליטע, דערציילט ער מיר, ער איז שוין געוועזן אַ פּאָר מאָל אין ווילנע און איז אויך געוועזן אין מינסק און אין סמאָרגאָן. זיי זיינען מאָדנע מענטשן, די ליטוואַקעס, זאָגט ער צו מיר. אויף „מאָסטאַרד" זאָגן זיי „גאָרטשיצע". אָבער עס זיינען צווישן זיי אויך פאַראַן פיינע מענטשן. די ליטוואַקעס זיינען אַלע געלערנטע. די בעסטע מלמדים און לערער זיינען די ליטוואַקעס.

ער פרעגט מיך, צי איך בין אויך אַ געלערנטער און ווו איך האָב זיך געלערנט און וואָס פאַראַ קלאַסן איך האָב געענדיקט. איך האָב אים גע־ענטפערט, אַז איך האָב נישט לאַנג צוריק פאַרענדיקט אַ זעקס קלאַסישע שול. דאַן האָט ער מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל ווערן אַ לערער פאַר זיינע פיר קינדער. ער וויל זיי זאָלן קענען לייענען און שרייבן רוסיש. ער מוז דאָס האָבן פאַר זיינע געשעפטן. נאָך מער, ער שלאָגט מיר פאָר, איך זאָל פאָרפאָרן צו אים און זיין אין זיין הויז ביז איך וועל קריגן אַ צימער פאַר זיך.

— רוסיש, זאָגט ער מיר, איז אַ שיינע שפּראַך. ער האָט געלייענט די מעשהלעך (פאַבלען) פון קרילאָוו, איז פון זיי ממש די פינגער צו לעקן. אַ מאָדנע זאַך מיט די רוסן — ווילדע מענטשן און זיי שרייבן אַזוי שיין. זיינע קינדער זיינען געבילדעט: קענען לייענען און שרייבן פויליש און דייטש, פאַרשטייען די שוואַרצע פינטלעך, נאָר קיין רוסיש קענען זיי נישט און רוסיש דאַרף מען האָבן צום געשעפט. ער האַנדלט מיט אויסגעאַר־

בעטער לעדער, פירט געשעפטן מיט ליטוואַקעס, מיט רוסישע יידן און אפילו מיט אמתע רוסן פון טיף ראָסיי. מוז מען קענען רוסיש, כדי צו קענען איבערלייענען זייערן אַ בריוול און זיי אָפּצוענטפערן. קורץ, גלייך ווי איך וועל קומען אין וואַרשע, זאָל איך אָנהייבן לערנען זיינע קינדער רוסיש און צאָלן וועט ער מיר פאַר איין שעה לערנען מיט זיינע קינדער דריי רובל אַ חודש. אויסער דעם האָט ער אין וואַרשע אַ סך קרובים, וועט ער מיר זיי רעקאָמענדירן, וועל איך האָבן נאָך אַ פּאָר לעקציעס און אַזוי אַרום וועל איך זיך איינאָרדענען אַלס לערער. מיר איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן און איך האָב איינגעשטימט.

און די באַן טוט אירס. זי דערנענטערט זיך צו וואַרשע. אַ סך פּאַסאַזשירן האָבן זיך שוין געביטן. איך גיב אַ קוק אין פענצטער און איך זע, אַז דאָ איז גאַנץ אַנדערש, ווי ביי אונדז אין מינסקער גובערניע. ס׳איז רייכער, שענער, ריינער. די דאָרפישע הייזער זיינען געבויט פון קלעצער, אַ טייל אפילו פון ציגל. די פויערים זיינען שענער און רייכער אָנגעטאָן. די פנימער נישט אַזוי פאַרזאָרגט, נישט פאַרצאָרנט. די תבואה איז אַ בעסערע און וואַקסט רייכער. עס פילט זיך אַרום און אַרום אַז דאָס לעבן איז דאָ רייכער, זאַטער ווי ביי אונדז.

מיר זיינען שוין גאָר נאָענט פון וואַרשע. אין וואַגאָן ווערט געדיכטער און געדיכטער און שוין ביי די לעצטע סטאַנציעס איז געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז מען קען זיך נישט אַ קער טאָן. —נאָך צוואַנציק מינוט און מיר זיינען שוין אין פּראַגע, די פאָרשטאָט פון וואַרשע, — דערקלערט מיר מיין וואַרשעווער ייד. אַלע זיינען אויף די פיס. מען בינדט צונויף די פעקלעך, זעק, טשעמאָדאַנען און קעסטלעך, קופערטס. אַנדערע גייען שוין צום אַרויסגאַנג, כדי די ערשטע אַראָפּצוגיין. דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט, קרעכצט און פייפט. ער פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג, ביז ער שטעלט זיך אין גאַנצן אָפּ. מיר זיינען אָנגעקומען אין פּראַגע. דאָס איז געווען אונדזער לעצטע־אָפּשטעל.

קאַפּיטל 9

איך פאָר איבער דער פּוילישער הויפּטשטאָט

נאָכן בריסקער וואקזאל האָט שוין אויף מיר דער וואַרשעווער, וועלכן מען האָט דעמאָלט גערופן דער טרעספּאָלער וואקזאל, נישט געמאַכט אַזאַ איבעראַשנדן איינדרוק, כאָטש דער טומל, דער געשריי, דאָס איילעניש, דאָס יאָגעניש, איז אַזוי ווי אין בריסק און אפשר נאָך מער. אָבער דער וואָקזאַל איז געווען אַ סך קלענער און אָרעמער ווי דער בריסקער און מיר האָט דאָס אַ סך אנטוישט. דערפאַר האָב איך דאָרטן בריטשעקס, וועגענער און פורמאַנעס געטראָפן אַ סך מער ווי אין בריסק און זיי זיינען געווען אַ סך חוצפּהדיקער ווי די בריסקער. זיי האָבן זיך געריסן פאַר די פּאַסאַזשירן און געכאַפּט די פּעקלעך פון די הענט. זיי האָבן איינע די אַנדערע געזידלט און געברידלט.

מיין וואַרשעווער פּראָטעזשע האָט דערווייל געבראַכט אַ בריטשקע און איך האָב זיך אין איר צוזאַמען מיט אים אַריינגעזעצט. עס איז זייער שווער איבערצוגעבן וואָס איך, אַ זיבעצן יאָריקער יינגל פון אַ קליין ליט־וויש שטעטל, האָב איבערגעלעבט, פאָרנדיק איבער די גאַסן פון די גרויסע שטעט פּראגע און וואַרשע. אַלץ איז פאַר מיר געווען ניי, אַלץ איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער ווונדער און אַלץ האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמ־קייט. מיין גאַנצער איך, איז דוכט זיך, דאַן באַשטאַנען פון אויגן און אויערן. דאָס ערשטע האָבן מיך איבעראַשט די גרויסע פיר־פינף גאָרנדיקע מויערן, וועלכע פאַרמאָגן אַזוי פיל פענצטער און יעדעס הויז האָט אַ גרויסן טויער. אין מיטן פון די גאַסן אַ גלאַטער ברוק אויף וועלכן עס פאָרן אַזוי פיל וועגענער מיט אַזוי פיל משא און ביי זייטן איז אויסגעלייגט אַ ברייטער טראָטואַר איבער וועלכן עס גייען אַזוי פיל מענטשן. און די גאַסן קערט מען און מען באַשפּריצט זיי אויך מיט אַזעלכע לאַנגע וואַסער קישקעס. און אָט נאָך אַ גרעסערער ווונדער: איינער פאָרט אַריין מיט אַ גרויסן וואָגן אָנגעפּאַקט מיט סחורה אין אַ הויז דורכן גרויסן טויער, וועלכער איז ברייט פאַרנאַנדערגעעפנט. די הויפן, באַמערק איך, זיינען זייער לאַנגע און זיינען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט הויכע פיל שטאָקיקע הייזער. אין אַזאַ הויז, טראַכט איך מיר, מוזן וווינען אַזוי פיל מענטשן, וויפל אין מיין גאַנץ

שטעטל... און יעדע גאַס האָט אַ נאָמען און ביי יעדן ווינקל פון גאַס זיינען אָנגעצייכנט אין רוסיש און אין פויליש די נעמען פון די גאַסן... ביי יעדן טויער הענגט אַ בלעכענע שילד מיט דעם נומער פון הויז און דעם נאָמען פון דער גאַס, אויך צו וועמען די הויז באַלאַנגט און אין וועלכן פּאָליציי־צירקל זי געפינט זיך.

און אָט דערזע איך גאָר צום ערשטן מאָל אַ טראַמוויי געשפּאַנט מיט צוויי פערד און אינעווייניק זיצן אפשר אַ דרייסיק מענטשן. דער טראַמוויי־שטעלט זיך אָפּ און פּאַסאַזשירן גייען אַרויס און אַנדערע גייען אַריין...

און אין די גאַסן זיינען דאָ אַזוי פיל קראָמען, שפּייכלערס, געשעפטן; די שילדן ווייזן, אַז כמעט אַלע אייגנטימער פון געשעפטן זיינען יידן. און די שילדן אַליין איבער די געשעפטן זיינען אַזעלכע גרויסע אַז איך, וואָס קען נישט זען פון דערווייטן, קען זיי פון דעסטוועגן דייטלעך לייענען. און פּאָליציי... אויף וואָס דאַרף מען זיי אין אַזאַ גרויסער צאָל? כמעט ביי יעדער ווינקל פון גאַס אַ פּאָליציסט, און אַנדערע שפּאַצירן אַהין און צוריק אין מיטן גאַס. מיין באַגלייטער ווייזט מיר אָן אויף אייניקע גרויסע שיקאַרנע הייזער און דערקלערט מיר צו וועמען זיי באַלאַנגען און כמעט אַלע מאָל ענדיקט ער מיט דעם זעלביקן נוסח: „ער איז אַ פאַרברענטער חסיד פונם גערער און רייך איז ווי ער קורח".

און אָט קומט אונדז אַנטקעגן אַ לויה. מען פירט גאָר דעם טויטן אין אַן אויסגעפּוצטן קאַסטן אויף אַ טרויער וואָגן, די פערד זיינען אָנגעטאָן אין שוואַרצן. עס באַגלייט אים צו זיין לעצטער רו גאָר אַ קליינער עולם. און אויף אַלע איבעריקע יידן מאַכט די פּראָצעסיע קיין איינדרוק נישט. זיי זיינען פאַרנומען ווי אַלע טאָג מיט זייערע געוויינלעכע געשעפטן. אינטע־רעסירן זיך אפילו נישט ווער דער פאַרשטאָרבענער איז געווען. דאָס לויה־בילד האָט אַביסל פאַרשטערט מיין יום טובדיקע שטימונג. עס איז נישט גוט צו שטאַרבן אין אַ גרויסער שטאָט, טראַכט איך.

און אָט איז די בריק, וואָס איז איבערגעוואָרפן איבער דער ווייסל. די בריק פאַרייניקט פּראַגע מיט וואַרשע. נאָך מיט יאָרן צוריק האָט מען די בריק געבויט און מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן — די בריק פון אַלעק־סאַנדער דעם צווייטן. די פּאָלאַקן האָבן אָבער נישט געוואָלט ליידן וואָס די בריק דאַרף טראָגן דעם נאָמען פון אַ רוסישן צאַר. זיי האָבן שטאַרק גע־אַרבעט קעגן דעם, נאָר עס האָט זיי נישט געהאָלפן. ווען מען האָט די בריק געעפנט האָט אפילו איין פּאָלאַק אַ געשריי געטאָן „קאַפּוסטאַ" (— קרויט, אַ זידל־וואָרט פאַר די רוסן) און אַלס פּראָטעסט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דער בריק גלייך אין דער ווייסל אַריין.

מיר פאָרן איבער דער בריק, וועלכע איז אינגאַנצן פון אייזן. זי איז

זייער אַ ברייטע און אַ לאַנגע. אין יענער צייט האָט די בריק געהאַט אַ נאָמען אויף דער גאַנצער וועלט, אַלס דאָס לעצטע וואָרט פון בריק־אינ־זשענעריי און וואַרשע האָט שטאָלצירט מיט איר. איך דערזע פון דערווייטנס נאָך אַ בריק איבער דער ווייסל, און כאָטש יענע איז אַ סך קלענער, דאָך, פאַרשטיי איך, מוז זי זיין שטאַרקער, ווייל איבער יענער בריק גייען אַלע וואַרשעווער באַנען, וואָס דאַרפן צוקומען צום ווינער וואָקזאַל.

די ווייסל נעמט ביי מיר אויס. אַ גרויסער און אַ ברייטער טייך. די וואַסערן זיינען קלאָר און גאַנץ טיף. אַ סימן האָב איך: עס גייען איבער איר פאַרשיידענע שיפן און שיפלעך. מיר געפעלט, וואָס די שיפן גייען איבערן טייך אַזוי רויק און שטיל... איך וואָלט זייער וועלן אַמאָל זיך דורכ־פאָרן אויף אַזאַ שיף. צווי פּאָליציי־לייט רעגולירן די באַוועגונג אויפן בריק. און אַ באַוועגונג איז דאָ אַ ריזיקע. אַלע פוס־גייער, פורמאַנעס, קאַרעטן, מַשא־וועגענער, וואָס פאָרן פון וואַרשע קיין פּראַגע, אָדער פאַרקערט, מוזן אָנקומען צו אָט דער בריק. און אויף דער זעלביקער בריק לויפט אויך אַ טראַמוויי.

מיר פאָרן אַדורך די בריק און מיר זיינען שוין אין וואַרשע. אַ װוּנדער־באַרע שטאָט־פּאַנאָראַמע האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט. אַ גרויסער פּלאַץ, דער שלאָס־פּלאַץ, פון איין זייט אַ גימנאַזיע און די „באָד אונטער בלעך" און פון דער צווייטער זייט גאַס איז דער שלאָס, — אַן אַלטמאָדישע פעסטונג פון די אַמאָליקע פּוילישע קעניגן. היינט וווינט דאָרט דער גענעראַל גובער־נאַטאָר. אין מיטן סקווער אַ גרויסער, שיינער מאָנומענט, פאַר דעם פּוילישן קעניג זיגיסמונד. דער קעניג אין זיינע קעניגלעכע בגדים שטייט שטאָלץ מיט אַ שווערד אין האַנט. ער שטייט אויף אַ הויכן פּעדעסטאַל, אַזוי הויך, אַז ער איז העכער פון די אַלע אַרומיקע הייזער. פון דעם סקווער לויפן גאַסן אין די פאַרשיידנסטע ריכטונגען פון שטאָט. און מיין וואַרשעווער דער־קלערט מיר: דאָס איז די קראָקעווער פאַרשטאָט, נאָך איר גייט די ניי־וועלט און דערנאָך הויבן זיך אָן די אַלייען. דאָ איז דער מקום, דער געפערלעכסטער און שמוציקסטער געגנט פון שטאָט. דורך אַ שמאָלער גאַס ווו עס לויפט דער טראַמוויי, פאָרן מיר אַריין אין דעם יידישן געגנט, צו די נאַליעווקעס, דזשיקע, נאָוואָליפּקע, פראַנצישקאַנער. אונדזער פורמאַן פאָרט איבער די גאַסן אָנגעפּולטע מיט מענטשן, מיט פורן, קאַרעטן און טראַמווייען, און ער פאָרט קיינעם נישט איבער. ער פאַרטשעפּעט זיך אפילו מיט קיינעם נישט און פאַר מיר בלייבט אַ סוד ווי אַזוי ער באַוויזט דאָס... ער פאָרט מיט אונדז אַדורך אַ שמאָל געסל דורך וועלכן עס גייט אַ טראַמוויי. איך לייען איבער דעם נאָמען פון דער גאַס. „שווענטע קרזשיסקע": אויפן נאָמען פון

דעם הייליקן צלם. מיר פאַרדריסט אַ ביסל די גאַנצע מעשה: אַ יידישע גאַס זאָל טראָגן אַזאַ נאָמען...

די הייזער זיינען גרויסע, ברייטע און הויכע. און כמעט אַלע, וועמען איך זע אין גאַס, זיינען יידן, פוילישע יידן, אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט לאַנגע געקרייזלטע פאות, מיט די הויזן אין די שטיוול, און גראדע אַנדערע געפּעלן מיר. ריינע, ציכטיקע, אידעלע און אַנדערע זעען אויס ווי ברוך שפּינאָזע און אוריאל אַקאָסטאַ. פון דער גאַס פאַרקירעווען מיר אין אַן אָרעם אידישן געסל, וואָס הייסט די „נאָוויניאַרסקע" גאַס, אַ גאַס ווו יידן האַנדלען מיט אַלטע אָפּגענוצטע זאַכן. דאָ קען מען אַלץ קריגן: פון אַן אַלטע פּאָר הויזן, ביז אַן אַלטער פּיאַנאָ. אַ גאַנצע גאַס מיט קראָמען, מיט קעסטלעך און טישלעך פאַרלייגט מיט סחורות. אַלע שרייען, רופן אַריין די קונים, שרייען אויס זייער סחורה און רימען עס אין זיבעטן הימל אַריין. אומעטום איז שמוציק, אָפּגעלאָזן. די הייזער, אַלטע, פון מלך סאבעטסקעס יאָרן, און עס דוכט זיך מיר אויס, אַז די הייזער שטייען פון דעמאָלסט אָן נישט פאַריכט און נישט געפאַרבט.

פון דאָרטן פאַרקירעווען מיר און פאָרן אַריין אין דער פראַנציסקאַנער גאַס. אַ טיפּיש יידישע גאַס. נאָר דאָ וווינען שוין גרויסע יידישע סוחרים, זיי האָבן דאָ זייערע גרויסע געשעפטן פון מאַנופאַקטור, לעדער, אין די אונטערשטע עטאַזשן זיינען די געשעפטן און אין די אויבערשטע וווינט מען. איך בין דאָ אַריינגעפאַלן אין קאָך פון וואַרשעווער יידישע געשעפטס־לייט. עס רוישט, עס ברויזט, עס זידט. די טראָטואַרן זיינען פאַרפולט מיט מענטשן. אַלע יידן. גרויסע וועגענער פירן סחורה. אויפן גאַס פּאַקט מען די סחורה אין קאַסטנס און מען פאַרקלאַפּט מיט טשוועקעס און די געשעפטן זיינען געפּאַקט מיט מענטשן. דאָס זיינען מערסטנס קרעמער פון דער פּראָווינץ, וועלכע זיינען געקומען קיין וואַרשע איינקויפן סחורה. יידן האַנדלען, לויפן, שמייען, ריידן איין, איבערצייגן. און דאָ זע איך אַ שענק, און אָט איז אַ רעסטאָראַן. אַנטקעגן באַמערק איך אַ קאַפע הויז. זיי זיינען געפּאַקט. יידן עסן און טרינקען און דערווייל פאַרהאַנדלען זיי וועגן געשעפט. הימל און ערד און געשעפט.

מיר שטעלן זיך אָפּ נעבן אַ גרויסן הויז. באַצאָלן דעם פורמאַן, גייען אַריין אין הויף. נו, אַ הויף! ער איז אַ לאַנגער פיר עק, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט מויערן פינף עטאַזש די הויך. אַ סך טירן מיט טרעפּ פירן צו די וווינונגען. און וווינונגען מוזן דאָ זיין, געוויס אַ צוויי הונדערט און אפשר נאָך מער. ווער ווייסט? און אין יעדער וווינונג איז אַ גאַנצע פאַמיליע. איך מאַך אַ שטיקל חשבון אין קאָפּ און רעכן אויס, אַז אין דעם הויף געפינען זיך כמעט אַ דריטל מענטשן ווי אין מיין גאַנץ שטעטל, דער

מיר. און ווער וועט מיר אין מיין שטעטל גלויבן, אַז איך האָב אַליין מיט מיינע אויגן געזען אַזאַ הויז?!

מיר גייען אַריין אין איינער פון די טירן, און הויבן אָן צו קלעטערן דורך די טרעפּ אין דער הויך. אויפן פערטן עטאַזש פאַרקירעווען מיר לינקס און קלינגען אָן. איך באַמערק אויפן טיר אַ קאַרטל אויף וועלכער עס איז אין פויליש אָפּגעדרוקט די פאַמיליע „דאַנציג". זע נאָר, די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען צוזאַמען, האָבן מיר זיך גאָר נישט פאָרגעשטעלט, און מיר ווייסן נישט איינער דעם אַנדערנס נאָמען. מיר זיינען אַריין אין הויז ווו גלייך ווי מען האָט אים דערזען, איז געוואָרן אַ פרייד, אַ גדולה: „דער טאַטישי איז געקומען, דער טאַטישי איז דאָ!". און מען קושט זיך און מען האַלדזט זיך.

ער שטעלט מיר פאָר. „יאַך האָב איך געבראַכט אַ ליוטוואָק פאַר אַ ליירער". און מיר קלינגט עס מאָדנע, אנשטאט אַ „ליטוואַק" אַ „ליוטוואָק" און אנשטאט אַ „לערער", אַ „ליירער". און נאָך טשיקאַווער איז פאַר מיר, וואָס אנשטאט „איך" זאָגט ער „יאַך". דער עולם באַטראַכט מיך נייגעריק פון אַלע זייטן. און די עלטערע טאָכטער איז שוין אויף אַזוי פיל היינט-וועלטיק, אַז זי באַגריסט זיך מיט מיר פון דערווייטנס מיט אַ שמייכל. דאָס מוז זיין דאָס כלה-מיידל, האָב איך אַ טראַכט געטאָן. דערווייל האָט מען דערלאַנגט שנאַפּס, הערינג, קיכלעך און קאַווע. און נאָך אין אַ שעה וועט זיין מיטאָג. מען צוזעצט זיך אַרום אַ גרויסן טיש, דערווייל עפּעס איבער-כאַפּן, דאָס האַרץ זאָל נישט אַרויספאַלן... נעבן מיר זיצט דאַנציגס מוטער, זייער אַן אַלטע פרוי. זי פאַרציט מיט מיר אַ געשפּרעך און גראָדע אַ קלוגן געלערנטן געשפּרעך. זי געדענקט דעם פראַנצויזיש-רוסישן קריג. זי האָט געזען די גרויסע פראַנצויזישע אַרמיי. און איינמאָל אויף קראָקעווער פאָר-שטאָט געזען אפילו נאַפּאָלעאָנען אַליין.

ווי אַזוי האָט איר אים געקענט זען? גיב איך נאַריש און אומטאַקטיש אַ פרעג. דאָס איז דאָך שוין אַ מעשה פון 87 יאָר.

יאָ, איך האָב אים געזען. איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכט-ניין, און איך געדענק דאָס ווי עס וואָלט היינט געשען. ביים טיש איז שטיל. נישט מער דער בעל הבית דערציילט פון זיין רייזע, פון זיינע געשעפטן. די קינדער קוקן געגנבעטערהייט אויף מיר. באַטראַכטן מיין יעדע באַ-וועגונג און פילנדיק אויף זיך זייערע אַלעמענס בליקן, בין איך אינגאַנצן פאַרלאָרן, דאָס עסן גייט מיר נישט איין.

ווען איך בין שוין אַרויס פון הויז און פון הויף און געשפּאַצירט איבער פראַנצישקאַנער גאַס, האָט מיך אָנגעיאָגט דאַנציגס עלטערער יינגל און מיר געזאָגט, אַז זיי ווינען אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס נומער 11, וווינונג 56.

„ביזט אַ פּאָרווינציאַלי!" האָב איך זיך אַליין אויסגעזידלט...

קאַפּיטל 10

איך באַטראַכט וואַרשע

נישטאָ וואָס צו זאָגן, וואַרשע איז שוין איינמאָל אַ גרויסע שטאָט. אַ גאַנצן טאָג אַז איך שפּאַציר אַרום, גיי פון גאַס אין גאַס און וואַרשע האָב איך נאָך נישט אויסגעזען, נישט אויסגעגאַנגען און עס איז נאָך פאַרבליבן אַ סך צו גיין און צו זען.

דאָס ערשטע בין איך אַרויף אויף די נאַליעווקעס. אַ ברייטע, שיינע גאַס, נאָר נישט קיין לאַנגע. זייער שיינע הויכע הייזער און יעדעס הויז איז אַנדערש געפאַרבט און אַנדערש געבויט און די פילפאַרביקייט וואַרפט זיך דיר אין די אויגן. כמעט די גאַנצע גאַס באַשטייט פון געשעפטן און נישט נאָר אונטן נאָר אויך אין די אויבערשטע עטאַזשן און אין די הויפן. אַ וועלט מיט סחורה איז אָנגעוואָרפן אויף אָט די נאַליעווקעס און מערסטנס מאַנו־פאַקטור. דער עולם איז דאָ אַ געמישטער: אי אין לאַנגע קאַפּאָטעס, אי אין קורצע רעקלעך, אי מיט די יידיש־פוילישע היטעלעך, אי מיט מאָדערנע קאַפּעליושן. און ליטווישער יידיש מישט זיך צענויף מיטן פוילישן. די גאַס איז פול געפאַקט, ס׳איז שווער איבער די טראָטואַרן צו גיין, מענטשן רייבן זיך איינע אָן די אַנדערע. דו קענסט גלייך באַמערקן, אַז די מערסטע גע־שעפטן באַלאַנגען צו רוסישע יידן. די רוסישע רעגירונג האָט אַ סך יידי־שע סוחרים אַרויסגעטריבן פון מאָסקווע און די אַרויסגעטריבענע האָבן דאָ אין וואַרשע געפונען אַ ברייטן פעלד פאַר זייער מסחר און זיי האָבן דאָס געמאַכט, נאַליעווקע און גענשע, באַוווסט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

נישט ווייט די נאַליעווקעס איז די טלאָמאַצקע, ווו עס געפינט זיך דער טעמפּל פון די וואַרשעווער רעפאָרמירטע יידן. ער איז זייער אַ שיינער מיט קאַלאָננעס און הויכע טרעפּ, וועלכע פירן צו די צוויי גרויסע מאַסיווע טירן, דורך וועלכע מען גייט אין טעמפּל אַריין. אויבן אַ קופּאָל וועלכע שיינט אויפן זון, ביי די זייטן זעען זיך אַנדערע געביידעס, אין איין געביידע איז דאָ די באַוווסטע טעמפּל ביבליאָטעק, מיט אַ מאַסע פוילישע און העב־רעאישע ביכער, מיט צייטשריפטן און מאַנוסקריפּטן.

איך בין אַרויף אויף דער ביעליאַנסקער גאַס. אַ גרענעץ גאַס צווישן

דער פוילישער און דער יידישער וואַרשע. אויך אַ גאַס פול מיט געשעפטן פון גאָלד, טייערע שטיינער, זילבער, צירונג, זייגערס, שטעמפּלען און טייע־רע פרויען־קליידער. דאָ איז שוין שטילער, רויקער, מען רופט נישט אַריין, מען שלעפּט נישט אין די געשעפטן, כאָטש עס איז גרינג צו באַמערקן, אַז די אַלע אייגנטימער פון די געשעפטן זיינען יידן.

טעאַטער פּלאַץ. דאָ איז די אָפּעראַ הויז מיט קאָלאָנעס, די ווענט זיינען באַצירט מיט פיגורן און אויסשניצונגען. ביי די זייטן די רייכסטע רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער, געשעפטן פון אנטיקן. אַנטקעגן דער אָפּע־ראַ — דער מאַגיסטראַט: די שטאָט־פאַרוואַלטונג. אַ סך הויפן און אין יעדן הויף אַ סך הייזער און אין יעדער הויז אַ סך אָפּטיילונגען און אומעטום זיצן בעאַמטע. דאָ איז די שוץ־אָפּטיילונג, דאָ זיינען די טורמעס, הויפּט־פאַרוואַל־טונג פון דער פּאָליצײ מיטן פּאָליצײ־מייסטער, די זשאַנדאַרם־אָפּטיילונג, די פייער־לעשער, דער אַדרעסן־טיש, פּאַספּאָרטן־אָפּטיילונג. אַלע מאָל דרייען זיך דאָ אַרום אַ סך סאָלדאַטן, פּאָליצײ און זשאַנדאַרמען. דאָס הויז ווערט שטאַרק באַוואַכט פון סאָלדאַטן און פייער־לעשער. אין מיטן טעאַטער פּלאַץ אַ סקווער, אין וועלכן עס געפינען זיך אַ סך פאָנטאַנען, וואָס גיסן שטענדיק פון זיך וואַסער.

און דער פּראַכטפולער פּלאַץ איז דאָס אַמאָל געווען די יידישע געטאָ אונטערן שטאָט, ווו יידן האָבן געמעגט וווינען, אויב מען האָט זיי געלאָזט, ווייל אַ סך מאָל האָט זיי די פוילישע רעגירונג פון זייער געטאָ פאַרטריבן. און אַ סך מאָל פלעגן דאָ די פּאָליאַקן אָנפאַלן אויף די יידן, מיט שטיינער און מעסערס, און זיי פלעגן צעראַבירן זייער האָב און גוטס.

גראַף קאָצעבו גאַס. אַ גאַס אָנגעפּולט מיט די שענסטע פּאַלאַצן, מיט הערבן ביי די ברייטע געשניצטע טירן. די פּאַלאַצן זיינען מיט גראָבע מאַ־סיווע קייטן אַרומגערינגלט. דאָ געפינט זיך די פּראַכטפולע געביידע פון פּאָסט און טעלעגראַף. קענטיק רעקווירירט פון אַ גאַר רייכן פוילישן גראַף. פון דער גאַס גייט מען גלייך אַריין אין זאַקסישן גאָרטן, ווו מען לאָזט נישט אַריין קיין הינט און נישט קיין יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס. ביים אַריינגאַנג שטייט פּאָליצײ און באַטראַכט יעדנס קליידונג. זייער אַ שיינער פּאַרק אין צענטער פון שטאָט. אַ סך אַלייען, וועגן, בענק, סטאַטועס. דער פּאַרק האָט אַרויסגאַנגען צו די פאַרשיידנסטע באַרימטע גאַסן אין היינטיקן וואַרשע.

איך בין גראָד אַרויס צו דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, די לענגסטע און איינע פון די שענסטע גאַסן אין וואַרשע. זי ציט זיך פון דעם פּאַרק איבער דער גאַנצער לענג פון שטאָט ביז צו די באַרימטע אַלייען. מיט דער גאַס שטאָלצירן די פּאָליאַקן, דאָך טרעף איך דאָרטן אַ סך יידישע געשעפטן,

אפשר מער יידישע ווי פוילישע. און זייער אָפט טרעף איך דאָ אויך יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט געקרייזלטע פּאות. די גאַס איז זייער אַ ברייטע און אין דער בוי פון די הייזער קען מען באַמערקן אַ גוטן געשמאַק, אין סטיל, אין אַרכיטעקטור. יעדעס הויז איז אָריגינעל, זעט אויס פּריש, כמעט ניי. איך שנייד איבער אַ פּאָר גאַסן און גיי אַריין אין קראָקעווער פּאַרשטאָט, די באַליבטסטע גאַס פון דער פוילישער אינטעליגענץ. דאָ איז אַ געמיש פון פוילישע קולטורעלע אינסטיטוציעס, געשעפטן און רעזידענץ. איך טרעף זייער ברייטע, שיינע פּאַלאַצן, אָפט מיט צוויי לייבן ביים אַ־ריינגאַנג און אַ טייל רייכע הייזער זיינען אינגאַנצן אָפּגעצאמט. פון דאַנען גיי איך אַרויף אויף דער נייער וועלט. דאָ וווינט די פוילישע אַריסטאָקראַ־טיע, גוטס־באַזיצער און גלאַט רייכע און אָנגעזעענע פּאַליאַקן. די גאַס ווערט אָפט באַזונגען פון די פוילישע פּאָעטן, זי פיגורירט אָפט אין די פוילישע ראָמאַנען. און אַלע מענטשן וואָס גייען אויף די הויפּט־גאַסן, זיי־נען אויסגעפּוצט, זייער שיין און נעט אָנגעטאָן. אַ שיין פאָלק די פּאָליאַקן. שיינע, בויגזאַמע, שלאַנקע פרויען און מענער און אַלע אַזוי לעבעדיק און אַזוי פריילעך.

נאָר איין זאַך פאַרדריסט מיר, איך זע אַ מאַסע קלויסטערס. און אַלע אויסגעפּוצטע נעמען אַראָפּ די קאַפּעליושן, די פרויען בוקן זיך און כמעט אַלע צלם׳ן זיך. אייניקע גייען צו צום קלויסטער און בוקן זיך עטלעכע מאָל זייער נידעריק. איך האָב אויך באַמערקט ווי אויסגעפּוצטע שיינע פרויען גייען צו און קושן די שטיינער פון די טרעפּ. מיך פאַרדריסט ווי אינטע־ליגענטע געבילדעטע פּאָליאַקן זיינען אַזוי אַבערגלויביש. אָט דאָס הייסט די ווירקונג פון קאַטאָליציזם!

און אָט בין איך שוין אויף די יערוזאַלימסקע אַלייען, איבער וועלכע די אָרעמע וואַרשע האָט ליב צו שפּאַצירן, און די רייכע צו פאָרן איבער איר רייטנדיק, אָדער אין פאַיעטאָנען. פוןביידע זייטן זיינען אַלייען. די רייכע הייזער זיינען ווייט אָפּגערוקט פון די טראָ־טואַרן און זיינען איינגעטונקען אין בוימער און אין בלומען. אין די אַלייען טרעפסטו אָפט בענק אָפּצורוען און דיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ וווּנדער שיינע גאַס אין מיטן פון אַ וואַלד. דאָ איז זייער שטיל, אָבער די שטילקייט ווערט אָפט איבערגעריסן פון די קלעפּ פון די פערדישע קאָפּיטעס, אָדער פון אַ געלעכטער פון אַ פריילעכער קאָמפּאַניע אין אַ פאַיעטאָן.

און איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אַ מאָל ערגעץ געלייענט, אַז די ערשטע יידן אין 14־טן יאָרהונדערט האָבן זיך באַזעצט הינטער וואַרשע, געגרינדעט זייער געטאָ־שטעטל, וועלכע זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן ניי־ירושלים. זאָל עס זיין דער זעלביקער פּלאַץ? און אויב דאָס איז טאַקע דער־

זעלביקער פּלאַץ האָט ער פאַר די 6 הונדערט יאָר אַדורכגעמאַכט אַ וווּנדערבאַרע מעטאַמאָרפאָזע...

עס זיינען אין דער געגנט פאַראַן נאָך פאַרשיידענע אַלייען, פון וועלכע די אַלייע פון רויזן געפעלט מיר אַמבעסטן. דאָ אין די אַלייען זיינען די פאַרבייפאָרער און די שפּאַצירער נאָך שענער אָנגעטאָן, אין פרינץ־אַלבערטס מיט צילינדערס און די פרויען אין זייד און אין סאַמעט, און זיי פּאַראַדירן מיט זייערע בריליאַנטן...

אין די אַלייען זיינען דאָ מאָדנע רעסטאָראַנען. זיי זיינען נישט אין הייזער נאָר אין גערטענדלעך. אונטער די געדיכטע בוימער, אין שאָטן, שטייען טישן און שטולן. עס שפּילט אַן אָרקעסטער, אָדער עס הערט זיך אַ כאָרגעזאַנג. די קעלנערס זיינען עלעגאַנט אָנגעטאָן, זיי בויגן זיך אין דרייען פאַר די עסערס און זיי ריידן אַזוי מה יפותדיק. אַלע פּלעצער זיינען פאַרנומען, מען עסט און מען טרינקט און מען פאַרברענגט דאָ אַ גוטן טאָג. נו, זיי איז גוט...

פון די אַלייען בין איך אַריין אין די „לאַזיענקעס". אַ וווּנדערבאַרער פּאַרק מיט פאַרשיידענע סטאַטועןָ. אָט איז דער קעניגלעכער פּאַלאַץ אויפן וואַסער. דאָ האָט געוווינט דער לעצטער קעניג פּאָניאַטאָווסקי. פאַרן אַריינגאַנג אין פּאַלאַץ אַ סך סטאַטועןָ אין גריכישן סטיל און אין טייך שווימען מאַיעסטעטיש, גראַציעז, שוואַנען. זיי האָבן ליב צוצושווימען צו די פּאַנטאַנען, וועלכע באַגיסן זיי מיט וואַסער. די שוואַנען טרייסלען זיך אָפּ און שווימען אַוועק. אַ פאַרגעניגן צו זען ווי שיין זיי שווימען.

אומעטום, אויף די בענק, זיצן דאָ מענטשן און באַטראַכטן, דעם פּאַרק, דעם פּאַלאַץ, די סטאַטועס, דעם טייך מיט די שוואַנען. זיי באַוווּנדערן די שיינע פּאַנאָראַמע און באַציען זיך דערצו מיט גרויס רעספּעקט.

איך זע מענטשן גייען אַריין אין פּאַלאַץ. איך ווייס, אַז עס זיינען מער נישטאָ קיין פּוילישע קעניגן, אַז אַלע הייזער פּוסטעווען. פּאַרוואָס זאָל איך אויך נישט אַריינגיין? וואָס קען מען מיר טאָן דערפאַר? מען וועט מיך נישט אַריינלאָזן? — איז נישט געפּידלט! אָבער פּרובירן דאַרף מען. איך מאַך מיר האַרץ און גיי אַריין. מען זאָגט מיר גאָרנישט. אויסגעצייכנט. עפּעס אַן אינוואַליד הייסט מיר אַריינשרייבן אין אַ דיקן בוך מיין נאָמען און אַדרעס. איך בין פאַרטיק. איך קען שוין גיין באַטראַכטן דעם פּאַלאַץ. מיט מיר צוזאַמען גייען אַ סך פּאַליאַקן. אַן אַנדער אינוואַליד פירט אונדז, דערקלערט אונדז. אָט איז דעם קעניגס קאַבינעט, זיין שרייב־טיש, זיין שטול, זיין פען, זיין שרייב־פּאַפּיר און זיינע ביכער. אָט איז זיין שלאָף־צימער, פאַרבעט ווייסע בעטן, לאָמפּן, זייגערס, טישלעך, שטולן און דער אינוואַליד דערקלערט אונדז אַלץ. דער צימער שטייט אַזוי ווי דער קעניג האָט אים

דאָס לעצטע מאָל פּאַרלאָזן. און דאָס איז דעם קעניגס אויפנעם־צימער. דאָ פלעגט ער אויפנעמען די אויסלענדישע פּאַרשטייער. און אָט איז זיין ביב־ליאָטעק, זיין שפּיל־צימער און זיינע פּריוואַטע צימערן, און צימערן פאַר דער סוויטע. אָט איז גאָר אַ גרויסער זאַל, דאָ פלעגן פּאַרקומען די קעניג־לעכע בעלער, און דאָ איז אַ קלויסטער, דאָ אַ שפּיטאָל, און דאָ צימערן פאַר סאָלדאַטן און פּאָליציי.

צימערן, צימערן, צימערן, ווער קען זיי איבערציילן. און אין אַלע צימערן טייערע בילדער, סטאַטועס, וואונדערבאַרע סקולפּטור־אַרבעט און אומעטום אַנטיקן פון גאָלד, זילבער און העלפאַנט־ביין. אַ וועלט מיט מתנות פאַר די פוילישע קעניגן. דער אינוואַליד דערציילט אונדז, פון וועמען און פאַר וועמען די מתנות זיינען געגעבן געוואָרן. מיר האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון איין מתנה, דאָס איז אַ טיש פון קליינע קוביקע שטיקלעך העל־פאַנט־ביינדלעך. דער טיש איז אַזוי קינסטלעך אויסגעאַרבעט, אַז מען קען זיך פון אים נישט אָפּרייסן. דאָס האָט עפּעס אַ פּאַפּסט געשענקט דעם פּוי־לישן קעניג. מיר דוכט זיך אַז מתנות זיינען דאָרטן געווען מער ווי זאַכן, וועלכע דער קעניג האָט אַליין געקויפט... אָט זיינען די צימערן וווּ נאַפּאָלעאָן דער ערשטער איז געווען. זיינע באַגילדעטע בעטן זיינען באַצירט מיט באַלדאַכינען. אַלץ איז דאָ פון גאָלד און זילבער. און אַזוי איז אַלץ פאַר־בליבן ווי נאַפּאָלעאָן האָט עס איבערגעלאָזט.

אויסער די צימערן האָבן אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט די אונטערערדישע און אויבערשטע דורכגאַנגען, פּראָמענאַדן דורכגאַנגען אַ־פילו אויף ווענט איבער די קאַלאַנעס.

און די פּאָליאַקן אינטערעסירן זיך מיט יעדע קלייניקייט, פרעגן זיך וועגן אַלץ פונאַנדערביים אינוואַליד און זיי זיפצן און קרעכצן דערביי. יאָ, די פּאָליאַקן האָבן וועגן וואָס צו זיפצן און צו קרעכצן, אַזוי פיל רייכקייט אַריינגעפאַלן צו „פּאַניען" אין די הענט. אַלץ האָט פּאַניע צוגענומען, צוראַבירט. צוגענומען זייער לאַנד, זייער רייכקייט, באַרויבט זיי פון פריי־הייט, פון זעלבסטשטענדיקייט און דערפירט זיי צו אַ צושטאַנד פון פאַר־שקלאַפונג. איך סימפּאַטיזיר שטאַרק מיט זיי.

אָט שפּאַציר איך שוין איבערן וואַלד און איך זע פאַר מיר וואונדער איבער וואונדער. אַ גריכישער אמפיטעאַטער. דער וואַלד רוישט, דער טייך מורמלט און פייגעלעך זינגען. דאָ איז אַ טעאַטער אונטערן אָפענעם הימל און נאָך וואונדערבאַרער איז, וואָס די בינע איז אויף איין זייט פון טייך און דער קיילעכדיקער טעאַטער, מיט זיינע הונדערטער פּלעצער אויף דער

צווייטער זייט. מען שפּילט דאָ אָפט גרינגע פּוילישע אָפּערעטן. עס מוז זיין זייער אינטערעסאַנט אין אָוונט אין אַזאַ טעאַטער!

אַרויסגייענדיק פון קעניגלעכן פּאַרק, באַמערקסטו גלייך דעם בעל־ווערדער פּאַלאַץ, מיט אַ גרויסע סטאַטוע פון אַפּאָלאָ. דאָס איז אויך אַ קע־ניגלעכער פּאַלאַץ, נאָר דאָ איז שוין נישט אַזוי אינטערעסאַנט און איך בין אים אויף גיך דורכגעגאַנגען.

אויף צוריקוועגס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט לעבן וואַרשעווער או־ניווערזיטעט. פאַרבייגייענדיק האָב איך באַמערקט גימנאַזיעס, אַ מוזעום און אַ ביבליאָטעק.

איך בין אַראָפּ אונטן צו דער ווייסל־צו און איך האָב זיך דערפילט, ווי איך וואָלט אַריינגעפאַלן פון אייראָפּע אין אַזיע. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט. אַ וועלט פון צרות, ליידן, נויט, הונגער, שכרות. קליינע, שמאָלע, געדרייטע גאַסן מיט זייער אַלטע הייזער, וועלכע זעען אויס, גלייך אָט־אָט און זיי צעפאַלן זיך. אין אַ סך וועגנט האָב איך געזען לעכער און שפּאַלטן. לעכער אַנשטאָט טירן, שטיינער אַנשטאָט טרעפּ. פענצ־טער קליינע און אָפט צעבראָכענע, פאַרשטופּט מיט עפּעס. מאָדנע געדריי־טע, אַלטע הילצערנע שטיגן. אַלע צימערן זיינען געפּאַקט. מען לעבט דאָ זייער ענג. די גאַסן נאַס, שמוציק, עס שטינקט. די מענטשן זיינען דאָ אָנ־געטאָן אין טראַנטעס און טרעפסט אָפט שכורים. אַ סך שמוציקע קראָמען, אַלטע פינצטערע קלויסטערס און די רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער געפינען זיך אין קעלערס...

דאָ וווינט די וואַרשעווער אָרעמקייט. די וואַרשעווער אונטערוועלט. פון דאָרטן בין איך אַריבער צו דער יידישער אָרעמקייט, אויף סמאָטשע. צענדליקער גאַסן אין אָרעמקייט, ענגשאַפט, שמוץ, פאַרפעסטעטע לופט, הונגער, נויט, דחקות. יידן אין טראַנטעס, פרויען האָבן נישט מיט וואָס צו זייגן די קינדער, און די קינדער אין גאַס, בלייכע, אויסגעצערטע און מיט אַזעלכע מאָדנע אויגן.

טראַכט איך, די גרויסע שטאָט האָט אירע גוטע זייטן, האָט אָבער אירע שוואַרצע פלעקן. און די שרייענדע אָרעמקייט איז דאָס ערגסטע. דער שוואַרצסטער פלעק אויפן געוויסן פון דער גרויסער שטאָט. נאָר אין אַ גרויסער שטאָט קאָן געמאָלט זיין אין איין געגנט — די שיינע יערוזאַ־לימסקע אַלייען און אין אַ צווייטער געגנט — די אָרעמע און שמוציקע סמאָטשע גאַס.

קאַפּיטל 11

די יידישע וואַרשע מיט פופציק יאָר צוריק

ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע אין 1895, איז נאָך צווישן יידן און באַזונדער צווישן די יידישע אַרבעטער קיין נאַציאָנאַלע, אָדער אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג נישט געווען. עס זיינען געווען סאָציאַליסטישע פּויליש גרופּן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אויך יידן, אָבער אויף דער אַלגעמיינער יידישער גאַס האָט מען פון זיי נישט געהערט. די יידן זיינען געווען אָרגאַניזירט בלויז אין דער קהילה (גמינע) און טיילוויז אַרום חסידישע רביים. די וואַרשעווער יידן האָבן זיך געטיילט אויף „דייטשן" (רעפאָרמירטע), אויף חסידים און ליטוואַקעס. די ערשטע האָבן געהאַט זייער סינאַגאָגע, זייער פּרעדיקער, זייער ביבליאָטעק און זייערע באַזונדערע גאָטעס־דינסטן. זיי פלעגן קריגן מאָדערנע אייראָפּעאישע דערציונג אין פּריוואַטע אָדער אין רעגירונג־שולן. זיי האָבן געהאַלטן פּויליש פאַר זייער מוטער שפּראַך, פּוילן פאַר זייער פאָטערלאַנד און זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר פּאָליאַקן פון „משה רבינוס גלויבן"... אָנגעטאָן זיינען זיי געגאַנגען אינגאַנצן אייראָפּעאיש. זייער הויפּט־אידעאַל איז געווען זיך אַזוי צו פּאָלאָניזירן, אַז מ'זאָל אין זיי פאַר קיין פאַל דעם יידן נישט דערקענען. און כאָטש אין צאָל האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אומבאַדייטנדע מינדערהייט, פאַר קיין פאַל נישט מער ווי פינף פּראָצענט, דאַך אַ דאַנק זייער אייראָפּייאישקייט און בילדונג, זיינען זיי פאַקטיש פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט געווען די אָפיציעלע פאַרשטייער פון די יידן אין וואַרשע און דערמיט אויך במילא פון גאַנץ פּוילן.

די גרויסע מאַיאָריטעט פון די וואַרשעווער יידן, איז באַשטאַנען פון חסידים. זיי האָבן זיך גרופּירט אַרום פאַרשידענע רביים. זיי האָבן געהאַט זייערע באַזונדערע שולן־שטיבלעך. זייער דערציאונג איז געווען אַ ריין רעליגיעזע, זייער שפּראַך — יידיש מיטן פּוילישן אַקצענט, זיי האָבן זיך געהאַלטן דורך און דורך פאַר יידן. זיי זיינען געווען שטאַרק פרום, אַפילו פאַנאַטיש און אין דעם אַלגעמיינעם לעבן זיינען זיי געווען שטאַרק צוריקגעשטאַנען — כאָטש אין יענע צייטן האָבן שוין אָנגעהויבן צו בלאָזן מאָדערנע ווינטלעך. אויפן האָריזאָנט פון יידישן וואַרשע, האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן: סלאָנימסקי, כאַקאַלאָוו, פּרץ, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אינם דינסט פון די פּשוטע

יידן. טיף אין האַרצן האָבן זיי פיינט געהאַט די „פּאָליאַקן פון משה רבינוס גלויבן", צוליב זייערע אַסימילאַטאָרישע און אין תוך, אַנטי־יידישע טענדענצן.

אין יענער צייט איז צוגעקומען אַ נייער יידישער עלעמענט, וועלכער האָט גלייך אָנגעהויבן צו שפּילן קולטורעל און עקאָנאָמיש אַ גרויסע ראָליע אין דעם וואַרשעווער יידישן לעבן. דאָס זיינען געווען די אַרויסגעטריבענע יידן פון מאָסקווע, וועלכע האָבן זייערע געשעפטן און פאַרבינדונגען מיטגע־בראַכט קיין וואַרשע און וועלכע האָבן געעפנט ברייטע מעגלעכקייטן פאַר דער פּוילישער אינדוסטריע און האַנדל, דעראָבערנדיק פאַר זיי די ברייטע מאַרקן פון רוסלאַנד, קאַווקאַז און סיביר. עס איז פאַרגעקומען אַן אויפלע־בונג אין גאַנצן פּוילישן לעבן. אָט די רוסישע יידן זיינען געשטאַנען אויף אַ העכערן שטאַפּל ווי די אָרטיקע יידן, סיי די חסידים און סיי די „דייטשן". זיי זיינען שוין געווען אויסגעפּרובירטע יידן, האָבן פאַר זייער יידישקייט געליטן, קרבנות געבראַכט. זיי האָבן אַריינגעטראָגן נייע באַגריפן אין וואַר־שעווער לעבן, באַגריפן פון גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יידן פאַר יידן, פון ברייטער צדקה, פון צו זיין מאָדערנע און צו דער זעלבער צייט גוטע יידן. אויך זיינען אייניקע פון זיי געווען אין פולן זין פון וואָרט מעצענאַטן פאַר קונסט ליטעראַטור און בילדונג.

די פּוילישע יידן האָבן געהאַט אַ סך רייכע, עס זיינען געווען צווישן זיי אַפילו מיליאָנערן. אין דער צייט ווען ביי די גאָר רייכע פון די רעפאָר־מירטע יידן איז געווען אַ טענדענץ אַוועק ווייטער פון יידישן פאָלק און אפשר אָפּצושמדן זיך און די גאַנצע פאַמיליע, איז ביי גאָר רייכע פון די חסידים, געווען אַ פאַרקערטע טענדענץ: ענגער זיך צונויפבינדן מיט כלל ישראל, מער שטיצן די אָרימע ברידער, האָבן אַ ברייטערע האַנט פאַרן כלל. דער חסידיזם האָט אין זיי איינגעפלאַנצט אַ ברייטע דעמאָקראַטישקייט. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעטיילט פון דער אָרימקייט, נאָר פאַרקערט אַריין מיט איר אין אַן אינטימערן קאָנטאַקט. צו אַלע זייערע שמחות, הוליאַנקעס, יום־טובים, פלעגן קומען צו זיי די אָרימע ברידער — די חסידים פון זעלביקן רבין און די מיליאָנערן צוזאַמען מיט די הונדערטער אָרימעלייט, פלעגן זינגען, טאַנצן, זיך משמח־זיין און דער בעל הבית פלעגט אַלעמען מיט אַ ברייטע האַנט מכבד זיין. פלעגט נאָך אַמאָל געלונגען אַראָפּברייינגען דעם רבין (ער זאָל לעבן) איז שוין די שמחה געווען פאַרפולט. אויסער דעם איז געווען זעלבספאַר־שטענדלעך, אַז דער רייכער חסיד מוז אַרויסהעלפן אין אַ שלעכטער לאַגע זיינע אָרימע ברידער אין נויט. דער אָרימאַן דאַרף חתונה מאַכן אַ טאָכטער, קיין נדן איז נישטאָ, דער האָט נישט אויף אַ דאָקטאָר, דער דאַרף באַפרייען

אַ זון פון מיליטער דינסט, דער דאַרף אַ הונדערטער אויף געשעפט און יענער דאַרף סחורה. — פלעגן זיך אַלע ווענדן צו זייער רייכן ברודער און זעלטן פלעגט אַ רייכער חסיד זיי אָנטזאָגן.

דער מיטלקלאַס איז באַשטאַנען פון קרעמער, און פאַרשידענע קליינע אונטערנעמער, קליינע סוחרים, און אייגנטימער פון הייזער. זיי האָט זיך געלעבט אַ סך בעסער ווי דעם מיטלקלאַס ביי אונדז אין ווייסרוסלאַנד.

אויך האָבן די יידן אין פוילן געהאַט מער רעכט, ווי די יידן אין אַלע אַנדערע טיילן, פון דער דעמאָלסטיקער צאַרישער רוסלאַנד. לפנים האָט דאָ געהערשט נישט דער רוסישער „סוואָד זאַקאָנאָוו", נאָר דער מער ליבעראַלער נאַפּאַליאַנישער קאָדעקס. יידן האָבן געהאַט רעכט צו וווינען אומעטום, אַפילו אין די דערפער, האָבן געהאַט רעכט צו קויפן לאַנד אויפן אייגענעם נאָמען, און עס זיינען געווען אַ סך יידן לאַנדס-באַזיצער, קרעמער, און שענקער אין גרויסע דערפער. דאָס האָט אויך געוויס אַ סך בייגעטראָגן צו דעם, וואָס דעם פוילישן יידישן מיטל-קלאַס, האָט זיך געלעבט פאַרהעלטניסמעסיק אַ סך בעסער.

איך האָב שוין געטראָפן אין וואַרשע אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער. זייער לעבן איז געווען אַ שוידערלעכער. זיי פלעגן אַרבעטן אין קליין-פאַרשטיקטע, שוואַך-באַלויכטענדע וואַרשטאַטלעך, ביז אַכצן שעה אַ טאָג און אָפט אויך אַ גאַנצע נאַכט פאַר אַ לעכערלעכער באַלוינונג, צוויי, צי דריי רובל אַ וואָך. דער וואָס האָט געקראָגן פינף רובל אַ וואָך, האָט געמוזט זיין אַן אויסגעצייכנטער קוואַליפיצירטער אַרבעטער. די יידישע אַרבעטער זיינען געווען באַשעפטיקט מערסטנס ביי מאַכן שיך און ביי שניידעריי, אויסאַרבעטן פאַרשיידענע זאַכן, פון בראָנז, שטאָל און אייזן. ביי אויסאַרבעטן לעדער און רימען, בייטל-מאַכער, הענטשקעס-מאַכער, ביי היטלען, היטעלעך, פון לייוונט, געוואַנט, פילץ אָדער שטרוי. מיידלעך וועלכע זיינען נאָכמער עקספּלואַטירט געוואָרן, זיינען באַשטאַנען מערסטנס פון מאָדיסטקעס, פעדער-מאַכערינס. זיינען אויך געווען באַשעפטיקט ביי קאָרסעטן, שניידעריי, נייטאָרינס, די אַרבעטער האָבן געהייסן געזעלן.

די פּריקאַשטשיקעס וועלכע האָבן געהייסן סוביעקטן, זיינען געווען אַ סך בעסער געצאָלטע אַרבעטער. זייער געהאַלט פלעגט דערגיין ביז הונדערט רובל אַ חודש, אָבער דער דורכשניטלעכער געהאַלט, איז געווען אַרום פינף, זיבן רובל אַ וואָך, און זיי פלעגן אַרבעטן פון אינדערפרי ביז עלף און אַמאָל צוועלף אַ זייגער ביי דער נאַכט. די אַלע אַרבעטער זיינען געווען אויפן העכסטן גראַד עקספּלואַטירט און אונטערגעדריקט. קיין אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, ווי געזאָגט, זיינען נאָך דאַן נישט געווען. די הילף האָבן זיי געוווסט

קען נאָר קומען פון בעל הבית אַליין. נו, האָבן די אַרבעטער געטאָן אַלץ אין דער וועלט, אבי געפינען לייטזעליקייט אין דעם בעל הבית אויגן.

אויסער די אַלע באשעפטיקטע, זיינען געווען אַ סך יידן, וואָס האָבן קיין ספעציעלע באשעפטיקונג נישט געהאַט. זייער לאַגע איז נאָך געווען אַן ערגערע פון דעם אַרבעטערס. דאָס זיינען געווען די יידן, וואָס האָבן געלעבט פון לופט און רויך, אָדער, ווי מען פלעגט זאָגן אין וואַרשע, פון גאַס. דאָס זיינען געווען פאַרשידענע מעקלער, גאַסן-הענדלער מיט אַ קערבעלע אין האַנט, פאַרקויפער פון קליינע זאַכן אין די האָטעלן, קאַפע-הייזער, אָדער רעסטאָראַנען, לאַסט-טרעגער, „פאָלג מיך אַ גאַנג"-מענטשן, שמאַטע-זוכער, מציאות קויפער און די וואָס גיבן דאָ אַ לעק און דאָ אַ שמעק.

די דערציאונג פון דער יוגנט איז דאָ געווען אַ מאָדנע, די „רעפאָר-מירטע" יידן, האָבן קיין יידישע דערציאונג זייערע קינדער נישט געגעבן, וועגן יידישקייט האָבן די קינדער גאָר נישט געוווסט. אין בעסטן פאַל האָבן זיי זייער אינפאָרמאַציע געשעפט פון די אָרימע קוואַלן פון דער הייִמישער אַסימילירטער אַטמאָספערע, אָדער פון דער פוילישער ליטעראַטור.

די רייכערע חסידים האָבן זייערע זין געגעבן אַ יידישע רעליגיעזע דערציאונג, אין די חדרים ביי די אָפגעשטאַנענע, פאַנאַטישע מלמדים, אָבער די טעכטער האָבן זיי געגעבן אַ מאָדערנע פוילישע דערציאונג, וועלכע זיי האָבן געוואָלט, זאָל האַרמאָניזירן מיט זייער פאַנאַטישן רעליגיעזן לעבן. אַזאַ דערציאונג פון די קינדער: יינגלעך אַנדערש און מיידלעך אַנדערש, איז גע-ווען די סיבה פון אַ סך טראַגעדיעס אין פאַמיליען-לעבן פון די פוילישע יידן. די אָרימע האָבן געשיקט זייערע יינגלעך אין די חדרים, אָדער ת"ת און די מיידלעך האָבן זיי גאָר נישט געלערנט.

אונדז, די נייע אָנגעקומענע יונגע-לייט און מיידלעך, פון ליטע, אָדער פון רוסלאַנד, איז אויסגעקומען צו שפּילן אַ גרויסע ראָליע אינם קולטורעלן לעבן פון די פוילישע יידן. מיר, מערסטנס סאָציאַליסטן, זיינען געוואָרן זייע-רע לערער, זייערע דערציער ,וועג-ווייזער, און ווען עס איז אַנטשטאַנען די מאָדערנע יידישע פרעסע, ליטעראַטור, באַוועגונגען זייַנען מיר עס געווען די וועלכע האָבן אַמטיכטיקסטן באַאַרבעט די פעלדער, פאַר די פוילישע יידישע מאַסן. וואַרשע איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט אונדזערע לערער, עקסטערנס, קורסיסטקעס, סטודענטן און אין אַלגעמיין מיט אונדזער נייער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אַ גרויסע ווירקונג געהאַט אויף דער אויפוואַקסנדער חסידישער יוגנט. נאָר אַ גרויסן קאַמף האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין מיט דעם עלטערן דור. דאָך האָט דער בעסערער חסידישער יוגנט, ווי מיט אַ מאַגנעט געצויגן צו אונדז און אין יאָרן שפּעטער, האָבן מיר זיך אין דעם געמיינשאַפטלעכן קאַמף פאַרייניקט.

קאפיטל 12

דער ערשטער פסח אין דער פרעמד

פון מיין לערערײַ האָב איך די ערשטע צייט פאַרדינט זייער ווייניק — אַן ערך אַ 12 רובל אַ חודש. דריי רובל אַ חודש האָב איך געצאָלט מיין באַ־לעבאָסטע דירה געלט און פאַר די איבעריקע ניין רובל האָב איך געמוזט עסן און דעקן אַלע אַנדערע הוצאות. איך האָב פאַר קיין פאַל ניט געקענט זיין אַזוי שפּאַרזאַם... און איך בין אַריינגעקראָכן אין אַ גרויסן חוב. מיין באַלעבאָסטע — פאַר די ערשטע 5 חדשים בין איך איר געבליבן שולדיק גאַנצע 10 רובל און דאָס איז פאַר מיר דאַן געווען אַ חוב איבער מיינע כוחות און דאַן האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל איר קיינמאָל דאָס נישט קענען אויסצאָלן, און דער חוב האָט מיך געדריקט, ווי די שווערסטע משא.

אַ פּאָר טעג פאַר פסח האָט מיר מיין באַלעבאָסטע פאַרגעשלאָגן האַלטן מיט זיי יום טוב — עס וועט מיר אין גאַנצן קאָסטן פאַר די אַכט טעג נישט מער ווי זעקס רובל. זעקס רובל איז דאַן פאַר מיר געווען אַ צו גרויסע סומע און דערצו וועט מיין חוב צו דער באַלעבאָסטע זיין נישט צען, נאָר גאַנצע זעכצן, דאָס האָט דאַן געהייסן פאַר מיר, שוין זיכער בלייבן ביי איר אַ בעל חוב אויפן גאַנצן לעבן און איך האָב איר פאַרשלאָג נישט אָנגענומען. אמת, די עלטערן פון מיינע תלמידים זיינען מיר אויך געווען שולדיק אַביסל געלט, נאָר ווער ווייס צי זיי וועלן מיר באַצאָלן. אָט בין איך געקומען צו זיי מאָנען, וואָס מיר קומט, האָבן זיי זיך פון מיר אויסגעלאַכט: „ווער האָט דאָס ערב פסח געלט"?

קורץ, איך בין געבליבן ערב פסח אָן אַ קאָפּיקע געלט. דערצו האָב איך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. אויף אַזאַ צרה האָב איך זיך שוין גאָר נישט געריכט. וועגן לייען געלט האָב איך אַפילו טראַכטן נישט געקענט. איך האָב נישט געקענט צוגיין צו אַ פריינד, אַ חבר, אָדער אַ קרוב און בעטן אַנטלייען מיר אַ פּאָר רובל... נו, טראַכט איך אין גרויס פאַרצווייפלונג, ווועט מען דאַרפן צוהונגערן דעם פסח.

פּראַווען דעם ערשטן סדר בין איך אַוועק אין זאַקסישן גאַרטן. אַוועק־געזעצט זיך אויף אַ באַנק און עס האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן מיינע אומעטיקע, ווייטיקדיקע געדאַנקען. אין פּאַרק איז קיינער נישט געווען. די יוגנט, וואָס

פילט אָן אַלע אָוונטן דעם פּאַרק מיט געזאַנג ,ראַש און געלעכטער, איז נישט געווען. זיי זיינען אַלע אין זייערע וואַרעמע היימען. זיי איז אַנגענעם, גוט און פריילעך. אין די הייזער איז יום־טובדיק, אַלע זיינען אויפגעלייגט, אויף די טישן זיינען דאָ וויין און מצות און אַלע גוטע זאַכן. אין אַ קיטל אויפן היסב־בעט זיצט דער טאַטע, מעשה קעניג, נעבן אים זיצט די מאַמע און עס ציען זיך שורות פון זין, טעכטער, שנירן, איידעמס און גלאַט פריינד. מען זאָגט די הגדה און מען עסט די פסחדיקע מאַכלים.

און עס שטעלט זיך מיר פאַר דאָס בילד פון מיין היים. אין עס־צימער ביים גרויסן, קיילעכדיקן טיש זיצן דער טאַטע מיט דער מאַמען מיט מיינע ברידער און שוועסטער. אויך זיינען געוויס היינט, ווי אַלע מאָל, געקומען צום סדר דער פעטער חיים מיט דער מומע דבורקהן מיט זייערעביידע קינ־דער מיט ליאָווקען און מיט אַניוטען. און אַניוטען האָב איך דאָך אַזוי ליב. ווי וואָלט איך איצט וועלן זיצן מיט איר ביי איין טיש! כאָטש אַ קוק טאָן אויף איר! און אין שטוב ביי אונדז איז אַזוי ליכטיק און אַנגענעם. עס ברענט דער בליץ־לאָמפּ און אויך אונדזער אַנטיק־לאָמפּ פון בראָנז, פון וועלכן דער פּעדעסטאַל שטעלט מיט זיך פאַר, אַ שיפל אויפן וואַסער, אין שיפל שטייען דריי שיינע מיידלעך, וועלכע כאַראַקטעריזירן מיט זיך: גלויבן, האָפענונג און ליבע. קיין הגדה זאָגט מען ביי אונדז טאַקע נישט, אָבער דער טאַטע דערציילט וואונדערבאַרע מעשיות פון דער יידישער געשיכטע און אַלע הערן זיך צו אַזוי אויפמערקזאַם. דער טאַטע, דער „גוי", רעדט אַזוי וואַרעם וועגן דעם יידישן פאָלק, זיינע פריידן און ליידן, וועגן די גרויסע מענטשן וואָס די יידן האָבן אַרויסגעבראַכט און ער טרוימט נאָך דעם גרויסן חלום, אַז יידן וועלן זיך נאָך אַמאָל באַפרייען און דאַן וועלן זיי ווייזן דער וועלט ווער זיי זיינען. די דינסט טראָגט אַריין, דערלאַנגט צום טיש די טייערע מאכ־לים און די בעסטע געטראַנקען און אַלע מיינע ברידער און שוועסטער עסן עס מיט אַ זעלטענעם אַפּעטיט. און איך זיץ דאָ איינער אַליין אין פאַרק אויפן באַנק, פסח צום ערשטן סדר, אַ טויט הונגעריקער! און זודיקע טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון די אויגן.

איך האָב זיך האַסטיק אַ ריס געטאָן פון באַנק און גיך גענומען שפּרייזן כדי מיינע פינצטערע געדאַנקען צו פאַרטרייבן.

איך האָב אַ לאַנגע צייט אַזוי אַרומגעשפּאַצירט ביז איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז עס מוז שוין זיין גענוג שפּעט און מען מעג שוין גיין אַהיים, מיין באַלעבאָסטע וועט נישט פאַרשטיין, אַז איך בין היינט גאַר נישט געווען ביי אַ סדר, ווי איך האָב איר אָפּגענאַרט.

און איך טראַכט ביי זיך, כ'וועל אַריינקומען צו איר אַ פריילעכער, אַ

לעבעדיקער מיט אַ ברייטן גוט יום טוב, דערציילן איר סאַרא וווּנדערבאַרן סדר איך האָב געהאַט.

אַרויס פון פּאַרק, זיך געלאָזט איבער די גאַסן אַהיים. דורך די פענס־טער זע איך, אַז אומעטום פּראַוועט מען דעם סדר, נאָכן קלאַנג פון די געפּעס שטויס איך זיך אָן, אַז מען רייבט גאַנץ געשמאַק אַריין די קניידלעך. אָך, ווען איך האָב איצטער אַ קניידל, כאָטש אַ האַלבס, כאָטש אַ ביסן.

עס איז נאָך צו פרי, טראַכט איך מיר, צו גיין אַהיים, זיי וועלן פאַר־שטיין, אַז איך האָב היינט קיין סדר נישט געהאַט. מען מוז נאָך כאָטש אַ שעה צייט שפּאַצירן איבער די גאַסן. וויפל איך האָב געשפּאַצירט איבער די גאַסן, ווייס איך נישט, אָבער ווען איך בין צוגעקומען צו מיין הויז איז שוין דער טויער געווען פאַרשלאָסן. אַ נייע צרה, וועקן דעם וועכטער. און איך האָב נישט קיין פּרוטה דעם וועכטער צו געבן און ער טראָגט אויף מיר אַ כעס שוין פון לאַנג אָן: אָפט קלינג איך אים אָן און זעלטן רוק איך אים אונטער קליינגעלט. איך מאַך מיר האַרץ און קלינג. עס עפנט זיך דער טויער. איך גנבע זיך דורך און פון דערווייטנס הער איך ווי ער בורטשעט.

איך קום צו צו מיין טיר. איך הער ווי דער באַלעבאָס זינגט נאָך עפּעס פון דער הגדה. איך וויל נישט אַריין אין מיטן דערינען. איך וועל בעסער דאָ אויף די טרעפּ אין דער פינצטער צוואַרטן. אָבער איך האָב זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז ער וועט ענדיקן. און מיט אַ פריילעכן גוט יום־טוב־בין איך אַריין אין שטוב. זיי האָבן מיר געוואָלט מכבד זיין מיט די יום־טובדיקע מאַכלים און מיט אַ ביסל וויין.

— וואָס רעדט איר, איך בין פול ווי אַ פּויק, איך דאַנק אייך זייער, האָב איך געזאָגט.

זיי האָבן דעם סדר אויף גיך פאַרענדיקט און אַלע זיינען אַוועק שלאָפן. איך בין דאָס מאָל שטאַרק איינגעשלאָפן ווי נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג און אין שטוב האָב איך שוין קיינעם נישט דערווישט, זיי האָבן געמוזט אַלע אַוועק־גיין דאַווענען. איך גיב אַ הייב דעם קאָפּ, ער איז שווער ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. איך גיי אַראָפּ פון בעט ערשט איך פיל אַזאַ שוואַכקייט, אַז קוים איך האַלט זיך אויף די פיס. און עסן ווילט זיך. איך פיל ווי דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס.

איך האָב זיך אויף גיך איינגעוואַשן און אַרויס אין גאַס. יום־טובדיק. די געשעפטן פאַרמאַכט. אויסגעפּוצטע יידן מיט זייערע פרויען און קינדער גייען אין שול. מען באַגעגנט זיך מיט נאָך ייִז'ן און מען ווינטשט איינע די אַנדערע אַ גוטן יום־טוב און מען גייט שוין צוזאַמען.

גייענדיק איבער די גאַסן האָב איך באַגעגענט מיין בעסטן חבר, וואָלפּ־קען. — איך פיל איצט צו זינדיקן, זאָגט ער מיר. — קום, לאָמיר אַריינגיין טרינקען אַ גלאָז ביר לכבוד פסח.

איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען און מיר זיינען אַריין אין אַ ביר־הויז און גענומען צו צוויי קופל ביר און צוגעביסן מיט עפּעס טרוקענע די־נינקע קיכלאַך באַשאָטן מיט זאַלץ. און ווי מיין קערפּער איז געווען פריער שוואַך, איז ער איצט נאָך די צוויי גלעזער ביר געוואָרן טויזנט מאָל שווערער. איך קען נישט באַוועגן נישט מיט די הענט און נישט מיט די פיס. איך פיל, אַז מיין מוח האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן. עפּעס רעדט ער צו מיר, עפּעס זאָגט ער מיר, אָבער איך ווייס נישט וואָס.

מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען גיב איך זיך אַ הויב פון אָרט, זאָג מיין חבר, אַז איך מוז ערגעץ צוגיין, אַנטשולדיק זיך פאַר אים און גיי אַרויס. אפשר אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט איבער די וואַרשעווער גאַסן.

צוויי אומבאַדייטנדע קלייניקייטן האָבן מיר דעם טאָג העכסט אויפגע־רייצט. עס איז דורכגעלאָפן אַ רייכער פאַעטאָן מיט צוויי פערד. איין פערד האָט אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיטן פוס אין אַ רינע און מיר אָפּגעשפּריצט פון אויבן ביז אַראָפּ. איך האָב זיך דערפילט אַזוי באַליידיקט, אַז ווען איך וואָלט דאַן געהאַט אַ מעגלעכקייט, וואָלט איך די בייזע פריצים דערהרגעט.

און נאָך אַ האַלבן טאָג ווען איך האָב זיך אַזוי אָן אַ צוועק אַרומגע־שלעפּט, האָט מיר אַ ריח פון געשמאַקע עסנס אָפּגעשטעלט. איך גיב אַ קוק ערשט איך שטיי נעבן אַ רייכן רעסטאָראַן. און דורכן פענסטער זע איך, ווי אַ סך מענטשן זיצן אינעווייניק און אַלע עסן, זאָלן זיי. אָבער דאָ דערזע איך ווי איינער גייט צו צו דער קאַסע, דערלאַנגט אַן אַסיגנאַציע און מען גיט אים נאָך רעשט, עפּעס אַ סך אַסיגנאַציעס מיט קליינגעלט. דאָס האָט מיר אויפגעקאָכט. דער נידעריקער נפש האָט זאַט אָפּגעגעסן און מ'האָט אים נאָך געגעבן אַ סך אַסיגנאַציעס צוריק, אויף ווייטער עסן און עסן און איך האָב קיין קאָפּיקע נישט ביי לייב און לעבן און הונגער שוין צוויי טעג.

— אַ מיאוסע וועלט, אַ פּאַסקודנע וועלט.

ווי איך גיי מיר אַזוי טראַכטנדיק וועגן אונדזער פּאַסקודנער וועלט, ערשט עס שטעלט מיר אָפּ אַ מיידל מיט אַ פריילעכן אויסגעשריי: נח, ווי קומט איר אַהער!

איך קוק זיך גוט איין אין דעם מיידל. איך פאַרשטיי, אַז זי איז מיט מיר פון איין שטעטל. אָבער איך דערקען איר נישט. זי וויל מיר נישט זאָגן ווער זי איז. דערנאָך, אַז איך שטיי צו איר שטאַרק צו, זאָגט זי מיר, אַז זי

איז בערל דעם זאַמד־פירערס אַ טאָכטער. גאָר נישט קיין שיינער יחוס. איך גע־דענק גוט איר טאַטן, אַ קליינער יידל מיט זייער אַ לאַנגער באָרד און ער פלעגט אַלע מאָל גיין איינגעבויגן מיטן קאָפּ ביז דער ערד. ווייל חוץ זאַמד פירן האָט ער געהאַט נאָך אַ פרנסה: גנבענען פערד ביי גוים. האָבן זיי אים איינמאָל געכאַפּט און אים אַזוי צעשלאָגן, אַז זיי האָבן אים דעם רוקנביין צעבראָכן און פון דעמאָלסט אָן גייט ער אין דרייען געבויגן.

איך דערצייל איר, אַז איך בין שוין אין וואַרשע אַ האַלב יאָר, גיב לעקציעס פאַרדין נישט שלעכט. איך בין צופרידן וואָס איך בין דאָ אין וואַרשע, אַ שיינע, אינטערעסאַנטע שטאָט. זי דערציילט מיר, אַז זי האָט אַ שטעלע ביים באַנקיר קראַנענפעלד, קריגט אַ גוטן געהאַלט, האָט אַן אייגע־נעם באַזונדערן צימער און איר איז גוט ווי די וועלט. איך פאַרשטיי, אַז זי איז דאָרט אַ דינסט־מיידל.

זי בעט מיך שטאַרק, איך זאָל אַריינגיין צו איר. איך קווענקל זיך שטאַרק, ניין, טראַכט איך, מען דאַרף נישט. איך, דעם אַדוואָקאַטס זון פון דער מיר, זאָל אַריינגיין צו בערל דעם זאַמד־פירערס טאָכטער. און אַז מען וועט זיך דערוויסן אין דער מיר, וועט דאָך די שטאָט קלינגען און מיינע עלטערן וועלן פון שאַנדע, די אויגן זיך שעמען ווייזן. און אפשר יאָ, אַריינגיין. איך בין דאָך אַזוי הונגעריק, אַז איך פאַל פון די פיס און זי וועט געוויס געבן וואָס נישט איז צום עסן. לאַנג שלאָג איך זיך מיט דער דעה, ביז דער הונגער וועגט אַריבער און איך גיי מיט איר.

— אָט דאָס איז מיין פּלאַץ. די גאַנצע הויז איז אונדזערע. און די הויז זעט אויס ווי אַן אַלטמאָדישער פּאַלאַץ. מיט קאָלאָנעס, מיט צוויי לייבן ביים אַריינגאַנג און שיינע געזימסן ביי די טירן און פענסטער. מיר זיינען אַריין דורך דער קיך אין איר צימער. זי האָט דערלאַנגט גוטע זאַכן, קיכלעך, איי־געמאַכטס, כרעמדזלעך, ניס, וויין, קענטיק פון באַלעבאָס אַלמער. נאָר מיין גאָט, אויף וואָס דאַרף איך דאָס, וואָלט זי מיר בעסער דערלאַנגט אַ טעלער באָרשט מיט מצות, אָדער קאַרטאָפל, אַ שטיקל פלייש. דעם ווײַן וועל איך סיי ווי סיי נישט טרינקען. איך האָב מורא, איך געדענק נאָך גוט דאָס ביר אין דער פרי. פאַרפאַלן, איך עס די כרעמדזלעך, קנאַק די ניסלעך, טרינק טיי מיט איינגעמאַכטס און דער אַפּעטיט רייצט זיך אַלץ מער און מער פאַר־גאַנדער. ווען איך האָב איצט אַן אָקס וואָלט איך אים אינגאַנצן אויפגעגעסן, וואָלט אַפילו נישט איבערגעלאָזן די פעל מיט די האָר.

זי דערציילט מיר פון די לאַנדסלייט, פון אירע בעל־הבתים און פון איר גוט לעבן און איך — נעם נאָך אַ קיכל, נעם נאָך אַ כרעמדזל...

מיט אַמאָל דערהער איך אימיצער איז אַריין אין קיך און די זאַכן שורש־קען. געוויס די באַלעבאָסטע אין אַ זיידענעם קלייד. געוויס וועט זי באַלד

אַרײַנקומען אַהער און דערזען איר דינסט מיט עפּעס אַ בחור און זי וועט אונדז פֿאַרדעכטיקן אין גאָט ווײסט וואָס, און... איך כאַפּ מײַן הוט און אַנטלויף.

אַ מאָדנע זאַך נאָך דעם קלײנעם איבערבײַס פֿיל איך זיך נאָך ערגער ווי פֿריִער, איך פֿיל אַז אָט אָט און איך שטאַרב.

דאָך צי איך ווײַטער מײַנע פֿיס און שלעפּ זיך פֿון גאַס אין גאַס. וווהין איך גײ ווײס איך נישט. ווי לאַנג שוין אַז איך גײ, ווײס איך אויך נישט און ווו איך בין, אינטערעסירט מיך נישט. און איך הויב גאָר נישט אָן צו ווײסן, ווי אַזוי איך בין אַרײַן צום סטודענט הינדזעלעוויטש, אונדזער מירער אַ שוסטערס אַ זון, וועלכער באַזוכט דעם וואַרשעווער אוניווערזיטעט.

איך האָב געמוזט זײער מאָדנע אויסזען, ווײַל גלײַך ווי איך בין אַרײַן צו אים האָט ער אויסגעשריִען: וואָס איז מיט דיר, דו ביזט נישט געזונט?

און ווי איך האָב זיך נישט אײַנגעהאַלטן און ווי שטאַרק איך האָב זיך נישט קאָנטראָלירט, דאָך האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און האָב אויסגעשאָסן אין אַ שטאַרקן, היסטערישן געוויין.

ער האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען וואָס מיט מיר איז. ער האָט גאָר נישט געזאָגט, האָט אָנגעטאָן די היטל און איז אַראָפּגעלאָפֿן און איז געקומען צו־ריק מיט טײ, זעמל, קאָלבאַס, קעז, פּוטער. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט עסן.

— עס נישט קײן סך. עס קען פֿאַרשאַטן. צוויי זעמעלעך מיט פּוטער וועט זײַן דערווײַל איבערגענוג. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן מיר האָבן אַן אמתע וועטשערע. מיר האָבן געגעסן. איך האָב געשוויגן. און ער האָט מיר דערצײלט מעשׂיות, ווי ער האָט פֿאַראַיאָרן געהונגערט אין פּעטערבורג. וויפֿל טעג האָסטו נישט געגעסן? צוויי טעג, דרײַ טעג, ס׳איז אַ שפּיי. איך פֿלעג הונ־גערן צו פֿיר־פֿינף טעג. דאָס הײסט אַ הונגער. און אויב איך לעב נאָך, איז דאָס צו פֿאַרדאַנקען, געדענקסט דאָך איר, טשעבאָטאַרעוויטש. זי איז דאָרט אַ פֿעלדשערין אין אַ שפּיטאָל. און ווען איך פֿלעג דערפֿילן, אַז איך האַלט שוין בײַ אויסשפּײַען די זינדיקע נשמה, פֿלעג איך אַרײַנפֿאַלן צו איר אין שפּיטאָל פֿאַר אַ וויזיט. דער וויזיט פֿלעגט דויערן אַמאָל אַ טאָג און אַמאָל נאָך מער. און זי פֿלעגט מיר פֿאַר דער צײַט גוט אויספּאַשען, מיט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, אַפֿילו מיט ווײַן און שאַמפּאַניער. דאָרטן אין שפּיטאָל האָבן זײ פֿון אַלץ איבער גענוג. יאָ, אויב איך לעב נאָך און פֿאַרפּאַסקודזשע נאָך די שײנע וועלט, האָב איך דאָך איר, וועדען, צו פֿאַרדאַנקען. וואָס ווײסטו פֿון הונגער. איך האָב פֿון די מיסט־קאַסטנס זיך שפּײַז אויסגעזוכט.

אַ זײגער צוועלף בײַנאַכט האָבן מיר ערשט וועטשערע געגעסן. איך

האָב אַפילו נישט געוווּסט, וואָס דאָרט איז געווען. איך האָב נישט געגעסן נאָר געוואָרפן אין מויל. מיר האָט נישט געאַרט וואָס איך האָב דאָרט געוואָרפן, אַבי אָנצופילן מײן מאָגן.

די נאַכט האָב איך געשלאָפן בײ אים: ער האָט מיר נישט געלאָזן גײן אַהײם.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן מיר געהאַט אַ גאַנץ גוטן אָנבײסן און בײטאָג זײנען מיר געגאַנגען אין דער סטודענטישער גאָרקיך.

קענטיק, אַז מײן „פילאַנטראָפּ" האָט אַלײן נישט געהאַט קײן געלט. ער איז אומגעלאָפן פון חבר צו חבר אָנטלײען אַ רובל, און מיך האָט דאָס אַזוי שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער לײט געלט פאַר מיר, אַז איך האָב אויף גיך געכאַפּט מײן הוט און אַרויסגעלאָפן אין גאַס. גאַנץ װײַטלעך פון גאָרקיך האָט ער מיר אָנגעיאָגט, רוקנדיק מיר אין האַנט פינף רובל. איך בין נאָך מער אין כעס געוואָרן און אים גוט אָנגעזידלט. אים געלאָזן אין מיטן גאַס און בין אַוועק אַהײם. פאַרשטײט זיך, איך בין געגאַנגען צו פוס און די שטרעקע איז געווען זײער אַ װײַטע. פון אײן עק שטאָט אין דער צווײטער. מער ווי אַ שעה גײן.

איך בין געקומען אַהײם, די באַלעבאָסטע דערצײלט מיר, אַז ערשט איז דאָ געווען דער סטודענט הינדזועלעוויטש און אָפּגעבראַכט די פינף רובל, וואָס ער איז מיר שולדיק.

— און וווּ זענט איר געווען די גאַנצע צײט, אַפילו שלאָפן נישט געקומען?

— אַלץ בײ חברים. מיר האָבן געהאַט נעכטן אַ פרײלעכן טאָג. עס זײנען געווען אַ סך געסט און מיר האָבן זײער גוט פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. האָבן מיר די חברים פאַרהאַלטן אויף איבער נאַכט. און די פינף רובל, איך דאַרף זײ נישט, זאָל זײן אויפן חוב, וואָס איך קום אײך.

קאַפּיטל 13

די ערשטע יאָרן אין וואַרשע

מיינע ערשטע באַקאַנטע און פריינט זיינען געווען מיינע לאַנדסלייט — די מירער. מער פון אַלעמען האָב איך זיך באַפריינדעט מיט צוויי פון זיי: מיט וואָלפקע עפּשטיין — אַ פּריקאַשטשיק אין אַ טוך־געשעפט אויף גענ־שע־גאַס, אַ האַרציקער, שטאַרק־פילנדיקער יונגערמאַן מיט אַן אויסערגע־וויינלעכער גוטער און שיינער נאַטור און מיט רפאל לייב איזאַקסאָן, וועמעס פאָטער עס איז דעמאָלט געווען דער קאַידאַנאָווער רב. רפאל לייב האָט געקראָגן אַ רבנישע דערציונג, געווען איינער פון די בעסטע ישיבה־בחו־רים פון דער מירער ישיבה און דער באַליבטער תלמיד פון רב חיים לייב — דעם ראש ישיבה. נאָר ער איז „נעבעך" אַראָפּ פון גלייכן וועג. ער האָט פאַרוואָרפן די גמרא און אָנגעהויבן לערנען שפּראַכן און מאַטעמאַטיק. אין וואַרשע איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס אַ בוכהאַלטער אין אַ גרויסן און באַוואוסטן זייגער־געשעפט. אין יענער צייט האָט ער זיך געגרייט אָנצו־קומען אין אַן אויסלענדישן אוניווערזיטעט. זיי האָבן מיך באַקאַנט מיט זייערן אַ חבר און אַ שוועסטערקינד פון וואָלפקע עפּשטיין — אברהם קאַס־טילאַנסקי. מיר אַלע פיר האָבן פאַר יאָרן און יאָרן אָנגעהאַלטן אונדזער פריינטשאַפט ביז אונדזערע פּאָליטישע אָנשויונגען האָבן אונדז צעטיילט. איך מיט איזאַקסאָנען זיינען געוואָרן ציוניסטן און עפּשטיין מיט קאַסטי־לאַנסקין זיינען געוואָרן בונדיסטן און דער שלום־בית איז ביי אונדז צע־שטערט געוואָרן. די ערשטע דריי־פיר יאָר זיינען מיר געווען אומטיילבאַר: פיר חברים מיט איין נשמה און איין האַרץ. און ס'איז אונדז גוט געווען. צוזאַמען געלייענט, דיסקוטירט, אַלעמאָל צוזאַמען פאַרבראַכט, צוזאַמען אין טעאַטער געגאַנגען, צוזאַמען באַזוכט אונדזערע באַקאַנטע מיידלעך און אָפט, זייער אָפט, צוזאַמען געגעסן. אָבער מער פון אַלעמען האָב איך ליב געהאַט איזאַקסאָנען. איך האָב אים פּשוט פאַרגעטערט. און ער איז טאַקע געווען אַן אויסערגעוויינלעכער טיפּ, — אַ מענטש נישט פון „דער וועלט". אויב עס זיינען דאָ הייליקע מענטשן — איז ער געוויס געווען איינער פון זיי. אין לעבן איז ער געווען קרישטאָל ריין, אויסגעגעבן אויף זיך דעם מיני־מום, דערפאַר פלעגט ער זיך מיט אַלעמען טיילן מיט זיין לעצטן ביסן. אַ

גרויסן טייל פון זיין בודזשעט האָט ער אויסגעגעבן אויף ביכער. ער האָט ליב געהאַט צו שטודירן פילאָזאָפישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע ביכער. געוועזן פאַרליבט אין שלום עליכמן און אין פרצן. ער האָט געהאַט אַ שיינע יידישע ביבליאָטעק — מיר דוכט זיך, אַלץ, וואָס עס איז ביז צו יענער צייט דערשינען אין דער יידישער שפּראַך. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ שיינע העברעאישע ביבליאָטעק און פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע ביכער אין אַנדערע שפּראַכן. קיין אַנדערע פאַרגעניגנס, אויסער גייסטיקע, האָט ער נישט געזוכט. ער האָט שטענדיק געלעבט מיט די פּרינציפּן פון רחמים, יושר, שיינקייט און גוטסקייט און ער פלעגט דערביי מיט שטאָלץ אונטערשטרייכן, אַז דאָס אַלץ זיינען נאָר יידישע פּרינציפּן.

מיין לעבן און דחקות האָט אַזוי אָנגעהאַלטן כמעט אַ גאַנץ יאָר, ביז איינמאָל אַ פרימאָרגן, ווען איך האָב נאָך געשלאָפן, וועקט מיך אויף מיין חבר וואָלפקע עפּשטיין און ער פרעגט מיך:

— נח, דו ווילסט האָבן אַ גוטע שטעלע?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — ענטפער איך אים.

— טאָ שטיי אויף, טו־זיך־אָן און איך וויל דיך אַוועקפירן.

איך האָב זיך אויף גיך אָנגעטאָן און מיר זיינען אַרויס פון צימער. אויפן וועג דערציילט ער מיר:

— דאָ אויף נאָוואָליפּקע איז פאַראַן אַ גרויסער האָטעל. ער הייסט „האָטעל די נאָרטה". דאָרטן דאַרף מען האָבן אַ יונגן־מאַן אויף צו פירן די ביכער אין רוסיש. דו וועסט זיין צוגעפּאַסט פאַר דער אַרבעט. דער באַלעבאָס פון האָטעל איז קראַנק. ער געפינט זיך אין אויסלאַנד אין אַ קוראָרט און זיין פּלאַץ פאַרנעמט זיין פרוי. זי איז אַ קלוגע און אַן היינטוועלטיקע פרוי. מיט איר וועט דיר זיין גרינג דורכצוקומען. איך האָב איר דערציילט וועגן דיר און זי האָט מיר געהייסן דיך ברענגען.

מיר זיינען אַריין אין האָטעל, ער האָט מיך פאָרגעשטעלט. עס האָט נישט לאַנג גענומען און איך בין געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון דעם האָטעל, דער „זשאַנדצע", ווי זיי רופן דאָס אין פּוילן. מיין ערשטער געהאַלט איז געווען פופציק רובל אַ חודש מיט אַ צימער אין האָטעל און מיט באַדינונג.

אָט אַזוי בין איך גלייך צום יאָר דערהויבן און אויפגעריכט געוואָרן.

אויף מיין שטעלע האָב איך פאַרדינט אַ סך מער פון פופציק רובל אַ חודש. איך האָב געטאָן פאַרשיידענע שרייב־אַרבעטן פאַר די געסט, פאַרוואָס זיי פלעגן מיר גאַנץ פיין באַצאָלן. איך פלעג פאַר זיי שרייבן בקשות וועגן אויסלענדישע פּאַספּאָרטן, פאַר די, וואָס פלעגן דאַרפן פאָרן אין אויסלאַנד פאַר געשעפטן, אָדער כדי צו קורירן זיך. איך פלעג אויך פאַר די געסט

שרייבן „ביטעס" צו דער העכערער מאַכט, פאַר יענע, וועלכע האָבן געוואָלט קריגן די דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אויף אַ לענגערער צייט אין וואַרשע און פאַר אַלץ האָט מען מיר באַצאָלט. געלעבט האָב איך פּשוט אין ווילטאָג. געגעסן אין רייכע רעסטאָראַנען, זייער אָפט באַזוכט די פּוילישע טעאַטערס, נאָך מער באַזוכט די אָפּערע. איך פלעג זעלטן דורכלאָזן די בעלער פאַר ווילטעטיקע צוועקן. איך האָב זיך אויך דעמאָלט געדונגען צוויי לערער: אַ פּאָליאַק אויף צו לערנען מיט מיר לאַטיין, גריכיש און העכערע מאַטעמאַטיק, און אַ פראַנצויז — ער זאָל מיט מיר לערנען זיין שפּראַך. כ'האָב איינגעקויפט אַ סך ביכער. כ'האָב זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל", מיט זאַמבאַרטן, פּלעכאַנאָוון, קאַוטסקען, מיכאַילאָווסקען און כ'האָב געלייענט אַ סך ביכער וועגן סאָציאָלאָגיע. מיך האָט אויך שטאַרק אינטערעסירט די אויפגייענדיקע יידישע ליטעראַטור. פּרצן האָב איך פאַרגעטערט. כ'פלעג איינקויפן אַלץ פון די נייע יידישע אויסגאַבן. ספּעציעל האָט מיך אינטערעסירט די יידישע געשיכטע און דאָס לעבן פון יידן איבער גאָר דער וועלט און איך פלעג די ביכער לייענען ווי אַ פאַרשיכורטער. אָבער דאָס אַלץ האָט מיר נישט געשטערט גלייכצייטיק הנאה צו האָבן פון לעבן — אָבער נישט אין ווולגאַרן זינען פונם וואָרט.

איך האָב אין יענער צייט געבראַכט קיין וואַרשע מיין ליבע שוועסטער כאַניען, זי זאָל אויך פאַרזוכן דעם טעם פון אַ גרויסשטאָטישן לעבן. אין דער היים איז זי געווען אַ צוריקגעהאַלטענע, אַ צוריקגעצויגענע. אויסער ביכער האָט איר גאָרנישט אינטערעסירט. זאָל זי זיך אַ ביסל אויסמענטשלען, האָב איך זיך געטראַכט.

איינמאָל גיי איך איבער די נאַלעווקעס און טרעף מיין לאַנדסמאַן און חבר פון דער היים קהת (דער איצטיקער גרויסער פּאָעט יוסף ראָלניק). מיר באַגריסן זיך וואַרעם. איך פרעג אים, ווי אים לעבט זיך און ער דערציילט מיר, אַז ער אַרבעט פאַר אַ קאָמיסיאָנער. דאַרף שלעפּן שווערע פּעק, דאַרף באַדינען די אַלע, וואָס קומען פון דער פּראָווינץ, קויפן מאַנופאַקטור דורך זיין באַלעבאָס. ער אַרבעט שווער און פאַרדינט זייער ווייניק. איך האָב אים איינגעלאַדן, ער זאָל וווינען מיט מיר אין האָטעל, ווו איך אַרבעט. ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. איך האָב אים געגעבן דעם צווייטן צימער פון מיר און אַ פּאָר חדשים זיינען מיר געווען צוזאַמען. מיין האָטעל־לעבן האָט מיך זייער אַ סך געלערנט. ס'פלעגן קומען אַהין מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, מערסטנס יידן פון ליטע, פּוילן, רוסלאַנד, גאַליציע, עסטרייך, דייטשלאַנד, אפילו פון סיביר. מיט אַלעמען האָב איך זיך באַקאַנט און ליב געהאַט זיי זאָלן מיר דערציילן פון זייערע שטעט, פון זייערע לענדער, ווי אַזוי די יידן לעבט זיך דאָרט. מיט אַ סך פון די געסט,

וואָס פלעגן אָפּט קומען, בין איך געווען נאָנט באַפריינדעט און פלעג זיי אויפנעמען, ווי מיינע פערזענלעכע געסט און מיר פלעגן צוזאַמען עסן און צוזאַמען פאַרברענגען די אָוונטן.

מיין באַליבטסטער חבר איזאַקסאָן איז שוין דעמאָלט אין וואַרשע נישט געווען. ער איז אַוועקגעפאָרן אין זשענעווע, אין שווייץ, און געוואָרן דאָרט אַ סטודענט אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט און מיר האָבן צווישן זיך אָפּט קאָרעספּאָנדירט. ער האָט מיר אַ סך געשריבן וועגן טעאָדאָר הערצלען, וועגן ציוניזם, און געשריבן האָט ער עס אין אַ געהויבענעם טאָן און מיט באַגייסטערונג. אַזוי אַז זיינע געדאַנקען זיינען מיר שטאַרק אַריין אין קאָפּ און איך האָב זיך מיט זיי שטאַרק פאַרינטערעסירט. איך האָב אָנגעהויבן צו חלומען, ווי גוט ס'וואָלט געווען ווען אַלע יידן פון דער וועלט באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, ווו זיי וואָלטן געקענט פירן אַן אייגענעם זעלבסטשטענדיקן לעבן, אַ ניי לעבן, אויף די יסודות פון פרייהייט, ברידערלעכקייט, יושר און שיינקייט. אין איינעם פון זיינע בריוו האָט ער מיר געשריבן וועגן איינעם אַן „אונדזעריקן" ייד — ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וואָס האָט געהאַלטן אַ לעקציע אין זשענעווע וועגן דעם, אַז מיר זיינען אַ נאַציע, מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ נאַציע, מיט אַן אייגענער געשיכטע, מיט אַ באַזונדערע קולטור, אַן אייגנאַרטיקע גייסטיקע וועלט און מיט אַ באַזונדערער שפּראַך, אונדזער הויפּט־צרה איז נאָר אונדזער דעקלאַסירטקייט. מיר יידן, מוזן אַריבערגיין צו נוצלעכער פּראָדוקטיווער אַרבעט און צום אַלעם ערשטן — צו לאַנד אַרבעט. מיר מוזן קעמפן נישט נאָר פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אַלס בירגער נאָר אויך פאַר אונדזערע נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט.

איזאַקסאָנס בריוו צו מיר האָבן אין מיינע אומקלאָרע געדאַנקען אַ־ריינגעטראָגן אָרדענונג, פאַרשטענדעניש, קלאָרקייט און זיי האָבן, אַזוי־צו־זאָגן, אָנגעצייכנט מיין ווייטערדיקן גאַנג אין לעבן.

איך האָב אָנגעהויבן נאָך מער צו לייענען ביכער פון יידישן לעבן, וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועגן דעם קאַמף פון יידן אין די לענדער פון זייער פאַרשפרייטונג, וועגן זייער קאַמף פאַרן אייגענעם „איך", וועגן מיין פאָלקס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט, וועגן אונדזער גרויסן מאָראַלישן בייטראָג צו די אַלגעמיין מענטשלעכע ווערטן. און וואָס מער איך האָב געלייענט און געטראַכט, אַלץ אַ מער באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַ־ליסט בין איך געוואָרן.

מיין שוואַכסטער פונקט איז געוואָרן: די יידישע לאַגע אויף דער וועלט. קיין בעסערן ביישפּיל האָב איך נישט געקענט האָבן, ווי די יידישע לאַגע אין דער דעמאָלטיקער רוסלאַנד: הונגער און נויט, באַרויבט פון אַלע מעגלעכקייטן פון אַ מענטשלעכן לעבן, באַרויבט פון אַלע מענטשלעכע

און בירגערלעכע רעכט. די ציגישע באַציונג צו אונדז מצד די רוסן און פּאָליאַקן, דאָס איזדיעקעווען זיך איבער אונדז, דאָס אַרויפגיסן אויף אונדז דורך דער פּרעסע, יעדן טאָג גאַנצע פּאַמויניצעס מיט שמוץ, דאָס דערני־דעריקן אין אונדז דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס מיר פּאַרמאָגן, דאָס אָוועקשטעלן אונדז געזעצלעך נידעריקער פון הינט, האָט מיך געקרענקט אויפן העכסטן גראַד. קיין סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דעם זינען, ווי מיר פאַרשטייען דאָס היינט, איז אין רוסלאַנד און אין פּוילן, דאַן נאָך נישט געווען. עפּעס האָב איך געהערט וועגן סאָציאַליסטן, וועגן נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ, וועגן זשעליאַבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ, עפּעס האָט מען אייניקע סאָציאַ־ליסטן אַרעסטירט אין מיין געבורטשטעטל קאַפּוליע, נאָר איך האָב נאָך דאַן נישט געוווּסט, וואָס זיי ווילן. איין זאַך האָב איך יאָ געוווּסט, אַז זיי ווילן נישט קיין קייסער. אָט האָב איך אויך, זייענדיק אין זעקסטן קלאַס פון אונדזער שטאָטישער שול אויך נישט געוואָלט שווערן טרייהייט צו ניקאָלאַי דעם צווייטן, ווען ער איז אַרויף אויפן טראָן. בין איך מיט דעם אַ סאָציאַליסט? אמת איז, אַז מיין מאַמע האָט מיר אַמאָל דערציילט וועגן איי־נעם קליינבאַרטן, אירער אַ באַקאַנטער, וואָס איז געווען פאַרשיקט אין סי־ביר און וועגן זשעניע הורוויטש (יצחק־אייזיק הורוויטשעס אַ שוועסטער). און דערציילט האָט זי מיר וועגן זיי, ווי וועגן עפּעס הייליקע, ווי פון אוי־בערמענטשן, אָבער קיין סאָציאַליסט בין איך דעמאָלט פון דער געשיכטע נישט געוואָרן...

אָבער אין יענער צייט, איז פּלוצלונג אויף דער אויבערפלאַך פונעם יידישן לעבן אַרויסגעשווומען די פּערזאָן פון טעאָדאָר הערצל און צוזאַמען דערמיט איז דעמאָלט שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן דער ציוניסטישער געדאַנק. מען שרייבט וועגן דעם אין דער יידישער פּרעסע, מען רעדט וועגן דעם אומעטום, מען האָט פאַרזאַמלונגען, מען האַלט לעקציעס. צו אייניקע פון די לעקציעס האָט מען מיך איינגעלאַדן. איך האָב זיי באַזוכט, כאָטש זיי זיינען געווען נישט קיין לעגאַלע. איך האָב דעמאָלט געהערט רעדן דעם אַדוואָקאַט יאַסינאָווסקי, טשלענאָוו, מאַצקינען און פּאָדלישעווסקין. כ׳בין איינמאָל געווען אין אַ רייכן הויז, ביי אַ געהיימער זיצונג פון די ציוניסטן און איך רעכן זיך שוין פון דעמאָלט אָן פאַר אַ ציוניסט...

אין איין שיינעם טאָג האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער האָטעל מאָדנע געסט. איינער אַ רב סאָלאָווייטשיק, אַ ד״ר ברוק, עפּעס אַ גרויסער טומלער זיף, נאָך אַ רב פון לידע ריינעס און נאָך און נאָך. זיי אַלע זיינען עפּעס אָנגעפּילט מיט סודות, האַלטן־אָפּ באַראַטונגען און עס קומען צו זיי יאַסי־נאָווסקי, טשלענאָוו און פּאָדלישעווסקי.

זיי רופן מיך אַריין צו זיך און זיי פאַרטרויען מיר, אַז אייניקע פון זיי

האָבן נישט קיין אויסלענדישע פּאַספּאָרטן און זיי דאַרפן פאָרן אין זשע־נעוו, שווייץ. ווילן זיי, אַז איך זאָל פאַר זיי באַזאָרגן די פּאַספּאָרטן. וועגן געלט, זאָגן זיי, איז נישטאָ וואָס צו ריידן, אָבער זיי דאַרפן האָבן די פּאַס־פּאָרטן וואָס גיכער, אין פאַרלויף פון פינף טעג. איך האָב זיך פון זיי דערוווּסט, אַז זיי פאָרן צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעוו. אָבער אינם פּאַספּאָרט־ביוראָ האָב איך אָנגעגעבן, אַז אַ טייל פון זיי פאָרן אַלס סוחרים, אַנדערע פאָרן צו גרויסע דאָקטוירים און די איבעריקע פאָרן אין די בעדער. צו דער באַשטימטער צייט האָבן זיי געקראָגן די אויסלענ־דישע פּעסער און איך האָב זיך געפילט גליקלעך, וואָס איך האָב זיי דאָס באַזאָרגט, ווייל איך האָב אויף זיי געקוקט ווי אויף הייליקע, ווי אויף אויס־בערמענטשן ,ווי אויף רעטער פון מיין פאָלק.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך מיט דער גרעסטער אויפמערק־זאַמקייט געלייענט די באַריכטן פון קאָנגרעס און איך בין געווען גענוי אינפאָרמירט פון אַלץ, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

פון דעם ערשטן קאָנגרעס אָן, איז דער פּאָפּולערסטער ייד איבער דער גאַנצער וועלט געוואָרן טעאָדאָר הערצל און פאַר די אונטערדריקטע יידי־שע מאַסן האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע ליכטיקע האָפנונג אויף נאַציאָנאַלער דערלייזונג. מיר האָבן דעמאָלט געפילט, אַז ס'איז אַנטשטאַנען אַ נייע עפּאָ־כע אין יידישן לעבן — אַן עפּאָכע פון דער ווידערגעבורט פונם יידישן פאָלק. און איך בין באַהערשט געוואָרן מיט אַ גרויסער יום טובדיקער שטימונג. אַרום דעם גרויסן לייכטענדן שטערן — אַרום ד"ר הערצל — האָבן אויך געלויכטן אַנדערע שטערן — די נעמען פון מאַקס נאָרדוי, יש־ראל זאַנגוויל און אַ סך אַנדערע. עס איז פאַרזאַמלט געוואָרן די יידישע אינטעליגענץ, אפילו אַ סך פון דער אַסימילירטער אינטעליגענץ, און אַלע האָבן דערציילט וועגן די יידישעליידן, וועגן אונדזער אָבנאָרמאַלן לעבן, און זיי האָבן אָנגעוויזן דעם וועג צו אַ פרייען און נאָרמאַלן יידיש לעבן, ווו מיר אַליין וועלן זיין באַלעבאַטים איבער זיך און אין וועלכן מיר וועלן אַליין באַשטימען אונדזער אָרט לעבן. עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז די וועגן פאַר אַ פרייער יידישער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פירן דורך ארץ־ישראל. די בעסטע זין פון אונדזער פאָלק האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן דעם שענסטן טרוים פון יידישן פאָלק פאַר די לעצטע 2000 יאָר — אומקערן דאָס יידישע לאַנד צום יידישן פאָלק און דאָס יידיש פאָלק צום יידישן לאַנד. דער געדאַנק האָט געוועקט די ברייטע יידישע מאַסן, זיי גערופן צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, זיי אָנגעצונדן מיט אַ גרויסן אידעאַל, זיי געגעבן אַ זין אין לעבן, זיי געגעבן אַ טרייסט אין זייערע ליידן, זיי געגעבן מוט און האָפנונג אויף אַ דערלייזונג.

דער קאָנגרעס האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט און די דעלעגאַטן זיינען צוריקגעפאָרן אין זייערע ווײַן־פּלעצער און אין מיין האָטעל־אַריין זיינען צוריקגעקומען די דעלעגאַטן, וואָס האָבן אים פאַרלאָזט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. זיי זיינען געקומען פריילעכע, באַגייסטערטע, אָנגעפילט מיט אַזוי פיל נייע איבערלעבונגען און איינדרוקן. אויף קיין איין מינוט אפילו האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן קאָנגרעס און זייערע רייד האָבן אויך מיך אָנגעפילט מיט דער העכסטער באַגייסטערונג.

פון מיינע יוגנט־חברים אין וואַרשע, בין איך געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ באַגייסטערטע באַציונג צום ציוניזם. מיין חבר רפאל־ לייב איזאַקסאָן האָט אויך געהאַט אַזאַ באַציונג, אָבער ער איז דאָן אין וואַר־ שע נישט געווען. געפינענדיק זיך אין דער שווייץ, האָט ער מיר פון דאָרטן געשריבן באַגייסטערטע בריוו וועגן דעם קאָנגרעס, וועלכן ער האָט ביי־ געוווינט אַלס גאַסט. אַלע איבעריקע חברים מיינע זיינען נישט געווען איינ־ שטימיק מיטן ציוניזם. און מיר פלעגט אויסקומען מיט זיי אָפטמאָל צו דעבאַטירן און צו קריגן־זיך. זיי האָבן געהאַט אַן אַנדערן אידעאַל. זיי האָבן גערעדט וועגן דער גאַנצער מענטשהייט און זיי האָבן שטאַרק פאַרגעטערט קאַרל מאַרקסן, וואָס האָט אָנגעצייכנט דעם וועג פאַר דער באַפרייונג פון דער גאַנצער מענטשהייט און די מיטלען ווי אַזוי אויפצושטעלן די נייע געזעלשאַפט פון די אַרבעטנדע — די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וועל־ כע וועט גליקלעך מאַכן די גאַנצע מענטשהייט, יידן אַריינגערעכנט.

פאַרשטייט זיך, איך בין אויך געווען פאַר דעם, נאָר מיר איז נישט געווען צום האַרצן, וואָס זיי האָבן נישט אַריינגענומען אין זייער פּראָגראַם די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע. נאָר זיי רעכענען די יידישע פראַגע אַלס אַן אַלגעמיין מענטשלעכע און מיר דאַרפן נישט אַרויסשטעלן אונדזער פראַגע בראש פון אונדזערע פאָדערונגען. מיר דאַרפן בלויז אָנפירן אַ קלאַסן קאַמף — האָבן זיי געטענה׳ט — און נישט קיין נאַציאָנאַלן קאַמף. אין אַלגעמיין איז ביי זיי נאַציאָנאַליזם געווען טריף. אויסער דעם האָבן זיי געהאַט אַ נעג־ גאַטיווע באַציונג צו אַלע ווערטן פון יידישן לעבן. זייער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט מיך דערווייטערט פון זיי.

זיי — מיינע יוגנט־חברים — זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט סודות. געשאַפן נייע באַקאַנטשאַפטן מיט יונגע לייט פון בריסק, ביאַליסטאָק, האָ־ מעל, מינסק און ווילנע. זיי האָבן אַלע געטאָן עפּעס אַן אַרבעט, פון וועלכע איך האָב נישט געטאָרט וויסן. אמת, דאָס האָט מיך שטאַרק אינטריגירט, אָבער, איך פון מיין זייט, וואָלט געוואָלט אומטאַקטיש זיי וועגן דעם צו פרעגן. אונדזערע פריינטשאַפטלעכע באַציונגען האָבן אָנגעווירן זייער אינטימי־ טעט און מיר האָבן געפילט, אַז מיר ווערן אויס פריינד.

צו יענער צייט איז געקומען קיין וואַרשע א. ש. זאַקס, אַ יינגל פון אַ יאָר אַכצן־ניינצן און ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין מיין צימער. ווייל קיין בעט פאַר אים איז נישט געווען און געצאָלט האָט ער זייער ווייניק, איז ער געשלאָפן אויף עפעס אַ גרויסן קאַסטן. ער איז געווען אָנגעלאָדן מיט יידישן וויסן ווי אַ מילגרוים. מסתמא ערשט פון דער ישיבה. נאָר ער האָט שוין געקענט גוט רוסיש און דייטש און ער איז שוין געווען אַ פאַר־טיקער סאָציאַליסט. שטודירט קאַרל מאַרקסן און ער האָט זיך גענומען איבערזעצן באָגדאַנאָווס פּאָליטישע עקאָנאָמיע אויף יידיש. אין די אָוונטן האָט ער געלערנט מיט יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס די פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אין יענער צייט איז דאָס קענען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע גע־ווען אַ נויטיקע זאַך פאַר די מער־פעיקע און פאַרשטענדיקע אינטעליגענטן און אַרבעטער. דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט זיך אַרויסצורוקן אין פאָדערגרונט פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

אין גיכן האָט זיך אויך מיין חבר קאַסטעלאַנסקי אַריינגעקליבן צו אונדז אין צימער, און מיר האָבן שוין זאַלבעדריט געוווינט אין איין צימער. דורך זיי האָב איך זיך באַקאַנט מיט די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אין וואַרשע געגרינדעט די „בונדישע" אָרגאַניזאַציע. אין יענער צייט האָב איך צום ערשטן מאָל זיך באַקאַנט מיט אַן אומלעגאַלן ביכל. דאָס האָט געמוזט זיין אין 1898. איך בין אַריין צו איינעם פון זייער קרייז, אַן אינ־טעליגענטער יונגערמאַן מיטן נאָמען שערעשעווסקי, פון בריסק. אין זיין צימער האָב איך קיינעם נישט געטראָפן. אויפן בעט האָב איך דערזען אַ פּעקל רוסישע ביכלעך און איין זשורנאַל אין יידיש. מיך האָט עס שטאַרק פאַרינטערעסירט. צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען אַ יידישן זשורנאַל און איך האָב קיין אנונג נישט געהאַט, אַז ערגעץ־ווו גייען אַרויס יידישע זשורנאַלן. איך האָב דעמאָלט, פריער קיינמאָל אפילו נישט געזען קיין יידי־שע צייטונג. אין רוסלאַנד האָט די צאַרישע רעגירונג אַזוינס נישט דער־לויבט. מיט אַן אינערלעכן ציטער האָב איך באַטראַכט דעם זשורנאַל. זיין נאָמען איז געווען „די צוקונפט". מען האָט אים אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, אין אַמעריקע. און אויפן פאָדערבלעטל איז געווען אַ גרויסער שטעמפּל אין רויטן און אין מיטן צוויי אַרבעטער־הענט, וואָס דריקן איינע די אַנדערע און אַרום די הענט די אויפשריפט: „רוסישע סאָצ. דעמ. זשענעוו". דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען איינע פון די שענסטע איבערלעבונגען אין מיין לעבן. איך האָב גענומען לייענען דעם זשורנאַל. קיין „שרעקלעכס" איז דאָרט נישט געווען. אַ סך זאַכן, וואָס זיינען דאָרט געווען געדרוקט האָב איך געוווסט פון פריער פון מיין לערנען נאַטור־וויסנשאַפט און אַלגעמיינע

געשיכטע. איך בין אויך געווען באַקאַנט מיט די רוסישע שרייבער, וועגן וועלכע זיי האָבן געשריבן. אָבער דער רויטער שטעמפּל „רוסישע סאָצ. דעמ. זשענעוו" און דער פּרייער טאָן פון די רוסישע אויסגאַבן האָבן זיך אויפן גאַנצן לעבן מיינעם איינגעקריצט אין מיין זכרון.

שפּעטער נאָך דעם איז מיר שוין אַ סך מאָל אויסגעקומען צו לייענען אומלעגאַלע ליטעראַטור, אָבער קיין שום אומלעגאַלע אויסגאַבע האָט שוין נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ רושם ווי די „צוקונפט" פון אַמעריקע וואָס איך האָב געלייענט אינם צימער פון מיין באַקאַנטן שערעשעווסקי.

קאַפּיטל 14

איך פאָר צוריק אין דער מיר

אָפּגעוועזן אין דער פרעמד קאַרגע דריי יאָר און איך האָב באַשלאָסן פאָרן צוריק אַהיים. מיין היים האָט פאַר מיר געלויכטן מיט זיבן זונען. דאָרטן איז דאָך אַלץ אַזוי שיין און אַזוי אנגענעם. איך האָב דאָרט מיין טאַטן און מיין מאַמען, מיינע ברידער און שוועסטער, מיינע קוזינס ליאָוועז און אניוטען, מיינע אַלע חברים און זיי זיינען דאָך אַזעלכע טייערע יאַטן. אָי, האָב איך נאָך זיי אַלעמען געבענקט, שוידערלעך געבענקט, ביז טרערן געבענקט. איך האָב געבענקט נאָך אַלעמען, נאָך אַלע מירער. זיי זיינען דאָך געוועזן מיר איינגעבאַקן אין האַרצן. און גראַדע האָב איך פאַר פסח דערהאַלטן אַ בריוו פון מיינע עלטערן — זיי בעטן מיר קומען אויף פסח אַהיים. און איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך וועל קומען אַ טאָג פאַר פסח.

אַ העכסט באַגייסטערטער און מיט דער גרעסטער שמחה האָב איך געקויפט אַ באַן־בילעט און זיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן. נו, האָט זיך מיין רייזע מיט דער באַן געצויגן אַ גאַנצע אייביקייט. וואָס רייד איך?! יעדע מינוט איז געווען אַן אייביקייט. און מיר דוכט זיך, אַז די באַן גייט נישט, נאָר קוים, קוים זי שלעפּט זיך. איך בין אַזוי אומגעדולדיק, אַז איך קען נישט איינזיצן אויף מיין פּלאַץ. דאָ גיי איך אום, דאָ קוק איך אין פענצ־טער, דאָ לייג איך זיך צו און גיב זיך ווידער אַ ריס און הויב ווידער אָן צו שפּאַנען. אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. היימישע בילדער אַזוי ווי דורך אַ פילם זיינען געלאָפן פאַר מיינע אויגן.

איך בין אָנגעקומען אויף מיין לעצטער סטאַנציע — גאָראָדייע. דאָ דאַרף איך אַרויסשטייגן און נעמען אַ בעל עגלה ביז מיין שטעטל מיר — 15 וויאָרסט פון דאַנען. איך בין אַרויס פון וואַקזאַל — ערשט צו מיין גרעס־טער פרייד באַמערק איך אַז עס וואַרט אויף מיר אַ מירער בעל עגלה. מאיר דער בעל עגלה, וועלכן איך האָב ליב פון מיין פריסטער יוגנט אָן. ער גיט מיר איבער, אַז מיינע עלטערן האָבן אים געשיקט — מיך ברענגען אַהיים. מיר כאַפּןביידע אַ ביס און זעצן זיך אויף זיין וואָגן — איך אין בויד און ער אין פראָנט, נעמט די פערד, וויאָ! און מיר פאָרן שוין.

איך באַשיט אים מיט פראַגן וועגן אַלץ און אַלעמען. און ער גיט

ענטפּערס איינס נאָך איינס. ער דערציילט מיר פון די מירער נייעס און איך האָב גרויס פאַרגעניגן. פאַר די לעצטע דריי יאָר איז ער דער ערש־טער, מיט וועמען איך קען זיך ווי עס באַדאַרף צו זיין ריידן וועגן מיינע מירער. און ער דערציילט מיר וועגן אַלע די, וואָס האָבן חתונה געהאַט, וואָס האָבן קינדער געבוירן, וועמען מען האָט אין סאָלדאַטן אָפּגעגעבן און ווער ס'איז שוין מער נישטאָ אויף אונדזער וועלט. ווען מיר האָבן פאַר־ענדיקט מיט די יידן, דערציילט ער מיר נייעס וועגן די קריסטן און די טאַטערן, ווער ס'האָט פאַר די לעצטע יאָרן געברענט און וויפל הייזער ס'זיינען דאַן אַראָפּ, און ווער ס'איז דער נייער סעקרעטאַר ביים ריכטער, און ווער איז היינט דער פּריסטאַוו און וואָס פאַר אַ גוי ער איז.

און דאָ האָב איך דערזען אונדזער וועלדל. עס רעדט זיך וועלדל, דאָס איז דאָך אַ שטיק פון מיין נשמה, וואָס האָט זיך מיט ליבשאַפט באַ־זעצט אין מיין האַרצן. דאָ האָב איך דאָך פאַרבראַכט אַזוי פיל וווּנדערבאַרע שבתים, יום טובים און גלאַט וווּנדערבאַרע טעג און באַצויבערנדע אָוונטן. איך קען שוין נישט איינזיצן אין בויד און טאַנץ אַרויס פון וואָגן און לויף איבערן וועג, וואָס איז ביים ברעג פון וואַלד, ווי אַ משוגענער. און מאיר, קוקנדיק אויף מיר, שמייסט די פערד, זיי זאָלן אויך לויפן. נאָכן וואַלד, דערזע איך דעם שלאָס. דער זעלביקער שלאָס מיט די אויפגעריסענע ווענט, מיט חורבות אַרום און אַרום, מיט די זעלביקע „בערג" און „טייכן" אַרומ־געריגנלט.

איך האַלט אַלץ אין לויפן און מאיר מיט די פערד לויפט מיר נאָך. שוין אַריבערגעלאָפן איין בריקל, אַ צווייטן און אָט איז בערל דעם חסידס הויז, אָט איז מאיר בערגערס אַריינפאָר הויז, און אָט איז מאָטל דזשעכ־טשאַרניקס הויז. אַנטקעגן איז דעם גלהס גאָרטן און אָט איז דער קלויס־טער. דאָ הויבט זיך שוין אָן די אמתע „שטאָט". עס פּאַסט נישט צו לויפן. איך זעץ זיך אַריין אין בויד און אין צוויי מינוט שפּעטער שטעלט זיך אָפּ די בויד אַנטקעגן אונדזער הויז. טאַטע, מאַמע און מיינע אַכט ברידער און שוועסטער לויפן אַרויס מיט גרויס פרייד מיך באַגעגענען. מיר קושן זיך, האַלדזן זיך און מען פירט מיך מיט גרויס פּאַראַד אַריין אין הויז. פלאָרע, אונדזער דינסט, שטעלט אָן דעם סאַמאָוואַר, די מאַמע גיט גוטע זאַכן צום טיש און איך בין צוריק אַ היימישער. מען רעדט, מען דערציילט, מען פרעגט אויס איינע די אַנדערע און איך בין צוריק אין דער משפּחה, נאָך וועלכער איך האָב דריי יאָר אַזוי שטאַרק געבענקט. און מיר איז אַזוי גוט! אַזוי גוט! און טאַטע־מאַמע זיינען צופרידן: איך האָב זיי געבראַכט מתנות. אַליין בין איך געקומען אַן אויסגעפּוצטער אין עסיק און האָניק. צום ערשטן

מאָל בין איך אַ גאַסט אין מיין היים. און אַלע זיינען אַזוי צופרידן, אַזוי גליקלעך!

עס זיינען געקומען דער פעטער מיט דער מומען מיט זייערע צוויי קינדער ליאָווען און אַניוטען באַגריסן דעם גאַסט. און זיי האָבן מיר אַ קאָמפּלימענט געגעבן, אַז איך בין געוואָרן אַ גאַנצער מאַן, אַ „פּאַלנער" בּענטש. דערנאָך זיינען געקומען מיינע חברים פון די קינדער־יאָרן און מיין מאַמע האָט געהאַלטן אין איין צוטראָגן צום טיש טיי מיט גוטע זאַכן.

אָבער איך בין געווען שרעקלעך פאַרמאַטערט און שלאָפן האָט זיך געוואָלט, אַז איך האָב פּשוט נישט געקענט איינזיצן און ריידן מיטן עולם. און מיין קלוגע מאַמע האָט שוין אַזוי איינגעאָרדנט, אַז דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און איך האָב זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין בעט און איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

מיינע יוגנט חברים לאָזן מיך נישט אָפּ. אויך האָב איך געקראָגן פריינט פון דעם שיינעם געשלעכט. זיי זיינען געקומען אָנקוקן דעם וואַרשעווער „קאַוואַליער". די טיר פאַרמאַכט זיך נישט. מען לאַדט מיך איין אין פּאָר־שיידענע הייזער. און די גאַנצע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט שפּאַצירן מיר. איך דערצייל זיי מעשות פון וואַרשע. איך זינג זיי נייע לידער. אַלע קאָפּירן זיי פּאָר זיך און איך לערן זיי אויס ווי צו זינגען די לידער. אָבער נאָך איניקע טעג, ווען איך האָב זיך אָנגעזעטיקט מיט מיין שטעטל און דער רויש איז אַרויס פון קאָפּ, הויב איך אָן שוין באַמערקן חסרונות אין מיינע לאַנדסלייט. נישט גענוג געלערנט, וויסן נישט ווי זיך צו האַלטן, האָבן ווייניק געלייענט, זיינען נישט אַנטוויקלט, האָבן ווייניק וואָס געזען, אפילו אין טעאַטערס נישט געווען, שוין נישט רייַדנדיק וועגן אָפּערעס. און נאָך אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווערן זיי מיר אין גאַנצן נישט אינטערעסאַנט. און דאַן האָב איך זיך דערפילט, ווי אַן אָפּגענאַרטער. ס'איז דאָך נישט דאָס, וואָס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. ס'איז גרוי, אַלטמאָדיש, אָפּגעלעבט. נישט דאָס האָב איך דערוואַרטעט און אַלץ איז מיר געוואָרן אַזוי לאַנגווייליק... און מיר האָט שוין פאַרדראָסן, פאַרוואָס איך בין געקומען אַהער, כאָטש איך האָב דאָס פּאָר קיינעם נישט געזאָגט.

איניקע וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיטן ציוניזם, דערוויסנדיק זיך, אַז איך אינטערעסיר זיך מיט דער באַוועגונג, האָבן אין אַלטע אסנתעס הויז איינגעאָרדנט אַן אָוונט אויף וועלכן איך האָב געלייענט אַ רעפעראַט וועגן ציוניזם.

איך האָב אַ פּאָר טעג צוגעאַרבעט און צוגעגרייט דעם רעפעראַט. ווען איך בין געקומען צום אָוונט איז שוין די „סאַליע" געווען איבערגעפּאַקט מיט דער מירער „אינטעליגענץ". אויף וויפל מיר געדענקט זיך, איז דער

רעפּעראַט נישט געווען קיין אַי אַי אַי. איך האָב אָנגעהויבן מיט דער עפּאָ־כע, ווען די יידן האָבן געלעבט פריי, זעלבסטשטענדיק אין ארץ־ישראל, אַריבער צו דעם, וואָס יידן האָבן שוין דאַן בייגעטראָגן צו דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע מיט זייער מאָנאָטעיזם, מיט זייער הויכער לערע פון מאָראַל, פון געזעלשאַפטלעכן יושר, רחמנות צו אַלע אונטערגעדריקטע, אפילו פון פרעמדן אַפּשטאַם. דערנאָך בין איך אַריבער צו אונדזערע גרויסע יידן שוין אין גלות, וואָס זיי האָבן בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשהייט אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענ־לעבן.

איך האָב געמאָלן די איצטיקע לאַגע פון די יידן איבער דער וועלט, ספּעציעל אין מזרח־אייראָפּע. גערעדט וועגן דעם היסטאָרישן צונויפבונד פון יידישן פאָלק מיטן יידישן לאַנד, וועגן דעם, אַז דער בונד איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן שטאַרקער און די מאָדערנע יידן טרוימען איצט גאַנץ ערנסט וועגן אַ גרויסער עמיגראַציע פון גלות קיין ארץ ישראל און די שטרעבונג דריקט זיך שוין אויס אין מעשים. איך האָב זיי דערציילט וועגן די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען פון די בילו׳יים, פון פּינסקערס אויטאָעמאַנסיפּאַציע, פון הערצלס אַלט־ניי־לאַנד, וועגן דעם ערשטן אַל־וועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס און צום סוף וועגן מיין איבערצייגונג, אַז מירן נאָך דערלעבן די צייט פון אַ מאַסן־אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל, פון אַ יידישן פרייען זעלבסטשטענדיקן לעבן דאָרט, און אַז מיט דער צייט וועלן מיר האָבן דאָרט די איבערוועגנדיקע מערהייט פון יידישן פאָלק.

דער רעפּעראַט איז געווען אַ שאַבלאָנער און קיין נייעס האָב איך נישט געזאָגט. דאָך האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די צוהערער. מען האָט שטאַרק אַפּלאָדירט. מיינע עלטערן זיינען געווען אויפן זיבעטן הימל פון דעם, וואָס זייער נח האָט געקענט האַלטן אַזאַ רעפּעראַט און אין שטעטל בין איך מיט אַמאָל געוואָרן „אַ גרויסער מענטש". אין אָוונט האָבן מיך מיינע מירער הברים איינגעלאַדן אין מאָטלס אַריינפאָר הויז אין אַ „נומער", ווו אויסער די חברים, האָב איך געטראָפן אייניקע שקצים, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געענדיקט די שטאָט־שול און וועלכע זיינען אויך געקומען אין שטעטל אויף זייער יום טוב פּסח. מען האָט געגעסן, געטרונקען און געהאַלטן רעדעס.

גלייך נאָך יום טוב האָב איך פאַרלאָזן מיין שטעטל. איך בין ווידער געפאָרן קיין וואַרשע.

קאַפּיטל 15

איך שליס נייע באַקאַנטשאַפטן אין וואַרשע

דאָס מאָל בין איך שוין געקומען אין וואַרשע נישט ווי אַ פרעמדער, נאָר ווי אַ שטיקל תושב. איך בין גלייך פאַרפאָרן אין האָטעל „דע נאָרטה" און פאָרגעזעצט מיין אַרבעט אַלס אָפיציעלער פאַרוואַלטער.

צום אַלעם ערשטן האָב איך געדאַרפט באַזוכן מיינע וואַרשעווער חברים, פריינט און לאַנדסלייט און צווישן אַנדערע בין איך אַריין צו איינעם אַ יונגן מאַן — האַלפּערין, וועלכער האָט געאַרבעט אויף נאַלעווקעס אין זיין פאָטערס מאַנופאַקטור געשעפט. איך האָב געוווסט, אַז ער איז אַ בונדיסט, אַן אַקטיווער טוער, נאָר דאָס האָט נישט געשטערט אונדזער פריינטשאַפט. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט, פאַרשטייט זיך, וועגן בונדיזם און ציוניזם. אויך איז פאַרשטענדלעך, אַז צום ציוניזם האָט ער זיך באַצויגן סקעפּטיש און וועגן סאָציאַליזם האָט ער גערעדט מיט באַגייסטערונג. אין לויף פון דעם געשפּרעך האָב איך אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז ציוניזם און סאָציאַליזם זיינען נישט קיין ווידערשפּרעכנדיקע באַגריפן. מען קען זיין אַ גוטער בונדיסט און צו דער זעלבער צייט אויך פאָדערן די באַפרייונג און זעלבסטשטענדיקייט פון יידישן פאָלק. ער האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט, אַזוי ווי איך וואָלט גערעדט פון וועג... נאָר ער האָט, נעבעך, נישט געוווסט ווי אַזוי צו דערקלערן מיר, אַז דאָס איז אומלאָגיש. מיט אַמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, איר פאַרשלאָסן פון אינעווייניק און איז דערנאָך צוגעגאַנגען צום לאַנגן טיש, אַרויסגעשלעפּט פון אונטן אַ רויטע שטיק וואַרע און געזאָגט סודותדיק:

— אין אַ צען טעג אַרום איז דער ערשטער מאַי, דער יום טוב פון אַלע אַרבעטער פון דער וועלט און דעם יאָר וועלן די יידישע אַרבעטער פון וואַרשע צום ערשטן מאָל פייערן דעם יום טוב צוגלייך מיט אַלע אַרבעטער און אויף דער רויטער טוך וועלן מיר אויסנייען די פאָן אונדזערע, אונטער וועלכער מיר וועלן מאַרשירן איבער די וואַרשעווער גאַסן.

אין יענעם יאָר, האָב איך געשלאָסן אַן אַ שיעור נייע באַקאַנטשאַפטן מיט סטודענטן, קורסיסטקעס, מיט ציוניסטן, בונדיסטן, פּ. פּ. ס., סאָציאַל דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן. כמעט יעדע נאַכט האָבן מיר

געפירט דיסקוסיעס, פלעגן זיך אָפּט צעקריגן, אפילו ווערן שונאים און קריגן ווידער נייע פריינט און חברים. איך האָב זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט דריי זייער אינטערעסאַנטע קורסיסטקעס: טאַניע צייטלין, זשעניע עפּ־שטיין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַן אייגנטימערין פון אַ פּריוואַטער יידי־שער גימנאַזיע, און מיט דער יידישער דייטשקע אַמאַליע שודזאַן, וואָס איז אין יאָרן שפּעטער געוואָרן אַ דאָקטערין אין אַמעריקע, אין קאַליפאָרניע, אויפן ענדזשל איילאַנד — סאַן פראַנציסקער עליס איילאַנד.

און איינמאָל קומט צו מיר אַריין אברהם שמחה זאַקס מיט אַ שוואַרצן הויכן דינעם יונגן מאַן, וועלכן ער שטעלט מיר פאָר: שלום אַש פון קוטנע. דער נאָמען איז מיר געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט. און ס'איז נישט קיין וווּנדער. דאָס איז ער געקומען צו י. ל. פּרצן מיט זיינע דערציילונגען. מיין באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט טיי און צובייסן און מיר האָבן גאַנץ פיין פאַרבראַכט. אין מיטן ריידן האָט ער באַמערקט דער באַלעבאָסטעס פּלי־מעניצע, אַ יונג שיין מיידל, וועלכע צוליב איר ווילדקייט און יונגקייט האָב איך גערופן „ציגעלע" און ער האָט שוין דאָס מיידל פון אויג נישט אָפּ־געלאָזן. און פון דאַן אָן פלעג איך אים האָבן פאַר אַן אָפּטן גאַסט — ער פלעגט קומען צו מיר, כדי צו קענען זען דאָס מיידל.

איינמאָל קומט ער צו מיר יום כיפּור אין דער פרי. אים איז אומע־טיק און ער האָט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. זאָג איך אים: איך גיי צו מיינע צוויי באַקאַנטע מיידלעך, איינע איז הינדע גאָלדבערג — אַ העב־רעישע לערערין אין יהודיה (אַ ציוניסטישע מאָדערנע העברעישע שול) און די אַנדערע איז מינע צייטלין, וועלכע גייט אויף די ציין היילונג קורסן. איב איר ווילט קומט צוזאַמען. ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און מיר זיינען אַוועק אויף דזשעלנע גאַס, ווו די ביידע מיידלעך האָבן געוווינט אין איין צימער. די מיידלעך האָבן גראדע געפאַסט און איך האָב זיך געוויצלט אויף זייער חשבון. זיי האָבן זיך באַרימט, אַז זיי זיינען אפילו גאָרנישט הונגעריק, און אַז זיי ווילט זיך גאָרנישט עסן און זיי פילן זיך ווי געוויינלעך אין אַלע טעג פון יאָר. מיט אַמאָל גיב איך זיי אַ פרעג: און ביז די לאָזונקעס וואָלט איר געקענט דערגיין? און נאָך ווי! — ענט־פערן זיי. און עס בלייבט, אַז מיר אַלע זאָלבעפערט גייען אין די לאָזונקעס.

און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אויף אונדזער ווייטן שפּאַציר.

אויף קראָקאָווער פאַרשטאָט שטעלט אַש אָפּ אַ מאַן אין אַ פּעלערינע, מיט שאַרפע אויגן, מיט אַ גרויסער טשופּרינע, מיט אַ מאָדנעם ערנסטן אויסדרוק אויפן פּנים און ער שטעלט אונדז אָלעמען פאָר: י. ל. פּרץ. דער־הערט דעם נאָמען „פּרץ" — איז מיר בלוט איינגעפאַלן אין האַרצן. איך האָב זיך פאַרלאָרן ווי אַ קליין אינגעלע.

— וואוהין גייט איר, — פרעגט ער.

— אין די לאַזשענקעס.

— גוט! זאָגט ער, איך וועל אַביסל באַגלייטן.

און עס מאַכט זיך אַזוי, אַז אונדזער קאָמפּאַניע האָט זיך צעטיילט אין צוויי גרופּן: אַש מיט די מיידלעך באַזונדער און איך, אוי ווײ איז מיר, מיט פּרצן.

איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז אַ שרייבער איז דאַן ביי מיר געווען אַ גאָט. די רוסישע שרייבער האָב איך אויפן העכסטן גראַד פאַרגעטערט. פון די יידישע האָב איך צו יענער צייט פאַרגעטערט מענדעלען, שלום עליכמען און נאָך מער פּרצ'ן. שלום אַש איז נאָך דאַן פאַר מיר קיין שרייבער נישט געווען. האָט עפּעס אָנגעשריבן אַ דערציילונג און געבראַכט פּרצ'ן — ער זאָל אַרויסטראָגן זיין אורטייל. אָבער פּרץ? גאָר אַ קלייניקייט! איך שטעל אים אין דער זעלבער ריי מיט די גרעסטע אייראָפּעאישע שרייבער. און איך וועל דאָס דאַרפן מיט אים גיין און מיט אים פאַרברענגען. וועגן וואָס וועל איך מיט אים ריידן? און ער וועט דאָך פון מיר חוזק מאַכן!

— האָט איר שוין געלייענט, פרעגט ער מיר, די גרויסע דערציילונג: „די מענטשן פון דער פּערטער אויסמעסטונג״?

די דערציילונג האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ רושם אין וואַרשע אין די פּוילישע ליטעראַרישע קרייזן. מען האָט וועגן איר אַ סך געשריבן, נאָך מער דיסקוטירט. די קריטיק איז געווען וועגן איר אַ באַגייסטערטע.

איך האָב דאָס געלייענט, נאָר איך שעם זיך אים ענטפערן.

און ער חזרט מיר איבער די זעלביקע פראַגע.

מיט מאַטערנישן שלעפּ איך אַרויס פון זיך דעם וואָרט: „געלייענט״ און אַליין קוק איך אויף דער ערד.

—נו, ווי געפעלט זי אייך? פרעגט ער מיר.

איך שווייג.

— טאַקע, זאָגט ער צו מיר, ווי געפעלט זי אייך?

ער, פּרץ, מאַכט שוין חוזק פון מיר, טראַכט איך. ער פרעגט ביי מיר מיין מיינונג.

דאָך שטרענג איך זיך אָן און זאָג צו אים:

— איך האָב דאָס געלייענט מיט גרויס אינטערעס. די דערציילנג האָט מיך פאַרכאַפּט. עס איז געווען נישט שיין פון זיין זייט. אָבער זי האָט נישט געדאַרפט אים אַזוי באַליידיקן און אָנרופן אים „בהמה״. ער איז נישט מער ווי אַ מענטש און זי איז נישט מער ווי אַ מענטש... און זייערע באַציונגען זיינען געווען נאָרמאַל מענטשלעכע. די שולדיקע איז זי גאָר און נישט ער...

נו, האָב איך זיך דאַן פאַרמאַטערט פון דער רעדע. איך בין מיט

שוויס אָפּגעגאָסן געוואָרן. און אַליין ביי מיר טראַכט איך: וואָס האָט ער צו מיינע יאָרן? וואָלט ער בעסער פאַרברענגען מיט די מיידלעך. הינדע איז זייער אַ כוואטסקע — זי וואָלט זיך נישט דערשראָקן, ווי איך.

— האָט איר עפּעס געלייענט מיינס? — שטייט ער צו ווייטער צו מיר.

— יע, ענטפער איך מיט מאַטערניש.

— וואָס האָט איר געלייענט? שטייט ער צו.

איך רעכן אים אויס אַ גאַנצן צעטל פון זיינע ווערק.

— און וועלכע דערציילונגען געפעלן אייך אממערסטן?

ער, פּרץ, פרעגט ביי מיר אַ מיינונג וועגן זיינע ווערק! ער לאַכט דאָס אַלץ פון מיר. ער איזדיעקעוועט זיך איבער מיר. און איך ווייס נישט ווי און וואָס צו ענטפערן, טראַכט איך פאַרביטערט.

— נו, טאָקע, וועלכע ווערק געפעלן אייך אַמבעסטן.

— פון חסידישן לעבן, קוים וואָס איך האָב געענטפערט.

— וואָס געפעלט אייך דאָרטן אַזוי שטאַרק?

— די האַרציקייט, די איבערגעגעבנקייט פון איינע צו די אַנדערע דער דעמאָקראַטישער גייסט וואָס הערשט צווישן זיי. די באַציאונג פון מיליאָנער עוזר האָפּנשטיין צום קבצן מענדל, וועלכער קומט אַריין צו אים וועגן הכנסת כלה. מיר איז דאָס חסידיש לעבן אין גאַנצן אומבאַקאַנט און איר האָט מיר געגעבן די שענסטע פּערל פון חסידישן לעבן.

(דאַן איז נאָך נישט געווען קיין זאַמלונג פון זיינע ווערק. זיי זיינען געווען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע אומפּעריאָדישע אויסגאַבן, אין זאַמל־ביכער, זאַמלבלעטער, יום טוב בלעטער. ערשט אין אַ יאָר שפּעטער איז אַרויס אַ זאַמלונג פון זיינע ווערק אין יידיש — „יובילעאום בוך".)

אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער, מיט שיינענדיקע אויגן פון באַגייסטע־רונג האָט ער געגומען רופן אַשן: שולעם, שולעם, דער ליטוואַק פאַרשטייט אַן עניך. און ווען אַש מיט די מיידלעך זיינען צוגעקומען צו אונדז, האָט ער אונדז איבערגעגעבן זיין באַשלוס:

— איך גיי מיט אייך אין די לאַזענקעס' און דאָרט וועלן מיר אַריין אין מלעטשאַרניע (מילך־הויז) און איך „פונדעווע" (בין מכבד) אייך אַלעמען.

אַ ווונדערבאַרן יום כיפור האָבן מיר דאַן געהאַט... אַ יום כיפור, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דערנאָך איז מיר אויסגעקומען מיט אים אָפט צו טרעפן זיך. איך האָב אפילו פון אים אַמאָל געקראָגן אַ מתנה — אַ צינקענע פייפל.

אין יענער צייט האָב איך זיך באַקאַנט און באַפריינדעט מיט דער זייער סימפּאַטישער ווערע בעלינקי. אין איר הויז האָט זיך אַריינגעצויגן

אברהם רייזען, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון מינסק. איך האָב נאָך דאַן פון אים נישט געוווּסט און נישט געהערט. דער נאָמען איז פאַר מיר געווען אין גאַנצן פרעמד. ווערע האָט מיך מיט אים באַקאַנט און ווען מיר זיינען פארבליבן אַליין אין צימער, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז אַ קאַידאַנאָווער, האָט געדינט אין מיליטער, איז כמעט די גאַנצע צייט געווען אין דער מוזיקאַנטן קאָמאַנדע. ער האָט מיר דערציילט וועגן קאָוונע, ווו ער האָט געדינט און אַז ער איז אַ יידישער פּאָעט.

— האָט איר געלייענט מיין ליד „אַ געזינט זאָלבע אַכט״? — פרעגט ער מיר.

— ניין, ענטפער איך.

— און מיין „מאַי קא משמע לן״?

— ער איז געווען פאַרוווּנדערט און איך בין געווען פאַרשעמט. נאָר דאָס האָט נישט געשאַדט. איך האָב אים ליב געקראָגן און מיר זיינען באַפריינדעט געוואָרן.

אין בעלינקעס הויז האָב איך זיך דערנאָך באַקאַנט מיט אַ גאַנצער ריי פון אָנפאַנגער אַלס יידישע שרייבער. מיט נאָמבערג, האָפּשטיין, גנעסין, ביכאָווסקי, יעקב לעווין (שפּעטער איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון „פריינד״). מיר געדענקט זיך אַ שבועות אָוונט. מיר האָבן זיך אַלע געטראָפן אין זאַקסישן גאָרטן. מיר האָבן אַ לאַנגע צייט געשפּאַצירט און זיינען טויט הונגעריק געוואָרן. עס איז געווען אַ צען־צוועלף מענטשן. איז ביי אונדז געבליבן גיין עסן און טרינקען צו וורובלען, אַ ווייל באַקאַנטן פּוילישן רעסטאָראַן פאַר דער בעסערער געזעלשאַפט. יעדערער האָט געוווּסט, אַז ער האָט ווייניק געלט, אָבער יעדערער האָט געטראַכט, אַז די אַנדערע האָבן געלט. און מיר זיינען אַוועק צו וורובלען. און מיר האָבן זיך געלאָזט ווויליגיין. באַשטעלט פאַרשיידענע שנאַפּסן, יעדן אַ פולן מאָלצייט. דער עולם איז געוואָרן אַביסל פאַרשניאַשקעט. שפּעט ביינאַכט גיט מען אונדז דעם רעכענונג. און ווען אַלע האָבן אַרויסגענומען זייער גאַנצע געלט און געמאַכט איין קאַסע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדז פעלן אַרום צען רובל, צו באַצאָלן אין גאַנצן. און עס איז געבליבן שיקן אימיצן צו באַקאַנטע אַנטלייען צען רובל און אונדז אויסלייזן פון רעסטאָראַן. ביז וואַנען מען האָט געבראַכט די צען רובל האָט געדויערט אַ שיינע פּאָר שעה. פאַר דער צייט האָבן מיר אַלע צייטונגען שוין דורכגעלייענט. די קעלנערס שטעכן אונדז דורך מיט זייערע גזלנישע אויגן. אונדזער פריער יומטובדיקע שטימונג איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן און מיר זיינען געווען אַזוי דערדריקט, אַז מיר האָבן נישט געקענט אויסריידן אַ וואָרט איינער מיט דעם צווייטן. צום סוף איז געקומען אונדזער שליח (דוכט זיך גנעסין). ער

איז געווען אין אייניקע פּלעצער און נישט געקראָגן, האָט ער באַשלאָסן צו גיין צו ראַקאָווסקי, אייגנטימערין פון אַ יידישן לערן־אינסטיטוט. ער האָט איר אויפגעוועקט פון שלאָף און געקראָגן די צען רובל, וואָס האָט אונדז באַפרייט פון אונדזער אַרעסט אין דעם געהויבענעם רעסטאָראַן.

מיר פּלעגן ליב האָבן צו שפּילן זיך אין פּאַטשעניש. מען פּלעגט איי־נעם אַוועקלייגן, פאַרמאַכן זיינע אויגן, און אים פּאַטשן און דער אומגליק־לעכער האָט געמוזט טרעפן, ווער ס'האָט אים אַ פּאַטש געטאָן און ביז וואַ־נען ער האָט נישט געטראָפן, האָט מען אים געפּאַטשט ווייטער. און איינמאָל, געדענקט זיך מיר, אין אַ שבת אין דער פרי נאָך אַ סך קרבנות אין פּאַ־טשעריי, האָט מען געטראָפן אויף נאַמבערגן און ער האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגט זיך אַוועקצולייגן. דער עולם איז אויפן העכסטן גראַד אין כעס געוואָרן. וואָס מיינסטו? כמעט אַלעמען האָט מען געפּאַטשט, ער אַליין האָט אַנטייל גענומען אין פּאַטשן אַנדערע און ווען עס פּאַלט אויס ער זאָל זיך אַוועקלייגן, וויל ער נישט. דאָס איז צום ערשטן מאָל דאָרט פאַרגעקומען אַזאַ אומגערעכטיקייט. און איינער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: אַוועקלייגן אים. נאַמבערג האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט זיך אַוועקלייגן און ער האָט זיך פאַרטיידיקט מיט אַלע כוחות, ביז ער האָט געכאַפּט אַ פלעשל פון ביר און אַ וואָרף געטאָן אויף עמיצן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויף קיינעם נישט געטראָפן, אָבער דער אַקט אַליין האָט אַלעמען אויף אַזוי פיל אויפגערעגט, אַז מען האָט מיט כעס אים אַ נעם געטאָן און אים אַריינגע־צימבלט אַזוי פיל, אַז ס'איז פאַר אונדז געווען אַ ווונדער, וואָס ער איז נאָך אַרויס פון די פּעטש אַ גאַנצער. מיר דוכט זיך, אַז ביי יענע פּעטש האָב איך זיך באַקאַנט מיט זלמן שניאורן. אויך האָבן מיר ליב געהאַט צו שפּילן זיך אין מיינונגען, אָדער כאַראַקטעריזירונגען.

אין גיכן איז געקומען פון שווייץ מיין בעסטער חבר, רפאל לייב אי־זאַקסאָן, און מיט אים פלעג איך פאַרברענגען מיין גאַנצע ליידיקע צייט. מיר פלעגן גיין צוזאַמען אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן, צו לעקציעס, אין וויזיטן, פלעג מיט אים אָפט אַרויספאָרן. אים באַקאַנט געמאַכט מיט מיינע אַלע נייע באַקאַנטע און פריינד און מיט דער צייט איז זיין צימער געוואָרן אַ פּלאַץ, ווו מיר פלעגן זיך אַלע טרעפן. מיר פלעגן אַלעמאָל לייענען די זעלביקע ביכלעך און נאָכן איבערלייענען פאַרברענגען וועגן זיי. אין דיסקוסיעס פלעגן מיר אַלע מאָל אַרויסטרעטן צוזאַמען קעגן די בונדיסטן, פּ. פּ. ס. און סאָצ. דעמ. מען האָט אונז אַ נאָמען געגעבן באַבטשינסקי און דאַבטשינסקי.

און איינמאָל אין מיטן נאַכט איז פאַרגעקומען דער ערשטער אַרעסט פון בונדיסטן אין וואַרשע, מען האָט אַרעסטירט זאַקסן, קאַסטעלאַנסקען און

מיין עלטערן ברודער משהן. אין דער פרי, ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָבן זיי זיך נאָך געפונען אין פּאָליציי־הויז. איך בין גלייך אַוועק אַהין און מען האָט מיך צוגעלאָזן צו דער חברה. איך האָב פאַרבראַכט מיט זיין אַ צען מינוט.

מיין ברודער האָט מען אין גיכן באַפרייט, קאַסטעלאַנסקען האָט מען געהאַלטן אַ ביסל לענגער און זאַקסן נאָך לענגער. זיי זיינען געזעסן אין וואַרשעווער פּעסטונג. אין גיכן האָט זאַקס געשאַפן די פאַרבינדונג מיט מיר אויף דער פריי און מיט יעדן צעטעלע האָט ער מיר געגעבן אַרבעט. איינ־מאָנען געלט, וואָס אים קומט פון די מלמדים פון די חדרים, ווו ער איז געווען אַ לערער, שיקן אים וועש, טאַבאַק, גילזן.

נאָך זיין באַפרייונג איז זאַקס געקומען גלייך צו מיר אַ שמוציקער, אַ פאַרלאָזטער, אַ פאַרוואַקסענער מיט אַ לאַנגער געלער באָרד. איך האָב אים געדאַרפט גלייך ברענגען אין אָרדענונג. צוגרייטן אַ וואַנע, ריינע וועש און פירן צו אַ שערער...

און דאָ קריג איך אָן אָנזאָג, אַז איך דאַרף פאָרן אין לעכעוויטש זיך צו שטעלן צו מיליטער־דינסט. זיצנדיק איינמאָל אין אַ גרויסער געזעל־שאַפט דערצייל איך אַז גאָר אין גיכן דאַרף איך זיך שטעלן צום פּריזיוו.

רופט זיך אָפּ איינע אַ קורסיסטקע, וועלכע האָט געוווינט צוזאַמען מיט נאָך צוויי קורסיסטקעס, די שוועסטער קיסינס: אָט פאָרט איר אַוועק, אויף וועמען לאָזט איר אונדז איבער? מיר בלייבן דאָך אַלע דריי אָן אַ קאַוואַליער.

— ווייסט איר וואָס, ענטפער איך איר, ערשט איז באַפרייט געוואָרן פון פעסטונג מיין פריינד זאַקס, אויב איר ווילט, וועל איך אייך באַקאַנען מיט אים און כ׳וועל אייך אים איבערלאָזן אויף מיין אָרט.

— פאַרוואָס זאָלן מיר נישט וועלן. ברענגט אים אַריין צו אונדז.

און טאַקע אויף מאָרגן אָוונט האָב איך אים צו זיי געבראַכט, אים באַ־קאַנט מיט זיי און איך בין אַוועקגעפאָרן אין לעכעוויטש שטעלן זיך צום פּריזיוו.

און אין אַ יאָר שפּעטער האָט זאַקס מיט דער עלטערער קיסין חתונה געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן מיט איר קיין דייטשלאַנד שטודירן.

קאַפּיטל 15

די ערשטע יידיש-וועלטלעכע שול אין דער וועלט

איך האָב אין לעכעוויטש פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג. מען האָט דאָרט אָפּגעלייגט מיין שטעלן זיך צום פּריזיוו. פון לעכעוויטש בין איך געפאָרן צוריק אין מיין שטעטל מיר. לויט מיינע סימפּאַטיעס בין איך צו יענער צייט געווען אי אַ סאָציאַליסט און אי אַ ציוניסט, נאָר פאַרייניקן זייביידן האָב איך נישט געקענט. פאַר דער וועלט, האָב איך געטראַכט, איז גוט דער סאָציאַליזם, איבערבויען די וועלט אויף די סאָציאַליסטישע יסודות און פאַר אונדז, יידן, שטייט פאַר אין דער ערשטער ריי פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן אידעאַל, ד. ה. קאָנצענטרירן די יידן אין ארץ־ישראל און דאָרט שאַפן אַ יידישע מלוכה און דערנאָך ערשט איבערבויען אונדזער געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. נאָר איבער אַלץ בין איך געווען אַ ציוניסט. איך געדענק, אַז ווען איך פלעג אין מיין געזעלשאַפט אין וואַרשע ריידן אין דעם זינען, האָט עס ביי מיינע חברים אַרויסגערופן אַ געלעכטער.

— וואָס רעדט איר, — האָט אַמאָל געזאָגט צו מיר אַ קיעווער סטודענט, זייער אַן אָנגעזעענער און פירנדיקער סאָציאַליסט —נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם געפינען זיך אויף גאָר אַנדערע פלאַכהייטן און האָבן נישט קיין שייכות איינע מיט די אַנדערע.

די אַנדערע פאַרטייאישע אינטעליגענטן זיינען געווען איבערצייגט, אַז נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם זיינען קעגנזעצלעכע באַגריפן, זיי קענען נישט הויזן צוזאַמען, שליסן אויס איינע די אַנדערע. איך בין קיינמאָל נישט געווע איינשטימיק מיט דעם און זיך געהאַלטן ביי מיין מיינונג, אַז מען קען זיין אין דער זעלביקער צייט אי אַ נאַציאָנאַליסט און אי אַ סאָציאַליסט.

איך האָב דאָן, אין 1898־טן יאָר, באַשלאָסן, אויף דער ביטע פון מיינע עלטערן, צו פאַרבלייבן אין שטעטל אַ לענגערע צייט. כ'האָב געהאָלפן מיין פאָטער אין זיין אַדוואָקאַטור־אַרבעט, געקראָגן אייניקע גוטע לעקציעס און מיט אייניקע אָרעמע קינדער האָב איך געלערנט אומזיסט. אָבער אין גיכן בין איך פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בקשות פון אַ סך אָרעמע עלטערן צו לערנען זייערע קינדער אומזיסט און דאָס האָב איך פאַר קיין פאַל נישט געקענט, איך האָב פשוט קיין צייט נישט געהאַט דערצו. איז ביי מיר דאַן אַנטשטאַ־

נען דער געדאַנק צו גרינדן אַ שול (אָדער קלאַסן, ווי זי האָט געהייסן ביי אונדז) פאַר די אָרעמע קינדער פון שטעטל.

אין דער מיר איז שוין צו יענער צייט געווען אַ גאַנץ גוטע אינטעלי־גענץ פון די, וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער מירער ישיבה און פון די, וואָס האָבן באַזוכט אַ גימנאַזיע און אַנדערע אפילו אַן אוניווערזיטעט, אָדער פאָליטעכניקום. די ערשטע האָבן זיך באַהאַלטערנערהייט געקוויקט מיט די העברעישע ביכער און צייטונגען, די צווייטע מיט די רוסישע קלאַסיקער, אָדער גראַבע זשורנאַלן און די, וואָס האָבן נישט געקענט נישט קיין העב־רעיש און נישט קיין רוסיש, האָבן געלייענט יידישע ביכלעך. דער צושטאַנד פון יידיש איז געווען אַ קלאָגעדיקער. אונדזער שפּראַך האָט אפילו קיין נאָמען נישט געהאַט. מען האָט איר גערופן זשאַרגאָן, און קיינער האָט נישט געוווסט פון אַן אַנדער נאָמען. אויסער דעם האָט מען אין שטעטל פון די זשאַרגאָן לייענער גאָרנישט נישט געהאַלטן. אַן אינטעליגענטער מענטש איז געווען דער, וואָס האָט געלייענט אין העברעיש אָדער אין רוסיש, אָבער פאַר קיין פאַל נישט דער, וואָס האָט געלייענט אין יידיש.

די יידיש לייענער האָבן פאַרכאַפּט שמ"ר, זייפערט און זייער גלייכן מיט זייערע העכסט שפּאַנענדע ראָמאַנען. די אינטעליגענטערע האָבן גע־לייענט מ׳ מ"ס, ספּעקטאָר, שאַצקי, דינעזאָן, שפּעטער אַ ביסל האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן שלום עליכם, פּרץ און דערנאָך רייזען. אין מאָדע ביי די פאַרשיידענע סאָרטן בעסערע לייענער זיינען געווען מאפו, סמאָ־לענסקי, פּיסאַרעוו, בערלינסקי, די רוסישע זשורנאַלן, די רוסישע קלאַסי־קער, דער רוסיש יידישער „וואסכאד" און פון די אויסלענדישע האָט מען שטודירט ליפּערט, דרעפּער, סעגעבאַס, ספּענסער, דאַרווין און אַנדערע.

עס איז דאַן געווען דער אָנהויב פון דער יידישער סאָציאַלער און נאַ־ציאָנאַלער דערוואַכונג.

די פראַגע וועגן יידיש איז נאָך דאַן קיין פראַגע נישט געווען. אויף אַ יידישער באַפעלקערונג פון 2300 זיינען ביי אונדז געווען פופציק לייענער. פון איין זייט האָבן אַלע גערעדט יידיש, און פון דער צווייטער זייט האָבן די אינטעליגענטן זיך באַצויגן צו איר ווי צו אַ נידעריקער שפּראַך, וואָס איז אין אַלגעמיין קיין שפּראַך נישט.

איך האָב דאַן אויך נישט געהאַט קיין באַשטימטע מיינונג וועגן אונ־דזער שפּראַך, נאָר איין זאַך האָב איך דאַן באַגריפן, אַז אויף דער שפּראַך רעדט די איבערוועגנדע מערהייט פון אונדזער פאָלק, אַז די שפּראַך איז באַליבט ביי אונדזער פאָלק, אַז דאָס גרינגסטע אונדזערע אָרעמע ברידער צו דערציען און אויפקלערן איז נאָר אויף דער שפּראַך, און ווען פאַר מיר איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן דערציען אונדזער יוגנט, איז ביי מיר

פּערזענלעך קיין פראַגע נישט געווען אין וועלכער שפּראַך, פאַרשטייט זיך אין דער שפּראַך, אין וועלכער זי קומט צום אויסדרוק, אין יידיש. גאַנץ אַנדערש האָבן אויף דעם געקוקט מיינע מיטאַרבעטער — די אַנדערע לע־רער, וואָס איך האָב צוגעצויגן צו דער שול. מיין שוועסטער שפרה, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויסשליסלעך אויף דער מאָדערנער רוסישער קולטור, דער גימנאַזיסט לעווין (אין דער צייט בירגער־קריג איז ער אַלס ד"ר לע־ווין דערהרגעט געוואָרן פון די דעניקינצעס, ווען אין צייט פון אַ פּאָגראָם אויף יידן, איז ער אַרויס האַלטן פאַר זיי אַ רעדע, אַז מען טאָר דאָס נישט טאָן און די פריילין אַניוטע יאַסעלעווסקי, אַ גימנאַזיסטקע פון מינסק. זיי האָבן אַנדערש זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי מען קען געבן דעם יונגן דור בילדונג, נישט באַנוצנדיק זיך מיט דער רוסישער שפּראַך.

ביי אונדז איז געבליבן, אַז מען וועט לערנען אי יידיש, אי רוסיש. זיי וועלן זיין די לערער פון דער רוסישער שפּראַך און איך וועל זיי לערנען יידיש און אויך די אַנדערע געגנשטאַנדן ווי אַריפמעטיק, יידישע געשיכטע, געאָגראַפיע, אין יידיש. וועגן גייסט פון אונדזער שול האָבן מיר פאַרשטאַ־נען, אַז אונדזער שול דאַרף זיין אַ וועלטלעכע, אַ מאָדערנע, רעליגיע אויס־געשלאָסן. די שול דאַרף זיין אַ פּראָגרעסיווע, מיר זיינען אַלע געווען פּראָ־גרעסיוו און אין דעם גייסט האָבן מיר געוואָלט אונדזער יידישע אַרעמקייט דערציען.

קיין אויסגעאַרבעטע פּראָגראַם האָבן מיר דאַן נישט געהאַט. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז מירן דורכגיין מיט די קינדער דעם דאַמאָלסטיקן קורס פון די רוסישע אָנפאַנגס־שולן (נאַראָדנאיע אוטשילישטשע): לייענען און שרייבן יידיש און רוסיש, עלעמענטאַרע באַקאַנטשאַפט מיט אַריפמע־טיק, געאָגראַפיע, יידישע געשיכטע, שמועסן מיט די קינדער וועגן וויסנ־שאַפטלעכע זאַכן. דערנאָך איז צוגעקומען דאָס לערנען פון געזאַנג. פאַר דעם האָבן מיר איינגעלאַדן אַ ספּעציעלן לערער. געזונגען האָט מען מיט די קינדער יידיש־נאַציאָנאַלע און פאָלקס־לידער.

וועגן לערנביכער... דאָס איז געווען פאַר מיר דאָס שווערסטע פּראָב־לעם. זיי, די לערער פון רוסיש האָבן געהאַט זייערע טעקסט ביכער, אַ סך אַנדערע רוסישע אָנפאַנגס ביכלעך און כרעסטאָמאַטיעס. וואָס פאַראַ ביכער זאָל איך האָבן אום צו לערנען יידישע קינדער יידיש? קיין לערנביכער פאַר יידיש און אַלגעמיינע געגנשטאַנדן האָבן מיר דאַן אין יידיש נישט פאַר־מאָגט. איך האָב דאַן געקראָגן כמעט אַלץ, וואָס איז געווען געדרוקט אין יידיש, נאָר איך האָב אַבסאָלוט נישט געקענט אויסזוכן, וואָס זאָל כאָטש וויפל נישט איז זיין צוגעפּאַסט פאַר יידישע קינדער אין אַ יידישער שול. עפּעס האָב איך יאָ געפונען קרילאָווס פאַבלען אין אַ שלעכטער איבער־

זעצונג אין ייִדיש, אָבער מיט דעם האָב איך נישט געקענט ווייט פאָרפאָרן, איז ביי מיר געבליבן אַנווענדן אַן אַלטע און צו דער זעלבער צייט אַ ספּע־ציעלע מעטאָדע: אויסלערנען די קינדער דעם ייִדישן א. ב., ווייזן זיי ווי אַזוי ייִדיש לייענט זיך און דאַן איבערגיין צו מעשהלעך. און, פאַרשטייט זיך, אַז פאַר מעשהלעך וועל איך דאַרפן אַ סך זוכן און נישטערן. און איך האָב זיך דער אַרבעט איבערגעגעבן. מיר האָבן שוין פאַרמאָגט אייניקע ליטע־ראַרישע זאַמלביכער אין ייִדיש, די געזאַמלטע ווערק פון אייניקע ייִדישע שרייבער. פאַר אַרויסגעבן די קינדער אויסלערנען לידער אויף אויסווייניק האָבן מיר שוין פאַרמאָגט די לידער פון פרץ, פרוג און אַנדערע. פאַר לער־נען שרייבן, פאַר דיקטאַט און אַרויסגעבן היים אַרבעט, האָבן מיר געמוזט אָנקומען צום אַמאָליקן בריוונשטעלער. אַריפמעטיק האָב איך געלערנט לויט יעווטושעווסקי, געאָגראַפיע לויט סמירנאָוו און ייִדישע געשיכטע לויט דוב־נאָוו. די אַלע ביכער זיינען געווען אין רוסיש. איך האָב געהאַט יעדן טאָג אַ גוט שטיקל אַרבעט. איבעראַרבעטן די לעקציעס אויף ייִדיש און אַזוי אַרום האָב איך אין ייִדיש געלערנט די קינדער די אַלע געגנשטאַנדן.

קינדער, האָבן מיר באַשלאָסן אַריינצונעמען פון די סאַמע אָרעמע און יעדעס קינד וואָס מיר פלעגן אַריינגעמען, פלעגט פון אונדז קריגן אַ קליי־נעם ביליקן טאָוול מיט אַ גריפל, אַ בריוונשטעלער און אויך אַ רוסישן ביכל.

ווען מיר, די פיר לערער, זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט אונדזערע אַלע צוגרייטונגען, זיינען מיר צוגעטראָטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט. מיר האָבן געדונגען אַ גרויסן צימער ביי אַ זאַמד־פירער, וואָס האָט געוווינט אין עק שטאָט. אויסגעהאנגען אַנאָנסן ביי דער שול און ביים אַריינגאַנג אין בית מדרש, אַז מיר עפענען אַ שול פאַר קינדער, וועלכע מען וועט לערנען ייִדיש און רוסיש און אין באַשטימטן טאָג האָבן מיר אָנגעהויבן רעגיסטרירן די קינדער. ווי געזאָגט האָבן מיר אַריינגענומען די אָרעמסטע קינדער, וואָס זייערע עלטערן זיינען אַוועק אין אַמעריקע אָדער אַנדערש ווו, קינדער יתומים, אָדער וועמעס עלטערן זיינען באַוווסט מיט זייער אָרעמקייט, וואָס קענען נישט צאָלן אפילו קיין צען קאָפּיקעס אַ וואָך פאַר דער לערע. אַזעל־כע האָבן מיר געהאַט איבערגענוג. צענדליקער קינדער האָבן מיר נישט אַריינגענומען אין שול, ווייל מען האָט אונדז איבערגעגעבן אַז זייערע על־טערן קענען יע צאָלן. עלטערן האָבן זיך ביי אונדז געבעטן, קינדער האָבן געוויינט, מען זאָל זיי לאָזן גיין לערנען זיך, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, זאָלן זיי זיך לערנען ערגעץ אַנדערשוווּ.

מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דער צימער, אין וועלכן עס האָבן געקענט לערנען איינצייטיק אַ 15 קינדער, איז שוין גאָרנישט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ שול־צימער. ער האָט געדינט אי פאַר אַ שלאָף־צימער, אי

פאַר אַ „סאַליע", אי פאַר אַן עס־צימער, און פאַר וואָס נישט? דאָס גאַנצע הויז איז באַשטאַנען פון דעם צימער מיט אַ פאַרהויז, און וואָס האָבן מיר געקענט קריגן בעסערס פאַר צוויי גילדן אַ וואָך? אין צימער איז געשטאַנען אַ טיש — אַ פאַר לאַנגע בענק, אַ פאַר טאַבורעטלעך און אַ פאַר בעטן. וועגן קריגן שול מעבל האָבן מיר אפילו נישט געטראַכט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט גענוג געוועזן פאַר אונדזערע שילער. האָבן מיר צוגעקראַגן קעסטלעך פאַר די קינדער צו זיצן און שרייבן, און לייענען פלעגן זיי אָפט ביי די פענצטער אָדער גאָר אַן אַ זייט.

פאַרשטייט זיך אַז קיין שכר לימוד האָט מען נישט געצאָלט. די לערער, פלעגן אויסהאַלטן די שול, באַצאָלן דירה געלט, איינקויפן דאָס נויטיקסטע און (צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן) אפילו אָפט געקראַגן קליידעלעך, שיכלעך, הייזעלעך פאַר די קינדער, וועלכע האָבן זיך אין דעם שטאַרק גענויטיקט און האָבן אַן דעם נישט געקענט באַזוכן די שול. ספּעציעל האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט די לערערין אַניוטע יאסעלעווסקי. זי פלעגט שוין די זאַכן קריגן פון אונטער דער ערד און אומבאַמערקבאַר דאָס אַוועקגעבן, אָדער ברענגען צום קינדס היים. יענע דריי לערער האָבן געהאַט זייערע קלאַסן און זייער צייט צו לערנען מיט די קינדער לייענען און שרייבן רוסיש. איך האָב געלערנט מיט אַלע קינדער די יידישע געגנשטאַנדן. און ווייל דער צימער האָט נישט געקענט אַריינגעמען אַלע קינדער מיט אַמאָל, האָב איך די קינדער איינגעטיילט אין גרופּן און מיט יעדער גרופּע געלערנט באַזונדער. יענע לערער האָבן געלערנט בלויז אַ פאַר שעה אַ טאָג, מיר איז אויסגעקומען לערנען מיט די קינדער פון 9 אין דער פרי ביז 3 בייטאָג, געבנדיק זיי אַ האַלבע שעה אויף עסן.

די באַציונגען פון די לערער צו די קינדער זיינען געווען די וואַרעמסטע און פריינדלעכסטע, און די קינדער מיט זייערע עלטערן האָבן אונדז אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן רעספּעקט און הייסע ליבשאַפט. די קינדער האָבן אונדז פּשוט פאַרגעטערט.

און וואונדערבאַר: אין ניין חדשים צייט, וואָס איך בין געווען פאַרנומען מיט דער שול, האָבן די קינדער געמאַכט אַן אומפאַרגלייכלעכן גרעסערן דערפאָלג אין אַלע געגנשטאַנדן, וואָס איך האָב געלערנט אין יידיש, ווי ביי די אַנדערע דריי לערער, וואָס האָבן געלערנט רוסיש. מיינע קינדער האָבן זיך אויסגעלערנט גוט לייענען, שרייבן, האָבן געהאַט אַ שטיקל באַגריף פון דער יידישער געשיכטע, אויך אַ שטיקל באַגריף אין געאָגראַפיע, דורכגעגאַנגען אין אַריפמעטיק ביז די ברוכצאָלן, האָבן געקענט זינגען אַ 10־15 פאָלקסלידער, אין דער צייט, ווען זיי האָבן שלעכט געלייענט און געשריבן

אין רוסיש. דאָן האָב איך פאַרשטאַנען פון ריין פּראַקטישן זין, אַז יידישע קינדער איז אַמבעסטן צו געבן אַן עלעמענטאַר בילדונג אין דער יידישער שפּראַך (דעם אמת זאָגן, האָב איך די שפּראַך אונדזערע גערופן, ווי אַלע יידישע אינטעליגענטן פון יענער צייט, „זשאַרגאָן״, נישט באַגרייפנדיק דאָך, ווי אַזוי איך דערנידעריק מיט דעם אונדזער פאָלקס־שפּראַך. וועגן דעם אַז מען רופט אונדזער שפּראַך „יידיש״, האָב איך קיין באַגריף נישט געהאַט).

אויך האָב איך קיין באַגריף נישט געהאַט, וואָס די מירער שול איז געווען די ערשטע שול אויף דער וועלט מיט יידיש ווי די אונטעריכט שפּראַך. איך האָב נאָך קיינמאָל וועגן דעם נישט געטראַכט. אין יענער צייט האָב איך געוואָלט גרינדן אַזעלכע שולן אין די ארומיקע שטעטלעך ווי גאָראָדזשע, באַראַנאָוויטש און סטויבץ. איך האָב וועגן דעם אַסך גערעדט און איינגעטענהט מיט דער אָרטיקער יידישער אינטעליגענץ. נאָר מיר געדענקט זיך נישט, צי דאָרטן זיינען געעפנט געוואָרן אַזעלכע שולן.

וויפל קינדער עס האָבן באַזוכט אונדזער שול, געדענק איך אויך נישט. עס האָבן געמוזט זיין אַרום 50 קינדער.

נאָך ניין חדשים פון לערנען און פאַרוואַלטן מיט דער שול האָב איך פאַרלאָזן דאָס שטעטל און שוין מער קיינמאָל אַהין נישט געקומען. נאָך מיין פאַרלאָזן דאָס שטעטל איז די שול אַריבער צו אַ גרופּע מיידלעך ציוניסטקעס, און אויף וויפל איך געדענק זיינען נאָך מיר די לערערקעס געווען הינדע שמערקאָוויטש, ציפּקע ראַקאָוו, שרה סלאָנימסקי און אַלטע אַסנעס. אין איי־ניקע יאָר שפּעטער איז די שול אַריבער צו די בונדיסטן און די ציוניסטן האָבן געגרינדעט אַן אַנדער שול — אַ העברעיסטישע.

די שול האָט מיר אַ סך געלערנט וועגן דער באַדייטונג פון אונדזער שפּראַך פאַר דער דערציונג פון אונדזערע קינדער. מיר איז דאָן קלאָר געוואָרן, אַז אונדזער שפּראַך איז ווי אַלע שפּראַכן און האָט די אייגנשאַפטן פון אַלע שפּראַכן, און אַז מען קען אין איר לערנען אַלע געגנשטאַנדן. דאָן איז געווען פאַרשפּרייט דער געדאַנק פון לערנען זיך רוסיש אָדער העברעיש. וועגן לער־נען זיך אין אונדזער מוטער שפּראַך יידיש איז אפילו גאָר קיין רייד נישט געווען. (פאַקטיש האָט מען דאָן אין אונדזערע שטעט און שטעטלעך יאָ גע־לערנט ביי די מלמדים און רביצינס גאָר אַ גרויסן טייל פון אונדזערע קינ־דער אין יידיש און די רביצינס האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיט לערנען די מיידלעך יידיש לייענען און שרייבן. אָבער די יידישע אינטעליגענץ, באַ־ציִענדיק זיך צו דער שפּראַך פון אויבן אַראָפּ האָבן דעם פאַקטאָר קיינמאָל נישט אנערקענט און זי האָט געפּריידיקט רוסיש און די מער נאַציאָנאַלע פון

זיי האָבן געפּריידיקט העברעיש.) וואָס לענגער איך האָב געלערנט מיט די קינדער לייענען, שרייבן, יידישע געשיכטע, געאָגראַפיע, יידישע פאָלקס־לידער, וואָס מער יידישע מעשיות און לידער איך האָב פאַר זיי געלייענט, דעסטאָ מער בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז לערנען די יידישע קינדער דאַרפן מיר אין דער יידישער שפּראַך און די געגנשטאַנדן דאַרפן זיין ריין יידישע... און ווען איך פלעג וועגן דעם ריידן מיט אונדזער אינטע־ליגענץ, פלעגט זי אויף מיר קוקן, ווי אויף אַ ווילדן.

איך האָב דאַן נישט געוווסט וועגן דער באַדייטונג פון מיין גרינדן די ערשטע יידישע שול. איך האָב דאַן נישט געקענט פאָרויסזען, אַז אין פופצן־צוואַנציק יאָר שפּעטער וועט דער יידישער שול וועזן ווערן אַזאַ פאַרצווייג־טער, וויכטיקער און לעבעדיקער פאַקטאָר אין יידישן קולטורעלן לעבן אין רוסלאַנד, פוילן, אַמעריקע און אפילו אין אפריקע, מיט אַזוי פיל שולן אָר־גאַניזאַציעס, מיט אַזוי פיל לערן־ביכער, קינדער־זשורנאַלן, מיט אַזוי פיל טיפן שולן אין וועלכע אונדזער בעסערע אינטעליגענץ נעמט אַזאַ טיכטיקן אנטייל. און היינט איז די מירער שול מיין שטאָלץ, מיין גרעסטער אויפטו אין לעבן.

קאַפּיטל 16

די דערוואַכונג

אַ וווּנדערבאַרע צייט האָבן מיר, די יונגע, די מאָדערנע, דאַן דורכגעלעבט. ס'איז געווען דאַן אַ צייט פון איבערשאַצן אַלע ווערטן פון יידישן לעבנס שטייגער, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַ געשיכטע פון הונדערטער יאָרן. דער דאָמינירנדער פאַקטאָר פון אונדזער יידישן לעבן ביז דאַן איז געווען די יידישע רעליגיע. יעדעס יינגל האָט געמוזט דורכמאַכן אַ יידישע רעליגיעזע דערציונג און די רעליגיעזע אַטמאָספער פון אַרום האָט אים געשטאַרקט צו זיין באמת רעליגיעז און לויט די פאָרשריפטן פון אונדזער רעליגיע אָנפירן זיין וויטערדיקן לעבן. דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן איז געווען אַזוי שטאַרק איינגעפונדעוועט, אַז ס'האָט זיך געדוכט אַז קיינע שטורם־ווינטן וועלן נישט זיין בכוח אים אַ טרייסל טאָן. די יידן אין אונדזערע שטעטלעך האָבן געפירט אין גאַנצן אַן אַנדער לעבן ווי די אַרומיקע נישט־יידן. זיי זיינען אפילו נישט געקומען אין באַרירונג מיט דער נישט־אידישער אַרומיקער וועלט, זיי זיינען געווען מיט טויזנטער צאַמען איזאָלירט. אַלץ, וואָס נישט יידיש איז פאַר זיי געווען טריף, טאַבו.

און אין יענער צייט האָט זיך דאָס אַלץ גענומען רייסן. אַ טייל פון אונדזער יוגנט, וואָס מען האָט דערצויגן אפילו אין דער ישיבה האָט אָנגעהויבן שטאַרק אונטערזינדיקן — לערנען זיך באַהאַלטענערהייט דייטש אָדער רוסיש, לייענען פרעמדע ביכער, אויך אפיקורסישע אויסגאַבן און אַלס רעזולטאַט פון דעם האָבן זיי אָנגעהויבן קריטיקירן דעם יידישן לעבנס שטייגער. דאָס האָט די רעליגיעזע יידן אַריינגעבראַכט אין דער העכסטער פאַרצווייפלונג און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן די פאָטערס און די קינדער, און דער קאַמף איז געווען אַ שווערער און אַ ביטערער און אַ העכסט טראַגישער.

איך האָב דעם קאַמף נישט דורכגעמאַכט. אָנשטאָט מיר האָט דעם קאַמף דורכגעמאַכט מיין פאָטער, זייענדיק אין קרים, אין אָדעס, אין וואַרשע און אין נאָווידוואָר. ער איז שוין אָנגעקומען אין שטעטל אַ פאַרטיקער אפיקורס. נאָר אַרום מיר האָב איך געזען אַ סך אַזעלכע קרבנות פון וועלן זיין „אַ ציוויליזירטער מענטש" און „גיין מיט דער צייט".

מיין פאָטער האָט שוין צו יענער צייט אָנגעפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אַוועקוואַרפן די אַלטע יידישע ווינט און לופט פרנסות און נעמען זיך צו פּראָדוקטיווער פיזישער אַרבעט. דאָס וועט אָפּשוואַכן דעם אַנטיסעמיטיזם און וועט צו דער זעלביקער צייט עקאָנאָמיש פאַרבעסערן די יידישע לאַגע. ער האָט געפּריידיקט, אַז מען זאָל אומעטום, וואו יידן וווינען אין מאַסן, עפענען יידישע געווערקשאַפט שולן, „רעמעסלענע אוטשילישטשעס", ווי ער האָט זיי גערופן.

די ישיבה בחורים, וואָס האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו אַלגעמיינער בילדונג, פלעגט מען פון דער ישיבה אַרויסטרייבן, דאָך האָט דאָס נישט געקענט אָפּשוואַכן דעם גרויסן אינטערעס פון אַ צאָל ישיבה בחורים צו אַלגעמיינער בילדונג און וואָס ווייטער האָט זיך די צאָל קרבנות פון אַלגעמיינער בילדונג פאַרמערט. און מיט יאָרן שפּעטער האָב איך אייניקע פון די קרבנות געטראָפן אין ניו יאָרק, אַלס אָנגעזעענע יידישע שרייבער, געזעלשאַפטלעכע טוער און פירער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מיטן אַנטשטיין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם בונד ווערט דער דורשט נאָך לייענען און וויסן נאָך שטאַרקער און די קריטיק אויפן יידישן אַלטן לעבנס שטייגער נאָך שארפער און די אומצופרידנהייט מיט דער לאַגע פון יידישן פאָלק און פון די יידישע אַרבעטער ווערט אויסדרוקספולער. מען האַלט וועגן דעם אין די יידישע שטעטלעך לעקציעס, פּאַרטראַגן, רעפעראַטן, מען דעבאַטירט, עס אַנטשטייען דיסקוסיעס צו וועלכע עס ווערן צוגעצויגן אַלץ מער און מער פון דער יידישער אָרעמקייט. עס אָרגאַניזירן זיך האַלב לעגאַל ציוניסטישע פאַריינען, באַהאַלטענערהייט בונדישע אָרגאַניזאַציעס. דער אויטאָריטעט פון רב, פון די למדנים, פון די כלי קודש פאַלט און אנשטאַט זיי הויבט זיך און שטייגט דער אויטאָריטעט פון דער יידישער אינטעליגענץ. וועלטלעכער וויסן ווערט שוין מער געשאַצט ווי רעליגיעזע לומדות. דער גימנאַזיסט פאַרנעמט אַ העכערע פּאָזיציע ווי דער ישיבה בחור. דער דערשלאָגענער אַרבעטער און געזעל, ווערט ביי זיך מער תקיף, מער קלאַסן באַוווסטזיניק און נישט נאָר ער באַטראַכט די אַנדערע שיכטן ווי זיינע גלייכע, נאָר ער באַטראַכט זיך ווי די סמעטענע פון דער געזעלשאַפט אויף וועמעס ראָל עס איז אויסגעפאַלן צו באַפרייען די גאַנצע געזעלשאַפט פון אירע איבלען, צרות, קאַטאַסטראָפעס און נויט, און אויף איר אָרט וועט ער אויפבויען די נייע געזעלשאַפט אויף די יסודות פון אַרבעט, יושר, אמת און פרייהייט. אָט די געדאַנקען פאַרכאַפּן און באַגייסטערן אונדזער בעסערער יוגנט און זי וואַרפט זיך אַריין אין קאַמף קעגן די אַלע איבלען און מער פון אַלץ קעגן דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט.

גדליה דעם קירזשנערס זון דערוויסט זיך פונם אינטעליגענט, אַז די יידישע רעליגיע שטייט אונדז אין וועג, שטערט אונדז אין קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן, ווערט ער אַ קעמפער קעגן אונדזער רעליגיע און פריידיקט, אַז די יידן זאָלן אויפגעבן זייער רעליגיע. מיירים בערל דעם חסידס זון, וועלכער איז געגאַנגען אין דער ישיבה און באַהאַלטענערהייט געלייענט די טרפהנע ביכלעך, האָט ערגעץ אויסגעלייענט, אַז קיין גאָט איז נישטאָ, האָט ער געפונען פאַר נויטיק יום כיפור צו קומען אין שול זאָגן אַלע יידן, אַז זיי זיינען שוטים, דאַוונענדיק און בעטנדיק צו אַ גאָט, וואָס אין איז דער אמתן גאָר נישטאָ...

מען קען זיך פאָרשטעלן דעם צער פון זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער און פון אַלע יידן אין שול... מיט יאָרן שפּעטער האָט ער דאָ, אין אַמעריקע פאַרנומען די שטעלע פון אַ פּרינציפּאַל פון אַ תלמוד תורה אין אַ שטעטל אין פענסילוואַניע און איז געוואָרן באמת פרום, כמעט אַזוי פרום, ווי זיין טאַטע אין דער מיר.

עס איז געגרינדעט געוואָרן פון דער יוגנט אַ נייע ביבליאָטעק פון רוסישע, העברעישע, דייטשישע און יידישע ביכער. די יוגנט האָט זיך גאַנץ פיין מיט איר באַנוצט. צו יענער צייט האָט די ביבליאָטעק־קאָמיסיע געשריבן אַ בריוו צום גרויסן רוסישן שרייבער גאָרקי, ער זאָל זיי באַהילפיק זיין מיט שיקן זיינע ווערק אין דער מירער ביבליאָטעק און ער האָט זיי אָריינגעשיקט נישט נאָר זיינע ווערק, נאָר אויך די אויסגאַבעס פון „זנאַניע" און „פּראָסוועשטשעניע" און דערצו זייער אַ ליבן בריוו. און מיט דעם האָבן מיינע לאַנדסלייט זייער שטאָלצירט. צו יענער צייט האָט קהת (יוסף ראָל־ ני) אָנגעהויבן שרייבן זיינע ערשטע לידער, משה יונה (כיאַמאָוויטש) עפּעס אַ ראָמאַן פון אונדזער שטעטלשן לעבן. און ווען עס זיינען נאָך אָנגעקומען צו אונדז אין שטעטל אַ 4־5 פאַרשיקטע סאָציאַליסטן פון באָברויסק, וועל־ כע האָבן פאַרגעזעצט זייער סאָציאַליסטישע טעטיקייט אויך ביי אונדז, האָבן זיי צוגעצויגן צו זיך כמעט אונדזער גאַנצע יידישע אינטעליגענץ, אויסער אייניקע איינגעשפּאַרטע יוגנטלעכע ציוניסטן...

די ווירקונג פון דער נייער צייט און די נייע געדאַנקען אויף אונדזער עלטערן דור איז געווען זייער אַ שוואַכע און אויף דער מערהייט פון אים אַן אָפּשטויסנדע; זיי זיינען געוואָרן שונאים פון די נייע געדאַנקען און שונ־ אים פון זייערע טרעגער. די קינדער האָבן איבערגעריסן מיטן לעבנס־שטיי־ גער פון די עלטערן און די עלטערן האָבן באַטראַכט די קינדער פאַר די ערגסטע אפיקורסים און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער קאַמף צווישן די קינדער און די עלטערן אין אַ סך פאַלן מיט טרויעריקע רעזולטאַטן...

עס איז צעריסן געוואָרן דער אַלטער שטייגער פון לעבן, עס איז צעבראָכן געוואָרן די אַלטע וואַנט, וועלכע האָט נישט דערלאָזן אַ קוק טאָן, וואָס עס קומט פאַר דאָרטן אויף יענער זייט. מען האָט זיך אַ נעם געטאָן צו בילדונג, צום וויסן, מיידלעך האָבן זיך פריי געטראָפן מיט ייִנגלעך און צוזאַמען פאַרהאַנדלט וועגן די אַלע פראַגן פון דער נייער און אויך פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט. מען האָט צוזאַמען געלייענט, קריטיקירט דאָס געלייענטע, מען איז צוזאַמען געגאַנגען אויף די פאַרזאַמלונגען, אויף לעקציעס, אין ביבליאָטעק. יעדערער האָט געטרוימט פון פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט, ווערן אַ נוצלעכער עלעמענט פון דער געזעלשאַפט, דאָרט פאַרזעצן דאָס לערנען זיך, אָדער ווערן אַן אַרבעטער און „קעמפן פאַר דער מענטשהייט", און געווען זיינען זיי אַלע, אין גרונט גענומען נאַיווע קליינשטעטלדיקע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געשאָטן פראַזן איינס נאָך איינס, מיינענדיק ערנסט, אָבער נישט וויסנדיק, אַז דאָס זיינען בלויז פראַזן, וועלכע קומענדיק אין באַרירונג מיטן אמתן לעבן, וועלן צעפּלאַצט ווערן, ווי זייפנבלאָזן. דאָך זיינען זיי געווען שיין אין זייער נאַיוויטעט און אויפריכטיקן גלויבן אין זייערע אידעאַלן, אין זייערע ווייטע פאַנטאַסטישע חלומות.

דאָס איז אַלץ געווען אין אונדזער יוגנט, ווען מען איז טאַקע געווען יונג, נאַיוו און נישט פּראַקטיש. און אין דער יוגנט איז דאָך אַלץ אַזוי שיין!...

קאַפּיטל 17

אין מינסקער קאַזאַרמע

אין גיכן האָב איך אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אַלס לערער פאַר תּל־מידים פון „יודעאישן גלויבן". נאָר איך האָב די רעכט מיינע נישט גע־קענט אויסנוצן, ווייל איך האָב זיך געדאַרפט שטעלן צום מיליטער דינסט. און פאַניע האָט מיך צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט. אויפן מיליטערישן זאַמל־פונקט אין סלוצק, פון וואַנען מען האָט פונאַנדערגעשיקט די רעקרוטן אין די פאַרשיידנסטע פונקטן פון דער ברייטער רוסלאַנד, האָט מען מיך, לויט מיין ביטע, באַשטימט צו דינען אין מינסק. לויט מיין בילדונג האָב איך גע־דאַרפט דינען וויינקער און זיין אַ „פּריווילעגירטער סאָלדאַט" — אַ יחסן אין פאָלק. דאָך בין איך געגאַנגען צוגלייך מיט די אַלע רעקרוטן פון סלוצק ביז מינסק צופוס, און געגאַנגען זיינען מיר פיר לאַנגע אויסגעמאַטערטע טעג, פון דער פרי ביז אין אָוונט, און ביינאַכט פלעגן מיר שלאָפן אין די דער־פער, אין פויערישע הייזער, אויפן אויוון, אָדער אויף אַ באַנק. ס'איז גע־ווען שווידערלעך אומבאַקוועם: אויפן אויוון איז געווען צו הייס און האַרט און אויפן באַנק איז געווען האַרט און קאַלט. בלויז אין סטאַריע דאָראָגי האָט מיר אַ דאָרטיקער רייכער ייד איינגעלאַדן צו זיך אויף נאַכטלעגער. ער האָט געהאַט אַ פאַבריק פון האָלץ־זעגעריי און האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע און באַקוועמע הויז. איך האָב דאָרט געהאַט אַ גוטן יידישן מאָלצייט און אַ גוטע בעט צום שלאָפן. דער באַלעבאָס מיט זיין פרוי האָבן מיט מיר פאַר־בראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. גראַדע האָבן זיי געוווּסט פון מיין זיידן, דעם סטאַראָסטע פון ניעסוויזש און פון מיין פאָטער דעם אַדוואָקאַט פון דער מיר, אויך האָבן זיי געקענט מיין עלטער־זיידן און אַ סך פון זיינע קינדער און זיי האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס אַ מישקאָווסקי זאָל די־נען און זאָל גיין צופוס פון סלוצק ביז מינסק. אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן זיי פאַר מיר צוגעגרייט אַ גוטן אָנבייסן. אויף גיך האָב איך אָפּגעגעסן און אַוועקגעלאָפן צו מיינע רעקרוטן און מיר זיינען אַוועק ווייטער.

גאָט צו דאַנקען, מיר זיינען אָנגעקומען אין מינסק און מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין זייער אַ גרויסן הויף וואַרטן אויף „נאַטשאַלסטווע". הונ־געריקע, שרעקלעך אויסגעמאַטערטע מיט די פּעק אויף די פּלייצעס זיי־

נען מיר לאַנגע שעהן געשטאַנען, וואַרטנדיק אויף די אָפּיצירן, וועלכע האָבן געדאַרפט באַשטימען אין וועלכן פּאָלק און ראָטע יעדערער פון אונדז זאָל דינען. דערווייל איז אַריינגעקומען אין הויף אַ סאָלדאַט, זייער שיין אָנ־געטאָן, צוגעלאָפן צו מיר מיט אַן אויסגעשריי: „וועמען זע איך דאָס? קיינמאָל נישט דערוואַרט, אַז דו זאָלסט דינען. וואַרט, איך וועל שוין זען דו זאָלסט אַריינפאַלן אין אַ גוטער ראָטע און צו אַ גוטן אָפּיצער".

אַזוי האָט מיך אויפגענומען מיין חבר זשיליצקי, וואָס האָט געענדיקט די שטאָט־שול מיט אַ יאָר שפּעטער נאָך מיר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די בעסטע ראָטע פאַר מיר וואָלט געווען די עלפטע, ווייל דאָרט איז דער קאָמאַנדיר אַ שיכור און צוליב זיין שיכרות געפינט ער זיך מער אין שפּי־טאָל, ווי אין דער ראָטע און ער וועט שוין זען, אַז מען זאָל מיך באַשטימען אין יענער ראָטע, און דאָרט וועט מיר זיין גוט.

אין גיכן זיינען אָנגעקומען אַ סך אָפּיצערן און מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דערווייל האָב איך באַמערקט, ווי זשיליצקי רעדט עפּעס מיט אַן אָפּיצער און ווייזט אָן אויף מיר. און טאַקע באַלד איז דער אָפּיצער צו־געגאַנגען צו מיר און מיר געזאָגט: — בעט זיך אין מיין ראָטע, אין דער עלפטער פון סערפּוכאָווסקי פּאָלק און אויב דער אָפּיצער וועט דיך פרעגן פאַרוואָס, זאָג אים, אַז דו האָסט דאָרט אַ סך לאַנדסלייט. אַזוי איז טאַקע געווען און מען האָט אויף מיין מאַנטל מיט קרייד אָנגעצייכנט דעם נומער „עלף".

איך וועל אויף מיין לעבן נישט פאַרגעסן די אויפנאַמע, וואָס איך האָב געקראָגן פון דעם אונטעראָפּיציר באַראַנאָוויטש, ווען איך בין אַ מידער, אַ הונגעריקער אַריינגעקומען צום ערשטן מאָל אין קאַזאַרמע.

— אַ גרויער? (אַ נייער?) פרעגט ער מיר.

— יע, ענטפער איך.

— ווי איז דיין נאָמען?

— נח מישקאָווסקי.

— אַ זשיד?

— יע.

— אַ קרעמער?

— ניין!

— אַ פערד גנב?

— ניין!

— געפּאַשעט חזירים?

— איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין מוזשיק, — האָב איך מיט כעס געענטפערט.

— זעסט סאַראַ גרויסהאַלטער דו ביזסט.

— וואָס טויג מיר די חכמות, — זאָג איך אים, — איך בין מיד און הונגעריק, איך דאַרף האָבן אַן אָרט אויף אָפּצורוען און עפּעס עסן.

— ביזט אַ קלוגער זשיד. איצט איז נישט די צייט צו עסן. וועסט קריגן עסן אַרום האַלב נאָך פינף און אָפּרוען וועסטו דאָ, אויף דער נאַרע. דאָס וועט זיין דיין פּלאַץ צו שלאָפן און אונטער דער נאַרע קענסט אַוועקשטעלן דיין קעסטל מיט דיינע זאַכן.

איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויף דער האַרטער נאַרע און דערפילט מיט גרויס פאַרגעניגן, ווי עס הויבן אָן אָפּגיין די וויטאָקן אין פּלייצע, אין די פיס און גאַנצן קערפּער.

גלייך אויף מאָרגן נאָך מיין קומען, האָב איך שוין געהערט די פאַראָרדענונג פון פעלדפעבל, אַז מישקאָווסקי איז אויף באַזונדערע רעכט: מען זאָל אים אין דער פרי נישט וועקן, אויף דער אַרבעט נישט אַרויסלאָזן.

נאָך דעם איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און מיר דערקלערט, אַז איך וועל נישט טאָן קיין סאָלדאַטן־אַרבעט אין דער ראָטע, דערפאַר וועל איך זיין דער אומאָפיציעלער שרייבער פון ראָטע.

אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם לעצטן האָבן יידן אָפיציעל ניט געטאָרט אפילו זיין קיין שרייער אין אַ ראָטע. אומאָפיציעל זיינען אָבער די מערסטע שרייבער אין די ראָטעס געווען יידן, ווייל אין די מערסטע ראָטעס זיינען יידן געווען די איינציקע „גראַמאַטנע". אָן יידן וואָלט מען די ראָטע־ביכער ניט געקענט פירן, די פאַראָרדענונגען ניט געקענט לייענען און זיי דורכפירן, מען וואָלט נישט געקענט פירן דעם חשבון פון זאַכן, פון די שפייז, פון אַלע הוצאות און הכנסות... די יידן זיינען אפילו געווען די שרייבער אין פּאָלק און באַטאַליאָן, כאָטש אָפיציעל האָבן זיי די אָמטן נישט פאַרנומען. און עס זיינען געווען אַ סך פאַלן, ווען עס זיינען געווען קריסטן פּאַסיקע פאַר דער אַרבעט און מען האָט זיי די אַרבעט נישט געגעבן, ווייל די אָפיצערן זיינען געווען זיכער, אַז דער ייד וועט די אַרבעט טאָן בעסער פאַרן קריסט.

מיין עלטסטער אָפיצער מיטן מאָדנעם נאָמען „דוראַקאָווסקי דער צווייטער" איז טאַקע כמעט שטענדיק געווען אין שפּיטאָל, ער האָט געליטן פון אַלקאָהאָל אנטצינדונג. די יונגע אָפיצערן האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט דער ראָטע, מיט די סאָלדאַטן און מיט דער באַלעבאַטישקייט. דער פעלדפעבל איז געווען טעמפּ אויף דער פען, האָט פשוט נישט געקענט קיין איין וואָרט אָנשרייבן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. די אונטעראָפיצערן האָבן נאָך ווייניקער געוווסט, האָבן קוים קוים געקענט דורכקריכן עפּעס געדרוקטעס. זיינען זיי אַלע געווען העכסט צופרידן, וואָס צו זיי איז אָנגעקו־

מען איינער, וואָס „לייענט ווי אַ וואַסער און שרייבט אַזוי געשווינט, אַז קוים מיטן אויג צו כאַפּן".

און אַרבעט האָב איך געהאַט גענוג: לייענען און שרייבן אַלע בריוו, וואָס די סאָלדאַטן קריגן און שיקן אַוועק, אַלע טאָג פירן דעם חשבון פון דעם, וואָס עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר די סאָלדאַטן און פאַרן קיך, פאַרלייענען די פאַראָרדענונגען פון פאָלק פאַר דער ראָטע און דורכפירן זיי. מען האָט מיך פון צווייטן טאָג אָן געמאַכט פאַרן באַלעבאָס פון דער ראָטע, כ'פלעג באַשטימען מיט דער הילף פון פעלדפעבל די סאָלדאַטן פאַר דער פאַרשיידנאַרטיקסטער אַרבעט, פלעג פירן די געלט רעכנונגען. דערפאַר האָט מען מיך אָנגעטאָן אין די בעסטע זאַכן, געגעבן עסן באַזונדער און טאָקע פון די בעסטע, געגעבן אַ באַזונדער פלאַץ צו שלאָפן און אין דער זעלבער צייט בין איך אפילו באַפרייט געוואָרן פון דער לערע, פון גימנאַסטיק, פון אַרומגיין אַרום דעם ביקס, פון לערנען סאָלדאַטסקע תורה. מיין אַרבעט האָט קיינמאָל נישט געדויערט מער פון פיר שעה אַ טאָג. די איבעריקע צייט האָב איך געקענט טאָן, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט. פלעג איך טאָקע יעדן נאָכמיטאָג אַוועקגיין אין שטאָט. צופעליקערווייז זיינען כמעט אַלע מיינע באַקאַנטע, ייִנגלעך און מיידלעך געווען בונדיסטן. לויט מיין דאַמאָלסטיקער שטימונג בין איך אַליין געווען אי אַ ציוניסט און אי אַ סאָציאַליסט און מיינע באַקאַנטע בונדיסטן האָבן מיך באַטראַכט ווי עפּעס אַ ווילדן, און דעבאַטן פלעגן צווישן אונדז אָנגיין, כמעט יעדן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. וואָס מער איך האָב זיך באַקאַנט מיט דער יידישער יוגנט אין מינסק, אַלץ מער האָב איך באַוווּנדערט איר אינטעליגענץ און איר קלוגן פונאַנ־דערקלייבן זיך אין די פאַרשיידענע סאָציאַל עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פראַגן. אַלע האָבן אַ סך געלייענט און טאָקע ערנסטע ביכער, אַלע האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון לאַנד. עס זיינען געווען יונגע לייט מיט גאַר אַ גרויסער בילדונג. אין וואַרשע האָב איך אַזוינס נישט געזען. אויסער דעם איז די יוגנט געווען אַ יידישע, אין פולן זין פון וואָרט. מיר דוכט, אַז איך האָב דאָרט געטראָפן די אינטערעסאַנטס־טע יידישע יוגנט פון גאַנץ ליטע און פוילן. די בעסערע יוגנט איז געווען די פאַרטייאישע. אין אַלגעמיין זיינען די דאַמאָלסטיקע באַוועגונגען געווען אי־בערגעפילט מיט יוגנט. אפילו די גדולים זיינען געווען יונגע. אַ דרייסיק יאָריקער איז געווען שוין אַן אַלטער, און מען האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט.

די יידישע אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן לויט די פאַכן. דער בונד און די ציוניסטן האָבן שוין געהאַט זייערע שטאַרקע אָר־גאַניזאַציעס. די רוסישע רעגירונג האָט זיך שטאַרק אַ נעם געטאָן אויס־

קאָרעניעץ פון מינסק די קראַמאַלע און זי האָט אַװעקגעשיקט אַהין מיט דעם צװעק דעם זשאַנדאַרם־פּאָלקאָװניק װאַסיליעװ, איינעם פון די פּעיקסטע קנעכט. ער איז געװען אַ תּלמיד פון דעם באַװוסטן זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָװניק זובאַטאָװ. זיי ביידע האָבן געפּרוּװט איינריידן די אַלע, װעמען זיי האָבן אַרעסטירט, אַז זיי זאָלן נאָר אָנפירן בלויז אַן עקאָנאָמישן קאַמף, נישט פאַרבינדנדיק אים מיט פּאָליטיק, װעט די רוסישע רעגירונג אַרויסהעלפן די אַרבעטער אין דעם און װעט די עקאָנאָמישע אַרבעטער לעגאַליזירן און זיי װעלן זען, אַז די אַרבעטער לאַגע זאָל װערן אַ סך אַ בעסערע, װי ביז איצט.

אייניקע אַרבעטער־טוער זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם פאַרשלאַג און האָבן אָנגעהויבן גרינדן אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פאַרן עקאָנאָמישן קאַמף, כדי אויסצובעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטער. די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן די „אומאָפּהענגיקע" באַקעמפט אויפן ביטערסטן אופן. דאָך אין מיין צייט, איז די צאָל אַרבעטער „אומאָפּהענגיקע" שטאַרק געװאַקסן אין מינסק. גלייכצייטיק איז די צאָל פון די אָרגאַניזירטע בונדיסטן און ציוניסטן אויך שטאַרק געװאַקסן. עס איז דאַן געװען לעבעדיק אין מינסק...

איך בין געװען אַן עדות פון דער ערשטער בונדישער דעמאָנסטראַציע אין מינסק. אַ סך האָט מען דאַן געשלאָגן, פאַרקריפּלט, אַרעסטירט. מיר געדענקט זיך דער אָװנט נאָך דער דעמאָנסטראַציע. איך האָב זיך געטראָפן מיט אַלטער װינערן (איינעם פון די אָנפירער פונם מינסקער בונד צו יענער צייט. געשטאָרבן מיט אייניקע יאָר צוריק אין ניו־יאָרק, אַלס עקזעקוטיװ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) אין אַ הויז, װוהין מיר זיינען אַריין, האָבן זיך געפונען אַ 6־7 יאָטן דעמאָנסטראַנטן. זיי האָבן מיט דער גרעסטער אנטריסטונג דערציילט װעגן דער ברוטאַליטעט פון דער מינסקער פּאָליציי. איינער איז געקומען אַהין צולויפן אָן אַ רעקל. מען האָט אים געװאָלט אַרעסטירן און אַ פּאָליציימאַן האָט אים געכאַפּט פאַרן רעקל, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן און אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אין דעם פּאָליציימאַנס הענט דעם רעקל.

גריגאָרי גערשוני האָט דאַן געװוינט אין מינסק און געהאַלטן אומשולדיקע לעקציעס פאַר די יידישע אַרבעטער אין דער רוסישער שפּראַך. ער האָט גערעדט װעגן די געזעצן פון פיזיק און כימיע. איך פלעג אָפט באַזוכן זיינע לעקציעס אין זאַל פאַריז. די ערשטע צייט פלעג איך קומען אין די סאָלדאַטסקע קליידער. דערנאָך, אַז איך האָב באַמערקט, װי דער עולם באַװונדערט דעם איין און איינציקן סאָלדאַט אין דער אודיטאָריע, פלעג איך שוין קומען אין ציװילע קליידער. איך פלעג דאַרפן צוליב דער

לעקציע צוויי מאָל זיך איבערטאָן ביי אַ חבר אין אַ צימער. ווער האָט עס דאַן געקענט טראַכטן אַז אַט דער צאַרטער אידעלער יונגערמאַן גריגאָרי גערשוני וועט מיט איניקע יאָר שפּעטער ווערן די שרעק פון דער אַפּי־צ׳יעלער צאַרישער רוסלאַנד?

איך האָב געטאָן מיין אַרבעט אין דער ראַטע קאַנצעלאַריע געוויסענ־האַפט, אפילו איינגעפירט איניקע רעפאָרמען. איך האָב שטאַרק אָפּגעהיט די ריי פון שיקן סאָלדאַטן צו דער אַרבעט: האַקן האָלץ, קערן דעם שניי, רייניקן די קאַזאַרמע, די טאָילעטס א. ד. ג. איך האָב שטאַרק אָפּגעהיט, אַז די שוואַרצע אַרבעט זאָל נישט פאַלן צו שווער אויף איניקע, בעת אַנדערע האָבן שפּאַצירט רויק איבער דער קאַזאַרמע. מיט דער דערלויבעניש פון דער העכערער מאַכט האָב איך אין דער ראַטע „געגרינדעט” אַ שול: איך, דער איד, האָב געלערנט די רוסן זייער אייגענע שפּראַך, רוסיש. ס׳איז גע־ווען זייער אַ שווערע אַרבעט, דאָך האָב איך איניקע פון זיי, די מער פעי־קע אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. אין אָוונט, נאָך דעם דריטן מאָלצייט און פאַרן גיין שלאָפן, פלעג איך זיי לערנען זינגען רוסישע פאָלקס־לידער.

איך האָב געוווּנען די ליבע פון די סאָלדאַטן. די אָפיצערן ווידער האָב איך אימפּאָנירט מיט דעם, וואָס איך פלעג אַלע טאָג לייענען אַ רוסישע ציישונג און וואָס אויסער דעם האָב איך געלייענט גראָבע ביכער פון אומ־באַקאַנטע פאַר זיי שרייבער: געאָרג בראַנדעס, מאַקס נאָרדוי, זשאַן זשאַק רוסאָ א. אַ. אויסער דעם האָב איך מיטן האַנט אויף אַ האַרטן קאַרדאָן אָפּ־געדרוקט די נעמען און טיטולן פון דער צאַרישער פאַמיליע, פון אונדזערע אָפיצערן, פאָלקאָווניקעס און גענעראַלן. און אין זייער אָפיצערישן קלוב פלעגן זיך מיינע אָפיצערן באַרימען, אַז אין זייער ראַטע דינט אַ העכסט אינטעליגענטער יידישער סאָלדאַט. און ווען איך האָב צום נייעם יאָר צו־געשטעלט מיינע אָפיצערן אַ פולן באַריכט פון די קליידער, פון קיך, ווו עס איז געווען אויסגערעכנט, וואָס איז אין פאַרלויף פון יאָר אַרויסגעגעבן געוואָרן, פאַרנוצט און צעטיילט געוואָרן, וואָס עס איז פאַר דער צייט אַריינ־געקומען און וואָס עס איז איבערגעבליבן, בין איך שוין דאַן גאָר הויך אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן. זיי האָבן נעבעך נישט געוווּסט, אַז אין קאַזאַרמע געפינען זיך ביי מיר אַ סך ביכער און בראָשורן, וואָס זיינען פאַר־ווערט און שעדלעך פאַר דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, אַז איך לייען די ליטעראַטור גאַנץ אָפן, פאַר קיינעם זיך נישט באַהאַלטנדיק און אַז איך לערן די סאָלדאַטן זינגען אויך פאַרווערטע לידער. גראַדע איינס אַזאַ לידל, וועגן די נאַהאַיקע, וואָס האָט געטאַנצט איבער די רוקנס פון דעמאָנס־טראַנטן דעם 8־טן פעברואַר, האָבן די סאָלדאַטן זייער ליב געהאַט... ביי

אונדז אין ראַטע האָבן געדינט רוסן, לאַטישן, טאַטערן און יידן. סאָלדאַטן האָבן ליב געהאַט צו דערציילן מעשות פון זייערע דערפער, קרובים, פרייגט, געליבטע. אויך פלעגט מיר יעדן טאָג אויסקומען פאַרלייענען זיי זייערע בריוו פון דער היים. פון דעם אַלעם האָב איך זיך דערוווּסט, ווי שווער זיי לעבן אין די דערפער, ווי שטאַרק זיי זיינען אונטערדריקט. אַלע בריוו זיינען געווען אַ וויי געשריי וועגן הונגער, צרות און נויט. גאַנץ רוסלאַנד, האָט זיך מיר דאַן פאָרגעשטעלט, איז אַ גרויסע קאַזאַרמע, וואָס געפינט זיך אונטער דער בייטש פון ניקאָלאַיס משרתים. און בלויז איין רפואה איז דאָ, האָב איך דאַן געטראַכט, און דאָס איז די פאַרייניקונג פון אַלע אונטערדריקטע, וועלכע זאָלן צערייסן די קייט פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער שקלאַפעריי.

* * *

פאַר דער צייט, וואָס איך בין געווען אין דער קאַזאַרמע, איז מיין זיידע געשטאָרבן איבערלאַזנדיק אין ניעסוויזש מיין פאָטער זיין גרויסע און שיינע הויז און מיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין ניעסוויזש. פאַרקויפנדיק זייער הויז אין דער מיר. און ווען איך בין באַפרייט געוואָרן פון מיליטער דינסט, בין איך אויף דער איינלאַדונג פון מיינע עלטערן גלייך פון קאַזאַרמע געקומען אין ניעסוויזש, אין דער שטאָט פון די באַוווּסטע ראַדזיווילס, וועלכע האָבן געהערשט פאַר הונדערטער און הונדערטער יאָרן.

וועגן די פוילישע גראַפן די ראַדזיווילס האָבן אין שטאָט צירקולירט אַ סך לעגענדעס און דערציילונגען. אין אָט די לעגענדעס און מעשיות האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער משוגענער גייסט פון דער אַבנאָרמאַלער גראַפישער משפחה, זייער יאָגן זיך נאָך אַבנאָרמאַלע פאַרוויילונגען,ווילדע אָרגיעס, משונהדיקע איינפאַלן, זייער סאַדיזם און בעסטיאַליטעט. איינגעקריצט האָט זיך אין מיין מח די מעשה, ווי איינעם פון די גראַפן האָט זיך פאַרוואָלט פאַרן אין מיטן זומער אין שניי. מען האָט באַשאָטן די שטאָט מיט אַ דיקן פלאַך פון זאַלץ און איבער דעם זאַלץ איז ער געפאָרן אין זיין קאַרעטע מיט פיר פערד. אַן אַנדערער האָט געהאַט דעם גרעסטן פאַרגעניגן פון איינלאַדן יידן אין זיין הויף און ווען זיי פלעגן קומען פלעגט ער אויף זיי אָנרייצן די בלוטדורשטיקסטע הינט. אין דער שטאָט איז אויך געבאָרן געוואָרן דער גרויסער יידישער פילאָזאָף שלמה מיימאָן אין יאָר 1743. שוין אין זיין קינדהייט האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פיאיקייטן, און איז געוואָרן באַרימט אַלס אַ גרויסער למדן און חכם. האָט חתונה געהאַט צו 14 יאָר. אין גיכן האָט ער פאַרלאָזן זיין געבורטשטאָט און איז אַוועק קיין בערלין, וווּ ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער דייטשישער וויסנשאַפט, ספּעציעל צו פילאָזאָפיע. ער האָט געשריבן אַ סך ביכער און אויך ספרים אין העברעיש.

אין זיין צייט איז ער געווען דער בעסטער און שאַרפסטער קריטיקער פון עמנואל קאַנטס פילאָזאָפיע. געשטאָרבן איז ער אין עלטער פון 47 יאָר. ווען איך בין נאָך געווען אין מיין שטעטל מיר, האָב איך געלייענט זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס האָט זיך געדרוקט אין אַ יידיש רוסישן זשורנאַל. איך געדענק נישט אין וועלכן. נאָר מיין ווונדערבאַרן איינדרוק און גרויסן אינטערעס צו זיינע ז׳ערינערונגען געדענק איך נאָך ביז היינטיקן טאָג. די אויטאָביאָגראַפיע זיינע, רעכנט זיך אַלס איינע פון זיינע בעסטע ווערק. אָבער די בערלינער יידישע געמיינדע האָט אים באַגראָבן קבורת חמור — לעבן צאָם, ווייל זי האָט אים באַטראַכט פאַר אַ גרויסן גאָט לעסטערער...

קאַפּיטל 19.

די גרינדונג פון דער צווייטער יידישער שול אין רוסלאַנד

קומענדיק אין ניעסוויזש האָב איך זיך גלייך באַקאַנט מיט טוביה באַבושקין, אַ פאַרשיקטן רעוואָלוציאָנער פון האָמליע, מיט דער דענטיסטקע כאַניע באָגאַטין, מיט יעקב מאַכטיי אַ פּ. ס. ניק. פון וואַרשע און אַנדערע סאָציאַליסטן. אין דער לופט האָט אָנגעהויבן צו שמעקן מיט רעוואָלוציע. איך האָב זיך אויך באַקאַנט מיט יעקב אַוויגאָוויצקי, די לערער בעקערס, מיט פאלק און באָריס האַלפּערינס — די פאָרשטייער פונעם ציוניסטישן געדאַנק. מיינע סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס האָבן זיך דאַן געשטאַרקט און מיינע ציוניסטישע סימפּאַטיעס זיינען אַלץ געוואָרן שוואַכער. און אין דער אמתן, צו וואָס דאַרפן מיר זיך אַזוי אָנשטרענגען פאַרן פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן געדאַנק, ווען אָט אָט מוז פאַרווירקלעכט ווערן דער סאָציאַליזם און ער וועט אונדזער נאַציאָנאַלע פראַגע פאַרענטפערן איינס און צוויי... מיר מוזן איצט אַלע אונדזער כוחות אוועקגעבן פאַרן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אונדזערן. דער ציוניזם און בונדיזם האָבן רעוואָלוציאָניזירט אונדזער יוגנט און אַ טייל פון אונדזער עלטערער יידישער באַפעלקערונג. מען האָט זיך דאַן נאָך שטאַרקער אַ נעם געטאָן צו בילדונג, צום לייענען. אין ניעסוויעזש איז דאַן געגרינדעט געוואָרן אַ שיינע ביבליאָטעק, וועלכע איז אַ גאַנצן טאָג געווען אָפן און זי איז אַלעמאָל געווען איבערגעפילט מיט לייענער. פאַרזאַמלונגען און מאַסן־פאַרזאַמלונגען זיינען אין ניעסוויזש געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג. מען האָט אָפט דיסקוטירט וועגן פאַרשיידענע יידישע און אַלגעמיינע פראַגן. די סאָציאַליסטן האָבן אָנגעהייבן אַריינציען אין דער באַוועגונג די יידישע אַרבעטער, גרינדן אַרבעטער קרייזלעך, קריגן אומלעגאַלע ליטעראַטור, אַרויסרופן שטרייקן. איך געדענק ווי איצט מיט וואָס פאַראַ זשעדנעקייט מיר פלעגן זיך אַרויפוואַרפן אויף דער פאַרבאָטענער ליטעראַטור און מיט וואָס פאַראַ באַגייסטערונג מיר פלעגן זי לייענען. די ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. עס איז צו יענער צייט אַנטשטאַנען די יידישע פרעסע. עס האָט אָנגעהייבן דערשיינען „דער פריינד". עס זיינען אויפגעקומען נייע יידישע שריי־

בער, עס האָבן אָנגעהייבן דערשיינען נייע יידישע ביכער, זאַמלביכער, בראָשורן מיטן פאַרשיידנסטן אינהאַלט.

דער פעפעסאָוועץ יעקב מאַכטיי האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע אַרבעטער שניידער, שוסטער, שמידן און אייניקע שניידערינס, וועלכע ער האָט געלערנט לייענען און שרייבן רוסיש האָפנדיק מיט דעם צוציען זיי צו דער אַרבעטער באַוועגונג. צו איינער פון זיינע לעקציעס האָט ער מיר איינגעלאַדן. זיי, די יידישע אַרבעטער, האָבן אויף דער לעקציע שווער געאַרבעט. געשוויצט און פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט באַנעמען די גרויסע תורה און איבערזאָגן די רוסישע ווערטער „מאַט קאַטשאַיעט דיטיא" (די מוטער וויגט דאָס קינד). אויך האָט ער מיט זיי נישט געלערנט אַריפמעטיק אין רוסיש, וואָס דאָס איז שוין פאַר זיי געווען אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. ווען די קרבנות פון „וויסנשאַפט" זיינען אַוועק האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן אַ דעבאַטע. איך האָב אים געזאָגט, אַז די אַרבעט פון לערנען זיי רוסיש איז אין גאַנצן אַן ארויסגעוואָרפענע. די מערסטע פון זיי וועלן סיי ווי סיי אַוועקפאָרן ווער אין אַמעריקע און ווער אין אַפריקע, און גלאַט, פאַר וואָס מוטשעט ער זיי, די אַרבעטער, וועלכע האָרעווען אַזוי שווער ביי שלמהן דעם שניידער און איטשקען דעם שמיד מיט זיין רוסיש לערנען זיי, וואָס זיי וועלן אפשר זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען אין דער צייט ווען דאָס לייכטסטע און בעסטע איז אַנטוויקלען און אויפקלערן זיי אין יידיש. ערשטנס קענען זיי כמעט לייענען יידיש און דאָס וואָס זיי פאַרשטייען נישט, דאַרף ער בלויז זיי דערקלערן אין יידיש.

ער האָט מיר מאָדנע אָנגעקוקט, ווי פאַר אים וואָלט געשטאַנען דער פאַרברענטסטער אפיקורס. דער געדאַנק, אַז מען קען אַנטוויקלען סאָציאַליסטן אין דער יידישער שפּראַך איז פאַר אים געווען גאָר אַ נייער. אין גיכן איז ער אַוועקגעפאָרן און איך האָב די גרופּע איבערגענומען און איך האָב געמאַכט די ערשטע פּראָבע און איך האָב זיי אָנגעהויבן לערנען, אַנטוויקלען און דערקלערן אין יידיש. איך האָב געלייענט מיט זיי אין יידיש „די מעשה מיט די פיר ברידער", „פון וואָס אַ מענטש לעבט", די בראָשורן און פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון בונד, אַמעריקאַנישע און אויסלענדישע יידישע אויסגאַבעס, געזונגען מיט זיי לידער פון דער זאַמלונג „פרייהייט" און ס'איז אַוועק אַ גאַנג. איך האָב זיי געגעבן אַן עלעמענטאַרע באַקאַנטשאַפט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פון סאָציאַליסטישן געדאַנק. די אַרבעטער האָבן זיך גאַנץ גוט באַקאַנט מיט די סאָציאַליסטישע אידייען און זיי איז דאָס אָנגעקומען בערך גרינג.

אין דער זעלביקער צייט בין איך פשוט געצוווּנגען געווען ווידער צו עפענען אַ שול פאַר אָרעמע קינדער. מען האָט מיך פשוט פאַרוואָרפן מיט

בקשות. ווידער די זעלביקע מעשה ווי מיט מיין ערשטער שול אין דער מיר. זיי, אַ סך עלטערן, האָבן געהאַט צו מיר טענות: איך לערן אָרעמע קינדער אָן געלט, פאַרוואָס זאָל איך גראַדע לערנען יענע קינדער און נישט זייערע, וועלכע זיינען אַזוי אָרים, ווי יענע? און פאַרוואָס זאָל איך אין ניעסוויעזש נישט גרינדן אַזאַ שול, ווי אין דער מיר.

פאַר די צוויי יאָר איז שוין די לאַגע פאַר גרינדן אַ מאָדערנע יידישע שול געוואָרן אַ סך אַ בעסערע. מיר האָבן שוין איצט פאַרמאָגט אַ יידישע מאָדערנע טעגלעכע צייטונג, מיט אינטערעסאַנטע ביילאַגעס, מיר האָבן פאַרמאָגט מערער שרייבער, עס האָבן זיך געעפנט אייניקע פאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן נוצלעכע ביכער פאַרן פאָלק, אויך לערער האָבן מיר געהאַט אַ סך בעסערע ווי אין דער מיר — לערער מיט אַ פעדאַגאָגישן סטאַזש, און איך האָב באַשלאָסן צו עפענען אַ שול אין ניעסוויזש אַזוי ווי אין דער מיר פאַר אָרעמע, זיי זאָלן זיך לערנען אומזיסט און מיר די לערער זאָלן אַליין דעקן די אַלע הוצאות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אונטערנעמונג. און איך האָב אָנגעהייבן זוכן לערער פאַר דער שול. אָבער, ווען איך האָב אָנגעהייבן פאַרהאַנדלען מיט די לערער וועגן דער שול, האָבן מיר זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף דער שפּראַך פראַגע, אויך דאָ אין ניעסוויזש איז די באַלעבאַטישע אינטעליגענץ געווען פאַרקאַכט אין דער העברעאישער שפּראַך און איז געווען העברעאיסטיש געשטימט. די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ האָט פאַרגעטערט די רוסישע ליטעראַטור, שטאָלצירט מיט דער רוסישער שפּראַך און האָט געוואָלט, אַז די שול שפּראַך זאָל זיין אויסשליסלעך רוסיש און נישט מער ווי אַן אומבאַדייטענדער טייל פון דער אינטעליגענץ האָט דערלאָזט, אַז מען קען די אַלע נייטיקע געגנשטאַנדן, לערנען אין יידיש, כאָטש פאַר יידישיסטן וואָלט איך זיי נישט אָנגענומען. נישט נעמענדיק אין אַכט וואָס זיי זענען געווען באַגייסטערט פון מענדעלע מו״ס, פּרץ, שלום עליכם און אַנדערע. אין דער העכערער אינטעליגענץ האָבן זיך געפונען די ברידער האַלפערין באַריס און פאלק (באַוווסטער יידישער שרייבער, און פעדאַגאָג, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין ארץ ישראל), די ברידער בעקער (איינער פון זיי האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן אין רוסיש דעם „יונגן ישראל״ און, ווי איך האָב געהערט, איז ער אַ רעדאַקטאָר פון אַן אָפיציעלער צייטונג אין ראַטן פאַרבאַנד). זיי זיינען אַלע געווען פאַרקאַכטע ציוניסטן העברעיסטן. די איזראַילס, די ליפשיצעס און אַ סך אַנדערע זיינען געווען נאָר פאַר רוסיש. נישט מער ווי איך אַליין בין געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר יידיש. איך האָב געהאַלטן, אַז פּראַקטיש און פעדאַגאָגיש דאַרף דאָס לערנען זיין אין אונדזער שפּראַך, אויך בין איך געווען פאַר יידיש, ווייל איך בין דאַן געווען איבערצייגט, אַז אין אונדזער מוטער

שפּראַך וועלן מיר אין אַ קורצער צייט דערגרייכן אַ סך גרעסערע רעזולטאַטן ווי אין העברעיש אָדער רוסיש. איך האָב געוווּסט, אַז הינטער מיר שטייען כאַטש אומבאַוווּסטזיניק די בעלי־מלאכות, די אַרבעטער. און אויב לערנען רוסיש איז שוין פאַר די קינדער בעסער גיין נישט אין אַ יידישער שול, נאָר אין די רוסישע פאָלקס שולן. אונדזער יידישע שול אונטערשיידט זיך דאָך פון דער רוסישער מיט דעם, וואָס זי איז אַ יידישע. די אָפּטע קריגערייען וועגן דער שפּראַך פון דער שול האָבן דערפירט צו דעם, אַז מיר איז אויס־געקומען צו האָבן אַן עפנטלעכע דעבאַטע מיט פאָלק האלפערין וועגן דער פראַגע אין וועלכער שפּראַך מיר זאָלן לערנען די קינדער אין אונדזער שול. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען פאַר העברעיש און איך — פאַר יידיש. ער האָט זיין העברעיזם באַגרינדעט טעאָרעטיש, היסטאָריש און איך בין געווען פאַר יידיש צוליב דער פּראַקטישקייט. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די דעבאַטע האָט זיך געצויגן צוויי טעג, צוויי שבתים, זיינען מיר פאַרט צו קיין איינשטימיקן באַשלוס נישט געקומען. ער איז פאַרבליבן פאַר העב־רעיש און איך פאַר יידיש. דער סוף איז געווען, אַז מיר, די אַלע לערער, זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז אין אונדזער שול זאָל מען לערנען די אַלע דריי שפּראַכן — יידיש, רוסיש און העברעיש. דער לערער צוזאַמענ־שטעל פאַר דער ערשטער צייט איז געווען: איזידאָר מאגילעווסקי (דער נישט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענער דאָקטאָר איזידאָר מאגיל), לייבל סלאָנימסקי, (איצט ד״ר ל. סלאָנימסקי אין ניו־יאָרק), רבקה ליסיצקי (איצט רבקה ווינער — אַ לאַנגיאָריקע לערערין אין די ניו־יאָרקער שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדען), חוה ליפשיץ (איצט אַ דאָקטאָרין אין ראַטן פאַרבאַנד) משה איזראַיל (אַרבעט אין לבנון שפּיטאָל), אַלטער קוואַטשקאָ און מיין ווייבקייט.

מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. מיר האָבן געדונגען אַ דירה פון אַ גרויסן צימער און אַ קלענערן, אויסגעקלעפּט מודעות אויף אַ פּאָר בתי מדרשים, דורך וועלכע מיר האָבן געלאָזט וויסן, אַז מיר עפענען אַ יידי־שע שול, אָנגעגעבן די געגנשטאַנדן, אויך, אַז מיר נעמען אַן בלויז אָרעמע און געלאָזט וויסן אין וועלכן טאָג די קינדער זאָלן קומען מיט די עלטערן זיך פאַרשרייבן. אָפּגערעדט איז ביי אונדז געווען, אַז מיר נעמען אַריין בלויז די קינדער, וועמעס עלטערן האָבן נישט געקענט צאָלן קיין לערער אָדער מלמד. אויף סאָרטירן די קינדער און באַשטעטיקן, אַז זיי זיינען זייער אָרעם, איז באַשטימט געוואָרן אַ באַזונדער קאָמיסיע. מיר האָבן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אַז די מלמדים אָדער לערער זאָלן אונדז באַשולדיקן, אַז מיר קאָנ־קורירן מיט זיי. דאָ האָבן מיר שוין באַשטעלט אַ גרויסן, שוואַרצן, הילצער־נעם טאָוול און בענק, זיך באַזאָרגט מיט ביכער, ביכלעך, קליינע טאָוולס און גריפלען פאַר די קינדער, פּאַפּיר, טינט, מיט קלאַס זשורנאַלן און אָנגע־

הייבן לערנען די קינדער. פֿאַרשריבן האָבן זיך גאָר אַ סך קינדער, אָנגענו־מען האָבן מיר עטלעכע און זעכציק, מיט וועלכע עס האָבן געלערנט זעקס לערער. און מאָדנע, אַלע אָנגעקומענע און אַרײַנגענומענע אין דער קינדער שול זענען געווען מיידלעך. די עלטערן, קענטיק, האָבן זייערע ייִנגלעך נישט געוואָלט אַרײַנגעבן אין אונדזער קינדער שול.

פֿאַר מיר איז ווידער אַנטשטאַנען די פֿראַגע וועגן יידישע ביכלעך פֿאַר אונדזערע קינדער. מיר איז אויסגעקומען זייער שווער אויסזוכן פֿאַר די קינדער מעשהלעך, דערציילונגען, לידער, פֿאַבלען אין יידיש. קיין לערן ביכ־לעך האָבן די קינדער נישט געהאַט, ווייל אַזוינס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. און אויב איך פֿלעג זיך אָנשטויסן אויף אַ ביכל, וואָס איז פּאַסיק פֿאַר קינדער, איז דאָס ביכל געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט. און ווי גליקלעך דאָס קינד איז געווען, ווען עס האָט געקראָגן אַזאַ ביכל! אַ גרויסע טובה האָבן מיר דאַן געטאָן אברהם רייזין און וואַרשאַווסקי, וואָס האָבן דאַן אַרויסגעגעבן קליינע זאַמלונגען פֿון זייערע לידער. די עלטערע קינדער האָבן זייער ליב געהאַט זאָגן אויף אויסווייניק אָדער צו דעקלאַמירן רייזינס לידער און נאָך מער האָבן זיי ליב געהאַט צו דעקלאַמירן און צו זינגען וואַרשאַווסקיס האַרציקע פֿאָלקסטימלעכע לידער. איך האָב זיי אויסגעלערנט דעקלאַמירן אַ סך לידער פֿון פֿרוגן און פּרצן. אויף וויפֿל די קינדער האָבן עס ליב געהאַט, קען מען זען פֿון דעם פֿאַקט, וואָס זיי פֿלעגן עס אויסלערנען זייערע עלטערן. עס איז כמעט נישט געווען קיין אָרעמע הויז אין בעטוויזש, וווּ מען זאָל נישט זינגען וואַרשאַווסקיס לידער. איך געדענק, איך פֿלעג אָפֿט שפּאַצירן איבער די געסלעך אַרום שול הויף אָדער אויף ניי שטעטל און פֿלעג שעפּן נחת, זעענדיק ווי אַ פּרוי זעצט אַריין ברויט אין אויוון זינגענדיק דערביי מיט אַ טיף יידישן קרעכץ:

ווו נעמט מען כוחות, קינדער,
קיין כוחות איז נישטאָ,
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ...

און פֿון אַ צווייטער הויז הערט זיך שוין אַ כאָר. דאָ זינגט מען „אויפֿן פּריפּעטשיק".

וועגן פּראָגראַם און גייסט פֿון שול:

כאָטש עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די שול זאָל זיין אַ דריי שפּראַכי־קע, איז זי אין דער אמתן געווען אַן איין שפּראַכיקע — אַ יידישע. רוסיש און העברעיש זיינען געווען בלויז געגנשטאַנדן, אָבער די שפּראַך פֿון דער

שול איז געווען יידיש. אַפילו רוסיש און העברעיש האָבן די לערער געמוזט לערנען אין יידיש. ערשטנס האָבן די קינדער קיין אַנדער שפּראַך נישט פאַרשטאַנען און מען האָט זיי אָן יידיש גאָרנישט נישט געקענט דערקלערן און צווייטנס איז נאָך דאַן די טעאָריע פון עברית בעברית אָדער רוסית ברוסית אונדז געווען נישט באַוווּסט. די אַלע אַנדערע געגנשטאַנדן ווי יידישע געשיכטע, געאָגראַפיע, אַריפמעטיק, האָט מען געלערנט אין יידיש. דיקטאַט, קאָמפּאָזיציע, געשפּרעכן, שמועסן זיינען געווען אין יידיש, יידישע מעשיות, יידישע לידלעך, יידישע ליטעראַטור. די שול איז געווען אַ וועלטלעכע, אַ פּראָגרעסיווע זי איז געווען נישט אַ דערגאַנצונג פון עפּעס אַן אַנדער שול, נאָר אַ גאַנצע שול, ווו מען האָט געלערנט פון 9 אין דער פרי ביז 3 בייטאָג די אַלע געגנשטאנדן, וועלכע מען האָט דאַן געלערנט אין די אייראָפּעישע אָנפאַנגס שולן.

איך געדענק נישט אויף געוויס, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז די קינדער האָבן געדאַרפט עפּעס אַ קלייניקייט יאָ צאָלן. נאָר די מערהייט האָט אַפילו די קלייניקייט אויך נישט געקענט צאָלן. מיר, די לערער, און צו דער זעלביקער צייט די פאַרוואַלטער, האָבן געהאַט גרויסע הוצאות: צאָלן דירה געלט, קויפן די נייטיקע מאַטעריאַלן, מכשירים, טאָוולען, גריפלס, פּאַפּיר, ביכלעך. אמת, די קינדער האָבן אונדז געדאַרפט אויסצאָלן, נאָר זעלטן ווער עס האָט דאָס געטאָן, זיי האָבן פּשוט דאָס געלט נישט געקענט קריגן. מיר, די לערער זיינען געווען ווייט נישט קיין רייכע, און זייער גיך איז געקומען די צייט, ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים באַנקראָט. מיר האָבן באַשלאָסן דורכצופירן אַן אונטערנעמונג. אויף וועלכער די גאַנצע פּראָגראַם זאָל דורכגעפירט ווערן אויסשליסלעך דורך די קינדער פון אונדזער שול. מיר האָבן אָנגעהייבן צוצוגרייטען די קינדער צו דעם אָוונט, ווען זיי וועלן אַרויסטרעטן פאַרן עולם און ווייזן, וואָס זיי קענען. מיר האָבן זיך צו דער אונטערנעמונג געגרייט אַ פּאָר חדשים, אין משך פון דער צייט זיינען די לערער געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. אויסער דער צייט, וואָס מיר האָבן געלערנט, פלעגן די לערער איינלאָדן די קינדער צו זיך אַהיים און יעדן טאָג איינחזרן מיט זיי זייערע ראָלן. די קינדער האָבן זיך געגרייט צו דעם אָוונט, ווי צו זייער גרעסטן יום־טוב. דער אָוונט האָט געדאַרפט טראָגן אינגאַנצן אַ יידישן און אַפילו אַ יידישיסטישן כאַראַקטער. אַלע פאָרלעזונגען, דעקלאַמאַציעס, פּערזאָניפיצירונגען און לידער זיינען געווען אויסשליסלעך יידישע.

די גאַנצע צוויי חדשים האָבן די לערער און די קינדער געהאַט נאָר איין טעמע — דער אָוונט. און ס'איז טאַקע געווען אַ וועלט מיט אַרבעט. די קינדער האָבן געדאַרפט פאַרלייענען גאַנצע שטיקער פון מ"מו"ס, פּרץ און שלום עליכם, דעקלאַמירן לאַנגע פּאָעמען פון פרוג, אייניקע לידער פון

פּרק, רײַזין און אַנד., פּאַבלען פֿון קרילאָוו, װעלכע זײ האָבן פּערזאָניפֿיצירט, זינגען אַ פֿינף זעקס לידער פֿון װאַרשאַװסקי און אײניקע פֿאָלקס לידער. אױך האָבן זיך די לערערינס פֿאַרנומען מיט קריגן פּאַסיקע קלײדער פֿאַר די קינדער, װעלכע האָבן זיך אין דעם געניטיקט.

ענדלעך איז דער גליקלעכער טאָג געקומען. די קינדער האָבן זיך אױסגעפּוצט, װי נאָר זײ האָבן געקענט אין יום טובדיקע קלײדער, אױסגעפּוצט די שיכלעך, די האָר שײן פֿאַרקעמט, זײ האָבן אַלע געטראָגן שטענגלעך אין די האָר. די שטענדיק אָפּגעריסענע, באָרװעסע קינדער איז געװען נישט צו דערקענען. און עס איז שװער איבערצוגעבן די גרױסע פֿרײד, דעם גרױסן גליק, װאָס די קינדער האָבן דאַן דורכגעלעבט: זײער ערשטער גרױסער יום טוב. (פֿאַרשטײט זיך, אַז אונדז די לערער און ספּעציעל די לערערינס האָט עס אָפּגעקאָסט אַ שײנע פּאָר רובל). מיר האָבן גענומען דעם גרעסטן זאַל אין שטאָט, בעלינסקעס זאַל, אין מיטן מאַרק, און מיר האָבן אײַנגעלאַדן אַלע ייִדן, די גאַנצע שטאָט. מיר האָבן געװוּסט, אַז די סימפּאַטיע איז מיט אונדז, און מיר האָבן זיך טאַקע נישט אָפּגענאַרט. אין אָװנט איז שױן דער גרױסער זאַל געװען געפּאַקט־איבערגעפּאַקט און פּונקט 8 אַ זײגער זענען מיר צוגעטראָטן דורכצופֿירן די פּראָגראַם.

פֿאַר די לעצטע פֿערציק יאָר האָב איך דורכגעלעבט אַ סך אָװנטן, װען די פֿאַרזאַמלטע זײַנער געװען העכסט באַגײַסטערט. נאָר אַזאַ באַגײַסטערונג. אַזאַ הײליקײט האָב איך דורכגעלעבט מער נישט װי דעם אײנציקן מאָל. איך געדענק נישט גענױ די גאַנצע פּראָגראַם, נאָר דאָס געדענק איך, אַז דער עולם איז אַבסאָלוט דעם גאַנצן אָװנט געװען אױף דער העכסטער שטופֿע פֿון באַגײַסטערונג, פֿון עקסטאַז. די אַפּלאָדיסמענטן נאָך יעדן נומער זײַנען פּשוט געװען װילדע און די קינדער האָט מען פּשוט געכאַפּט, געדריקט צום האַרצן, געקושט און אַ סך מתנות זײ געשענקט. קענט איר באַגרײַפֿן דאָס גליק פֿון די גאָט פֿאַרגעסענע קינדער און פֿון זײערע דערנידעריקטע און באַלײדיקטע מוטערס און פֿאָטערס? (װעלכע, פֿאַרשטײט זיך, זײַנען אַרײַנגעלאָזן געװאָרן פֿרײַ, אַלס אונדזערע בכבודיקע געסט).

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער שטאָט נעסװיזש האָבן זיך אַלע קלאַסן ייִדן פֿאַרזאַמלט אין דעם גרױסן פּריצישן זאַל אױף אַ מאָדערנער ייִדישער אונטערנעמונג, אױף װעלכער עס איז גערעדט געװאָרן, געזונגען, דעקלאַמירט, פֿאָרגעלײענט און פֿאָרגעשטעלט געװאָרן אין אונדזער מוטער־שפּראַך, אין אַ רײנעם, שײנעם, ליטעראַרישן ייִדיש. און דורך װעמען? דורך די אָרעמסטע קינדער, װעמען זײ אַלײן קענען און װײסן, אַלס די פֿון גאָט פֿאַרגעסענע, פֿון גאָט פֿאַרשטױסענע.

פֿאַרשטײט זיך, אַז מיר, די לערער, זײַנען געװען אױפֿן זיבעטן הימל

פון דעם אומבאַשרייבלעכן דערפאָלג און דעם דערפאָלג פון די קינדער, וועלכע האָבן דאַן אַן צווייפל דורכגעלעבט דעם גליקלעכסטן מאָמענט אין זייער לעבן. און אונדזער שול איז דאַן באַליבט געוואָרן אין אונדזער שטאָט און געקראָגן אַ נאָמען אַלס איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין שטאָט און די אַנערקענונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו דער פאָרשטייער פון די ציוניסטן יאקאוו אווינאוויצקי איז אין אַ קורצע צייט שפּעטער געקומען צו אונדז אין שול און אַריינגעשריבן זיין לויב געזאַנג אין אונדזער קלאַסן זשורנאַל.

און דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס פאַראַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער לעבן שפּילט די יידישע שפּראַך, וויפל גליק, שוין נישט רייִדנדיק וועגן נוצן, עס קאָן אונדז געבן די דערציונג אין יידיש, און איך בין מיט מיין יידיש נאָך פעסטער, נאָך שטאָלצער געוואָרן. (פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז געווען מיט 47 יאָר צוריק, ווען קיינער האָט וועגן דעם אַפילו נישט געטראַכט). און דאָס האָט מיר געגעבן מוט אויף דעם ערשטן גרינדונגס צוזאַמענפאָר פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן אין באָסטאָן אין 1906 אַרויסטרעטן מיטלשולן און העברעע שולן, די דעלעגאַטן האָבן מיר דאַן אָנגעקוקט, ווי מיט אַ רעדע וועגן גרינדן דאָ אין אַמעריקע יידישע וועלטלעכע פאָלקס שולן, אויף אַ גרויסן פאַנטאַזיאָר.

נאָכן אָוונט איז די שול געוואָרן אויף אַזוי פיל פּראָמינענט אין שטאָט, אַז אונדזערע קעגנער, די פריידיקער פון דערציען אונדזערע קינדער אין רוסיש אָדער העברעיש האָבן נישט געוואָגט צו באַקעמפן די יידישע שול. אַפילו די פרומע יידן, וואָס זיינען געווען קעגן דער שול צוליב איר וועלטלעכקייט און פאַר וואָס מען לערנט נישט מיט די קינדער די יידישע רעליגיע האָבן איינגעזען, אַז זי איז דאָך דורך און דורך נאַציאָנאַל־יידישלעך, און אויפגעהערט אונטערצומורמלען אויף „די קלאַסן". אַ סך פון אונדזער רוסיש־העברעישער אינטעליגענץ האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער אַרבעט און אונדז שטאַרק אַרויסגעהאָלפן.

די באַציונגען פון די קינדער צו די לערער און פון די לערער צו די קינדער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע וואַרעמע, חברישע. די קינדער האָבן אַרויפגעקוקט אויף די לערער ווי אויף געטער. זיי, די נגידישע יונגע לייט און מיידלעך, זיינען זייערע לערער און גיבן זיך אַזוי פיל אָפּ מיט זיי. און די לערערינס ריידן מיט זיי, פאַרברענגען מיט זיי ווי גלייכע מיט גלייכע. נאָך מער די לערערינס פאַסן אויף, אַז זיי זאָלן האָבן ריינע זאַכן, און אַז זיי פעלט עפּעס אויס, קריגן דאָס די לערערינס פאַר זיי. די לערער האָבן זייער ליב געהאַט די קינדער. מיר געדענקט זיך, אַז נאָכן לערנען פלעגן

מיר, די לערער אָפט בלייבן אין קלאַס, ווען אַלע קינדער פלעגן שוין אַוועקגיין און מיר פלעגןריידן וועגן אונדזערע קינדער, יעדער לערער וועגן די קינדער פון זיין קלאַס. און גערעדט האָט מען מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, וואַרעמקייט, אַז צייטנווייז בין איך געווען זייער גערירט פון דעם. און פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך בין געווען מיט דער שול, איז נישט געווען קיין איין פאַל, מען זאָל אַרויסשיקן אַ קינד פון שול פאַר נישט מאַכן די לעקציעס אָדער פאַר נישט גוט האַלטן זיך.

די לערער האָבן געאַרבעט מיט אַ זעלטענער ליבע און איבערגעגעבנהייט און די קינדער האָבן טאַקע אַ גרויסע פעולה געהאַט. אויסערן לערנען פלעג איך מיט די קינדער אָפט פאַרברענגען נישט אין שול, נאָר אין אַ פריוואַטער גרויסער הויז, אין אַ הויז, וואָס האָט געקענט אַריינעמען אַ 50־60 קינדער און דאָן פלעג איך פירן געשפּרעכן מיט די קינדער אויף וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַלע טעמעס. שבת איז געווען אונדזער פרייער טאָג. פלעג איך דעם טאָג אויסנוצן אויף זינגען אָדער געשפּרעכן. גערעדט האָב איך מיט די קינדער וועגן אָרים און רייך, אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, וועגן יידישע יום טובים, וועגן פייער, וואַסער, בליצן, דונערן, חיות, בהמות, פייגלען, שלאַנגען, פיש, וועגן אַנדערע לענדער און אַנדערע פעלקער, וועגן לעבעדיקע און נישט לעבעדיקע וועזנס און אַנד. וווּנדערבאַר, ווי די קינדער פלעגן דאָס אויפנעמען און מיטן גרעסטן אינטערעס זיך צוהערן.

מיר געדענקט זיך נאָך איצט אַ בילד: שבת אַ זייגער צוויי נאָך מיטאָג. דאָס מאָל איז אונדזער געשפּרעך וועגן דעם אויסזען פון דער ערד. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט אַלע טרעפן ביי אַ סטאָליער. די שטוב איז צוגעראַמט, צוגעפּוצט. דער שבת פילט זיך אין אַלע ווינקעלעך. די טישן און וואַרשטאַטן צוגעדעקט מיט ליילעכער און טישטוכער, אויפן גרויסן טיש, לייכטער מיט פון נעכטן אויסגעברענטע ליכט. פאַר מיר איז שוין אָנגעגרייט אַ שטול, פאַר אַ טייל קינדער — בענק און אַנדערע וועלן מוזן זיצן אויף דעם דיל. עס איז אַ הייסער זומער טאָג. אין שטוב איז שטיקנדי. דער עולם שוויצט. איך מאַך אַ פאַרשלאָג צו האָבן דעם געשפּרעך אין הויף. די קינדער נעמען אים מיט צופרידנהייט אָן. מען טראָגט אַרויס פאַר מיר דעם טיש מיטן שטול. מען דערלאַנגט פאַר מיר אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקל באַבקע. איך זיץ שוין און די קינדער: ווער אויף ברושעס, ווער אויף ברעטער און ווער אויף הוילער ערד. און אונטערן אָפענעם הימל דערצייל איך זיי וועגן דער קיילעכדיקייט פון אונדזער ערד, וועגן די פינף טיילן פון אונדזער ערד, וועגן בערג, טאָלן, ימים־טייכן, אָקעאַנען, אַ הייליקע שטילקייט. עס קומען צו טאַטעס, מאַמעס און גלאַט יידן און יידענעס. אַלעמענס אויגן געווענדעט צו מיר, די מיילער אָפן. יעדערער האָט מורא אַ ריר טאָן זיך, כדי די הייליקע

שטילקייט נישט צו שטערן. און דאָס, וואָס איך דערצייל, איז פּלאי־פּלאים. און ווען איך האָב געענדיקט, האָבן זיך אַלע ווי פון אַ שלאָף אויפגעכאַפּט.

איך האָב אין דער שול געאַרבעט אַן אַכט חדשים. פאַר דער צייט האָבן זיך אייניקע לערער געביטן. אַ טייל פון די לערער זיינען אויך געווען פּאָליטישע טוער. כאָטש אַלע האָבן געוווּסט פון דער שול, אויך די פּאָליציי, איז דאָך די שול געווען אַן אומלעגאַלע, ווייל מיר האָבן נישט אַרויסגענומען קיין דערלויבניש ביי דער מאַכט די שול צו עפענען. אין יענער צייט זיינען פאָרגעקומען עטלעכע סטרייקס אין שטאָט, מען האָט אַרעסטירט אַ יידישן סאָלדאַט אין דער קאַזאַרמע פאַר לייענען טריפענע ליטעראַטור. די מאַכט האָט אויסגעפונען, אַז אין די אומרוען בין איך שולדיק. און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב געמוזט אַנטלויפן פון שטאָט. איך האָב אין אַ שיינעם פרימאָרגן געקראָגן צו וויסן, אַז אין גאַראַדייע (די נאָענסטע באַן סטאַנציע פון אונדז) זיינען אָנגעקומען אייניקע זשאַנדאַרן פון מינסק, וועלכע פאָרן קיין ניעסוויזש מיך אַרעסטירן.

דאָס זעגענען זיך מיט די קינדער איז געווען זייער רירנד. איך וועל עס אויף מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. גלייך ווי איך האָב דערהאַלטן די טעלעגראַמע האָב איך געבעטן אַ פּאָר קינדער פון דער שול, זיי זאָלן צענויפרופן אַלע „מיינע“ קינדער אין דער שניידערשער שול, אַז איך וויל זיך מיט זיי זעגענען. אין אַ האַלבע שעה צייט זיינען שוין אַלע קינדער דאָרט געווען פאַרזאַמלט. און ווען איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך מוז פאַרלאָזן ניעסוויזש און טאַקע באַלד, האָט אויסגעבראָכן אַזאַ געוויין, אַז ביי מיר אַליין האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און איך האָב ווייטער נישט געקענט ריידן... די קינדער האָבן מיך אַרומגערינגלט מיט אַ וויינענדיקן געבעט:

— טאַטע, פאַרלאָז אונדז נישט. זיי האָבן מיר צוגעהאַלטן פאַרן רעקל, פאַר די הויזן. אַזוי ווי זיי וואָלטן מיך וועלן פאַרהאַלטן, איך זאָל נישט פאָרן. איך האָב ווייטער שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. איך בין געוואָרן היסטעריש, אין האַרצן האָט מיר אָנגעהייבן שטאַרק קלאַפּן, אין האַלדז האָט מיר אָנגעהייבן ווערגן און מיט די לעצטע כוחות און מיט טרערן אין די אויגן האָב איך אויסגעשריען: „זייט געזונט, קינדער! זייט גוטע מענטשן!“ און בין אַרויסגעלאָפן פון שול, זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, וועלכער האָט שוין אויף מיר געוואַרט און געזאָגט דעם באַלעגאָלע ער זאָל מיר פירן אין סטויבץ אַ קליין שטעטל אַ פּאָר צענדלק וויאָרסט פון מיין שטאָט. אויפן וועג האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב זיך נישט געזעגנט מיט מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער. מיינע עלטערן האָב איך שוין מער קיינמאָל אויף מיין לעבן נישט געזען.

אין אייניקע חדשים שפּעטער האָב איך, שוין זייענדיק אין וואַרשע, גע־קראָגן פון איינעם פון די לערער — משה איזראַיל אַ בריוו, אַז די פּאָליציי האָט די שול צוגעמאַכט, קאָנפיסקירנדיק דעם גאַנצן שול אינווענטאַר. פון דער שול איז גאָרנישט פאַרבליבן און דאָס איז אַ גרויסער שאָדן פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן וועלטלעכן שולוועזן, ביי מיר איז בלויז פאַרבליבן אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון די לערער מיט די קינדער אַרונטערגענומען נישט לאַנג פאַר מיין פאַרלאָזן ניעסוויזש.

נאָך דער פאַרמאַכונג פון דער שול זיינען געמאַכט געוואָרן אייניקע פּרווון פון דער ניעסוויזשער אינטעליגענץ צו עפענען ווידער אַזאַ שול, נאָר אָן דערפאָלג. די פּאָליציי פלעגט עס דערשמעקן און פאַרמאַכן.

ערשט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן זיי דאָרט געעפנט אַ יידישע פאָלקס־שול, וועלכע האָט זיך פאַרבונדן מיט דער ציש"אָ, זי איז פאַר־מאַכט געוואָרן פון היטלערס באַנדעס, ווען זיי האָבן די שטאָט איינגענומען און אויסגעהרגעט אַלע נעסוויזשער יידן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די נעסוויזשער יידן האָבן אַרויסגעוויזן היטלערס בעסטיעס און סאַדיסטן אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן ווידערשטאַנד.

נעסוויזשער יידישע שול. געגרינדעט אין יאָר 1900

קאַפּיטל 20.

מיין געזעלשאַפטלעך סאָציאַליסטישע אַרבעט אין ניעסוויזש

מיין חבר, דער פּ. פּ. ס. יעקב מאַכטיי, וואָס האָט געגרינדעט די אַר־בעטער גרופּן, כדי זיי צו באַקענען מיט די עלעמענטאַרע באַגריפן פון פּאָ־ליטישער עקאָנאָמיע, קלאַסן־קאַמף, סאָציאַליזם, אויך פּשוט לערנען זיי לייענען און שרייבן האָט אין גיכן נאָך מיין קומען אין ניעסוויזש געמוזט פאַר־לאָזן זיין היים שטאָט, און ער האָט מיר איבערגעגעבן זיין גרופּע. איך האָב די אַרבעט איבערגענומען מיט גרויס פאַרגעניגן.

אין ניעסוויזש האָט זיך שטענדיק געפונען אַ פּאָלק סאָלדאַטן און צווישן זיי זיינען געווען אַ פּאָר צענדליק יידן. מיט איינִיקע פון זיי בין איך געווען באַפריינדעט און איך האָב געגרינדעט אויך אַ מיליטערישע גרופּע פון יידי־שע סאָלדאַטן, כדי זיי באַקאַנען מיט די גרונט פּרינציפּן פון מאַרקסיזם.

איינמאָל, געדענקט זיך מיר, האָב איך פאַר דיביידע גרופּעס געהאַלטן אַ פאָרטראָג שבת בייטאָג אין וואַלד. די טעמע איז געווען: די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. איך האָב דאַן די יידישע שפּראַך נישט גענוג באַהערשט. מיין גאַנצע מאָדערנע בילדונג האָב איך געקראָגן אויסשליסלעך אין רוסיש. גע־לייענט האָב איך דאַמאָלסט כמעט אויסשליסלעך רוסישע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען. אין מיין ריידן האָב איך באַנוצט אַ סך מאָל רוסישע ווערטער און טערמינען. און אין אַזאַ ערנסטע לעקציע האָב איך באַנוצט נאָך מער רוסישע ווערטער. דער סוף פון דער לעקציע איז געווען אַ קלאָגעדיקער, נישט איך און נישט די אַרבעטער זיינען געווען צופרידן, און גייענדיק פון דער לעקציע האָב איך געטראַכט: מען דאַרף זיך אַ נעם טאָן צו דער יידישער שפּראַך, און איר בעסער קענען ריידן און די הויכע רוסישע ווערטער פאַר־יידישן.

פאַרבונדן אין מיין סאָציאַליסטישער אַרבעט האָב איך זיך מיט קיינעם נישט. מיר זיינער נישט צוגעשטאַנען צו קיין שום פּאַרטיי און פון קיינעם קיין אינסטרוקציעס האָב איך נישט גענומען. נאָר גוטע באַקאַנטשאַפטן מיט די יידישע סאָציאַליסטן אין די אַרומיקע שטעטלעך האָב איך יאָ געהאַט. און

מיר פלעגן זיך טרעפן אין די שטעטלעך, ווו מיר פלעגן פון פריער אָפּמאַכן צו טרעפן זיך. אַזוי פלעג איך פאָרן אין קאָפּוליע. דאָרטן זיינען דאָן געווען דראַגונסקי פון האָמעל, זיין לאַנדסמאַן בראַכיס, מיין לאַנדסמאַן אַלטער ווינער, אַ באַדייטנדע יידיש סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און איניקע קריסט־לעכע סאָציאַליסטן, וועמעס נאָמען איך געדענק שוין נישט.

אויף דער סטאַנציע גאָראָדייע האָט זיך דאָן געפונען שאַפּראַנאָוויטש — דער זיידע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אונדזער געגנט. ער האָט נאָך געאַרבעט אין די צייטן פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", געזעסן אין די פאַרשיידנסטע טורמעס אין רוסלאַנד און מיר, די יונגע, האָבן אויף אים אַרויפגעקוקט ווי אויף אַ הייליקן. ער האָט שוין יאָ געהאַט פאַרבינדונגען מיט די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און מיטן יידישן „בונד" און יעדן מאָל, נאָך אונדזער ראַנדעוואו פלעג איך קומען אין ניעסוויזש מיט גרויסע פּעק ביכלעך, זשורנאַלן, בראָשורן. און ביי מיינע אַרבעטער איז דאָס געווען אַ גרויסער יום טוב. יעדערער האָט געקראָגן וואָס צו לייענען. מיינע סאָל־דאַטן פלעגן אויך קריגן, אָבער זיי פלעגן נעמען אויסשליסלעך די רוסישע אויסגאַבן. כאָטש איך האָב אַלעמען אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן דאָס לייענען באַ־האַלטענערהייט, אַז קיינער זאָל דאָס נישט זען און קיינער זאָל פון דעם נישט וויסן, דאָך האָט זעלטן ווער אויסגעהאַלטן די קאָנספּיראַציע, און איינמאָל האָט אונדז געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. מיין באַליבטסטער סאָלדאַט שלמה בערקאָוויטש, אַליין פון ערגעץ פון מאָהליוועוער גובערניע, איז געלעגן אויסגע־צויגן אין ראָטע אויף זיין בעטל און געלייענט די „איסקרא". פּלעכאַנאָווס און לענינס צו יענער צייט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּעריאָדישע אויסגאַבע און עס דאַרף זיך מאַכן, אַז אַן אָפיצער איז אַריין אין זיין נישט געוויינלע־כער צייט און דערזעענדיק, אַז אַ סאָלדאַט ליגט און לייענט עפּעס אַ צייטונג, איז צוגעגאַנגען און אַרויסגענומען די צייטונג, כדי זען, וואָס אַזוינס זיינער אַ סאָלדאַט לייענט. דעם אָפיצער איז גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז דער סאָל־דאַט לייענט פאַרווערטע ליטעראַטור, דער אָפיצער האָט גענומען לייענען די צייטונג, און ער אַליין האָט זיך דערשראָקן פאַר די ערשטע פּאָר שורות, וואָס ער האָט דורכגעלייענט. און דאָ האָט ער דערזען אַז די צייטונג איז די אויס־גאַבע פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, איז אים פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן און ער האָט דעם סאָלדאַט אַרעסטירט. גלייך האָבן מיר אַנדערע סאָלדאַטן וועגן דעם איבערגעגעבן. פאַר מיר איז דאָס געווען איינער פון די שטאַרקסטע קלעפּ. פּשוט אַ קאַטאַסטראָפע. אויסער דעם האָב איך זיך געפילט שטאַרק שולדיק אין דעם אַרעסט. ווען איך גיב אים נישט די „איסקרא" וואָלט ער דאָך נישט אַריינגעפאַלן. און דאָ האָבן זיך פאַר־

שפּרייט קלאַנגען, אַז מען גיט אים איבער צו אַ מיליטערישן משפּט, און מעג־לעך, אַז מען וועט אים פאַרמשפּטן צום טויט. איך האָב זיך אין גאַנצן פאַר־לאָרן. דאָך האָב איך גענומען אַרבעטן איבער פּלענער, ווי אַזוי אים צו באַפרייען.

אין אַ צוויי טעג נאָכן אַרעסט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אָפיצער, וואָס האָט אים אַרעסטירט, איז שטאַרק פאַרליבט אין דעם אַקציזניקס טאָכ־טער. האָב איך באַשלאָסן דורך איר אָנהייבן צו אַרבעטן פאַר שלמהס באַפריי־אונג. כאָטש איך האָב איר נישט געקאָנט פּערזענלעך, האָב איך דורך אַ בריוועלע איר געבעטן צו טרעפן זיך מיט מיר אין אַ באַשטימטער צייט אויף אַ באַשטימטן אָרט. געוווּסט האָב איך פון איר, אַז זי איז אַ ליבעראַלע מיידל. לערנט זיך ערגעץ אויף די העכערע קורסן און אַז מען קען זיך אויף איר פאַרלאָזן. גלייך ווי מיר האָבן זיך געטראָפן האָב איך איר דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז ער איז אַבסאָלוט ניט שולדיק, דער שולדיקער איז דער, וואָס האָט אים געבראַכט די ליטעראַטור פון אַן אַנדער שטאָט און אים דאָס געגעבן לייענען. איך, אַלס זיין נאָענטסטער פריינד, בין אויפן העכסטן גראַד פאַראינטערעסירט אַז מען זאָל אים באַפרייען פון דער מיליטערישער טורמע. איך האָב געהערט, אַז זי איז באַפריינדעט מיט זיין אָפיצער, און מעגלעך דורך אים קען זי אויס־ווירקן זיין באַפרייאונג. זי האָט מיר צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ מעגלעך אין דער ריכטונג, נאָר פריער מוז זי דערגיין די איינצלהייטן פונם אַרעסט און צו האָט מען וועגן דעם שוין איבערגעגעבן דער העכערער מאַכט. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט טרעפן אין אַ פּאָר טעג שפּעטער און זי וועט מיר איבערגעבן, ווי עס האַלט מיט זיין פּראָצעס. צו דער באַשטימטער צייט האָט זי מיר איבערגע־געבן, אונדזער קליענט זיצט אין טורמע, צו דער העכערער מאַכט איז דאָס דערווייל נישט געגאַנגען. דער אָפיצער, וועמען עס פאַרדריסט די גאַנצע מעשה מיטן אַרעסט, האָט איר צוגעזאָגט אַרבעטן אין דער ריכטונג, אַז מען זאָל קיין פּראָצעס קעגן דעם אַרעסטירטן סאָלדאַט נישט פאַרפירן און אים באַפרייען.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער סאָלדאַט האָט זיך געוואָלט הענגען. די נייעס האָט שוין מיר גאָר משוגע געמאַכט און איך האָב דורכגעמאַכט עטלעכע טעג אין טויט שרעק. איך בין ווידער געלאָפן צו דער מיידל, וועלכע האָט מיר געזאָגט אַז אין עטלעכע טעג וועט מען אים באַפרייען. מיר האָט זיך דאָן איינגעגעבן, אַז איינער פון די סאָלדאַטן, וואָס היטן די אַרעסטאַנטן, זאָל אים איבערגעבן פון מיר אַ צעטעלע, אַז ס'איז נישט אַזוי שרעקלעך, אַז מיר אַרבעטן פאַר זיין באַפרייאונג און דערוואַרטן אין גיכן גוטע רעזולטאַטן.

דער סוף איז געווען, אַז די קאָמאַנדירן פון פּאָלק האָבן אַליין צעריבן

דעם פּראָצעס אויס מורא פאַר די הויכע באַאַמטע, וועלכע, דערוויסנדיק זיך פונעם אַרעסט, וועלן קוקן קרום אויפן פאָלק, דערפאַר וואָס דורך זיין נאָכלעסיקייט איז דערמעגלעכט געוואָרן, אַז צווישן די סאָלדאַטן זאָל זיך געפינען אַ „פּאָליטישער פאַרברעכער". מען האָט אים באַפרייט און אַוועקגעשיקט אין אַן אַנדער פאָלק, אין אַן אַנדער שטאָט. איך האָב אַפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט אים צו זען פאַר זיין אַוועקפאָר.

איך בין פאַרבליבן פאַרזעצן מיין סאָציאַליסטישע אַרבעט. איך האָב געגרינדעט אַ גרופּע פון מיידלעך אַרבעטאַרינס. איך האָב זיי געלערנט שרייבן און אַנדערע אפילו לייענען יידיש. איך האָב פאַר זיי געלייענט מעשיות מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט און דערנאָך געשמועסט וועגן דאָס איבערגעלייענטע. די מער אַנטוויקלטע און פאַרשטענדלעכע פלעג איך געבן ביכלעך אַהיים, דערקלערנדיק אין פאָרויס וועגן די געפאַרן וואָס לויערן אויף זיי, אויב מען וועט זיי כאַפּן ביים לייענען. די מעשה וועגן דעם ערשטן אַרעסט אין ניעסוויזש האָבן אַלע אין שטאָט געוווסט און זיי האָבן מיך באַשולדיקט אין דעם און אַ סך עלטערן האָבן פאַרזאָגט זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך נישט טרעפן מיט מיר און נישט ריידן מיט מיר, ווייל מען וועט זיי גלייך אַרעסטירן. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף די באַלעבאַטישע קינדער, אָבער נישט אויף די אַרבעטער און אַרבעטאַרינס, וועלכע האָבן מאַגנעטיש צו מיר געצויגן. און אָט האָט ווי אַ דונער געטראָפן די נייעס, אַז ביי זלמן דעם שניידער קומט פאָר אַ „זאַבאַסטאָווקע" (אַ סטרייק). די אַרבעטער האָבן פאַרלאָזן די אַרבעט און פאָדערן אַ גרעסערן געהאַלט און ווייניקער שטונדן. דערנאָך איז געקומען נאָך אַן ערגערע נייעס, אַז זלמן האָט אַראָפּגעבראַכט פון אַן אַנדער שטאָט אַנדערע אַרבעטער, אַז די „זאַבאַסטאָווטשיקעס" האָבן די נייע אָנגעקומענע אַרבעטער באַגעגנט אונטערן שטאָט, מיט זיי אַ סך גערעדט און די נייע זיינען גלייך אַוועקגעפאָרן צוריק און ווען דער שניידער האָט די „זאַבאַסטאָווטשיקעס" געזידלט, געשאָלטן, געסטראַשעט, האָבן די אַרבעטער אים גוט אָנגעשלאָגן און מיט אַ האַרבן וואָרט אים אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך ווענדן צו דער פּאָליציי, מעג ער זיך זעגענען מיט זיין לעבן. דער סוף איז געווען, אַז אין גיכן איז זלמן „דער קאַפּיטאַליסט" איינגעגאַנגען אויף די אַלע באַדינגונגען און די אַרבעטער האָבן זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט.

דאָס מאָל בין איך שוין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב דורכגעפירט דעם ערשטן סטרייק ביי אונדז אין שטאָט און דער סטרייק איז געווונען געוואָרן. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז פאַרגרעסערט געוואָרן, זי האָט

געוווּנען דעם רעספּעקט פון די אָרעמע איינוווינער, פון די קליינע הייזלעך און די שמאָלע געסלעך פון אונדזער „ניי שטעטל״.

אין מיין העכערער גרופּע שוין פון די „קלאַסן באַוווּסטזיניקע״ איז געווען איינער אַ שניידער. איך געדענק שוין נישט זיין נאָמען. ער איז געווען אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַכער, פלעגט אָפּט שפּייען מיט בלוט. (היינט פאַרשטיי איך, אַז ער איז געווען קראַנק אויף טובערקולאָז) איז ער אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט און איז געשטאָרבן. האָבן מיר באַשלאָסן צו געבן אים אַן אַרבעטער לויה. און מיר האָבן אונדזער באַשלוס דורכגע־פירט. גלייך נאָכדעם, ווי די כלי קודש איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט און אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, זיינען מיר, אַ גרופּע פון עטלעכע און צוואַנציק, פאַרבליבן לעבן דעם ערשט פאַרשאָטענעם קבר און איך האָב גערעדט וועגן דעם קרבן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און די חברה האָט דערנאָך געזונגען פּאַסיקע אַרבעטער לידער. אָט די לויה האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אויף די אַרבעטער, אַז לאַנג לאַנג נאָך דעם, כמעט ביי יעדער צוזאַמענטרעפונג, האָבן זיי גערעדט וועגן איר. און אין יאָרן שפּעטער, שוין אין אַמעריקע, האָט מיר איינער פון דער גרופּע, וואָס האָט בייגעלעבט די לויה, מיט באַגייסטערונג איבערגעגעבן דעם איינדרוק, וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט.

די אַרבעט איז מיר געווען ליב און טייער און הייליק און וואָס מער איך בין געווען טעטיק האָט מיר אַלץ מער און מער געעגבערט אין מוח, אַז ס׳איז עפּעס נישט דאָס. און וואָס מער איך האָב געלייענט וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָב איך אַלץ מער און מער אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז די יידישע אַרבעטער זיינען נישט ענלעך צו די ענגלישע, אַז די יידישע ווערקשטאָטן קען מען נישט צוגלייכן צו די ענגלישע גרויסע פאַבריקן און אַז די יידישע „קאַפּיטאַליסטן״, וועל־כע האָבן אַליין נישט אַמאָל „אויף שבת״ זיינען זייער ווייט פון די ענגלישע מאַגנאַטן, אַז אונדזער יידישער אַרבעטער קלאַס איז נישט קיין אַרבעטער קלאַס אין אייראָפּעישן זינען פון וואָרט, אַז אונדזער קלאַסן קאַמף איז אַן אומבאַדייטנדער און נישט ווירקזאַמער און וועט נישט דערפירן די וועלט צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין קאָפּ האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן אַפּי־קורסישע געדאַנקען, וועלכע איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געקענט סיס־טעמאַטיזירן. און ריידן וועגן דעם האָבן איך קיין מוט נישט געהאַט און טיילן זיך מיט מיינע נייע געדאַנקען האָב איך נישט געהאַט מיט וועמען. און גראַד דעמאָלסט איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט דער ערשטער נומער „וואָזראַזשדיעניע״, מיט אַרטיקלען פון בן אהוד, באַזין, בן אדיר

און אַנדערע. דער נומער האָט געברענט מיט ליבע צום יידישן פאָלק, האָט אויפגעהויבן זייער הויך די פאָן פון יידישן נאַציאָנאַליזם און האָט געשטרעבט צו דערווייזן, אַז צווישן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם איז ניטאָ קיין ווידערשפרוך און אַז די יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פראַגן קענען פאַרענטפערט ווערן טעריטאָריעל. אויך אין גלות קענען מיר אַ סך אויפטאָן, שאַפנדיק די אָרגאַנען פאַר נאַציאָנאַל קולטורעלער אַנטוויקלונג.

פאַר יענער צייט איז דאָס פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג. איך האָב אַזוי פיל מאָל געלייענט די „וואָזראַזשדיעניע", אַז איך האָב אים געקענט אויף אויסנווייניק. קיין אַרבעטער ביכל, קיין סאָציאַליסטיש בוך האָט נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ טיפן איינדרוק, ווי די „וואָזראַזשדיעניע". איך האָב ליב געהאַט צו לייענען קאָוטסקען, אָטאָ באָוערן, אָבער איך בין פון זייערע ביכער קיין מאָל נישט געווען אַזוי באַגייסטערט ווי פון דעם יידישן זשורנאַל. און דער איינדרוק איז ביי מיר פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש איך האָב זיך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט אידענטיפיצירט גייסטיק מיט דער גרופּע, וואָס האָט דעם זשורנאַל אַרויסגעגעבן.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען דער מינסקער צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציוניסטן. און כאָטש איך בין דאַן שוין געווען ציוניסטיש געשטימט, האָט זיך מיר זייער שטאַרק געוואָלט בייזיין דעם צוזאַמענפאָר, כאָטש ווי אַ גאַסט, אַז איך האָב זיך דאַן מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן נישט צו פאָרן אַהין. און מיט וואָס פאַראַ אינטערעס איך האָב דאַן געלייענט אין די רוסיש־יידישע אויסגאַבן וועגן דעם אַלעם, וואָס עס איז אויף דעם צוזאַמענפאָר פאָרגעקומען און געהערט די באַריכטן פון די, וואָס זיינען געווען אויפן צוזאַמענפאָר. טיף אין האַרצן האָב איך סימפּאַטיזירט מיטן ציוניזם, כאָטש איך האָב נישט געהאַלטן, אַז מירן אים פאַרווירקלעכן.

אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך פאַרלאָזן ניעסוויזש און בין קאָנספּיראַטיוו אָנגעקומען אין סטויבץ' ווו איך האָב געהאַט אַ סך פריינט און באַקאַנטע.

קאַפּיטל 21

אין מיין געבורטשטעטל קאַפּוליע

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ניעסוויזש איז מיר אָפט אויסגעקומען פאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך. מיר פלעגן זיך אָפט טיילן מיט דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, אָדער מען פלעגט מיך איינלאַדן צו „ליאַמעס", אָדער צו אַ סאָציאַליסטישן יום טוב, אָדער פשוט מיך איינ־לאַדן צו גאַסט. אַזוי אַרום בין איך געווען אין טימקאָוויטש, קלעצק, גאָ־ראָדייע, סטויבץ און אין מיין געבורטשטעטל קאַפּולע, וועלכע האָט מיך אינטערעסירט מער פון די אַנדערע שטעטלעך, דערפאַר, מעגלעך, ווייל מיין טאַטע און מיין מאַמע האָבן אַלעמאָל גערעדט וועגן דער שטעטל און אירע איינוווינער, וועגן זייערע קאַפּולער קרובים, וועגן זייערע קאַפּוליער פריינט, חברים, חברטעס און באַקאַנטע. מיין מאַמע האָט פאַרמאָגט אַ גרוי־סע דאָזע פון הומאָר און נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז מיר פלעגן גאַנצע נעכט אָפּלאַכן פון אירע טשיקאַווע מעשות פון קאַפּוליער לעבן.

און מיר געדענקט זיך ווי היינט מיין ערשטע רייזע אַהין. געפאָרן אַהין בין איך אין אויפטראָג פון מיינע גרופּעס אַרבעטער און סאָלדאַטן, נעמען ביי זיי אומלעגאַלע ליטעראַטור פאַר ניעסוויזש. די רייזע אַהין איז געווען זייער נישט קיין באַקוועמע. דער גאַנצער וועג איז אויסגעפּילט מיט בערג, טאָלן, גריבער און טיפע זאַמדן, די געוויינלעכע וועגן פון אונדזער ווייסרוסלאַנד. קיין באַנען לויפן נישט אין דער געגנט. האָב איך זיך גע־מוזט שלעפּן מיט דער פור, אָנגעפּאַקט מיט אַ סך יידישע פּאַסאַזשירן. געגנעכטיקט האָבן מיר אין טימקאָוויטש און אויף מאָרגן, נאָך אַ האַלבן טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין קאַפּוליע. צוליב קאָנספּיראַציע בין איך נישט פאַרפאָרן צו מיינע קרובים און אַפילו זיי נישט אָנגעזאָגט, אַז איך געפין זיך דאָרטן, און איך האָב זיי טאַקע די גאַנצע צייט פון מיין וויזיט נישט געזען, נאָר איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע.

קאַפּוליע געפינט זיך אויף אַ באַרג, וועלכער איז באַזעצט פון אונטן און ביי די זייטן מיט ווייסרוסן און מיט טאַטערן און אויפן שפּיץ פון באַרג מיט יידן. די גאַנצע שטעטל איז איינגעטונקט אין ביימער און גרינס. פון

דער ווייטנס מאַכט קאַפּוליע אַ וווּנדערבאַרן איינדרוק. נאָר דער איינדרוק ענדערט זיך צום ערגערן, ווען דו זעסט די באַפעלקערונג אָנגעטאָן אין שמאַטעס, די פינצטערע קליינע הייזער באַדעקט מיט שטרוי אָדער אַלטע שינדלען, קרעמלעך כמעט אָן סחורה, די גאַסן נישט ברוקירט און אַלץ דוכט זיך דיר איז איינגעטונקט אין שמוץ. מען האָט מיר געזאָגט אַז קאַ־פּוליע האָט אַ באַפעלקערונג פון אַ פּאָר טויזנט נפשות.

גלייך ווי איך בין פאַרפאַרן אין קרעטשמע האָב איך געלאָזט וויסן די חברה „באָסיאַקעס” אַז איך בין דאָ און זיי האָבן מיך טאַקע אויפגענומען ווי „באָסיאַקעס”. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געשיכורט עפּעס אין אַ צימער פון אַן אַריינפאָר הויז און פון שנאַפּס צו שנאַפּס האָט מען געהאַלטן פלאַמ־פייערדיקע רעדעס, געזונגען סאָציאַליסטישע לידער און מען האָט זיך געקושט איינע מיט די אַנדערע. צווישן די טרינקער און אפילו רעדנער האָבן זיך געפונען אייניקע קריסטן־מעשטשאַניעס. דאָס איז פאַר מיר גע־ווען גאָר אַ וווּנדער. אין אונדזערע שטעטלעך האָבן די קריסטן אין יענער צייט קיין אָנטייל נישט גענומען אין דער „באַוועגונג”, וועלכע איז געווען קריסטן־ריין. מיינע נייע חברים האָבן מיר דערציילט וועגן זייערע אויפ־טואונגען, וועגן זייערע פריידן און ליידן. און גראָדע האָבן די קאַפּוליער סאָציאַליסטן דאַן איבערגעלעבט אַ שווידערלעכע געשעעניש. עס איז אָנ־געגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף צווישן די סאָציאַליסטן און די ציוניסטן. פון די ציוניסטן איז דער הויפּט־רעדנער געווען בערגער, דוכט זיך מיר ער איז געווען דער העברעישער לערער. אין מיטן פון דעם קאַמף האָט מען אַרעסטירט אַ פּאָר סאָציאַלסיטן. האָט זיך אין שטעטל פונאַנדערגעטראָגן אַ קלאַנג, אַז בערגער האָט זיי געמסרט, אַ זאַך וואָס איז נישט געווען אמת. דאָך האָבן אייניקע אין דעם געגלויבט און אַנדערע זיינען געווען איבער־צייגט אין דעם. האָט איינער ראַמאַן, אַ קאַפּוליער ווייסרוס דערהרגעט בערגערן און איז גלייך אַנטלאָפן אין אַמעריקע. די פּאָליציי האָט אין דעם פאַרדעכטיקט דעם לערער דראַגונסקי, דעם אָנפירער פון די קאַפּוליער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָט אים אַרעסטירט און אָוועקגעפירט אין דער מינסקער געפענגעניש מיט דער באַשולדיקונג אין מאָרד פון בערגערן. אַ לאַנגע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין טורמע. די קאַפּוליער סאָציאַליסטן האָבן דאַן געזאַמלט דורך פאַרשיידענע וועגן גרויסע סומען געלט, אָנגע־שטעלט אַ באַרוסטן אַדוואָקאַט און דער פּראָצעס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס דראַגונסקי איז באַפרייט געוואָרן.

אָבער ווען איך בין דאַן געווען אין קאַפּוליע, האָב איך באַמערקט, אַז מיינע קאַפּוליער חברים האָבן זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם מאָרד

קאָשמאַר. דאָס האָט זיי געפּייניקט ביז די טיפסטע טיפענישן פון זייערע נשמות... זיי האָבן שרעקלעך פון דעם געליטן.

איך האָב באַזוכט די שול זייערע און כאָטש זי איז געווען אַ יידיש־סאָציאַליסטישע, האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די גאַנצע לערע ווערט געפירט אין רוסיש און נישט אין יידיש. און ווען איך האָב זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, האָבן זיי אויף מיר געקוקט, ווי אויף איינעם, וואָס איז אַראָפּ פון גלייכן וועג און ווייס נישט, וואָס ער רעדט...

מיינע נייע חברים האָבן מיך געפירט ווייזן זייער ביבליאָטעק, איינע פון די רייכסטע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען אין אונדזערע געגנטן. ווידער דאָס זעלביקע — אַן איבערפלוס פון רוסישע ביכער, אפילו פון דריטן קלאַס רוסישע שרייבער און גאָר ווייניק יידישע ביכער.

פאַר די דריי, פיר טעג, וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט, האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג און איך בין פשוט געווען דערשטוינט, ווי הויך קולטורעל אין מאָדערנעם זינען עס זיינען די קאַפּולירער אינטעליגענטן. עס איז געווען פאַר מיר אַ גרויס פאַרגעניגן מיט זיי צו פאַרברענגען, מיט זיי ריידן.

קאַפּוליע האָט אַרויסגעגעבן גוטע סאָציאַליסטן, אויך גוטע רבנים, גוטע שרייבער אין יידיש און רוסיש. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז מענדעלע איז אַ קאַפּולירער און אפילו אין זיין צייט האָט קאַפּוליע פאַרמאָגט אַ שיינע יידישע אינטעליגענץ. און דאַן, זייענדיק אין קאַפּוליע, האָט זיך געשאַפן מיין איבערצייגונג, אַז פון אַלע יידישע שטעטלעך אין מיין געגנט זיינען דער מיר און קאַפּוליע די אינטעליגענטסטע. און מאָדנע איז, וואָס די רעגירונג האָט אונדז יידן קולטורעל מיט גאָרנישט אַרויסגעהאָלפן. מיר האָבן אויף די אייגענע מיטלען געמוזט עפענען און אויסהאַלטן אונדזערע קולטורעלע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען נאָך דערצו געווען האַלב אָדער אין גאַנצן אומלעגאַל. די רעגירונג האָט מיט פאַרשיידענע מיטלען אונדז געשטערט אין אונדזער קולטורעלער אַנטוויקלונג. און דאָך זיינען די קאַפּולירער יידן קולטורעל געשטאַנען מיט הונדערט קעפּ העכער פון דער אַרומיקער נישט יידישער באַפעלקערונג.

זייער אַנגענעם איז מיר געווען צו טרעפן זיך מיט אייניקע עלטערע באַלעבאַטים. זיי געדענקען נאָך מיין עלטער־זיידן, מיין זיידן, דעם קאַפּולירער סטאַראָסטע. אויך געדענקען זיי מיין פאָטער און מוטער פון ווען זיי האָבן געהאַט זייער אַ הויכע מיינונג. און דאָרטן האָב איך זיך ערשט דערוווסט, אַז בחורווייז האָט מיין פאָטער דאָרט געהייסן מאָטל. און איך האָב בלויז געוווסט, אַז מען האָט אים גערופן מאַרקוס. אייניקע האָבן מיר אפילו דערציילט מעשיות פון מענדעלעס יוגנט־יאָרן און זיי האָבן מיט

שטאָלץ גערעדט וועגן זייער באַוווסטן לאַנדסמאַן, דעם זיידן פון דער יידי־שער ליטעראַטור.

אינטערעסאַנט האָב איך די דריי, פיר טעג פאַרבראַכט אין קאַפּוליע.

צום סוף האָב איך געקראָגן דאָס, נאָך וואָס איך בין געקומען, אומלעגאַלע ליטעראַטור פון „בונד", סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן און אַלס צוגאָב הונדערט רובל פון דראַגונסקי פאַרטיידיקונגס פאָנד, איך זאָל זיי איבערגעבן אין מינסק פאַרן אַדוואָקאַט און זיך געלאָזן אין וועג אַריין מיט מיין טריפענעם פעקל.

דראַגונסקין אַליין האָב איך געטראָפן מיט 22 יאָר שפּעטער אַלס לערער אין די אַרבעטער רינג שולן. אָבער איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט מיט אים וועגן דער מעשה „בערגער".

קאַפּיטל 22

איך פאָר ווידער קיין וואַרשע

נישט לאַנג האָב איך פאַרבראַכט אין סטויבץ. דערנאָך האָב איך געמאַכט אַ טור איבער אונדזערע קליינע שטעטלעך. פאָרן צוריק אין ניעסוויזש האָב איך מורא געהאַט פאַר אַן אַרעסט. געווען אין נאַראָדזשע, באַראַנאָוויטש, לעכעוויטש, זיך באַקאַנט מיט די אָרטיקע אינטעליגענטן, כּלל־טוער, לערער, געפּריידיקט זיי זאָלן עפענען דאָרט יידישע מאָדערנע שולן און צום סוף האָב איך זיך ווידער אַ לאָז געטאָן קיין וואַרשע. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אין וואַגאָן רויק געשלאָפן. אין בריסק האָב איך ביים וואָקזאַל געקויפט די רוסישע צייטונג „נאָוואָסטי", כ'בין אַריין צוריק אין וואַגאָן און גענומען לייענען די צייטונג. ערשט עס זעצט זיך צו מיר צו אַ שיינער ייד מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען און פרעגט מיך, צי עס איז פאַראַן אין דער צייטונג וועגן דעם פּאָגראָם אויף יידן אין קישענעוו. דער קאָפּ טוט זיך מיר אַ הויב, דאָך קוק איך איבער די אַלע קעפּלעך פון דער צייטונג און זאָג אים, אַז וועגן דעם איז אין ערגעץ נישט באַריכטעט און ווי עס ווייזט אויס איז גאָר נישט געווען קיין פּאָגראָם אין קישענעוו. ער איז איינגעשפּאַרט.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז ס'איז געווען אַ פּאָגראָם? — פרעג איך אים. — ווו האָט איר געהערט וועגן דעם?

— וואָס הייסט, ווו איך האָב געהערט? די גאַנצע באַן איז אויף מיט דעם. אין בריסק זיינען דערהאַלטן געוואָרן אייניקע טעלעגראַמעס וועגן דעם אין אַ פאַרשטעלטער שפּראַך. אויב אין די צייטונגען איז וועגן דעם גאָרנישטאָ איז אַ סימן, אַז די רעגירונג האָט פאַרווערט דאָס צו פאַרעפנטלעכן.

די טרויעריקע נייעס איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. די נייעס האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. מיט אַמאָל איז כמעט אַלץ אָפּגעשטאָרבן, אַלע זיינען טרויעריק און דערשלאָגן געוואָרן. מען האָט אויפגעהערט ריידן, נישט מער ווי קליינע גרופּן האָבן זיך געשושקעט אַזוי שטיל, אַז קיינער האָט זיי נישט געקענט הערן.

מיך פאַרזענלעך האָט די נייעס ווי מיט אַ דונער געטראָפן. אין מיין

שפּעטערדיקן לעבן האָב איך געכאַפּט גענוג קלעפּ, מיך האָבן געטראָפן אויף מיין לעבנס וועג גענוג אומגליקן, אָבער קיינער פון זיי, אויסער היט־לערס פאַרניכטונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, האָב איך נישט דורכ־געלעבט אַזוי שטאַרק און טיף, ווי דעם פּאָגראָם אין קישענעוו. מיין פאַנ־טאַזיע האָט זיך קרענקלעך פונאַנדערגעשפּילט און האָט געמאָלן בילדער איינס שרעקלעכער פון צווייטן. דערנאָך, שוין אין וואַרשע, אַז ס'זיינען שוין אָנגעקומען די צייטונגען מיט די באַשרייבונגען פון דעם פּאָגראָם, ספּעציעל אין דעם „פריינד" און אין „וואָסכאָד", וועלכע האָבן מיט אַלע איינצייליהייטן געשילדערט דעם פּאָגראָם, האָב איך לייענענדיק דאָס, גע־פילט ווי מען וואָלט מיין טאַטן, מיין מאַמען, מיין זיידן און באָבען, מיינע ברידער און שוועסטער געשאָכטן. איך האָב זיך פאַר קיין פאַל נישט גע־קענט באַרויקן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב אויפגעהערט עסן און שלאָפן. איך בין פשוט פון האַרץ ווייטאָק אויף די וועגט געקראָכן. אך האָב זיך דערפּילט באַליידיקט אין מיינע אידעאַלסטע געפילן. דער מענטש איז צום ערשטן מאָל ביי מיר געפאַלן. די מענטשהייט האָט ביי מיר פאַרלאָרן איר פּאָזיטיווע באַדייטונג. איך האָב זיך געשעמט קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ פאַרברעכער. איך האָב זיך געשעמט מיט זיך אַליין, וואָס איך בין דאַן נישט געווען אין קישענעוו און נישט פאַרטיידיקט די יידישע מאָסן. מיר האָט געפּלאָגט, פאַרוואָס מיר האָבן דאָס נישט פאָרויס געזען. מיר האָבן דאָך עס געקענט דערוואַרטן יעדן טאָג פון דער רוסישער מערדערישער רעגירונג. און דאָס איז דאָך אַן אָנהייב. וואָס זשע איז אונדזער אויפגאַבע אויף ווייטער? ווי אַזוי זאָלן מיר יידן רעאַגירן איצט, און ווי אַזוי זאָלן מיר זיך אָרגאַניזירן פאַר דער נאָענטער צוקונפט? און די פראַגן האָבן מיך רוען נישט געלאָזט. מיין קאָפּ האָט געאַרבעט העכסט אָנגעשטרענגט, מיינע געדאַנקען זיינען שווינדלדיק געפלויגן איינער נאָך דעם אַנדערן און האָבן חוזק געמאַכט איי־נער פון דעם צווייטן. איין זאַך האָב איך דאַן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דער וועג אויף וועלכן איך בין ביז אַהער געגאַנגען, איז נישט דער ריכטיקער פאַר אונדז יידן. אַז מיין ווייטערדיקער וועג וועט זיין אַן אַנדערער, אַ שווע־רער, אַ דאָרנדיקער, אָבער גיין וועל איך מיטן נייעם וועג, מיטן שווערערן...

און מיר געדענקט זיך, אַז דאַן, אין דער צייט פון מיינע שוידערלעכע איבערלעבונגען נאָכן קישענעווער פּאָגראָם, האָט איינער אַ בונדאָווע̇ץ מיר דערלאַנגט אַ פּראָקלאַמאַציע פון „בונד", וואָס ס'וועט פאַרשפּרייט ווערן אין טאָג פון ערשטן מאַי. נאָכדעם, ווי איך האָב די פּראָקלאַמאַציע אויפמערקזאַם איבערגעלייענט, האָב איך אים מיט אויפרעגונג געזאָגט, אַז נאָכן פּאָגראָם איז די פּראָקלאַמאַציע צו בלייך. עס איז פשוט אַ פאַרברעכן, אַז די יידישע

אַרבעטער זאָלן כמעט פאַרשווייגן אַזאַ בלוט באָד אויף יידן. די דעמאָנסטראַציע פון יידישע אַרבעטער האָט געדאַרפט טראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער. די פּראָקלאַמאַציעס האָבן געדאַרפט אַנדערש געשריבן ווערן און הויפּטזאַכלעך האָבן זיי געדאַרפט אויסדריקן אונדזער צער און אונדזער פלאַמענדיקן פּראָטעסט קעגן דער רעגירונג פאַרן קישענעווער פּאָגראָם. איך געדענק נישט, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר מיר האָבן אײנע די אַנדערע נישט פאַרשטאַנען און מיר האָבן זיך צעשיידט ווי ווילד פרעמדע...

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען מיך איינגעלאַדן צו אַן אומלעגאַלן מיטינג, אויף וועלכן עפּעס אַ יידישער סטודענט פון קיעוו מיטן פּסעוודאָנים „סאַלאמאַן" וועט ריידן וועגן קישענעווער פּאָגראָם. איך האָב געוווסט, אַז דער מיטינג איז גערופן געוואָרן פונם בונד, דאָך האָב איך געפונען פאַר נויטיק קומען. אַנשטאָט צו ריידן וועגן פּאָגראָם האָט ער געהאַלטן אין האַנט אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס אַ גרופּע ציוניסטישע סטודענטן פון קיעוו האָט אַרויסגעלאָזט וועגן דעם פּאָגראָם. אין דער פּראָקלאַמאַציע האָבן די סטודענטן גערופן די יידישע מאַסן צו זעלבסט פאַרטיידיקונג, צום קאַמף קעגן די כוליגאַנעס און גערופן די יידישע אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך פאַר דעם צוועק.

ער האָט געמאַכט די פּראָקלאַמאַציע צו בלאָטע און אַש. געזידלט די מחברים מיט די שענדלעכסטע נעמען און יעדע רגע אָנגערופן די פּראָקלאַמאַציע „דאָס פּאַסקודנע פּאַפּירל". ער האָט פאַרענדיקט זיין זידל רעדע. איך האָב גענומען דאָס וואָרט. איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז נישט מיט זידלען, דערנידעריקט מען קעגנער. גראַדע איז די פּראָקלאַמאַציע אַן ערנסטע און עס איז כדאי איר ערנסט צו באַטראַכטן. זי קלערט אויף די יידישע מאַסן זייער לאַגע אין דער גאָרער וועלט און ספּעציעל אין רוסלאַנד. זי ווייזט אָן אויף די מיטלען, וועלכע מיר דאַרפן אָננעמען, כדי פּאָגראָמען אויף יידן זאָלן נישט קענען פאָרקומען, צו דער זעלביקער צייט פּראָטעסטירט זי קעגן דער כוליגאַנישער צאַרישער רעגירונג אין וועמעס אינטערעסן די פּאָגראָמען קומען פאָר און באַשולדיקט די רעגירונג אין אָרגאַניזירן די פּאָגראָמען, מיט פראַזן און זידלעריי קען מען נישט היילן אונדזער פאַרווונדעטן קערפּער, אונדזער ווייטאָקדיקע שטימונג. מען מוז זוכן מיטלען, ווי אַזוי אויף פּאָגראָמען צו ענטפערן אַזוי, אַז ביי די כוליגאַנעס זאָל אָפּנעמען דער חשק צו פּאָגראָמירן יידן. אין דעם זין באַגריס איך די פּראָקלאַמאַציע פון דער גרופּע קיעווער סטודענטן.

די פאַרזאַמלטע זיינען געווען אומצופרידן מיט מיין רעדע, דער לעקטאָר האָט געקוקט אויף מיר מיט בייזע אויגן. נישט מער ווי אַ צוויי דריי קורסיסטקעס זיינען געווען איינשטימיק מיט מיר.

אין אַ קורצע צייט שפּעטער בין איך איינגעלאַדן געוואָרן דורך מיינעם אַ חבר, אַ בונדיסט, צו קומען צו עפּעס אַ זיצונג, וווּ מען וועט פֿאַרהאַנדלען וועגן דעם קישענעווער פּאָגראָם. איך בין געקומען צו דער זיצונג. ס׳זיינען געווען אַ זעקס פּערזאָן, צוויי פֿון וועלכע איך האָב גוט געקענט. איינער איז געווען דער, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן און דער צווייטער מיינער אַ לאַנדס־מאַן — אַ סטודענט.

איינער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע וועגן פּאָגראָם און געקומען צום שלוס, אַז כל זמן אין רוסלאַנד וועט עקזיסטירן די זעלבסטהערשאַפֿט, זיינען פּאָגראָמען אומפֿאַרמיידלעך. דעריבער איז אונדזער צוועק מיט אַלע כוחות קעמפֿן קעגן דער זעלבסטהערשאַפֿט.

דאַן בין איך אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע. איך בין פֿולקאָם איינשטי־מיק, אַז מיר מוזן מיט אַלע כוחות קעמפֿן קעגן דער זעלבסטהערשאַפֿט, אָבער מיר מוזן ביי דער איצטיקער לאַגע אונדזערע, אַרויסטרעטן מיט וואָפֿן אין די הענט קעגן די פּאָגראָמטשיקעס און ווי מעגלעך זען דורך אַנדערע מיטלען אַרבעטן, אַז פּאָגראָמען זאָלן נישט פֿאָרקומען. דער בעסטער מיטל דערצו איז זיין באַוואָפֿנט. דאַן האָב איך איבערגעגעבן, וואָס פֿאַרא שאָדן נישט נאָר מאַטעריעלן, אויך אין מענטשן, די פּאָגראָמען ברענגען מיט זיך, נאָר די פּאָגראָמען ווירקן אויך שוידערלעך אויף אונדזער מאָראַל.

איינער פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָט דאַן געזאָגט, אַז איך בין צו סענסיטיוו צו דער יידישער פֿראַגע, אַז איך רייד נישט ווי אַ מאַרקסיסט, נאָר ווי אַ ציוניסט.

דאָס האָט מיך אויף אַזויפֿיל אויפֿגערעגט, אַז איך האָב דאָרט געמאַכט אַ סקאַנדאַל און די באַראַטונג איז איבערגעריסן געוואָרן.

און טאַקע אין גיכן איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע זעלבסטשוץ אין וואַרשע. אין איר זיינען אַריין יידישע סטודענטן, גימנאַזיסטן, עקסטערנס, אַרבעטער און האַנדלס אַנגעשטעלטע. מיר האָבן אָנגעהויבן זאַמלען געלט צווישן דער יידישער בורזשואַזיע, צווישן אונדזערע באַקאַנטע, צווישן די קרעמער אויף נאַוואָליפּקי און גענשע. פֿאַר די געלט האָבן מיר געקויפֿט געווער, מערסטנס אַלטע רעוואָלווערן.

די פּוילישע יוגנט איז צו יענער צייט געווען דוכט זיך מער ווי אַלע מאָל אַנטיסעמיטיש. אָפֿלאַכן, באַליידיקן שלאָגן יידן איז דאַן געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג, און זיי האָט שטאַרק שאָקירט וואָס יידן קומען אין די לאַזענקעס, און שפּאַצירן איבער די אַלייען, קומען אַפֿילו אַריין אין פּאָניאַטאָווסקעס פּאַלאַץ און באַשמוצן מיט זייערע טריט די הייליקייטן פֿון די קרולעווסקע ווינונגען. האָט זיך אַ גרויסער טייל פֿון זיי אָרגאַניזירט, נישט צו דערלאָזן צו אַזאַ חלול השם. און יעדן שבת פֿלעגט מען אונדז דער־

צײלן פון מאַסן געשלאָגענע ײדן, פּרויען, יונגע לײט און מײדלעך, ביז עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז מיר האָבן באַשלאָסן אײנמאָל פאַר אַלע מאָל זײ אָנלערנען. אײן שבת האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסטרעטן. מיר זײנען געקומען מיט שווערע שטעקנס און שטיקער אײזן, מיר האָבן באַשלאָסן צו באַנוצן זיך מיט דעם בלויז אין אַ נויט פאַל. דער רעזערוו אונדזערער איז געזעסן אויף די בענק בײם פּאַלאַץ אין גרופּן צו דרײ צו פיר האָבן זיך אַרויסגע־לאָזן שפּאַצירן איבערן פּאַרק. איך בין געווען אײנער פון די שפּאַצירער. יעדע גרופּע האָט געהאַט אַ פײפל, כדי לאָזן וויסן דעם רעזערוו אין פאַל פון אַ נויט. צו מײן גרופּע זײנען צוגעשטאַנען צוויי קורסיסטקעס. מיר זײנען אַ לאַנגע צײט אומגעגאַנגען און פאַרבראַכט. שפּאַצירנדיק אַזוי האָבן מיר געדאַרפט פאַרבײגײן אַ באַנק אויף וועלכער עס זײנען געזעסן אַ זעקס־זיבן, שילער פון גימנאַזיעס, טעכנישע שולן און רעאַל שולן. מיט אַמאָל הויבט זיך אײנער פון זײ אויף, גײט צו צו מיר מיט דער פאָדערונג: זשיד, „גיב מיר דײן שטעקן" אויף וואָס איך האָב אים געענטפערט: צאַצקעדיקער פּאַלאַק, וועמעס שטעקן איז דאָס, מײנער צי דײנער? ער האָט מיר אָנגעהויבן שלאָגן מיט זײן שטעקל. מײנע חברים האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און דאַן זײנען די איבעריקע פינף פּוילישע פּאַטריאָטן צוגעשטאַנען צו דעם געשלעג. איך האָב פאַרלאָרן מײן גאַנצן קאָנטראָל און מיר געדענקט זיך, אַז איך האָב מיט מײן שטעקן אַזאַ זעץ געטאָן אײן פּאַלאַק איבערן האַלדז, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ באַנק, די מײדלעך האָב איך געבעטן אַוועקגײן און אין מיטן געשלעג האָב איך אָנגעהויבן פײפן, און עס זײנען אָנגעלאָפן אַ זעקס זיבן אונדזעריקע. נו האָבן זײ געכאַפּט קלעפּ! מען האָט זײ צעמזיקט. דערווײל איז אויף אונדזער פײפן אָנגעלאָפן פּאָליציי און מען האָט אונדז אַלע־מען אַרעסטירט. אויף דרײ קאַרעטעס האָט מען אונדז געפירט אין צווועלפטן פּאָליציי באַצירק. אין מיטן פאָרן זאָגט צו מיר אַ פּאָלאַק פון די שלעגער: הער זיך אײן חבר: איך בין נישט געקומען צו שלאָגן ײדן, גראָדע פאַרקערט — איך בין געקומען זײ פאַרטײדיקן, און אומזיסט נעמסטו מיר אָן פאַר אַ שלעגער. זײן חוצפּה האָט מיר אויפן העכסטן גראַד אויפגערעגט און איך האָב אים אַראָפּגעלאָזן אַ פּאָר פּעטש. די פּאָליציי האָט אונדז געמוזט פאַר־נאַנדערטײלן און זיך אַוועקגעזעצט אין מיטן. מען האָט אונדז געבראַכט אין באַצירק. דער פּריסטאַוו איז דאָרט גראָדע דאַן נישט געווען. האָט מען אונדז אַלעמען אַרײנגעפירט אין אַ גרויסן באַזונדערן צימער און פאַרשלאָסן אונדז דאָרטן. גלײך, ווי מען האָט אונדז פאַרשלאָסן, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ געשלעג צווישן די ײדן און די פּאָלאַקן און די פּאָליציי איז געצוווּנגען געווען אונדז פאַרשליסן אין באַזונדערע צימערן. אין אַ פּאָר שעה שפּעטער

איז געקומען דער פּריסטאַוו און מען האָט אונדז אַריינגעבראַכט אין זיין צימער. דער פּריסטאַוו איז געווען אַ רוס, אַ פּאָלאַקן־האָסער. פריער האָט ער אויסגעהערט אונדזער צד, וועלכער האָט אים דערציילט דעם גאַנצן אמת וועגן דעם אָנפאַל פון די פּאָלאַקן אויף אונדז און פון דעם געשלעג וואָס איז פאָרגעקומען. דער פּוילישער צד האָט אַבסאָלוט נישט געהאַט וואָס אָנצוגעבן, כדי זיך פאַרטיידיקן.

דער פּריסטאַוו האָט פאַרהאַלטן די אַלע פּאָלאַקן, כדי זיי איבערגעבן אין די הענט פון די דירעקטאָרן פון די אינסטיטוציעס, ווו זיי לערנען זיך און אונדז די יידן האָט ער בלויז פאַרשריבן אין זיינע ביכער און באַפרייט.

גאָר אין קורצן האָבן מיר געקראָגן אַ גאָר שיינע שטיקל אַרבעט. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון וואַרשע גרייט זיך אַ פּאָגראָם אויף יידן אין דער צייט, ווען דאָרטן קומט פאָר דער מאַרק. האָבן מיר אַוועקגעשיקט אַהין אַ פּופּצן גוט באַוואָפנטע יאַטן און זייער אויפ־גאַבע איז געווען נישט צו דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם. איך בין דאָרט נישט געווען. נאָר פון מיינע חברים, וואָס זיינען דאָרט געווען האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז אין דער מינוט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט צו טומלען, האָבן זיי, זייענדיק אין מיטן מאַרק, אויסגעשאָסן אין דער לופטן, דער גאַנצער עולם יידן און פּאָלאַקן איז צעלאָפן און באַנוצנדיק זיך מיט דער בהלה, זיינען די יידישע פאַרטיידיקער איינציקווייז און דורך פאַרשיידענע ריכטונגען אַוועק צום וואָקזאַל און מיטן ערשטן צוג אַוועקגעפאָרן צוריק קיין וואַרשע.

די יאַטן זיינען געקומען גליקלעכע: אָן קיין שום קרבנות האָט זיך זיי איינגעגעבן נישט צו דערלאָזן, אַז דאָרטן זאָל פאָרקומען אַ פּאָגראָם.

אַ פּאָר וואָכן האָבן מיר געוואַכט, אפשר וועט דאָרטן די געפאַר קו־מען און מירן דאַרפן ווידער אַהין שיקן אונדזערע יאַטן. מיר האָבן אָבער אומזיסט געוואָרט. די כוליגאַנעס האָבן זיך אַזוי דערשראָקן פון דער שיסעריי, אַז זיי האָבן פאַרזאָגט אַ צענטן אָנצופאַלן אויף די יידן און מיר האָבן אונדזער געווער באַהאַלטן אין אַ זיכערן פּלאַץ.

קאפיטל 23.

איך ווער אַ פּאַרטיי מענטש

די שווידערלעכע באַליידיקונג פון דעם קישינעווער פּאָגראָם לאָזט מיך נישט אָפּ. מיין קאָפּ אַרבעט טאָג און נאַכט און נייע געדאַנקען הויבן זיך אָן קריסטאַליזירן. איך הויב אָן איינזען, אַז אונדזער גאַנצער יידישער לעבן איז אבנאָרמאַל. און די נישט נאָרמאַלקייט נעמט זיך פון דעם, וואָס מיר זיינען צעשפּרייט און צעזייט איבערן גאַנצן ערד קיילעך, און אומעטום שטעלן מיר מיט זיך פאָר אַן אומבאַדייטנדע מינדערהייט. אין די צוריקגעשטאַנענע לענדער זיינען מיר באַרויבט פון אַלע מענטשלעכע, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, אין די דעמאָקראַטישע לענדער מוזן מיר זיך צופּאַסן צום לעבן פון דער איבערוועגנדער מערהייט און אונדזער נאַציאָנאַל לעבן ווערט צוקריפּלט. אומעטום האָט מען אונדז פיינט און מען וואָלט וועלן פון אונדז פּטור ווערן. אַפילו אין אַזאַ פאָרגעשריטענע דעמאָקראַטישע לאַנד ווי פראַנקרייך, איז מעגלעך אַ דרייפוס פּראָצעס, וואָס האָט צעטיילט דאָס לאַנד אין צוויי לאַגערן — אין אַנטיסעמיטן און ליבעראַלן. אין אַזאַ לאַגע געפינען מיר זיך אַלעמאַל און אומעטום זיינען מיר ווי אויף אַ ווולקאַן, וועלכער קען צו יעדער צייט אונדז פאַרניכטן מיט זיין לאַווע. אין נאָמען פון אונדזערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן מוזן מיר דורכפירן אַ רעוואָלוציע אין יידישן לעבן מיט דעם, וואָס מיר זאָלן גרינדן ערגעץ אַ יידישן טעריטאָריאַלן צענטער, וועלכער זאָל אַריינגעמען אין זיך די אַלע יידן, וואָס ווערן אַרויסגעשטופּט פון די פאַרשיידנסטע לענדער פון דער וועלט. אַ ריזיקע עמיגראַציע פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, רומעניע איז שוין דאַן פאָרגעקומען, און די עמיגראַציע האָט שוין דאַן פון אונדז צוגענומען אַ גרויסן טייל פון אונדזער יוגנט און מיטעלעריקע יידן. די עמיגראַציע האָט פון אונדז אַוועקגערויבט דאָס שטאַרקסטע, בעסטע און שענסטע אָן קיין שום נוצן פאַרן יידישן פאָלק, אָדער פאַר דער נאָרמאַליזירונג פון אונדזער יידישן לעבן. מיר מוזן די עמיגראַציע רעגולירן אַזוי, אַז דורך איר זאָל געשאַפן ווערן אַ יידישער טעראַ־ריטאָריעלער צענטער, ווו מיר זאָלן זיין אַ מערהייט, מיט אַ יידישן לעבן, מיט אַ יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, מיט די פאַרשיידנסטע יידישע אינסטיטוציעס, מיט אַ יידישער פּאָליטיק,ווירטשאַפט און קולטור...

איך בין געבליבן אַ סאָציאַליסט, אָבער שוין אַן אַנדערער ווי פריער. מיין סאָציאַליזם האָט זיך באַדעקט מיט מיין פלייש און בלוט, מיט מיינע יידיש נאַציאָנאַלע וויטאַקן, מיט שאַפן באַדינגונגען פאַרן יידישן פאָלק פאַר אַ פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. זיכער דאַרפן די יידישער אַרבעטער פירן דעם קלאַסן קאַמף, זיכער דאַרפן די יידישע אַרבעטער קעמפן פאַרן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, אָבער מיין סאָציאַליזם איז געוואָרן אין גאַנצן אַ יידישער, געבויט אויף דער יידישער ווירקלעכקייט, אויף דער טרויעריקער יידישער לאַגע. ער איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער, אָבער נישט קיין קאָסמאָפּאָליטישער סתם סאָציאַליזם. דער טעריטאָריאַליזם וועט שאַפן אויך אַ נאָרמאַלן יידישן אַרבעטער קלאַס, וועט פאַרגרינגערן פאַר די יידישע אַרבעטער זייער קלאַסן קאַמף און דעם קאַמף פאַר אַ יידישן סאָציאַליסטישן צוזאַמענלעבן און דערפאַר איז טעריטאָריאַליזם אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער, פון דעם יידישן סאָציאַליזם. און די יידישע אַרבעטער דאַרפן דערפאַר זיין די בעסטע פאַרקעמפער פאַרן טעריטאָריאַליזם.

אָט די נייע געדאַנקען האָב איך אָנגעהויבן פריידיקן פריער אין אַן ענגן קרייז פון מיינע באַקאַנטע און דערנאָך האָב איך געפונען אַ פלאַץ פאַר מיין אַגיטאַציע און פראָפּאַגאַנדע — אין וויינערס בוך געשעפט אויף דזשיקע גאַס. איך פלעג קומען נאָך מיין לערערישער אַרבעט אין בוך געשעפט. דאָרט פלעג איך אַלעמאָל געפינען אַ גרופּע אינטעליגענטן פאַר וועמען צו פריידיקן און מיט וועמען פירן דיסקוסיעס. צו מיין גרעסטן באַדויערן זיינען די מערסטע יידישע אינטעליגענטן צו יענער צייט געווען אַסימילאַטאָריש געשטימט, און אָפּרייסן זיך פון יידישן פאָלק איז ביי זיי געווען אַ מעלה, דאָס האָט געהייסן זיי זיינען פּראָגרעסיוו. יידישע אינטערעסן זיינען זיי וויניק וואָס אָנגעגאַנגען. ס׳איז צו יענער צייט געווען גענוג געווען אַז אַ חסידישער יונגערמאַן, זאָל אָפּשערן זיינע פּאות, פאַרבייטן זיין לאַנגן כאַלאַט אויף אַ קורצן, זיינע שטיוול אויף שיך און מיט דעם ווערן אַ „מענטש צו מענטשן גלייך", און ער האָט שוין אָפּגעלאַכט פון אַלע יידן, וואָס גייען נאָך אין די אַלטמאָדישע קליידער, פון אַלע יידישע ווערטן, פון אַלע יידישע שטרעבונגען און אידייען. די פּויליש־יידישע אינטעליגענטע יוגנט האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן פון יידישע נאַציאָנאַלע פראַגן. זיי, דער העכערער קלאַס, וואָס האָט שוין באַזוכט אַ פּוילישע לערן אינסטיטוציע, איז געוואָרן מער פּויליש, ווי די פּאָלאַקן אַליין. און אין מיינע דיסקוסיעס האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף טויבע ווענט. מיינע ליטוואַקעס זיינען געווען אָדער אין גאַנצן פאַרזונקען אין דעם לעבן פון יידן מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, אָדער זיינען געווען בלוט און פלייש־

לאַזע סאָציאַליסטן און זיי האָבן מיט מיר פּאַר קיין פאַל נישט געקענט איינ־שטימען. און מיין גאַנצע אַרבעט מיט זיי איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע.

און איינמאָל האָט מיך געטראָפן אַ גרויסער גליק. איך קום צוגיין אין דער ביבליאָטעק ערשט די ביבליאָטעקאַרין, פריילין פּעפּערבערג, דערציילט מיר, אַז דאָ איז געווען איינער אַ סטודענט פון קראָקאָווער אוניווערזיטעט און ער רעדט דאָס זעלבע, וואָס איך און ווען זי האָט אים איבערגעגעבן, אַז דאָ קומט אַריין איינער, וואָס פּריידיקט די זעלבע געדאַנקען וואָס ער, האָט ער איז געבעטן, אַז זי זאָל מיך בעטן אַריינקומען צו אים, צו באָריס פרומ־קינען אויף קאָפּוציניסקע 13. און אין דער גרעסטער באַגייסטערונג בין איך גלייך אַוועקגעלאָפן צום אים. אַריינגייענדיק צו אים, בין איך געווען איבער־ראַשט מיט דער רייכקייט און שיינקייט פון דער הויז און פון זיין פאָטערס וווינונג. איך האָב נאָך אַזאַ רייכקייט אין מיין לעבן נישט געזען. מיר האָט אויפגעעפנט די הויז אַ דינסט, וועלכער איך האָב איבערגעגעבן, אַז איך וויל זען באָריסן.

ער איז גלייך אַריינגעלאָפן, זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט. דערנאָך אין אונדזער געשפּרעך האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אין מאָסקווע. די רוסישע רעגירונג האָט זיינע עלטערן מיט דער משפּחה אַרויסגעשיקט פון מאָסקווע, ווייל אַלס יידן האָבן זיי נישט געהאַט קיין רעכט דאָרט צו וווינען. אויף מיין פראַגע וואָס טוט זיין פאָטער דאָ אין וואַרשע, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט איבערגענומען פון דער רעגירונג אַ גראַנדיעזן פּאָדריאַד צו בויען אין פּוילן די רעגירונגס קראָמען צו פאַר־קויפן שנאַפּס. פאַרשטייט זיך, אַז זיין פאָטער איז זייער רייך. ער, באָריס אַליין, האָט געענדיקט אין רוסלאַנד אַ מיטל שול און גייט אין קראָקאָווער פּאָלי־טעכניקום, ווו ער לערנט זיך אויף אַן אינזשעניער. מיר האָבן זיך פאַרנאַנ־דערגערעדט וועגן ציוניזם, אַן יידישן צענטער, וועגן סאָציאַליזם, בונדיזם, וועגן דער יידישער ספּעציעלער לאַגע, וועגן דעם יידישן אַרבעטער קאַמף. און וווּנדערבאַר, איך בין מיט אים אין אַלץ איינשטימיק געווען. ער האָט מיר באַוויזן אייניקע אַרטיקלען זיינע אין „יעווריסקאַיאַ זשיזן". מערסטנס סטאַטיסטיק פון דער יידישער ווירטשאַפט און לאַגע, סטאַטיסטישע ציפערן וועגן דעם אַנטייל פון יידן אין דער אינדוסטריע און פּראָדוקציע, דעם פּראָ־פּאָרציאָנעלן פאַרגלייך צווישן יידישער און נישט יידישער אַרבעט אין רוס־לאַנד און דער לאַגע פון רוסישן און יידישן אַרבעטער קלאַס. אויך האָט ער מיר געלייענט זיינעם אַן אַרטיקל, אָנגעפילט מיט סטאַטיסטיק וועגן דער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד. די צענזור האָט דעם אַרטיקל נישט דורכגעלאָזן, פאַרווערט צו דרוקן, אָבער, האָט ער פאַרענדיקט — ער וועט דעם אַרטיקל

יאָ אָפּדרוקן אין אַן אומלעגאַלער אויסגאַבע אין אויסלאַנד. זיינע אַרטיקלען זיינען געווען אין רוסיש און אונדזער גאַנצער געשפּרעך איז געווען אין רוסיש.

איך און, — ווי איך האָב געקענט באַמערקן אַן אים, — אויך ער, זיינען געווען פּשוט גליקלעך פון אונדזער באַגעגעניש און מיר האָבן דאָן ביידע באַשלאָסן, אַז מירן ביידע אָנהייבן אַן אַרבעט אין דער ריכטונג פון אונדזערע געדאַנקען.

אָבער גאָר אין גיכן האָט די זעלביקע ביבליאָטעקאַרין אַנטדעקט פאַר מיר אַ נייעם חבר, דאָס איז געווען איסאַק בערלין (דעם איצט באַקאַנטן, זשורנאַליסט אין אַמעריקע און אַרגענטינע ד"ר רעגאַלסקי), ער האָט שוין מיר איבערגעגעבן, אַז ס'איז שוין דאָ אין וואַרשע אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס זיינען פריער געווען אָרגאַניזירט אין די פּרחי ציון פאַר אַ לאַנגע צייט און זיינען פון דער אָרגאַניזאַציע אַרויסגעטראָטן צוליב פּרינציפּיעלע אורזאַכן און האָבן געגרינדעט אַ נייע גרופּע — די אַרבעטער ציוניסטן, זיי האָבן אויך אָנערקענט דעם טעריטאָריעלן פּרינציפּ און קלאַסן קאַמף און טאַקע אין גיכן בין איך אַריינגעטראָטן אין דער גרופּע. און דאָ האָב איך זיך באַקאַנט מיט זלמן בורזשוי (שפּעטערדיקער זלמן מייזנער, דער אַרויסגעבער פון „פריינד"), מיט שלמהע זוסמאַן, מיט איסאַק ראַבינאָוויטש, מיט די ברידער לעשטשינסקי, מיט גיטל שערמאַן פון פּינסק, מיט איינעם אברהמל פּריקאַזטשיק, דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען דער היינטיקער ש. ניגער. און מיט אַ סך אַנדערע. מיין צושטייַן צו דער גרופּע איז אין מיין לעבן געווען אַ גרויס געשעעניש. איך האָב זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט מיטן פולן ברען פון מיין יונגער נשמה. אַגיטירן, פּראָפּאַגאַנדירן, האַלטן לעקציעס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און דורכפירן די לויפנדע אַרבעט. קורץ, איך בין געווען פאַרוואָרפן מיט פּאַרטיי אַרבעט. אין אונדזער אָרגאַניזאַציע איז אויך אַריינגעטראָטן באָריס פרומקין, וועלכער האָט זיך אויך אַריינגעוואָרפן מיטן לייב און לעבן אין דער אַרבעט.

מיר איז געלונגען דורכצופירן אַ פּאָר דערפאָלגרייכע אונטערנעמונגען, כדי צו שאַפן געלט פאַר אונדזער אַרבעט. מיר האָבן אַרויסגעלאָזן צוויי פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע ס'האָט זיי געשריבן און אָפּגעדרוקט און ווו זיי זיינען געווען געדרוקט, ווייס איך נישט, נאָר איך האָב יאָ געוווסט אַז באָריס פרומקין איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט דעם. מיט יאָרן שפּעטער, האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיר האָבן געהאַט אַ דרוקעריי אין ערגעץ אַ פּאָסטקע, נישט ווייט פון אָטוואָצק, וווהין די אָרגאַניזאַציע האָט אַריינגעזעצט אַ חבר (עובדיה פון פּינסק) וואָס האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין פון דער פּאָסטקע און זיך ווייזן פאַר דער ליכטיקער זון און האָט געדאַרפט דאָרט זיצן, וואַרטן אויף

דער אַרבעט און דורכפירן איר, בלויז נאָך אַ חבר פון דער אָרגאַניזאַציע האָט געוווסט פון דער באַהעלטעניש און ער איז דאָס טאַקע געווען דער פאַרמיטלער פון דער אָרגאַניזאַציע מיטן חבר אין דער חורבה. איך האָב זיי ביידן גוט געקענט, אָבער איך האָב נישט געוווסט, וואָס פאַראַ ראָל די צוויי שפּילן אין דער פּאַרטיי. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך מיט עובדיהן געטראָפן אין ניו יאָרק און ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונ־גען אין דער פּוסטקע, ווו ער האָט טעג נאָכאַנאַנד געהונגערט, ווייל דער פאַרמיטלער האָט צוליב קאָנספּיראַטיווע אורזאַכן אים נישט געקענט ברענ־גען אַלע מאָל און צו דער צייט שפּייז אויף צוויי־דריי־טעג.

אין גיכן האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אין איינציקע שטעט זיינען געגרינ־דעט געוואָרן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי אונדזערע אין וואַרשע. מען האָט דערציילט, אַז אונדזער הויפּט קאָמיטעט האָט דערהאַלטן ידיעות וועגן דעם פון פּינסק, בריסק, מינסק און קיעוו, און זיי אַלע בעטן ליטעראַטור, אונדזערע פּראָקלאַמאַציעס, מען זאָל זיי שיקן אונדזערע פאַרשטייער, כדי צענויפרעדן זיך.

ס׳האָט אונדז אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע פרייד. הייסט עס מיר גייען ווערן אַ פּאַרטיי, מיט צווייגן אין די פאַרשיידנסטע שטעט.

נאָר וואָס האָט אונדז פאַרדראָסן איז, וואָס דער אָנפירער פון דער אַר־בעט, זלמן בורזשוי, דערציילט אונדז גאָרנישט וועגן דעם. איך אַליין האָב געטראָגן דערפאַר אויף אים אַ האַרץ. און איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צוויי וואָכן, אַרבעטן צוזאַמען, מיט זלמנען, האָט ער מיר אויפן העכסטן גראַד אויסגעמאַטערט. גאָר אַ קלייניקייט — אומלויפן צוזאַמען פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איינצוקויפן פאַרשיידענע זאַכן, אַפילו בוכשטאַבן פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע שטעמפּל, איינקויפן פּאַפּיר, קאָפּיע פּאַפּיר, זשע־לאַטין פאַר קאָפּירן פּראָקלאַמאַציעס אין הונדערטער עקזעמפּלאַרן, זוכן די־רות פאַר צענויפקומען זיך, זען זיך מיט פאַרשיידענע חברים און איבערגעבן זיי אינסטרוקציעס און דאָך, אַז ס׳איז דאָ אַזעלכע וויכטיקע נייס האָט ער מיר נישט אויסגעזאָגט, אַפילו נישט אַ פּיפּס געטאָן, און מיר האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. פרעגן אים האָב איך קיין מוט נישט געהאַט, אויסער דעם האָט עס קיין זין נישט געהאַט. זיי טוען אַזאַ וויכטיקע קאָנספּיראַטיווע אַרבעט און איך וויל דאָס אויסגעפינען. ער קען נאָך מיר אין עפּעס חושד זיין...

דערווייל איז ד״ר הערצל געשטאָרבן און אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע אויף די נאַלעווקעס. אונדזערע ייִנגלעך האָבן געפאָדערט די אַלע סוחרים פון די נאַלעווקעס, גענשע, פראַנציסקאַנער גאַס, נאַוואָליפּקי, נאַוואָליפּיע צו פאַרמאַכן די געשעפטן אַלס אַ טרויער טאָג נאָכן טויט פון הערצלען, אַנדערע האָבן דאָס געטאָן, אַנדערע האָבן

נישט געוואָלט אויספאָלגן די באַפעלן פון די יינגלעך און האָבן זייערע גע־שעפטן נישט פאַרמאַכט. דאַן האָט מען זיי געצוווּנגען דאָס צו טאָן. די דע־מאָנסטראַציע האָט זיך אָנגעהויבן פון די נאַלעווקעס און מען האָט נאָך נישט ווי געהעריק זיך פאַרנאַנדערמאַרשירט, ווי עס זיינען אָנגעלאָפן פּאָליציי און קאָזאַקן אויף פערד. און מען האָט אָנגעהויבן פאַרנאַנדערטרייבן די דע־מאָנסטראַנטן, און שלאָגן די, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. אייניקע האָט מען אַרעסטירט. און אין דער פּאָליציי זיי מערדערלעך געשלאָגן. אָבער דאָך האָבן מיר דורכגעפירט אַ שטיקל דעמאָנסטראַציע און מיר האָבן מיט דעם שטאָלצירט.

מיר געדענקט זיך צו יענער צייט אַ רעפעראַט פון יעקב לעשטשינסקי אין זלמן בורזשויס הויז. מען האָט מיר צו דעם רעפעראַט איינגעלאַדן. צום ערשטן האָט מיר איבערראַשט זלמנס פאָטער, וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט אַרום דער הויז, אָפּהיטן און אָנזאָגן אין צייט, ווען ער וועט באַמערקן אַז פּאָ־ליציי קומט אָן. איך בין מיט שטאָלץ אַריין אין הויז, ווו אַ חבר האָט מיר אָנ־געוויזן אין וועלכן צימער קומט פאָר דער רעפעראַט. דער צימער איז געווען געפּאַקט מיט סטודענטן און אינטעליגענטע אַרבעטער. מען האָט מיר אָנגע־וויזן אויף יעקבן, זיין ברודער יוסף און אויף משהן לעשטשינסקי. יעקב האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אָפּגעלאָזענעם ישיבה בחור. זיין טעמע אין געווען דער שייכות צווישן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם. זיין אויפגאַבע איז געווען צו דערווייזן, אַז דער קלאַסן קאַמף, איז פאַר די פּראָדוקציע מיט־לען און דער נאַציאָנאַלער קאַמף איז אַ קאַמף פאַר דער סביבה, פאַר די באַ־דינגונגען פון דער פּראָדוקציע. ער האָט געהאַלטן דעם רעפעראַט אין רו־סיש. וואָס מיך האָט איבערראַשט איז זיין טיפע באַקאַנטשאַפט כמעט מיט דער גאַנצער ליטעראַטור וועגן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם. דעם קאַפּיטאַל פון קאַרל מאַרקסן האָט ער נאָך מיין מיינונג געוווּסט אויף אויסווייניק. ער האָט ציטירט אויף אויסווייניק גאַנצע זייטן פונעם בוך און אויף אויסווייניק אָנגעוויזן אין וואָסער טייל און אויף וואָסער זייט האָט קאַרל מאַרקס אויס־געדריקט אָט דעם און דעם געדאַנק. אַ שיינע פאַר שעה האָט ער גערעדט און ער האָט דאַן דעם רעפעראַט נישט פאַרענדיקט און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער וועט פאַרענדיקן דעם רעפעראַט אין אייניקע טעג שפּעטער, טאַקע דאָ אין דעם צימער.

און איך בין געקומען הערן די ענדע.

און דער איינדרוק פונעם רעפעראַט אויף די אַלע אָנוועזנדע איז געווען אַ קאָלאָסאַלער, אַלע האָבן באַוווּנדערט זיין אַלזייטיקן וויסן, זיין דענק־אַפּאַ־ראַט, זיין אומגעהויער גרויסע געלערנטקייט און זיין געדענקען אַפילו סטאַ־טיסטישע ציפערן אויף אויסווייניק.

* ווען איך בין אַריינגעטראָטן אין דער אַרבעטער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, האָט מיך מער פון אַלץ דערפרייט דער פאַקט, וואָס די אָרגאַניזאַציע באַשטייט מערסטנס פון אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען קלאַסן־באַוווסט־זיניק און נאַציאָנאַל-באַוווסטזיניק. זייער גוט אַנטוויקלטע אַרבעטער. זיי האָבן פאַרלאָזן דעם בונד, די פּ. פּ. ס., די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ווייל זיי האָבן געהאַלטן אַז דער בונד פאַרענטפערט נישט די נאַציאָנאַלע פראַגע, און פון דער ציוניסטישער פאַרטיי, ווייל זי פאַרענטפערט נישט פאַר זיי די אַרבעטער פראַגע. זיי זיינען אַריין אין אונדזער אָרגאַניזאַציע ווייל ביי אונדז די אַרבעטער ציוניסטן, האָט דער סאָציאַליזם נישט קאָנקורירט מיטן פּראָגרע־סיוון נאַציאָנאַליזם און דער לעצטער האָט נישט קאָנקורירט מיטן סאָציאַליזם, עס איז ביי אונדז קיין ווידערשפּרוך נישט געווען. זיי האָבן גאַנץ גוט געקענט הויזן אין איין פאַרטיי.

די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ סאָציאַל דעמאָקראַטישע אין אַלע פראַגן, און אויך די נאַציאָנאַלע פראַגע איז פאַרענטפערט געוואָרן מאַרקסיסטיש. כאָטש איך בין אויף מיין לעבן קיין מאַרקסיסט נישט געווען, איז מיר די אָרגאַני־זאַציע שטאַרק געפעלן געוואָרן און איך בין פון איר געווען העכסט באַ־גייסטערט, און איך האָב זיך מיט איר אַ סך אָפּגעגעבן.

מיט איבער אַ יאָר שפּעטער, שוין זייענדיק אין לאָנדאָן, האָב איך דער־האַלטן אַ בריוו פון גיטל שערמאַן, אַ פּינסקער חברטע פון אונדזער פאַרטיי, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון כמעט אַלע ענלעכע אָרגאַניזאַ־ציעס אין פוילן און רוסלאַנד און אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן אונדזער פאַרטיי מיטן נאָמען סאָציאַליסטן־ציוניסטן, וואָס איז דערנאָך באַוווסט גע־וואָרן אונטערן נאָמען: „ס. ס.", די פאַרטיי, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע (1905). אמת איז, אַז מיר איז נישט באַקאַנט פאַר וואָס זיי האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן ציוניסטן־סאָ־ציאַליסטן, אין דער צייט, ווען די אַלע גרינדער פון דער פאַרטיי זיינען קיין ציוניסטן נישט געווען, פאַרקערט גאָר: זיי האָבן אַלע מאָל באַקעמפט דעם ציוניזם, האָבן נישט געגלויבט, אַז ארץ ישראל קען פאַרענטפערן די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע, זיי זיינען געווען טעריטאָריאַליסטן, האָבן געגלויבט אין דעם, אַז די קאָנצענטרירונג פון אידן אויף אַ וועלכער נישט איז טעריטאָריע, צי זי איז אין אַפריקע, צי אַזיע, צי אַמעריקע, וועלכע זאָל זיין פּאַסיק פאַר אַ גרויסער יידישער אימיגראַציע און ברייטער יידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס

זאָלן געבן די מעגלעכקייט דאָרט צו שאַפן אַ יידישע מערהייט קענען לייזן די יידן־פראַגע. און די פּאַרטיי ס"ס האָט געקראָגן אין רוסלאַנד מאַסן אָנ־הענגער און איז אין גיכן געוואָרן אַ גרויסע מעכטיקע פּאַרטיי מיט אָרגאַ־ניזאַציעס כמעט אין יעדער שטאָט און שטעטל מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג.

קאַפּיטל 24.

אַן אָריגינעלע אונטערנעמונג

אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין געלט פֿאַר די לויפֿנדע אויסגאַבן און די חברים האָבן מיר געבעטן, דורכצופֿירן אַ גרויסע אונטערנעמונג, אויף וואָס איך האָב איינגעשטימט. איך האָב געוווּסט, אַז דעם גרעסטן מאַטעריעלן דערפֿאָלג האָבן ביי אונדז די סטודענטישע אָוונטן, אויף וועלכע עס קומען אַ סך קורסיסטקעס, אַ סך פֿון דער אַסימילירטער יידישער יוגנט און אַ סך לעב יונגען, וועלכע האַלטן פֿאַר אַ כּבֿוד בייצולעבן אַזאַ סטודענטן אָוונט. איך האָב אויף איין אָוונט פֿאַרבעטן אַ זעקס־זיבן באַקאַנטע סטודענטן, זיי דערציילט וועגן דעם ווי מיר נויטיקן זיך אין געלט און געמאַכט דעם פֿאָרשלאַג, זיי זאָלן מיר העלפֿן דורכפֿירן אַ סטודענטן באַל מיט אַ פֿאַסיקער פּראָגראַם. זיי, די סטודענטן, אונדזערע סימפּאַטיקער. האָבן איינגעשטימט דעם אָוונט דורכצופֿירן און האָבן פֿאָרגעשלאָגן צוציען צום אָוונט נאָך אייניקע סטודענטן, וועלכע וועלן זיין פֿון גרויס נוצלעכקייט. איך האָב פֿאַרשטייט זיך צו דעם איינגעשטימט. איצט איז אַנטשטאַנען די פֿראַגע, ווי אַזוי אַרום זאָלן מיר קריגן די דערלויבניש פֿון דער מאַכט פֿאַר אַזאַ אָוונט. האָט איינער פֿון די סטודענטן פֿאָרגעשלאָגן, אַז זיינער אַ פֿריינד און מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, איינער שחור (שאָכער), וואָס האָט געענדיקט די וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע און וועלכן די פּראָפֿעסאָרן האָבן רעקאָמענדירט צו פֿאָרן קיין אויסלאַנד זיך פֿאַרפֿולקאָמען אין זיין מוזיקאַלישער קאַריערע, זאָל זיך ווענדן צו דער מאַכט צו דערלויבן אים אַראַנזשירן אַזאַ אָוונט, כּדי מיטן איינקונפֿט פֿון אָוונט זאָל ער קענען פֿאָרן אין אויסלאַנד און אויך האָבן דאָרט אַביסל געלט פֿאַר זיין אויפֿהאַלטן זיך. און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. איך האָב זיך מיט שחורן געטראָפֿן, אים איבערגעגעבן דעם פּלאַן און גלייכצייטיק אים צוגעזאָגט אַ באַשטימטן פּראָצענט פֿונעם ריינעם איינקונפֿט. ער האָט גלייך איינגעשטימט. מיר האָבן גלייך גענומען דעם גרויסן זאַל אויף נאָוויניאַרסקע גאַס, באַשטימט די דאַטע פֿון אָוונט, דעם פּרייז פֿון די בילעטן, ווער זאָל אָנטייל נעמען אין קאָנצערט און עס איז אַוועק אַ גאַנג. אין אַ קורצער צייט זיינען די בילעטן אויסגעפֿאַרקויפֿט געוואָרן און מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז מיר זיינען זיכער מיט אַ גלענצנדן דערפֿאָלג.

די סטודענטן האָבן אויסגקעליבן די סימפּאַטישסטע מיידלעך, וועלכע זאָלן אַרבעטן פאַרן בופעט, אויך אַלס קעלנערינס.

דערווייל האָבן מיר אַלע אָפּגעמאַכט, אַז אויפן אָוונט זאָלן די סטודענטן ריידן נאָר אין יידיש.

עס איז געקומען דער אָוונט. אויסער די, וואָס האָבן געהאַט בילעטן, זיינען געקומען אַ סך אָן בילעטן, זיי ווילן באַצאָלן וויפל מען וועט נאָר הייסן, אָבער זיי ווילן זיין אויף דעם קאָנצערט און באַל. די מוזיקאַלישע קרעפטן זיינען געקומען, דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן און מיר די אַראַנזשירער, זיינען געווען אויפן זיבעטן הימל. גאָר אַ קלייניקייט אַזאַ דערפאָלג. דער זאַל איז געפּאַקט, אַז ס'איז אוממעגלעך אַהין אַריינצושטופּן זיך. דער עולם — די סמעטענע פון דער וואַרשעווער יידישער געזעלשאַפט. די אַרטיסטן ווערן וואַרים באַגריסט און קריגן הייסע אַפּלאָדיסמענטן, ווען זיי ענדיקן זייערע נומערן.

דערווייל קומט אַריין אַ פּאָליסמאַן זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג. מען רופט מיך אַרויס צו אים. ער איז געזעסן אין צווייטן צימער נישט ווייט פון בופעט. איך זוך אויס שחורן, פאַר וועמען כלומרשט דער אָוונט איז אַראַנזשירט און מיר גייען צו צום פּאָליסמאַן, שחור דערציילט אים, אַז דער אָוונט איז פאַר אים, ווייל ער דאַרף פאָרן אין אויסלאַנד, זיך פאַרפולקאָמענען אין זיין מוזיקאַלישער קאַריערע. דערווייל נעמען מיר אַלע דריי אַ שנאַפּס און פאַרבייסן, נעמען ווידער אַ שנאַפּס און פאַרבייסן ווידער. מיר רוקן אים אַריין אין האַנט אַ פּאָר רובל און ער פאַרלאָזט אונדז מיט די ווערטער: איך זע אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. האָט מיר אַ גוטע נאַכט און פאַרווײַלט זיך. אַ שטיין איז אַראָפּ פון האַרצן.

דער קאָנצערט איז אַריבער גלענצענד. און באַלד דאַרפן זיך אָנהייבן די טענץ. און דאָ זיינען פאַרגעקומען אַ סך קוריאָזן. אין יענער צייט איז געווען נישט שיין צו ריידן אין יידיש אויף אַזעלכע אונטערנעמונגען. מען האָט אויף די סטודענטן אָוונטן גערעדט נאָר אין פּויליש און אַ קליינע מי־נאָריטעט אין רוסיש.

און דאָ באַגריסן זיך צוויי גוט באַקאַנטע: אַ סטודענט מיט אַ וואַרשע־ווער מיידל. די מיידל, — יאַק שע מאַש, מיעטעק.

— איך פיל זיך זייער גוט — ענטפערט ער איר אין יידיש.

די מיידל באַליידיקט זיך שטאַרק, מיינט, אַז ער לאַכט פון איר אָפּ. דאָך שטעלט זי אים אַ פראַגע אין פּויליש און ער ענטפערט איר ווידער אין יידיש.

אפשר איז ער משוגע געוואָרן. זי אַנטשולדיקט זיך און גייט צו צו אַן

אַנדער סטודענט. זי פרעגט דעם צווייטן עפּעס אויף פּויליש און ער ענטפערט איר אויך אין יידיש, אַזעלכע אינצידענטן האָבן זיך איבערגעחזרט אפשר אין די הונדערטער, ביז דער גאַנצער עולם האָט פאַרשטאַנען, אַז די סטודענטן האָבן אָפּגעמאַכט אויף דעם אָוונט נישט ריידן אין פּויליש אָדער רוסיש, נאָר אין יידיש.

און ביי אַ סך אפשר איז געבראָכן געוואָרן די טראַדיציע אין דער עפנט־לעכקייט צו שעמען זיך מיט דער יידישער שפּראַך...

דער אָוונט האָט אַריינגעבראַכט זייער אַ גרויסע סומע. מיין פריינד שחור האָט געקראָגן זיין טייל, האָט מיר שטאַרק געדאַנקט און איז אַוועק אַ גליק־לעכער אַהיים.

אונדזער אָרגאַניזאַציע איז געווען שוין איינמאָל צופרידן פון דער אונטערנעמונג. אָבער די קוריאָזן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פון יענער אונטערנעמונג זיינען אַריבער עטלעכע און פערציק יאָר, געדענק איך זיי אַזוי, ווי זיי וואָלטן פאָרגעקומען ערשט נעכטן.

און די קוריאָזן זיינען נישט געווען קיין איינצלנע. דאָס האָט געשטאַמט פון אַ פּסיכאָז ביי דער דאַמאָלסטיקער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט נישט געהאַלטן פון דעם יידישן פאָלק, פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער קולטור, פון אונדזער אייגנארטיקייט, פון אַרבעטן לטובת אונדזער פאָלק. דער יידישער אינטעליגענץ האָט אימפּאָנירט די רוסישע שפּראַך, די רוסישע ליטעראַטור און די רוסישע קולטור און אין פּוילן די פּוילישע. און אויב אַרבעטן געזעלשאַפטלעך, איז נישט פאַרן יידישן פאָלק, נאָר פאַר די אינטערעסן פון רוסישן אָדער פּוילישן פאָלק, און דער אידעאַל איז ביי דער אַזוי גערופענער יידישער אינטעליגענץ געווען ריידן אַ שיינעם, גוטן רוסיש אָדער פּויליש, זיין גוט באַקאַנט מיט זייערע ליטעראַטורן און אין אַלץ ווי מאַלפּעס נאָכמאַכן זיי.

אין 1903 בין איך צוגעפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן אין מינסק. און גראָד איז מיר אויסגעקומען צו אָפּט צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אַ גרופּע גימנאַזיסטקעס, וואָס האָבן געדאַרפט יענעם יאָר פאַרענדיקן די גימנאַזיע און אָפּט פלעגן זיי ריידן פון דעם, וואָס זיי וועלן טאָן נאָך דעם, ווי זיי וועלן פאַרענדיקן די גימנאַזיע. איינע וועט ווערן אַ פעלדשערין, די אַנדערע וועט ווערן אַ קראַנקן שוועסטער, די דריטע וועט שטודירן אויף אַ דאָקטאָרין, די פערטע וועט גיין אין פאָלק און זיי אַלע האָבן מיט דעם געמיינט, אַז זיי וועלן אַרבעטן אין די רוסישע דערפער, וועלכע נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק אין זיי... און ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז אונדזער יידישע נויט איז גרעסער, מיר נויטיקן זיך שטאַרקער אין אונדזער אינטעליגענץ, און אַז אַ יידישער

אינטעליגענט דאַרף אַרבעטן פאַרן יידישן פאָלק, האָבן זיי מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם.

דאָן איז צוליב אַ טרוקעניש געוואָרן אַ הונגער אין אייניקע רוסישע גובערניעס. די יידישע אינטעליגענטן און אינטעליגענטקעס זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט באַזאָרגן שפייז פאַר די פּויערים, איך האָב זיי גע־זאָגט, אַז מיר יידן אין די קליינע שטעטלעך פון פּוילן, ווייס־רוסלאַנד, ליטע, ליידן שטענדיק פון אַ כראָנישן הונגער. זיי די פּויערים האָבן כאָטש צו שטיקלעך לאַנד, האָבן ווייניק ברויט אין אַ שלעכטן יאָר, אָבער מיר יידן האָבן דאָס אויך נישט. אַ שטיקל ברויט מיט ליאַק איז אַ גאַנצער אידעאַל. אַ גאַנצע וואָך דערעסט מען נישט און אַז ס'קומט אָן דער שבת טראַכטן זיי אָנגעשטרענגט, ווו נעמט מען אויף שבת. מיר יידן זיינען קיינמאָל נישט זיכער צי מיר וועלן האָבן מאָרגן וואָס צו עסן. מיר האָבן נישט אין אונדזער שפּייכלערס אונדזער ברויט און גריבס. מיר האָבן נישט אין אונדזערע שטאַלן קיין קעלבער, פערד, בהמות, סיידן אין אַ זעלטענעם פאַל אַ ציג. מיר האָבן נישט אונדזער אייגענע מילך, פּוטער, קעז. אַלץ דאַרפן מיר קויפן פאַר געלט און קיין געלט איז נישטאָ. אויב עס טרעפט זיך ביי די פּויערים אַ הונגער יאָר, איז דאָס אַ זעלטנהייט, מיר הונגערן אַלעמאָל. אָן אייביקער הונגער. מען מוז רעוואָלוציאָנער בייטן אונדזער גאַנצן לעבן, אונדזער גאַנצע באַלע־באַטישקייט. אין דער ריזיקער אַרבעט נויטיקן מיר זיך שטאַרק אין אונדזער אינטעליגענץ. און אונדזער אינטעליגענץ איז נאָר פאַרנומען מיט העלפן די, וועלכע נויטיקן זיך נישט אַזוי שטאַרק, און וועלכע האָבן אַ רעגירונג, אַ גרויסע איבערגעגעבענע אינטעליגענץ און וועלכע אין פאַרגלייך מיט אונדז איז זייער רייך. האָבן זיי מיך אָנגעקוקט ווי אַ ווילדן. ווי אַ שרעקלעכן רעאַקציאָנער.

אמת איז, אַז דער יידישער מאָדערנער נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט צו־געצויגן צו אונדזער פאָלק דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס מיר האָבן דאַן פאַרמאָגט. אָבער זייער צאָל איז געווען זייער קליין, און צוגעצויגן האָט ער צו אונדז יידן פון די העכערע קלאַסן און ווייניק אַרבעטער און ביי די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר ראַדיקאַלן, איז אַ נאַציאָנאַליסט געווען טריף ווי חזיר ביי אַ פרומען יידן. אַ נאַציאָנאַליסט איז געווען ביי זיי דאָס זעלבע ווי אַ רעאַקציאָנער, ווי קאָנטררעוואָלוציאָנער. דער בונד האָט זיך ביז היינ־טיקן טאָג נישט אָפּגעזאָגט פון זיין פאַלשער מיינונג. פאַרן בונד אַ ציוניסט איז נאָך ביז היינטיקן טאָג — אַ שעדיקער, אַרבעט קעגן די אינטערעסן פון די ברייטע יידישע מאַסן אין די גלות לענדער, וועלכע זיי, די בונדיסטן האַלטן אין אַרענדע. דעמאָלט מיט 40 יאָר צוריק איז דער קאַמף געווען אַ

סך אַ שאַרפערער, אַ ביטערער. מען האָט געקעמפט אויף לעבן און אויף טויט. דער בונד האָט נאָך דאַן אַפילו נישט אָנגענומען זיין נאַציאָנאַלע פראָגראַם, זיי זיינען נאָך דאַן געווען אַפילו אָן זייער „קולטור אויטאָנאָמיע". זיי זיינען נאָך קיין יידן נישט געווען. מען האָט נישט גערעדט וועגן דער יידישער נויט, וועגן די יידישע ליידן, וועגן דער יידישער אבנאָרמאלער לאַגע... און ווי אַזוי צו לייזן ראַדיקאַל די יידישע פראַגע. און ווען מען האָט זיי צוגעשטופּט צום וואַנט מיט די אַלע פראַגן, האָבן זיי געהאַט איין ענטפער: די רעוואָלוציע וועט מאַכן די יידישע לאַגע אַזוי נאָרמאַל, ווי די לאַגעס פון אַלע אַנדערע פעלקער. יידן וועלן קריגן די פולע גלייכבאַרעכטיקונג. ביי די קאָמוניסטן איז איצט די יידישע פראַגע אין ראַטן פאַרבאַנד פולקאָם געלייזט: יידן האָבן גלייכע רעכט, אַנטיסעמיטיזם ווערט באַשטראָפט, די מאַכט האַלט אויס דעם יידישן טעאַטער, גיט אַרויס יידישע ביכער... זיי האָבן מורא צו זאָגן דעם אמת, אַז אין ראַטן פאַרבאַנד עקזיסטירט די יידישע פראַגע אַלץ איינס ווי אין אַלע אַנדערע לענדער אויף דער וועלט. מיר זיינען דאָרט אַ מינדערהייט און אַלס אַ מינדערהייט קענען מיר זיך פאָרט נישט אַנטוויקלען נאָרמאַל...

קאַפּיטל 25.

מיינע לעצטע וואָכן אין וואַרשע

מיין אַרבעט, אַלס לערער פון רוסיש אין די חדרים, איז מיר נישט געוועזן צום האַרצן. איך האָב די אַרבעט פיינט געהאַט, און זיך געשעמט מיט איר. כ'האָב דאָן געטראַכט אַז כ'טו אַן אַרבעט, מיט וועלכער איך העלף דער רוסישער פאַרהאַסטער צאַרישער רעגירונג אין איר רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק אין פּוילן און אין אַלע פאַרכאַפּטע לענדער. ביי די פּאָלאַקן איז די שפּראַך פאַרהאַסט. ביי די פּוילישע יידן אויך. נאָר מיר, ליטוואַקעס, שטאָל־צירן מיט דער שפּראַך און פאַרשפּרייטן איר. די אָרטיקע באַפעלקערונג קוקט אויף אונדז קרום און מיט האַס. איך האָב נישט סימפּאַטיזירט מיט דער שאָוויניסטישער פּוילן. דאָך האָב איך סימפּאַטיזירט מיטן פּוילישן פאָלק, וועלכער געפינט זיך אונטערן קנאַפּל פון דער רוסישער רעגירונג, וועלכע פירט דורך און דורך אַן אַנטיפּוילישע פּאָליטיק, אין אַלע שולן מוז מען לער־נען די רוסישע שפּראַך, די פּוילישע שפּראַך ווערט אויפן העכסטן גראַד אונטערדריקט. אין עקאָנאָמישן לעבן רעכנט זיך רוסלאַנד אין פּוילן בלויז מיט אירע אייגענע רוסישע אינטערעסן. פּוילן איז צעריסן און צעבערעקלט, האָט נישט קיין אייגענעם לעבן, נאָר מוז זיך צופּאַסן צו דער פּאָליטיק פון רוסלאַנד, עסטרייך, דייטשלאַנד, וועלכע איזדיקעווען זיך איבער איר און לאַכן אויס אירע הייליקסטע הייליקייטן. און איך, אַ זון פון דעם אונטער־דריקטסטן פאָלק, העלף נאָך אַרויס רוסלאַנד אין איר שמוציקער אַרבעט.

פאַרנומען בין איך געווען מיט פּאַרטיי אַרבעט ווי אַ בין אין איר מו־ראַזשניק. מען האָט געדאַרפט זיין אויף פאַרשיידענע אָוונטן, און פאַרזאַמ־לונגען, אַלע אָוונט אויף אונדזער „בירזשע", אַגיטירן, דיסקוטירן, צוציען נייע מיטגלידער, פאַרשפּרייטן אונדזערע פּראָקלאַמאַציעס, און אונדזער קאַמף איז געווען אַ שווערער: אַרום און אַרום שטאַרק אָרגאַניזירטע שונאים מיט גרויסע פּאַרטייען, ווי דער „בונד", די פּ. פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), וועלכע האָבן אונדז באַקעמפט אויפן שענדלעכסטן אופן. זיי האָבן געהאַט פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן און מיר האָבן נישט פאַרמאָגט קיין ברעקל ליטעראַטור, אויסער אַ פּאָר פּראָקלאַמאַציעס. מיר האָבן געמוזט מיטן כוח פון אונדזער אינטעליגענץ און וויסן אָפּשלאָגן אַלע זייערע אַטאַ־

קעס. דערצו איז נאָך אונדזער טעאָריע געווען פרעמד דער יידישער אַרבע־טער גאַס און צו קאָמפּליצירט פאַר דער דאַמאָלסטיקער יידישער אַרבעטער־שאַפט. גאָר אַ קלייניקייט: די טעאָריע פון נישט פּראָלעטאַריזירן זיך, פון אונדזער עמיגראַציע און אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע, טעריטאָריע און אַלץ על פּי קארל מאַרקס און דערצו זיינען מיר יידישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן.

און ווען איך טראַג זיך אַריבער צוריק אויף עטלעכע און 40 יאָר, באַ־וווּנדער איך מיינע אַמאָליקע חברים: ווו האָט זיך גענומען ביי זיי אַזוי פיל מוט, אַזוי פיל כּוחות, אַזוי פיל גלויבן, אַזוי פיל איבערגעבנהייט אָנצופירן דעם פאַרצווייפלטן קאַמף?!.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז די זשאַנדאַרמעריע האָט אַרעסטירט אַ גרופּע רוסישע סאָציאַל דעמאָקראַטן (יידישע יינגלעך, דערצו נישט פּאַרזיכטיקע, וועלכע איך האָב גוט געקענט). איך האָב געוווּסט, אַז זיי האָבן פאַרמאָגט אַ סך שריפטן און אַנדערע קלאַפּערגעצייג, און איך האָב געלאָזט וויסן די, וואָס זיינען נאָך געווען אויף דער פריי, אַז איך קען דאָס צונעמען און זיי ראַטע־ווען פון נאָך אַ גרעסערער געפאַר. זיי האָבן מיין פאָרשלאָג אָנגענומען און אויף מאָרגן מיר געבראַכט די טריפענע סחורה.

אַ פּאָר טעג האָב איך די „סחורה" געהאַלטן ביי אַן אומשולדיק מיידל, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון בריסק און דערנאָך האָב איך דאָס איבערגעגעבן מיין חבר זלמן בורזשוי (מייזנער). און מער האָב איך דאָס נישט אָנגעזען אין מיינע אויגן.

נאָך פאַר דעם האָב איך באַמערקט, אַז שפּיאָנען גייען מיר נאָך, אַז מען היט מיין יעדן טראָט. איך האָב זיך אויסגעלערנט קונציק אַרויסדרייען פון זייער האַריזאָנט. איך האָב זיך אויך גוט אויסגעלערנט צו פאַרווישן מיינע טריט, אַז קיין סימן זאָל נישט בלייבן. איך האָב אָנגעהייבן שטאַרק צו היטן זיך אי אין דערהיים, אי אין גאַס און אי מיט מיינע וויזיטן. נאָר דאָס האָט נישט געהאָלפן.

אין גיכן האָב איך באַמערקט, אַז אַ נייער שפּיאָן, אַ יונגערמאַן, לאָזט מיך פון אויג נישט אָפּ. נישט נאָר ער גייט נאָך, נאָך מיר אין גאַס, נאָר ווייס שוין ווו איך וווין און אַז איך גיי אַראָפּ אין דער פרי פון די טרעפּ, טרעף איך אים אין מיין קאָרידאָר, וואַרטנדיק אויף מיר, און אויב איך דריי זיך אַרויס פון אים, טרעף איך אים שוין וואַרטנדיק אויף מיר ביי מיינע טרעפּ.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די שפּיל איז צום טייוול, אַז אין גיכן קומט מיין אַרעסט. איך האָב געביטן מיין דירה. אָבער דאָס האָט מיר נישט

געהאָלפן. אין איינציקע וואָכן שפּעטער האָב איך ווידער דערזען מיין בעל דבר הינטער זיך.

און גראדע אין יענער צייט האָב איך דערהאַלטן פון מיין פאָטער אַ בריוו מיט אַ פאָרשלאָג, איך זאָל פאָרן קיין לאָנדאָן, וואו איך דאַרף פאַר אים דערלייזדיקן אַ וויכטיקע אָנגעלעגנהייט. איך האָב זיך אָן דעם פאָרשלאָג אָנגעכאַפּט און אים געלאָזט וויסן, אַז איך פאָר גלייך אַרויס. מיינע עלטערן האָבן מיך באַזאָרגט מיט אַן אַגענט, וועלכער זאָל מיך דורכ־פירן דעם גרעניץ.

געדענקט האָב איך דאָן, אַז איך פאַרלאָז די גרעניצן פון רוסלאַנד אויף אַ קורצער צייט. איך האָב זיך כמעט מיט קיינעם נישט געזעגנט. איך האָב געקויפט מיין באַן־בילעט ביז קוטנע און דאָרט האָב איך זיך גע־דאַרפט טרעפן מיט מיין אַגענט. מיך באַגלייט האָבן דאָן בלויז צוויי פון מיי־נע נאָענטסטע אינטימסטע חברים. דער סטודענט איזאַקסאָן און מיין פאַר־טיי חבר נח דער קליינער (איך בין געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען נח דער גרויסער).

געקומען אין קוטנע און מיין אַגענט האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיך איבערפירן מאָרגן דעם גרעניץ און דערווייל זאָל איך זיין זיין גאַסט. אין אָוונט האָב איך אַ פּאָר מאָל דורכגעשפּאַצירט דאָס שטעטל. געוואָלט אַריינגייך אין שלום אַשס שטוב, נאָר דער אַגענט האָט מיך נישט געראָטן דאָס צו טאָן.

— אַ נייער מענטש דאַרף זיך דאָ נישט וואַרפן אין די אויגן, — האָט מיר דער אַגענט געראָטן. אָבער די פּוילישע יידיש שטעטל האָט אויף מיר געמאַכט אַ בעסערן איינדרוק ווי אונדזערע ווייסרוסישע שטעטלעך. עפּעס ריינער, רייכער, שענער. די יידן זיינען בעסער אָנגעטאָן, זעען אויס בעסער פון אונדזערע.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מען מיך צוגעפירט צו דער באַן־טאַנ־ציע, מיך אַריינגעזעצט אין אַ וואַגאָן און איך בין געפאָרן צו דער גרעניץ־סטאַנציע — נעשאַווע. דאָרטן האָט מען מיך אַרעסטירט, געבראַכט אין פּאָליציי־צירקל, ווו מען האָט מיך מערדערלעך געשלאָגן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען. מען האָט מיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין פּנים, אין האַרצן, דערנאָך האָט מען מיך אַנידערגעוואָרפן אויפן דיל און געשלאָגן מיט די פיס, מיט די שטיוול און אומעטום, וווהין די שטיוול האָבן נאָר געטראָפן. דאָס איז נאָך אַלץ געווען ווייניק פאַר די פיר מערדער. זיי האָבן מיך אויסגעטאָן זאָון מיט מיינע אייגענע שטיוול מיך געשלאָגן אין פּנים אַריין און צום סוף אַ צעבלוטיקטן מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ צימער ביי דער פּאָליציי־געביידע.

אין דער פרי האָבן זיי מיך גענומען אויף אַ פֿאַרהער און ווידער געשלאָגן. אין דיביידע געשלעגן האָט זיך אויסגעצייכנט איינער אַ פּאָליציסט מיטן פֿאַמיליע נאָמען זימין, אַ סאַדיסט אין פֿולסטן זין פֿון וואָרט. פֿון דאָרטן האָט מען מיך אָוועקגעפֿירט אין טורמע. מיר אַנגעוויזן אַ פּלאַץ אויף די נאַרעס, פֿאַרשלאָסן די טיר און פֿאַרשוווּנדן. די טורמע איז געווען איבערגעפּאַקט. איך האָב געשאָפֿן באַקאַנטשאַפֿטן. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך באַצויגן צו מיר גאַנץ גוט. מען האָט מיר געגעבן ברויט מיט וואַסער און פּאַפּיראָסן פֿון מאַכאָרקע און איך האָב צוגעהערט צו זייערע מעשׂיות. יעדערער האָט זיך באַרימט מיט זיינע פֿאַרברעכנס. דערציילט מעשׂיות וואָס נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן. קורץ, זיי זיינען אַלע געווען פֿון די גרעסטע פֿאַרברעכער, מערדער, קליגסטע גנבים, וואָס נאַרן אָפּ די פּאָליציי אויף וואָס די וועלט שטייט. יעדערער האָט זיין מיידל, אָדער זיינע מיידלעך און די מיידלעך טוען פֿאַר זיי דאָס אוממעגלעכסטע. אַז נישט איז דער טויט אויפֿן אָרט. גראָדע די ערנסטע און אמתע פֿאַרברעכער האָבן געשוויגן, נישט דערציילט קיין מעשׂיות, און פֿון זיי איז שווער געווען אַ וואָרט אַרויסצוקריגן. מיין שכן אויף דער נאַרע האָט געהייסן יאַאַן קראַנשטאַטער. אַ גרויסער ליגנער, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געמאָלן מיטן צונג. פֿון דער צווייטער זייט איז מיין שכן געווען אַן אַרעסטירטער סאָלדאַט, וועלכער האָט געהיט דעם רוסישן גרעניץ, און איז אין די מיליטערישע זאַכן מיטן ביקס אַריבער דעם גרעניץ, געקומען אין דייטשלאַנד, פֿאַרקויפֿט פֿון זיך אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און דאָך האָט ער דאָרט געהונגערט אַ פּאָר וואָכן און געקומען צוריק צום רוסישן גרעניץ און זיך איבערגעגעבן דער רוסישער מאַכט. קעגן אים איז פֿאַרפֿירט געוואָרן אַ מיליטער־משפּט. ער האָט מיר דערציילט ווי ער האָט געהונגערט אין דייטשלאַנד, נישט געקענט זיך דאָרט איינאָרדענען און אַלץ דערפֿאַר, וואָס ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען זייער שפּראַך. יאַאַן קראַנשטאַטער האָט אים נישט געגלויבט און אין דער זעלביקער נאַכט האָט ער געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין סאָלדאַטס קעשענעס און אין דער פֿרי האָט דער סאָלדאַט זיך באַקלאָגט, אַז אימיצער האָט אים באַגנבעט.

צוויי טעג האָט געדויערט ביז די פּאָליציי האָט באַשלאָסן מיך אַוועקפֿירן אַלס אַרעסטאַנט צוריק קיין וואַרשע. דאָן האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל פֿאַר קיין פֿאַל נישט דערלאָזן דער פּאָליציי אָנטאָן אויף מיינע הענט די קייטלעך, וואָס זיי טוען אָן אַלעמען, וועמען מען פֿירט זיי אין באַגלייטונג פֿון פּאָליציי פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער. און אַזוי איז טאַקע געווען. אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָט מען אונדז אַלעמען, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט די אויספֿאָרשונג אויפֿגעוועקט און אָנגעזאָגט גלייך אַרויס אין

דעם גרויסן קאָרידאָר. איך בין אויך אַרויס. דאָרטן זיינען געווען אייניקע פּאָליציסטן. מען האָט יעדן איינעם אויסגערופן און דאַן האָבן זיי אָנגע־הויבן יעדן אָנטאָן קייטלעך. ווען עס איז געקומען די ריי פון אָנטאָן מיר קייטלעך, האָב איך דערקלערט זיי, אַז מיר, אַלס געענדיקטן לערער מיט אַן אַטעסטאַט פון וואַרשעווער בילדונגס־קרייז, האָבן זיי קיין רעכט נישט אָנצוטאָן קייטלעך. ווען זיי האָבן דאָס נישט גענומען אין אַכט, האָב איך זיי דערקלערט, אַז איך וועל פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזן מיר אָנטאָן קייטלעך. דאָס האָט זיי פאַרדראָסן און זיי זיינען אין כעס געוואָרן אויף מיר.

זע, האָט זיך איינער אָפּגערופן, אַ פּריץ האָט זיך דאָ אויסגעזוכט. טוט אים אָן די קייטלעך! זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דער אַרבעט. איך האָב זיך מיט אַלע כוחות געווערט און זיי האָבן מיך אָנגעהויבן ווידער צו שלאָגן, אָבער איך האָב זיך פאַר קיין פאַל נישט אונטערגעגעבן. דער גע־ראַנגל האָט געדויערט אפשר אַ פינף מינוט און איך האָב אָנגעהויבן זייער הויך צו שרייען. איך האָב אויפגעוועקט אַלעמען אין הויז. מיט אַמאָל איז אַריין איינער מיט ברייטע עפּאָלעטן און אַ פרעג געטאָן די פּאָליציי, וואָס קומט דאָ פאָר. די פּאָליציי האָבן אים געענטפערט, אַז איך לאָז זיך נישט אָנטאָן די קייטלעך. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט דער פראַגע פּאַרוואָס טו איך דאָס אַזוי.

— ווייל זיי האָבן נישט קיין רעכט, מיר, אַ געענדיקטן לערער, אָנ־טאָן די קייטלעך.

— אָסטאַוויט! (זיי זאָלן דאָס נישט טאָן). און האָט געהייסן מיר צוריק גיין אין טורמע. די איבעריקע אַרעסטאַנטן האָבן מיך דאַן באַטראַכט ווי אַ העלד, און יעדער איינער אין טורמע האָט מיך באַגריסט. דאָרטן בין איך נאָך אָפּגעזעסן ביז אַרום פיר אַ זייגער בייטאָג, ווען אַ פּאָליציאַנט איז אַריין און מיך גערופן גיין מיט אים. ער האָט מיך אָוועקגעפירט צום הויפּט פון דער טורמע.

יענער האָט זיך מיט מיר אָביסל פונאַנדערגערעדט, און צום סוף האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער לאָזט מיך פריי און איינעם אַליין, אָן באַגליי־טונג פון פּאָליציי, פאָרן אין וואַרשע און געבעטן מיר אונטערשרייבן זיך אין אַ בוך. איך האָב דאָס נישט געוואָלט, דערקלערנדיק, אַז איך בין דריי מאָל ברוטאַל געשלאָגן געוואָרן פון זיינע פּאָליציי און איך וויל דערפאַר באַקלאָגן זיך אויף זיי, ספּעציעל אויף זימינען.

דאַן האָט ער זיך פּאָטערלעך געווענדט צו מיר: הערט זיך איין יונ־געמאַן. איך ראָט אייך דאָס נישט צו טאָן. ווען איר וועט זיך באַקלאָגן,

וועט ווערן אַ גאַנצע אויספאָרשונג און איר וועט דאַרפן פאַר דער צייט פון דער אויספאָרשונג פאַרבלייבן דאָ. ווי לאַנג די אויספאָרשונג וועט דויערן ווייס איך נישט. עס קען נעמען אַמאָל אַ לאַנגע צייט. אַ סך בעסער פאַר אייך איז, איר זאָלט זיך איצט אונטערשרייבן און איך וועל אייך גלייך אַרויסלאָזן.

איך האָב איינגעשטימט און זיך אונטערגעשריבן, אַז איך האָב נישט קיין פּרעטענזיעס צו דער פאַרוואַלטונג פון דער טורמע און איך בין טאַקע גלייך באַפרייט געוואָרן. אַרויסגייענדיק פון דער טורמע, האָב איך גלייך געטראָפן מיין אַגענט, וועלכער האָט געוואַרט אויף מיין באַפרייונג אויף יענער זייט פון טורמע־וואַנט. און דאָ האָט ער מיר דערציילט, פאַרוואָס דער עלטסטער איז געווען אַזוי פיין צו מיר. ערשט מיט אַ שעה פריער האָט ער פון אים געקראָגן אַ פינפאונטוואַנציקער...

און אין דער זעלביקער נאַכט האָב איך פאַרלאָזן נעשאַווע און שטיל און רויק אַריבער דעם גרעניץ פון רוסלאַנד און דייטשלאַנד. איך האָב דאַן נישט געוווּסט, אַז איך וועל שוין קיין מאָל מער נישט אַנזען מיינע באַליבטע שטעט און שטעטלעך, ווו איך בין געווען אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצלט; אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט זען מיינע עלטערן, מיין שטעטל מיר, מיינע יוגנט חברים און אַלץ, וואָס איז מיר געווען אַזוי ליב און טייער און ווו איך האָב געאַרבעט גערעלשאַפטלעך מיט לייב און לעבן, מיט דער העכסטער באַגייסטערונג; ווו איך האָב געלעבט מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה. איך בין דאַן אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל פון די אַלע ערטער, ווו איך האָב מיין יוגנט פאַרבראַכט, ווו איך האָב אַזוי פיל איבערגעלעבט, אַזוי פיל פאַנטאַזירט, אַזוי פיל לופט שלעסער געבויט...

קאַפּיטל 26

איך בין שוין אין אייראָפּע

מיט מזל אַריבער די גרעניץ און איך בין שוין נישט אין רוסלאַנד נאָר אין „אייראָפּע". אַ מאָדנע קינדערשע פאָרשטעלונג האָב איך ביז אַהער געהאַט פון אייראָפּע. מיר, די קינדער פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן האָבן זיך נישט געהאַלטן פאַר אייראָפּייער. מיר זיינען צוריקגעשטאַנען, מיר זיינען פינצטערלינגע, מיר געפינען זיך אונטער אַ דעספּאָטיע. אָבער דאָרט, אין אייראָפּע איז אַלץ אַנדערש. יענע מענטשן זיינען פּראָגרעסיוו, געלערנטע, פון דאָרט קומט די ציוויליזאַציע, דאָס קולטורעלע לעבן. די אייראָפּייער זיינען פרייע בירגער פון פרייע לענדער, זיי פאַרמאָגן פּאַרלאַמענטן, וועלכע דריקן אויס דעם פאָלקס ווילן און פירן דורך געזעצן, וואָס זיינען אין די אינטערעסן פון פאָלק. וויפל ליבע געזאַנגען פאַר אייראָפּע האָב איך זיך אָנגעהערט אין מיין יוגנט?! וויפל לידער האָט מען דאָס געזונגען וועגן אמת, גערעכטיקייט און שיינקייט, וואָס הערשט אין אייראָפּע און וויפל אַרטיקלען האָב איך מיט באַגייסטערונג געלייענט, וועלכע האָבן געשילדערט אייראָפּע, ווי דעם גן עדן אויפן ערד־קיילעך?! און וואָס אַמשטאַרקסטן האָט צו מיר אַפּעלירט איז די לאַגע פון יידן אין אייראָפּע. גאָר אַ קלייניקייט. די יידן זיינען גלייכבארעכטיקט, נישטאָ קיין אויסנאַם געזעצן קעגן יידן, יידן פאַרנעמען דאָרטן גרויסע פּאָזיציעס, יידן זיינען דאָרטן זייער רייך. די גרעסטע באַנקירן, געשעפטסלייט, אפילו פּראָפעסאָרן זיינען יידן. די יידן וויסן נישט פון פּאָגראָמען. דאָס זיינען די רעזולטאַטן פון אייראָפּייער ציוויליזאַציע, קולטור... אונדזערע ערשטע אויפגעקלערטע יידן האָבן דורך דער דייטשישער שפּראַך זייער וויסן געקראָגן. יעדער אויפגעקלערטער ייד האָט געשטרעבט צו קענען גוט די דייטשישע שפּראַך און דורך איר אַריין אין דער משפחה פון ציוויליזירטע מענטשן. דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף מיר, אַז איך זאָל זיך באַציען מיט גרויס דרך ארץ צו די דייטשן און זייער פאָטערלאַנד.

רוסלאַנד, פאַר איר אָפּגעשטאַנענקייט און איר באַציונג צו מיין פאָלק האָב איך קיינמאָל נישט געליבט. אויפן אַנטיסעמיטיזם האָב איך זיך דאָרטן אָנגעטראָפן אויף יעדן טראָט, וואָס איך האָב געמאַכט אין מיין יוגנט. די

קריסטלעכע חברים פלעגן אויסלאַכן מיין יידישקייט, מיין פאָלק. מיינע לע־רער פלעגן דערציילן גאַרישע מעשיות וועגן יידן, וועלכע פלעגן זיי שטעלן אין אַ ליכט פון אַפּנאַרער, פון געלט גייציקע, פון פּחדנים. דער גלח האָט איינמאָל אין מיין אָנוועזנהייט געמאָלן די יידן, ווי פון גאָט פאַרשאָלטענע דערפאַר, וואָס זיי האָבן געקרייציקט גאָטס זון. און גאָטס שטראָף איז געווען זייער אַ שווערע: ער האָט זיי פאַרמשפּט קיינמאָל נישט האָבן קיין היימלאַנד, אומוואַנדערן ווי ציגיינער איבער פרעמדע לענדער און ערגעץ קיין היים נישט געפינען, זיי זאָלן ווי פרעמדע זיך אין ערגעץ נישט קענען איינבירגערן און אומעטום זאָלן זיי זיין ווי אַ שווערע לאַסט אויף דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

ווען איך האָב געענדיקט מיין שול, האָט מען מיך צו קיין שטעלע נישט צוגעלאָזן, אין דער צייט ווען מיינע אַלע קריסטלעכע חברים האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט.

איך האָב אַלעמאָל געלייענט די רוסיש־יידישע פּרעסע און יעדער נומער פון „וואָסכאָד" אָדער „יעוורייסקאַיאַ זשיזן" האָט מיך אָנגעפילט מיט האַס און כעס צו די רעגירער פון רוסלאַנד. און דערצו האָבן די פּאָגראָ־מען אויף יידן אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז איך פלעג וואָכן לאַנג אומגיין ווי אַ פריטשמעלעטער און נישט קענען זיך באַרויקן. איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געקענט ליב האָבן דאָס לאַנד, וווּ איך בין געבאָרן געוואָרן. אפילו ווען רוסלאַנד, אין צייט פון מיין פאַרלאָזן איר, איז אַריין אין מלחמה מיט יאַפּאַן, האָט זי נישט געקענט געווינען מיינע סימפּאַטיעס צו זיך. פאַרקערט, פון פולן האַרצן האָב איך זיך געפרייט מיט אירע נידערלאַגעס. האָפנדיק, אַז אַ צעקלאַפּטע רוסלאַנד, וועט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די ליבעראַלן, פון די דעמאָקראַטישע און פאַרגעשריטענע שיכטן פון די פעל־קער, וואָס באַוווינען די גרויסע רוסישע אימפּעריע און פון דעם וועלן מיר, יידן, אַ סך געווינען.

מען קען נישט זאָגן, אַז אויף מיין וועג איבער דייטשלאַנד האָב איך געטראָפן אַן אַנדער באַציונג צו אונדז, די יידישע פּאַסאַזשירן. אָפטמאָל איז מיר אויסגעקומען הערן דאָס וואָרט „יודע" מיט פאַראַכטונג. אָפטמאָל האָבן די קאָנדוקטאָרס איבערגעקרימט מיין „דייטש". אפילו די באַציונג צו אונדז מצד די דייטשישע פּאַסאַזשירן איז געווען אַן אָפענע אַנטיסעמיטישע, וואָס האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ ביטערן געפיל צו „דער הויך קולטורעלער און ציוויליזירטער" דייטשלאַנד און איר „קריסטלעכער" באַפעלקערונג. אמת איז, אַז אויף מיין רייזע איבער דייטשלאַנד האָב איך באַמערקט, אַז די פּויערים און די אַרבעטער לעבט זיך אַ סך בעסער ווי אין רוסלאַנד,

זייערע וווינונגען זיינען מער מענטשלעכע, זייער שפייז — אַ סך אַ בעסע־רע, זייער קליידונג, אַ רייכערע. אָבער איך האָב שוין דאָן באַמערקט, אַז די רוסן זיינען אַלס מענטשן אַ סך סימפּאַטישער פון די דייטשן. דאָך האָב איך געהאַט אַ סך פאַרגעניגן פון דער ריינקייט און שיינקייט פון די דייטשישע דערפער און שטעטלעך, וועלכע מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן און פון דער אינטעליגענץ פון דער באַפעלקערונג.

און אַט שטעלן מיר זיך אָפּ אין טאָרן, די ערשטע גרויסע דייטשישע שטאָט. עס קומט אַריין אַ דייטשישער פּאָליציסט, שטעלט מיר אַ פּאָר פראַגן, און הייסט מיר אַראָפּגיין מיט אים פון באַן. ער פירט מיך אַוועק צו אַ דיזינפעקציע־געביידע — אין באָד, ווי די יידן־עמיגראַנטן רופן דאָס הויז. ער דערקלערט מיר, אַז אין רוסלאַנד בושעוועט איצט די כאָלעריע און דערפאַר מוז מען מיך און מיינע זאַכן דיזינפעקטירן. מיין גאַנצע „איך" פּראָטעסטירט קעגן דעם, נאָר פאַרפאַלן, איך מוז גיין. ער ווייזט מיר אָן די הויז, וווהין ער פירט מיך. אַ ריזיקע אַלטע געביידע, פאַרשוואַרצט פון יאָרן. איך קום אַריין. די גאַנצע הויז איז אָנגעפילט מיט פאַרע אַזוי, אַז איך קען נישט זען די מענטשן, וואָס פילן אָן די הויז. מיר פילן זיך אַלע ווי אַרעסטאַנטן. די טירן זיינען מאַסיוו און פאַרשלאָסן, די פענצטער איינ־געשמידט אין אייזנס, אומעטום אַ וואָך, מען היט אונדז.

מיינע אויגן געוווינען זיך צו צו דער פאַרע און איך באַמערק שוין מיינע מיטאַרעסטירטע: יידן, קריסטן, טאָטערן, אַלע פון רוסלאַנד, וועלכע פאָרן אין ענגלאַנד, אַמעריקע און אַפריקע. אָבער די מערסטע זיינען יידן, וועלכע דער הונגער און נויט טרייבט אין ווייטע לענדער, אפשר וועלן זיי דאָרטן האָבן וואָס אָפּצועסן, ווו רויק צו שלאָפן און נישט זיין אַזוי אונטער־געדריקט, ווי אין רוסלאַנד. אַ שרעקלעכער בילד: אַלע אויף טויט אויס־געמאַטערטע, אויסגעשפּיגענע, באַליידיקטע, דערנידעריקטע, אַלע מיט די פּעק. נישטאָ ווו צו זיצן, זיצן זיי מערסטנס אויף זייער באַגאַזש. אויף אַלע־מען איז אָן אומעט, אָדער בעסער געזאָגט אַ טרויער אויסגעגאָסן, אַלע זיינען פאַרלאָרן און שווידערלעכע געדאַנקען באַהערשן זיי. ערשט זיך גע־זעגנט מיט זייערע ליבסטע און טייערסטע און ביים ערשטן טראָט אין די פרעמדע לענדער, אַזאַ דערנידערנדיקע באַגעגעניש.

מען פירט אונדז אין פאַרטיעס אין די פאַרשיידענע הייסע צימערן, מען צווינגט אונדז האָבן הייסע וואַנעס, מען שפּריצט אויף אונדז הייסע וואַ־סער, מיר מוזן זיך זייפן, רייבן, און אַלץ אונטערן אויפזיכט פון די אָנגע־שטעלטע. אונדזערע זאַכן האָט מען פון אונדז צוגענומען, מען מוז זיי אויך דיזינפעקטירן. נאָך דער דיזינפעקציע האָט מען אונדז די זאַכן אומגעקערט פייכטע, נישט געפּרעסטע שמאַטעס. דער עולם איז אויפן העכסטן גראַד

אויפגערעגט. נאָר מען שווייגט. מיר טוען אָן די זאַכן: זיי זיינען געוואָרן שמאָל און קורץ און צעניפּגעקאָרטשעט. מיר זעען אַלע אויס ווי פּורים־שפּילער. עס פאַרקוועטשט יעדערן פאַרן האַרצן. אָבער קיינער רעדט נישט אויס קיין וואָרט. אַמשטאַרקסטנס האָבן די דערנידעריקונג איבערגעלעבט די יונגע מיידלעך און פרויען. אַנשטאָט די היטעלעך האָבן זיי בלינצעס באַקומען און אַנשטאָט זייערע קליידער האָבן זיי שמאַטעס געמוזט אויף זיך אָנטאָן. צו זייער פאַרצווייפלונג איז קיין גרענעץ נישט געווען.

פאַרענדיקט די באָד פּראָצעדור רופט מען אונדז אַלעמען אַריין אין דער ביוראָ. מען פרעגט יעדן איינעם פונאַנדער וווהין ער פאָרט און מען צווינגט יעדן איינעם קויפן שיפס־בילעטן טאַקע דאָ אין טאָרן און פאָרן נאָר מיט דייטשישע שיפן פון די דייטשישע פּאָרטן האַמבורג אָדער ברע־מען. און דאָ האָב איך פאַרשטאַנען אַז די „באָד" איז נישט צוליב דער כאָלעריע אָדער אַנדערע קראַנקהייטן, אַז די דייטשישע רעגירונג זאָרגט זיך נישט וועגן אונדזער ריינקייט, וועגן אונדזער געזונט, נאָר זי טוט עס אין די אינטערעסן פון די דייטשישע שיפס־קאָמפּאַניעס, אין די איג־טערעסן פון דעם דייטשישן קאַפּיטאַל.

מען האָט אונדז באַפרייט פון דער באָד און מיר פאָרן שוין ווייטער. מיר פאָרן שוין אין אַ גרויסער מאַסע פון הונדערטער. מען גיט אונדז די ערגסטע וואַגאָנען, ס'איז ענג, אַז מען קען זיך נישט אַ קער טאָן, און אומעטום פאַסט מען אויף אונדז אויף, מען היט אונדז, אַז קיין בייז זאָל נישט געשען. דער עולם ווערט באַקאַנט, מען באַפריינדעט זיך, עס שאַפן זיך באַזונדערע גרופּן. עס אַנטוויקלט זיך, אויב מען קען דאָס אַזוי אָנרופן אַן עמיג־ראַנטן באַוווסטזיין, אַן עמיגראַנטן סאָלידאַריטעט. אַלע זיינען פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר יעדן און יעדערער פאַר אַלעמען. מען טיילט זיך מיט יעדן ביסן, מען איז מכבד איינער דעם אַנדערן און יעדערער וויל מיט עפּעס אַרויס־העלפן זיין מיטרייזנדן.

און אָט זיינען מיר אָנגעקומען אין בערלין, נישט צום הויפּט וואָקזאַל, נאָר צו עפּעס אַ זייטיקן. מיר קענען אַראָפּגיין, וואַשן זיך, כאַפּן אַ ביס, אַ גלאָז ביר.

צווישן אַנדערש האָב איך געקויפט צוויי ביכלעך, אוןביידע פון לעוו טאָלסטאָי, „מיין וידוי" און „אין וואָס איז מיין גלויבן". עס גייט צו מיר צו אַ זשאַנדאַרם, נעמט ביי מיר די ביכלעך פון מיין האַנט, באַטראַכט זיי און באַמערקנדיק, אַז ס'איז טאָלסטאָיס, רעדט ער מיר אויס, פאַרוואָס איך לייען טאָלסטאָיס ווערק, זיי זיינען נישט גוט. דאָך האָט ער מיר די ביכלעך אומ־געקערט ברוגזערהייט. זייענדיק אָנגעשראָקן, בין איך געווען העכסט צו־פרידן, וואָס ער האָט מיך נישט אַרעסטירט.

דער זשאַנדאַרם האָט פון מיר די אויגן נישט אַרונטערגענומען. ער האָט מיך געהיט, אַז איך זאָל נעמען די באַן, וואָס דאַרף מיך פירן צום צווייטן זייט פון דייטשישן גרעניץ, אַז איך „דער אָסט יודע" זאָל חס ושלום נישט אַרויסגליטשן זיך פון זיינע הענט און זאָל נישט בלייבן אין זיין ריינער, שיי־נער, ציוויליזירטער דייטשלאַנד, וועלכע איך וועל געוויס באַשמוצן מיט מיין אָנוועזנהייט... נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די יידישע מאַסן עמיגראַ־ציע האָבן פשוט רייך געמאַכט דייטשלאַנד, איבערלאָזנדיק דאָרט מיליאָנען דאָלאַרן, איז מען זיך באַגאַנגען מיט זיי ווי מיט די נידעריקסטע באַשעפע־נישן. מען האָט זיי געזידלט, און געבארידלט, געהאַלטן ערגער ווי אין אַ תפיסה, רק געסטראַשעט, פאַר נישט פאָלגן, אָדער פאַר אויסדריקן אַן אייגע־נע מיינונג, צוריקשיקן אין רוסלאַנד. דער קאַראַנטין, אָדער די באָד האָט געלייגט אַ טיפן שטעמפּל אויף דער פּסיכיק פון די עמיגראַנטן. דער קאַ־ראַנטין דויערט בלויז איינקיע טעג אָבער ער בלייבט אין זכרון דעם גאַנצן לעבן.

מיין מאַרשרוט איז געווען פון טאָרן קיין בערלין און פון בערלין קיין ברעמען, פון וואַנען איך דאַרף מיט אַ שיף פאָרן קיין לאָנדאָן. און ביז ברעמען זיינען מיר אין גאַנצן אונטער דער אויפזיכט פון די דייטשישע פּאָליציי און באַן קאָנדוקטאָרן. מיר זיינען אַריינגעקוועטשט מיט די פּעק און זעק אין די וואַגאָנען, וואָס זיינען באַשטימט פאַר פערד, בהמות. ס'איז אינעווייניק דערשטיקט צו ווערן. מען רעדט, מען שרייט, קינדער וויינען, די באַן באַאַמטע קומען אַריין, זידלען די פּאַסאַזשירן, פשוט איזדעקעווען זיך איבער זיי און וואַרפן אויף זיי אַן אַ טויט־שרעק. דער עולם איז צעשראָקן און אַלע בלייבן פאַרשטומט. אונדזער באַן לויפט איבער דער לענג פון דייטשלאַנד, מיר פאָרן דורך אַן אַ צאָל דערפער, אויך שטעטלעך און גרויסע שטעט.

פאַרבייפאָרנדיק די דערפער איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווי די פויערים באַאַרבעטן מער אינטענסיוו, און נוצן בעסער אויס יעדן ברעקל באָדן, די הייזער זיינען שענערע, באַקוועמערע, מערסטנס פריש אָפּגעפאַרב־טע, אויף די פענצטער־גאַרדינען און וואַזאָנעס, אַרום די הייזער — גערטנער און סעדער.

די שטעט מאַכן שוין גאָר אַ גוטן איינדרוק: ריין, שיין, די גאַסן גלייכע, די הייזער ווייזן אויף דעם גוטן געשמאַק פון די בויער. אַלץ איז דאָ מיט אַ סיסטעם, מיט אַ פּלאַן. ער רוקן זיך אַרויס אין דער הויך אַ סך קוימענס פון פאַבריקן, די אַרבעטער גייען שיין און גוט אָנגעטאָן, דער אויסזען דרייס־טער, דער קוק אַ גלייכער, דער פּנים אַן אָפענער. נישט ווי ביי אונדז אין דער צאַרישער רוסלאַנד...

איך באַקען זיך מיט מײנע מיטרײזנדע, מערסטנס יידן פון רוסלאַנד. כמעט אַלע פון זײ פאָרן אין אַמעריקע. אײניקע פאָרן אין אַפריקע, אַנדערע פאָרן, װי איך, קײן לאָנדאָן. זײ דאַרפן דאָרט װאַרטן אויף די שיפסקאַרטן און אויף געלט. עס פאָרן אַלט, יונג און קינדער, עס פאָרן, פרויען צו זײערע מענער, קינדער צו זײערע עלטערן און מײדלעך צו זײערע חתנים. אויף אַלע־מען איז אויסגעגאָסן זײער אָרימקײט, זײערע צרות, זײער אונבאַהאָלפנקײט. אַלע זײנען אָנגעשטרענגט, אַלע זײנען פאַרזאָרגט, און אַלע לעבן דורך אַ שװערע אָפּקומעניש, מען זיצט אויף די זעק און מען קרעכצט. איך רײד זיך פאַרנאַנדער מיט אײניקע און זײ דערצײלן מעשיות פון קבצנישן לעבן. נישטאָ קײן אַרבעט, מען קען קײן גראָשן נישט פאַרדינען, מען כאַפּט אַרויס דעם לעצטן ביסן פון מויל. ס'איז דערגאַנגען צו דעם, אַז כאַטש װאַרף זיך אַרײַן אין װאַסער. האָט אַ קרוב זײערער, געשיקט געלט אָדער שיפסקאַרטן, און אַ פּאָר דאָלער. װאָס דאָרטן װעט זײַן, װײסן זײ נישט. נאָר זײ האָפן אויף בעסערס, װײל ערגער װי אין זײער קלײן שטעטל קען שוין נישט זײַן. אפשר װעט גאָט העלפן.

איך האָב רחמנות אויף זײ אַלעמען, אַזש דאָס האַרץ װערט צעריסן. און אײן גרויסע שרעק לעבן איבער אַלע: צי װעט מען זײ אַרײנלאָזן אין אַמעריקע? און דער שרעק לאָזט זײ נישט אָפּ דעם גאַנצן װעג. אַ שוידערלעך בילד שטעלט מיט זיך פאָר אונדזער געפּאַקטער װאַגאָן מיט אַזוי פיל אומ־גליקלעכע, צעבראָכענע, שרעקנדיקע יידן, װאָס זײנען פאַרמשפּט דורכצומאַכן די פאַרפלוכטע, עמיגראַציע פון רוסלאַנד קײן אַמעריקע.

מיר פאָרן איבער דער ברײט פון דײטשלאַנד פון מזרח צו מערב. מיר שנײדן דורך גאַנץ צפון אײראָפּע, מיר פאָרן צום צפון ים, װאָס װאַשט די ברעגן פון מערב דײטשלאַנד און מזרח ענגלאַנד. די באַן לויפט די גאַנצע צײט צו דער שטאָט ברעמען, װאו איך װעל דאַרפן נעמען אַ שיף, װאָס זאָל מיך דערפירן צו לאָנדאָן. און די גאַנצע צײט דריקט עס אויף מײן געמיט. די אַלע נעמען פון שטעט און שטעטלעך, פון די טײכן, איבער װעלכע אונדזער באַן לויפט, אויף די בריקן, זײנען מיר זײער באַקאַנט פון דער גע־שיכטע פון יידן אין אײראָפּע. דאָ אומעטום אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן, האָט זיך טײכנװײז געגאָסן יידיש בלוט, דאָ האָבן זיך די דײטשן באַגאַנגען אויפן גרויזאמסטן אויפן מיט מײנע ברידער יידן. דאָ האָט מען געשאָכטן געברענט יידן. דאָ זײנען מאַסן יידן געפאַלן אין די פּאָגראָמען. פון אומע־טום האָט מען די יידן אומצײיליקע מאָל אַרויסגעטריבן, אויסראַבירנדיק פריער זײער האָב און גוטס. און די אָרימע יידן, נישט האָבנדיק מיט װאָס אַ טאָג דורכצוקומען, זײנען געצװוּנגען געװען צו נעמען די שטעקנס אין די הענט

און צו זוכן אַ נייע שטיפּהיים, ווו מען זאָל כאָטש קענען פאַר אַ קורצער צייט אָפּרוען, אַוועקטרייבן די געשפּענסטער פון טויט שרעק. אָט פאָר איך דורך שטעט ווו גאַנצע יידישע קהלות זיינען אַמאָל געשטאַנען אונטער אַן אולטימאַטום צווישן אָננעמען קריסטנטום אָדער אויסגעשאָכטן ווערן. און די יידן האָבן אויסגעקליבן בעסער דעם טויט. און אָט פאָר איך דורך שטעט, ווו יידן מיט הונדערטער יאָרן צוריק ווייסנדיק, אַז מען וועט זיי אויס־הרגענען, האָבן בעסער באַשלאָסן זיך אַליין צו נעמען דאָס לעבן און זיי האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אין אַ שול, אַלע אָן אַן אויסנאַם: מענער, פרויען, אַלטע, יונגע, אַפילו די קליינע קינדער און איינע די אַנדערע האָבן געשאָכטן און דער לעצטער האָט זיך געשאָכטן דער אַלטער רב אַליין. מיט די דערי־נערונגען פאָר איך דורך די אַלטע דייטשישע שטעט בראַנדענבורג, מאַגדעב־בורג, בראַנזוויק, די פרייע שטאָט האַנאָווער, לינדען, נירענבערג און הונ־דערטער אַנדערע. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זע אומעטום דאָס יידיש בלוט, אַז איך הער פון אומעטום די פאַרצווייפלטע ווויי-געשרייען פון די פאַרפּייניקטע יידן. קיין פאָלק אין דער וועלט איז נישט געווען צו אונדז אַזוי מערדעריש און רויבעריש, ווי דאָס דייטשישע. און דאַן מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק, וואָלט איך זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַז ס'וועט קומען אַ היטלער און אומברענגען כמעט אַלע דייטשישע יידן. איך טראַכט פון ברעמען, וווהין די באַן פירט אונדז. ברעמען איז אויך געווען אין די אַמאָליקע יאָרן אַ „פרייע שטאָט" מיט אַן אייגענער זעלבסט רעגירונג, נאָר איז כמעט אַלע מאָל געווען פאַרשלאָסן פאַר יידן, וועלכע מען האָט אַהין נישט אריינגעלאָזן, יידן האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו נעכטיקן דאָרט מער ווי איין נאַכט און דערפאַר האָבן זיי געדאַרפט צאָלן דער פרייער שטאָט רויבערישע צינזן. נאָר אין באַשטימטע טעג פון יאָר האָבן זיי געמעגט זיין אין ברעמען, אין די טעג ווען עס איז געווען אַ מאַרק צי אַ יאַריד און די ברעמענער האָבן זיי דאַן דערלויבט צו האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן, אָבער דערפאַר האָבן זיי געמוזט טייער צאָלן, אַזוי אַז פון די יידישע פאַרדינסטן איז זיי ווייניק וואָס אַנגעקומען. און ווען אַ גרופּע פון אַ פאָר הונדערט יידן האָט זיך גראַדע יאָ איינגעגעבן אין אַנהייב פון אַכצענטן יאָר הונדערט אריינרייסן זיך פאַר גאָר אַ שיינעם פּרייז אין ברעמען, האָט מען זיי אין 1808 אויפן גרויזאַמסטן אויפן אַרויסגעטריבן. ווען נאַפּאָלעאָן האָט מיט זיין אַרמיי אָקופּירט ברעמען האָבן זיך דאָרט באַזעצט אַ דרייסיק יידישע פאַמיליעס, האָבן זיי די ברעמענער, ווען זיי זיינען פריי געוואָרן פון די אָקופּאַנטן, ווידער אַרויסגעטריבן. ערשט אין דעם רעוואָלוציאָנערן 1848־טן יאָר האָט זיך דאָרט באַזעצט אַ קליינע גרופּע יידן. אָבער זיי האָבן קיין בירגערלעכע, נאַציאָנאַלע

און רעליגיעזע רעכט נישט געקראָגן און די ייִדישע לאַגע איז געווען אַזאַ קלאָגעדיקע, אַז ייִדן האָבן נישט געאײַלט זיך דאָרט צו באַזעצן. ערשט אין יאָר 1876 האָבן די ייִדן געקראָגן אַ מעגלעכקייט עפֿענען אָפֿיציעל אַ שול צום דאַוונען.

אָבער אין גאַנץ דײַטשלאַנד, אין די נישט פֿרײַע שטעט איז די לאַגע געווען טויזנטער מאָל ערגער. דער צאַרסקער רעזשים וואָלט דאָך דאַן גע־ווען פּשוט אַ גליק פֿאַר די דײַטשישע ייִדן. די הײַנטיקע דײַטשלאַנד איז דאַן געווען צעריסן אין קלײנע מלוכהלעך, איבער וועלכע עס האָבן געהערשט די פֿאַרשײדענע פּירשטן, וועלכע זײַנען זיך באַגאַנגען ווי מערדער צו די ייִדן, זיי האָבן קאָנטראָלירט דאָס ייִדיש לעבן, אַרויסגעגעבן שענדלעכע גע־זעצן קעגן ייִדן, קאָנטראָלירט די ייִדישע חתונות, אַפֿילו וויפֿל קינדער ייִדן מעגן האָבן, האָבן זיי באַרויבט פֿון אַלע באַשעפֿטיקונגען פֿון וועלכע די ייִדן וואָלטן געקענט ציִען זייער חיונה. די ייִדן האָבן געלעבט אין די געטאָס אין אַ שוידערלעכער אָרימקייט, שטיקעניש, שמוץ און שטענדיקן הונגער. אסור אויב איך קען פֿאַרשטײן, ווי האָבן דאָס די ייִדן געקענט אויסהאַלטן אין פֿאַרלויף פֿון הונדערטער יאָרן. מיר זײַנען דאָך באַהאַנדלט געוואָרן טויזנ־טער מאָל ערגער ווי שקלאַפֿן. און זיי זײַנען דאָס געווען אונדזערע שקלאַפֿן טרײַבער, זיי די דײַטשן, וואָס זײַנען געווען האַלב ווילדע, וואָס האָבן געוווּסט בלויז פֿון פֿרעסן, זויפֿן, זעלטן ווער פֿון זיי האָט געקענט לײענען, שרײַבן. אַפֿילו זייערע גאָטסדינער האָבן דאָך נישט געוווּסט, וואָס אין זייערע הייַ־ליקע ספֿרים איז געשריבן, אָדער געדרוקט. זיי האָבן קײן באַגריף נישט געהאַט פֿון מאָראַל, מענטשלעכקייט. און די ייִדן זײַנען דאָך אַלס מענטשן געשטאַנען מיט טויזנט קעפּ העכער פֿון זיי. יעדעס קינד איז געגאַנגען אין חדר, האָט זיך געלערנט, ייִדן האָבן פֿאַרמאָגט אַ סך ישיבֿות, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט העכערער ייִדישער רעליגיעזער בילדונג, מיט העכערע מאָ־ראַלישע באַגריפֿן, האָבן הויך געשאַצט דאָס לעבן פֿון אַ מענטשן, האָבן אויסער דעם געלערנט מאַטעמאַטיק, מעדיצין, אַסטראָנאָמיע.

און זיי, די גראָבע יונגען, האָבן דאָס געוועלטיקט איבער אונדז, האָבן אויף אונדז געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ, האָבן געפֿירט אַ פּאָליטיק פֿון אויסראָטן אונדז. און דאָס איז דאָך געווען נישט נאָר אין דײַטשלאַנד אַלײן. נאָר איבער דער גאַנצער ברייט און לענג פֿון אייראָפּע, ווו ערגער און ווו אַביסל בעסער. אייראָפּע — דער וועלט טייל פֿון ציוויליזאַציע! און עס ווילט זיך לאַכן. נישט אַזיע און נישט אַפֿריקע זײַנען געווען אַזוי ברוטאַל, אַזוי בלוטדורשטיק, אַזוי בעסטיאַליש צו אונדז ייִדן, ווי אייראָפּע. אין מענטשלעכקייט איז אַלע מאָל אייראָפּע געשטאַנען נידעריקער פֿון די אַנדערע וועלט טיילן. די געשיכטע פֿון דער קריסטלעכער אייראָפּע איז אַ געשיכטע פֿון מלחמות, פֿון שוידער־

לעכע בלוט פאַרגיסונגען, פון האַס, פון פאַרוויסטונגען, פון מערדערייען אין דעם ברייטסטן פאַרנעם. פון אויסראָטן מיליאָנען, פון פאַרוויסטן און אויסשעכטן כמעט גאַנצע לענדער און פעלקער. און די ערשטע, וואָס האָבן געליטן פון די אַלע קאַטאַסטראָפעס, זיינען געווען מיר, די שוואַכסטע פון די שוואַכע.

עס קומען אַריין אין אונדזערע וואַגאָנען די קאָנדוקטאָרס און מיך באַ־לייִדיקט זייער שטאַרק זייער האַלטונג צו אונדז, אַזוי ווי זיי וואָלטן געפירט בהמות, רעדן צו אונדז באַפעלעריש ווי שקלאַפן הענדלער צו זייערע שקלאַפן, און זיי קוקן אויף אונדז ווי אויפצוער איבער טורמעס אויף זייערע אַרעסטאַנ־טען, און ווי מען היט אונדז, ווען מיר גייען אַראָפּ אויף די סטאַנציעס, אָדער מיר שפּאַצירן איבער די שטעט, ווו אונדזער באַן שטעלט זיך אָפּ אויף אַ לענגערער צייט...

ניין, טראַכט איך, נישט אין אייראָפּע איז אונדזער צוקונפט, נישט אין אייראָפּע וועלן מיר געפינען אַ היים, ווו מיר זאָלן קענען לעבן אַזוי, ווי מיר אַליין ווילן. אין דער ערשטער ריי מוזן מיר פאַרלאָזן די קריסטלעכע וועלט. מיר מוזן אויף דאָס ניי אָנהייבן בויען אונדזער אייגן לעבן אויף אַ באַ־זונדער טעריטאָריע, און טאַקע אָנהייבן גאָר פון אָנהייב. שאַפן אַ פויערים קלאַס, באַאַרבעטן אונדזערע פעלדער, סעדער, גערטנער, גראָבן ברונעמס, דורכפירן וועגן, בויען דערפער, קאָלאָניעס, אויפשטעלן אונדזערע פאָליטישע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס און דאַן וועלן מיר שוין וויסן, ווי צו קעמפן פאַר אונדזער זעלבסטשטענדיקייט, פאַר אונדזער איינגעאָרדנטן לעבן. מירן פאַר קיין פאַל צוריק נישט גיין אין פאַרהאַסטן גלות...

אָט זיינען מיר שוין אָנגעקומען אין ברעמען. עס איז געווען פאַר אונדז אַ העכסט איינגענעמער סופּריז: אונדז האָט באַגעגנט אַ קאָמיטעט פון דער ווילטעטיקער אָרגאַניזאַציע „עזרה". די באַגעגנער האָבן געטראָגן היט־לען מיט אַ בלעכל פון פאַרנט אויף וועלכער ס'איז געווען די אויפשריפט אין העברעיש: „עזרה". די עזרהניקעס דערקלערן אונדז, אַז זייער אויפגאַבע איז מיט ראַט און טאַט אַרויסהעלפן די יידישע עמיגראַנטן, וואָס פאָרן אין אַמעריקע. אויך דערקלערן זיי אונדז, אַז דאָ שטייען זייערע אַ פּאָר וועגענער פאַר אונדזער באַגאַזש. זאָלן אַלע פון אונדז צוטראָגן זייערע פּעק צום וואָגן. דאָרטן האָט מען דעם באַגאַזש צוגענומען און פאַרצייכנט וועמעס ער איז און אַריינגעלייגט אין וואָגן. און איצט, זאָגט איינער פון זיי, וועלן מיר אַלע צוזאַמען גיין צום עמיגראַנטן האָטעל. און מיר זיינען אַוועק מאַרשירן ווי סאָלדאַטן איבערן שטאָט. מיר זיינען דאַן טיף דאַנקבאַר געווען די חברה פון „עזרה". פאַרשפּאַרט אונדז אַזוי פיל מי און אומאַנגענעמלעכקייטן. גיי, זוך

אין אַ פרעמדער גרויסער שטאָט ווו צו עסן, טרינקען, שלאָפן און נאָך מיט די פעק אויף די פּלייצעס.

איך, כאָטש איך פאָר נישט אין אַמעריקע, מאַך דורך מיט אַלעמען די זעלביקע פּראָצעדורע און איך גיי מיטן גרויסן עולם עמיגראַנטן איבער די גאַסן פון ברעמען צום עמיגראַנטן הויז. וועלכער האָט געטראָגן שוין גאָר אַ וואַזשנעם נאָמען „האָטעל". אין דעם „האָטעל" זיינען נישט געווען קיין האָטעל צימערן, נאָר עס זיינען געווען אייניקע אויסערגעוויינלעך גרויסע צימערן מיט דרייגאָרנדעקע בעטן און אין יעדן צימער האָבן געמוזט זיין אַ הונדערט פלעצער צום שלאָפן. דעם ערשטן איינדרוק מאַכט דער האָטעל פון אַ גרויסן הקדש, ווו עס געפינען זיך אַ דריי־פיר הונדערט אָרימע מע־נער, פרויען ,יונגע לייט, מיידלעך און קינדער. אַ שרעקלעכער טומל. אַלע רעדן, דערציילן פון זייער רייזע, וועגן זייערע נאָענטע אין אַמעריקע, און די וואונדער פון די גרויסע שטעט, וועלכע זיי זיינען פאַרבייגעפאָרן.

אַלע זיינען אָנגעשראָקענע. דער האָט שוואַכע אויגן, דער האָט טראַכאָ־מע, ביי אַנדערע פילט זיך אַ קינד נישט אַמבעסטן, ביי אַ סך פעלן געלט און זיי אַלע זיינען אין טויט שרעק, צי מען וועט זיי אַריינלאָזן אין אַמעריקע. אַ סך זיינען אומרויק, אויב אַפילו אַלץ זאָל שוין זיין אין אָרדענונג, צי וועלן די אַמעריקאַנער קרובים קומען אין „קעסטל גאַרדן" זיי אָפּנעמען. און אַלע זיינען פאַרזאָרגט, פאַרצווייפלט, פאַרפולט מיט האַרץ ווייטאָק.

ביים האָטעל איז דאָ אַ בופעט פאַר די עמיגראַנטן. מען געפינט דאָרט די אַלע מאכלים וואָס עס האָבן ליב די ליטוואַקעס, די פּוילישע, די רומענישע יידן. אָבער זעלטן עסט מען דאָרט — מען זשאַלעוועט די פאַר פעניק. סיידן עמיץ האָט נאָך אַ פאַר איבעריקע דאָלער, אָדער אַ קאַוואַליער איז מכבד זיין פריילין, אָדער אַ קינד האָט זיך צעוויינט — עס וויל עפּעס פון די גוטע זאַכן, וואָס זיינען דאָ אויפן בופעט.

עסן גייט דער עולם אין דער ביליקער קיך פון דער חברה „עזרה".

כאָטש ברעמען פאַרמאָגט מער פון טויזנט יידן, זעען מיר דאָרטן קיי־נעם נישט פון זיי. קענטיק עס פּאַסט זיי נישט האָבן צו טאָן מיט די יידן פון מזרח, ס'איז אונטער זייער ווירדע. עס קומען בלויז אַריין די פאַר „עזרה מענטשן" און דער ברעמענער רב, גראָדע זייער אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן.

איך האָב זיך מיטן רב אַביסל באַפריינדעט. מיר פאַרברענגען אָפּט. דאַכט זיך מיר, אַז זיין נאָמען איז געווען ד"ר ראָזענאַק. ער גיט זיך אַ סך אָפּ מיט די יידישע עמיגראַנטן און העלפט זיי אַרויס מיט וואָס נאָר ער קען. און דאָס איז געווען איינע פון די דאַנקבאַרסטע אַרבעטן. אַ זייטיקן מענטשן איז שווער צו פאַרשטיין, ווי די עמיגראַנטן האָבן זיך גענויטיקט אין אַ גוט וואָרט, אין אַ טרייסט וואָרט, אין אינפאָרמאַציע, אַביסל הילף, איז

באַרואקין זייערע נערוון, אין צוגעבן זיי מוט... אין דעם זין איז זיין טעטי־קייט געווען אַ הייליקע.

שוין גאָר אַ גרויסע הילף פאַר די עמיגראַנטן איז געווען דאָס באַזאָרגן די מערסטע פון זיי מיט ביליקן עסן און אַ טייל פון זיי מיט די פרייע עסנס. ביי די מערסטע זיינען די געלט געציילטע, בלויז אויף דער רייזע, און ווען עס פעלט אויס אַ פאַר דאָלער, קען מען בלייבן שטעקן אין מיטן וועג און פאַר דעם האָבן די עמיגראַנטן מורא מער ווי פון אַלץ.

איך האָב געדאַרפט וואַרטן איניקע טעג אויף מיין שיף, וואָס וועט מיך פירן אין ענגלאַנד, האָב איך זיך פאַר דער צייט כמעט מיט אַלעמען באַקאַנט. מען דאַרף דאָרט נישט פאַרשטעלן איינע פאַר די אַנדערע. עס איז נישטאָ קיין עטיקעט צו באַקאַנען זיך. אַלע ריידן איינע מיט די אַנדערע אָן קיין שום פאַרשטעלונגען. עס רעדט זיך אַליין פון זיך. מען גייט צוזאַמען אָנקוקן די שטאָט, מען גייט צוזאַמען אין פאַרטיעס עפּעס איינקויפן, מען גייט אין גרויסע פאַרטיעס צוזאַמען עסן מיטאָג אָדער אָוונט ברויט. מען שטייט אויף צוזאַמען, מען וואָשט זיך צוזאַמען, און אַלע מאָל רעדט מען צו־זאַמען. און יעדער האָט ליב צו דערציילן פון זיינע צרות, פון זיין שוואַרצן דעם גרענעץ, פון זיין רייזע איבער אייראָפּע, פון זיינע באַגעגענישן. יעדער איינער איז צופרידן צו העלפן זיין ברודער עמיגראַנט, מיט עפּעס אים דינען און טיילן זיך מיט אים מיט זיין לעצטן ביסן.

די מערסטע מענער פאָרן אָן זייערע פרויען און קינדער און זיי זיינען מער פון אַלעמען באַזאָרגט. איבערגעלאָזן די פרויען מיט די קינדער אין דער היים אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה אין די ערגסטע אומשטענדן. אמת זיי וועלן געוויס קריגן אַרבעט אין אַמעריקע, זיי וועלן שפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, וועלן מיט דער צייט צונויפקלייבן אויף אַראָפּצוברענגען זייערע נאָענטסטע אין אַמעריקע, אָבער מיט וואָס וועלן זייערע טייערסטע לעבן ביז דאַן? דערפאַר זיינען גליקלעך די פרויען מיט די קינדער, וואָס פאָרן צו זייערע מענער און פאָטערס. ס׳זיינען אויך דאָ איניקע חתנים און כלות, און איניקע כלות, וואָס זייערע חתנים ברענגען זיי אַראָפּ אין אַמעריקע, כדי מיט זיי חתונה האָבן. אָבער די מערסטע זיינען יידישע יונגע לייט און מיידלעך, וואָס האָבן כמעט קיינעם נישט אין אַמעריקע. אָבער זיי טרוימען פון אַמעריקע, וועלכע וועט זיי אויסלייזן פון דעם מיזעראַבלען לעבן פון אייראָפּע. די עמיגראַציע איז אַ סטיכישע און אַ כאַאָטישע, און צוליב דעם איז זי אַזאַ טראַגישע, אַ האַרצרייסנדיקע. און מיר ווונדערט פאַרוואָס די בעסערע עלעמענטן פון די יידן אין די לענדער, פון וואַנען עס פליסט די עמיגראַציע האָבן זיך נישט אָרגאַניזירט, זיך נישט פאַרבונדן

מיט די יידן פון די לענדער, וווהין די עמיגראַנטן קומען אַריין, כדי צו פאַרלייכטערן די אומגליקלעכע עמיגראַנטן זייער רייזע און דערנאָך זייער איינאָרדנונג אין די לענדער פון אימיגראַציע. דאָס וואָלט אין יענער צייט געווען איינע פון די אידעאַלסטע טעטיקייטן...

יעדער איינער פון די עמיגראַנטן איז פון אַן אַנדער שטאָט, פון אַן אַנדער לאַנד. אָבער אַלע לויפן פון נויט, צרות, אונטערדריקונג, פון אַ לעבן, וואָס זאָגט גאָרנישט צו פאַר דער צוקונפט. די רוסישע יידישע יוגנט אַנטלויפט פון דער צאַרישער רוסלאַנד, ווו זייער לאַגע איז אויסזיכטלאָז, זי אַנטלויפט פון דער מלחמה, וויל נישט קעמפן פאַר דער צאַרישער רוס־לאַנד און אַ קליינער טייל אַנטלויפן אַלס פּאָליטישע. זיי ווילן נישט זיצן אין די צאַרישע טורמעס.

שרעקלעך איז מיט די קינדער. זיי זיינען עפּעס אַלעמאָל אָנגעשראָקן, נערוועז פון נישט נאָרמאַלער דערנערונג און נישט נאָרמאַלן שלאָפן. זיי וויינען, אַלעמאָל אַנדערע רייסן זיך אויף די העכסטע טענער. זיי זיינען אויס־געדאַרט, די אייגעלעך פול מיט שרעק, לויפן אין אַלע זייטן. דער וועג מאַטערט זיי שרעקלעך אויס. די מוטערס מוזן שטענדיק האַלטן די קינ־דער לעבן זיך און זיי ווערן אויך אויסגעמאַטערט אויפן העכסטן גראַד. די מוטערס שלאָגן זיי, וויינען די קינדער נאָך מער.

און אַלע דערוואַרטן עפּעס. דער וואַרט אויף דער שיף, דער אויף בריוו, כמעט אַלע אויף געלט פון אַמעריקע. מען שרייבט בריוו, מען שיקט טעלעגראַמעס, אַז מען זאָל זיי אַרויסהעלפן מיט אַ ביסל געלט, אויב נישט האָבן זיי נישט קיין מעגלכעקייט די רייזע פאָרצוזעצן. און יעדער איבערי־קער טאָג אין וואַרטעניש, איז אַן אייביקייט. און יעדן טאָג קומען צו נייע עמיגראַנטן, יעדערער מיט זיין פּעקל און יעדן טאָג פאַרלאָזן די גליקלעכע די שטאָט ברעמען און די נייע פריינד באַגלייטן זיי צו דער שיף. און אין עמיגראַנטן־הויז איז אַן אייביקער הו־האַ. שטענדיק אַ געשריי, אַן איי־לעניש, אַ געוויין, אַ זוכעניש. יידן דאַוונען מיט אָנגעווייטיקטע הערצער, יידן קלאָגן, יידן וויינען. מען רעדט, מען שרייט, מען זעגנט זיך, מען בעט די אַוועקפאָרנדיקע זיי זאָלן אויפזוכן זייערע קרובים און איבערגעבן זיי אין וואָס פאַר אַ לאַגע זיי געפינען זיך, זיי זאָלן גלייך צושיקן נאָך געלט. מען זאָל נישט פאַרגעסן ח"ו זיי באַגעגענען ביי דער שיף און אָראָפּנעמען.

איך כאַפּ זיך אַרויס אָפט דורכשפּאַצירן זיך איבערן שטאָט. ברעמען איז אַ טיפּיש דייטשישע שטאָט. ריין, די גאַסן ברייטע, אָפט זעסטו פּאַרקן, סקווערן, אויף די גאַסן לויפן טראַמווייען, די דייטשן רויקע, אָנגעפרעסענע. די ביר הייזער און קאַפעטעריעס זיינען געפּאַקט. עס וואַרפן זיך אין די

אויגן די גרויסע שווערע פערד מיט זייערע גראָבע פיס, וועלכע פירן פו־נאַנדער די פעסלעך ביר.

איך גיי אַריין אין שול. קיין אויסערגעוויינלעכעס געפין איך דאָרטן נישט. דער רב דערציילט מיר, אַז ברעמען פאַרמאָגט אַלטע יידישע מאַ־נוסקריפטן, וועלכע זיינען שוין גאָר אַ גרויסע זעלטנהייט און זייער ווערט איז נישט אָפּצושאַצן. אָבער זיי, די מאַנוסקריפּטן, זיינען אויך אין גלות. איך געדענק שוין נישט וואו — אין אַ קלויסטער, צי אין אַ מאָנאַסטיר.

ברעמען, אויף דריי הונדערט טויזנט איינוווינער, פאַרמאָגט אין גאַנצן אַ טויזנט יידן, צו וועמענס קרעדיט מען קען צושרייבן זייער שיינעם ביי־טראָג פאַר הילף די יידישע עמיגראַנטן.

די ברעמענער יידן זיינען אַסימילירט. אין גאַס איז זיי גאָר שווער צו דערקענען, זיי זעען אויס ווי פולבלוטיקע דייטשן, און אַלס אַזעלכע האַלטן זיי זיך. איבערגענומען די דייטשישע קולטור, קליידונג, אַרט פון לעבן. זיינען גוטע פאַטריאָטן און דער קייזער איז ביי זיי דאָס אויבערשטע פון שטויסל... אָבער אַזוי זיינען דאָך כמעט אַלע יידן אין דייטשלאַנד. אַ צו טייערן פרייז צאָלן זיי פאַר זייערע צייטווייליקע רעכט צו וווינען אין דייטשלאַנד און געניסן פון די אַזוי גערופענע רעכט.

ברעמען אַליין איז אַן אַלט דייטשישע שטאָט ביי די ביידע ברעגן פון טייך וועזער. די גרעסטע שיפן פון די אָקעאַנען קענען צוקומען צו דער שטאָט. און אַ דאַנק דעם קען ברעמען פירן איר אויסלענדישן האַנדל מיט אַלע וועלט טיילן. די שטאָט באַשטייט פון פיר טיילן: אַלט־שטאָט, פאָר־שטאָט, ניישטאָט און זיד־שטאָט. אַלט־שטאָט האָט מען איבערגעבויט, נאָר עס זיינען נאָך פאַרבליבן אַ סך אַלטע הייזער, וועלכע מען האָט ספּע־ציעל איבערגעלאָזן, ווי דאָס אַלטע ראָטהויז, געבויט אין 15־טן יאָרהונ־דערט, קאַטעדראַל סאַן פּעטער, פון 12טן יאָרהונדערט און אַנד.

שיפן גייען פון ברעמען מיט אייראָפּעאישע סחורות איבער דער גאַנ־צער וועלט. ברעמען איז אַ גרויסע האַנדל שטאָט און שיקט אַרויס אַ סך טאַבאַק, ציגאַרן, טעקסטיל, צוקער. עס גייען דורך ביז 4000 שיפן אַ יאָר.

קאַפּיטל 27

דאָס ערשטע מאָל אויפן ים

איך האָב שוין געזען פליטן מיט האָלץ איבער דעם טייך ניעמאַן, איך האָב געזען שיפלעך איבער דעם טייך ווייסל, אָבער אין ברעמען האָב איך צוערשט דערזען שיפן, וואָס קורסירן איבערן ים. צו יענער צייט האָבן זיי מיר אויסגעזען ווי ריזן־שיפן. ברעמען געפינט זיך ווייט פון ים, ביי דעם טייך וועזער, וואָס פאַלט אַריין אין צפון ים. אָבער דער טייך איז אַזוי ברייט און טיף, אַז איבער אים קענען גיין גרויסע שיפן. און כדי צו קומען אין לאָנדאָן, מוז איך אַהין פאָרן מיט אַ שיף. דאָס אינטערעסאַנטסטע אין ברעמען איז פאַר מיר געווען דאָס הערן וועגן פאָרן איבערן ים מיט אַ שיף. דאָרטן זיינען געווען אַזעלכע יידן, וואָס זיינען שוין געווען אין אַמע־ריקע אָדער אין אַפריקע און די יידן האָבן גראַדע זייער ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זייערע רייזעס איבער די אָקעאַנען. און וואָס מער איך האָב געהערט די מעשיות, אַלץ מער האָב איך זיך געשראָקן. גאָר אַ קליי־ניקייט, אין ים זיינען די כוואַליעס, אַזוי ווי הויכע ווענט. זיי קלאַפּן אין די ווענט פון שיף ווי מיט אַ האַק, די ים קרענק מוטשעט אַלעמען אויס און מען איז אַזוי קראַנק, אַז מען קען נישט אויפהויבן דעם קאָפּ. און שטענדיק נודיעט אַזוי, אַז מען קען זיך נישט צורירן צו די עסנס. און אַרום שיף יאָגן זיך גרויסע פיש, די גרויס אפשר ווי פון אַ לויתן. און אַז זיי עפענען אויף אַ מויל, קענען זיי גרינג דערשלינגען אַ גרויסן מענטשן.

און איך דאַרף זיך דאָס לאָזן אין אַזאַ געפערלעכער רייזע, וועלכע דאַרף געדויערן פיר טעג און פיר נעכט!

און עס איז געקומען מיין צייט אויך. איך האָב איינגעפּאַקט מיינע בעביכעס און מיט די בויטיקע פּאַפּירן אין האַנט זיך אַוועקגעלאָזן צום פּלאַץ, פון וואַנען מיין שיף דאַרף אָפּגיין. צוגעקומען צום פּלאַץ און „מיין" שיף האָט מיך איבערראַשט מיט איר ברייט און לענג. און אַרום שיף איז לעבעדיק. עס שטייען הונדערטער פּאַסאַזשירן מיט די פּעק אויף די פּליי־צעס. מען שרייט, מען קאָמאַנדעוועט, מען טראָגט, מען שלעפּט, די מאַט־ראָזן אַרבעטן ווי בינען, די פּאַסאַזשירן גיבן איבער דעם באַגאַזש, נישט

מער דאָס נויטיקסטע לאָזן זיי איבער מיט זיך. איך גיי אַרויף אויף דער שיף. מען באַטראַכט מיינע פּאַפּירן און מען ווייזט מיר אָן מיין פּלאַץ אין דריטן קלאַס. ס'איז פייכט, פינצטער, עס הערט זיך אָן אומאַנגענעם גערוך. מיין געלעגער איז צווישן אַנדערע צוויי, איינעמס איז אונטער מיר און דעם צווייטנס איז איבער מיר. און גראַדע ביידע זיינען קריסטן, דייטשן.

אונדזער שיף פאַרלאָזט דעם ברעג און צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן פאָר איך אין אַ שיף. מען קען נישט זאָגן, אַז די ערשטע רייזע איבערן ים איז געווען אַ באַקוועמע. מיט מיר האָבן זיך געפונען אַ פּאָר הונדערט עמיגראַנטן און ס'איז געווען זייער ענג. אַלע בעטן זיינען געווען פאַרנומען. ס'איז געווען שווער זיך אויסצוטאָן און אָנטאָן, ווייל די אויבערשטע בעטל איז מיר געשטאַנען אין וועג. און ווי נאָר איך האָב זיך אַ הויב געטאָן, האָב איך אָנגעקלאַפּט מיין קאָפּ. די פּאַדלאָגע איז אַלע מאָל געווען נאַס און גליטשיק. די שיף האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן און עס איז געווען אַ געפאַר צו גיין איבער איר. דערפאַר איז אויף אונדזער אויבערדעק געווען ליכטיק, פריש. און מיר פלעגן אַלעמאָל זיין אין דער הויך. אויבן טאַקע האָב איך זיך באַקאַנט מיט אונדזער עולם. די מערסטע עמיגראַנטן זיינען געווען קריסטן, דוכט זיך פון אַלע לענדער פון אייראָפּע. דאָך איז די מערסטנס גערעדטע שפּראַך געווען יידיש. כמ־עט אַלע אויסער די יידן זיינען געווען ערד־אַרבעטער. דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט די פאַרשידענע סלאַווישע שפּראַכן: בולגאַריש, טשעכיש, סלאָוועניש, סערביש און אַנדערע. אויך זיינען געפאָרן מיינע לאַנדסלייט — רוסן און פּאָלאַקן.

עסן האָט מען אונדז געגעבן פון דאָס ערגסטע, כמעט ווי אין אַ רוסישער קאַזאַרמע. די מערכטע יידן האָבן זיך אָנטזאָגט פון עסן, זיי האָבן גענומען בלויז הערינג, ברויט, טיי און אַמאָל אייער.

מיר זיינען שוין אַרויס פון דעם טייך וועזער און מיר פאָרן שוין איבערן צפון־ים. די כוואַליעס הויבן זיך העכער, קלאַפּן זיך אָפּ אין אונדזער שיף שטאַרקער. מיר דערפילן דעם ריח פון ים, וועלכער מאַכט אַ סך פון אונדז איבלען, און עס באַווייזן זיך די ערשטע קרבנות פון דער ים־קראַנקהייט. אויך די פּאַנאָראַמע איז אין גאַנצן אַן אַנדערע: מיר זעען נישט קיין לאַנד, נאָר בלויז וואַסער אונטער אונדז און דעם הימל איבער אונדז. און וואָס ווייטער מיר פאָרן אין ים אַריין ווערן אַלץ מער פּאַסאַזשירן קראַנק. דער עולם ברעכט, מען קרעכצט, די מערסטע ליגן אין די בעטן און רירן זיך נישט צו צו די עסנס. אָבער איך פיל זיך גוט, אויפגעלייגט. האָב אַ גוטן אַפּעטיט און לאָז נישט דורך קיין איין מאָלצייט. איך בין מערסטנס אין דער הויך, האָב ליב צו זען ווי אונדזער שיף שווימט איבערן וואַסער,

מיר געפעלט צו קוקן אויפן ים, מיר געפעלן די גרויסע פיש, וואָס מיר טרעפן אויפן וועג. און ביינאַכט האָב איך ליב צו זען ווי די שיף לאָזט נאָך זיך אַ ווייסן וועג, איך האָב ליב צו זען די פייערלעך אין די כוואַליעס. אַלץ איז פאַר מיר ניי און אינטערעסאַנט. און די מאַשינען אין בויך פון שיף זיינען אַזעלכע גרויסע און אַזעלכע וווּנדערלעכע און אַרבעטן מיט אַזאַ קראַפט און אַזאַ אימפּעט, אַז איך קען די אויגן פון זיי נישט אַראָפּנעמען. און דאָרטן אויבן, גאָר אין דער הויך, זיצט דער קאַפּיטאַן און גיט זיינע פאַראָרדנונגען. און די מאַטראָזן זעען מיר אויס ווי וווּנדערמענטשן. דער דריטער טאָג פון דער רייזע איז געווען דער ערגסטער. אַן אויסערגעוויינלעכער שטורעם. די כוואַליעס זיינען געווען אַזעלכע הויכע, אַז זיי פלעגן פאַרגיסן דעם אויבערדעק. די שיף גייט אַרויף און אַראָפּ און זעט אויס ווי אַ קאַרליקל קעגן דעם אויפגעברויזטן ים און עס גנבעט זיך אַריין אַ שרעק — טאָמער וועט די שיף נישט אויסהאַלטן דעם קאַמף מיט די צעיושעטע כוואַליעס. און די שיף בייגט זיך אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען און בייגט זיך אַזוי נידעריק, אַז דיר דוכט זיך, אַז אָט־אָט און די שיף גייט אונטער. די שיף פייפט, קרעכצט, באַוועגט זיך מיט די לעצטע כוחות.

איך בין דער איינציקער פּאַסאַזשיר אויפן אויבערדעק. אויסער מיר איז דאָ קיינער נישטאָ. נישט מער די מאַטראָזן אין זייערע רעגן־מאַנטלען לויפן פאַרביי און קלעטערן אין דער הויך אויף די שטריקענע לייטערס.

איך וויל אַרונטערגיין, אָבער עס איז זייער שווער. דער אויבערדעק איז אין גאַנצן פאַרגאָסן און דער ווילדער שטורעם טרייבט די וואַסערן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט. איך האַלט זיך שטאַרק אָן אָן די פאַרענטשן און גיי פאַרזיכטיק און זייער לאַנגזאַם און יעדער רגע ווער איך באַגאָסן פון אויבן ביז אַראָפּ פון די כוואַליעס. גאָט צו דאַנקען, דערגרייכט מיין טיר צום אַראָפּגאַנג. איך קום אַריין אין מיין שיפס קאַזאַרמע. אַלע זיינען אין די בעטן און האַלטן זיך שטאַרק אָן אָן די ווענטלעך, זיי זאָלן נישט אַרויסגעוואָרפן ווערן. די מערסטע זיינען קראַנק און קענען נישט אַראָפּ־גיין. מען קרעכצט, מען וויינט, מען רופט גאָט, דער מאַמען דעם טאַטן... איך ווער דער באַרמהערציקער ברודער. דערלאַנג די קראַנקע טראָפּנס, שטאַרק שמעקעדיקע, פון אַ פלעשל, און אַנדערע גיב איך צו שווענקען דעם מויל...

פאַרוואָס, טראַכט איך, פיל איך גוט, נאָרמאַל?

וואָס ווייטער ווערט דער ים־שטורעם שטאַרקער. עס פאַלן פלעשער,

גלעזער, טעפּ, טשייניקעס און ווערן גלייך צעבראָכן. עס פאַלן טשעמאָ־דאַנעס, פּעק, זעק מיט זאַכן, היטלען, קאַפּעליושן, קאָרסעטן, קליידער און ווערן געוואָרפן פון איין זייט שיף צום צווייטן. די פּאַסאַזשירן שרייען, וויי־נען, די יידן זאָגן תהילים, די קריסטן צלמען זיך און זאָגן זייערע געבעטן...

און איך... האָב זיך געשעמט מיט דעם, וואָס איך בין נישט קראַנק און די קראַנקע האָבן מיך באַטראַכט ווי עפּעס אויסערגעוויינלעכעס.

אין מיטן נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. עס איז שטילער. עס וואַרפט שוין נישט די שיף אויף אַלע זייטן. איך פיל, אַז זי גייט אַ סך בעסער. דאָך הער איך אָפּט דאָס קלאַפּן פון די רעשטלעך פון די פלעשער און גלעזער איבער די ווענט. אַלע זיינען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. מען כראָפּעט אויף די העכסטע טענער. איך גיי צו צו די, וואָס האָבן זיך נעכטן געפילט אם ערגסטן, כ'באַטראַכט זיי — זיי שלאָפן. שטיל, רויק. קענטיק, אין שלאָף ליידן זיי נישט פון דער ים־קראַנקהייט. אַ באַרויקטער האָב איך זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין מיין בעט און בין גלייך איינגעשלאָפן. און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן אין דער פרי, האָט זיך שוין דער ים אין גאַנצן באַרויקט. איך האָב באַמערקט ווי די נעכטיקע קראַנקע שמייכלען, אַנדערע לאַכן, דערמאָנענדיק זיך אָן די פאַרשידענע קוריאָזן פון נעכטיקן טאָג. אַלע האָבן זיך געפילט גוט און זיינען צוגעגאַנגען איינע צו די אַנדערע, זיך געגריסט מיטן גוטן אויפשטיין און מיט דעם, וואָס מען פילט זיך גוט. כמעט אַלע זיינען אַוועק אין עס־צימער. גאָר אַ קליינער טייל איז פאַרבליבן אונטן. נאָכן עסן זיינען כמעט אַלע אַרויף אויף דעם אויבערשטן דעק. דער שטורעם איז אַריבער. דער הימל האָט זיך אויס־געלייטערט, די זון האָט געשיינט, און אונדזער שיף האָט פאַרשנעלערט איר גאַנג. מיר דערנעענטערן זיך צו דער גרעסטער שטאָט פון אייראָפּע — לאָנדאָן.

מיר שטייען אויפן דעק און קוקן אין די וויטקייטן, אפשר וועלן מיר דערזען די ברעגן פון ענגלאַנד. אָבער מען זעט גאָרנישט אויסער דעם ים און דעם הימל. די מאַטראָזן האָבן דאָך אונדז אָנגעזאָגט, אַז היינט נאָך וועלן מיר אַראָפּשטייגן אין לאָנדאָן. אַ פּאָר מאָל האָבן מיר אפילו געהערט אויסגעשרייען פון די פּאַסאַזשירן: „לאָנדאָן! לאָנדאָן!" אָבער זיי זיינען געווען פריצייטיקע. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט. מיר האָבן נאָך אויפן שיף געגעסן מיטאָג, דערנאָך אַ דריי שעה ווידער פאַרבראַכט אויבן און אַרום פיר בייטאָג האָבן מיר ערשט דערזען לאַנד — ענגליש לאַנד. מיר

האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די ענגלישע ברעגן און נאָך אַ שיינע פּאָר שעה האָט געדויערט ביז מיר זיינען אַראָפּ אויף דער יבשה. מיר האָבן אַראָפּגעשטייגט אין לאָנדאָן. אַ קורצע צייט האָט גענומען ביז מען האָט באַטראַכט אונדזערע אַלעמענס דאָקומענטן און באַגאַזש און אונדז דערלויבט צו גיין אין שטאָט אַריין.

קאַפּיטל 28

לאָנדאָן

ביים שיף האָבן אונדז באַגעגנט די באַאַמטע פון דעם יידישן הילפס־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער הילפס־אַרבעט פאַר די עמיגראַנטן. מען האָט אונדז פונאַנדערגעטיילט אין גרופּעס, לויט דעם מאַטעריעלן צושטאַנד פון די ניי־אָנגעקומענע. די, וואָס האָבן דאָרט געהאַט קרובים, האָט מען זיי צוגעשטעלט צו זייערע נאָענטע, די וואָס האָבן קיין געלט נישט געהאַט האָט מען אַוועקגעפירט אין „שעלטער", וואָס האָט זיי באַזאָרגט מיט עסן און יעדע נאַכט, מיט אַ בעט צום שלאָפן ביי אַן אָרע־מען יידישן לאָנדאָנער איינוווינער, וועלכער איז געווען צופרידן צו פאַר־דינען איבערנאַכט אַ פּאָר פּיאַסטער פאַרן אָפּטרעטן זיין בעט צו אַ פרעמדן. און כמעט יעדע נאַכט האָט מען געשיקט דעם „פרעמדן" אין אַן אַנדער הויז צו שלאָפן. אַנדערע, וואָס האָבן געקענט זיך פאַרגינען אַ צימער, האָט מען זיי געשיקט אין פּלעצער, ווו זיי האָבן געוווּסט אַז ס'זיינען פאַראַן ביליקע צימערן, און נאָך „רייכערע" האָבן זיי געשיקט אין אַן אַריינפאָר־הויז, וואָס איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון אַ האָטעל, רעסטאָראַן, שענק, קאַפע־הויז, געמבלינג־פּלאַץ און עפּעס נאָך ערגערס...

אין אַזאַ סאָרט אַריינפאָר־הויז האָט מען מיך אַוועקגעפירט. נאָר מער ווי צוויי טעג האָב איך דאָרט נישט געקענט זיין. איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, איינצושטיין אין אַזאַ שענדלעכן פּלאַץ. איך האָב מיר אַליין אויסגעזוכט אַ צימער ביי זייער אַ שיינער פאַמיליע, ווו איך בין געשטאַנען די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין לאָנדאָן. דאָס איז געווען ביי די עלטערן פון דעם באַקאַנטן אַמעריקאַנער דאָקטאָר און זשורנאַליסט בענדזשאַמין דובאָווסקי. וואָס מיר איז געפעלן געוואָרן אַם שטאַרקסן איז, וואָס אין לאָנדאָן איז איינגעפירט, אַז צו דעם צימער גיבן צו די באַלע־באַסטעס אַלע אין דער פרי אַן אָנבייסן, וואָס באַשטייט פון קאַווע און זעמעלעך מיט פּוטער. און עס זיינען געווען צייטן, וואָס מיין גאַנצער טעג־לעכער עסן איז באַשטאַנען פון דעם אָנבייסן, וואָס איך האָב געקראָגן פון מיין לענדלאַרדי.

אַ שוידערלעכן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט לאָנדאָן. עס זיינען דאָ אין לאָנדאָן צוויי הויפּט געגנטן: ווּעסט ענד און איסט ענד. אין איינעם טוליעט זיך די אָרעמקייט און אין צווייטן, לעבט דער מיטל קלאַס און גאָר די רייכע. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט גענומען מיין צימער אין דעם רייכן געגנט, נאָר די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין דעם אָרעמען געגנט. עס איז פאַר מיר אנטשטאנען די פראַגע, ווי איז דאָס מעגלעך? ענגלאַנד איז צו יענער צייט געווען די רייכסטע לאַנד אויף דער וועלט, ענגלאַנד האָט עקס־פּלואַטירט כמעט אַ האַלבע וועלט, לאָנדאָן איז געווען די רייכסטע שטאָט אין ענגלאַנד און דאָך האָט זי נישט געקענט באשפייזן איר אייגענע באַפעל־קערונג, און דערצו איז דאָך ענגלאַנד אַ פריי דעמאָקראַטיש לאַנד. פאַרוואָס דערלאָזן דאָס די אַרבעטער, די אויפריכטיקע דעמאָקראַטן, די פּויערים, די אמתע ליבעראַלן? איך פלעג אָפט שפּאַצירן איבער די אַרבעטער קוואַרטאַלן און אַלעמאָל פלעגט מיר שוידערלעך איבעראַשן דער אויסזען פון די פרויען און מענער. זייערע קערפּערס האָבן אויף זיך געטראָגן דעם שטעמפּל פון זייער אַרבעט. דאַרע, אויסגעטריקנטע, דער הינטן אומפּראָפּאָרציאָנעל אַנטוויקלט. זייערע אור עלטערן פלעגן אַכצן שעה אַ טאָג זיצן ביי דער אַרבעט, אַזוי זייערע זיידעס, עלטערן און זיי און דערפאַר האָבן זיי געקראָגן אַזאַ אויס־זען. יונגע מיידלעך האָבן אויסגעקוקט ווי אַלטע פרויען, וועמען די זאָרג און נויט האָבן מיט פּריצייטיקע קנייטשן באַזייט זייערע פּנימער. נאָך אַ גרע־סערע, מער שרייענדע אָרימקייט האָב איך געזען צווישן יידן אין דער לאָנדאָנער געטאָ אַרום קאָמוירשל ראָאַד און וויטשעפּל, אַפילו די איינגעזע־סענע יידן פון לאָנדאָן קומען קוים דורך מיט זייערע פאַרדינסטן. אין די יידי־שע שעפּער האָט דאַן געהערשט די שוויץ־סיסטעם. יידישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט ביי אוממענטשלעכע באַדינגונגען בלויז פאַרן טרוקענעם ברויט.

אָבער דעם גרעסטן דחקות האָב איך געזען צווישן די יידישע אימיג־ראַנטן. געטריבן פון הונגער, אויסנאַם געזעצן און רדיפות פון צאַרישן רוס־לאַנד, פלעגן זיי אין די טויזנטער, צענדליקער טויזנטער קומען אין לאָנ־דאָן, כדי פון דאָרטן עמיגרירן ערגעץ אַנדערש, פלעגן זיי זיצן אין לאָנ־דאָן און וואַרטן אויף אַ מעגלעכקייט צו פאָרן אין אַמעריקע, אַפריקע ווו נישט איז, און דערווייל האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צום עסן און ווו צו שלאָפן. די ניי אָנגעקומענע איז פאַרווערט געווען צו אַרבעטן, האָבן די ענגלישע יידן פאַר זיי געגרינדעט דעם „שעלטער". דאָרטן פלעגן די אימיגראַנטן קריגן דריי מאָל אַ טאָג עסן, מישטיינס געזאָגט, ברויט מיט טיי אָדער קאַווע אין דער פרי, אַ טעלער זופּ מיט ברויט ביי טאָג און ברויט מיט נאָך עפּעס אין אָוונט. נאָכן אָוונטברויט פלעגן אַהין קומען יידישע הויז ווירטנס, וואָס

האָבן פאַרמאָגט אַ ליידיקע בעט אָדער אַ סאָפקע און פלעגן נעמען אויף דער נאַכט אימיגראַנטן. און יעדע נאַכט פלעגן זיי קריגן אַנדערע שלאָפערס. און אַמאָל פלעגט אַ גאַנצע אימיגראַנטן משפחה שלאָפן אויף אַ בעט אָדער סאָפקע, אָדער גאָר אויפן דיל. און די אומגליקלעכע פלעגן חדשים ווייז אַזוי אָפּקומען...

מיר געדענקט זיך, איינמאָל בין איך דורכגעגאַנגען דאָס געסל, וווּ דער שעלטער האָט זיך געפונען — די לעמאַן געסל. די געסל איז געווען איבערפולט מיט אימיגראַנטן — אַלטע יידן און פרויען, מיטעלע יידן, בחורים, מיידלעך, ייִנגלעך און קינדער. דאָס איז געווען אַרום מיטאָג צייט און דער עולם האָט געוואַרט אויפן קלונג, ווען מען וועט קאָנען אַריין אין „שעלטער" עסן. מען איז געזעסן אויף די שטיינער פון טראָטואַר, אָדער גאָר אויפן ברוק. אַ סך זיינען געשטאַנען אין מיטן גאַס אין גרופן און געשמועסט, דערציילט מעשיות, אָדער אויסגעקלאָגט זיך דאָס האַרץ אויף די ענגלישע יידן, וועלכע ווילן זיי נישט אַרויסהעלפן אין זייער ביטערער לאַגע. וויפל משטיינס געזאָגט דאַרף מען האָבן אויף אַ שיפסקאַרטע פון לאָנדאָן קיין אַמעריקע. אין גאַנצן קאָסט עס פינף דאָלאַר. (אין יענער צייט איז געווען אַ קאָנקורענץ צווישן די שיף געזעלשאַפטן און דער פרייז פון אַ שיפסקאַרטע איז געפאַלן ביז פינף דאָלאַר), איך האָב אַליין מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער באַצאָלט פאַר מיין שיפס קאַרטע אין גאַנצן צען דאָלאַר. טויזנטער יידן מיט זייערע משפחות האָבן דאַן באַלאַגערט די יידישע צדקה אינסטיטוציעס זיי זאָלן זיי אַרויסהעלפן מיט שיפסקאַרטן און זייער וויניק בקשות זיינען צופרידנגעשטעלט געוואָרן.

אַזוי ווי איך גיי, האָט מיט אַמאָל דער שעלטער גלאָק אָנגעהויבן קלינגען און אַלע זיינען געלאָפן צום שעלטער. מיט די עלענבויגנס, האָט מען אָפּגעשטופּט די שוואַכערע, אומגעוואָרפן די גאָר שוואַכע. דער עולם איז פשוט ווילד געוואָרן. ווי חיות איז מען געלאָפן נאָכן ברויט און זופּ.

אויך געדענקט זיך מיר, איך האָב אַמאָל געגעסן מיטאָג אין פאָלקס הויז אויף פרינצעס גאַס (אַ פּלאַץ ווו דער ראַדיקאַלער עולם, אַנאַרכיסטן און סאָציאַל דעמאָקראַטן, פלעגן זיך פאַרזאַמלען) עס האָט דאָרט געקאָסט אַ ביליקער אָרימער מיטאָג אַרום 12־15 סענט און מען האָט סערווירט זופּ. פליש און קאָמפּאָט. איך האָב באַמערקט, אַז אין רעסטאָראַן זיינען דאָ אפשר אַ 300 מענטשן. עס עסן אָבער נישט מער ווי אַ 40 גליקלעכע. די איבעריקע דיסקוטירן, דעבאַטירן און קוקן מיט זשעדנע אויגן אויף די עסער. נאָכן עסן האָב איך איבערגעלאָזן מיין פּלאַץ, זיינען צוגעקומען צוויי

בחורים און צווישן זיך צעטיילט מיט די שריים. דאָס האָט אויך מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז מער האָב איך שוין דאָרט נישט געגעסן.

איינמאָל בין איך געזעסן אין מיין צימער מיט אַ פּינסקן חבר, חיים ציפּאָרין, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיטן שעלטער פאַר גאָר אַ לאַנגער צייט. גראַדע איז ער געווען זייער אַן ענערגישער און האָט געהאַט אַ גוטע מלאכה אין האַנט — ער איז געווען אַ היטלמאַכער. נאָר ס'איז געווען כמעט אוממעגלעך פאַר אַן אימיגראַנט צו קריגן אַרבעט, און אַז ער האָט שוין געאַרבעט אייניקע טעג, האָט ער דערנאָך אויסגעפונען, אַז דאָס זוכן די אַרבעט און אַרבעטן האָט זיך אַבסאָלוט נישט באַצאָלט. מיר האָבן גערעדט וועגן דער לאַגע פון די רוסישע און פוילישע יידן אין לאָנדאָן. און ער האָט מיר דערציילט פון אַכט חדשים „שעלטער".

— „ווען איך באַזיץ פּרצעס טאַלאַנט און פען — האָט ער מיר געזאָגט — וואָלטן מיינע רייזע בילדער געווען טויזנטער מאָל אינטערעסאַנטער, פּיל־פּאַקיקער און האַרצנרייסנדיקער, ווי זיינע, ווייל איך האָב דורכגעמאַכט דעם אימיגראַנטישן לעבן אין לאָנדאָן, געשלאָפן ביי הונדערטער לאָנדאָנער יידישע באַלעבאָסטעס, געהערט טויזנטער מעשיות, פון וועלכע די האָר שטעלן זיך קאַפּויר און מיט מיינע אויגן געזען אַן אָרימקייט, וואָס דו האָסט אַזוינס נישט געזען אַפילו אין די אָרימסטע געסלעך פון פּינסק".

און איך מיט מיינע נייע חברים פון לאָנדאָן האָבן אויך דורכגעמאַכט אַ שיינעם פּעקל צרות און געליטן כמעט די גאַנצע צייט פון נישט דערעסן און גאַנץ אָפט פון אַ כראָנישן הונגער. און גליקלעך זיינען מיר געווען, ווען אימיצער פון די חברים פלעגט אונדז אַמאָל אין אַ נאָווינע ברענגען געבאַקטע פיש מיט אַ לעבל ברויט. און מיר האָבן דאָס זיך נישט פאַרגונען צו עסן אַליין. מיר פלעגן אַריינרופן נאָך אייניקע הונגעריקע חברים און פלעגן פּראַווען אַ סעודה. מיט געזאַנג און טענץ און מיט אַרויסכאַפּן אַ ביס איינער ביים אַנדערן.

אין רוסלאַנד איז די עמיגראַציע פראַגע פאַר מיר געווען אַ טעאָריע. אָבער אין לאָנדאָן האָב איך איר דורכגעלעבט און דערזען וואָס פאַראַ גרויסע ראָלע זי שפּילט אין אונדזער יידישן לעבן. אין לאָנדאָן אַליין האָב איך געטראָפן צענדליקער טויזנטער יידישע אימיגראַנטן און כמעט אַלע אין שוידערלעכסטער נויט; אָפּגעריסענע, אויסגעהונגערטע, אָן אַ גראָשן אויף דאָס נוויטיקסטע, און אַלע כמעט זיינען אין די בליענדסטע יאָרן. אַלע ווילן אַרבעטן, עפּעס פאַרדינען און זיי קענען פאַר קיין פאַל קיין אַרבעט נישט קריגן. זייער איינציקע האָפענונג איז אַרויסרייסן זיך פון דאַנען, פאָרן ווידער ערגעץ איבערן אָקעאַן, איז אָבער קיין געלט נישטאָ. די ענגלישע יידן האָט וויניק

אינטערעסירט די לאַגע פון די אימיגראַנטן און זיי האָבן זיך מיט דער פראַגע נישט אָפּגעגעבן. די רוסיש פּוילישע יידן, וואָס זיינען שוין דאָרטן פאַר אַ לענגערער צייט און וואָס האָבן זיך יאָ אַביסל איינגעאָרדנט, האָבן זיך יאָ אי־נטערעסירט מיט די יידישע אימיגראַנטן, נאָר האָבן ווייניק זיי געקענט העלפן, אין בעסטן פאַל אַמאָל מיט אַ מיטאָג, אָדער מיט אַ פּאָר נעכט שלאָפן. זיי זיינען אַליין געווען אויף צרות, און האָבן געקענט אַרויסהעלפן די אי־מיגראַנטן בלויז מיט סימפּאַטיע און אַ קרעכץ אויף די יידישע צרות. נאָר מער פון אַלעמען האָבן געליטן די יידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך נישט דערלויבט צו בעטן, אַנטלייען, און לויפן צו די פאַרשידענע הילפס־אינסטיטוציעס, אָדער אָפּשלאָגן די טרעפּ פון די פאַרמעגלעכע. זיי האָבן בוכשטעבלעך געהונגערט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין לאָנדאָן.

אין דעם יידישן געגנט האָט מען דעמאָלסט, מיט 43 יאָר צוריק געקענט גרינג באַמערקן די אייגנאַרטיקייט פון דער געטאָ: יידישע שולן, מקוות, תלמוד תורות, אויף די קראָמען האָט מען אָפט געזען גרויסע שילדן אין יידיש. עס איז דערשינען אַפילו אַ טעגלעכע יידישע צייטונג „דער עקספּרעס", אויך זיינען געווען צוויי יידישע טעאַטערס — דער „פּאַוויליאָן" און „סטרענד".

איך שפּאַציר איבער די געגנטן פון ווייטשטעפּל און קאמוירשל ראָאַד, געדיכט באַזעצט פון אונדזערע מזרח יידן. אַ שרעקלעכע אָרימקייט. מען אַרבעט אין די שוויץ פאַבריקלעך פון פינצטער ביז פינצטער פאַר אַ הונ־גער לוין. עס אַרבעטן אַלטע, יונגע און אַפילו קינדער. די פאַבריקלעך זיינען קליינע, פינצטערע, פאַרשטיקטע צימערלעך, מערסטנס אַ טייל פון דעם באַלעבאָס וווינונג. די אַרבעטער גייען אָפּגעלאָזן מיט זויערע כמורנע פּני־מער. די גאַסן אַליין זיינען עפּעס אויך פאַראָרימטע, שמוציקע, אָפּגעלאָ־זענע. זעלטן באַווייזט זיך די זון, די מערסטע טעג זיינען נעפּלדיקע און אָפט אַזאַ געדיכטער נעפּל, וואָס מען קען גאָרנישט זען — פאָגיס, ווי די לאָנדאָנער רופן עס. עס איז אַזוי פינצטער, אַז דו זעסט נישט ווי צו גיין און האַלטסט זיך אָן אָן די ווענט, נישט אַראָפּצוגיין פון טראָטואַר. די לאַמטערנעס קענען נישט באַלייכטן די גאַסן, זיי ברענען, אָבער מען זעט בלויז אַ פינטעלע פייער וועלכע באַלייכט נישט. אויך די פענצטער אין וועלכע עס ברענען לאָמפּן קענען נישט באַלייכטן דעם וועג, ווידער בלויז פינטעלעך, און אין גאַס הערסטו קלאַפּן די פערד מיט זייערע ריזיקע קאָפּיטעס, זיי פירן עפּעס, הערסט ווי פערד לויפן — קענטיק פירן פאַסאַזשירן, נאָר דו זעסט גאָרנישט. הערסט טריט לעבן זיך און זעסט קיינעם נישט, ביז איינער גייט אָן אויף דיר. און דאָס איז אַלץ אין מיטן טאָג.

איינמאָל שפּאַצירנדיק איבער די לאָנדאָנער גאַסן האָב איך באַגעגנט מיינעם אַ גוטן פריינד פון וואַרשע. ער איז שוין דעם דריטן יאָר אין לאָנדאָן און האָט זיך שוין „גוט אַרויפגעאַרבעט". ער אַרבעט אין אַ האָטעל, דאַרף עגטפערן די אַלע, וואָס קלינגען אָן און פאָלגט זיי גאַנגען. דערפאַר אַז זיי פאַרלאָזן דעם האָטעל און ער טראָגט פאַר זיי אַראָפּ זייער באַגאַזש קריגט ער פון זיי אַ פּאָר מטבעות. אויסער דעם האָט ער דאָרטן זיין עסן און קוואַר־טיר. קורץ, אים איז גוט. גראַדע איז ער געוועזן אַן אינטעליגענטער יונגער מאַן, אָבער די נויט האָט אים געטריבן אָנצונעמען די שטעלע. ער ווערט שוין מיין לערער און וועגווייזער, ווען ער איז נאָר פריי פון זיין אַרבעט. ער דערציילט מיר פון די גרויסע ביבליאָטעקן, וועגן יידישן טעאַטער, וואָס האָט דאַן דאָרט גאַסטראָלירט אין פּאַוויליאָן, וועגן די לאָנדאָנער מוזייאומס און מיר טרעפן זיך אָפּט און באַזוכן די אַלע אינסטיטוציעס. אָפט נעמט ער מיר אויס צו ווייזן די רייכע קוואַרטאַלן פון לאָנדאָן, די פאַרשידענע מאָנו־מענטן, היסטאָרישע פּלעצער, פאַרשידענע אויסשטעלונגען. ער איז שוין אַ גאַנצער קנאַקער, רעדט ענגליש ווי אַ וואַסער, איז מאָדערן און גוט אָנ־געטאָן און האַלט זיך שוין פאַר אַ לאָנדאָנער. טאַקע אים צו פאַרדאַנקען האָב איך איינמאָל באַזוכט דעם יידישן טעאַטער, איך געדענק שוין נישט ווער ס'האָט געשפּילט, אַפילו נישט וואָס מען האָט געשפּילט, אָבער קיין גרויסן איינדרוק האָט עס אויף מיר נישט געמאַכט. איך בין געווען צוויי מאָל אין אַרלענעווס טעאַטער, וווּ נאַזימאָוואַ און אַנדערע באַוווּסטע רוסישע אַרטיסטן האָבן געשפּילט און דער טעאַטער איז מיר גראַדע יאָ געפעלן געוואָרן. ער האָט מיר אויך גענומען אין ענגלישן טעאַטער, אָבער איך האָב כמעט גאָרנישט פאַרשטאַנען און נישט געוווּסט אַפילו וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך הונגער און פלעגט אָפּט קומען מיר איינלאַדן אין אַ רעסטאָראַן עסן און זיינע וויזיטן זיינען געווען פאַר מיר אַ דערפרישונג און אַ דערקוויקונג...

אַ מאָדנעם איינדרוק האָט לאָנדאָן אויף מיר געמאַכט. די גרעסטע שטאָט אין אייראָפּע און דאָך זיינען די הייזער נישט קיין ברייטע און נישט קיין הויכע. די מערסטע צווייִשטאָקיקע און דריישטאָקיקע, די רעזידענצן זיינען אויך מאָדנע איינגעאָרדנט. אונטן די קיך, אויבן די אויפנעם צימערן און נאָך העכער די שלאָפצימערן.

פאַרשטייט זיך עס זיינען פאַראַן גרויסע הייזער, הויכע געביידעס, פּאַ־לאַצן, אָבער זיי זיינען אין אַ גרויסער מינדערהייט. אויך דער פּלאַן פון לאָנדאָן איז נישט קיין גלייכער, ס'איז נישטאָ קיין סימעטרישקייט. מען קען זייער גיך פאַרבלאָנדזשען. און איך פלעג דאָס טאָן טאַקע זייער אָפט. דער־

פאַר זיינען די לאָנדאָנער אמתע דזשענטללייט, מיט פאַרגעניגן וויזן זיי דיר דעם ריכטיקן וועג און אַנדערע זיינען אַזוי איידל, אַז זיי וועלן דיר אַליין צופירן צום הויז.

די לאָנדאָנער יידן פון אַמאָל האָבן אויך דורכגעמאַכט זייער שוידער־לעכן גלות ענגלאַנד. זיי ווערן ערשט דערמאַנט אין דער געשיכטע פון ענג־לאַנד אין 12־טן יאָר הונדערט. ענגלאַנד, ווי אַלע אייראָפּעאישע קריסטלעכע מלוכות האָט די יידן באַרויבט פון זייערע מענטשלעכע, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט. יידן זיינען געווען אונטער ספּעציעלע אויסנאַמס געזעצן, דערצו האָט מען אויף זיי אַרויפגעלייגט פאַרשידענע ספּעציעלע שטייערן, אָפּצאָלונגען און אַנדערע טאַקסעס. גערויבט פון די יידן דעם לעצטן ביסן פון מויל. יידן האָבן געמעגט וווינען אין אַנדערע שטעט פון ענגלאַנד, אויסער לאָנדאָן, אָבער אויסער לאָנדאָן האָבן זיי נישט געטאָרט האָבן קיין בית עולם און אַלע יידן פון גאַנץ ענגלאַנד האָבן געמוזט פירן זייערע טויטע צום לאָנדאָנער בית עולם.

אין סעפּטעמבער 1189, ביי דער קרוינונג פון ריטשאַרד דעם ערשטן, קומט פאַר אין לאָנדאָן דער ערשטער פּאָגראָם אויף יידן. אַן אויפגעהעצטער גרויסער מאָב רייסט זיך אַריין אין דער יידישער געטאָ און צעראַבירט צוויי יידישע שולן, רייסט זיך אַריין אין די יידישע אָרעמע הייזער און צעראַבירט יידיש האָב און גוטס, דערהרגעט אַ סך יידן, און שענדעט דעם יידישן בית עולם.

ביי אַ צווייטן פּאָגראָם אין 1262, האָבן די לאָנדאָנער פּאָגראָמשטשיקעס אויסגעהרגעט 700 יידן.

אין 1274 האָבן די ענגלענדער געמאַכט אַ בלוט בלבול אויף יידן און די יידן האָבן געמוזט באַצאָלן אַ שטראָף פון 40,000 פונט.

און פון דאָן האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אַן ערגערע עפּאָכע פאַר יידן. קיין ייד איז נישט געווען זיכער מיט זיין לעבן.

אין 1290 האָט ענגלאַנד אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון לאַנד, צונעמענ־דיק פון זיי אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

דאָך זיינען פאַרבליבן אייניקע יידן פאַרבאַהאַלטענערהייט. דאָס האָט די קריסטלעכע ענגלאַנד אויך נישט געקענט דולדן. אין יאָר 1542 האָט מען אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט 280 מענטשן אונטערן פאַרדאַכט, אַז זיי זיינען יידן.

אין דער צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע זיינען געקומען אין ענגלאַנד אַ סך מאַראַנען און זיי האָבן איינגעאָרדנט זייער יידיש לעבן אויף אַלע געביטן. אַ סך פון זיי זיינען דערנאָך זייער רייך געוואָרן. זיי האָבן

שטאַרק געהאָלפֿן ענגלאַנד אין איר מאַטעריעלער און אינדוסטריעלער אַנט־וויקלונג. אַ סך פֿון זיי האָבן זיך דערנאָך געשמדט ווען די ענגלישע רעגירונג האָט דערלויבט די ייִדן אַרײַנקומען אין ענגלאַנד, האָבן זיך מיט דער דער־לויבעניש באַנוצט אַ סך אשכנזישע ייִדן, און מיט דער צייט האָבן זיי פֿאַר־נומען דעם אויבן אָן פֿון ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין ענגלאַנד.

אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין ענגלאַנד האָבן זיך דאָרט גע־פֿונען איבער 200,000 ייִדן פֿון וועלכע אין לאָנדאָן אַליין זײַנען געווען מער ווי אַ העלפֿט. ייִדן שפּילן אַ גרויסע ראָל אין לעבן פֿון ענגלאַנד. אַ סך ייִדן פֿאַרנעמען גרויסע און וויכטיקע פּאָזיציעס אין פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פֿון לאַנד. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך דאָ כמעט נישט אָנגעזען.

קאַפּיטל 29.

איך ווער טעטיק אין לאָנדאָן

נישט גרינג איז מיר אָנגעקומען אויסצוגעפינען די לאָנדאָנער אָרגאַניזאַציע פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. איך האָב זיך באַקאַנט מיט די יונגע דעמאָקראַטישע ציוניסטן, וועלכע האָבן צוגעשמייכלט צו די אַרבעטער: קלמן מרמר, ברענער און דעם מער ראַדיקאַלערן ר. קענדזשערסקי, נאָר זיי זיינען געווען קעגנער פון פאַרבייטן ציון אויף אַן אַנדער טעריטאָריע. איך האָב זיך אויך באַקאַנט מיט די פאַרשידענע פאָרשטייער פון די יידישע און רוסישע אַרבעטער פּאַרטייען. נאָר מיינע אמתע חברים האָב איך נישט געקענט געפינען, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב זיי געזוכט ווי מיט ליכט. ערשט אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ גרופּע, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן מאָדנעם נאָמען „פּועלי ציון 1״, אַז די גרופּע האָט נישט קיין באַשטימטן פּלאַץ פאַר זיצונגען און אַז זי קלייבט זיך צענויף כמעט יעדן אָוונט אין באַרקאַנס הויז. איך האָב גענומען דעם אַדרעס, גלייך אַוועק אַהין און געטראָפן כמעט די גאַנצע אָרגאַניזאַציע; די 5 ברידער און שוועסטער באַרקאַן, וואָלף גאָלדשטיין (דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון אונדזער פּעריאָדישע אויסגאַבע ״דאָס פאָלק״ אין ניו יאָרק, און דערנאָך רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער״ אין מאָנטרעאַל), מאָטל דאָלניק, היינט דער באַקאַנטער ד״ר דאָלניק אין שיקאַגאָ, חיים ציפּאָרין, נתן בערנשטיין, בעקי מאַזע, י. ל. כהנס פרוי מיט אירע שוועסטער און אַנדערע. זיי אַלע האָבן אויף מיר אַ וווּנדערבאַרן איינדרוק געמאַכט. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז דער ליבלינג פון דער גרופּע איז מאָטל דאָלניק, טאַקע אַ האַרציקער, פריילעכער און קלוגער חבר, די חברים, וואָס האָבן פריער געלעבט אין פּאַריז דערציילן מיר זייער סימפּאַטיש וועגן מאַקס נאָרדוי, וואָס אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט אונדזער פּראָגראַם און טעטיקייט און אַז אונדזערע ניי אָנגעקומענע חברים אין פּאַריז געפינען אין זיין הויז די וואַרעמסטע גאַסט פריינדשאַפט און אַפילו הילף. זיי דערציילן מיר, אַז איזראַיל זאַנגוויל באַציט זיך צו דער גרופּע כמעט ווי אירער אַ מיטגליד און צו די חברים, ווי אַן אמתער חבר, מיט גרויס ליבע, באַגייסטערונג און

פאַרגעטערונג דערציילן זיי מיר וועגן ד"ר נחמן סירקין, וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען אין לאָנדאָן און האָט דאָרטן געהאַלטן אייניקע לעקציעס און ער האָט אויפן העכסטן אופן באַגייסטערט אונדזערע חברים און מיט זיינע לעקציעס האָט ער הויך געהויבן אונדזער פּרעסטיזש. אַלע חברים אויסער די פינף באַרקאַנס זיינען נישט לאַנג אָנגעקומען פון רוסלאַנד און פוילן ווי עמיגראַנטן און זיי וואַרטן אויף געלט און שיפסקאַרטן פון אַמע־ריקע, כדי איבעררייסן מיט דער שוידערלעכער סטאַנציע לאָנדאָן און אַרי־בערפעקלען זיך קיין אַמעריקע און דערוויל הונגערט מען אויף וואָס די וועלט שטייט.

זיי דערציילן מיר פון די שוועריקייטן פון אונדזער פּאַרטיי אַרבעט. די אַרבעטער גאַס האָבן פאַרכאַפּט די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן אַזעלכע אינטעליגענטן ווי קראָפּאָטקין, טשערקעזאָוו, ראָקער, זייער הויפּט קוואַרטיר איז די באַוווסטע „פאָלקס הויז", זיי גיבן אַרויס צוויי צייטשריפטן — „דער אַרבעטער פריינד" און „זשערמינאַל", און פאַרפּלייצן די יידישע אַרבעטער גאַס מיט בראָשורן און ביכלעך. די רוסישע סאָציאַל דעמאָקראַטן מיט טעפּ־לאָוון, אַלאַדינען און ד"ר בעק האָבן זייער יידישע פעריאָדישע שריפט. די יונגע ציוניסטן אָדער פּראַקציאָנערן, מיט ברענערן און מרמרן בראש האָבן זייער אויסגאַבע „מערב". מיר פאַרמאָגן גאָרנישט און האָבן אַפילו נישט קיין לאָקאַל. פון ליטעראַטור האָבן מיר כמעט גאָרנישט, נאָר מיר נוצן פון צייט צו צייט אויס צופעליקע בראָשורן אָדער אויסגאַבן, ווי ד"ר סיר־קינס „חרות", „דער המון", ביידע אַרויס אין בערלין מיט אַ יאָר פריער, די רוסישע „וואָזראָזשדעניע" און די איבערזעצונג פון איר אין יידיש, „די יידישע פרייהייט". אויך די ערשט דערשינענע בראָשור פון ד"ר זאָלאָטאַרעוו „ערנסטע פראַגן". כאָטש מיר זיינען געווען מאַרקסיסטן, האָבן מיר זיך שטאַרק באַנוצט מיט די אויסגאַבן, נישט נעמענדיק אין אַכט וואָס קיין איינע פון זיי איז נישט געווען מאַרקסיסטיש.

די חברים האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זיי קענען נישט שאַפן קיין געלט אויף אַרויסגעבן אַפילו אַ פּראָקלאַמאַציע, דאָך האָט דער שטאַרקער גלויבן אין אמת פון אונדזערע אידעאַלן אונדז געגעבן מוט צו אַגיטירן אומעטום פאַר אונדזערע געדאַנקען און אונדזערע חברים פלעגן אָנטייל נעמען אין די פאַרשידענסטע דעבאַטן נאָך די לעקציעס פון די אַנאַרכיסטן, סאָציאַל דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן און אָנגעזעענע ציוניסטן. און טאַקע ביי יענעם אָונט האָבן מיר באַשלאָסן צום ערשטן מאָל אָרגאַנזשירן אַ מאַסנמיטינג צענויפגערופן פון אונדזער גרופּע און דער אָנגעזעענסטער אַרויסטריט אונדזערער איז געווען אין דער אַנאַרכיסטישער „פאָלק־הויז".

אונדזער גרופּע האָט דערווײלט אַלס לעקטאָרס, דאָלניקן, נתן בערנשטיין און מײַן ווייניקייט. דער בעסטער רעדנער פון אונדז איז געווען דאָלניק, איך בין געווען גאָר אַ שוואַכער רעדנער און בערנשטיין איז אויך נישט געווען אַ״ אַ״ אַ. קומענדיק צום מיטינג האָבן מיר געטראָפן שוין דעם זאַל איבער־פולט, ס׳איז אַפילו נישט געווען קיין פּלאַץ, ווו צו שטיין. דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן דאָלניק מיט די פּרינציפּן דערקלערונגען און אויסטייטשונ־גען, בערנשטיין האָט גערעדט וועגן אונדזער טאַקטיק און איך האָב אויף זיך גענומען צו דערווייזן (נאָר לאַכט נישט. פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז געווען אין לאָנדאָן מיט 44 יאָר צוריק) אַז מיר יידן זענען אַ באַזונדער פאָלק, אַז מען קען זיין אַ גוטער ייד און אַ גוטער סאָציאַליסט, אַז מיר יידישע אַרבעטער האָבן אַ סך פּראָבלעמען צו לייזן אויפן וועג פון דער פול־קומענער באַפרייאונג פון יידישן אַרבעטער קלאַס, סיי נאַציאָנאַל, סיי סאָ־ציאַל, אַז יידיש איז אַ שפּראַך ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן, אַז איר שטייט פאַר מיט דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן קאַמף און באַפרייונגס באַוועגונג אַ גרויסע צוקונפט. און אַז מיר פאַרמאָגן אַ רייכע קולטור. איך בין אַרויסגעטראָטן קעגן דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע אויף די ערטער און קעגן העברעיש ווי אונדזער צוקונפטיקע פאָלקס שפּראַך, ווי די ציוניסטן האָבן געפּריידיקט.

נאָך אונדזערע רעדעס זיינען אַרויף די אָפּאָנענטן, פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע פאַרטייען און יידישע טרייד יוניאָנס. נו, האָבן זיי אונדז גע־דעקט, נו, האָבן זיי פון אונדז חוזק געמאַכט, געמאַכט אונדז אויסצודרייען, און הערנדיק זייערע נאַרישע, אַסימילאַטאָרישע רעדעס האָב איך געטראַכט: ווייי איז צו אונדז, אַז מיר האָבן אַזעלכע פאָרשטייער. איז דאָס מעגלעך עס זאָלן דאָ אין לאָנדאָן די פאָרשטייער פון דעם ענגלישן אַרבעטער קלאַס אָפּ־לאַכן פון דער ענגלישער קולטור, פון דעם ענגלישן פאָלק, פאָרשטעלן דאָס פאָלק, ווי אַן אָפּגעלעבטן, ווי אַ שטאַרבנדן און לייזן די ענגלישע פראַגע מיט דעם, אַז זיי, די ענגלענער, זאָלן ווערן מענטשן, נישט קיין ווילדע פאַר־צייטיקע חיות. ספּעציעל האָבן זיך אין דעם אויסגעצייכנט די אַנאַרכיסטן ביי וועלכע מיר האָבן אין גאַנצן נישט קיין קולטור, וואָס איז דען יידישע קולטור? האָבן זיי געפרעגט, וואָס האָבן מיר קולטורעל באַשאַפן? די פּאות, אַ יאַרמולקע, קוגל און פאַרשימלטע ספרים, וואָס פריידיקן פינצטערניש? די יידישע עקאָנאָמיק, האָבן די עמי הארצים געטענהט, איז די זעלביקע ווי ביי די נישט יידן, און לייזן די יידישע פראַגע טעריטאָריעל איז אַן אומ־מעגלעכקייט און נישט ווינטשנסווערט. אויסער דעם איז עס ווי ציוניזם, אַ קליינבירגערלעכע באַוועגונג, פאַרטעמפּט דעם אַרבעטערס באַוווסטזיין און איז אין די אינטערעסן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. און וואָס פאַרא פאָלק

זיינען מיר? אַ פֿאָלק פֿון קליין הענדלער? אַ פֿאָלק פֿון אָפּנאַרער? פֿון שנאָרער?

פרעמדע מענטשן, האָב איך געטראַכט, האָבן נישט קיין שום צובונד צו זייער פֿאָלק, אין גאַנצן זיך אָפּגעריסן פֿון אונדז. און די יידישע אַרבעטער, די עמיגראַנטן, די מיטגלידער פֿון זייערע פּאַרטייען אַפּלאָדירן זיי, שרייען אויס זייער איינשטימיקייט מיט די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע רעדנער. זיי זיינען שטאַרק געפֿאַלן אין מיינע אויגן און זיי האָבן מיר פֿאַרשאַפֿט אַ סך עגמת נפש. איך האָב נישט געקענט זיך פֿאַרשטעלן, אַז זיי זאָלן אַזוי טיף זינקען. זייערע אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע רעדעס, מיט אָפּלאַכעריי פֿון אַלץ וואָס פֿאַר אונדז יידן איז אַזוי טייער און הייליק. זייער עם הארצות האָט מיר פּשוט פֿאַרוווּנדערט. זיי וויסן נישט די יידישע געשיכטע, דעם יידישן און רוימישן קאַמף, פֿאַרגעטערן אַלצדינג וואָס איז גוייש און לאַכן אויס פֿון אַלץ, וואָס מיר פֿאַרמאָגן און אין מיין שלום־וואָרט האָב איך געגעבן אַן אויסדרוק צו דעם אַלעם. איך בין געוועזן אויף אַזוי פֿיל אויפֿגעקאָכט אויף אונדזער לאָנדאָנער אַרבעטער „אינטעליגענץ", אַז איך האָב מיינע רייד פּשוט אויסגעשריען. שיין האָט זיי געענטפֿערט אונדזער מאָטל דאַלניק, און ווירדיק האָט זיי געענטפֿערט מיין חבר נתן בערנשטיין.

צום סוף האָט מען אונדז פֿאַרגעשלאָגן, אַז קומענדיקן שבת זאָלן מיר ווידער פֿאָרזעצן די דעבאַטעס. מיר האָבן איינגעשטימט.

און קומענדיקן שבת איז ווידער פֿאָרגעקומען דאָס זעלביקע: די אָפּאָגענטן אונדזערע, די פֿאָרשטייער פֿון די יידישע אַרבעטער, לייקענען אָפּ זייער נאַציאָנאַלע אָפּהענגיקייט, שמוצן זייער אייגענע קולטור, קעמפֿן קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג פֿון זייער פֿאָלק, לאַכן אָפּ פֿון דער יידישער שפּראַך, זאָגן אין פֿאָרויס און מיט אַ גרינגן האַרצן, אַז זי וועט אין גיכן אונטערגיין. עס האָט מיר פּשוט ווי געטאָן, הערנדיק זיי. כמעט אַ פֿאַרצווייפֿלטער בין איך אַראָפּ פֿון דער בינע, נאָר גלייך אויפֿן אָרט האָב איך אַ קליינע צופֿרידנשטעלונג געפֿונען. עס איז צוגעקומען צו מיר אַ יידישער מאָלער פֿון אדעס, מיר שטאַרק געדריקט די האַנט און אויסגעדריקט זיין סאָלידאַרישקייט מיט מיר, דערנאָך איז צוגעקומען נאָך איינער, זייער אַ יונגער בחור אַ הויכער און אַ דאַרער, וועלכער האָט גערעדט מער מיט די הענט און פֿינגער, ווי מיטן מויל — און ער האָט געזאָגט: די פֿראַגן זיינען פֿאַר מיר ניי. מען דאַרף וועגן דעם טראַכטן. יאָ, יידיש איז אונדזער שפּראַך און ווי אין יעדער שפּראַך קען מען אין איר אַ סך אויפֿטאָן. דעם ערשטנס נאָמען געדענק איך נישט, דער צווייטער איז געווען דער פּאָעט, צו יענער צייט אַן אָנפֿאַנגער, מאָני לייב.

אינטערעסאַנט איז, אַז אויף מאָרגן, בין איך אַריינגעקומען צו ברענערן, װעלכער האָט דאָן געװױנט ביי די מרמרס. די פרוי מרמר זאָגט מיר, אַז ברענער האָט אַ גאַנצע נאַכט שלעכט געפילט. איך האָב געװאָלט אװעקגיין, ערשט ברענער רופט מיך אַריין. איך גיי אַריין צו אים אין צימער, און גלייך נאָך דער באַגריסונג זאָגט ער מיר שטיל, האַרציק:

— איר װייסט, דאָס בין איך קראַנק געװאָרן פון אייער נעכטיקער רעדע, װי נעמט זיך דאָס אונטער אַ יונגערמאַן פאַר אַזאַ גרויסן עולם רעדן מיט אַזאַ גרינגשעצונג װעגן העברעיש און הייבן דעם זשאַרגאָן צו דער מדרגה פון אונדזער פאָלקס און נאַציאָנאַלער שפּראַך און אָנשטאָט ציוניזם פּריידיקט איר דעם טעריטאָריאַליזם. זאָגט מיר זייט איר אַן ייד, האָט איר אַן יידיש האַרץ אַ יידישן מוח? אויב יאָ, טאָ װי אַזוי קענט איר אַזוי רעדן װעגן העברעיש און ארץ ישראל, מיט װעלכע אונדזער גאַנצער געשיכטלעכער לעבן און קולטורעלע אַנטװיקלונג זיינען פאַרבונדן. מיר װאָלט נישט אַזוי געאַרט אייער באַציאונג צו דער שפּראַכן פראַגע, װען איך בין נישט איבערצייגט, אַז איר זייט איינער פון די ערשטע, נאָך איך װעלן קומען אַנדערע און דאָן װעט מען אין גאַנצן פאַרפלייצן און פאַרמיאוסן די העברעישע שפּראַך מיט װעלכער מיר שטאָלצירן פאַר דער װעלט און װעלכע האָט פאַר אונדז אַזוי פיל פאַרדינסטן. (דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען סוף 1904 — צװיי יאָר פאַר דער טשערנאָװיצער קאָנפערענץ).

איך האָב באמת רחמנות געקראָגן אויף דעם צאַרטן שטאַרק פילענדיקן ברענערן. אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָב איך דערהאַלטן פון מיין װאַרשעװער חברטע גיטל שערמאַן אַ בריװ מיט דער נייעס, אַז אונדזערע אַלע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד און פּױלן האָבן זיך פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי, װעלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי ציוניסטן סאָציאַליסטן, (ס״ס״). די פּאַרטיי לאָזט אַרויס אַ דעקלאַראַציע, װעלכע איז נאָך אין דרוק און גלייך װי זי װעט דערשיינען, װעט זי מיר עס צושיקן. מיטן בריװ בין איך געקומען צו לויפן צו די באַרקינס און גלייך איז אימפּראָװיזירט געװאָרן אַ ליאַמע מיט הערינג, פיש, ברויט, ציבעלעס און מיר האָבן ביז שפּעט אין נאַכט געפייערט די גרינדונג פון אונדזער פּאַרטיי.

מיין פּערזענלעכער לעבן איז אַ שװידערלעכער — פּשוט איך לייד אויף אַ כראָנישן הונגער. עס איינמאָל אַ טאָג צװיי זעמעלעך מיט קאַװע, װאָס איך קריג יעדן אין דער פרי פון מיין באַלעבאָסטע, זעלטן, זייער זעלטן, האָב איך אַ צװייטן מאָלצייט. פון װאַרשע קריג איך בריװ — איך זאָל נישט קומען, די פּאָליציי פרעגט זיך שטאַרק נאָך מיר. אַרבעט קריגן אין לאָנדאָן

איז פאַר מיר אוממעגלעך און איך הויב שוין אָן צו טראַכטן וועגן אַמעריקע. עס ווילט זיך מיר נישט פאָרן אַהין, אָבער איך זע איין, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר מיר קיין אַנדער אויסוועג. איך בין פשוט געצוווּנגען צו פאָרן אַהין. אין אַמעריקע האָב איך צוויי שוועסטער און אַ ברודער. און איך בעט מיין שוועסטער העלענען, וועמעס לאַגע איז אַ ביסל אַ בעסערע פון די אַנדערע, זי זאָל מיר שיקן אַ שיפסקאַרט און אַ ביסל געלט. איך קריג פון איין אַן ענטפער, אַז זיי וועלן מיר אין גיכן אַרויסשיקן אַ שיפסקאַרטע און דערווייל שיקט זי מיר צוויי פונט, 10 דאָלאַר. דער בריוו איז געווען זייער אַ האַרציקער און אַ וואַרימער. דער בריוו האָט מיר צוגעגעבן אַ סך מוט, די געלט האָט מיך פשוט געראַטעוועט. נאָך מיין אַרומצאָלן אַלע חובות איז נאָך ביי מיר געבליבן אַ גאַנצער פונט. גאָר אַ קלייניקייט — דאָס וועט סטאַיען ביי מיר אויף אַ גאַנצן חודש און איך וועל פאַר דער צייט נישט הונגערן. איך באַשליס שוין מיטן פולן האַרצן צו פאָרן אין אַמעריקע. דערווייל פאַרברענג איך מיינע טעג אין די ביבליאָטעקן, באַזוך די לאָנדאָנער מוזייאומס און אין די אָוונטן פאַרברענג איך מיט די חברים. זייער אָפט קום איך אין מיסיאָנערישן זאַל, ווו עס געפינען זיך אַלע יידישע צייטונגען פון רוסלאַנד און אַמעריקע, פאַרשיידענע רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן, דאָרטן טרעף איך אָפט ברענערן און מיר פאַרברענגען שטילערהייט. אויך טרעף איך דאָרט אונדזער רוסישע אינטעליגענץ. מען טיילט זיך מיט די לעצטע נייעס פון רוסיש־יאַפּאַנישער קריג. אַמאָל פאַרבלייבן מיר לענגער. הערן די רעדע פונם מיסיאָנער ליכטנשטיין, דוכט זיך אַזוי איז געווען זיין נאָמען. מיר דיסקוטירן מיט אים אויף גאָר נישט קיין איידעלן אויפן. פשוט מיר זידלען אים, רופן משומד, פאַררעטער, פאַרקויפטע נשמה, עס דערגייט צו סקאַנדאַלן און אַפילו קלעפּ, ביז פּאָליצייַ קומט און נעמט אונדז פאַרנאַנדער. איינמאָל געדענק איך איז פאָרגעקומען שוין גאָר אַ גרויסער סקאַנדאַל און די פּאָליצייַ האָט אַרעסטירט די בונדיסטקע פּאָמעראַנץ. זי האָט זיך נישט געלאָזן און האָט אַזוי אַ ביס געטאָן דעם פּאָליציסט האַנט, אַז ער האָט איר אָפּגעלאָזן ווייל ער האָט געמוזט באַנדאַזשירן זיין האַנט.

אַרום פיר אַ זייגער ביי טאָג פלעגט מען דאָרט סערווירן טיי מיט ברויט. און דאָ וויל איך קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז ווי הונגעריק מיר זיינען נישט געווען, האָבן מיר זיך קיין איין מאָל מיט דעם נישט באַנוצט. מיר פלעגן אַלעמאָל פאַר דעם אַרויסגיין, דאָך מוז איך צוגעבן אַז ביי די לייענער האָט זיך נישט גערעכנט פאַר אַן עולה צו טרינקען דעם טיי און עסן דעם ברויט. מעגלעך, אַז דאָס האָט זיי דערהאַלטן ביים לעבן.

מיט די ענגלישע יידן זיינען מיר אין קיין קאָנטאַקט נישט געקומען.

נישט זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט אונדז און נישט מיר האָבן זיך אינ־טערעסירט מיט זיי. איך האָב זיך איניקע מאָל געטראָפן מיטן רב אַדלער, וועלכער האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק און מיט זאַנגווילן, וועלכער איז פאַר מיר געווען צופיל ענגליש. מיט אונדזערע רוסיש־פּויליש̈ע יידן האָב איך זיך גראָדע אָפט געטראָפן, אַ וווּנדערבאַרער עלעמענט. האַרציקע, פּילנדיקע, האָבן געוואָלט מיט אַלע מעגלעכקייטן אונדז אַרויס־העלפן אין אונדזער פאַרצווייפלטער לאַגע, נאָר מיר האָבן זייער הילף נישט אָנגענומען. אויך האָט מען מיר איבערגעגעבן אַז די באַציאונג פון די „שעל־טער" מיטגלידער און פאַרוואַלטער צו די ליידנדע אימיגראַנטן איז געווען ווייט ווייט נישט קיין גוטע און נישט קיין אידעלע.

אין יענער צייט איז דער רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג אין לאָנדאָן „דער פּראָגרעס" ה׳ מאיער געקומען פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס אויף וועלכן עס איז פאַרהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון אוגאַנדע און אין אַ ריזיקן זאַל האָט ער אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן קאָנגרעס. אונדזער גרופּע איז געווען פאַר אוגאַנדע, נאָכן באַריכט האָבן מיר אויפגעהויבן אַזאַ סקאַנדאַל, אַז ס׳איז געקומען פּאָליציי און געוואָלט אונדז אַרעסטירן. אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן...

עס דערנענטערט זיך דער ערשטער מאַי. מיר באַשליסן צום ערשטן מאָל אַרויסטרעטן אין הייד פּאַרק מיט אונדזערע אייגענע רעדנער און מיט אונדזער אַן אייגענעם „סטענד". מיר באַשליסן מאַרשירן צוזאַמען מיט אַלע לאָנדאָנער אָרגאַניזירטע אַרבעטער. מיר דאַרפן אַ פאָן און ווייסן נישט, ווי אַזוי אונדזער פאָן זאָל אויסזען, וואָס אויף איר אויסנייען, ווו קריגט מען געלט און ווער זאָלן זיין אונדזערע רעדנער. מיר האָבן איניקע זיצונגען. מען שלאָגט פאָר אַראָפּברענגען חבר סירקינען פון פּאַריז. אַלע חברים ווערן באַגייסטערט פאַר דעם. אָבער ווו נעמט מען געלט פאַר סירקינען, וועלכער איז אַליין אַ קבצן אין זיבן פאָלעס. בלייבט, שיקן אַ דעלעגאַציע צו זאַנגווילן, ער זאָל קריגן געלט פאַר דעם אַלץ און דערווייל זאָלן די חברים און חברטעס זאַמלען וויפל ס׳איז נישט צווישן זייערע פריינד און באַקאַנטע. אויך אויף זייערע זיצונגען און פאַרזאַמלונגען.

אין איניקע טעג שפּעטער איז די דעלעגאַציע געקומען אַ באַגייסטערטע: זאַנגוויל האָט געגעבן אַ גאַנץ היבשע סומע און צוגעזאָגט נאָך צו געבן. אויך די חברים און חברטעס האָבן געבראַכט אַביסל געלט און מען האָט טעלעגראַפירט צו סירקינען ער זאָל קומען צום ערשטן מאַי אין לאָנדאָן און די חברטעס האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויסנייען די פאָן, פון סירקינען איז אין גיכן געקומען אַן ענטפער, אַז ער וועט קומען. אונדזער גרופּע איז

איבערגליקלעך, גאָר אַ קליינינקייט. מירן אַרויסטרעטן אויף אונדזערס אַ באַ־זונדערן פּלאַץ אין הייד פּאַרק, מיט אונדזער באַליבטן סירקינען, אונטער אונדזער אייגענער פאָן און צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט אָרגאַניזירטע אַרבעטער וועלן מיר פייערן דעם וויכטיקסטן אַרבעטער יום טוב, דעם ערשטן מאַי.

עפּעס אַ קורצע צייט פאַרן ערשטן מאַי איז פאַרגעקומען אין לאָנדאָן אַן אינטערעסאַנטע דעבאַטע צווישן זאַנגווילן און זיין פּרוי, די גויע קאָווען. ער האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט אַז די יידישע פראַגע קען געלייזט ווערן אין וועלכער ס'איז נישט טעריטאָריע, וועלכע מוז זיין פּאַסיק פאַר אַ ברייטער קאָלאָניזאַציע פון די מזרח אייראָפּעאישע יידן, און זי האָט פאַר־טיידיקט איר פּרינציפּ, אַז נאָר ארץ ישראל קען לייזן די יידן פראַגע. די דעבאַטע איז פאַרגעקומען איז איינער פון די גרעסערע זאַלן אין לאָנדאָן. ביידע דעבאַטאַנטן האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט איינער צום אַנדערן און דאָס פּובליקום איז געווען העכסט דזשענטלמעניש: ביידן שטור־מיש אַפּלאָדירט...

צו דער ערשטער מאַי פייערונג פון מיין פאַרטיי אין הייד פּאַרק בין איך שוין נישט געווען. נישט באַשערט מיר געווען צו זיין ביי דעם גרויסן יום טוב און אַפילו נישט זען דעם הייד פּאַרק, אָנהייב אַפּריל 1905 האָב איך פאַרלאָזן לאָנדאָן אויף מיין וועג קיין אַמעריקע.

אָבער ביי די צוגרייטונגען צום יום טוב פון ערשטן מאַי בין איך געווען און גראַדע אַ טיכטיקן אָנטייל גענומען. וויפל פרייד האָב איך דאַן דורכ־געלעבט! וויפל גייסטיקן פאַרגעניגן איך האָב געשעפּט פון דעם! מען קען דאָס גאָר נישט איבערגעבן. גאַנצע אָוונטן בין איך אָפּגעזעסן אין באַרקינס הויז און אַרויסגעהאָלפן אין די צוגרייטונגען. און די גרעסטע אויפמערקזאַמ־קייט האָבן מיר געשענקט דער פאָן. מיר האָבן זיך געאייניקט אויף דעם מאַטעריאַל פון פאָן, איר לענג און ברייט, איר אויסזען, אַפילו אירע פרענדז. מיט וואָס פאַראַ קאָלירן זאָלן מיר אויסנייען די פאַרשידענע אויפשריפטן וואָס זאָלן כאַראַקטעריזירן אונדזער „פּאַרטיי", און אונדזער סאָלידאַרישקייט מיט אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון דער וועלט.

ווען מיר האָבן זיך געאייניקט אין אַלע דעטאַלן פון פאָן, האָבן אונדזערע חברטעס אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן אונדזער טרוים אין לעבן, און נאָך אַ לאַנגער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון אונדזערע חברטעס איז אַרויס אַ פאָן, שוין איינמאָל אַ פאָן! מיר האָבן געמאָלדן דער פּאָליציי וועגן אונדזער אָנ־טייל אין דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע און געבעטן אַ פּלאַץ פאַר אונדז אין הייד פּאַרק. פון סירקינען האָבן מיר געהאַט אָפּטע בריוו, אַז ער קלייבט

זיך שוין אין וועג מיט אונדז צוזאַמען פייערן דעם גרויסן אַרבעטער יום טוב. אַלע חברים זיינען געווען העכסט באַגייסטערט פון דעם פאַרשטייענדיקן ערשטן גרויסן עפנטלעכן אַרויסטריט אין די גאַסן פון לאָנדאָן און מיט דער גאַנצער לאָנדאָנער אַרבעטערשאַפט אין הייד פּאַרק. און יעדערער האָט אַגיטירט אין די שעפּער, צווישן באַקאַנטע, זיי זאָלן אָנטייל נעמען אין אונדזער גרויסן יום טוב, און אין מיטן דערינען בין איך אַוועקגעפאָרן...

עס איז גרינג אַרויסצוזאָגן, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן פון לאָנדאָן אין אַמעריקע, אָבער פאַר אַן עמיגראַנט איז דאָס גאָר נישט אַזוי גרינג דורכצופירן. צוערשט האָב איך געדאַרפט פאָרן אין ליווערפּול און פון דאָרטן נעמען די שיף קיין אַמעריקע און אויף צו פאָרן פון לאָנדאָן אין ליווערפּול מוז מען באַצאָלן פאָרן באַן־בילעט און אויף דעם האָב איך קיין סענט נישט געהאַט, ווייל מיט אַ פאָר וואָכן פריער האָב איך געטראָפן מיינעם אַ חבר, וועלכער האָט פשוט פאַר מיר געוויינט, אַז ער איז אין אַזאַ לאַגע, אַז ער קען נישט גיין אַ היים, זיך ווייזן פאַר זיין באַלעבאָסטע, וועלכער ער איז שולדיק אַ גאַנצן פונט. זיינע באַלעבאַטים זיינען אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערקומען און זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זיינע געלט. און שוין באַלד אַ חודש צייט, ווי ער ציט זיי אָפּ מיטן אָפּצאָלן דעם חוב און ער דערוואַרט די געלט פון זיינע עלטערן פון טאָג צו טאָג. זייענדיק אַלע מאָל אומפּראַקטיש און גראַדע וויסנדיק, אַז ער וועט די געלט געוויס קריגן, האָב איך אַרויסגענומען אַ פונט און אים געגעבן מיטן באַדינג ער זאָל מיר אָפּגעבן צום שפּעטסטנס צו דער צייט, ווען איך דאַרף פאַרלאָזן לאָנדאָן.

אַ פּאָר טעג פאַרן פאָרן בין איך אַריין צו אים נאָך דאָס געלט! האָט ער מיר צוגעזאָגט ביז מאָרגן דאָס געלט צו שאַפן. אָבער ער האָט דאָס געלט נישט געקראָגן. מיר זיינען ביידע געלאָפן צו אונדזערע ביידנס באַקאַנטע און פריינד: קיינער האָט נישט געהאַט ביי זיך אַזאַ קאַפּיטאַל. אַז איך האָב דערזען, אַז ס'איז שלעכט, האָב איך געכאַפּט מיינעם אַ היימישן קישן און אַוועק אין אַ ליי־קאַסע עס פאַרזעצן און געקראָגן אויף מיין באַן־בילעט. און דעם זעלביקן אָוונט בין איך אַוועקגעפאָרן אין ליווערפּול. איך בין געקומען אַהין אַרום פינף אין דער פרי. איך האָב זיך דאָרט דערוווּסט, אַז דער האַפן איז ווייט און אַהין גייט אַ באַן און דאָס דאַרף קאָסטן אַרום צען פעניס און איך האָב ביי זיך אין גאַנצן זיבן. בין איך געבליבן אין אַ שרעקלעכער לאַגע. וואָס טוט מען דאָ? איך וועל פּרוּוון בעטן ביי דער שיפס געזעלשאַפט, טראַכט איך, אפשר וועט זי מיר געבן דאָס געלט. איך קום אַהין אַ הונגעריקער, נישט קיין אויסגעשלאָפענער, אַ פאַרמאַטערטער,

ערשט מען זאָגט מיר, אַז די ביוראָ עפנט זיך אַכט אין דער פרי. פאַר־פאַלן — איך מוז וואַרטן. איך האָב זיך אָוועקגעזעצט אויף די טרעפּ און געוואַרט. איך זע אַרבעטער גייען צו דער אַרבעט מיט פּעקלעך אונטער די אָרעמס, אייניקע געשעפטן עפענען זיך. אַנטקעגן איז אַ רעסטאָראַן און ער איז אָפן. עס קומען אַהין אַריין מענער און פרויען, עסן אויף גיך אָפּ און לויפן ווייטער. אַי וואָלט איך אַהין אַריין, גענומען בלויז אַ גלאָז קאַווע מיט אַ שטיקל ברויט און פּוטער און איך וואָלט אַ לעבעדיקער געוואָרן...

גאָט צו דאַנקען, דערוואַרט זיך. די ביוראָ איז שוין אָפן. איך קום אַריין, דערצייל זיי פון מיינע צרות. זייער איידל האָט מיר איינער געענט־פערט, אַז צום באַדויערן קען ער מיר גאָרנישט העלפן.

וואָס בלייבט מיר איצט צו טאָן? איך האָב געהאַט אַ גאַנצן פּעקל שוואַרצן לאָנדאָנער טאַבאַק און באַשליס, איך וועל פּעדלען אין גאַס, פאַר־קויפן דאָס. איך שלאָג פאַר די טאַבאַק כמעט אַלע פאַרבייגייער. אָבער קיי־נער וויל דאָס נישט קויפן. דער זייגער ווערט שוין צען, און צוועלף אַם שפּעטסטנס, מוז איך זיין אויף דער שיף. אַז נישט, האָב איך זיך דעמאָלסט געשראָקן, וועט פאַרלאָרן גיין מיין שיפסקאַרטע און איך וועל מוזן נאָך אַ פּאָר חדשים זיך וואַלגערן אין ענגלאַנד.

צו מיין גליק האָב איך באַמערקט אַ היימישע יידענע מיט דריי זין. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען אויך עמיגראַנטן. איך בין צו־געגאַנגען צו זיי, פאָרגעשלאָגן מיין טאַבאַק פאַר אַ בילעט צום שיף. דער עלטסטער זון האָט ביי מיר צוגענומען די טאַבאַק און געהייסן מיר גיין מיט זיי. זיי פאָרן אויך אַהין און ער וועט באַצאָלן פאַר מיין בילעט.

מיין דאַמאָלסטיקע פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך. גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ אליהו הנביא, וועלכער האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אין אַזאַ קריטישער מינוט.

איך בין געקומען צו דער שיף און דערזען אַ מאַסע עמיגראַנטן פאַר־פליצן דעם האַפן. טויזנטער פּאַסאַזשירן! איך גיי אַרויף אויף דער שיף. עס הויבט זיך אָן אַ גאַנצע פּראָצעדור. פאַרשרייבעניש און פאַרשרייבעניש. באַפרייט געוואָרן פון דעם, מוז איך דורכמאַכן אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג.

אַ סך וויינען, קלאָגן יאָמערלעך: די דאָקטוירים לאָזן זיי נישט פאָרן. ביי דעם אַ שוואַכע האַרץ, ביי אַן אַנדערן דער פּולס, ביי אַ דריטן די אויגן, ביי אַ פערטן די האָר נישט אין אָרדענונג. אייניקע לאָזט מען אין גאַנצן נישט פאָרן, אַנדערע מוזן דאָ בלייבן און אויסהיילן זיך.

מען האָט מיך באַטראַכט און דורכגעלאָזן. איך קען פאָרן קיין אַמע־

ריקע און טאַקע מיט דער שיף. און מיט אַ שעה שפּעטער איז טאַקע די שיף אָפּגעגאַנגען.

דעם פונט געלט, וואָס איך האָב אַנטליען מיין חבר אין לאָנדאָן האָב איך געקראָגן שוין אין אַמעריקע, ווען איך האָב זיך אין אים נישט אַזוי שטאַרק גענויטיקט. אָבער צרות האָט ער מיר פאַרשאַפט אַ סך...

קאַפּיטל 30

מיט יידישע עמיגראַנטן פון ליווערפּול ביז באָסטאָן

מיין שיפסקאַרטע האָט געלויטעט, אַז איך פאָר פון ליווערפּול קיין באָסטאָן, דריטן קלאַס מיט דער שיף „וועסטערנלאַנד". נו, איז דאָס געווען אַ שיף! איז דאָס געווען אַ רייזע! די עמיגראַציע איז דאַן געווען אומגעהויער גרויס, אַזוי גרויס, אַז די פאַרשיידענע שיפס־קאָמפּאַניעס אין אייראָפּע האָבן נישט געהאַט גענוג שיפן, כדי די אַלע עמיגראַנטן צושטעלן אין אַמעריקע. האָט מען אַ סך שיפן־אינוואַלידן, וואָס זיינען שוין לאַנג אַרויס פון געברויך, פאַרוואַנדלט אין שיפן פאַר עמיגראַנטן. מיין „וועסטערנלאַנד" איז אַמאָל געווען אַ פראַכטשיף און מען האָט איר אויך מיט איינִיקע יאָר צוריק אַריינגעגעבן אין שיפן מושב זקנים, און איצט האָט מען זיך וועגן איר דערמאָנט, אַ ביסל איר רעמאָנטירט און פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַסאַזשיר שיף פאַר עמיגראַנטן, וואָס קורסירט צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע. איז דאָס טאַקע געווען איינמאָל אַ שיף! זי איז געווען זייער גרויס און פאַרמאָגט די אַלע מעלות פון דעמאָלסטיקע עמיגראַנטן שיפן. זי איז געווען אַ פינצטערע, אַ שמוציקע און געשטונקען, אַזש דעם נאָז צו פאַרשטאָפּן. און געפּאַקט איז די שיף געווען ווי אַ פעסל מיט הערינג. ס'איז פשוט נישט געווען ווו זיך אַ ריר צו טאָן. די מערסטע פון די פּאַסאַזשירן זיינען געווען יידן פון ליטע, פון פּוילן, רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע. נאָר עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין קריסטן פון רוסלאַנד, פּוילן, פראַנקרייך, אירלאַנד, שפּאַניע, איטאַליע און פון וואַנען נישט? מיר האָבן אפילו פאַרמאָגט פאַרשטייער פון דער שוואַרצער ראַסע, וועלכע איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען דאָ אויף דער שיף און וועלכע האָבן אַרויסגערופן מיין העכסטע אויפמערקזאַמקייט. די פּאַסאַזשירן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אינטערנאַציאָנאַל פון די אַרעמסטע, פון די אַרויסגעשטויסענע, באַליידיקטע, דערנידעריקטע פון די פאַרשיידנסטע לענדער, און די אַלע זיינען געפאָרן זוכן גליק אין די ווייטע פרעמדע לענדער. זיי האָבן געהערט, אַז מען קען זיך אין אַמעריקע ווי נישט איז איינאָרדענען אויפן לאַנד אָדער אין די פאַבריקן, אין די שטעט.

און עסן האָט מען אונדז אויפן שיף געגעבן, אַז ס'האָט אונדז אָפּ־געעקלט פון די „פּאַטראָוועס". אפילו די איטאַליענער האָבן זיך צו די עסנס נישט געוואָלט צוגערירן. די מערסטע יידן האָבן נישט געוואָלט עסן דער שיפס עסנוואַרג, ווייל ס'איז נישט כשר. אויסער דעם האָבן די מערסטע פּאַסאַזשירן געליטן פון ים־קראַנקהייט. דאָך האָבן די יידישע פּאַסאַזשירן אַ סך הונגערן נישט געוואָלט און זיי האָבן דערקלערט אַ סטרייק.

גאָר אַן אַנדער איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די איטאַליענער עמיגראַנטן. איך האָב נאָך אין דער היים און אין וואַרשע געלייענט אַ סך איבערזעצונגען פון איטאַליענישע שרייבער. אַנונציאָ איז אַפילו געווען מיין ליבלינג. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט די איטאַליענער, ווי זיי פאָרן אין די גאָנדאָלעס, זיינען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, ווי זיי פאָרן צו צו זייערע האַרצנס געליבטע סיניאָריטעס און שפּילן און זינגען זייערע סערענאַדעס. די וווּנדערשיינע סיניאָריטעס, דערהערנדיק די סערענאַדע פון זייערע באַליבטע בחורים, קוקן אַרויס פון די פענצטער און פרעגלען זיך אין נחת. און די סערענאַדעס זיינען דאָך אַזוי ווונדערשיין, פון זיי טראָגט זיך דאָס ליבע ליד אַזוי האַרמאָניש, אַזוי האַרציק, ראָמאַנטיש, אַז מען דאַרף זיין אַ גזלן און נישט אַראָפּקוקן אויפן סערענאַדן זינגער און נישט שענקען אים אַזאַ מיידלס שמייכל, אַז דער געליבטער זאָל זיך פון דעם אַליין פילן ווי דער גליקלעכסטער אין דער גאַנצער וועלט.

און דאָ זע איך די איטאַליענישע עמיגראַנטן פאַרהאַרעוועטע, פאַרצאָרנטע, אָנגעטאָן אין שמוציקע פאַרטוכער, וועלכע באַדעקן זייערע שמאַטעס. און סע ליגט זיי נישט אין קאָפּ די גאָנדאָלעס, סערענאַדעס און סיניאָריטעס. זיי זיינען אפילו אין די שמוציקע זאַכן שיין, אָבער זייערע סיניאָריטעס געפעלן מיר שוין גאָרנישט: נידעריקע, צופיל פאַרברענטע, גראָבלעכע און אָפּגעלאָזענע. איך האָב נישט געדאַרפט גלויבן אַנונציען אויפן וואָרט.

מיט די סלאַווישע עמיגראַנטן איז מיר שוין בעסער. מיט די רוסן, ווייסרוסן און פּאָלאַקן רעד איך זיך גרינג צונויף, מיט די אוקראַינער און די סלאָוון פון די באַלקאַנען קען איך זיך ווי עס איז פאַרשטענדיקן. און גאָר אין גיכן ווער איך צווישן זיי זייער פּראָמינענט, גאָר אַ קלייניקייט, איך קען לייענען זייערע שפּראַכן און אויך שרייבן. און איך ווער זייער בריוו שרייבער. און זיי פאַרוואַרפן מיך מיט אַרבעט. כמעט יעדער איינער קומט צו מיר אָן מיט זיין ביטע, אָנשרייבן אַהיים אַ בריוו פאַר אים. צייט האָב איך און מיר איז שווער זיי צו אָנטזאָגן און אַנדערע צאָלן מיר דערפאַר. דער פּרייז איז שוין אַן איינגעשטעלטער — אַרום פינף אַמע־

ריקאַנער סענט פאַר אַ בריוו, מיט מיין פּאַפּיר און קאָנווערט. און גלויבט מיר: צו מיין פינאַנציעלער לאַגע איז דאָס שטאַרק צונוץ געקומען, איך האָב געהאַט אויף פּאַפּיראָסן, אויף אַ גלאָז ביר און אַמאָל אויף אַ נאַש טאָן.

וואָס שייך די יידן האָב איך זיך באַפריינדעט מיט איניקע יונגע לייט און מיט צוויי שיפס שוועסטער און כמעט די גאַנצע צייט פון דער רייזע זיינען מיר אַלע מאָל געווען צוזאַמען. איינע איז געווען פון באַריסאָוו, די אַנדערע פון רומעניע.

דריי טעג זיינען מיר געפאָרן מיטן אירלענדער ים צום צפון ביז מיר האָבן דערגרייכט די ברעגן פון שאָטלאַנד, ווו עס האָבן געוואַרט אויף אונדז עטלעכע הונדערט שאָטלענדער, מענער און פרויען, פרישע עמיגראַנטן פאַר אַמעריקע. צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען מענער אין קליידלעך און מיט פאַלדן, קרוזשעוועס מיט זייערע בלוזעס און היטעלעך. זיי האָבן מיר אויסגעזען ווי פורים שפּילער. זע נאָר, אפילו די פּאָליציי און מיליטער לייט אין קליידלעך, דאָס איז שוין גאָר טשיקאַווע. און וואָס רייכער דער מאַן איז, דעסטאָ מער קאָמפּליצירט איז זיין קלייד. און די מענער אין די קליידלעך טראָגן פּאַגאָנעס, שווערדן... זייער קאָמיש זעען זיי מיר אויס. איך קען די אויגן פון זיי נישט אָראָפּנעמען.

דערפאַר אַ גוטן איינדרוק מאַכן אויף מיר די מיידלעך, וואָס זיינען אָנגעטאָן אַזוי ווי מיידלעך אין וואַרשע, בערלין, אָבער זיי זיינען אַ סך שענער. כמעט אַלע זיינען בלאָנד, העכער פון מיטעלן וווקס, שלאַנק, באַוועגן זיך גרינג, גראַציעז, אַז ס'איז אַ פאַרגעניגן אויף זיי צו קוקן. איך וואָלט זיך וועלן באַקאָנען מיט זיי, רעדן מיט זיי, בין איך, נישט פאַר איך געדאַכט זייער שטומפּיק אויף זייער שפּראַך און זיי ווייסן נעבעך גאָר־נישט פון אונדזער יידישער שפּראַך.

די שאָטלענדער האָבן געהאַט אַן אייגענעם אָרקעסטער מיט די שאָטלענדישע מאָדנע שפּיל אינסטרומענטן און ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן אויף דעם אויבערדעק שפּילן זייערע שאָטלענדישע ניגונים, בין איך שוין גלייך געווען לעבן זיי און פלעג נישט אַוועקגיין ביז וואַנען זיי האָבן פאַר־ענדיקט זייער שפּילן, כאָטש איך בין נישט באַגייסטערט פון זייער מוזיק. עס איז, האָט זיך מיר געדוכט, נישטאָ קיין מעלאָדישקייט, נאָר עפּעס ענ־לעכעס צו רעציטאַציע.

אויך האָבן זיי געהאַט אַ כאָר, נאָר ער האָט געזונגען בלויז אַ דריי מאָל אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון אָרקעסטער.

אויפן פערטן טאָג זיינען מיר אַריין אין אָקעאַן. אויס אידיליע. דער

עולם פילט זיך נישט גוט. אַ סך ליגן אין די בעטן און די וואָס פילן זיך גוט זיינען מערסטן אונטן, פוילן זיך אַרויפגיין אויף דעם אויבערדעק. איך קען פאַר קיין פאַל נישט זיין אונטן, עס שטינקט, עס הערן זיך פאַרשידענע אַנדערע ריחות, קיין ווענטילאַציע איז נישטאָ און עס איז פשוט דערשטיקט צו ווערן. דערצו איז שמוציק, פינצטער...

איך בין אַלעמאָל אויבן. און איך וווּנדער זיך, וואָס איך בין נישט קראַנק, פיל זיך נאָרמאַל, אפילו שטיפעריש. איך עס דריי מאָל אַ טאָג די עסנס פון דער שיף, בראָקיר מיט גאָרנישט און דער אַפּעטיט איז ביי מיר אַ וווּנדערבאַרער.

אויף דער שיף האָבן די יידן געפאָדערט מען זאָל זיי געבן דאָס וואָס זיי מעגן עסן: הערינג מיט ברויט און טיי. דער קאַפּיטאַן האָט איינגעוויליקט און די יידן האָבן אָנגעהויבן צו עסן די זעלבע מאכלים דריי מאָל אַ טאָג. די מאַנשאַפט אויף דער שיף איז שוין גאָר נישט געווען קיין איידעלע. די פּאַסאַזשירן האָבן פון איר אַ סך צרות געהאַט, ספּעציעל די יונגע שיינע מיידלעך. אין אַלגעמיין זיינען די מאַטראָסן מיט אונדז זיך באַגאַנגען, ווי זיי וואָלטן געווען די האַרן איבער אונדז. און די דערשלאָגענע פּאַסאַזשירן האָבן דאָס אָנגענומען ווי אַ גזר מן השמים.

דער ים איז די גאַנצע צייט פון אונדזער רייזע געווען שטורמיש. ס'זיינען געווען פאַלן, ווען מיר האָבן מורא געהאַט פאַר דער גאַנצקייט פון אונדזער שיף. איינמאָל האָט מען אונדז אין מיטן נאַכט אויפגעוועקט, געהייסן אָנטאָן די רעטונגס־גאַרטלען, אַרויפגעשיקט אין דער הויך און געהייסן אונדז זיין גרייט. דערווייל האָבן די מאַטראָסן זיך געפּאַרקעט ביי די רעטונגס שיפלעך. אַלע זיינען אין טויט שרעק געזעסן אויבן, טוליענדיק זיך איינע צו די אַנדערע. די יידן האָבן געזאָגט תהילים, די גוים האָבן געזאָגט זייערע פּאַטשערעס. אין צווישנצייט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ס'איז עפּעס צרות מיט אַן אויוון, אָבער דער סוף פון דער גרויסער שרעק איז געווען אַ גוטער: מען האָט אונדז געהייסן אַראָפּ אונטן און זיך לייגן שלאָפן — די געפאַר איז אַריבער. מען האָט דעם אויוון צורעכט געמאַכט.

אויפן עלפטן טאָג פון דער רייזע, איז דער ים שרעקלעך אין כעס געוואָרן און ער האָט זיך גענומען וואַרפן ווי אין קדחת און דעם גאַנצן כעס האָט ער אַרויפגעוואָרפן אויף אונדזער פּאַרלאַטערטער שיף. געשפּיגן אויף אונדז מיט כוואַליעס, וועלכע זיינען געווען העכער פון אונדזער שיף, פשוט געוואָלט פאַרניכטן אונדזער עקיפּאַזש מיטן גאַנצן פּעקל עמיגראַנטן, מיט אַלץ וואָס עס געפינט זיך אינעווייניק. כוואַליעס און כוואַליעס האָבן פאַרגאָסן דעם אויבערדעק. אונדזער שיף האָט מיט די לעצטע כוחות געקעמפט

פאַר איר עקזיסטענץ. איך בין אַרויף אויבן זען, ווי דער ים זעט אויס אין אַ שטורעם. און עס איז ווערט געווען אַ קוק צו טאָן: דער גאַנצער ים ביז דעם האָריזאָנט, פון אַלע זייטן, האָט געזאָדן און געקאָכט ווי אין אַ קעסל. כוואַליעס איינע גרעסער פון דער אַנדערער האָבן געקעמפט אין אַ ווילדן געיעג. דער ים איז אויסגעזייט געווען מיט טיפע גריבער און הויכע וואַסער־בערג.

איך האָב זיך פאַר דער צייט פון דער רייזע באַקאַנט און גערעדט כמ־עט מיט אַלע פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס. נאָר ספּעציעל אינטערעסירן מיר די יידן. יעדערער דערציילט מיר פון זיין לעבן און וואָס עס האָט אים געטריבן צו עמיגרירן. עס עפנט זיך פאַר מיר אַ ים פון מענטשלעכע יסורים, ליידן, הונגער. עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר דער גלות אין זיין גאַנצער ברייטקייט, טיפקייט און טראַגישקייט. עס לויפן יידן פון דער צאַרישער רוסלאַנד, פון דער באַרבאַרישער רומעניע, פון דער אַנטיסע־מיטישער פּוילן און גאַליציע, ווו אויף יעדן טראַט לאָזט מען זיי וויסן, אַז זיי זיינען אומגעווינטשטע פרעמדע, מען רייסט פון זיי אַרויס דעם לעצטן ביסן ברויט פון מויל, מען באַיקאָטירט זיי געזעלשאַפטלעך, קולטורעל, פּאָ־ליטיש, מען דערנידעריקט זיי און מען באַגייט זיך מיט זיי אויפן שענד־לעכסטן אופן. עס לויפן די יידן פון יענע לענדער ווי פון אַ פּעסט: יונגע, אַלטע, מענער, פרויען. די עמיגראַציע האָט אָנגענומען אַ פאָלקס־כאַראַק־טער. עס לויפן יידישע סאָלדאַטן פון די קאַזאַרמעס, ווו מען באַגייט זיך מיט זיי ברוטאַל. עס אַנטלויפט די יוגנט, נישט זעענדיק קיין צוקונפט פאַר זיך אין די לענדער, וועלכע האָבן ביי זיי צוגענומען יעדע מעגלעכקייט אָרנטלעך אַ שטיקל ברויט צו פאַרדינען. עס עמיגרירן די שטאַרקערע, די פּייאיקערע, די מער ענערגישע. עס עמיגרירן די מער באַוווסטזיניקע, וועל־כע ווילן נישט לעבן אַזוי ווי זייערע זיידעס און טאַטעס האָבן געלעבט אין שטענדיקן הונגער, נויט, אין שטענדיקן שרעק פאַר פּאָליציי. זיי ווילן נישט לעבן אין די לענדער, ווו זיי זיינען באַרויבט פון אַלע מענטשלעכע, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט. עס פאָרן בונדיסטן, ציוניסטן, אַסי־מילאַטאָרן, נאַציאָנאַליסטן...

יע, איך האָב אין דער רייזע מיינער באַמערקט, אַז ס'איז דאָ אַזוי צו זאָגן אַן עמיגראַנטן פּסיכאָלאָגיע. עס איז דאָ ביי די עמיגראַנטן אַ געפיל פון מינדערוויכטיקייט, פון אונטערטעניקייט, פון שולדיקייט — אַ באַ־זונדער סאָרט פון אַן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס. אויסער דעם ליידן זיי די גאַנצע צייט פון דער רייזע פון מוראדיקער שרעק, טאָמער וועט מען זיי צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן נישט אַריינלאָזן אין אַמעריקע, טאָמער

וועלן זייערע באַנטע נישט קומען צו דער שיף זיי אָראָפּנעמען און מען וועט זיי צוריקשיקן אין זייערע אַזוי צו זאָגן היימען. און דאַן, כאָטש וואַרף זיך אין ים אַריין. מיטן „דאָרטן" האָבן זיי שוין אַלע חשבונות געשלאָסן, אַלע בריקן פאַרברענט. איין איינציקע האָפענונג אין לעבן איז ביי זיי פאַר־בליבן — אָנהויבן אין אַמעריקע אַ ניי לעבן, אַ בעסערן, אַ שענערן, אַ מענטשלעכן.

און די פרויען וואַשן זיך אָפּט, וואַשן די האָר מיט זייער שטאַרקע פּליסיקייטן, אַז מען זאָל דאָרטן גאָר נישט געפינען. זיי האַלטן זיך איין פון וויינען, די אויגן זאָלן נישט ווערן רויט, היטן דעם פּנים, אַז קיין שפּרינ־קעלע זאָל נישט זיין און די קינדער היטן זיי אָפּ ווי אַ שוואַרצאַפּל אין אויג. אָבער דאָך איז קיינער נישט זיכער, אַז מען וועט אים אַריינלאָזן אין דעם געבענטשטן לאַנד, אין לאַנד פון זייער נייעם לעבן. און וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו די אַמעריקאַנער ברעגן אַלץ מער איז די שרעק, אַז מען וועט זיי אויסבראַקירן און נישט אַריינלאָזן אין לאַנד. דער געפיל אַליין, אָט די שרעק לייגט זיך ווי אַ כמאַרע אויף אַלע עמיגראַנטן און אין די לעצטע טעג פון דער רייזע קען מען נישט באַמערקן אויף זיי קיין איין פרייע מינע.

אויפן אַכצענטן טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין אַמעריקע. מיר זיי־נען אָנגעקומען אין באָסטאָן דעם ערשטן טאָג פּסח 1905. די באָסטאָנער קהלה האָט אונדז באַזאָרגט מיט געשמאַקע פּסחדיקע מאכלים. מיר האָבן געפּראַוועט דעם ערשטן סדר אויף דער שיף. צו אונדזער סדר זיינען גע־קומען אייניקע באָסטאָנער יידן — עפּעס זייער גרויסע מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט צווישן זיך ענגליש און מיט אונדז אין אַ צעבראָכענעם יידיש. זיי האָבן אונדז געטרייסט, אויפגעמונטערט און צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט זיין „אָלרייט", און אַז מאָרגן אין דער פרי וועט מען אונדז אַלעמען באַפרייען און מירן קענען פאָרן, וווהין מיר ווילן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אין דער פרי האָט מען אונדז אַרויסגערופן אין אַ גרויסער הויז, וועלכע איז געווען איבערגעפּאַקט מיט אימיגראַנטן. אין אַן אַנדער גרויסן צימער, זיינען געזעסן די פאָרשטייער פון דער רע־גירונג, וואָס דאַרפן אויספרעגן די אימיגראַנטן. פּאָליסלייט האָבן אונדז געהיט, אָדער פלעגן אַרויסרופן די נעמען פון די, וועלכע מען פלעגט דאַרפן אויספרעגן. אונדז האָט פאַרוווּנדערט ווי פיין, איידל די פּאָלי־ציאַנטן באַגייען זיך מיט אונדז, די פרעמדע אָרעמעלייט.

ס'איז געקומען די ריי צו מיר. ווידער אַ וווּנדער: מען רעדט צו מיר אין אַ גוטן יידיש. מען שטעלט מיר אייניקע פראַגן און איך בין אַ־

גערקעט געוואָרן פון זיי אַלס אַ צוקונפטיקער גוטער בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. פון באָסטאָן האָב איך גערדאַרפט פאָרן אין ניו יאָרק און אַ פּאָליציימאַן האָט מיך און נאָך אַ סך גענומען צום באַן און אַריינגעזעצט אין די וואַגאָנען און אונדז איבערגעגעבן אונדזערע באַן־בילעטן.

קאַפּיטל 31

די ערשטע צייט אין ניו יאָרק

אויפן צווייטן טאָג פּסח בין איך אָנגעקומען אין ניו יאָרק. דער טומל
פון ניו יאָרקער גאַסן האָט מיך איבערראַשט, און איך האָב באַשלאָסן, איי־
דער איך פאָר צו מיין שוועסטער, כאַפּן אַ שטיקל שפּאַציר און איך בין
אַריינגעפאַלן אין אונדזער יידישן קוואַרטאַל־קאַנעל סטריט, איסט בראָדוויי,
מעדיסאָן, הענרי סטריט. אַ פאַרגעניגן: אַלע קראָמען זיינען יידישע, מען
הערט אונדזער יידיש אויף יעדן טראָט. און אָט לויפט אַ יינגל, האַלט אין
האַנט אַ פּאַק צייטונגען און שרייט „טאָגעבלאַט, טאָגעבלאַט". איך קויף פאַר
אַ פּעני אַ טאָגעבלאַט, זעץ זיך אַוועק ערגעץ אויף די טרעפּ ביי אַן אַריינ־
גאַנג אין הויז, וויקל פונאַנדער מיין צייטונג און לייען. איך האָב שוין 40
טעג נישט געלייענט קיין צייטונג און איך האָב זיך אויף איר אַרויפגעוואָרפן
ווי אַ דורשטיקער. מיך האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט אַן אַרטיקל וועגן
דזשייקאָב שיף — עפּעס האָט ער געגעבן אַ גרויסע נדבה און דער „טאָגע־
בלאַט" האָט זיך פאַרשפּרייט מיט לויב געזאַנגען אויפן חשבון פון דעם
גרויסן פילאַנטראָפּ. איך לייען זשעדנע די נייעס און דערוויס זיך, אַז רוס־
לאַנד האַלט אין איין פאַרלירן אין איר מלחמה מיט יאַפּאַן. איך דערוויס זיך
אויך, אַז אין רוסלאַנד שמעקט מיט אַ פּאָליטישן פרילינג. איך האָב פון דעם
גרויס פאַרגעניגן. גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכט אויף מיר, וואָס אַ סך
געשעפטן טראָגן אויף זיך יידישע אויפשריפטן. אָט זע איך די צווישטאָ־
קיקע הויז פון „פאָרווערטס", אָט איז די רעדאַקציע פון „טאָגעבלאַט", און
אָט גיי איך פאַרביי די „עדיוקיישאָנאַל אַליינס", אין אַ געסל דערביי זע
איך אַ סך שולן, זייער נאָענט איינע צו די אַנדערע מיט אַנאָנסן, אַז דאָ
וועט רעדן דער באַוווסטער רב און דאָרטן אַן אַנדער באַוווסטער רב און
אָט איז אַ תלמוד תורה און דערביי אַ חדר. אַן אַלטמאָדישער רבי שרייט
אַרויס מיט זיינע תלמידים ווערטער פון חומש און אין אַן אַנדער גאַס
דערזע איך אַ יידישן בוך־געשעפט, וווּ עס ווערן פאַרקויפט סידורים, חו־
משים צוזאַמען מיט אַנטירעליגיעזער ליטעראַטור און אַנאַרכיסטישע און
סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלן... נאָך ווייטער שוין אויף דער
באַוורי דערזע איך אונדזערע ניו יאָרקער יידישע טעאַטערס מיט ריזיקע
אַפישן פון וועלכע אפילו פון דערווייטנס קען איך איבערלייענען די נעמען

פון די באוווסטע אַרטיסטנס קאַליש, ליפּצין און פון די גרויסע שטערן יעקב אַדלער און באָריס טאָמאַשעווסקי.

נו, אַזוי־ נס האָב איך נאָך אין ערגעץ נישט געזען: אַ יידישע מלוכה...

איך פרעג זיך נאָך ווי גייט מען צו 100 איסט 99סטע גאַס און מען הייסט מיר נעמען דעם עלעוויטער און טאַקע זיך אָפּשטעלן ביי דער 99סטער גאַס. און איין ייד, דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין נעכטן אַראָפּ פון שיף, פּאַרדינט אַ גרויסע מצוה און נעמט מיך פאַרן האַנט און פירט מיך אַרויף אין דער הויך, קויפט פאַר מיר אַ בילעט, וואַרפט עס אַריין אין קעסטל און הייסט מיר דורכגיין און זאָגט מיר אָן, אַז ווען איך וועל דערזען דעם ציפער 99 אויף אַ סטאַנציע, זאָל איך גלייך אַראָפּ. און אַזוי בין איך אַריינ־געפאַלן אין מיין שוועסטערס הויז. מען האָט מיך העכסט פריינטלעך אויפ־גענומען און מיין שוואָגער דזשאָ רייזמאַן האָט מיך אפילו אויפגענומען פריינטלעכער פון מיין אייגענער שוועסטער. ווידער אַן איבערראַשונג: כ׳זע אין שטוב קיין סימן נישט פון פסח. מען גיט מיר אַ גוטע וועטשערע, נאָר וויט נישט קיין פסחדיקע, מיט ברויט, מיט זעמעלעך. דערנאָך האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיין שוואָגער און מיין שוועסטער העלענע זיינען נישט קיין „פינצטערלינגע", נאָר זיי זיינען „פאָרגעשריטענע", פלעגן גיין צו אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע מיטינגען און מאַסן־פאַרזאַמלונגען און צו זייערע אונטערנעמונגען. זיי לייענען אי די אַנאַרכיסטישע „פרייע אַר־בעטער שטימע" און אי דעם סאָציאַליסטישן „פאָרווערטס" און ער — דער שוואָגער מיינער — איז מיט איייניקע יאָרן צוריק געווען אפילו ע־פּעס אַ קנאַקער אין דער „פאַרבערס יוניאַן" און ער קען זיך אפילו מיט פּיינגעבוימען (דער אָנגעזעענסטער אַנטירעליגיעזער פּריידיקער פון יענער צייט), נאָר היינט איז ער אַ „באָס" — באַשעפטיקט אַליין אַרבעטער.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז ער אַוועק מיט מיר אין אייניקע געּ־שעפטן — געקויפט פאַר מיר אַ קאָסטיום, אַ פּאָר העמדער, אַ שניפּס, זאָקן און שיך און מיך פאַרוואַנדלט פון אַ גרינהאָרן אין אַ יענקי. די נייעס וועגן מיין קומען האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט צווישן מיינע לאַנדסלייט און קרובים און געסט זיינען געקומען אין אַ גרויסער צאָל — אָנקוקן דעם גרינהאָרן. אַ סך האָבן מיר געבראַכט מתנות, אַ סך האָבן מיך אויסגענו־מען צו באַווייזן אַמעריקע. מען האָט מיך געפירט ווייזן דעם ברוקלינער בריק, קוני איילאַנד, סענטראַל פּאַרק און זיי האָבן מיר געגעבן אַ „גוד טיים". אַם פריינדלעכסטן איז צו מיר געווען סעם — מיין פעטער שלמה, — אַ מענטש מיט אַ גילדערנער נאַטור. ער איז דאַן געווען אַן אַפּטייקער (היינט איז ער אַ ציין־דאָקטאָר אין באָראָ פּאַרק, נאָר פון שלמה מיש־

קאָווסקי איז ער געוואָרן ד״ר סעם מישקין). דער עולם האָט זיך אַ נעם געטאָן צו מיר. די קרובים מאַכן אָוונטן פאַר מיר, אַ קוזינע לערנט מיך ענגליש, מיין שוועסטער טראַכט פון אַ תכלית, מיינע פעטערס און מומעס באַקאַנען מיך מיט זייערע פריינט און באַקאַנטע און זייער אינטערעסאַנטע מיידלעך. און אַלע ווילן מיך פאַרזאָרגן. מען טראַכט, צו וואָס פאַר אַן אַרבעט איך זאָל זיך נעמען. עס זאָל זיין אַן אָנשטענדיקע, אַ גוט באַצאָלטע און איך זאָל אויף שטענדיק זיין באַזאָרגט מיט אַ שטיקל ברויט.

מיר פערזענלעך האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אָנהויבן אַרבעטן, וואָס גיכער אָנהויבן עפּעס פאַרדינען און נישט זיין אָפּהענגיק פון מיין שוועסטער און מיין שוואָגער, אָבער זיי האָבן מיר קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז נאָך אַזאַ רייזע, מוז איך צום ווינציקסטן זיך אָפּרוען צוויי וואָכן. אַ פאַמיליע האָב איך דאָ אַ גרויסע: פעטערס, מומעס, עלטער פעטערס און עלטער מומעס, קוזינס און קוזינעס אָן אַ צאָל. נאָר מיין עלטערע שוועסטער, טאַניע און מיין עלטערער ברודער משה, זיינען נישט געווען אין ניו יאָרק — נאָר אין סענט לואיס. און אַלע פרייען זיך מיטן גאַסט, לאַדן אים איין אין דער וואָכן אויף אָוונט ברויט און די זונטיקס אויף מיטאָג. די קרובים לאַדן איין צו מאַלצייטן זייערע פריינד און באַקאַנטע און פאַר אַ קורצער צייט קריג איך אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט.

מער פון אַלעמען איז פאַרנומען מיט מיר מיין פעטער סעם. מיר עסן צוזאַמען, ער פירט מיך צום ערשטן מאָל אין די יידישע טעאַטערן — איך בין באַגייסטערט פון זייער שפּילן. די דראַמען זיינען אויך געווען נישט קיין שלעכטע — דאַן האָט זיך אָנגעהויבן יעקב גאָרדינס עפּאָכע אין יידישן טעאַטער און די בעסערע טעאַטערס האָבן געגעבן יעקב גאָרדינס דראַמען און אונדזערע טעאַטער שטערן האָבן געקראָגן די מעגלעכקייט זייערע טאַלאַנטן אַנטוויקלען און צוציען צום יידישן טעאַטער דעם בעסערן, אינ־טעליגענטערן עולם. איך האָב שוין פריער געזען דעם בעסערן רוסישן און פּוילישן טעאַטער און איך האָב אַבסאָלוט נישט געזען מיט וואָס אונ־דזער יידישער טעאַטער שטייט נידעריקער פון יענע. נאָך מער, דער יידי־שער טעאַטער האָט מיך מער גערירט ווי דער פּוילישער און רוסישער. מיר איז דאָ אַלץ נענטער, היימישער, פאַרשטענדלעכער און איך האָב פון אים מער פאַרגעניגן געהאַט.

אויך בין איך געווען ביי עטלעכע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע לעקציעס. פון זיי האָב איך שוין גאָר נישט געהאַט קיין פאַרגעניגן. אפילו די לעקציעס פון די גדולים, ווי פון די פאַרשטאָרבענע יאַנאָווסקי, פייגנבוים, ראָזנצווייג, ד״ר ראַיעווסקי און אַנד. זיינען מיר געווען עקלדיק: פלאַך,

ביליק, נאַרישע װיצן, אָפּגעדראָשענע טעאָריעס, נישט אָריגינעל, אַ סך מאָל אומװיסנד, הפקרדיק, נישט פֿאַראַנטװאָרטלעך און געשטרעבט האָבן זײ מיט די לעקציעס צו נעמען דעם עולם אויף זיכער. פֿאַרלאָזנדיק די לעקציעס האָב איך זיך געשעמט, װאָס איך האָב דאָס אַלץ מיט מײנע אויערן געהערט. נאָר פֿון אײנעם בין איך געװען באַגײַסטערט. דאָס איז פֿון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. ער איז דאַן געקומען מיט דער באַבושקע ברעשקאָװסקאַיאַ און אַרויסגעטראָטן װי אַ דעלעגאַט פֿון דער פּאַרטײ סאָציאַליסטן־רעװאָלוציאָנערן, פֿאַרװאָס איך בין נאָך דאַן געװען אויף אים אַ ביסל אין כּעס. ער אַלײן, װאָס פּרײדיקט, אַז די ײדישע אינטעליגענץ דאַרף אַרבעטן אין די אינטערעסן פֿון ײדישן פֿאָלק, טרעט גאָר אַרויס פֿאַר אַ רוסישער פּאַרטײ און נישט אין נאָמען פֿון אַ ײדישער פּאַרטײ. דאָך האָב איך פֿון זײנע לעקציעס געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן און איך פֿלעג נישט דורכלאָזן קײן אײנע פֿון זײ. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ סך בילדונג, װיסן, באַהאַװנט אין זײן טעמע, איר גוט באַאַרבעט, געװען אַ גלענצנדער אָראַטאָר, דער בעסטער אויף דער ײדישער גאַס. און זײנע לעקציעס האָבן טאַקע דאַן צוגעצויגן דאָס בעסטע, װאָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט. פֿון דעם קלינטאָן האָל האָט ער געמאַכט אַן אוניװערסיטעט, װו ער איז געװען דער באַליבטסטער פּראָפֿעסאָר...

מײן צװײװאָכעדיקער אָפּרו האָט זיך פֿאַרענדיקט. מײן פֿאַמיליען ראַט האָט באַשלאָסן — איך זאָל זיך לערנען קאַטערײ (אַ צושנײדער פֿון פֿרויען קלײדער) און טאַקע אײנער פֿון דעם פֿאַמיליען ראַט, מײן פֿעטער אברהם גאָרדאָן, דער רײכסטער פֿון אונדזער משפּחה, װעלכער איז געװען אַ באַלעבאָס פֿון אַ שאַפּ פֿון פֿרויען קלײדער, האָט זיך אונטערגענומען, מיך אויסלערנען די אַרבעט און ער װעט גלײך מיר אָנהויבן צאָלן דרײ דאָלאַר אַ װאָך.

קאַפּיטל 32

די שטאָט ניו יאָרק

ניו יאָרק איז פאַר מיר געווען די ווונדערלעכסטע שטאָט, וואָס איך האָב ביז אַהער געזען. יעדער טאָג האָט מיר געבראַכט נייע איבעררעשונגען פון ניו יאָרק און ניו יאָרקער לעבן. מיך האָט שטאַרק איבעררעשט די פרייהייטן, וואָס די ניו יאָרקער געניסן. נאָך לאַנדאָן האָט מיך איבעררעשט די ליכטיקייט און זוניקייט פון ניו יאָרק, די פּאַרקס, סקווערן, די ברייטע שיינע גאַסן, די געביידעס, די לופטבאַנען. אַלץ איז פאַר מיר געווען ווונדער איבער ווונדער. דאָס ווונדערבאַרסטע פאַר מיר איז געווען די קאָסמאָפּאָליטישקייט פון דער שטאָט. מיר דוכט זיך, עס איז נישטאָ קיין איין פאָלק אויף דער וועלט, וועמעס זין און טעכטער זאָלן דאָ נישט זיין פאַרטראָטן. אַנדערע פעלקער האָבן אַהער אַריינגעשיקט גאַנצע מאַסן. די פאַרשיידנסטע פעלקער האָבן זיך דאָ געשאַפן זייערע געטאָס, אָן דער אַריינמישונג פון דער רעגירונג, אָדער דער איבעריקער באַפעלקערונג און קיינער שטערט זיי נישט אין זייער אויטאָנאָמיע, אין זייער אַרט לעבן, אין זייערע רעליגיעזע באַדערפענישן. מיטן גרעסטן אינטערעס שפּאַציר איך איבער די קוואַרטאַלן געדיכט באַזעצט מיט איטאַליענער, יידן, איירישע, פּאָלאַקן, גריכן, פראַנצויזן, נעגערס, כינעזער און קיינעם פאַלט נישט איין צו שטערן איינע די אַנדערע. אַזוי ווי מיר יידן האָבן פאַרמאָגט אונדזערע שולן, חדרים, בתי מדרשים, קולטורעלע אינסטיטוציעס, יידישע טעאַטערס, יידישע צייטונגען, הילפס אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטישע קלובן און אָרגאַניזאַציעס, אַזוי האָבן אויך די אַנדערע פעלקער פאַרמאָגט זייערע באַזונדערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. מיר יידן האָבן זיך דאָ אַ סך בעסער צוזאַמענגערעדט מיט די רוסן, רומענער, פּאָלאַקן, ווי דאָרטן אין אונדזערע אַלטע היימען אין איירפּע.

יע — האָב איך געטראַכט — ניו יאָרק איז נישט קיין קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט, ווי מען רופט איר געוויינלעך, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט און ניו יאָרק קען ווייזן אַ ביישפּיל פון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

מען האָט מיר איבערגעגעבן פון צוזאַמענשטויסן צווישן יידן, אירלענ־

דער, איטאַליענער. ספּעציעל מיט די אירישע, וועלכע פלעגן אָנפאַלן אויף ייִדן מיט בערד, אָדער אויף ייִדישע קינדער. האָט די ייִדישע יוגנט אָרגאַניזירטערהייט, זיי אַזוי אָנגעלערנט, אַז זיי האָבן פאַרזאָגט אַ צענטן דאָס מער נישט טאָן.

ניו יאָרק איז דאַן נישט געווען דאָס, וואָס היינט. איך האָב דאַן נישט געוווסט ווייטער פון דער 125סטע גאַס. קיין בראָנקס איז נאָך דאַן נישט געווען. קיין סאָבוויס אויך נישט. אין ברוקלין איז נאָך קיין בראַנזוויל ניט געווען. די ייִדן האָבן זיך גרופּירט אַרום דאַון טאַון מיט איסט בראָדוויי און גרענד סטריט אַלס הויפּט גאַסן. דאַון טאַון האָט פאַרמאָגט הונדערטער גאַסן און אַלע זיינען געווען געדיכט באַזעצט. די הייזער זיינען הויכע, פיר־פינף עטאַזשיקע. קיין עלעווייטערס זיינען נישט געווען, פלעגט מען קריכן אין דער הויך מיט די אייגענע פיס. אויף די העכערע עטאַזשן האָבן געוווינט די אָרעמערע און אויף די אונטערשטע — די מער פאַרמעגלעכע.

די גאַסן זענען אַלע מאָל געווען איבערפולט מיט מענטשן איבערהויפּט מיט קינדער. די פאַרביקסטע גאַסן זיינען געווען די ייִדישע. די ייִדישע געטאָ איז געווען אַ קאָנגלאָמעראַט פון די פאַרשידענע ייִדן, ווי רוסישע, פּוילישע, רומענישע, אונגאַרישע, גאַליציאַנער און כמעט יעדע גרופּע האָט געהאַט איר טעריטאָריע מיט אירע שולן, בתי מדרשים רעסטאָראַנען, פאַרוויילונג פלעצער און יעדע גרופּע האָט פאַרגעזעצט איר אַרט לעבן פון איר אַלטער היים.

דער טשיקאַווסטער קוואַרטאַל איז געווען דאָס כינעזישע שטעטל „טשאַיני טאַן״ און אַלץ איז פאַר אונדז דאָרט געווען ווונדער איבער ווונדער: אירע געלע מענטשן, זייערע רעסטאָראַנען, טעאַטערס, קראָמען, עס־פּראָדוקטן. אויך האָבן מיר ליב געהאַט אין אַן איטאַליענישן יום טוב טאָג באַזוכן דעם איטאַליענישן קוואַרטאַל, זען ווי זיי באַפּוצן זייערע הייזער, זייערע גאַסן, הערן די איטאַליענישע אָרקעסטרען שפּילן זייערע ווונדערבאַרע נאַציאָנאַלע מאָטיוון. מיר האָבן ליב געהאַט זען ווי די אירלענדער פייערן איבער די גאַסן זייער סען פּעטריק טאָג.

זייער ווייניק איז דאַן גערעדט געוואָרן ענגליש אין די דאַון טאַונער גאַסן. עס איז געווען אַ מיש־מאַש פון שפּראַכן, פון אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. די אַממערסטנס גערעדטע שפּראַכן אין דאַון טאַון זיינען געווען איריש, ייִדיש און איטאַליעניש.

און מיך האָט דאַן שטאַרק אימפּאָנירט, וואָס די ניו יאָרקער שטאָט־רעגירונג באַנוצט זיך אָפט מיט ייִדיש, צו פאַרשפּרייטן איר אינפאָרמאַציע, וואָס אויף דילענסי גאַס אונטן, פון וואַנען עס גייען די קאַרס אין

ניו יאָרק און ברוקלין זיינען די אָנווייזונגען געדרוקט אויך אין יידיש, כאָטש מיט אַ סך אָרטאָגראַפּישע פעלערן.

די אָנגעזעענסטע יידישע גאַסן פאַר שפּאַציר און באַגעגענישן זיינען געווען די איסט בראָדוויי און גרענד סטריט. אויף איסט בראָדוויי פלעגן זיך באַגעגענען די אַזוי גערופענע „אינטעליגענטן" און אין זייער שפּאַציר גאַס האָבן זיי מערסטנס גערעדט אין רוסיש, דערפאַר האָט מען אין שפּאַס אָנגערופן די גאַס „איסט בראָדווייסקאַיאַ אוליצאַ".

אויך האָבן אונדזערע לעקטאָרן ליב געהאַט רעדן פאַר די אַרבעטער אין רוסיש, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן ווייניק פאַרשטאַנען (שוין נישט רעדנדיק וועגן די גאַליציאַנער און פוילישע יידן). אין גיכן האָבן מיר, די ליבהאָבער פון יידיש אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף קעגן די רוסיפיצירער פון דער יידישער גאַס. מיר פלעגן פראָסט און פשוט צוגיין צו די רוסיש שפּרעכנדע און זיי אויפמערקזאַם מאַכן, זיי זאָלן בעסער רעדן יידיש. אויך פלעגן מיר אָפט אַרויסטרעטן קעגן די רוסיש רעדנדיקע לעקטאָרן און זיי פשוט צווינגען געבן די לעקציעס אין יידיש.

מאַטעריעל האָט זיך דער יידישער ניי־אָנגעקומענער באַפעלקערונג געלעבט שלעכט. די גרויסע מערהייט האָט פאַר אַ צען־שעהדיקן אַרבעטסטאָג פאַרדינט אַרום 5־6 דאָלאַר אַ וואָך. 15 דאָלאַר אַ וואָך האָט פאַרדינט דער אַמבעסטן באַצאָלטער אַרבעטער. קיין שטאַרקע יוניאָנס זיינען נאָך דאַן נישט געווען און די אַרבעטער זיינען געווען פאַרשקלאַפט. די וווינונגען זיינען געווען העכסט אומבאַקוועמע. מען פלעגט אַליין דאַרפן הייצן, קיין וואַנעס זיינען נישט געווען, און קיין פּריוואַטע טואַלעט־צימערן אויך נישט. די צימערן זיינען געווען קליינע און כמעט אַלע האָבן געהאַלטן קוואַרטיראַנטן. מען פלעגט שלאָפן אין די פראָנט־צימערן, אין די שלאָף־צימערן און אפילו אין די קיכן. אַן ענגשאַפט איז געווען נישט אויסצוהאַלטן. זעלטן, זעלטן אויב אימיצער האָט געהאַט אַ צימער פאַר זיך אַליין. פאַר אַ צימער האָט מען געדאַרפט צאָלן פון 3 ביז 5 דאָלאַר אַ חודש, און ביי יענע אומשטענדן איז דאָס געווען אַ צו הויכער פרייז, נעמענדיק אין אַכט, אַז די מערסטע האָבן נאָך געדאַרפט אַריינטראָגן די צאָלונגען פאַר זייערע שיפסקאַרטן און פאַרהייראַטע האָבן געמוזט וואָס נישט איז צושיקן פאַר זייערע פרויען און קינדער „אַהיים" אין „דער אַלטער קאַנטרי". האָבן זיך די מערסטע נישט פאַרגונען צו עסן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דאַן טאַון איז געווען יידיש. מען האָט דאָרט זעלטן געהערט אַן ענגליש וואָרט. זעלטן האָט עמיצער געלייענט אַן ענגלישע צייטונג. די

איבערוועגנדיקע מערהייט איז באַשטאַנען פון גרינע — ערשט אָנגעקו־מענע. אַ ייד, וואָס איז שוין געווען אין אַמעריקע אַ צען יאָר איז געווען אַ זעלטנהייט און אפילו די יידן, וואָס זיינען דאָ געווען אַ לענגערע צייט, זיינען אויך געווען גרינע. אַמעריקע האָט אויף זיי נישט געווירקט — זיי האָבן נאָך אַלץ געלעבט מיט זייערע היימישע קליינשטעטלדיקע אינטע־רעסן און אַמעריקע איז זיי געווען נישט צום האַרצן — זיי האָבן זיך שווער צוגעפּאַסט צום נייעם לעבן. און די סביבה איז געווען אַזאַ, אַז זיי האָבן דאָ פאַרגעזעצט זייער קליין־שטעטלדיקן לעבן.

אין יידישע שעפּער האָבן מערסטנס געאַרבעט לאַנדסלייט פון דעם באָס, זעלטן האָט דאָרט געאַרבעט אַ נישט־ייד. און די איטאַליענער און פּאָלאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט מיט די יידן האָבן זיך געמוזט אויסלער־נען רעדן יידיש, ווייל קיין אַנדער שפּראַך האָט מען דאָרט נישט געהערט און אויף אַן אַנדער שפּראַך האָט מען זיך דאָרט נישט געקענט צונויפרעדן. די יידישע מאַסן זיינען געווען כמעט אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דער עכט אַמעריקאַנער וועלט. די איינציקע אַמעריקאַנערין, וואָס איז געווען אין שאַפּ, איז געווען די בוכהאַלטערין, וועלכע האָט אויך געמוזט ווי נישט איז ריידן יידיש אין אירע געשפּרעכן מיט די אַרבעטער.

און כמעט 99 פּראָצענט פון די אַלע ניי־אָנגעקומענע האָבן געמוזט דורכמאַכן זייער שאַפּ פּעריאָד, ווייל אַנדערש האָט מען נישט געקענט עק־זיסטירן. איז טאַקע די מערהייט פון די יידן פון ניו יאָרק באַשטאַנען פון אַרבעטער.

דער קולטורעלער ניוואָ פון אונדזערע יידן איז געווען זייער אַ ני־דעריקער, כאָטש אין פאַרגלייך מיט די אַלע אַנדערע אימיגראַנטן האָט ער געמוזט זיין אַ העכערער, דאָך געגאַנגען אין אַ חדר, דאָך געקענט אָנ־שרייבן אַ יידיש בריוול. געקומען אַהער ביזן יאָר 1905 זיינען דאָך די נידעריקסטע שיכטן פון אונדזער פאָלק, די קינדער פון דער גרויזאַמסטער אָרעמקייט פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, רומעניע, יידן כמעט קולטורלאָזע. ערשט אין יאָר 1905 הויבן אָן צו קומען אין מאַסן אַנדערע יידן מיט אַ סך אַ גרעסערן קולטורעלן באַגאַזש און סטאַזש. עס קומען בונדיסטן, פּועלי ציוניסטן, עסעסאָווצעס, עס קומען יידן מיט בילדונג, יידן מיט אַן אָנגע־זעענער פאַרגאַנגענהייט, יונגעלייט מיט פייאיקייטן און טאַלאַנט צו שרייבן, דיכטן, אָרגאַניזירן, בויען און עס הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס אַנטשטייען יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען, מען גיט אַרויס צייטשריפטן זאַמלביכער, ווערק פון פאַרשידענע שרייבער, דיכטער, מען אָרגאַניזירט זיך אין יוניאָנס. דאָס לעבן ווערט אינטערע־

סאַנטער, לעבעדיקער, אינהאַלטסרייכער... יידן הויבן אָן צו שאַפן פאַר זיך אַן אַנדער געטאָ אין האַרלעם, ווו די גאַסן זיינען שענערע, די וווי־נונגען באַקוועמערע, נישט ווייט פון „סענטראַל פאַרק", וואָס פאַרבייט איסט בראָדוויי און גרענד־סטריט. אַהין ציען זיך אַריין די אַמעריקאַנער מיוחסים, די באַלעבאַטימלעך פון די שעפּער, קאָנטראַקטערס, די בעסער באַצאָלטע אַרבעטער און מיט דער צייט ווערט אַפּ טאַון־האַרלעם אַ גע־דיכט באַזעצטער יידישער צענטער פון ניו יאָרק. דער סענטראַל פּאַרק ווערט אויך יידיש, דאָרט גייט מען כאַפּן פרישע לופט. אַהין גייט מען שפּאַצירן. דאָרטן טרעפן זיך אַלע, מען דעבאַטירט, דאָרט גייען אָן דיסקו־סיעס ביז איבער האַלבער נאַכט.

אויף דער צווייטער זייט פון פּאַרק איז נאָך שענער. דאָרטן זיינען דאָ נאָך שענערע גאַסן און הייזער, עפּעס זייער אַ גרויסער מוזייאום, רייכע האָטעלן׳ ווונדערבאַרע קאַפעטעריעס און רעסטאָראַנען, גרויסע דענקמעלער און נאָך ווייטער גייען אַ סך גאַסן ביז די ברעגן פון האַדסאָן, נאָר אַהין גייען מיר קיינמאָל נישט. דאָרטן וווינען קריסטן, טאַקע אמתע אַמעריקאַנער, קליידן זיך זייער רייך, זיי זיינען שטילע, איידעלע, מיט מאַניערן, נאָר זיי קוקן אויף אונדז אַזוי, אַז עס גייט אונדז דורך אַ ציטער. און עס ווערט אונדז נישט היימלעך און מיר גייען צוריק צום צווייטן זייט פון צענטראַל פּאַרק, אין יידישן געגנט פון האַרלעם. מיר טרעפן זייער זעלטן די אַנדערע יידן — יידן פון מערב־אייראָפּע, וועלכע האָבן זיך גאַנץ גוט אַרויפגעאַרבעט. זיי פאַרנעמען אַ סך אַ העכערן שטאַפּל אין פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פון לאַנד. זיי געפינען זיך אין אַמעריקע אַ סך לענגער פון אונדז, האָבן זיך שוין לאַנג צוגעפּאַסט צום אַמעריקאַנעם לעבן. זיי זיינען באַלעבאַטים פון גרויסע געשעפטן, שעפּער, פאַרנעמען אַ גרויסן פּלאַץ אין דער היגער אינדוסטריע; די אָרעמערע פון זיי זיינען ווייס־קאָלנער אָנגעשטעלטע, רעגירונגס באַאַמטע אָדער לערער. די דייטשישע יידן חברן זיך נישט מיט אונדז. אין בעסטן פאַל בויען זיי אינסטיטוציעס אום צו מאַכן אונדז פאַר מענטשן צו לייטן גלייך. לערנען אונדז ווי צו האַלטן זיך, ווי צו גיין ריין אָנגעטאָן, ווי אַזוי מען דאַרף עסן. לערנען אונדז ווי צו האַלטן דעם מעסער, דעם גאָפּל, ווי צו באַנוצן זיך מיט אַ טיכעלע, לערנען אונדז לייענען, שרייבן און רעדן ענגליש, האָבן געזוכט מיטלען, ווי צו פאַרשפּרייטן אונדז איבערן לאַנד, כדי מיר זאָלן זיך אַזוי פיל נישט וואַרפן אין די אויגן. זיי זיינען דאָס געווען אונדזערע בעלי צדקה. זיי האָבן פאַר אונדז געשאַפן וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, כדי אַ־רויסהעלפן אונדז אין צייט פון נויט. אָבער זייערע טובות זיינען געווען

אומגעלומפּערטע. אין זײער גאַנצער טעטיקײט האָבן זײ אַלעמאָל געוואָלט אױסמעקן פון אונדז דאָס פּינטעלע ייד און אונדז פאַרוואַנדלען אין 100 פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער.

פאַרשטײט זיך, אַז עס זײנען אױך געווען אױסנאַמען. עס זײנען אױך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אונדז רוסישע און פּוילישע יידן פאַרשטאַנען, אָפּגעשאַצט אונדזער אידעאַליזם, אונדזער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אונדזער נאַציאָנאַליזם און פלעגן אונדז פון צײט צו צײט אַרויסהעלפן אין אונדזער טעטיקײט. אַזעלכע זײנען געווען נאָר געצײלטע. מיר געדענקט זיך מײן ערשטע באַגעגעניש מיט ד"ר יהודה מאַגנעס, וועלכער איז אין יענער צײט, אַרום 1905 געווען דער אָנגעזעענסטער ראַבאַי אין אַמעריקע, דער הױפּט ראַבאַי פון טעמפּל עמנואל. איך האָב אים אין מײן פאַנטאַזיע פאַרגעשטעלט אַלס אַן עלטערן יידן מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד מיט ברײטע פּלײצעס און מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אױסזען. ער איז דאַן געקומען פון אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, אױף וועלכן ער איז געווען אײנער פון די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן. אין יענער צײט איז פאַרגעקומען אַ פּאָגראָם אין האָמעל אין וועלכן עס איז דערהרגעט געוואָרן אונדזער חבר קאַגאַנאָוויטש. אױף דער זיצונג פון אונדזער קאָמיטעט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן אַראַנזשירן אַ פּראָטעסט מיטינג קעגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און צו דער זעלביקער צײט זאָל געמאַכט ווערן אַ הספד איבער אונדזער חבר פון האָמעל, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון זעלבסטשוץ און וואָס איז געפאַלן אין קאַמף מיט די כוליגאַנעס. אױך איז באַשטימט געוואָרן אַז אױסער אונדזערע פּאַרטײ חברים זאָל מיט אַ רעדע אַרויסטרעטן ראַבאַי מאַגנעס און מיר האָט מען באַשטימט אַלס דעם יעניקן, וואָס זאָל אים אײנלאַדן אַלס רעדנער אױף דעם מאַסנמיטינג. איך האָב אױסגעפונען זײן אַדרעס און אין אַ זונטיקדיקן פרײען טאָג האָב איך זיך אָנגעקלאַפּט צו אים, ערגעץ אין ברוקלין. אַז איך האָב אָנגעקלונגען, האָט מיר די טיר געעפנט זײער אַ יונגע פרוי, וואָס דערוויסנדיק זיך, אַז איך דאַרף האָבן ד"ר מאַגנעסן, האָט זי מיך געבעטן אַ ביסל צוּוואַרטן. מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז צו מיר צוגעלאָפן אַ יונגער מאַן, אַ ברונעט, פון זײער אַ שײנעם אױסזען און מיך געפרעגט מיט וואָס קען ער מיר דינען. מײנענדיק, אַז ער איז מאַגנעסעס אַ באַדינער, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך דאַרף האָבן ד"ר מאַגנעסן. ער האָט אַ שמײכל געטאָן און ליבלעך געענטפערט, אַז ער איז דאָס ד"ר מאַגנעס. איך בין נשתומם געוואָרן. ער האָט מיר גלײך אײנגעלאַדן אין זײן אױפנאַם צימער. ווען איך האָב אים דערקלערט וועגן וואָס איך בין געקומען, האָט ער מיט פאַרגעניגן די אײנלאַדונג אָנגענומען און מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט געוויס זײן אין האָל צו דער באַשטימ־

טער צייט. דאַן האָט ער זיך מיט מיר פאַרנאַנדערגערעדט. ער האָט מיר דער־קלערט, אַז ער האַלט נישט פון אַן אַנדער טעריטאָריע, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון ארץ ישראל. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז קעגן אוגאַנדע. ער האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן דעם קאָנגרעס, וועגן די רעדעס פון די וויכ־טיקסטע פירער, וועגן דעם קאַמף פאַר און קעגן אוגאַנדע. דערנאָך האָט ער מיר דערציילט וועגן מיינע חברים טעריטאָריאַליסטן, וואָס האָבן ווי לייבן געקעמפט פאַר אוגאַנדע.

— נו — זאָגט ער מיר, — אייערע טעריטאָריאַליסטן האָבן וועלטן גע־קערט, אַז דער אוגאַנדישער פּראָיעקט זאָל דורכגיין. זיי האָבן געשריען, נישט געלאָזט די ציוניסטן ריידן קעגן, זיי האָבן פאַרוואָרפן דעם זאָל מיט זייערע פּראָקלאַמאַציעס, זיי האָבן סאַבאָטאַזשירט...

און מיר געדענקט זיך דער מאַסנמיטינג. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם. ד"ר מאַגנעס איז געקומען איינער פון די ערשטע, האָט זיך געשטעלט לעבן טיר און פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט פאַרנעמען אַ פּלאַץ ביים רעדנער טיש. און ער איז טאַקע געשטאַנען ביים אַריינגאַנג די גאַנצע צייט, וואָס עס האָבן גערעדט דער פּאָרזיצער און אב. גאָלדבערג, נאָך וועלכן ער האָט גע־דאַרפט ריידן. דאַן ערשט האָט ער פאַרנומען זיין אָרט ביים רעדנער טיש און ער האָט געהאַלטן אַ שיינע, שטאַרקע רעדע, וועלכע האָט זיך אויסגע־צייכנט אין באַשולדיקן די רוסישע צאַרישע רעגירונג אין די פּאָגראָמען און ער האָט מיט אַלע פיברען פון זיין נשמה אויסגעדונערט זיין מעכטיקן פּראָ־טעסט קעגן דער כוליגאַנישער, בלוטדורשטיקער רוסישער רעגירונג. אין די ציוניסטישע קרייזן האָבן זיך געפונען מיטגלידער און אַפילו אָנפירנדיקע מיטגלידער פון די „יהודים", נאָר זייער צאָל איז געווען זייער קליין, אומ־באַדייטנד. אין אַלגעמיין זיינען זיי בנוגע צו אונדז, מזרח אייראָפּעאישע יידן, געווען זייער סנאָביש און האָבן נישט געוואָלט געזעלשאַפטלעך זיך מישן מיט אונדז. מיר זיינען געווען אין גאַנצן איזאָלירט פון זיי...

מיט די שפּאַניאָלישע יידן האָבן מיר זיך קיינמאָל נישט געטראָפן. מיר פלעגן אָפט הערן פון זיי, מיט באַוואונדערונג האָט מען אונדז דערציילט, אַז אין ניו יאָרק זיינען דאָ אויך יידן פון שפּאַניע וועמעס עלטער־עלטער זיידעס און באָבעס זיינען געקומען אַהער מיט הונדערטער יאָרן צוריק. פאַר דער צייט האָבן זיי זיך אויף אַזוי פיל אַמעריקאַניזירט, אַז מען קען זיי פאַר קיין פאַל נישט דערקענען, כאָטש זיי זיינען יידיש פרום. נאָר אַ סך פון זיי זיינען אויף אַזוי פיל אַסימילירט שוין פון דורות לאַנג, אַז זיי אַליין וויסן נישט, אַז זיי שטאַמען פון יידן.

אונדזערע מזרח־אייראָפּעישע יידן אַרבעטן שווער און ביטער אין

די שעפּער. מיר אַרבעטן אין דער נאָדל־אינדוסטריע, ביי ציגאַרן, ביי פאַרשידענע פּאַפּיר־קעסטלעך, מיר זיינען בייטל־מאַכער, פאַרבער, שריפט־זעצער. אונדזער גאַנצער לעבן איז אַן אַרבעטער לעבן, אונדזערע אינטע־רעסן זיינען אַרבעטער אינטערעסן. מען רעדט וועגן שאַפּ, פאַרדינסטן, יו־ניאָנס, ביזי, סלעק, אַרבעטער פראַגע, אַנאַרכיזם, סאָציאַליזם און שטרייקס.

דער שאַפּ, ווו איך האָב געאַרבעט, האָט באַשעפטיקט אַ 40 אַרבעטער. דער באַלעבאָס מיינער איז אַריבערגעקומען אין אַמעריקע מיט אַ 20 יאָר צוריק, דורכגעגאַנגען קענטיק דעם גאַנצן דערנער־וועג פון יענער צייט, דער צייט פון שוויץ סיסטעם און שרעקלעכע נויט און צום סוף זיך אַ־רויפגעאַרבעט אויף אַ באָס. נישט קוקנדיק, וואָס ער איז שוין געווען אין אַמעריקע אַזאַ לאַנגע צייט, האָט ער גערעדט אַ שוידערלעכן ענגליש. אַלע אַרבעטער זיינען, מיט קליינע אויסנאַמען, געווען מיינע לאַנדסלייט, און פאַר זיי איז געווען אַ גרויסער וואונדער, וואָס איך, מישקאָווסקי, דעם אַדוואָ־קאַטס זון, דאַרף נעבעך אַרבעטן אין אַ שאַפּ. צוויי אַרבעטער זיינען געווען קריסטן — איינער טאַקע מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ ווייסרוס און דער צוויי־טער אַן איטאַליענער. פרעגט זיך די פראַגע: ווי קומט אַן איטאַליענער אין גאַרדאַנס שאַפּ, ווו עס אַרבעטן אַלץ מירער? איז דער ענטפער — ער האָט חתונה געהאַט מיט מיינער אַ לאַנדסמיידל, אַ ריין בלוטיקע יידיש־קע און זי האָט אים אַהער אַרויפגענומען אַרבעטן. ער און זיין ווייב האָבן ביידע קיין ענגליש נישט געקענט, זי האָט נישט געקענט קיין איטאַ־ליעניש און ער האָט נישט געקענט קיין יידיש, האָבן זיי זיך ביידע נישט געקענט צוזאַמענרעדן. פלעגן זיי רעדן מיט די הענט, מיט גרימאַסן, מיט ווונקען.

איינמאָל אין אַ געשפּרעך מיט איר וועגן דעם, וואָס איר איז שווער זיך צוזאַמענרעדן מיט איר מאַן, האָט זי זיך פאַר מיר באַקלאָגט:

— געזען אַזאַ גוישן קאָפּ. דאָ אין שאַפּ הערט ער אַ גאַנצן טאָג יידיש, אַלע אַרבעטער רעדן מיט אים אין יידיש, איך לערן אים די גאַנצע צייט אונ־דזער שפּראַך און ער קען זיך פאַר קיין פאַל נישט אויסלערנען.

דערפאַר האָט שוין דער אַנדער קריסט — מיין לאַנדסמאַן, געהאַקט אַ יידיש, אַז ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן אים צו הערן. מיט אַלע אידיאָמען, גלייכווערטלעך, האָט געקענט גאַנץ גוט שעלטן, בענטשן, זידלען און באַ־נוצן זיך מיט גראָבע רייד נישט ערגער פון דזשאָען דעם זשוליק, וועמען עס איז געלעגן אין קאָפּ אַלעמאָל בלויז שמד שטיק. מיר האָבן אויך געהאַט אין שאַפּ צוויי גאַליציאַנער, איינע איז געווען אַן אָפּרייטאָרין און דער צווייטער — אונדזער דעזיינער, וועלכער האָט פאַרדינט דעם גרעסטן

געהאַלט, אפשר גאַנצע צוואַנציק דאָלער אַ וואָך. ער איז דאָס געווען דער אַריסטאָקראַט אין אונדזער שאָפּ.

איך בין געווען אַ פּריווילעגירטער: ערשטנס דעם באַלעבאָס אַ פּלי־מעניק און צווייטנס אַ צושניידער און פלעג די מיידלעך אויסטיילן די אַרבעט.

אין לערנען מיך די ספּעציאַליטעט פון אַ צושניידער, האָבן אָנטייל גענומען דער באַלעבאָס אַליין, דער פאָרמאַן, דער דיזיינער און דער אמתער קאַטער. נאָר קיין באַזונדערע פעיִקייטן צו דער ספּעציאַליטעט האָב איך נישט אַרויסגעוויזן. ערשטנס האָב איך נישט געקענט אונטערשיידן אַ סך קאָלירן און צווייטנס איז די אַרבעט מיר אין קאָפּ נישט געקראָכן. איך האָב גאָר געהאַט אַנדערע אינטערעסן, מער וויכטיקע און די אַרבעט האָט מיר אין אַלץ געשטערט און איך בין געווען נישט צופרידן פון איר.

גאַנצע דריי חדשים האָב איך געאַרבעט פאַר דריי דאָלער אַ וואָך. נאָך דעם האָב איך געקראָגן פיר דאָלער, אויפן זעקסטן חודש — פינף און ווען איך האָב שוין אָפּגעאַרבעט ניין חדשים האָב איך געקראָגן זעקס דאָלער און צום יאָר, ווען דער באַלעבאָס האָט מיר נישט דערלייגט דעם דאָלער, וואָס איך האָב געפאָדערט, האָב איך אין גאַנצן פאַרלאָזן מיין פעטער מיטן שאָפּ.

קאַפּיטל 33

מיט די פּועלי ציון אַנהויב 1905

אויף מאָרגן נאָך מיין קומען אין ניו יאָרק בין איך שוין געווען ביי אַ מיטינג פון די פּועלי ציון, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף 206 איסט בראָדוויי. ווי אַזוי קום איך צום מיטינג גלייך פון שיף? איך האָב זיך דערוווּסט פון אַ קליינער נאָטיץ אין „פאָרווערטס", וועלכן איך האָב דורכגעלייענט וואָרט ביי וואָרט פון אָנהויב ביזן סוף און צו מיין פרייד האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דער קליינער נאָטיץ, אַז די פּועלי ציון האָבן אַ מיטינג אויף איסט בראָדוויי. איך האָב נאָך פון לאָנדאָן געוווּסט, אַז דערוויל זיינען מיר, די סאָציאַלסיטן טעריטאָריאַליסטן, צוזאַמען מיט די פּועלי ציוניסטן אין איין פּאַרטיי, וועלכע גייט אויפן נאָמען פון „פּועלי ציון". מיין שוועסטער האָט מיר דערקלערט ווי מען פאָרט אַהין און צו דער באַשטימטער צייט האָב איך זיך אַוועקגעלאָזן אין וועג. בין איך דאָך אַ „גרינער" ווי אַן אוגעראָק", האָב איך אָנשטאָט איסט בראָדוויי פאַרבלאָנדזשעט אויף בראָדוויי און זוך דעם נומער 206. גאַנץ בראָדוויי איז פינצטער. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן — אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן. אויף אַלע טירן שלעסער, אַלע פענצטער פאַרמאַכט און אין די הייזער איז פינצטער. עפּעס אַ מאָדנע גאַס פאַר אַ מיטינג האָבן זיי אויסגעזוכט — טראַכט איך. אויסגעזוכט דעם נומער, זע איך אַז די טיר איז אויך פאַרשלאָסן. קלאַפּ איך — אפשר וועט מיר עמיצער עפענען. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָרט קיינער נישט געווען. די הויז איז פאַרשלאָסן מיט זיבן שלעסער און נאָך פאַררוקט מיט שטאַנגען. איך פּרוּוו קלינגען, ווידער קלאַפּן — ס'איז טויט... און דאָ קומט צו מיר צו אַ פּאָליסמאַן און פרעגט מיר, וואָס דאַרף איך דאָ? און אַן זיין טאָן פאַרשטיי איך, אַז איך בין דאָ באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן. מיט די פאָר ענגלישע ווערטער, וואָס איך האָב געבראַכט פון ענגלאַנד, באַמי איך זיך אים דערקלערן, אַז דאָ דאַרף פאָרקומען אַ מיטינג פון די פּועלי ציון און אַז איך גיי דאָס צום מיטינג. ער קוקט מיך אָן ווי אַ משוגענעם.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דאָ דאַרף פאָרקומען אַ מיטינג? פרעגט ער מיר.

— פון אַ נאָטיץ אין אַ יידישער צייטונג.

— ווייז מיר די צייטונג, זאָגט ער.

איך נעם אַרויס דעם „פאָרווערטס" און ווייז אים. ער בעט מיך לייענען די נאָטיץ. איך לייען און דערקלער אים דעם אינהאַלט אין ענגליש. ערשט ער לאַכט זיך פונאַנדער און דערקלערט, אַז דער מיטינג איז אויף אַן אַנדער גאַס, ווייט פון דאַנען. ער פירט מיך צו צו אַ גאַס און הייסט מיר גיין מיט איר אַזוי ווייט, ביז וואַנען איך וועל צוקומען צו איסט בראָדוויי און דאָרטן וועל איך שוין געפינען דעם מיטינג־זאַל.

נאָך לאַנגע זוכענישן בין איך אָנגעקומען צום מיטינג אַרום 10 ביי־נאַכט. און ווי איך בין אַריין אין לאָקאַל, איז גלייך צוגעלאָפן צו מיר מיין חבר פון וואַרשע, איטשע מאַיער פעפערבערג, זיך מיט מיר האַרציק צעקושט און מיך פאַרגעשטעלט פאַר אַלע חברים מיט גרויס פּאָמפּ. די חברים האָבן געהערט פון מיר, געוווסט פון מיין טעטיקייט אין וואַרשע, אין לאָנדאָן און האָבן מיך האַרציק באַגריסט. עס זיינען צוגעקומען אייניקע האַמלער און פינסקער חברים, וועלכע האָבן מיך געקענט פון וואַרשע, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט איינקויפן אייניקע זאַכן, אָדער זען זיך מיט די אַגענטן, וועלכע נעמען זיך אונטער זיי אַריבערפירן דעם גרעניץ. אייניקע פון זיי האָבן אפילו געשלאָפן ביי מיר אין וואַרשע. ספּעציעל האָבן זיך מיט מיר דערפרייט מיינע חברים סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. אין גאַנצן איז געווען אין לאָקאַל אַ 40 חברים. פון יענעם מיטינג געדענקען מיר זיך די חברים אב. גאָלדבערג, לייבע דער רויטער, יואל סלאָנים, די ברידער ריינעס, ירחמיאל אייערבאַך, די ברידער פייפּמאַכער, ברוך צוקערמאַן, זאַלקינד, די ברידער און שוועסטער בערמאַן, אברהם בייזער און אַנדערע.

די איבערגעריסענע פאַרזאַמלונג איז פאַרגעזעצט געוואָרן, און איך האָב זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו די פאַרהאַנדלונגען.

מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אַזוי ווייניק חברים זיינען ביים מיטינג. נאָך זייענדיק אין וואַרשע, האָט מיר מיין חבר באַריס פרומקין מיט דער גרעסטער פרייד דערציילט, אַז ער האָט געקראָגן אינפאָרמאַציע, אַז די פּאַרטיי פּועלי ציון האָט אין אַמעריקע אַ דרייסיק טויזנט מיטגלידער, אַז זי איז אַ מאַסן פאַרטיי, מיט אַן אייגענעם זשורנאַל. און דאָ טרעף איך אין גאַנצן אַ 40 חברים אין דער גרעסטער יידישער שטאָט פון אַמעריקע. אמת אַ זשור־

נאָל אונטער דער רעדאַקציע פון אב. גאָלדבערג האָבן מיר אַרויסגעגעבן, אָבער דער זשורנאַל — „דאָס נייע לאַנד" האָט געהאַט אַ קליינע צירקולאַ־ציע און נאָך אַ קלענערע ווירקונג. אין דער אמתן האָבן דאָן געמוזט זיין איבערן גאַנצן לאַנד נישט מער ווי 150־200 חברים. איך געדענק נישט, וואָס פאַרא פראַגן עס זייען דאַן פאַרהאַנדלט געוואָרן, נאָר איך געדענק גוט, אַז יעדער חבר, וואָס האָט גענומען אַ וואָרט, האָט פאַרהאַנדלט די פראַגן פון אַן אַנדער שטאַנדפונקט. איך האָב באַמערקט אַנאַרכיסטישע, סאָציאַל רעוואָ־לוציאָנערע און מאַרקסיסטישע נייגונגען. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן אין אַלגעמיין מיט סאָציאַליזם וויניק געהאַט וואָס צו טאָן. עס זיינען געווען דעמאָקראַטישע, סאָצ. דעמאָקראַטישע און ליבעראַלע טעריטאָריאַ־ליסטן מיט גרויסע סימפּאַטיעס צום אַרבעטער קלאַס. נישט מער ווי אין איין פּונקט זיינען אַלע געווען איינשטימיק, און דאָס איז, וואָס די יידישע פראַגע קען געלייזט ווערן בלויז טעריטאָריעל, מיט אַ טעריטאָריעלן צענטער פאַרן יידישן פאָלק, ווו די יידן זאָלן זיך קענען פריי אנטוויקלען. און דאָס קען געלייזט ווערן דורך עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, אין דעם וועלן די יידישע אַרבעטער שפּילן אַ גאָר גרויסע ראָל און דערפאַר וועלן זיי בויען דאָס לאַנד אין גייסט פון יידישן אַרבעטער קלאַס.

איך בין געזעסן און באַטראַכט דעם עולם. אַ יונגער, באַגייסטערטער, טיף גלויבנדיקער און העכסט אידעאַליסטישער עלעמענט. קיינער איז נישט געווען עלטער פון 25־26 יאָר. אַלע קומען פון ליטע, פּוילן, אוקראַינע, נישט מער ווי 2 זיינען געווען גאַליציאַנער. די מערסטע פון די חברים האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ קאַמף אין דער אַלטער היים, זיינען געקומען צום פּועלי ציו־ניזם פון קריטיק פון בונדיזם און אַלגעמיינעם ציוניזם. געווען אַן אינטע־ליגענטע חברה — מיט קעפּ אויף די פּלייצעס.

און איצט, אַז ס'זיינען שוין באַלד אַריבער 43 יאָר פון יענער צייט, טראַכט איך אָפּט וועגן יענער אָרגאַניזאַציע און באַוואונדער איר. ווו האָט זיך אין איר גענומען אַזויפיל מוט, אַזויפיל גלויבן און איבערצייגונג, אַז אַזאַ קליינע גרופּע זאָל דערקלערן קריג און העלדיש קעמפן קעגן די אַלטע איינ־געפונדעוועטע פּאַרטייען, קעגן די שטאַרקע אינסטיטוציעס, אין וועמעס רשות עס זיינען געווען רעדנער, לעקטאָרס, פּעריאָדישע אויסגאַבן, פּראָפע־סיאָנעלע פּאַרטייען און אפילו אַן אָרדן — דער אַרבעטער רינג. מיר האָבן געמוזט קעמפן קעגן דער אַסימילאַציע־טעאָריע, וואָס האָט באַהערשט די בלומרשט באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער. אַרויסרוקנדיק פאַר זיי די טעאָ־ריע פון פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם. מיר זיינען געווען שטענדיק פאַרנומען, אַרויסטרעטנדיק אַלס דעבאַטאַנטן, אָדער אין דיסקוסיעס מיט די גדולים פון

דער אַלטער פאַרשימלטער סאָציאַליסטישער גוואַרדיע, ווען זיי פלעגן אַרויס־טרעטן קעגן אונדזער שפּראַך, קעגן אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן, קעגן אונדזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. יידיש איז פאַר זיי געווען דער זשאַרגאָן, נאַציאָנאַליזם אַפילו פּראָגרעסיווער, אַ שעדלעכער באַוועגונג. מיר דאַרפן שטרעבן צו זיין „מענטשן" די נאַציעס און פעלקער האָבן נישט קיין צוקונפט — זיי וועלן אַלע אונטערגיין, וועלן זיך אַלע אויפלייזן אין אַלוועלטלעכער „מענטשהייט". און דאַן וועט קיין נאַציאָנאַלע פראַגע נישט זיין, און עס וועלן נישט זיין קיין אונטערדריקטע און הערשנדע נאַציעס. און דאָ קומט אַ יוגנט, וואָס די יידישע שפּראַך איז פאַר איר אַ גרויסער ענין. זי באַציט זיך צו דער שפּראַך מיט רעספּעקט און ליבע, טרוימט פון אַ רייכער יידישער ליטעראַטור און קולטור; פון אויפלעבן אונדזער פאָלק אויף נייע יסודות פון אַן אַרבעטער פאָלק, אויף די יסודות פון אַ פרייען יידישן לעבן אויף אַ פרייער יידישער טעריטאָריע; פון אַ סאָציאַליסטישן צוזאַמענלעבן, חלומט וועגן סאָציאַליזם אויף דער גאַנצער וועלט, פריינטשאַפט פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. אונדזערע געדאַנקען זיינען געווען נייע און אומבאַקאַנט אויף דער יידישער אַרבעטערגאַס.

מיר געדענקט זיך אַ קליינער עפּיזאָד, וואָס קען אילוסטרירן אונדזער קאַמף. אויף אַ מאַסנפאַרזאַמלונג האָב איך זיך געטראָפן מיט צוויי גדולים פון די געגנער. איינער איז געווען מיינער אַ קוזין און אַ געוועזענער לערער און דער צווייטער אַ דאָקטאָר, וועלכער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער „אַרבעטער צייטונג". זיי האָבן מיך איינגעלאַדן צו מיין קוזין אין ברוקלין. מיר זיינען געקומען אַהין אַרום 11 אין אָוונט און די גאַנצע נאַכט האָבן מיר דיסקוטירט וועגן די אויפגאַבן פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. איך האָב זיי דערקלערט וועגן דער אומנאָרמאַלער לאַגע פון יידישן פאָלק און פון די יידישע פּראָלעטאַריער אין די לענדער, ווו זיי לעבן, וועגן דעם אומ־נאָרמאַלן, קולטורעלן, און עקאָנאָמישן קאַמף פון די יידישע אַרבעטער. אַז דער קלאַסן קאַמף פון די יידישע אַרבעטער איז אַ נישט געזונטער, אַ ווייניק דערפאָלגרייכער. דאָס זעלביקע איז מיט אונדזער פּאָליטישן און קולטורעלן קאַמף. מיינע אָפּאָנענטן האָבן מיט מיר אויף אַ האָר נישט איינגעשטימט. איך האָב פאַר זיי פאַרנאַנדערגעוויקלט דעם געדאַנק, אַז נאָר אויף אַ באַ־שטימטער טעריטאָריע, אויף וועלכער מיר וועלן קענען קאָנצענטרירן אונד־זער אימיגראַציע, און אויף וועלכער די מערהייט וועט זיין אַ יידישע און די פאַרוואַלטונג וועט ליגן אין יידישע הענט, די יידישע אַרבעטער וועלן זיין פאַרטראָטן אין אַלע צווייגן פון אַגריקולטור און אינדוסטריע, דאַן וועלן מיר זיך קענען פריי און נאָרמאַל אַנטוויקלען, פריי אָנגיין מיט אונדזער פּאָ־

ליטישן לעבן, נאָרמאַל אַנטוויקלען אונדזער קולטור און דורך די יידישע מלוכה שולן איבערגעבן אונדזערע קולטורעלע ווערטן אונדזערע קינדער און אייניקלעך און דאַן וועלן מיר אַנערקענט ווערן אַלס אַ גלייכער מיטגליד אין דער משפחה פון אַלע פעלקער.

מיינע אָפּאָנענטן האָבן זיך איבערגעקוקט און מיין געוועזענער לערער, וואָס האָט געענדיקט אַ פּאָליטעכניקום אין רוסלאַנד האָט באַמערקט: „אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, אָבער איך דענק, אַז זיין אויבערשטער עטאַזש אַרבעט נישט נאָרמאַל".

אונדזער קאַמף פאַרן פּראָגרעסיוון יידישן נאַציאָנאַליזם, פאַר פאַרענט־פערן די יידישע פראַגע — טעריטאָריעל איז געווען זייער אַ שווערער, אַ לאַנג דויערנדיקער און העכסט אָנגעשטרענגטער.

און איצט, אַרום 40 יאָר פון יענער צייט, ווען איך טראַכט פון יענער אָרגאַניזאַציע, באַוונדער איך איר, ווען אויף יעדן טראָט זע איך די פרוכט פון אונדזער היסטאָרישן קאַמף, פון אונדזער געוואַגטקייט און מוט. די מער באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער איבערן גאַנצן לאַנד אין די גרויסע מאַסן העלפן די אויפבוי אַרבעט אין ארץ ישראל. סאָלידאַריזירן זיך מיט דער הסתדרות, שטאַלצירן מיט די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. האָבן אַ באַציונג צו אונדזער פאָלק, אַ פאַרשטענדניש פאַר ספּעציפישע יידישע אַרבעטער אינטערעסן, האָבן אַ סימפּאַטיע צו דער יידישער שפּראַך, ליטע־ראַטור, צו די יידישע קולטור אוצרות. דער געוועזענער קאַמפּיין איז געוואָרן די באַליבטסטע אינסטיטוציע פון די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער, דער גאַנצער יידישער שול וועזן, ווערט אויסגעהאַלטן פון די יידישע אַר־בעטער און טויזנטער יידישע אַרבעטער גיבן זיך אָפּ מיט דער יידישער דערציונג פון אונדזער יוגנט.

און דאָס האָט אויפגעטאָן יענע קליינע גרופּע, פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן און פועלי ציון אין פאַרלויף פון די לעצטע פערציק יאָר.

קאַפּיטל 34

מיט די פּועלי ציון און סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט געווען, איז אין אַ קורצער צייט פאַר מיין קומען אין אַמעריקע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאַנווענשאָן פון די פּועלי ציון גרופּעס אין אַמעריקע, אויף יענער קאַנווענשאָן זיינען געווען פאַרטראַטן 23 דעלעגאַטן, פון וועלכע 18 זיינען געווען פּועלי ציון־טעריטאָריאַליסטן און בלויז 5 זיינען געווען פּועלי ציוניסטן פּאַלעסטינצעס. אי די פּועלי ציוניסטן און אי די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו גרינדן צוויי באַזונדערע פּאַרטייען, ווייל צו שוואַך זענען זיי געווען קעגן דער שטאַרקער געגנאָסנשאַפטלעכער פעסטונג צו קעמפן באַזונדער. צוזאַמען, האָבן זיי געפילט, וועלן זיי אויסאיבן אַ שטאַרקערן דרוק און איינפלוס און די קאַנווענשאָן האָט באַשלאָסן מען זאָל זיין צוזאַמען. נאָר וואָס דען? כדי עס זאָלן נישט פאַרקומען קיין רייבונגען און קריגערייען אין די פאַראיינען זאָלן די פאַראיינען זיין אָדער ריין פּאַלעסטינישע אָדער ריין טעריטאָריאַליסטישע. און אי די טעריטאָריאַליסטן און אי די פּאַלעסטינצעס זאָלן האָבן זייערע צענטראַלע קאָמיטעטן און איבער די צענטראַלע קאָמיטעטן זאָל זיין נאָך אַ העכערע אינסטאַנץ — דער אָקציאָנס קאָמיטעט.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין צוזאַמענאַרבעט צווישן די טעריטאָריאַ־ליסטן און ציוניסטן האָט לאַנג נישט געקענט עקזיסטירן, דאָס האָטביידן געשטערט אין דער אַרבעט. נאָך מער, אין יענער צייט האָבן זיך שוין פאַרמירט אין רוסלאַנד און אין פּוילן די פּועלי ציון און די ס. ס. פּאַרטייען, צוויי אין גאַנצן זעלבסשטענדיקע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געפירט צווישן זיך אַ שטאַרקן קאַמף.

מיט אַ יאָר שפּעטער נאָך מיין קומען אין אַמעריקע, איז פאַרגעקומען די שפּאַלטונג פון דער פּועלי ציוניסטישער פּאַרטיי. מיר דוכט זיך, אַז די מינדערהייט — די פּועלי ציון־פּאַלעסטינצעס, האָט די שפּאַלטונג פאַראור־זאַכט און דורכגעפירט. און אין גיכן זיינען גערופן געוואָרן צוויי גרינדונגס־קאַנווענשאָנס: איינע פון די פּועלי ציון־פּאַלעסטינצעס אין פילאַדעלפיע און די צווייטע פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן אין באָסטאָן. פאַרשטייט

זיך, אַז איך בין אַוועק מיט די טעריטאָריאַליסטן, מיט אונדז האָט זיך סאָ־לידאַריזירט די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער פריערדיקער פּאַרטיי.

מיר געדענקט זיך מיין רייזע אין באָסטאָן, אַלס אַ דעלעגאַט פון די סאָצ. טער. פון וואָרשעווער ראַיאָן קאָמיטעט. יונג זיינען מיר אַלע געווען, אָבער קבצנים איינס אין דער וועלט. אויסער אפשר אַ פּאָר, זיינען מיר קיינער נישט געפאָרן מיט דער באַן, מיר זיינען געפאָרן מיט אַ שיף און דערנאָך מיט אַ טראַמוואַי, וואָס ס'האָט געקאָסט אַ סך ביליקער. איך האָב בלויז גע־האָט אַ פּאָר דאָלער און דאָס האָב איך אויסגעגעבן אין גאַנצן אויף מיין פאָרן אַהין. אָבער דאָס האָט אונדז נישט געשטערט צו שטיפן, דערציילן וויציקע מעשיות, איראָניזירן איינע איבער די אַנדערע, שאַפן סאַטירעס און אין כאָר זינגען לידער. איין לידל געדענקט זיך מיר נאָך איצט:

יואל, יואל, יואל
סלאָנים, סלאָנים, סלאָנים,
צען יונים, יונים, יונים
...דיין פּנים, פּנים, פּנים.

דאָס האָט אונדזערער אַ חבר דאָראָשינסקי וועלכער האָט אונדז באַגלייט צו דער שיף געשאַפן אַ סאַטירע אויף סלאָנימס פּאָעזיע, ווייל סלאָנים האָט צו יענער צייט ליב געהאַט איבערחזרן איניקע מאָל די זעלביקע ווערטער אין זיינע לידער, און סלאָנים אַליין פלעגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויך מיטזינגען און איז געווען באַגייסטערט פון דאָס לידל.

אַ שטאָלצער בין איך געפאָרן אין באָסטאָן. גאָר אַ קלייניקייט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן בין איך געפאָרן צו אַ צוזאַמענפאָר און נאָך וואָס פאַראַ צוזאַמענפאָר?! גרינדן פאַר אַמעריקע די זעלבסטשטענדיקע סאָציאַליסטישע טעריטאָריאַליסטישע יידישע אַרבעטער פּאַרטיי. און מיין פאַנטאַזיע האָט שוין מיר געמאָלן די פּראַכטפולסטע פּערספּעקטיוון פאַר דער נייער פּאַרטיי.

פון ניו יאָרק איז געפאָרן אַ גרויסע דעלעגאַציע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען: ברוך צוקערמאַן, יואל סלאָנים, אב. גאָלדבערג, ירחמאל אווערבאַך, די ברידער פּייפּמאַכער, ראַזומאָווסקי, ד"ר גלאָבוס, אַלעקסאַנדער בראַכמאַן, דער פּרי פאַרשטאַרבענער שנייער, טוביה קרעמער, ליווי, אויך דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ ד"ר נאַדלער און ד"ר דאָלניק פון שיקאַגאָ, טשערניאַק פון וויניפּעג און פאַרנדיק מיטן טראַמוויי פון פאָל ריווער ביז באָסטאָן, האָב איך געהאַט אַ מאָדנע איבערלעבונג: איך בין אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרם אָפּקילן זיך, ערשט עס שטייט דאָרטן איינער אַ

מאַן און טרינקט פון אַ גרויסער פלאַש שנאַפּס און פאַרבייסט מיט ברויט און וורשט. ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער מיר איינגעלאַדן טרינקען און עסן, און ווען איך האָב אים באַדאַנקט און אָנטזאָגט, איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרן און מיט אַ בייזן טאָן מיר ווידער פאָרגעשלאָגן און איך האָב געמוזט טרינקען און עסן. אמת, מיר האָט צום אָנהייב געעקלט טרינקען פון זיין מויל און עסן פון זיינע שמוציקע הענט, אָבער נאָכן ערשטן שנאַפּס און פאַר־בייסן, האָט זיך מיין אַפּעטיט נאָך כמעט אַ גאַנצן טאָג נישט עסן, אַזוי פאַר־נאַנדערגעשפּילט, אַז איך בין העכסט צופרידן געווען וואָס ער לאָדט מיר איין און אין אַ קורצער צייט האָבן מיר אויסגעליידיקט די פלאַש און אויפ־געגעסן די וואורשט מיטן ברויט און איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אין טראַמוויי אַ זאַטער און אַן אונטערגעשנאַשקעטער, און מיינע חברים האָבן געפונען אַ נייע טעמע פאַר אָפּלאַכן און גראַמען מאַכן...

ביים באַן האָבן אונדז באַגעגנט די באָסטאָנער חברים און אונדז אַוועק־געפירט אין די צימערן, וואו מיר זאָלן שלאָפן, אונדז זאַלבע זעקס האָט מען איינגעטיילט א צימער מיט צוויי בעטן — ד. ה. מיר האָבן געדאַרפט שלאָפן זאַלבעדריט אין אַ בעט. ווידער אַ טעמע אויף צו לאַכן און אויסקלייבן די קאָמפּאַניאָנען פאַר אַ בעט. און גראַדע אין דעם צימער האָבן זיך איינגע־אָרדנט אב. גאָלדבערג, שנייער, יואל סלאָנים, די ברידער פייפּמאַכער און איך. גלייך ווי מיר האָבן זיך איינגעוואַשן, האָט אונדז די באַלעבאָסטע איינגעלאַדן אין עס צימער, וואו אויפן טיש אין אַ טעלער האָט זיך ווי אַ פּריץ פאַרנאַנדער־געלייגט אַ גרויסער ברייט בייכיקער הערינג מיט אַ פּאָר לעבלעך ברויט. פאַרן הונגעריקן עולם איז דאָס געווען דער איינגענעמסטער סופּריז. דערנאָך האָט מען אונדז דערלאַנגט טיי און מיר זיינען שוין געווען איינמאָל צופרידן! שוין געהאַט איינמאָל אַ מאָלצייט.

אין אָוונט האָבן מיר געהאַט די יום טובדיקע דערעפענונג פונם צו־זאַמענפאָר. דער זאַל איז געווען געפּאַקט און ס'זיינען אַרויסגעטראָטן אונד־זערע אייניקע חברים מיט רעדעס. די יידישע באָסטאָנער אַרבעטער און די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אונדז. אייניקע פון זיי זיינען בייגעווען כמעט אַלע אונדזערע זיצונגען. ספּעציעל האָבן זיך מיט אונדז פאַראינטערעסירט די דאָקטוירים מאַן און פרוי קאַניקאָוו, אָנגעזעענע אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין באָסטאָן.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז געווען די ערשטע זיצונג. אונדזער באָס־טאָנער חבר אַלבערט האָט איר דערעפנט און איבערגעגעבן דעם פאָרזיץ אַ ניו יאָרקער חבר. אויף יענער זיצונג איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די פּראָג־ראַם פון צוזאַמענפאָר און דערוויילט געוואָרן די פאַרשידענע קאָמיסיעס און

דעלעגאַטן צו דער גרינדונגס קאָנווענשאָן פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן. באָסטאָן 1906.

איך בין אריין אין סעקרעטאריאט, וואס איז באשטאנען פון דריי חברים נאר פאקטיש בין איך געווען דער יעניקער, וואס האט פארנאטירט דעם גאנצן גאנג פון דעם צוזאמענפאר.

נו האבן מיר געארבעט אויפן צוזאמענפאר! פיר טעג און כמעט פיר נעכט נאכאנאנד. און די גאנצע צייט אויפן העכסטן גראד אנגעשטרענגט. מיר האבן זיך געקריגט פאר יעדן אויסדרוק, פאר יעדעס ווארט פון די רע־זאלוציעס. דערצו איז נאך אנגעגאנגען א קאמף וועגן דער ליניע און גייסט פון די רעזאלוציעס. עס זיינען געווען סאציאליסטן־טעריטאריאליסטן וואס האבן געדענקט מארקסיסטיש, אנדערע אנארכיסטיש. און צו זייערע ארגו־מענטן און אויסטייטשונגען האט קיין סוף נישט גענומען. דערצו איז נאך געווען א מינסקער ריכטונג...

מיר פלעגן שלאפן אפשר דריי־פיר שעה א נאכט.

צווישן אנדערש האב איך אויף דער קאנווענשאן געהאלטן א לענגערע רעדע וועגן אונדזער קולטור ארבעט. אין דער רעדע האב איך שטארק אגי־טירט פאר עפענען יידישע מאדערנע קינדער־שולן, מיטלשולן און העכערע קורסן. אויף וויפל מיר איז באקאנט, איז דאס געווען דער ערשטער פארשלאג וועגן אפגעבן זיך מיט דער יידישער דערציונג.

איין נאכט האבן מיר אביסל מער געשלאפן, אונדזערע באסטאנער חב־רים האבן ארגנזשירט א מאסן מיטינג אויף וועלכן עס זיינען ארויסגעטראטן א 3־4 פון אונדזערע חברים. דער האל איז געווען געפאקט און די רעדעס האבן זיך איינגעגעבן. מיר זיינען פריי געווארן ארום האלב נאך צען און פון דארטן אין דער באגלייטונג פון מיינעם א קוזין, דייוויס (א נאענטן קרוב פון מענדעלע מוכר ספרים) בין איך אוועק צו אים אהיים, ווו עס האט אויף מיר געווארט א טייערע וועטשערע און א ווייכע בעט — א גאנצע בעט פאר מיר אליין און א היימישע אטמאספער.

די נאכט האט מיך אפגעפרישט און אויפגעלעבט.

נאך א טאג האבן מיר שוער געארבעט. אויסגעקליבן א צ. ק. א פארטיי סעקרעטאר, געהאלטן הייסע רעדעס. וועגן אונדזער ניי געגרינדעטער פארטיי. און דער צוזאמענפאר איז פארענדיקט געווארן. מיר האבן זיך געזעגנט מיט די חברים פון באסטאן און פון דער פראווינץ. און העכסט באגייסטערטע האבן מיר פארלאזן אונדזער צוזאמענפאר, יעדערער מיט א שטארקן גלויבן אין דער גלענצנדער צוקונפט פון אונדזער ניי געגרינדעטער פארטיי, וועלכע וועט שפילן אזא וויכטיקע רעוואלוציאנערע ראל אין יידישן לעבן בכלל און אין יידישן ארבעטער לעבן בפרט. און ביי זיך האט יעדערער פון אונדז אפ־געמאכט אוועקגעבן דער נייער פארטיי אלע קרעפטן, אלע אונדזערע פייאי־קייטן און אלץ, וואס איז שיין, גוט און טייער אין אונדז.

קומענדיק אין ניויאָרק האָט אב. גאָלדבערג מיין באַריכט מיט זיינע אויס־בעסערונגען אַרויסגעגעבן אין אַ ביכל־פאָרם אונטערן נאָמען „די גרינדונג קאָנוועגשאָן פון דער סאָציאַליסטישער־טעריטאָריאַליסטישער אַרבעטער פאַר־טיי אין באָסטאָן 1906".

נאָך דער קאָנווענשאָן האָט זיך אונדזער פאַרטיי ערשט פאַרנאַנדערגע־בליט, פאַרנאַנדערגעוואָקסן אין אַ שטאַרקער מעכטיקער פאַרטיי. מיר האָבן אָנגעהייבן אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכן פאַרטיי אָרגאַן „דאָס פאָלק", אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר זשיטלאָווסקי, ד"ר זאַלאַטאַרעוו און משה קאַץ. פון אונדזערע פריערדיקע חברים פועלי ציון האָבן מיר זיך אין גאַנצן דער־ווייטערט, אָפּגעפרעמדט געוואָרן און אַפילו אָנגעפירט מיט זיי אַ קאַמף. אונדזער אָנזען אויף דער יידישער אַרבעטער גאַס איז געוואַקסן, נייע אָר־גאַניזאַציעס איבער דער פראָווינץ זיינען אנטשטאַנען און אין גיכן האָבן מיר שוין געציילט אין דער פאַרטיי אַ דריי טויזנט אָרגאַניזירטע חברים — אַ קאָלאָסאַלע צאָל פאַר אַ יידישער פּאָליטישער פאַרטיי אין יענער צייט.

אויף די קומענדיקע קאָנווענשאָנס האָב איך שוין קיין אָנטייל נישט גע־נומען, ווייל אַלעמאָל בין איך געווען ווייט פון ניו יאָרק, דאָך האָב איך ביז 1914 אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער פאַרטיי. אָנטייל גענומענ־דיק אין די פאַרטיי אויסגאַבן שוין אונטער דער רעדאַקציע פון אונדזער דעמאָלסטיקן חבר אהרן גלאַנץ.

קאפיטל 35

מיין ערשטער אַרטיקל אין דער פּרעסע

דאָס, וואָס איך האָב מיט אַ יאָר פריער געלייענט אין דער יידישער פּרעסע, וועגן אַ רעדע פון דעם באַקאַנטן פילאַנטראָפּ און מיליאָנער דזשייקאָב פיש, אין וועלכער ער האָט באַהויפּטעט, אַז די רוסישע און פּוילישע יידן שטאַמען נישט ווי אַלע מערב יידן פון דער סעמיטישער ראַסע, נאָר שטאַמען פון די כאַזאַרן (כוזרים), אַ מאָנגאָליש פאָלק, אַז די יידן זיינען נישט געקומען פון מערב, נאָר פון דרום־קרים, קאַווקאַז, וווּ די כאַזאַרן האָבן געלעבט, האָט מיך, — איך ווייס נישט פאַרוואָס — אויפגערודערט און באַליידיקט. די פראַגע האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און איך האָב איר אָנגעהויבן שטודירן. גאַנצע וואָכן און חדשים בין איך אָפּגעלעגן אין די לעזע־זאַלן פון עדוקיישיאָנאַל אַלליאַנס און דער גרעסטער פאָלקס ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויף אַסטאָר פּלאַץ (היינט געפינט זי זיך אויף דער 42טער גאַס) און וואָס מער איך האָב שטודירט די פראַגע, האָב איך זיך מער איבערצייגט, אַז שיפס באַהויפּטונג האָט קיין שום גרונט נישט הינטער זיך. גאָר אַ סך אין דער אַרבעט האָט מיר אַרויסגעהאָלפן דער דאַמאָלסטיקער פאַרוואַלטער פון דער סעמיטישער אָפּטיילונג — פריידעס. ער האָט געוווסט אויף וואָס איך אַרבעט און האָט מיר צוגעשטעלט אַ מאַסע ביכער אין די פאַרשיידנסטע שפּראַכן, אין וועלכע עס ווערט אָנגערירט די פראַגע. און וואונדערבאַר: די דייטשישע, רוסישע, פּוילישע און יידישע געשיכטע שרייבער דערמאָנען נישט, אַז די ערשטע יידן אין רוסלאַנד און פּוילן זיינען געקומען פון כאַזאַרן געגנטן, נאָר אַלע ווי איינער באַהויפּטן, אַז די יידן זיינען געקומען פון מערב־אייראָפּע.

ווען איך האָב צונויפגעקליבן גענוג היסטאָרישן מאַטעריאַל, האָב איך אויף דער טעמע אָנגעשריבן אַן אַרטיקל. לאַנג איז דער אַרטיקל געלעגן ביי מיר אין קעסטל און איך האָב קיין מוט נישט געהאַט אים ערגעץ ברענגען אָדער אַוועקשיקן אָפּצודרוקן. נאָר דעמאָלסט האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז איך פלעג זיך אָפט טרעפן מיט משה כ״ץ (דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון פילאַדעלפיער יידישער צייטונג „די יידישע וועלט"). ער

איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער פון דער „וואַרהייט", אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט פון דעם דאַן באַוווסטן לואי מילער. האָב איך אים דערציילט וועגן דעם אַרטיקל און ער האָט געבעטן איך זאָל אים דעם אַרטיקל געבן. איך האָב אים מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער דעם אַרטיקל צוגעשטעלט אין דער רעדאַקציע. עס גייען נישט דורך קיין צען טעג און איך קריג צו וויסן, אַז מיין אַרטיקל וועט זיך באַווייזן אין מאָרגנדיקער „וואַרהייט". איך האָב אַליין מיינע אויערן נישט געגלויבט. איך בין גע־ווען מער ווי זיכער, אַז מען וועט מיין אַרטיקל נישט דרוקן. אַ דערפאַ־רונג מיט דער יידישער פּרעסע האָב איך שוין געהאַט פון פריער און זי האָט זיך פאַרענדיקט זייער קלאָגעדיק. איך האָב אָנגעשריבן אַן אַר־טיקל וועגן אונדזער יידישער שפּראַך, וועלכע איך האָב געהויבן אין די הימלען אַריין. איך האָב געבראַכט דעם אַרטיקל ווינטשעווסקען, דעם דאַ־מאָלסטיקן רעדאַקטאָר פון דער „„צוקונפט'' האָט ער אים אויסגעבראַ־קירט און איך האָב דאָס דאַן אָנגענומען פאַר נאַטירלעך.

— זיי וועלן דרוקן מיינעם אַן אַרטיקל אין „צוקונפט", — משוגע דאַרפן זיי זיין. יאָרן שפּעטער איז דער אַרטיקל געדרוקט געוואָרן אין ד"ר זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן".

האָבנדיק די דערפאַרונג מיט דער „צוקונפט", האָב איך נישט גע־טראַכט, אַז מיין אַרטיקל זאָל געדרוקט ווערן אין דער „וואַרהייט". און מיט אַמאָל אַזאַ שמחה, אַזאַ פריידי. און אפשר, טראַכט איך, איז דאָס אַן אויס־געטראַכטע זאַך. און מען דאַרף קיינעם נישט דערציילן וועגן דעם. דאָך, טראַכט איך, עס קען נישט זיין, אַז ס'איז אַ ליגן. פאַרוואָס זאָל ער אויס־טראַכטן אַזאַ ליגן. דאָך בין איך אין צווייפל.

יענע נאַכט בין איך געשלאָפן ביי מיין שוועסטער העלענען. און כאָטש איך בין אַלעמאָל אַן אויסגעצייכנטער שלאָפער, האָב איך די נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן. דער אַרטיקל האָט מיך פאַר קיין פאַל נישט געלאָזן שלאָפן. גלייך ווי עס האָט אָנגעהויבן טאָגן בין איך שוין אויפגעשטאַנען. איך האָב געוווסט, אַז יענער טאָג איז אין אַמעריקע אַ יום טוב, „לייבאָר דיי" און די צייטונגען קען מען קריגן זייער פרי.

איך לויף צו די צייטונגס־סטענדס און אויף קיין סטענד קריג איך נישט קיין יידישע צייטונגען. מיין שוועסטער האָט שוין דאַן געוווינט אין בראָנקס און מיט 37 יאָר צוריק איז בראָנקס נישט געווען באַוווסט ביי די יידן. איך אַליין בין דאַן צום ערשטן מאָל געווען אין בראָנקס און ווייל דאַן האָט דאָרטן געוווינט אַ נישטיקע צאָל יידן, וועלכע פלעגן קויפן די צייטונגען אין האַרלעם, אָדער אין די שעפּער, אין אונטערשטן טייל פון

שטאָט, פלעגט אויף די בראָנקסער צייטונגס־סטענדס זיך נישט געפינען קיין יידישע צייטונגען. און אומזיסט איז געווען מיין אומגעדולדיקער לויפן פון סטענד צו סטענד. אַזוי אַרום בין איך דערלאָפן צו דער 125טער גאַס, ווו איך האָב שוין יאָ דערזען צו מיין גרויס פרייד יידישע צייטונגען און איך האָב אָנגעקויפט גאַנצע פינף „וואַרהייטס" און מיט זיי געלאָפן צוריק אין בראָנקס. נאָר אַזוי ווי איך בין געווען זייער פאַרמאַטערט, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין פּאַרקל נישט ווייט פון מיין טייערן סטענד און אָנגעהויבן זוכן מיין אַרטיקל. ער איז טאַקע דאָ, זאָל איך אַזוי לעבן! אונטערגעשריבן מיט גרויסע ווערטער נח מישקאָווסקי. און זעט נאָר, וואונדער איבער וואונדער, געדרוקט אויף דער הויפּט זייט. מיין אַרטיקל איז אין מיטן. פון איין זייט, אַן אַרטיקל פון יעקב גאָרדין און פון דער צווייטער זייט אַ דערציילונג פון מאַקסים גאָרקי. אָט אַ גדולה, אָט אַ שטאָלץ. און איך קוק אויף מיין אַרטיקל, קוק און קען זיך נישט אָנזעטיקן. און מיר איז אַזוי גוט, ווי קיינעם אויף דער וועלט. איך לייען אים און וואונדער זיך: אָפּגעדרוקט אַזוי ווי איך האָב געשריבן, קיין איין וואָרט נישט דורכגעלאָזן. קיין איין וואָרט נישט פאַרביטן און גאָרנישט אַריינגעשטעלט. ס'איז וואונדערבאַר! און אין גרויס פרייד לויף איך צוריק אין בראָנקס, ווייזן דעם אַרטיקל מיין שוועסטער, איר מאַן און די אַלע, וואָס קומען אַהין אַריין. אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. דאָס איז געווען איינער פון די גליקלעכסטע טעג אין מיין לעבן.

איך לויף אַריין צו מיין שוועסטער און רוק איר גלייך אין פּנים אַריין מיין געדרוקטן אַרטיקל. איר מאַן לויפט אויך צו זען דעם וואונדער. זיי קוקן אויף מיר און אויפן אַרטיקל, ווי איינער זאָגט: קען דאָס זיין, אַז דאָס האָט ער, דער גרינהאָרן, וואָס איז ערשט אַ יאָר אין לאַנד, געשריבן דעם אַרטיקל?

זיי זיינען אַלע צופרידן און פרייען זיך מיט מיר.

אין אָוונט בין איך שוין געווען ביי מיינע חברים — געפראַוועט אַ יום טוב לכבוד מיין ערשטן אַרטיקל. עס האָט מיך אפשר געקאָסט אַ גאַנצער האַלב דאָלער.

אַזוי האָט מיך דער אַרטיקל אָפּגעקאָסט 50 סענט און קיין האָנאָראַר האָב איך נישט געקראָגן. איך האָב אפילו נישט געטראַכט, אַז פאַר דעם דאַרף מען מיר באַצאָלן.

קאַפּיטל 36

דער קלאָוקמייקער סטרייק אין 1910

אַרבעטער סטרייקס זיינען אין יענער צייט געווען אַן אָפטע און אפשר אַ צו אָפטע דערשיינונג. קיין יוניאָנס אין דעם זין, ווי זיי עקזיסטירן היינט, זיינען נאָך נישט געווען. דער באַלעבאָס איז געווען דער אמתער דיקטאַטאָר אין זיין שאַפּ. די אַרבעטער האָבן געאַרבעט אַ 14־16 שעה אַ טאָג און פאַר דעם געקראָגן אין דורכשניט אַרום 9 דאָלער אַ וואָך. זיי האָבן געמוזט אַריינברענגען אין די שעפּער זייערע אייגענע ניי־מאַשינען, זייערע שערן. די שעפּער זיינען געווען אַן סאַניטאַרישע און היגיענישע באַדינגונגען. נאָך ערגערע באַדינגונגען זיינען געווען ביי די קאָנטראַקטערס, וועלכע פלעגן אַרויסנעמען די אַרבעט צו זיך אַ היים, אין זייערע וווינונגען, וואָס איז געווען אַ שוויץ שאַפּ. דאָ האָבן די קאָנטראַקטערס נאָך מער עקספּלואַטירט די אַרבעטער. דאָ איז געווען די שענדלעכסטע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע פון מענטשלעכער אַרבעטס־קראַפט. די אַרבעטער האָבן אפילו נישט געהאַט קיין צייט זיך אויסצושלאָפן, ווי געהעריק זיך אויסרוען. מען פלעגט פאַר אַ מיזעראַבלען פּרייז, אין סעזאָן, אַרבעטן צו 102 שעה אַ וואָך און אפילו אָפט שלאָפן אין דעם קאָנטראַקטערס וווינונג. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ פאַרשקלאַפונג פלעגן אָפט פאָרקומען סטרייקס. ווען אַ שאַפּ פלעגט זיך „צעבונטעווען", פלעגן די „בונטאָווטשיקעס" שאַפן אַ „יוניאָן", און די „יוניאָן" פלעגט אָנפירן מיטן סטרייק און גלייך ווי דער סטרייק פלעגט אויפהערן פלעגט זיך די יוניאָן צעפאַלן. די מערסטע סטרייקן פלעגן די אַרבעטער פאַרלירן און דאַן פלעגט די לאַגע ווערן נאָך ערגער. ווידער אַ סטרייק, פלעגט די יוניאָן ווידער אויפגעלעבט ווערן. די סאָציאַליסטיש און אַנאַרכיסטיש געזאָנענע אַרבעטער פלעגן זיך מיט לייב און לעבן אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט אַרויסצוהעלפן די סטרייקער: ריידן פאַר זיי, אַגיטירן, האַלטן גאַסן־רעדעס, קלייבן ביישטייערונגען, באַזאָרגן די סטריי־קער מיט שפּייז. און אויב זיי האָבן געוווּנען די מיזעראַבלע פאָדערונגען, האָבן די אַרבעטער פרייענט מיט דער גרעסטער צופרידנקייט געפייערט „דעם גרויסן אַרבעטער זיג" און די יוניאָן איז ווידער איינגעשלאָפן און

קיינער האָט זיך מיט איר נישט אינטערעסירט. די באַלעבאַטים פּלעגן דער־נאָך איינפירן צוריק זייער אַלטע אָרדענונג און די אַרבעטער פּלעגן ווידער מיט זייערע „קאַטערינקעס" (ניי־מאַשינען) אויף די פּלייצעס, קלעטערן גאַנצע טעג אויף די טרעפּ פון די שעפּער, זוכנדיק אַ פּלאַץ, וווּ זייער אַר־בעטסקראַפט צו פאַרקויפן פאַר בלויז אַ שטיקל טרוקן ברויט.

אין אַלגעמיין האָבן מיר געהאַט אַ סך סטרייקס צו יענער צייט — מער ווי אַלע מאָל פריער. ערשטנס די שווידערלעכע לאַגע פון די יידישע אַרבעטער, צווייטנס האָט די גרויסע יידישע אימיגראַציע, אָנהייבנדיק פון 1905, אָהער אַריבערגעבראַכט אַ נייעם יידישן אַרבעטער עלעמענט, אַ מער רעוואָלוציאָנערן, אַ מער קלאַסן באַוווּסטזיניקן, אַן עלעמענט, וואָס איז גרייט געווען אויף קרבנות און דער עלעמענט איז אין דורכשניט געווען אַ סך אינטעליגענטער פון די, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פריער. צווישן די ניי־אָנגעקומענע, זיינען געווען באַגייסטערטע מיטגלידער פון די יידי־שע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין רוסלאַנד, ווי מיטגלידער פון די פּועלי ציון, בונד, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט גוטע אָרגאַניזאַטאָרס, רעדנערס, אַגיטאַטאָרס און זיי האָבן געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף די יידישע אַרבעטער.

אין 1904 האָבן געסטרייקט אַרום 30,000 שניידער און היטל־מאַכער קעגן אַפּן שאַפּ און זיי האָבן זייערע פאָדערונגען געוווּנען. אין 1907 איז געווען דער גרויסער טטרייק פון די אַרבעטער פון די קינדערשע מאַנ־טעלעך. און אין צוויי יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען דער באַוווּסטער סטרייק פון די ליידיס וועיסט מאַכער, וועמעס איבערוועגנדיקע מערהייט איז באַ־שטאַנען פון יונגע מיידלעך. דער סטרייק איז געווען אַ שווערער, אַ לאַנגער און זייער אַ שאַרפער. אָנגעהויבן האָט ער זיך פון איייניקע גרויסע שע־פּער, די באַלעבאַטים פון וועלכע האָבן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט נאָכ־געבן די אַרבעטער. דאַן איז גערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יידי־שע יוניאָנס און אויף דער קאָנפערענץ איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ גענעראַל סטרייק פון דער גאַנצער פּראָפעסיע, וואָס האָט געציילט אַרום 20,000 אַרבעטער. אָט דער סטרייק האָט אויפגערודערט די גאַנצע עפנטלע־כע מיינונג אין אַמעריקע און האָט צוגעצויגן אויף איר זייט די פולסטע סימפּאַטיע פון די בעסרע עלעמענטן פון די אַמעריקאַנער ליבעראַלן.

די לעצטע צוויי סטרייקס האָבן באַשיינפערלעך באַוויזן, ערשטנס, אַז די אַרבעטער מוזן שטענדיק אָנהאַלטן זייער יוניאָן און מיט אַלע כוחות באַמיען זיך, אַז די יוניאָן זאָל אַרייננעמען אַלע אַרבעטער פון דער געגע־בענער פּראָפעסיע, אַז די יוניאָן זאָל זיין אַ שטאַרקע און האָבן אַלע מאָל

אַ גרויסן פאַנד אין פאַל פון אַ סטרייק און אַז די אַרבעטער דאַרפן זיין שטענדיקע מיטגלידער פון זייער יוניאָן.

אָבער דער גרעסטער סטרייק פון יענער צייט איז געווען דער היס־טאָרישער גענעראַל סטרייק פון 1910. איך געדענק דאָס ווי היינט. דעם אַכטן יולי 1910 כאַפּ איך זיך אויף גאַנץ פרי און לויף אַראָפּ קויפן די יידישע צייטונגען, וואָס האָבן דאַן געקאָסט אַ פּעני אַ שטיק. איך קויף זיי און באַמערק גלייך די גרויסע קעפּ, וואָס זאָגן אָן וועגן דעם גרויסן אַל־געמיינעם קלאָוקמאַכערס סטרייק, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן נעכטן נאָך מיטאָג. עס זיינען אַרויס אין סטרייק אַרום 60,000 אַרבעטער, אַלע ווי איינער, צו דער מינוט. מיר האָבן דאָס אויפגענומען מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. מיר זיינען געלאָפן אין דעם דיסטריקט פון די שעפּער. אַן אויסערגעוויינלעך בילד: די שעפּער זיינען געווען אויסגעליידיקט פון די אַרבעטער. לעבן יעדן שאַפּ זיינען אַרומגעגאַנגען די פּיקעטס, נישט צו דערלאָזן די אַרבעטער אָדער סטרייק ברעכער, אָדער גאָר די „שטאַרקע" אַריינדרינגען אינעווייניק אין די שעפּער. אין די גאַסן איז געווען שטיל און רויק. אַלע ניי־מאַשינען אָפּגעשטעלט. מיר לויפן צו די אַרבעטער פאַר־זאַמלונגען אין די האָלס. זיי זיינען אַלע איבערגעפולט, איבערגעפּאַקט. מען האָלט שטאַרקע, מוטיקע רעדעס. די אַרבעטער באַגעגענען יעדן רעד־נער מיט אָוואַציעס, הערן אויס מיט דער גרעסטער געשפּאַנטקייט די רעד־נער, אַפּלאָדירן שטאַרק. די אַרבעטער האָבן געמאַכט די האָלס פאַר זייער היים. דאָ עסן זיי, דאָ טרעפן זיך איינע מיט די אַנדערע, דאָ האָבן זיי די נייעס פון סטרייק, פון דאַנען גייען זיי אַרויס פּיקעטן.

דאָס יידישע ניו יאָרק איז העכסט באַגייסטערט פון דעם סטרייק. איך זאָג גאַנץ ניו יאָרק, ווייל כמעט אַלע האָבן איינגעזען, אַז דער סטרייק איז אַ גערעכטער און אַלע האָבן געוווּנטשן, אַז דער סטרייק זאָל געוווּנען ווערן. די סימפּאַטיע ביי די נישט אַרבעטער צו דעם סטרייק האָט זיך אויסגעַ־דריקט אַזוי ווייט, אַז די קרעמער האָבן נישט נאָר נישט געמאָנט די חובות און נישט נאָר געגעבן די סטרייקנדע אויף באָרג, נאָר פלעגן אָפּט אַריינ־טראָגן שפּייז אין די היימען פון די סטרייקער. אין די אַלגעמיינע פרייע קיכן פאַר די סטרייקער פלעגן אַ גאַנצן טאָג אָנקומען וועגענער מיט שפּייז און דאָס האָבן אַלץ צוגעשטעלט די מאַסן סימפּאַטיקער. פאַר דער גאַנ־צער צייט פון סטרייק איז נישט געווען קיין פאַל, אַז אַ לענדלאָרד זאָל אַ־רויסזעצן אַ סטרייקער פון זיין וווינונג פאַר נישט צאָלן די רענט.

אין מיין פּאַרטיי (די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן), האָט די גאַנצע צייט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. אַלע נאַכט גאַסן־מיטינגען מיט געלט זאַמ־

לונגען פאַר די סטרייקער. אונדזערע חברים פלעגן לויפן אַ גאַנצן טאָג אין די האָלס, האַלטן רעדעס פאַר די סטרייקער, אויפמונטערן זיי, ברענגען מאַטעריעלע הילף. אייניקע חברים, ווי ראַזומאָווסקי, שניייער, ב. צוקערמאַן זיינען אַרויסגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ זאַמלען געלט. מיר האָבן זיך אַלע אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אי בייטאָג און אי ביינאַכט. און יעדער טאָג האָט געבראַכט נייעס. אין דער ערשטער וואָך האָבן זיך שוין 300 באָסעס אונטערגעגעבן און אין זייערע שעפּער האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן אַרבעטן אויף די נייע באַדינגונגען. די גרעסטע צאָל באָסעס האָבן באַשלאָסן צו ברעכן דעם סטרייק. זיי האָבן געגרינדעט די באָסעס אַסאָסיישאָן, האָבן געבראַכט סטרייק ברעכער, שטאַרקע שלעגער, געוועגדעט זיך אין די קאָרטס נאָך אינדזשאָקשאָנס און דער אמתער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן.

דער אינטערעס צו דעם „אויפשטאַנד פון קנעכט" איז דורך די יידישע צייטונגען אַריבער צו דער ענגלישער פּרעסע, וועלכע האָט אויך אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ אָט דעם סטרייק. אויך האָבן זיך מיטן סטרייק פאַראינטערעסירט די פאַרשטייער פון די דייטשישע יידן, ווי בראַנדייס, יעקב שיף, לואיס מאַרשאַל און אַנד. און זיי האָבן אַ סך געטאָן, כדי אַרויסצוהעלפן די סטרייקער געווינען זייער גערעכטן קאַמף. אין שפּיץ פון סטרייק זיינען געשטאַנען די באַליבטסטע אַרבעטער פירער באַראָנדעס, הילקוויט, לאָנדאָן, פּענקין, לואי מילער, שלעזינגער, ראָזענבערג. די דעמאָנסטראַציע פון די סטרייקנדע קלאָוקמאַכער, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט איבער צען טויזנט אַרבעטער, האָט געמאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק אויף דער ניו יאָרקער באַפעלקערונג. עס האָבן נישט געהאָלפן די באָסעס די אַרעסטן פון אַרבעטער, די אינדזשאָקשאָנס, די סטרייק ברעכער, די שלעגער. פאַרקערט, די סטרייקער האָבן מיט דעם אַליין צוגעקראָגן מער מוט, געוואָרן מער קאַמפּסלוסטיק. די באָסעס אַליין האָבן שוין אָנגעהויבן בעטן זיך אויף אַ קאָנטראַקט מיט די אַרבעטער פון די שעפּער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען מיט דער נייער באָסעס אַסאָסיאיישאָן, ביז זיי זיינען איינגעגאַנגען אויף די באַדינגונגען פון די סטרייקער. אַכט וואָכן האָט געדויערט דער ערשטער גענעראַל סטרייק פון די קלאָוקמאַכער און צום סוף פון דער אַכטער וואָך האָבן זיי געוווּנען אַ 50 שעהדיקע אַרבעטסוואָך, אַ העכערונג אויף צוויי־דריי דאָלאַר אַ וואָך, אַ פּרייז קאָמיטע אין יעדן שאַפּ, איינגעפירט אין אַלע שעפּער בעסערע סאַניטאַרישע באַדינגונגען, איינגעפירט צען געזעצלעכע יום טובים מיט באַצאָלט, אָפּגעשאַפט די אינסייד קאָנטראַקטער, איינגעפירט, אַז די באַ־

סעס דאַרפן באַזאָרגן די אַרבעטער מיט די נײַ־מאַשינען. אַט דעם קאָנ־טראַקט צווישן די אַרבעטער און די באָסעס האָט געהאָלפן אויסאַרבעטן דער דאַמאָלסטיקער אַדוואָקאַט און שפּעטערדיקער מיטגליד פון העכסטן געריכט, לואיס בראַנדייס. און דעם 2טן סעפּטעמבער איז דער אָפּמאַך אונטערגעשריבן געוואָרן פון בײדע צדדים און די אַרבעטער האָבן זיך ווי זיגער אומגעקערט צו זייערע שעפּער און מיט דעם סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע ערא אין לעבן און אַרבעטס באַדינגונגען נישט נאָר פון די קלאוקמאַכער, נאָר פון אַלע אַרבעטער אין דעם נאָדל טרייד. פון דאַמאָלסט הויבט זיך אָן אין אַמעריקע די געשיכטע פון פּאַקטישן יוניאָניזם, ווייל די קלאוקמאַכערס נײַע יוניאָן האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון מאָ־דערנעם יוניאָניזם. נישט נאָר האָט דער גרויסער קלאוקמאַכערס סטרייק געהאָלפן דעם יידישן יוניאָניזם, נאָר האָט אויך אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער גאַנצער יוניאָן באַוועגונג אין גאַנץ אַמעריקע. און דאָס איז געווען די ערשטע לעקציע, וואָס די גרינע יידישע אַרבעטער האָבן געגעבן די אַמעריקאַנער אַרבעטער.

קאַפּיטל 37

אין סענט לואיס, מיזורי

אין אַמעריקע האָב איך געהאַט נאָך אַ שוועסטער, טאַניע, וועלכע איז געווען מיט אַ פיר־פינף יאָר עלטער פון מיר. איך האָב שוין איר נישט געזען אַ 15 יאָר און געוווינט האָט זי אין סענט לואיס, אין דעם שטאַט מי־זורי. אין אַלע אירע בריוו האָט זי מיך געבעטן קומען צו איר, זי וויל מיך זייער זען. האָב איך באַשלאָסן פאָרן אין סענט לואיס. געטראַכט און געטאָן און איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט אין מיין ערשטער ווייטער רייזע פון ניו יאָרק. דאָס האָב איך געוואָלט איר סורפּרייזן מיט מיין קומען און דערפאַר האָב איך נישט געשריבן צו איר, אַז איך קום. געקומען אין סענט לואיס, בין איך מיטן אַדרעס אין האַנט אַוועק זוכן איר הויז. אויסגעזוכט איר דירה — איך קלאַפּ אָן, ערשט קיינער ענטפערט נישט. איך קלאַפּ ווידער שטאַר־קער, נישטאָ קיין ענטפער. איך פּרוביר די טיר, ערשט זי עפנט זיך. איך קום אַריין, גיי דורך אַלע פיר צימערן, איך געפין דאָרט קיינעם נישט. אויפן טיש אין קיך זיינען אָנגעוואָרפן זעמעלעך, ברויט, פּוטער, קעז, אויפן אייוועלע אַ טעפּל מיט קאַלטע קאַווע. האָב איך דערווייל געהאַט מיין אָנבייסן און זיך אַוועקגעזעצט לייענען אַ בוך. מיטאָגצייט לויפן אַריין צוויי ייִנגלעך מיט אַ רעש און מיט אַ טומל, גייען צו צום אייז־קאַסטן, שלעפּן אַרויס עפּעס טעפּ, קריגלעך, גלעזער מיט עסנוואַרג, עסן אָפּ און אַנטלויפן. נישט זיי האָבן מיך געפרעגט, ווער איך בין און נישט איך האָב זיי געשטעלט די זעלביקע פראַגע. אַ ביסל שפּעטער בין איך אַרויס אין גאַס, געקויפט צייטונגען, געקומען צוריק און געלייענט זיי אַ פּאָר שעה. דער זייגער איז שוין פיר און מיין שוועסטער איז נאָך אַלץ נישט געקומען. פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אפשר בין איך גאָר אין אַ פרעמדער הויז, נישט אין מיין שוועסטערס הויז. גיי איך מאַכן אַ רעוויזיע. כ׳געפין נישט קיין קאָנווערטן, אָדער רעכענונגען אויף איר נאָמען. צום סוף קום איך אַריין אין איר שלאָף־צימער און מיט גרויס פרייד דערזע איך איבער איר בעט הענגען צוויי פּאָרטרעטן פון מיין מוטער און פאָטער. הייסט דאָס טאַקע, אַז איך בין אין איר הויז. זעץ איך זיך ווייטער אַוועק אויף איר וואַרטן. און אַרום

זעקס אַזייגער איז זי ערשט געקומען. זעט, איך זיץ ביים טיש, גריסט זי זיך מיט מיר. איך ענטפער איר. נישט רעדנדיק ווייטער, איז זי אַריינ־געלאָפן אין אַן אַנדער צימער זיך איבערטאָן. געבראַכט זיך אין אָרדע־נונג, גייט זי צו צו מיר, קוקט זיך אין מיר איין און פרעגט:

— וועמען דאַרפט איר, יונגערמאַן?

און נאָך דער שטים האָב איך איר דערקענט — ס'איז טאַניעס שטים. און איך האָב איר געענטפערט:

— וואָס טאַניע, דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך דיין ברודער נח.

זי האָט עפּעס אַ קוויטש געטאָן, אַ וואַקל געטאָן זיך און איז אַנידער־געפאַלן, געפאַלן אין חלשות. נו, האָב איך שוין געהאַט אַ שטיקל אַרבעט איר אָפּמינטערן.

שפּעטער, ווען זי איז שוין געקומען צו זיך, האָב איך געגעסן מיט איר און אירע צוויי יינגלעך צוזאַמען אָונטברויט. אין אָוונט האָבן מיר שוין געהאַט געסט און געפּראַוועט אַ שטיקל שמחהלע. צווישן מיינע נייע באַ־קאַנטע, וואָס פלעגן אַריינקומען צו מיין שוועסטער, האָט איינער געוווּנען מיין סימפּאַטיע און אפילו ליבע. דאָס איז געווען אַ געוועזענער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, פּנחס קאָהן. ער איז מיר געפעלן געוואָרן אַלס אַ ענער־גישער, אינטעליגענטער יונגערמאַן, פול מיט מאָדנע איינפאַלן, אַלע מאָל מיט זיינע חכמהלעך און גלייכווערטלעך. ער איז געווען פאַרהייראַט און האָט געהאַט אַ קליין יינגעלע. געאַרבעט האָט ער אין אַ שאַפּ, וווּ מען האָט געמאַכט שניפּסן.

אַז ס'איז דורך אַ וואָך פון מיין „גאַסטעווען", האָב איך אים געבעטן זען, אַז איך זאָל קריגן ערגעץ אַרבעט. געוווּסט האָט ער, אַז איך האָב געאַרבעט אין ניו יאָרק אַלס צושניידער. ער האָט מיר גלייך געענטפערט, אַז איך וועל קריגן אַרבעט אין שאַפּ, וווּ ער אַרבעט, נאָר איך וועל זיין אַ צושניידער, נישט פון פרויען קליידער, נאָר פון מענערשע שניפּסן. איך דאַרף אויף דעם צוואַרטן אַ וואָך צייט. און איך בין טאַקע אַהין אָנגעקומען אַרבעטן. צו מיין אָנקומען אין שאַפּ האָט ער צוגעגרייט אַ יום טובדיקע פּראָגראַם מיט אַ מוזיקאַלישן ליטעראַרישן אינהאַלט. און ווער זיינען דאָס געווען די קרעפטן? די שקצים און שיקסעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין יענעם שאַפּ. די גויים האָבן געזונגען און דעקלאַמירט יידישע לידער און מיר געדענקט זיך גוט, ווי היינט, ווי פרענק, אַ דייטש, אויך אַ צושניידער, האָט זייער גוט דעקלאַמירט פון י. ל. פּרצס — ביי דעם פרעמדן חופּה־קלייד: „ס'איז געווען אַ מיידעלע, אַ מיידעלע אַ פּראַכט".

אין סענט לואיס איז געווען צו יענער צייט אַ קליינע גרופּע סאָציאַ־

ליסטן־טעריטאָריאַליסטן און איך האָב איבערגענומען די פּירערשאַפט פון איר. די מיטינגען האָבן מיר געהאַט אין יידישן צענטער, וועלכער האָט אונדז געגעבן דעם צימער פריי.

אויך האָבן מיר אין אַ גרויסן האָל דורכגעפירט אַ גרויסן פּראָטעסט מיטינג קעגן דער רומענישער רעגירונג פאַר איר פאַרפאָלגן יידן, און איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן צוציען צו דער אַקציע די רומענישע יידן פון סענט לואיס, וועלכע האָבן דאָ געהאַט אַן אייגענע גרויסע אָרגאַניזאַציע און אַן אייגענע שול. ערשט אין מיטן דער אָרגאַניזירונג קום איך איינמאָל אַהיים און דערזע ביי זיך אַ פינף־זעקס רומענישע יידן. מיין שוועסטער שטעלט מיך פאָר פאַר זיי. ערשט איך דערוויס זיך, אַז זייער רב איז אויך דאָ אין דער דעלעגאַציע און ער האָט מיר געזאָגט:

ס'וואָלט געווען מער יושרדיק, אַז ביי דעם פּראָטעסט מיטינג קעגן דער רומענישער רעגירונג זאָלן זיין פאַרטראָטן אויך די רומענישע יידן פון אַמעריקע. איך האָב פולקאָם איינגעשטימט און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז זייערער אַ רעדנער זאָל אַרויסטרעטן.

אויף מיר האָט דער אינצידענט אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. ערשטנס האָב איך זיך איצט צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט רומענישע יידן. צווייטנס, אַ רב אין אַ דעלעגאַציע צו מיר. ווער בין איך דאָס דען?

מיר האָבן אויך אַראַנזשירט אייניקע מיטינגען קעגן דער צאַרישער רעגירונג, וועלכע אונטערשטיצט באַהאַלטענערהייט די פּאָגראָמען אויף יידן.

מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט אויף אייניקע לעקציעס אונדזער חבר גאָלד־בערג און אויך אונדזער גאַסט פון רוסלאַנד פון דער פּאַרטיי ס״ס (אונדזער שוועסטער פּאַרטיי) דניאלי (לעצטנס אַרעסטירט אין ווילנע צוזאַמען מיט זלמן רייזינען, ווען די רויטע אַרמיי איז אַהין אַריין. זיין אמתער נאָמען איז געווען ד״ר טשערניכאָוו). אין סענט לואיס האָב איך זיך באַקאַנט מיט די אַלע סאָרטן יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, צווישן זיי אויך מיט די דייטשישע יידן, וואָס זיינען שוין דאָ אין אַמעריקע פון דורות לאַנג און זיינען פולקאָם אַסימילירט און דאָך איז נאָך פאַרבליבן ביי זיי אַ זשילקע, וואָס בינדט זיי צונויף מיט אונדזערע יידן און זיי אַרבעטן לטובת הכלל. אויך ווי אין ניו יאָרק גיבן זיי זיך מערסטנס אָפּ מיט „טשאַריטי" און אונדז לערנען ווי צו זיין „מענטשן". וועגן די באַ־ציונגען צווישן די דייטשישע יהודים און אונדזערע יידן האָב איך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, אים אָוועקגעלייגט אין מיין קעסטל און מיט דער צייט האָב איך אַן אים אין גאַנצן פאַרגעסן. פאַרן אָוועקפאָרן בעט ביי מיר דניאלי אַן אַרטיקל פאַר „אונדזער וועג" — די פּעריאָדישע אויסגאַבע פון אונדזער

פּאַרטיי אין ווילנע. איך האָב אַ זוך געטאָן אין מיינע מאַנוסקריפּטן און אים אַוועקגעגעבן דעם אַרטיקל.

אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער, קריג איך „אונדזער וועג" מיט דעם אַרטיקל. איך לייען אים. קיין אויטאָר איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן; אויך נישט, אַז ס'קומט פון סענט לואיס. עס איז דאָך צום לאַכן: איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז איך האָב דאָס געשריבן, כאָטש לייענענדיק איז ער מיר געווען זייער באַקאַנט. אַ גאַנצע נאַכט האָב נישט געקענט איינשלאָפן, טראַכטנדיק, ווו האָב איך דעם אַרטיקל געלייענט און פון וועלכער צייטונג האָבן זיי דאָס איבערגעדרוקט. ערשט אין דער פרי טרעף איך מיין חבר אברהם בייזער, און ער פרעגט מיך, צי האָב איך געזען מיין אַרטיקל אין „אונדזער וועג". ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דעם אַרטיקל האָב איך אַליין געשריבן. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין שלאָפלאָזער נאַכט און מיר האָבן זיך ביידע האַרציק פונאַנדערגעלאַכט.

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין סענט לואיס האָב איך מיטגעאַרבעט אין דער דאָרטיקער יידישער טעגלעכער צייטונג „דער פאָר־שטייער", אונטער דער רעדאַקציע פון וואָלפזאָן. מערסטנס האָב איך גע־שריבן וועגן נאַציאָנאַליזם ביי הערשנדיקע און אונטערגעדריקטע פעלקער, וועגן סאָציאַליסטישע פראַגן און אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע און פראָפּאַגאַנדע פאַר אונדזער פּאַרטיי.

מיר געדענקט זיך, אַז די אָרטיקע אַנאַרכיסטן, כדי אָפּצושוואַכן אונדזער אַגיטאַציע און פראָפּאַגאַנדע, האָבן אַראָפּגעבראַכט אין סענט לואיס די באַ־וווסטע אַנאַרכיסטין און רעדאַקטאָרין פון דעם אַנאַרכיסטישן זשורנאַל אין ענגליש „מאָטהער אוירט" (מוטער ערד), און איר טעמע איז געווען וועגן יידישן נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם, טעריטאָריאַליזם. מיט די פראַגן איז זי ווייניק באַקאַנט געווען און דערפאַר האָט זי אַ סך געפּלוידערט. פון אונדז און פון די פּועלי ציון זיינען אַרויסגעטראָטן אַ פיר רעדנער, וועלכע האָבן פון איר רעדע געמאַכט אַש און בלאָטע. און איר לעקציע האָט זיך געענדיקט סקאַנדאַליעז. זי האָט זיך פאַרלאָרן, געוואָרן היסטעריש. דער מאַסן־מיטינג איז אויפגעריסן געוואָרן און די אַנאַרכיסטן האָבן נעבעך געליטן אַ שרעק־לעכע פּיאַסקאָ.

אין אַלגעמיין, זייענדיק אַ סאָציאַליסט, האָב איך זיך מיט פיינטשאַפט דאַן באַצויגן צו די יידישע סאָציאַליסטן פון יענער צייט. נאָך מער האָב איך פיינט געהאַט די יידישע אַנאַרכיסטן צוליב זייער קעגנערישע שטעלונג צו מיינע פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע געדאַנקען און זייער קעגנערשאַפט צו אונ־דזערע יידישע באַפרייונגס־אידעאַלן. איך האָב אין דעם געזען אַ פאַרראַט צום

סאָציאַליזם און צו די ברענענדיקע פראַגן פון צוקונפט פון יידישן פאָלק. זייער ביידנס פרעסע און ליטעראַטור האָבן אַלע מאָל געקעמפט קעגן אונדז — נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן. איך האָב געהאַסט זייער אַטעיזם, זייער אָפּלאָכן פון דער יידישער געשיכטע, פון אַלע אונדזערע קולטורעלע ווערטן, פון אונדזער מאָראַל און פון אונדזערע אידעאַלן. נאָך מער האָב איך פיינט געהאַט די אַנאַרכיסטן פאַר זייערע יום כיפור בעלער. אפילו איינמאָל אום יום כיפור זיינען זיי באַפאַלן אַ שול און עס איז פאָרגעקומען אַ געשלעג און פאָ־ליציי האָט זיך געמוזט אַריינמישן. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די פרומע יידן זיינען אויך אין אַ יום כיפור באַפאַלן אַ ראַדיקאַלן קלוב אויף הענרי סטריט, ווו עס איז דאַן געווען אַ יום כיפור באַל. איך בין געווען גוט באַ־קאַנט מיט דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור, פרעסע און טעטיקייט און איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס אונדזערע יידי־שע אַנאַרכיסטן זיינען קעגן אונדזער יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונג. אין דער צייט, ווען לויט זייער טעאָריע האָבן זיי געדאַרפט זיין הונדערט פראָ־צענט מיט אונדז און אַרויסהעלפן אין אונדזער קאַמף. איך האָב אַפילו דאַן אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דעם.

מיר געדענקט זיך אַן אינצידענט פון יענער צייט. מיר האָבן געהאַט אין ניו יאָרק אַ גרופּע פון סאָציאַל רעוואָלוציאָנערע טעריטאָריאַליסטן, אין שפּיץ איז געשטאַנען אונדזער ליבלינג פון יענער צייט ד״ר זשיטלאָווסקי און מיר האָבן אַראַנזשירט מיט אים אַ סעריע לעקציעס אין קלינטאָן האָל. איך האָב געדאַרפט באַזאָרגן די „פּובליסיטי״. האָב איך אַריינגעגעבן די אַנאָנסן און נאָטיצן אין אַלע יידישע צייטונגען. אָבער ווען איך בין אַריין וועגן דעם אין אָפיס פון „פאָרווערטס״ האָט מען מיר דאָרטן אַנטזאָגט פון דרוקן די אַנאָנסן און נאָטיצן. ווען איך האָב קעגן דעם שטאַרק פּראָטעסטירט, האָבן זיי מיר דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אָרדער פון אויבן. און ווען איך האָב ווידער קעגן דעם פּראָטעסטירט, איז איינער פון אָפיס אַרויף אויבן און אַראָפּגערופן קאַהאַנען, וועלכער איז אַראָפּגעגאַנגען מיט אַ ברויזנדן כעס, דערקלערנדיק מיר, אַז אין „פאָרווערטס״ איז נישטאָ קיין פּלאַץ צו אַד־ווערטייזן זשיטלאָווסקין. איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ד״ר זשיטלאָווסקי איז אַן אָנפירנדיקער סאָציאַליסט, ער וועט רעדן פון אַ סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרם און אויף סאָציאַליסטישע טעמען און אין נאָמען פון אונדזער געמיינשאַפטלעכן אידעאַל דאַרף ער די אַנאָנסן אָנ־נעמען. ער האָט זיי קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו דרוקן. גלייך האָבן זיך וועגן דעם דערוווסט לואי מילער, ד״ר קאַפּלאַן און אַנדערע, וועלכע האָבן אים

גערופֿן צו פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. וואָס דער סוף פֿון דעם ווייס איך נישט. אָבער איין זאַך ווייס איך, אַז די נאָטיצן זיינען טאַקע נישט אַריין אין „פֿאָרווערטס".

זייענדיק אין סענט לואיס האָב איך געהאַט אייניקע איינגענעמע געסט פֿון ניו יאָרק ווי ליזע פֿאַסוויאַנסקי, וועלכער איך האָב גוט געקענט פֿון וואַרשע, ווען זי איז געווען אין לעצטן קלאַס גימנאַזיע. זי איז געווען אַ שפּראַכן קענערקע און האָט מיטגעאַרבעט אין דער רוסישער פּרעסע אַלס אַן איבערזעצערין פֿון פֿראַנצויזיש, דייטש, איטאַליעניש און ענגליש. עס איז געקומען מיין חבר סאַשאַ בראַכמאַן, אַן אַנגעזעענער טוער אין אונדזער רוסישער פּאַרטיי (שפּעטער אַ טוער אין קאָמיסאַריאַט פֿאַר פֿאָלקס־ביל־דונג אין דער ווייסרוסישער רעפּובליק). אַ לענגערע צייט האָט פֿאַרבראַכט מיט אונדז מיין חבר מאַקס ראַזומאָווסקי. אויך איז דאַן געקומען פֿון דייטש־לאַנד ד"ר לעאָ בלעס און מיר האָבן זיך שטאַרק באַפֿריינדעט.

אין סענט לואיס איז דאַן געווען אַן אינטערעסאַנטע גרופּע פֿון פּועלי ציון, אַ העכסט אינטעליגענטע גרופּע פֿון עכטע אידעאַליסטן, פֿון וועלכער איך האָב שטאַרק רעספּעקטירט ד"ר פֿאָלישוק, נחמיהן (זיין פֿאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט, אָבער איך ווייס, אַז שוין עטלעכע צענדליק יאָרן, ווי ער געפֿינט זיך אין ארץ ישראל), אויך די ברידער און שוועסטער שאַפּיראָ.

אָט אַזוי האָב איך זיך שוין גוט איינגעלעבט אין סענט לואיס, גע־פֿילט זיך דאָרטן ווי אַ פֿיש אין וואַסער, ביז אין איין שיינעם טאָג האָב איך געקראָגן אַ בריוו פֿון אונדזער צענטראַל קאָמיטעט, איך זאָל פֿאָרן אין שיקאַגאָ, וווּ עס עקזיסטירן אונדזערע צוויי אָרגאַניזאַציעס, איינע אונ־טער דער אָנפֿירונג פֿון ד"ר דאָלניק און די אַנדערע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ד"ר נאַדלער. גענוי וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט געדענק איך נישט, אָבער דער צ"ק האָט מיר געשריבן, אַז צווישן די ביידע אָרגאַ־ניזאַציעס קומען פֿאָר רייבונגען און עס דראָט די געפֿאַר, אַז זיי זאָלן ביידע אונטערגיין. האָט מיך דער צ"ק אויפֿגעפֿאָדערט, איך זאָל פֿאָרן אַהין און זען אָדער אויסגלייכן זיי, אָדער פֿון ביידע אָרגאַניזאַציעס שאַפֿן איין אָר־גאַניזאַציע און אין אַ וואָך שפּעטער, נאָך אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט, וואָס מיין סענט לואיסער אָרגאַניזאַציע האָט פֿאַר מיר איינגעאָרדנט, האָב איך פֿאַרלאָזן סענט לואיס און אַוועקגעפֿאָרן אין שיקאַגאָ.

קאַפּיטל 36

שיקאַגאָ

גלייך ווי איך בין אָנגעקומען אין שיקאַגאָ האָט זיך מיט מיר געטראָפן אַ טשיקאַווע מעשה, וועלכע מיר ווילט זיך איך דערציילן.

איך בין געקומען צופאָרן אַזייגער זיבן אין דער פרי. כ׳בין אַריין אין אַ קאַפע־הויז עפּעס איבערבייסן. דערפרעגט זיך וועגן יידישן געגנט און איך האָב געשפּאַצירט איבער דער צוועלפטער גאַס, היינט „רוזוועלט וועג”, ערשט איך דערזע אַ יידיש בוך־געשעפט מיט אַרויסגעשטעלטע צייטונגען צום גאַס. איך גיי אַריין אינעווייניק און באַמערק גלייך אונדזער אַ פרישן נומער „דאָס פאָלק”. איך קויף אים, און טאַקע דאָ אויפן אָרט נעם איך אים פונאַנדער, זעץ זיך אַוועק אויף אַ שטול און פאַרטיף זיך אין דער צייטונג. אפשר אַ האַלבע שעה האָב איך געלייענט, ערשט איך באַמערק, אַז אַ יונגער בחור קוקט אויף מיר, פשוט ער עסט מיך אויף מיט די אויגן.

דערנאָך גייט ער צו צו מיר און צווישן אונדז פאַרבינדט זיך אַ געשפּרעך.

— איר זייט אַ לייענער פון „דאָס פאָלק”? — פרעגט ער מיר.

— יע, — ענטפער איך.

— זייט איר אַ חבר פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן?

— יע.

— פון וואַנען קומט איר?

— פון קליוולענד, — פאַלט מיר איין.

— ווי איז אייער נאָמען?

כאַיקין, — פאַלט מיר איין, אים אָפּנאַרן.

— איר ווייסט, חבר כאַיקין, חבר נח מישקאָווסקי קומט אַהער. ער וועט דאָ זיין דעם פרייטיק צו אונדזער מיטינג.

— יע? ווער איז ער?

— איר האָט נישט געהערט וועגן חבר מישקאָווסקין? ווער פון אונדזערע חברים ווייס נישט פון חבר מישקאָווסקין? ער איז דאָך איינער פון די אָנגעזעענסטע חברים אין לאַנד.

— קענטיק, ער איז קיינמאָל נישט געווען אין קליוולענד, דערפאַר קען איך אים נישט, — פאַרענטפער איך זיך.

ער קוקט מיך אָן מיט אַ ביטול און הויבט מיר אָן דערציילן מעשיות פון דעם נח מישקאָווסקי, פון זיין העלדישקייט, פון זיינע אויפטואונגען, פון זיין איבערגעגעבנקייט דער פאַרטיי, מעשיות וואָס זיינען נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, פשוט אַ פּראָדוקט פון זיין פאַנטאַזיע.

ער פירט מיך ווייזן די שטאָט, די פאַרשידענע געביידעס, אינסטיטוציעס, די פאַרקס. דערציילט מיר פון ד"ר סירקינען, פון גאָלדבערגן, שניירן, וועגן די שיקאַגער אָרגאַניזאַציע, וועגן דאָלניקן, נאַדלערן, כאַסיען און באַסיען. גיט מיר איבער געננוי וויפל אַבאָנענטן „דאָס פאָלק" האָט אין שיקאַגאָ, וויפל די סטענדס פאַרקויפן אים. זיין נאָמען איז חבר זילבערשטיין, ער אַרבעט ביי שניידעריי, וווינט מיט זיינע עלטערן און לאַדט מיך איין צו זיך עסן צוזאַמען מיטאָג. איך האָב זיין איינלאַדונג מיט פאַרגעניגן אָנגענומען.

בייטאָג בין איך געגאַנגען זען זיך מיט די חברים, וואָס איך קען, צוזאָגנדיק אים, אַז איך וועל קומען ביינאַכט צו אים שלאָפן. אויסער חברים האָב איך געהאַט אין שיקאַגאָ אייניקע פערזענלעכע פריינט, וועלכע איך האָב זייער געוואָלט זען. אַזוי האָב איך פאַרבראַכט ביז אַזייגער צען אין אָוונט.

געקומען שלאָפן צו חבר זילבערשטיינען. ער האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיט גוטע זאַכן, וואָס ער האָט פאַר מיר אָנגעקויפט.

און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער מיך נישט געלאָזט שלאָפן, דערציילנדיק מיר מעשיות וועגן אונדזערע פאַרטיי־חברים, וואָס האָבן באַזוכט שיקאַגאָ. ער האָט מיך אויך ניט אַרויסגענומען פון זיין צעטל און האָט אויסגעדריקט זיין גרויסן פאַרלאַנג, אַז נח מישקאָווסקי זאָל וואָס גיכער קומען — ער וויל זיך מיט אים באַקאַנען.

נו, גיי און דערצייל אים, אַז איך ליג דאָ אַנטקעגן אים אין דער צווייטער בעטל און רייד מיט אים...

אויף מאָרגן האָב איך שוין געקראָגן אַרבעט, אַלס אַ צושניידער ביי שניפּסן, גענומען אַ צימער נישט ווייט פון מיין אַרבעטספּלאַץ און ביזן מיטינג האָב איך אים נישט געזען.

און ביים מיטינג האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, ווען ער האָט מיך דערזען.

— וואָס מאַכט איר, חבר כאַיקין? ווי גייט דאָס די אַרבעט?

דער מיטינג ווערט געעפנט און דער פאַרזיצער גיט איבער, אַז די

אָרגאַניזאַציע האָט דאָ אַ גאַסט, געשיקט פון צענטראַל־קאָמיטעט, נח מיש־קאָווסקען און ער לאַדט מיך איין אויף דער בימה.

איך גיי צו דער בימה און קוק אויף מיין חבר זילבערשטיינען. זיין גאַנצער פּנים האָט אויסגעדריקט די גרעסטע דערשטוינונג, פון וועלכער ער האָט אַ לאַנגע צייט צו זיך נישט געקענט קומען.

שיקאַגאָ צו יענער צייט האָט שוין געהאַט אַ גרויסע יידישע באַפעל־קערונג, וועלכע איז מערסטנטיילס געווען איינגעפּאַקט אין צוויי געטאָס. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אונטערשיידט פון דער ניו יאָרקער מיט דעם, וואָס דאָ זיינען די מערסטע יידן, אונדזערע יידן, וואָס זיינען געקומען אין אַמעריקע שוין פון אַ לענגערער צייט, האָבן שוין דורכגעמאַכט די רייזע איבער אַמעריקע פון מזרח צום מערב און אַנדערע זיינען געקומען אַהער נאָך דעם, ווי זיי האָבן אויסגעפּרובירט זייער מזל אין די פאַרשיי־דענע גרעסערע און קלענערע שטעט פון אַמעריקע. זיי זיינען שוין געווען מער אַמעריקאַניזירט. דאָ זיינען שוין פּראָפּאָרציאָנעל געווען ווייניקער יידישע אַרבעטער און מער געשעפטס מענטשן, ווי אין ניו יאָרק. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין „גרינע”, נאָר זייער צאָל איז געווען אַן אומבאַ־דייטנדע. אין אַלגעמיין האָט זיך די יידן דאָ געלעבט בעסער, ווי ביי אונדז אויפן מזרח, אָבער גייסטיק זיינען זיי געשטאַנען אַ סך נידעריקער פון די ניו יאָרקער יידן; כמעט אָן אַ יידישן גייסטיקן לעבן.

אונדזער פּאַרטיי אין שיקאַגאָ האָט געהאַט אַ גוטע אינטעליגענץ. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען פרישע כוחות. עס האָבן זיך אין מיין צייט אין שיקאַגאָ געפונען די אַנפירנדיקע חברים סאַשאַ בראַכמאַן, וועל־כער איז געקומען פון סענט לואיס צוזאַמען מיט מיין פריינדין ליזע פּאַסוויאַנסקי, עס זיינען ווידער אַראָפּגעקומען פון ניו יאָרק מאַקס ראַזו־מאָווסקי און ברוך צוקערמאַן. זיי אַלע האָב איך שטאַרק ליב געהאַט און זיך מיט זיי גוט איינגעלעבט. און מיר אַלע האָבן זיך אויפן בעסטן אופן איינגעלעבט מיט די שיקאַגער חברים, אַזוי אַרום בין איך געווען אַרומ־גערינגלט מיט אַ וואַרעמער קאָמפּאַניע.

איך האָב זיך דאָרט באַקאַנט מיט לאַמעד שאַפּיראָ, וועמעס פרוי האָט געהאַלטן אַ „פּראָגרעסיוון” רעסטאָראַן אין שיקאַגאָ. ער האָט מיך געוווּ־נען מיט זיין פּשוטן האַלטן זיך, מיט זיין חכמה, מיט זיין אויפריכטיקייט און מיט פאַרשטיין מענטשן. אויסער דעם האָב איך שטאַרק ליב געהאַט זיינע מעשהלעך.

איך באַקום אַ בריוו פון ד״ר זשיטלאָווסקי קאָמיטעט — איך זאָל אַראַנזשירן אַ סעריע לעקציעס מיט זשיטלאָווסקין אין שיקאַגאָ. מיר אַר־

בעטן אויס דעם פּלאַן פון אַראַנזשירונג און באַשליסן, אַז די לעקציעס זאָלן פּאַרקומען אין דאַל האַוז, ווו מען קען קריגן אַ גרויסן זאַל פאַר לעקציעס פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער אין גאַנצן פריי. איך גיי אַריבער אַהין בעטן אַזאַ זאַל. מען ווייזט מיר אויף אַ שיינער עלטערער פרוי מיט וועמען איך דאַרף רעדן וועגן דעם און מען רופט מיר אָן איר נאָמען מרס. עדעמס. איך קום צו, שטעל זיך פאָר און דערקלער איר צוליב וואָס איך בין אַהער געקומען. ווי זי האָט דערהערט דעם נאָמען ד"ר זשיטלאָווסקי, האָט זי מיר געזאָגט צו מיין גרעסטער פאַרוואונדערונג, אַז זי ווייסט זייער גוט פון אים און צו מיין נאָך גרעסערער פאַרוואונדערונג האָט זי געוווּסט גוט וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וועגן די רוסישע סאָצ. דע־מאָקראַטן, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן מיט וואָס זיי אונטערשיידן זיך איינע פון די אַנדערע און וואָס פאַראַ ראָל ד"ר זשיטלאָווסקי האָט געשפּילט אין דער פּאַרטיי סאָציאַל. רעוואָל.

איך האָב זיך גוט אין איר איינגעקוקט און זי האָט אויף מיר אַן אויסער־געוויינלעך גוטן איינדרוק געמאַכט. זי האָט אויסגעזען פון אַ יאָר 60, דער קאָפּ אַרומגענומען מיט גרוי־ווייסע צעפּ, דער פּנים אַ פולער, אָבער אַזאַ גוטער, אַזאַ אָפנער; ער דריקט אויס אַזוי פיל ליבשאַפט, גוטמוטיקייט. זעלטן אַז מענטשן פון ערשטן קוק זאָלן אויף מיר מאַכן אַזאַ גוטן און טיפן איינדרוק, אַז אַט שטייט זי, נאָך 40 יאָר, וואָס איך האָב איר נישט געזען, אַ לעבעדיקע, ווי איך וואָלט איר ערשט געזען.

דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי איז איינע פון די אָנגעזעענסטע, אינטערעסאַנטסטע פרויען אין אַמעריקע. איך האָב איר דערציילט פון זשיטלאָווסקיס אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק, פאַרן יידישן אַרבעטער, וועגן זיין נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישער טעטיקייט, וועגן די יידישע אַרבעטער פּאַרטייען סאָציאַליסטן און פּועלי ציוניסטן.

זי האָט זיך העכסט סימפּאַטיש באַצויגן צו אונדזער יידיש־סאָציאַ־ליסטישן קאַמף פאַר אונדזער לאַנד און פרייהייט.

צום סוף פון אונדזער העכסט אינטערעסאַנטן געשפּרעך האָט זי מיך געבעטן איך זאָל איר באַקאַנען מיט זשיטלאָווסקין, ווען ער וועט זיין אין שיקאַגאָ. איך האָב דאָס איר צוגעזאָגט און איר מיט אים באַקאַנט נאָך איי־נער פון זיינע לעקציעס.

גייענדיק אַהים האָב איך געטראַכט, ווי פאַר קריסטן איז דער גע־דאַנק פון ווידעראויפלעבונג פון אונדזער יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אויף אַן אייגענער טעריטאָריע אַזוי פּשוט און פאַרשטענדלעך און זיי ווייזן אַרויס אַזוי פיל סימפּאַטיע צו דעם געדאַנק און ביי אונדז אויף דער יידי־

שער גאָס דאַרפֿן מיר אַזוי ביטער און אָנגעשטרענגט אַרבעטן פֿאַר דער אָנערקענונג פֿון די אידייען פֿון יידישער פֿרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט, טעריטאָריעלער לייזונג פֿון דער יידישער פֿראַגע...

זשיטלאָווסקיס לעקציעס האָבן געמאַכט אַ רושם אין שיקאַגאָ און אַ סך, גאָר אַ סך האָבן זיך ערנסט פֿאַרטראַכט איבער די אויפֿגעהויבענע פֿון אים יידישע פֿראַגעס.

אין אַלגעמיין איז מיר שיקאַגאָ שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. אין דער געשיכטע פֿון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג, פֿאַרנעמט שיקאַגאָ אַ גרויסן פּלאַץ. דאָ איז געווען אין 1894 דער גרעסטער סטרייק — דער באַן סטרייק, אין וועלכן עס האָט זיך דאַן אַרויסגערוקט דער באַליבטער אַרבעטער פֿירער דעבס; דאָ איז אָנגעפֿירט געוואָרן דער ערשטער סטרייק פֿאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, פֿאַר וועלכן די שיקאַגער גערעכ־טיקייט האָט פֿאַרמשפּט זיבן אַנאַרכיסטן צום טויט און איבער פֿיר פֿון זיי איז טאַקע דער אורטייל דורכגעפֿירט געוואָרן, און מיר דוכט זיך, אַז דער געדאַנק פֿון אינטערנאַציאָנאַלן יום טוב אין טאָג פֿון 1טן מאַי איז געבוירן געוואָרן אין שיקאַגאָ.

קאַפּיטל 39

מיין אַרבעט אין שיקאַגאָ

ווי געזאָגט, האָב איך גלייך אויף מאָרגן, נאָך מיין קומען אין שי־קאַגאָ געקראָגן אַרבעט. איך האָב אין דער פרי, אַרויסגייענדיק פון מיין הבר זילבערשטיינס הויז געקויפט די שיקאַגער יידישע צייטונג „קוריער", איבערגעלייענט איר פון אָנהויב ביזן סוף אויס נייגעריקייט, וואָס פאַר אַ פנים האָט די שיקאַגער צייטונג. אויך האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיט די אַנאָנסן. האָב איך גראָדע באַמערקט אַ קליינעם אַנאָנס, אַז אין קראַוואַטן־פאַבריק זוכט אַ צושניידער. איך בין גלייך אַוועק אַהין. דער באָס האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט, און נישט אומזיסט; לעצטע וואָך האָט אים דער צושניידער פאַרלאָזן, עס זיינען אָנגעקומען אַ סך באַשטע־לונגען און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל די קראַוואַטן און שניפּסן צושניידן, און אַז מען שניידט נישט צו, האָבן נישט די מיידלעך, וואָס אַרבעטן פאַר אים, אויך נישט קיין אַרבעט. ער האָט אַ גאַנצע וואָך אַנאָנסירט און קיינער איז נישט געקומען. ער פרעגט מיך וויפל איך וויל פאַר דער אַרבעט, גיב איך אים אָן, אַז מיין פּרייז איז 15 דאָלאַר אַ וואָך. ער האָט זיך אָנגעהויבן דינגען, אָנבאָטנדיק מיר צען דאָלאַר. איך האָב באַשלאָסן ביי זיך, אַז ווינציקער פון 15 וועל איך נישט נעמען און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט מיר געהייסן אויסטאָן דעם רעקל, דאָס הייסט, ער וועט מיר געבן 15 דאָלאַר אַ וואָך. ער האָט אַרויסגענומען די אָרדערס, מיר דערלאַנגט די אַלע קאַרטאָנענע פיגורן, נאָך וועלכע מען שניידט אויס די זיידנס פאַר די קראַוואַטן, אויך די פיגורן פאַרן אונטערשלאַק. און איך האָב זיך אַ נעם געטאָן. אויסגעשפּרייט די זיידנס אין סטאָלקעס און מיט אַ ספּעציעלן מעסערל גענומען אויסשניידן די זיידנס פאַר די קראַוואַטן, און פונקט אַזוי פיל, וויפל די באַשטעלונג פאָדערט. דער באַלעבאָס שטייט פון דער וויטנס און נעמט קיין אויג נישט אַראָפּ פון מיין אַרבעט. ס'איז זייער אומבאַקוועם צו אַרבעטן, ווען איינער און נאָך אַ באַלעבאָס דערצו היט דיין יעדע באַוועגונג. דאָס איז אַ סאָרט עקזאַמען. אַז איך האָב אין אַ שעה שפּעטער דערזען אויף זיין אָנגעשטרענגטן פּנים אַ שמייכל, האָב

איך שוין פאַרשטאַנען, אַז דעם עקזאַמען האָב איך אויסגעהאַלטן, און איך וועל שוין דאָ אַרבעטן. דעם ערשטן טאָג און דעם צווייטן טאָג האָב איך געאַרבעט די דאָן געוויינלעכע צייט פון אַכט ביז זעקס, מיט אַ שעה פאַר מיטאָג — פון צוועלף ביז איינס. אויפן דריטן טאָג האָט ער מיך געבעטן אַרבעטן מיט אַ שעה מער — ער מוז מאָרגן פאַרטיק מאַכן די קראַוואַטן. איך האָב אים צוליב געטאָן און געאַרבעט מיט אַ שעה מער. אויף מאָרגן האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט איך זאָל אַרבעטן מיט צוויי שעה מער. און עס איז דורך די וואָך און איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ צען איבעריקע שעה און אָפּגענומען אַ געהאַלט פון אַרום 20 דאָלאַר. אַזאַ סומע האָב איך נאָך קיינמאָל נישט באַקומען פאַר אַ וואָך אַרבעט. נאָר די וואָך האָט מיך שרעקלעך אויסגעמאַטערט. עס פלעגן אָפּט זיין אָוונטן, וואָס קומענדיק פון שאַפּ האָב איך געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג: אָוועקלייגן זיך אויפן בעט און רוען. און ווי נאָר איך פלעג זיך אַוועקלייגן פלעג איך מאָמענטאַל איינשלאָפן, אפילו נישט האָבנדיק קיין כוח צו גיין אין דעם נאָענטסטן רעסטאָראַן עסן אָוונט ברויט. די צווייטע וואָך האָב איך ווידער אָריינגעאַרבעט נאָך מער איבעריקע צייט און מיין באַלוינונג איז שוין געווען איבער 20 דאָלאַר. פאַר יענער צייט, ווען אַרבעטער האָבן געקראָגן 7־8 דאָלאַר אַ וואָך, איז דאָס געווען גאָר אַ גרויסער פאַרדינסט. „אריינאַרבעטן״ האָב איך אַלע מאָל פיינט געהאַט, נאָך געלט האָב איך זיך קיינמאָל נישט געיאָגט. אויסגעמאַטערט נאָך די צוויי וואָכן אַרבעט בין איך געווען אַזוי, אַז איך האָב פשוט קיין כוחות נישט געהאַט די פיס צו שלעפּן. און איך האָב אָנגעהויבן צו באַקלאָגן זיך פאַרן באַלעבאָס, אַז איך קען נישט אַזוי שקלאַפיש אַרבעטן. אַז איך קען אפילו קיין צייטונגען נישט לייענען, אַז איך גיי אַרום ווי אַ צעטומלטער, אַז איך קען דאָס נישט אויסהאַלטן. און איך ראַט אים, ער זאָל נעמען נאָך אַן אַרבעטער. ער זאָגט מיר דאָס צו. איך אַרבעט ווידער אַזוי אָנגעשטרענגט נאָך אַ צוויי וואָכן און פּראָטעסטיר שטאַרק פאַר די איבעריקע צייט, וואָס איך אַרבעט. איך בין אים מוחל די פאַרדינסטן, אָבער איך וויל האָבן די אָוונטן פאַר זיך. אָפּגעאַרבעט נאָך אַ וואָך און איך שטעל אים אַן אולטימאַטום, אָדער איך אַרבעט נישט קיין איבעריקע צייט, אָדער איך גיי אַוועק פון דער אַרבעט. איך קען מער נישט אַזוי אַרבעטן. יעדן טאָג קריג איך זיך מיטן באַלעבאָס, יעדן טאָג האָבן מיר סקאַנדאַלן און ער, ווי נישט אים מיינט מען. און מיין פאַרמאַטערטקייט האָט זיך שוין אויסגעדריקט אין דעם, אַז אפילו אין דער פרי, גייענדיק צו דער אַרבעט האָבן מיר די פיס ווי געטאָן, איך האָב געפילט אַ ווייטאָק אין גאַנצן קערפּער, אַ ציעניש, אַ שטעכעניש, אַ נאָגעניש. כ׳בין געוואָרן

זייער אַפּאַטיש צו אַלץ און צו אַלעמען און אַז עס פלעגט קומען מיין רו־טאָג זונטיק, בין איך אַ גאַנצן טאָג געלעגן אין בעט און עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט גיין אין גאַס, גיין צו חברים פאַרברענגען, גיין אין אַ טעאַטער, אָדער צו פאַרווײַלן זיך. אַ זיבן וואָכן האָב איך אַזוי געאַרבעט, און אויף דער אַכטער וואָך, נאָכדעם ווי איך האָב געקראָגן מיין באַצאָלט, בין איך צו דער אַרבעט נישט געקומען. ער האָט מיר געשריבן בריוו איך זאָל קומען צו דער אַרבעט און איך האָב אפילו נישט געפונען פאַר נויטיק אים ענטפערן. ער איז אַליין געקומען מיך בעטן אַרבעטן ביי אים און איך האָב אפילו נישט געוואָלט רעדן מיט אים. און מער האָב איך אים נישט געזען.

גאַנצע פיר וואָכן האָב איך גערוט. אָפּגעגעבן זיך מיט דער פּאַרטיי. אַ ביסל געשריבן, אויפגענומען געסט, אַליין באַזוכט מיינע פריינט און גע־לייענט — אַ סך געלייענט. ווי איך וואָלט וועלן גוט מאַכן די צייט, וואָס איך האָב אין פאַרלויף פון זיבן וואָכן נישט געלייענט. דערווייל קריג איך אַ טעלעגראַמע פון אב. גאָלדבערג, וועלכער האָט זיך דאָן געפונען אין ניו אָרלעאַנס, אַראַנזשירן פאַר אים אַ פּאָר לעקציעס אין שיקאַגאָ, ווו ער וועט זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר טעג אויף זיין צוריקוועגס קיין ניו יאָרק. פאַרשטייט זיך, אַז איך מיט מיינע חברים האָבן דאָס דורכגעפירט. ער האָט געהאַלטן צוויי לעקציעס און מיר האָבן פאַר אים איינגעאָרדנט אַ גלענצנדן באַנקעט.

נאָכן באַנקעט בין איך אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ קריסטלעכער פיר־מע פון קראַוואַטן. ערגעץ אויף מישיגען עוועניו נישט ווייט פון מישיגען לייק. דאָ האָט זיך די סיטואַציע אין גאַנצן געביטן. דער שאַפּ איז געווען אַ גרויסער, זייער אַ געראַמער, מיט מיר האָבן געאַרבעט נאָך פיר צושניי־דער. ווען די אַרבעטער האָבן אין ערשטן טאָג פון מיין אַרבעט באַמערקט, אַז איך אייל זיך, האָבן זיי מיר אויסגערעדט דערפאַר, אָנזאָגנדיק מיר נישט צו איילן זיך, אַרבעטן פּאַוואָליע, „נעמען מיין צייט", זיך נישט אָנשטרענ־גען. און איך האָב זיי מיט פאַרגעניגן געפאָלגט. און אַ טאָג אַרבעטן אין דעם שאַפּ האָט מיך אַבסאָלוט נישט פאַרמאַטערט און איך פלעג קומען אַהיים אַ פריילעכער, האָב מיט פאַרגעניגן געגעסן מיין אָוונט ברויט און נאָך געקענט פאַרברענגען מיט מיינע חברים און פריינט און אויך גיין צו זיצונגען. איך האָב אין דעם שאַפּ אויפגעלעבט און זיך געפילט אין גאַנצן נאָרמאַל און מיין פאַרדינסט אָן איבעריקע שעהן איז געווען די זעלביקע ווי ביי מיין פריערדיקער אַרבעט — 15 דאָלאַר אַ וואָך.

איך בין שוין געווען גוט איינגעאָרדנט אין שיקאַגאָ, געהאַט אַ גוטע

דירה פון פיר צימערן, וועלכע זיינען געווען אויסגעמעבלירט אויפן שענסטן אופן. מיר האָבן געוווינט זאַלבעדריט: ליזע, בראַכמאַן און איך. אויך שוין אָנגעגרייט קוילן אויפן גאַנצן ווינטער.

נאָר מיר האָט זיך פאַרוואָלט זען ניו יאָרק, זען מייע פריינט, באַקאַנטע און חברים, ברידער, שוועסטער, פעטערס, מומעס, און וואָס אַ טאָג ווייטער איז די בענקשאַפט געוואָרן שטאַרקער, ביז איינמאָל אין דער פרי, ביים אָנבייסן צוזאַמען מיט ליזען און בראַכמאַנען, גיב איך פון העלער הויט אַ זאָג:

— וואָס דענקט איר וועגן פאַרלאָזן שיקאַגאָ און פאָרן אין ניו יאָרק?

זיי האָבן מיט מיר איינגעשטימט, אַז דאָס איז אַ גלענצנדע אידייע. און גלייך אויפן אָרט באַשליסן מיר, אַז איך און ליזע וועלן פאָרן אין אַ וואָך אַרום און בראַכמאַן וועט צוקומען שפּעטער. און מיר גרייטן זיך שוין צו דער רייזע.

עס איז געקומען דער לעצטער טאָג פון מיין זיין אין שיקאַגאָ. עס קומט צו מיר אַריין אַ חבר און לאַדט מיך איין גיין אין לאָמעד שאַפּיראָס רעסטאָראַן שפּילן אין שאַך. און פאַר שפּילן אין שאַך האָב איך אַלע מאָל צייט. מיט צופרידנקייט נעם איך אָן די איינלאַדונג און אפילו בראַכמאַן מיט ליזען רעדן מיר צו, איך זאָל גיין, זיי וועלן שוין אַליין איינפּאַקן די זאַכן, איך דאַרף נישט זיין אומרויק, זיי וועלן שוין אַלץ ברענגען אין אָר־דענונג. און איך בין אַוועק, דעם גאַנצן טאָג געשפּילט אין שאַך מיט שאַפּיראָן. דער זייגער ווערט שוין זעקס, זיבן. איך וויל גיין אַהיים, נאָר שאַפּיראָ האַלט מיך אָפּ: „מירן שפּילן נאָך אַ פּאַרטיע". מען גיט מיר עפּעס צובייסן און איך שפּיל ווייטער; וויל ווידער גיין אַהיים און דער עולם האַלט מיך אָפּ. אַ זייגער ניין אין אָוונט קומט צוגיין נאָך אַ חבר און מאַכט אַ פאָרשלאַג: „לאָמיר גיין צו מישקאָווסקין". דער עולם נעמט אויף דעם פאָרשלאַג מיט צופרידנקייט. מיר גייען צו מיר. איך קום אַריין אין שטוב — ערשט עס איז שטאָק פינצטער. מען הערט נישט קיין פאַרע. מיט אַמאָל דערהער איך אַ הילכיקן הוראַ און עס איז ליכטיק געוואָרן. איך האָב דערזען געגרייטע טישן מיט כל טוב, אַ דרייסיק מענטשן אַרום די טישן. פון דעם הוראַ און פינצטער ליכטיק, האָב איך אַ לאַנגע צייט צו זיך נישט געקענט קומען. דערנאָך, אַז איך האָב זיך דערוווּסט פון אַלע איינצלהייטן בין איך גערירט געוואָרן ביז טרערן. ביז אַ זייגער פיר אין דער פרי האָט געדויערט די „סורפּריז פּאַרטי". זיך געזעגנט מיט זיי אַלעמען.

און אויף מאָרגן אין דער פרי האָב איך מיט ליזען און בראַכמאַנען פאַרלאָזן שיקאַגאָ אויפן וועג קיין ניו יאָרק.

קאַפּיטל 40

דער קריזיס־יאָר

געקומען אין ניו יאָרק מיט ליזען, האָבן מיר אויף דער ערשטער צייט גענומען אַ צימער, דערנאָך האָבן מיר זיך אַריבערגעקליבן אין אַ דירה צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער שפרה, בערטע און סאָניע, ערגעץ דאַון טאַון, אַרום דער פערטער גאַס. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַרבעט און פאַר קיין פאַל נישט געקראָגן. די פּאָר דאָלאַר, וואָס איך האָב געבראַכט פון שיקאַגאָ, זיינען גיך אַוועק און איך בין געבליבן אויף געהאַקטע צרות. דאָס איז געווען אין דעם יאָר פון דעם גרויסן קריזיס. באַנקן האָבן געקראַכט, קראָמען האָבן זיך צוגעמאַכט, דער עקאָנאָמישער לעבן איז איינגעשרומפּן געוואָרן. אַפילו די, וואָס האָבן פון פריער אָפּגעשפּאָרט געלט אין די באַנקן האָבן זייער גאַנץ אָפּשפּאָרעכץ פאַרלאָרן, אָדער די באַנקן האָבן זיך צוגעמאַכט, אָדער זיי האָבן אויפגעהערט אַרויסגעבן געלט. די אַרמיי פון אַרבעטסלאָזע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן און פאַרגרעסערן. יעדן טאָג זיינען צוגעקומען נייע קאַדרען פון אַרבעטסלאָזע. דער קרעדיט האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט און די קליינע געשעפטן האָבן זיך אָנגעהויבן איינער נאָך דעם אַנדערן פאַרמאַכן. ס'איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכער הונגער, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט די עקאָנאָמיש שוואַכערע עלעמענטן, ספּעציעל שרעקלעך האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף די אימיגראַנטישע מאַסן. דער קריזיס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

אַ פיר חדשים האָב איך געוווינט מיט מיינע שוועסטער. קיין אַרבעט האָב איך פאַרשטייט זיך נישט געקראָגן. מיר זיינען אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער גרעסטער נויט. ווייל מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן אונדזער דירה געלט האָט מען אונדז פון דער דירה אַרויסגעזעצט. און עס איז געקומען צו דעם, אַז איך האָב אַנטליען ביי מיין פעטער, ד"ר שלמה מישקין, 30 דאָלאַר און געדונגען פאַר מיר מיט ליזען אַ נייע וווינונג אויף סאָפאָלק גאַס אין הויז פון מיינעם אַ באַקאַנטן רייכן אַנאַרכיסט באַראָן. מיין דירה איז געווען אַן אַלט־מאָדישע דרייצימערדיקע אָן

קיין שום באַקוועמלעכקייטן, כמעט אַזאַ, ווי ביי אונדז אין די קליינע שטעט־לעך. זומער איז דאָרט געווען צו הייס און ווינטער צו קאַלט. איך האָב גע־קויפט אַ ביסל אַלטע מעבל און דאָרט געמאַכט מיין היים. בין איך ווידער געבליבן אָן אַ סענט. און איצט ערשט האָט זיך אָנגעהויבן דער ריכטיקער הונגער. עס איז נאָך געווען גוט, וואָס פון צייט צו צייט פלעגן קומען חברים און פריינט מיט אַ פּאָר סענט און זיי פלעגן אַראָפּלויפן קויפן עפּעס עסן. אויסער מיר מיט ליזען האָבן אין דער דירה געהונגערט אַ סך אַנדערע. מיין ייִנגערער ברודער בעני, מיין לאַנדסמאַן באָריס סווערזשענסקי, זיין חבר חיים. ס'איז געווען זומערצייט און זיי זיינען געשלאָפן אויפן דאַך, אָבער עסן, טרינקען פלעגן זיי ביי מיר. מיר האָבן געלעבט קאָמוּ־ניסטיש. אויב עס איז געווען ביי אימיצן פון אונדז אַ פּאָר סענט, וועלכע יענער האָט ערגעץ אָנטליען מיט אַ נאַכט פריער, האָבן מיר געהאַט וואָס צו עסן, נאָר מערסטנס האָט קיינער נישט געהאַט קיין געלט און מיר האָבן אַלע צוזאַמען געהונגערט. און דאָ איז שוין אַ חודש, צוויי חדשים, ווי איך האָב נישט געצאָלט קיין דירה־געלט — אין גאַנצן אַכט דאָלאַר אַ חודש. און מיין באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן צושטיין איך זאָל אים באַצאָלן. האָב איך אָנגעשריבן דאַן מיין חבר פון וואַרשע איזאַקסאָנען, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין אָדעס, און האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ גרויסן זייגער געשעפט, אַ בריוו, אים אויסגעשריבן פון מיינע צרות און געבעטן זיין הילף. אין פינף וואָכן אַרום האָב איך געקראָגן פון אים אַ געלט אָנווייזונג אויף 50 דאָלאַר. איר קענט זיך פאָרשטעלן מיין גרויס פרייד! דאָס איז געווען פאַר מיר פּשוט, ווי ער וואָלט מיך פון הונגער־טויט געראַטעוועט; אָבער איך האָב זיך דאַן שטאַרק באַנאַרישט. איך האָב נישט געוווסט ווי מען נעמט אַרויס דאָס געלט. האָב איך געבעטן מיין באַלעבאָס פון הויז, דעם גרויסן אַנאַרכיסט באַראָן, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז באַ־קונין, קראָפּאָטקין, ראַקער, זיינען געווען זיינע בעסטע פריינט און אַז נאָך ביז היינט צו טאָג אַרבעט ער פאַר דער מענטשהייט, אַז ער זאָל מיר דעם דרעפט צובייטן, נעמען די 16 דאָלאַר, וואָס אים קומט און מיר ברענגען די רעשט, ד. ה. די איבעריקע 34 דאָלאַר. האָט ער ביי מיר צוגענומען דעם דרעפט, וואָס איז פון מיר אונטערגעשריבן געוואָרן און איז צו מיר מער נישט געקומען, און איך בין פאַרבליבן ווידער אָן געלט, אין אַ פאַרצווייפל־טער לאַגע. דער קריזיס האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשפּרייטן און פאַרשטאַרקן זיך, מענטשן זיינען פון הונגער ווילד געוואָרן. מען פלעגט אָנפאַלן אויף שפּייז קראָמען און זיי צוראַבירן, מען פלעגט אָנפאַלן אויף בעקערייען און צונעמען דאָס גאַנצע געבעקס. מענטשן זיינען געפאַלן אין

די גאַנצן פון הונגער. אמת, די שטאָט האָט אויפגעעפנט שפּייז־פּונקטן, ווו מען פלעגט קענען קריגן ברויט מיט טיי, אָדער זופּ, אָבער די מערסטע יידן האָבן נישט געוואָלט זיך באַנוצן מיט זיי און האָבן בעסער געהונגערט.

דערווייל איז איינעם פון די שלאָפער אויף מיין דאַך, אַן אינטערעסאַנט יינגל, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט פּשיבישעווסקען און ניטשען, דער־עסן געוואָרן אין גאַנצן דער קריזיס און ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן מיט איינעמען גאַז. פאַרשטייט זיך, אַז יענעם טאָג בין איך געווען אין גאַנצן אויסער זיך. איך בין אָפּגעזעסן לעבן טויטן אַ שיינע פּאָר שעה אין אַ שוידערלעכער שטימונג. מיט אַמאָל קומט אַריין זיינער אַ חבר סעם גאָלדמאַן, גייט צו צום טויטן, באַטראַכט אים, זיצט אַ ווייל שטיל און גיט זיך אַ שטעל אויף, גייט צו צום גאַז־מעטער, פּאָרקעט זיך דאָרטן אַ פערטל שעה און שלעפּט אַרויס פון דאָרטן דריי קוואָדערס — 75 סענט, און פאַרלאָזט די הויז...

ס׳איז נישט ערגער ווי גנבענען ברויט, טראַכט איך...

צום סוף איז מיר די דירה מיטן באַלעבאָס, דעם קעמפער פאַר מענטש־לעכן גליק, דערעסן געוואָרן. איך האָב געקענט דאָרט שטיין אַ סך לענגער, ווייל מיר איז נאָך געקומען פון אים מער פון 20 דאָלאַר און איך האָב פאַרלאָזן נישט נאָר סאָפאָלק סטריט, נאָר אויך ניו יאָרק און זיך אַריבערגעצויגן אין בראַנזוויל, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דאַן פאַרבויען און דאָרטן האָב איך פאַר גאַנצע פיר נייע און באַקוועמע צימערן געדאַרפט צאָלן דעם זעל־ביקן פּרייז, ווי פאַר די פריערדיקע דריי אָפּגעלאָזענע צימערן. אַהין האָבן זיך אַריינגעצויגן מיינע צוויי יינגערע שוועסטער בערטע און סאָניע און דאָס איז שוין געווען אַ שטיקל הילף פאַר מיר. זיי האָבן פּאָרט געאַרבעט.

דער קריזיס האָט אָנגעהאַלטן. קיין אויסוועג פאַר זיך האָב איך נישט געזען. איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי איך האָב דורכגעלעבט די שוידער־לעכע צייט. נאָך ערגער איז געוואָרן, ווען מיין ליזע האָט דאַן געבוירן אַ קינד, אַ מיידעלע, וועלכע מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן צפורה. אמת איז, אַז מיינע פריינט, חברים און קרובים האָבן אונדז נישט פאַרלאָזן, אונדז געשטיצט ווי ווייט מעגלעך, אָבער אַזאַ לעבן דערנידעריקט דעם מענטשנס ווערט. און איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ניו יאָרק און אַוועקפאָרן ערגעץ ווייט... און איך האָב זיך געווענדעט צו מיין פריינט פון סענט לואיס, פּיטער קאָהן, וועלכער האָט זיך שוין דאַן געפונען אין לאָס אַנדזשעלעס, ווו ער איז שוין געווען אַ פּאָר יאָר און האָט זיך שוין אַרויפגעאַרבעט אויף אַ גרויסן געוועלב פון גרינס און פרוכט. איך האָב אים געשריבן פון מיין לאַגע און אים אָנגעפרעגט אפשר איז אַ פּלאַן, איך זאָל קומען אין קאַ־

ליפּאָרניע, אויב ס'איז נאָר מעגלעך דאָרט אַ לעבן צו מאַכן. אין גיכן האָב איך געקראָגן פון אים אַן ענטפער, אַז איך וועל געוויס דאָרט קריגן אַרבעט און איך זאָל גלייך אַהין קומען. און איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן אין ווייטן וועג אַריין צוזאַמען מיט ליזען און מיין קינד, און מיט דער הילף פון „רעמואוול אָפיס" (געזעלשאַפט פון טראַנספערירן יידן פון די גרויסע שטעט איבער דער פּראָווינץ), האָבן איך זיך אַוועקגעלאָזן אין מיין ווייטע רייזע פון ניו יאָרק קיין לאָס אַנדזשעלעס, צוזאַמען מיט ליזען און ציפּעלען.

קאַפּיטל 41

מיין רייזע פון ברעג צום ברעג

דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ רייזע! גאָר אַ קלייניקייט — פון ניו יאָרק ביז לאָס אַנדזשעלעס, פון אַטלאַנטיק ביז דעם פּאַסיפיק, דורכשניידן גאַנץ אַמעריקע פון מזרח ביזן לעצטן ענד פון מערב, אַ רייזע וואָס האָט דעמאָלסט געדויערט פולע פינף טעג און פינף נעכט. און געפאָרן בין איך דערצו אָן קיין שום באַקוועמלעכקייטן, פּשוט געמוזט אָפּזיצן די גאַנצע צייט אויף איין פּלאַץ. די ערשטע דריי נעכט האָב איך נישט געקענט שלאָפן אויף מיין פּלאַץ — איך קען נישט שלאָפן זיצנדיק. די פערטע נאַכט בין איך אַנידערגעפאַלן, אָבער געשלאָפן אומרויִק, יעדע רגע אויפכאַפּנדיק זיך, די לעצטע נאַכט האָב איך שוין געשלאָפן ווי אַ דערהרגעטער.

פאַר יענער צייט, מיט אַ 37 יאָר צוריק, איז דאָס געווען זייער אַ געוואַגטע רייזע. אין אַלגעמיין האָבן נאָר די ניו יאָרקער יידן געוווסט פון פילאַדעלפיע, באָסטאָן, קליוולענד, באַלטימאָר. פאָרן אין שיקאַגאָ איז דאָן געווען אַ געוואַגטע רייזע. אָבער פון פאָרן אין קאַליפאָרניע האָט קיינער נישט געטראַכט און גאָר אין זעלטענע פאַלן האָט דאָן אימיצער אַזאַ רייזע אונטערגענומען. קאַליפאָרניע איז געווען עפּעס אַ לעגענדאַרע לאַנד.

היינט צו טאָג פאָרן שוין אַ סך אין קאַליפאָרניע. ווער מיטן באַן, ווער מיטן וואַסער, ווער מיט באַסעס און אַנדערע מיט אייגענע אויטאָמאָבילן. דאַן ווען איך בין געפאָרן האָט עס געהייסן פאָרן ערגעץ אונטער דרערד, אין דער צעגעטער אַמעריקע, פאָרן „אין ווילדן וועסט", ווו עס ווערן אָפּגעטאָן אַזוי פיל ווילדע מעשים... איך קען נישט זאָגן, אַז איך האָב זיך געלאָזט אין דער רייזע צוליב קאַהנס בריוו, איך האָב זיך פּשוט נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג פאַרוואָס איך פאָר אין קאַליפאָרניע. מיך האָט געטריבן אַהין מיין וואַנדערלוסט, מיר איז געווען העכסט טשיקאַווע צו זען קאַליפאָרניע, איך האָב דאָך אַזויפיל געהערט און געלייענט וועגן איר, דאָס לאַנד פון זון און בלומען, דאָס לאַנד, וועלכע דזשעק לאַנדאָן, קנוט האַמסון האָבן אַזוי שיין און מיט אַזויפיל ליבע באשריבן און איך האָב געוואָלט זיין דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן אין אַ לאַנד מיט אַ טראָפּישן קלימאַט...

איז טאַקע די רײזע פֿאַר מיר געװען װוּנדערלעך און העכסט באַלערנד. דורכגעקרײצט אַזױ פֿיל סטאַנציעס, שטעטלעך, שטעט, שטאַטן, טײכן, בערג, סטעפּעס־פּרײריס. מיט מײנע אױגן געזען אַמעריקע אין איר גאַנצער ברײט, געזען איר פֿאַרשידנאַרטיקע באַפֿעלקערונג, אירע נאַטירלעכע רײכטימער, אירע גרױסע מעגלעכקײטן. געזען װי אַמעריקאַנער גוצן אױס די אַלע רײכטימער. װיפֿל קױ־מענס פֿון פֿאַבריקן האָב איך זיך אָנגעזען אין די פֿאַרשידענע שטעט, שטעטלעך און אַפֿילו דערפֿער. איך האָב געזען װי מענטשלעך די אַמעריקאַנער לעבן, עסן, קלײדן זיך. איך האָב געזען די אױסערגעװײנלעך ברײטע פֿעלדער מיט די פֿאַרשידנסטע גרינסן און שפּײז פּראָדוקטן. איך האָב געזען די װעלדער, איבער װעלכע דו פֿאָרסט גאַנצע טעג.

מיר, אין ניו יאָרק, קענען דאָך אַ גאַנץ לעבן אָפּלעבן אין ניו יאָרק און נישט װיסן װאָס אַמעריקע איז, מיר מײנען אַז מאַנהעטן, האַרלעם און בראָנקס זײנען אַמעריקע... מיט מיר פֿאָרן אַ סך יענקיס, אפשר אַ גרױסער טײל פֿון זײ קינדער פֿון אימיגראַנטן, נאָר הי געבאָרענע. איך בין מיט זײ געזעסן טעג און נעכט און מיט אַנדערע האָב איך דורכגעמאַכט די גאַנצע רײזע, אָדער פֿון שיקאַגאָ ביז קאַליפֿאָרניע. דאָס זײנען שױן נישט געװען קײן אימיגראַנטן, װאָס פֿאָרן פֿון אײראָפּע קײן אַמעריקע, אַרױסגעשטופּטע פֿון לעבן, דערנידעריקטע, און באַלײדיקטע. נײן, דאָס זײנען געװען זין און טעכטער פֿונעם אַמעריקאַנעם פֿאָלק, זײ האָבן געהאַט דעם באַװוּסטזײן, אַז פֿאַר זײער געלט דאַרף דער באַן זײ באַדינען. װי מענטשלעך און װירדיק זײ האָבן זיך געהאַלטן. זײ זײנען געפֿאָרן איבער זײער לאַנד, זײ פֿילן זיך דאָ װי באַלעבאַטים, קײנער קען זײ נישט זאָגן קײן דעה. װי רויק זײ זיצן און לײענען זײערע צײטונגען. װי שטיל און אײנגענעם זײ פֿאַרברענגען מיט זײערע שכנים. מיט װאָס פֿאַראַ היימישקײט זײ גײען אַרײן אין װאַגאָן רעסטאָראַן, עסן װאָס זײ װילן און באַצאָלן װיפֿל מען זאָגט זײ. און די געשפּרעכן אַזעלכע רויקע און פֿרײנטלעכע. מען באַמערקט נישט אױף זײ קײן נערװעזיטעט. איך בין זײ מקנא: קינדער פֿון אַ געזונט, נאָרמאַל פֿאָלק.

אין שיקאַגאָ האָב איך געדאַרפֿט בײטן דעם באַן. איך האָב קײנעם אין שיקאַגאָ נישט געלאָזט װיסן, אַז איך װעל פֿאָרן אין קאַליפֿאָרניע, אַז אױפֿן װעג װעל איך זיך אָפּשטעלן אױף אַ פּאָר שעה אין שיקאַגאָ און דעריבער האָב איך אױף קײנעם נישט געװאַרט און קײנער איז טאַקע נישט געקומען. איך האָב בלױז געמאַכט אַ קלײנעם שפּאַציר איבער די ייִדישע געגנטן, אַרײן בין איך בלױז אין אַ ייִדישן בוך געשעפֿט און געקױפֿט אײניקע ייִדישע צײטונגען און זשורנאַלן, געבעטן דעם אײגנטימער ער זאָל גריסן פֿון מײנט װעגן מײנע חברים און פֿרײנט.

און מיר שטייט פאַר אַזאַ לאַנגע רייזע — קעגן וועלכער מיינע ביז איצטיקע רייזעס האָבן מיטן באַן קיין באַדייטונג נישט. פון שיקאַגאָ דאַרף איך פאָרן אין מיזורי, פון דאָרטן אין קענזעס, דערנאָך דאַרף איך דורכשניידן אַ שטיק קאָלאָראַדאָ, דורכפאָרן די ריזיקע טעקסעס, וווהין עס איז דאַן געגאַנגען אַ שטראָם פון יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד און פוילן מיטן געדאַנק צו גרינדן דאָרט אַ יידישן טעריטאָריע׳לן צענטער, וואָס האָט מיך צו יענער צייט העכסט פאַראינטערעסירט, דערנאָך דאַרף איך דורכפאָרן יוטאַ, האָריזאָנאַ און פון דאָרטן פאָר איך איבער קאַליפאָרניע ביזן לעצטן פונקט — לאָס אַנדזשעלעס.

און יעדער שטאָט זעט אויס אין גאַנצן אַנדערש, אַפילו געאָגראַפיש אַנדערש, יעדער שטאָט האָט זיינע נאַטירלעכע שיינקייטן, אַנדערע בערג און טאָלן, אַנדערע פעלדער, וועלדער. וואָס ווייטער מיר פאָרן באַמערקן מיר, אַז דער קלימאַט בייט זיך; עס ווערט וואַרעמער און וואַרעמער. איך בין אַרויסגעפאָרן פון ניויאָרק ווינטער־צייט און צופאָרנדיק און קרייצנדיק האָריזאָנאַ האָט אויף אונדז געבלאָזן אַ וואַרעמער ווינט און די באַפעלקערונג איז געגאַנגען זומערדיק אָנגעטאָן. פאָרנדיק איבער די סטעפּעס פון טעקסאַס, און אַ שטיק וועג איבער קאַליפאָרניע האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, ווי די פאַרמערס, יונגע בחורים און מיידלעך און פאַסטוכער כאַפּן ווילדע פערד. און דאָס קען מען אָפט זען פון די פענצטער פון אונדזערע וואַגאָנען. מען קען זען די מאַסן ווילדע פערד זיינען צעשפּרייט איבער די סטעפּעס, עסן דעם הויכן גראָז, שטיפן, שלאָגן זיך, יאָגן זיך איינע נאָך די אַנדערע, אין מיטן דערינען קען מען זען דעם געוואַגטן כאַפּער, לויפנדיק שנעל אויף זיין דרעסירטן פערד, לויפט אָן אויף אַ גאַנצע סטאַדע פרייע פערד, וועלכע דערזעענדיק, אָדער דערפילנדיק זייער בלוטיקן שונא — דעם מענטש, צעלויפן זיי זיך אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען. מען קען זען, ווי דער כאַפּער יאָגט זיך גאָר שנעל נאָך איינעם פון די אַנטלויפנדע פערד און דעריאָגנדיק זיין קרבן, פאַרוואַרפט ער אַ שטריק איבער זיין קאָפּ. די שטריק בינדט שוין צו דעם פערד צו זיין יעגער און פאַרטיק, דער ווילדער פערד איז שוין געכאַפּט. אין גיכן וועט מען אים שוין „איינברעכן״ און אים מאַכן פאַר אַ היימישן פערד.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די אינדיאַנער, די אמתע אַמעריקאַנער, די אמתע באַלעבאַטים פון אונדזער לאַנד, וועלכע האָבן געפירט אַ לאַנגע מלחמה מיט די אַריינדרינגער — די אָנקומענדיקע ווייסע מענטשן, און וועלכע האָבן סוף כל סוף די מלחמה פאַרשפּילט און זייער

רייכסטע לאַנד אין דער וועלט, איז אַריבער צו זייערע בלוטיקע שונאים — די ווייסע.

צום ערשטן האָב איך זיי געטראָפן אין פעניקס, האַריזאָנע. אַרויסגייענ־דיק פון מיין וואַגאָן, האָבנדיק אין זינען אריין צו גיין אין אַ רעסטאָראַן און עפעס איבערכאַפּן, האָב איך זיי באַמערקט אויפן באַן הויף. דאָס איז געווען אַ גרופּע אינדיאַנער פון אַ 20 פּערזאָן, מענער און פרויען. זיי זיינען געזעסן אויף דער ערד, אויף טעפּיכער אונטער זיך. אַרום זיי זיינען געווען אויסגע־שפּרייט זייערע פּראָדוקטן, וואָס זיי אַליין אַרבעטן אויס. פאַרשיידענע שיין געפלאָכטענע קערבלעך, פאַטשערקעס, שניצערייען פון האָלץ, טעפּלעך, שיס־לען אויסגעמאָלן מיט זייערע צאַצקעס. אַלע, אַפילו די קינדער, מיט לאַנגע האָר, אין זייערע נאַציאָנאַלע קליידער מיט די הויכע פעדערן אויפן שטערן איבערן קאָפּ. זייערע אויגן פול מיט געבעט, אונטערטעניקייט און שרעק שפּיג־לען אָפּ זייער געפאַלנקייט, זייער שרעקלעכן גלות ביי זיך אין לאַנד. זייערע אויגן וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איצט איז פון זיי פאַרבליבן זייער ווייניק און זיי זיינען אַלע אויף קעסט ביי אונדזער רעגירונג און וווינען אין ספּעציעל פאַר זיי אויפגעבויטע סעטלמענטס. און מען האַלט זיי ווי אין אַ מוזייאום. מען היט זיי, מען וויל זיי אויפהאַלטן, אַז זיי זאָלן אין גאַנצן נישט אויסשטאַרבן. אָבער די קאַפּיטאַלן און די אַרבעט, וואָס מען טוט פון זייערט־וועגן זיינען אַרויסגעוואָרפענע און קיינע מיטלען וועלן זיי שוין נישט העלפן. זיי קענען נישט לעבן אין דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, צו וועל־כער זיי קענען זיך פאַר קיין פאַל נישט צופּאַסן, און דאָס ביסעלע, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, וועט אויך אויסשטאַרבן. און דאָס האָט אויף מיר אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק געמאַכט. באַלד האָט דער באַן אַ פּייף געטאָן און איך בין אַריינגעלאָפן אין מיין וואַגאָן.

דאָרטן אין פעניקס האַריזאָנע איז שוין געווען אַזוי וואַרעם, אַז מיר האָבן געמוזט בייטן אונדזער קליידונג פון ווינטערדיקע אויף זומערדיקע. אויף די פעלדער האָבן די ווינטלעך געבויגן די הויכע זאַנגען און די גערט־נער זיינען געווען באַדעקט מיט גרינס. די האַריזאָנער, וואָס זיינען געקומען באַגעגענען אונדזער באַן, זיינען געגאַנגען אַפילו אָן מאַנטלען. די פרויען זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייסן, האָבן געבראַכט פרישע בלומען, ערשט אַרויסגעריסן פון די בלומען גערטנער.

יאָ, ווען מיר זיינען דורכגעפאָרן יוטא סטייט, איז אויפן באַן אַרויף אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק און האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ לעבן מיר, דער מאַן האָט מיך פאַרינטערעסירט מיט זיין יידישן אויסזען. אמת איז, ער איז געווען צו הויך און ברייט פאַר אַ יידן. האָט אויסגעזען צו רויק און צו געזונט פאַר אַ

יידן, דאָך באַטראַכטנדיק אים, זיין באָרד, זיינע שטריכן, האָב איך שטאַרק געצווייפלט צי ער איז אַן אמתער יענקי. גיכער פון אַלץ האָב איך גע־טראַכט, איז ער פון יידישער אָפּשטאַמונג. פון שיקאַגאָ אָן האָב איך נישט געהאַט קיין איין יידישן מיטרייזנדן. און איך האָב פאַרפירט מיט מיין מאָדנעם שכן אַ געשפּרעך, ערשט ער איז אַ פולבלוטיקער יענקי פון דעם שטאַט יוטאַ און איז אַ מאָרמאָן.

עפּעס האָב איך געלייענט און געהערט פון דער סעקטע, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף וועגן איר. ער איז געווען אַ פרומער גאָטספאָרכטיקער קריסט. מיט אַ פרומער מינע האָט ער מיר דערציילט, וועגן די דאָגמען פון דער סעקטע, מיט די אַלע וווּנדער און נסים פון איר אַנטשטיי־אונג. ער האָט מיר דערציילט וועגן דער געשיכטע פון די מאָרמאָנס, וועגן זייערע נביאים און הייליקע מענטשן. אַ סך, גאָר אַ סך פון זיינע מעשיות האָבן פאַר מיר געקלונגען עפּעס יידיש, חסידיש, ארץ ישראל, אַזיע... און איך האָב זיך דערפילט צו אים נענטער, ווי צו אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן אין דעם באַן. נאָר ער איז געפאָרן מיט מיר 8 שעה, זיך מיט מיר גאַנץ שיין צעזעגנט און איז אַראָפּ.

אויף דער רייזע בין איך געקומען אין אַ נענטערע באַציאונג מיט דעם אַמעריקאַנער און ער איז מיר זייער געפעלן געוואָרן: איידל, פריינטלעך, זייער אויפמערקזאַם צום אַנדערן, איז שטענדיק גרייט מיט עפּעס אַרויס־העלפן און איך האָב נישט באַמערקט קיין אַנטי־יידישע געפילן.

פאַר די פיר טעג און פיר נעכט פון שיקאַגאָ ביז לאָס אַנזשעלעס האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַלעמען פון מיין וואַגאָן, און מיר האָבן זיך באַפריינ־דעט, מיט אייניקע האָבן מיר אָפּגערעדט צו טרעפן זיך אין לאָס אַנדזשעלעס אָדער סאַן פראַנציסקאָ. און מיר האָבן זיך טאַקע געטראָפן. איינע אַ מיידל מיט אַ הייכער בילדונג האָט זיך פאָרגעשלאָגן צו זיין מיין לערערין אין ענגליש.

און אין איין שיינעם וואַרעמען זונען טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין לאָס אַנדזשעלעס, וווּ עס האָט אונדז מיט אַ קאַרעטע אָפּגעוואַרט גענאָסע סילווער, געשיקט פון מיין פריינד פיטער קאָהן און מיר זיינען צוגעפאָרן צו אים אין געשעפט.

קאַפּיטל 42

די יידישע לאָס אַנדזשעלעס מיט 37 יאָר צוריק

לאָס אַנדזשעלעס האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען. אַ באַזונדער וואַרעמקייט און אַ האַרציק גוטע, ברידערלעכע באַציאונג האָט מיר אַרויסגעוויזן פּיטער קאַהן, ער האָט מיר נאָך אין פּאַרויס באַזאָרגט מיט אַ דירה ביי אהרן שאַפּיראָ, מיין פּאַרטיי חבר נאָך פון ניו יאָרק, וועלכן מיר האָבן מיט איין־יקע יאָר צוריק געהאָלפן איבערפּעקלען זיך פון ניו יאָרק קיין דענווער. ער און זיין פרוי דזשעני האָבן מיר אויפן פריינדלעכסטן אופן אויפגענומען און איך בין ביי זיי געווען ווי אַן אייגענער אין הויז. אויסער דער דירה האָט פּיטער קאַהן אַכטונג געגעבן עס זאָל מיר גאָרנישט פעלן, איך זאָל זיך אין גאָרנישט נויטיקן. ער האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ פערד און וואָגן און מיר געמאַכט פאַר אַ פרוכט פּעדלער. קאַהן אַליין, האָט זיך פאַר די פאַר יאָר, וואָס ער איז שוין געווען אין לאָס אַנדזשעלעס, גאַנץ גוט אַרויפגעאַרבעט, ער האָט געהאָט אַ גרויסן געשעפט פון פרוכט און גרינס און ער פלעגט פאַרקויפן זיין סחורה צו די פּעדלער, וועלכע פלעגן עס צושטעלן אין די שפּייז קראָמען.

דעם ערשטן זונטיק פון מיין זיין אין לאָס אַנדזשעלעס האָט ער מיר אַרויסגענומען מיט אַ פערד און בריטשקע וויזן לאָס אַנדזשעלעס און דעם אומגעגנט. די מיט זון פאַרגאָסענע שטאָט איינגעטונקט אין פּאַלמען, האָט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערזען אַ שטאָט גאָרטן. ווו דו קערסט זיך — אַלייען און אַלייען, גערטנער, סעדער בלומען מיט העלן זון באַלויכטן. די זון וואַרעמט, די זון לאַשטשעט, די זון שפּילט זיך און האָט אַריינגענומען אין איר העלקייט די גאַנצע שטאָט. אַ העלקייט, אַזש עס בלענדט. די ליכטיקע הייזער זיינען ווייט אַריינגערוקט אין די הויפן און צום גאַס אַ ברייטער פּלאַץ באַוואַקסן מיט גראָז און הויכע שיינע ביימער און וואונדערלעכע בלומען.

נישט ווייט פון שטאָט, אַרום אַ שעה רייזע געפינט זיך דער ים, און ביים ים ברעג, אַ סך ים שטעטלעך נישט ווייט איינע פון די אַנדערע, אַהער פאָרן

אַרויס אין די פרייע טעג די לאָס אַנדזשעלעסער. דאָס איז פאַרן עולם דער גרעסטער פאַרגעניגן.

נאָר דאָס איז נישט קיין ניו יאָרקער קוני איילאַנד.

דאָ איז מער צוגעפּאַסט פאַר אָפּרו, ווי פאַר די נאַרישע שפּילערייען אין קוני איילאַנד. אַהין פאָרן אַרויס די לאָס אַנדזשעלעסער משפּחותווייס. און דאָ פאַרברענגען די משפּחות אַ גאַנצן טאָג. מען באָדט זיך, מען רוט אַ סך, מען עסט, משפּחות באַקאַנען זיך איינע מיט די אַנדערע און פאַרברענגען גאַנץ געמיטלעך. פון דאָרטן פאָרן מיר קיין פּאַסאַדענאַ. — אַ שטעטל אַ טרוים. אַלץ אין ביימער, סעדער, פּאַרקן. ווונדערבאַרע פּאַלאַצן אין פאַרשידנסטע סטילן פון אַרכיטעקטור. איר זעט דאָ רייכע טערקישע פּאַלאַצן, איטאַליענישע, פראַנצויזישע, דייטשישע פּאַלאַצן. מיר גייען דורך דעם בוש פּאַרק מיט זיינע ווונדערבאַרע סטאַטוען, סטאַטועטקעס, מערסטנס פון דייטשישען לעבן אין מיטלאַלטער. דאָס גאַנצע שטעטל איז פאַנטאַסטיש — אַ גן עדן אויף דער וועלט. דאָ האָבן אַ סך פון דער וועלט בורזשואַזיע געמאַכט פאַר זיך אַ היים אויף זייערע עלטערע יאָרן.

מיר געדענקט זיך מיין ערשטער וויזיט אין האָליוווד. געקומען בין איך דאַן צו די ברידער אברהם און חיים שאַפּיראָ (מיין חבר אהרן שאַפּיראָס ברידער), זיי האָבן דאָרט געוווינט אין אַביידל. האָליוווד האָט דאַן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסן פּאַמעראַנצן וואַלד, וועלכן מען האָט אָנגעהויבן דאָ און דאָרט אויסהאַקן. האָליוווד איז געווען דאַן כמעט גאָרנישט באַזעצט. עס זיינען נישט געווען קיין גאַסן, ס'זיינען געווען אָנגעוואָרפן דאָ און דאָרט הייזלעך, בודקעס, כאַלופּעס און הייזער, שטאַלן, לעבן די שטאַלן וועגענער. נישט ווייט פון די שאַפּירעס איז געווען די וווינונג פון דער זייער סימפּאַטישער פאַמיליע דובנאָוו.

דעמאָלסט איז שוין געווען אין האָליוווד איין סטודיאָ פאַר נעמען באַוועגלעכע בילדער. איך געדענק נישט צו וועמען זי האָט באַלאַנגט. נאָר דאָרטען האָבן געאַרבעט מיינע צוויי באַקאַנטע רוסן — אפּאַנאַסיעוו און סמיט. אויך מיר אַ סטודיאָ. עפּעס גרויסע דאָרפישע הייזער, זייער גרויסע שטאַלן, לעבן די שטאַלן אויף דרערד קאָלאָסאַל געמאָלענע בילדער אויף קאַרטאָן. אין די הייזלעך האָב איך געטראָפן די אַרטיסטן: קאָו באָיס און קאָו גוירלס (פּאַסטוכער און פּאַסטושקעס), די אינדיאַנער אין זייערע נאַציאָנאַלע קליידער, און זיי האָבן דאַן געשפּילט די הויפּט ראָל אין אונדזער קינאָ לעבן און כמעט 80 פּראָצענט פון די בילדער זיינען געווען פון לעבן פון די פּאַסטוכער און פון די אינדיאַנער. אויפן הויף האָב איך געזען אַ סך פערד, וועלכע די אַרטיסטן באַנוצן פאַר זייער לויפּעניש, יאָגעניש. אין די שטאַלן

און איבערן אָפּגעצאַמטן פעלד האָבן געמיטלעך געקייט גראָז די אַנדערע אַר־טיסטן: די בהמות, ציגן, אָקסן, שעפּסן, פאַרשטייט זיך עס האָבן אויך נישט אויסגעפעלט קיין הינט, קעץ, פייגעלעך...

אויף דער סטודיאָ האָט זיך קיינער נישט אַרומגעקוקט. די מערסטע האָ־ליוווּדער זיינען אין סעזאָן צייט געווען פאַרנומען אַרום די אַראַנדזשעס וועל־דער, קלייבן, רייסן, סאָרטירן און עקספּאָרטירן די אָרענדזשעס.

די גאַנצע באַפעלקערונג סיי די יידישע און סיי די נישט יידישע, איז געווען אַרום 60 פּראָצענט „אַן אָנגעפאָרענע”, אַ געקומענע פון אַנדערע שטאָ־טען פון אַמעריקע, מערסטנס צוליב דעם גוטן און איינגנעמען קלימאַט און אַ סך זיינען געקומען זיך היילן פון זייערע קראַנקהייטן. אַ גרויסער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָט געלעבט פון אלעם פאַרטיקן, געלעבט פון אייגענע קאַפּיטאַלן: צוריקגעצויגענע סוחרים, אָדער קאַפּיטאַליסטן.

די יידן פון לאָס אַנדזשעלעס האָבן מיר נישט געגלויבט ווען אויף זייער פראַגע צי בין איך נישט געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס צו היילן זיך פון עפּעס אַ קראַנקהייט, האָב איך געוויינטלעך געענטפערט, אַז איך בין פולקאָם געזונט. זיי פלעגן זיך צו מיין ענטפער באַציען סקעפּטיש. די לאַגע פון אונדזערע יידן אין יענער צייט איז געווען אַ שווערע; זיי האָבן זיך געדאַרפט צופּאַסן צום נייעם לעבן, אין גאַנצן אַן אַנדערן, ווי אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ. די אינדוסטריע איז געווען כמעט ווי גאָר נישט אַנט־וויקלט. אין די שעפּער, פאַבריקן אַרבעטן האָבן זיי נישט געקענט גיין, ווייל אַזוינס איז דאָ כמעט נישט געווען, און די ביסל אַרבעטס פּלעצער, וואָס זיינען יאָ געווען, זיינען געווען פאַרנומען פון די פריער געקומענע. זיינען זיי געוואָרן קרעמער, פּעדלער, אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין דער הויפּט פּראָדוקציע פון קאַליפאָרניער־פּרוכט און גרינס און אַנדערע ווי סטאָלערס, פאַרבער, שניידער זיינען געווען אי אַרבעטער און אי באַלעבאַטים, זיי האָבן געאַרבעט אויף באַשטעלונגען. דער הויפּט יידישער געגנט איז געווען אַרום טעמפּל גאַס, ווו עס זיינען שוין געווען יידישע רעסטאָראַנען, יידישע קראָמען, יידישע אינסטיטוציעס, אַפילו אַ יידישער בוך געשעפט. בויל הייטס געגנט האָט זיך דאַן ערשט גענומען אויפבויען און אַהין האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינ־ציען די בעסערע עלעמענטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אויף אַ סך אַ העכערן שטאַפּל פון עקאָנאָמישן לעבן האָבן זיך געפונען די דייטשישע יידן. זיי האָבן שוין פאַרמאָגט אייניקע באַנקן, זיינען געווען פאַרוואַלטער פון גרויסע געשעפטן, האָבן פאַרמאָגט אייניקע שעפּער, פאַב־ריקן, האָבן פאַרנומען גרויסע און גוט באַצאָלטע שטעלעס און צו זייער לויב מוז איך צוגעבן, אַז זיי זיינען געווען נענטער פאַרבונדן מיט אונדז, די אָסט

יידן, ווי ערגעץ אַנדערשווו אין אַמעריקע. אָבער צו נאָענט צו אונדז זיינען זיי קיינמאָל נישט געווען. זיי זיינען דאָס געווען די רייכע און מיר די אָרעמע און אין בעסטן פאַל האָבן זיי זיך געהאַלטן מיט אונדז אויף אַ באַשטימטן דיסטאַנץ. זיי האָבן געגרינדעט און אויסגעהאַלטן די שפּיטאָלן, די צדקה אָרגאַניזאַציעס און מיר האָבן דאָס געדאַרפט אָנקומען צו זיי אין אַן עת צרה נאָך זייער הילף. דערפאַר האָב איך שוין דאַן דערווישט אַ ברענטש פון אַר־בעטער רינג, אַ סאָציאַליסטישע גרופּע, אַ גרופּע פון אַנאַרכיסטן, אַ פּאָר יוניאָנס — די אַרבעט פון אונדזערע ניי אָנגעקומענע יידן.

געקומען אַהער איז דער מער אינטעליגענטער אַרבעטער, מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען קולטורעל אויף אַ העכערער מדרגה און די אינטעליגענטן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן געגנוג טוער אין די פאַרשידענע יידישע אָרגאַני־זאַציעס, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין גרינדן, אָדער וואָס זיינען שפּעטער געגרינדעט געוואָרן. איך האָב נאָך אין קיין שטאָט אין אַמעריקע נישט געזען אַזוי פיל אין פּראָפּאָרץ אינטעליגענטע יידן, איך האָב דאָרט געטראָפן טשי־קאַווע און אינטערעסאַנטע יידישע טיפּן, וועלכע איך קען ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרגעסן.

און אַפילו איצט, ווען איך שרייב די שורות, נאָך 37 יאָר פון מיין קו־מען אין לאָס אַנדזשעלעס, זע איך פאַר מיינע אויגן די גאַלעריע פון די שיינע טיפּן פון דער יידישער לאָס אַנדזשעלעסער אינטעליגענץ: י. ש. נאומאוו, אַ יונגערמאַן אַ תלמיד חכם מיט אַ פייערדיקן קאָפּ. דער גרעסטער קענער פון יידישן וויסן און איז נאָענט באַקאַנט מיט דער מאָדערנער וועלטלעכער לי־טעראַטור. איצט איז ער אַ גלענצענדער זשורנאַליסט. דער בעסטער מיטאַר־בעטער פון דער לאָקאַלער יידישער וואכנשריפט „די קאַליפאָרניער שטימע" און מיטאַרבעטער אין פאַרשידענע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן. טאַקע אַ דאַנק זיינע און טיילוויז מיינע באַמיאונגען, איז ד"ר וואָרטסמאַן דאַן געקו־מען אין סאַן פראַנציסקאָ און געגרינדעט דאָרטן די „קאַליפאָרניער שטימע", וועלכע איז דערנאָך איבערגעטראָגן געוואָרן אין לאָס אַנדזשעלעס. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אַן איבערגעגעבענער מיטגליד פון דער פּועלי ציון פּאַר־טיי און אין דעם גייסט האָט ער אָנגעפירט זיין אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

הערי קאָרנבלום, אַ העכסט איידעלע און נאָבעלע פּערזענלעכקייט, מיט אַ טיפער האַרציקער ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור, קולטור, טעאַטער; זיין פרוי לינע, וועלכע האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ ברייטער האַנט אויף אַלץ וואָס איז שיין און איידל.

אָט איז דער סטאַליער פּראַזין, וועלכער האָט געהאַלטן גוטע לעק־ציעס וועגן דער סקאַנדינאַווישער, אַמעריקאַנער און ענגלישער ליטעראַטור.

אַפּט שוועבט פאַר מיר דאָס בילד פון יעקב אייבל, וועלכער איז פאַרליבט אין יידישן טעאַטער, מוזיק און ליטעראַטור. אָפּט שפּילט ער, דעקלאַמירט, זינגט זייער שיין און האַרציק. פאַרט אום אויף זיין לאָונדרי וואָגן און טרוימט וועגן צוזאַמענשטעלן אַ טרופּע און שפּילן יידישן טעאַטער. און אַט איז מיין אַלט באַקאַנטער דוד גיסנעט, וועלכער שרייבט שיין אַראַבישע מעשהלעך, גיט לעקציעס וועגן איבסענס דראַמען און פּריידיקט דורך זיי זיין אַנאַרכיסטישן אידעאַל. געוועזן אַ לאַנגע צייט אַ מאַטראָס און דערציילט וווּנדערבאַרע מע־שיות פון אָריענט. און אַט איז דער טרוימער חיים שאַפּיראָ, מיין פּאַרטיי חבר — אַ סאָציאַליסט טעריטאָריאַליסט. ער צייכנט זיך שוין דאַן אויס מיט זיין רעדנער טאַלאַנט און ווען מיר ווילן מאַכן אַן איינדרוק אויפן עולם — באַשטימען מיר אים אַלס הויפּט רעדנער. און אַט דערמאָן איך זייך אָן איי־נעם פון די שענסטע טיפן פון אונדזער קרייז — דעם פאַרשטאָרבענעם יוסף הירש, באַראַכאָוס לאַנדסמאַן, וועלכער האָט זיין גרויסן בן עיר פאַרגע־טערט. דאָס איז געוועזן אַ מענטש מיט אַ גרויסער אינטעליגענץ, ברייטער האַנט און אַ זיידענער נשמה. (מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך מיט אים גע־טראָפן אין מאַנדזשוריע און דאָרטן צוזאַמען געגרינדעט די פּועלי ציון אָר־גאַניזאַציע).

און אַט שטייט פאַר מיר דאָס בילד פון דעם הויכן פּיט — פּרץ קאהן. ס'איז נישט געווען קיין איין אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך נישט געווענדט צו אים נאָך הילף, צי דאָס זיינען געווען מעקסיקאַנער, צי אַמעריקאַנער, יידן אָדער רוסן. ער האָט אַלעמאָל די הילף געגעבן נאָר מיט אַ באַדינג, ס'זאָל גיין אויף רעוואָלוציאָנערע צוועקן. אַלע מאָל מיט זיין וויץ, מיט כלומרשט אָפּלאַכן און אויסלאַכן, איז ער געוועזן איינער פון די ערנסטע איבערגעגעבנס־טע טוער פון די אינסטיטוציעס, וואָס מיר האָבן שפּעטער געבויט, כאָטש ער האָט געדאַרפט באַלאַנגען לויט זיין מאַטעריעלער לאַגע און אַנזעען צו דער „העכערער געזעלשאַפט", איז ער אַלעמאָל דאָך געווען ענג פאַרבונדן מיט די יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ.

אַט שטייט פאַר מיר ווי אַ לעבעדיקער מיין חבר און פריינט אהרן שאַפּיראָ, וועלכער איז מיט אַ יאָר צען צוריק געשטאָרבן. אַן אינטעליגענטער ייד, אַ גוטער כלל טוער מיט אַ סך אימפּעט און באַגייסטערונג, וועלכער שוועבט אַלעמאָל אין די הימלען מיט אַ באַזונדערער ליבע צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, האָט ער אַלעמאָל צוגעזינדיקט: געשריבן אַליין, אָבער דאָס לעבן האָט אים צופיל אַריינגעצויגן און ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו ליטעראַרישע אַרבעטן. מיט זיין פרוי, דזשעני בין איך אויך גע־ווען גוט באַפריינדעט. אַ קלוגע, פּראַקטישע פרוי, מיט וועלכער ס'איז גע־ווען אַ פאַרגעניגן צו ריידן.

און אָט שווימט פאַר מיר אַרויס די געשטאַלט פון מיין חבר און פריינט ד"ר לייב בלעס, וועמען איך האָב נאָך געקענט פון סענט לואיס. ער איז גע־ווען שטענדיק אין אַ געהויבענער שטימונג און פלעגט פון אַלץ באַגייסטערט ווערן. לייענען פאַר אים איז געווען אַ נויטיקייט און גרויסער גענוס. ער פלעגט זיך מיט אַלעמען טיילן מיט די איינדרוקן, וואָס אַן ערשט איבער־געלייענטער בוך האָט אויף אים געמאַכט. ער האָט געהאַט אַ גוטע פּראַקטיק, האָט פאַרדינט גוטע געלט און אַלעמאָל האָט ער אָפּגעריסן צייט פאַר כלל טוערייי. געווען אַפילו אַ לערער פון יידישער געשיכטע אין אונדזער נאַציאָ־נאַל ראַדיקאַלער שול און האָט זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט מיטן לייב און לעבן.

פון מיין לאָס אַנדזשעלעסער גאַלעריי קוקן אַרויס אויף מיר פיליפּ ריס־קין, אַ וווּנדערבאַרער איבערגעבער פון פאָלקס לידער, פאָלקס מעשיות און דערציילער פון לעבן פון די רוסן, גרים, ערגעץ פון טיף רוסלאַנד צי סיביר, ווו ער האָט מיט זיי פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט. צוזאַמען מיט אים שוועבן פאַר מיר דער חבר מאָס מיט זיין ליבער פרוי סאָניע, טורעצקי אַ פעדלער, כמעט מיינער אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז שטענדיק געזעלשאַפטלעך פאַרנומען, שטיינבערג פון וואַסילקאָוו, וואָס איז געווען אַ לערער אין וואַראַנקע, די גע־נאָסן מאַגיד און לעוויט און אנד.

מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן דערמאָן איך זיי, ווייל מיר האָבן איינע די אַנדערע אַ סך געגעבן, ווייל זיי אַלע זיינען געווען מיינע פריינט, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען אַרבעטן, צוזאַמען געטרוימט, צוזאַמען פאַנטאַזירט, צוזאַמען געבויט, איבערגעלעבט פריידן און אַנטוישונגען.

און נאָך עפּעס: לאָס אַנדזשעלעס איז געווען די ערשטע שטאָט אין אַמעריקע, ווו איך האָב געטראָפן אַ יידישע אינטעליגענץ, וועלכע איז שטענ־דיק געשטאַנען מיטן פּנים צום יידישן אַרבעטער און צום יידישן פאָלק און דאָס איז פאַר מיר געווען די אַנגענעמסטע איבערראַשונג.

גאָר צום ערשטן האָבן מיר געגרינדעט אַ קלוב, דעם נאַציאָנאַל ראַ־דיקאַלן קלוב, אין וועלכן עס האָט זיך אַנגעשלאָסן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט דאָן אין לאָס אַנדזשעלעס. אין קלוב זיינען אַריין אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן געוועזענע בונדיסטן, פּועלי ציוניסטן, סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן. די אויפגאַבע פון קלוב איז געווען צו קאָנ־צענטרירן אונדזער ביסל אָרעמקייט, אָרגאַניזירן איר, אָנפירן אַ טעטיקייט אין איינקלאַנג מיט אונדזערע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע אידייען, טאָן קולטור אַרבעט, אַנערקענענדיק יידיש אַלס אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך. זייער מעג־לעך, אַז דער קלוב, וועלכער האָט פאַראייניקט אַרום זיך די פאַרשידנסטע

„איסטן" איז אין יענער צייט געווען דער ערשטער פון אַזאַ מין אין אַמע־ריקע. און וואונדערבאַר: אין די פראַגן פון דער יידישער קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער און אונדזער באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך איז ביי אונדז קיינ־מאָל קיין מיספאַרשטענדענישן נישט פאָרגעקומען. אין די פראַגן האָבן מיר זיך גרינג געקענט צוזאַמענריידן.

מיר האָבן געדונגען אַ לאָקאַל, ווו מיר פלעגן איינמאָל אין וואָך האַלטן לעקציעס, וועלכע פלעגן ווערן גוט באַזוכט. אָפט פלעגן פאָרקומען פאָרלע־זונגען, דעקלאַמאַציעס, געזאַנג, דעבאַטן, דיסקוסיעס. און פאַרן אויסהאַלטן דעם קלוב האָבן מיר אויך שטאַרק נישט געזאָרגט. מיר פלעגן ביישטייערן אונ־דזערע ביישטייערונגען און עס האָבן זיך אַלעמאָל געפונען אַ פּאָר מעצענאַטן וואָס פלעגן ביישטייערן גרעסערע סומען. די מיטגלידער פון קלוב האָבן זיך מיט דער צייט שטאַרק באַפריינדעט און מען האָט אָנגעהויבן איינע די אַנדע־רע בעסער צו פאַרשטיין, כאָטש יעדערער האָט געהאַט זיינע פּרינציפּן, זיי־נע אידייען. די שאַרפקייט פון קעגנזעצלעכע מיינונגען איז פאַרשוואונדן און מיט דער צייט זיינען מיר געוואָרן אַזוי אייניק, אַז מיר האָבן שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ געמיינשאַפטלעכער גרויסער אַרבעט. אויפבויען אַ קאָנס־טרוקטיווע קולטורעלע אינסטיטוציע. און מיר האָבן זיך ערנסט פאַרטראַכט וועגן גרינדן אַ נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין לאָס אַנדזשעלעס פאַר די יידישע קינדער, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין אַמעריקע און האָבן קיין יידישע דערציאונג נישט געקראָגן, נישט אין דער היים און נישט אין דער אַמעריקאַנער פאָלקס שול.

קאַפּיטל 43

די נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שול אין לאָס אַנדזשעלעס

דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער קלוב וועט פאַרבלייבן היסטאָריש אין לעבן פון די לאָס אַנדזשעלעסער יידן מיט דעם, וואָס ער האָט געגרינדעט די ערשטע יידישע מאָדערנע קינדער שול אין לאָס אַנדזשעלעס אין יאָר 1913 ד. ה. איינע פון די ערשטע שולן אין אַמעריקע, נאָר זייער צאָל איז געווען אַן אומבאַדייטנדע. איך האָב בלויז געוווּסט פון אַזעלכע שולן אין ניו יאָרק, שיקאַגע און דוכט זיך אין טאָראָנטאָ, מיט די לערער פון וועלכע איך האָב זיך דאַן קאָרעספּאָנדירט. נישט קוקנדיק אויף דער קליינער צאָל פון די שולן און זייערע שוואַכע פּאָזיציעס, איז שוין דאַן אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן זיי. די שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך די פּועלי ציון און סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. די ערשטע האָבן געגרינדעט העברעאיסטישע שולן די סאָצ. טער. — יידישע. ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס איז גאָר קיין פראַגע נישט געווען וואָס פאַראַ שול מיר זאָלן גרינדן. די שול איז געגרינדעט געוואָרן נישט פון קיין פּאַרטיי, נאָר פון אונדזער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלן קלוב, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען מיטגלידער פון אַלע פּאַרטייען און אויך אין גאַנצן אומפּאַרטייאישע. ווען מען האָט גערעדט פון גרינדן די שול איז געווען פאַר אַלעמען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די שול וועט זיין אַ יידישע. קיינעם איז אַפילו נישט איינגעפאַלן צו פּראָטעסטירן, כאָטש עס זיינען געווען טוער פון דער פּועלי ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין שול איז די געעריקייט צו אַ פּאַרטיי אין גאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. מיר האָבן זיך דאָרט אַלע צענויפגעגאָסן אין איין ריכטונג: ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור און קעמפער פאַר יידישער דערציאונג פון אונדזער יוגנט, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין אַמעריקע.

אויך האָבן מיר געהאַט מזל צו דער שול מיט דעם, וואָס מיר האָבן צווישן אונדז געהאַט פּראָפעסיאָנעלע לערער מיט אַ גרויסן סטאַזש ווי דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר לעאָ וואָקס, לואי שטיינבערג — אַ פּראָפעסיאָנעלער לערער פון וואַסילקאָוו און מרס דזשייקאָבסאָן — אַ לערערין פון אַן אַמעריקאַנער פאָלקס שול, און כאָטש איך בין נישט געווען קיין לערער

אין דער שול, האָב איך געהאַט אַ פֿריערדיקע דערפֿאַרונג אין די שולן פֿון מיר און נעסוויזש ווי דער פֿאַרוואַלטער פֿון די צוויי שולן. נאָך מער האָט אונדז צוגעשפּילט דער מזל מיט דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע צאָל פֿאַרוואַלטער און טוער — די מיטגלידער פֿון אונדזער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלן קלוב.

מאַטעריעל זײַנען מיר געווען אין אַ גוטער לאַגע, כאָטש מיר האָבן געדאַרפֿט צאָלן אײַן לערער, אויך דעם דזשעניטאָר און געהאַט אַנדערע נויטיקע הוצאות. מיר האָבן געהאַט אַ קרײַז, וועלכער האָט נישט געקאַרגט קיין געלט פֿאַר דער שול, געהאַט גוטע טוער און אײניקע מעצענאַטן.

ווען עס איז אַרויפֿגעשוווּמען די פֿראַגע פֿון עפֿענען אין לאָס אַנדזשעלעס אַ נאַצ. ראַד. שול, איז דער גאַנצער עולם, די מיטגלידערשאַפֿט פֿון אונדזער קלוב, פּשוט באַגײַסטערט געוואָרן פֿאַרן געדאַנק אַליין, און גלײַך האָבן זיך אַלע אַרײַנגעוואָרפֿן מיט לײַב און לעבן אין דער אַרבעט צו דערמעגלעכן די דערעפֿענונג פֿון דער שול. און אַרבעט איז געווען אַ סך און פֿראַגן צו לײזן נאָך מער: ווו זאָל זײַן די שול, וואָס זאָל מען לערנען, וועלכע טעג זאָלן מיר לערנען, ווער זאָלן זײַן די לערער, ווו וועלן מיר קריגן די קינדער, ווי אַזוי זיי צו קריגן, וויפֿל זאָלן די קינדער צאָלן, ווי זאָלן די לערער לערנען, צי יעדער לערער זאָל האָבן זײַן קלאַס, אָדער זײַנע געגנשטאַנדן, וואָס דאַרפֿן אַמעריקאַנער קינדער לערנען? די פֿראַגן זײַנען געווען פֿאַר אונדז אַלעמען פֿרעמד. קײנער פֿון אונדז האָט נישט געהאַט קיין דערפֿאַרונג מיט אַמעריקאַנער ייִדישע קינדער און מיט אַ ייִדישער שול פֿאַר אַמעריקנער קינדער.

איך האָב דאַן אָנגעשריבן אַן אויפֿרוף צו דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון לאָס אַנדזשעלעס און נאָך דעם ווי לאַמעד שאַפּיראָ האָט אַרײַנגעטראָגן אײניקע אויסבעסערונגען, האָב איך אים פֿאָרגעלייענט פֿאַרן קלוב, וועלכער האָט אים גוטגעהייסן און איך האָב אים דאַן אָפּגעדרוקט און פֿאַרשפּרייט. אויסער דעם האָבן די מיטגלידער פֿון קלוב, אָנגעפֿירט אַ ברייטע אַגיטאַציע צווישן זייערע פֿרײַנד און באַקאַנטע, וואָס האָבן קינדער, אַז זיי זאָלן זייערע קינדער אַרײַנגעבן אין אונדזער שול.

אויף אונדזער ביטע צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קאַרנוועל פּאַבליק סקול אין בויל הייטס, האָט מען באַוויליקט צו געבן אונדז 2 קלאַס צימערן און אַ צימער פֿאַר די לערער און אַפֿילו אַ דזשעניטאָר, אָבער נאָר פֿאַר צוויי טעג, ווען זיי לערנען נישט — ד. ה. פֿאַר שבת און זונטיק. די צימערן האָבן זיי אונדז געגעבן פֿרײַ. מיר זײַנען אײַנגעגאַנגען אויף דעם און אונדזער נאַצ. ראַד. שול האָט זיך געעפֿנט אַלס אַ שבת און זונטיק שול. געגנשטאַנדן צו לערנען האָבן מיר באַשלאָסן: ייִדיש, לײענען, שרײַבן און רײדן, ייִדישע

געשיכטע, יידישע ליטעראַטור, יידישע פאָלקס לידער, דעקלאַמאַציעס, שמועסן וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגן און שפּעטער האָט פּראָפ. ל. וואַקס איינגעפירט סאָציאַלע דראַמען צוגעפּאַסט פאַר די קינדער (ער פלעגט זיי אַליין שרייבן און דורכפירן מיט די קינדער).

אַלס לערער זיינען געווען איינגעלאַדן: ד״ר ל. בלעס, חיים שאַפּיראָ, פּראָפ. ל. וואַקס, ל. שטיינבערג, מרס דזשייקאָבסאָן, טורעצקי און, מיר דוכט זיך, י. אייבל, אַלס געזאַנגס לערער. נאָך מיין פאַרלאָזן ל. א. זיינען געווען נאָך לערער: שולמאַן, חנה בערמאַן, ב. קאָך און לאה אָסטעש.

אויסער די אַלע אויבן דערמאָנטע האָבן ענערגיש געאַרבעט פאַר דער שול די ח״ח. פּיטער קאָהן, י. ש. נאומאָוו, א. מאַטס, ה. קאָרנבלום, י. ה. קראַנאַן, יוסף הוירש, א. פּראַזין, א. קאַמינס, כאַיקין, האַמבורגער, גליקמאַן, י. גאָרין, ד. פישער, די קאָרנבלומס, ג. ריידער, מגיד, פּערל לאַסמאַן, אהרן שאַפּיראָ, טורקאָוו, באַיאַרסקי, ג. ווײַנער, פינקלשטיין, ש. מילער, און אַ סך אַנדערע.

מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין לערן און טעקסט ביכער פאַר די קינדער. אָבער עס איז שוין דאָן אַרויס דער אָנפאַנגס ביכל פאַר קינדער, צו לערנען און לייענען, פון מיין פריינט און לאַנדסמאַן פאַלק האַלפּערין און מיר האָבן זיך אין שול מיט דעם באַנוצט. אָבער מיט דעם האָט מען ווייט נישט געקענט פאַרפאָרן, האָבן טאַקע די לערער געדאַרפט אַ סך אַרבעטן, כדי דעקן דעם מאַנגל אין לערן ביכער.

וויפל קינדער זיינען געווען אין דער שול געדענק איך נישט. נאָך ביים היינטיקן טאָג איז פאַרבליבן ביי מיר אַ פאָטאָגראַפיע פון ד״ר בלעס מיט די קינדער פון עלטערן קלאַס, מיט וועלכע ער האָט געלערנט יידישע גע־שיכטע, אויף דעם בילד זענען דאָ צען קינדער. פון דעם נעם איך, אַז אין שול האָט געמוזט זיין פון 20 ביז 30 קינדער, יינגלעך און מיידלעך.

טייערע, ליבע קינדער. די מערסטע פון זיי זיינען נאָך פון פריער פון דער היים געווען אין אַ יידישער אַטמאָספערע און זיי זיינען מיט חשק גע־גאַנגען אין שול און געהאַט פאַר דער שול און פאַר די לערער אַ גרויסן רעספּעקט און אַ האַרציקע ליבשאַפט, ס'איז טאַקע געווען אַ פאַרגעניגן און אַ פּריווילעגיע מיט זיי צו לערנען. איך פלעג אָפט אַריין אין די קלאַסן בשעתן לערנען און האָב געשעפּט נחת מיט אַ פולער מאָס. פאַר מיר איז דאָס געווען די ערשטע דערפאַרונג פון אַ יידישער שול אין אַמעריקע. שרייבנדיק די שורות, קוק איך אויף דאָס בילד פון ד״ר בלעס מיט די קינדער. און מיר גלויבט זיך קוים, אַז ס'זיינען שוין אַריבער פיר און דרייסיק יאָר, זינט איך האָב די קליינוואַרג מיט ד״ר בלעסן נישט געזען. און איך געדענק דאָך זיי

(1913)

אַזוי גוט. איך קען דאָך נאָענט זײערע עלטערן, מיט װעמען איך בין געװען באַפרײנדעט. איך װאָלט דאָך אַזוי װעלן זען די קינדער, װאָס רײד איך? די 38־40 יאָריקע מענטשן, און װאָלט װעלן װיסן, צי די שול, די לערער האָבן אױסגעאײבט אױף זײ אַזאַ אײנדרוק און װירקונג, אַז עס איז נאָך אַ טײל פון דעם פאַרבליבן ביז הײנט אין זײערע נשמות און הערצער?

די אַרבעט איז דאָך נישט געגאַנגען אַזוי גלאַט, װי מיר האָבן זיך פאַר־געשטעלט. דאָך איז די אַגיטאַציע פון די פײגנבױמס און ראָזענצװײגס נישט אין גאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען, אַפילו פאַר אײניקע „פרײדענקער” אין לאָס אַנדזשעלעס. אָט באַשרײבט מײן פרײנד י. ש. נאָומאָװ אין אַן אַרטיקל װעגן דער שול: „געדענק איך, װי אַ ייד האָט אױפגעשטורמט די שול דערפאַר, װאָס אַ לערער האָט אין דעם ימים נוראים סעזאָן דערצײלט די קינדער די לעגענדע פון רבי אמנון — דעם מחבר פון „ונתנה תוקף”. לעגענדן פון יידי־שען מאַרטירערטום איז פאַר זײ געװען אַ טאַבו...”

װען די שול האָט שױן עקזיסטירט כמעט אַ האַלב יאָר, האָב איך מיטן פאַרשטאַרבענעם פּאָעט לונער אַרױסגעגעבן לכבוד דער שול, אַן אײנמאָליקע צײטשריפט — „דער נײער דור”. דאָס איז געװען אַ זשור־נאַלכל פון אַכט זײטן געװײנלעכן פאָרמאַט. אָנטײל האָבן גענומען לונער מיט אַן אַרטיקל און אַ פּאָר לידער, יעקב גינזבורג מיט אײנעם אָדער צװײ דערצײלונגען פאַר קינדער און מײנע איז געװען דער אױבן דערמאָנטער אױפרוף און אַ באַריכט פון דער שול. מעגלעך, אַז דאָס איז געװען די ערשטע שול־אױסגאַבע אין אַמעריקע און אין מײנע רײזעס איבער דער װעלט, האָב איך אים ערגעץ פאַרלאָרן. האָב איך אין 1922 געקראָגן נאָך גרױסע מי אַן אַנדער עקזעמפּלאַר און דעם האָב איך געגעבן ש. ניגערן, נאָר ער אַלײן װײסט נישט, װוּ ער איז פאַרפאַלן געװאָרן.

און צוליב דעם זשורנאַלכל בין איך געלעגן צװײ װאָכן צײט קראַנק אין אַ שפּיטאָל, און אַ דרײ װאָכן געװען קראַנק פאַר דעם. די מעשה איז געװען אַזאַ. מיר האָט זיך זײער געװאָלט אַרױסגעבן דעם שול־זשורנאַלכל, אָבער קײן געלט אױף דעם האָב איך נישט געהאַט. האָב איך באַשלאָסן בעטן אַ דרוקער, ער זאָל מיר דערלױבן בײ אים אין שאַפּ, מיט זײן שריפט, אױסזעצן מײן צײטונג. דאָס איז געװען אין דער דרוקערײ „פּראָגרעס”, דער אײגנטימער איז געװען אַ רומענישער ייד. ער האָט דאָס מיר דערלױבט, אַרױסגענומען אַ גאַנצע קעסטל שריפט און מיר דערלאַנגט, איך זאָל גלײך צוטרעטן צו דער אַרבעט. אָבער די שריפט איז געװען פאַרלעגענע, באַ־דעקט מיט בלײ־שטױב, געלעגן קענטיק דאָרטן אַ נוצן פאַר יאָרן. איך האָב נישט געװוּסט פון דער געפאַר און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אָן

קיין שום פּאַרזיכטיקייט. איך פלעג נעמען די שריפט, אָפּשטויבן, אָפּבלאָזן, און פלעג דעם שטויב איינאָטעמען. די אַרבעט האָט מיר גענומען אַן אַכט טעג און גאָט צו דאַנקען איך האָב איר פאַרענדיקט. אמת, ס'איז נישט אַרויס קיין קונסט ווערק, אָבער ס'איז געווען צו דערליידן. אַ פּאָר אַנאָנסן האָב איך געהאַט, איז געווען געגנוג צו באַצאָלן פאַרן פּאַפּיר און איבערשטן בלעטל. דער זשורנאַלכל איז גוט פאַרשפּרייט געוואָרן און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז פאַרבליבן בלויז איינער, וועלכן איך האָב באַהאַלטן אַלס אָנ־דענק פון מיין „קונסטווערק". אָבער אין גיכן האָב איך אָנגעהויבן פילן שלעכט. איך פלעג קריגן אַטאַקעס פון קראַמפן, אַזעלכע קראַמפן, אַז די הענט און די פיס פלעגן זיך צונויפקאָרטשען און איך פלעג האָבן שרעק־לעכע ווייטאָקן. דאָקטוירים האָבן געהיילט מיין מאָגן, אַנדערע האָבן גע־זאָגט, אַז איך לייד אויפן אַפּענדיק. נאָר מיר איז געוואָרן ערגער און ער־גער. און איינמאָל האָב איך געקראָגן אַן אָנפאַל אין מיטן נאַכט און איך בין אַראָפּגעפאַלן פון בעט און זיך געקאָרטשעט אויפן דיל. מען האָט מיך דאַן אָוועקגעפירט אין דעם „קאָונטי האָספּיטאַל" און אויף מאָרגן האָט מיר דער דאָקטאָר דערקלערט, אַז איך לייד פון בליי־פאַרסמונג. אין צוויי וואָכן צייט האָט מען מיך אויסגעהיילט און מער האָב איך פון דעם נישט געליטן.

אונדזער שול האָט עקזיסטירט ביז אַמעריקע איז אַריין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ חרם אויף פרעמדע שפּראַכן. דאַן האָט די קארנוועל פּאַבליק סקול געבעטן אונדז אַרויסקלייבן זיך פון דאָרטן. ווילנדיק, נישט ווילנדיק האָבן מיר דאָס געמוזט טאָן און אונדזער שול האָט אויפגעהערט עקזיסטירן. אָבער נאָך דער מלחמה איז אַן אַנדער שול געגרינדעט געוואָרן און פון דאַן אָן ביז היינט צו טאָג איז די אַרבעט פאַרן שולוועזן אין ל. א. נישט איבערגעריסן געוואָרן און ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגט ל. א. אַ ברייטע נעץ פון פאַרשיי־דענע יידישע שולן.

קאַפּיטל 44

ביים געבורט פון לאָס אַנדזשעלעסער סאַנאַטאָריום פאַר שווינדזיכטיקע

צו יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע עמיגראַציע פון קראַנקע, ספּעציעל פון שווינדזיכטיקע, פון גאַנץ אַמעריקע, וועלכע די דאָקטוירים האָבן געראָטן צו בייטן דעם קלימאַט אויף אַ מער מילדערן, אויף אַ וואַרעמערן, קיין לאָס אַנדזשעלעס. און גאָר אַ סך פון זיי זיינען געווען אַרבעטער. די לאַגע פון די שווינדזיכטיקע אַרבעטער איז געווען אַ שווי־דערלעכע. זיי האָבן ווי עס איז צוזאַמענגעקליבן געלט אויף דער רייזע, אפּ־שר נאָך אַ פּאָר דאָלער פאַר דער ערשטער צייט און אין גיכן זיינען זיי געבליבן אָן מיטלען צום לעבן, צו היילן זיך און זיינען געצוווּנגען געווען אָנצוקומען צו געזעלשאַפטלעכער הילף און נישט אַלעמאָל האָבן זיי די הילף געקראָגן און זיי איז אָפט אויסגעקומען אפילו צו הונגערן. און אַזעלכע זיינען געווען אַ סך. מיר האָט אַמאָל איבערגעגעבן אַ דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט אויף לונגען קראַנקהייטן, אַז אַרום 40 פּראָצענט פון דער לאָס אַנדזשעלעסער באַפעלקערונג ליידט פון לונגען קראַנקהייטן. גאַנץ אָפט פלעגן די קראַנקע האָבן בלוטשטורצן און עס איז נישט געווען קיין געלט פאַר אַ דאָקטאָר און אפילו אויף איינקויפן שפּייז פאַר די קראַנקע. ספּעציעל האָבן זיך מיט דער פראַגע פאַראינטערעסירט די אַרבעטער רינג מיטגלידער, אויף וועלכע דער לאַסט פון אַרויסהעלפן זייערע ברידער פון אָרדען האָט מערסטנס געדריקט און זיי האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ סאַנאַטאָריום. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט אין דער ריכטונג. און די אַרבעט איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. מען האָט געקויפט אַ דרייסיק מייל פון לאָס אַנדזשעלעס, לעבן דער שטעטל מאָנ־ראָוויע, אין דואַרטע אַ שטיקל לאַנד מיט עפּעס פאַרלאָזענע הייזער פּוסטקעס. ביידע פּוסטקעס האָבן נישט געהאַט קיין פענצטער, קיין טירן. דערפאַר איז געווען אַ סך לאַנד — פאַרלאָזן לאַנד. לויט די פאַרבליבענע סימנים האָט דאָרט אַמאָל געמוזט זיין אַן אָרענדזש פאַרם. און אָט דאָ האָט דאָס געדאַרפט געבויט ווערן דער סאַנאַטאָריום.

אַ קורצע צייט נאָך דעם, טרעפט מיך מיין חבר אהרון שאַפּיראָ אין גאַס און שטעלט מיר די פראַגע, צי וואָלט איך וועלן ווערן דער פאַר־וואַלטער פון דעם סאַנאַטאָריום. איך האָב גלייך צוגעשטימט און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך אַוועקגעפאָרן אַהין. דער געגנט איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. די שטעטל מאָנראָוויע איז אַ טראָפּישער גן עדן, איינגע־טונקט אין אָרענדזש ביימער, וועלכע גרינען אַ גאַנצן יאָר. דער וועג פון מאָנראָוויע אין דואַרטע איז דורך אָרענדזש סעדער. ווו דו גייסט און שטייסט, וואַלגערן זיך אויף דער ערד פּאָמעראַנצן. די געגנט איז אין גאַנצן באַגאָסן מיטן בלענדנדן שיין פון דער קאַליפאָרניער זון. אַלץ אַרום און אַרום איז גרין — אַ גאַנצער גאָרטן.

איך בין צוגעקומען צום פּלאַץ פון סאַנאַטאָריום און מיין שטימונג האָט זיך ראַדיקאַל געביטן צום ערגערן. עס זיינען שוין דאָרטן געווען אַ זעקס־אַכט קראַנקע, וועלכע מען האָט געמוזט אַריינגעמען אַהער, נישט קוקנדיק, וואָס דער „סאַנאַטאָריום" האָט זיך געפונען אין אַזאַ קלאָגעדיקן צושטאַנד. אויפן פּלאַץ איז קיין דאָקטאָר נישט געווען, דער איינציקער מעדיקער פאַרן סאַנאַטאָריום איז געווען דאָקטאָר בלעס, וועלכער פלעגט קומען אַהער יעדן שבת, ד"ה איינמאָל אַ וואָך. אפילו קיין קראַנקן־שוועסטער איז נאָך נישט געווען. דער גאַנצער שטאַב איז באַשטאַנען פון דער קעכין מרס. בער־קאָוויטש, אַ רומענישע גראָבע יידענע און פון איצט אָן אויך פון מיר. מיר האָבן נישט פאַרמאָגט קיין מעדיקאַמענטן, קיין רפואות, אפילו נישט קיין טערמאָמעטערס. די פּאַציענטן האָבן זיך געפונען איןביידלעך, אין קיין נישט סאַניטאַרישע באַדינגונגען, זיי האָבן אפילו נישט געהאַט קיין שפּיי־קעסטלעך.

די ערשטע פּאָר טעג בין איך געווען פאַרצווייפלט, פּשוט נישט גע־ווּסט פון וואָס אָנצוהויבן. וועגן אַלץ האָב איך זיך געמוזט ווענדן אין לאָס אַנדזשעלעס, צום אָנפירער פון דער גאַנצער טעטיקייט פאַרן סאַ־נאַטאָריום — בערנאַרד קאָהען. ספּעציעל האָט מיך געשראָקן מיין פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פּאַציענטן. וואָס טו איך, ווען אימיצער הויבט אָן פילן שלעכט? וואָס זאָל איך טאָן אין פאַל פון אַ בלוט־שטורץ? ערשטנס האָב איך זיך געווענדט צום געזונטהייט־דעפּאַרטאַמענט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, מ'זאָל מיר צושיקן ליטעראַטור וועגן היילן טובערקולאָז קראַנקע. אויך האָב איך זיך גלייך דערוווּסט, אַז נישט ווייט פון אונדז געפינט זיך אַ גוט און רייך אויסגעשטאַטעטער סאַנאַטאָריום מיט אַ סך דאָק־טוירים. מען האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז דער הויפּט מעדיקער פון דעם סאַנאַטאָריום איז ד"ר דזשאָנסאָן. האָב איך באַשלאָסן מיט אים זיך

זען. איך האָב אים אָפּגערופן און מיר האָבן אָפּגעמאַכט ווען צו טרעפן זיך. צו דער באַשטימטער צייט בין איך צו אים געקומען. איך האָב אים דער־ציילט וועגן אונדזער אַזוי צו זאָגן סאַנאַטאָריום. ער האָט זיך שטאַרק פאַר־אינטערעסירט און מיר צוגעזאָגט אויף מאָרגן קומען. דערביי האָט ער באַמערקט, אַז ער וועט אונדז אַרויסהעלפן, מיט וואָס נאָר ער וועט קענען און קיין באַצאָלט וויל ער נישט. ער האָט אין אַלגעמיין אויף מיר געמאַכט אַ זעלטן גוטן איינדרוק. ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט און איז געקומען אויף מאָרגן, האָט אונטערזוכט אַלע פּאַציענטן, מיר דערקלערט, וואָס יעדער איינער דאַרף האָבן און איז אַריין מיט מיר אין מיין פּריוואַטן צימער. דאָרט האָט ער מיך גוט אויסגעמוסרט, פאַרוואָס מיר האָבן אַריינגענומען אַזעלכע קראַנקע, נישט האָבנדיק דאָס נויטיקסטע פאַר די פּאַציענטן. דאָך האָט ער מיך באַרויקט, אַז ער וועט קומען אָפט און וועט מיט־ברענגען דאָס, אין וואָס מיר נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק.

אויף מאָרגן איז ער ווידער געקומען מיט זיין גרויסן אויטאָמאָביל און טאַקע מיטגעבראַכט פאַר יעדן איינעם אַ טערמאָמעטער, שפּיי־קעסט־לעך, מעדיצין פאַר די, וועלכע ער האָט באַשריבן און מיר איבערגעלאָזן פאַרשיידענע רפואות אין קעסטלעך, פּעקלעך, פלעשער און האָט מיר גע־לערענט ווען און ווי אַזוי די רפואות צו באַנוצן. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אונדז געטראָפן שוין גאָר אַ גרויסער אומגליק: אונדזער סאַנאַטאָריום איז פאַרפּלייצט געוואָרן. די וואַסערן פון אונדזער טייך זיינען אַריבער אי־בער די ברעגן און פאַרפּלייצט דעם גאַנצן געגנט, אפילו פאַרפּלייצט אונ־דזער הויף און די וואַסער האָט דערגרייכט ביי אונדזערע פּאַציענטן ביז צו די מאַטראַצן פון די בעטן. מיר האָבן געמוזט די פּאַציענטן איבערפירן אין דער גרויסער הויז, אויסער איינעם, דוכט זיך ראָזענבערג, וועלכן דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט נישט צו רירן פון אָרט. די באַנגען האָבן אויפגעהערט צו גיין און מיר האָבן נישט געקענט קריגן די פּראָ־וויאַנטן פון לאָס אַנדזשעלעס. אין גרויס פאַרצווייפלונג רוף איך אָפּ אונדזער ביוראָ אין לאָס אַנדזשעלעס וועגן דעם, דערקלערן זיי מיר, אַז זיי איז אוממעגלעך צושטעלן דאָס עסן פאַר די פּאַציענטן. איך רוף אָפּ דעם גוטן ד״ר דזשאָנסאָן און ער זאָגט מיר צו ביי דער ערשטער מעג־לעכקייט צושטעלן אַלץ אין וואָס מיר נויטיקן זיך. דערווייל הונגערן מיר. אין דער פרי האָבן מיר אויפגעגעסן אַלץ, וואָס איז געווען און אויף מי־טאָג האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו קאָכן און וואָס צו געבן די פּאַציענטן, און די פּאַציענטן האָבן געפאָדערט עסן. איך דערקלער זיי די לאַגע, נאָר זיי ווילן מיך נישט הערן און צום סוף איז פאַרגעקומען אַ סקאַנדאַל. איך בין

פאַרצווייפלט און פיל זיך שטאַרק שולדיק קעגן די פּאַציענטן. איך פּרו־ביר גיין עפּעס איינקויפן קריכנדיק טיף אין וואַסער, ביז די וואַסער דער־גרייכט שוין איבער מיינע פיס און ווייטער איז נאָך טיפער און גיין דאַרף איך איבער אַ מייל איבער דער פאַרגאַסענער ווילדעניש און איך דער־שרעק זיך און קער זיך אום אין פאַרצווייפלונג צוריק אין דער גרויסער הויז. איך שעם זיך פאַר די פּאַציענטן, אָבער פאַרפאַלן — איך קען זיי נישט אַרויסהעלפן. איך רוף ווידער דעם אָפּיס, דערציייל זיי וועגן סקאַנ־דאַל, זיי גיבן מיר איבער, אַז ביי דער געגעבענער לאַגע קענען זיי מיר מיט גאָרנישט אַרויסהעלפן, און דער עולם קראַנקע פּראָטעסטירט אַלץ אויפן ענערגישסטן אופן. מיין לאַגע איז זייער שלעכט. ערשט אין דער טונקלקייט פון אָוונט האָב איך באַמערקט, ווי עס קומט צו אונדז צו אַן אויטאָמאָביל, וועלכער איז געפאָרן טיף אין וואַסער. נאָך איידער ער איז אַריין אין אונדזער הויף, האָב איך אים דערקענט, אַז דאָס איז ד״ר דשזאַנ־סאָנס אויטאָמאָביל. אויך האָב איך באַמערקט גרויסע פּעק אויפן דעכל פון אויטאָמאָביל. מיין פרייד דעמאָלסט איז שווער צו באַשרייבן. איך מיט דער קעכין זיינען אַרויסגעלאָפן אויפן הויכן גאַניק אים צו באַגעגענען און פון טיפסטן האַרצן דאַנקען. מיר האָבן באַגריסט אונדזער משיחן, אונדזער דערלייזער. אויך די פּאַציענטן האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. ער איז אַ־ראָפּ, מיר האָבן אים געהאָלפן אַראָפּנעמען די פּעק מיט ברויט, אייער, פּו־טער, קעז, פלייש, גרינס, פרוכט און אַנדערע פּראָדוקטן. דערנאָך איז ער אַריין אונטערזוכן די פּאַציענטן, געקראָכן טיף אין וואַסער אונטערזוכן ראָזענבערגן, וועלכן מיר האָבן איבערגעלאָזן אין זייןביידל. איך בין מיט־געגאַנגען, און ער האָט מיר געגעבן אַ קאָמפּלימענט, פאַרוואָס איך האָב ראָזענבערגן נישט גערירט פון אָרט. די קעכין איז אַוועק אין קיך צוגרייטן דעם אָוונטברויט פאַר די פּאַציענטן און ער איז אַריין מיט מיר אין מיין צימער און נאָך דעם, ווי איך האָב אים דערציילט וועגן דעם אויפשטאַנד פון די קראַנקע און איך האָב אים נאָך אַמאָל באַדאַנקט פאַר זיין באמת העלדישן אויפטו, האָט ער אין זיין ענטפער מיר אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער פון זיין אינטימן לעבן. מיט 8 יאָר צוריק איז געשטאָרבן זיין פרוי פון שווינדזוכט, ער האָט זיין פרוי שטאַרק געליבט. דאַן האָט ער באַשלאָסן אַוועקגעבן זיין גאַנצן לעבן פאַרן קאַמף מיט טובערקולאָז. און ער איז העכסט צופרידן צו דינען מיינע אָרעמע פּאַציענטן, מיט וואָס נאָר ער קען.

אין איינעקע טעג שפּעטער איז געקומען דער הויפּט־פאַרוואַלטער, קאַהען, און ער האָט זיך גוט אָנגעשריען אויף די פּאַציענטן פאַר זייער

סקאַנדאַל און פאַרענדיקט זיין רעדע, אַז די וואָס זיינען נישט צופרידן קענען גלייך פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. אָבער דער עולם האָט געשוויגן און זיך נישט גערירט פון אָרט. און מיט דעם איז דער אינצידענט דערליי־דיקט געוואָרן.

אין גיכן איז אָנגעקומען אַ הויז דאָקטאָר, אויך אַ קראַנקן־שוועסטער און אַן עקאָנאָמקע. יעדן טאָג האָט מען איינגעפירט אויסבעסערונגען. מען האָט אָנגעהויבן רעמאָנטירןביידע הייזער, ס׳האָבן אָנגעהויבן צוקומען נייע פּאַציענטן — אונדזער סאַנאַטאָריום האָט אָנגעהויבן וואַקסן און אָננעמען דעם פּאַסיקן אויסזען.

אָבער נישט לאַנג האָב איך דאָרט פאַרבראַכט. פון די שמועסן פון די פּאַציענטן צווישן זיך גאַנצענע טעג וועגן זייער קרענק, האָב איך אָנ־געהויבן חושד זיין זיך אַליין, אַז איך האָב זיך אָנגעשטעקט פון זיי און בין קראַנק אויף שווינדזוכט. איך האָב אפילו אָנגעהויבן דערקענען אין זיך די אַלע סימפּטאָמען פון דער קרענק. אין גיכן בין איך אַוועקגעפאָרן צו ד״ר בלעס, וועלכן איך האָב געבעטן מיך גוט עקזאַמענירן. ער האָט מיך גוט אויסגעהערט און דערקלערט, אַז „פון אַלץ קענט איר שטאַרבן, אָבער נישט פון די לונגען, וועלכע זיינען ביי אייך אייזן־שטאַרק".

דאַן האָב איך באַשלאָסן אויפגעבן מיין שטעלע און אַוועקפאָרן אין סאַן פראַנציסקאָ. פאַרן פאַרלאָזן לאָס אַנדזשעלעס האָב איך איינמאָל גע־טראָפן אין קאַר דער קעכין פון סאַנאַטאָריום. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַלע פּאַציענטן און זי האָט מיר דערציילט, אַז ראָזענבערג איז גע־שטאָרבן מיט אַ זייער ראָמאַנטישן טויט:

„איינמאָל האָבן זיי אַלע געגעסן פרישטיק. אין מיטן דרינען איז אַריין ראָזענבערגסביידל־שותף אַ צופרידענער: היינטיקע נאַכט האָט ראָ־זענבערג נישט געהוסט און אים געלאָזן שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. דער דאָקטאָר האָט גלייך אַרויסגעשיקט די באַרמהערציקע שוועסטער זען וואָס מיט אים איז. אין אַ פּאָר מינוט האָבן אַלע דערהערט אַ פאַרצווייפלטן אויסגעשריי פון דער שוועסטער און אַלע זיינען אַוועקגעלאָפן אין ראָ־זענבערגס ביידל. זיי האָבן געטראָפן אים טויט און דער שוועסטער ליגנדיק איינגעקלאַמערט אין זיינע הענט. און מיר האָבן געהאַט אַ שווערן דזשאָב פונאַנדערנעמען זיינע הענט און באַפרייען די שוועסטער, וועלכע איז גע־לעגן אַ געחלשטע. די שוועסטער, ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט דער־ציילט, אַז זי איז צוגעקומען צו אים, אויסגעהערט דעם פּולס. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און נישט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון לעבן, נאָר ווען זי האָט זיך צוגעהערט צו זיין האַרץ, האָט ער געעפנט די

אויגן, איר אַרומגענומען און שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. ער איז אויסגע־גאַנגען און זי האָט געחלשט."

פון זיך קען איך בלויז צוגעבן, אַז ער איז געווען דער אומגליק־לעכסטער פון אַלע פּאַציענטן. געראַנגלט זיך קעגן נויט גאַנצע צוויי יאָר ביז וואַנען מען האָט דעם סאַנאַטאָריום געעפנט. אַלע מאָל געווען איינער אַליין. צו אַלעמען פלעגן קומען מיט וויזיטן קרובים, פריינט, באַקאַנטע און מיט אים האָט זיך קיינער נישט פאַראינטערעסירט. אַלע פלעגן קריגן בריוו, ער קיינמאָל נישט. און מיט וואָס פאַראַ זשעדנע אויגן ער פלעגט אַלע מאָל קוקן אויף די באַזוכער און אויף די בריוו קריגער! אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך מיט אַלעמען און אַלץ אָפּגערעכנט, נקמה גענומען.

קאַפּיטל 45

סאַן פראַנציסקאָ

די רייזע פון לאָס אַנדזשעלעס קיין סאַן פראַנציסקאָ האָב איך געמאַכט מיטן בילִיקסטן וועג, ד"ה איבערן וואַסער מיט אַ שיף, און נאָך מיט דער ביליקסטער שיף — אַ פראַכט־שיף. אַ לאַנגע און נודנע רייזע איבערן ים. איך בין פאַרפאַרן צו מיין שוועסטער טאַניע מישקין, אַ וווּנדערבאַרער גוטער און שיינער מענטש, אַט טאַקע די זעלביקע ביי וועלכער איך האָב געוווינט אין סענט לואיס. זי איז אַריבערגעפאָרן אין סאַן פראַנציסקאָ, ווו זי האָט זיך נוצלעך געמאַכט אַלס אַקושערין, דאָס מאָל האָב איך שוין איר געלאָזט וויסן אין פאַרויס, אַז איך קום צוריק צו איר. זי האָט זיך מיט איר ברודערס קומען זייער דערפרייט. אין אָוונט האָט זי געפראַוועט אַ גאַנצן יום טוב אויף וועלכן זי האָט איינגעלאַדן אירע פריינט און נאָענטע באַקאַנטע און איך האָב זיך באַקאַנט מיט דער סאַן פראַנציסקער יידישער אינטעליגענץ.

אין אַ פאָר טעג שפּעטער האָב איך שוין געקראָגן אַרבעט אַלס אַ צושניידער פון שניפּסן און געקראָגן בעסער באַצאָלט ווי אין ניו יאָרק, סענט לואיס און שיקאַגאָ. אויך די באַדינגונגען פון דער אַרבעט זיינען געווען בעסערע ווי דאָרטן. קיינער האָט מיך נישט געיאָגט און נאָך אַ טאָג אַרבעט פלעג איך קיינמאָל נישט זיין פאַרמאַטערט. מיין שאָפּ האָט זיך געפונען אין אַ שיינעם גאָרטן. די הויז איז געווען מיט אַ סך גרויסע פענצטער און ביי דער אַרבעט האָב איך זיך געפונען ווי אויף אַ דאַטשע.

די שטאָט סאַן פראַנציסקאָ איז אין יענער צייט געווען די גרעסטע שטאָט פון ווייטן מערב, אַ סך מער אינדוסטריעל פון לאָס אַנדזשעלעס. זי האָט פאַרמאָגט איינעם פון די גרעסטע פּאָרטן אין אַמעריקע, גרויסע שיף־בוי וואַרשטאַטן און קאָלאָסאַלע האָלץ זעגערייען. אַהער פלעגן אָנקומען שיפן פון דער גאַנצער וועלט, מערסטנס שיפן פון זיד־אַמעריקע, פון כינע, יאַפּאַן און פון וואַנען נישט? און דערפאַר האָט מען אומעטום געקענט טרעפן מאַטראָסן און פּאַסאַזשירן פון די פאַרשידנסטע נאַציאָנאַליטעטן פון דער וועלט. ווי אַ פּאָרט שטאָט פאַרמאָגט סאַן פראַנציסקאָ

די פאַרשידנסטע אַמוזירונגס פּלעצער: רעסטאָראַנען מיט מוזיק און שאַנ־סאָנעטקעס, פריילעכע קאַפעטעריעס, שענקען, טאַנץ־פּלעצער, טעאַטער רעסטאָראַנען ווו עס שוויבלט און גריבלט מיט מיידלעך פון לייכטער אויפֿ־פירונג און די אויפגאַבע פון די מיידלעך איז טאַקע אַמוזירן די געסט און מאַכן זיי וואָס מער אויסגעבן געלט פאַר עסן און טרינקען. סאַן פראַנ־ציסקאָ האָט דאַן געשמט מיט איר גרויסער צאָל פּראָסטיטוציע־הייזער. אַ גאַנצער טייל פון שטאָט, דעם „באַרבאַרישן ים־ברעג", האָט סאַן פראַנ־ציסקאָ פון זיך אויסגעטיילט פאַר די ווילדע אַמוזירונגס־פּלעצער.

די גאַנצע שטאָט האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ גרויסן, גאָר אַ גרויסן האָטעל. און אין דער אמתן האָט אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג געוווינט אין האָטעלן, אַריינפאָר־הייזער, פריוואַטע הייזער אויסגעמעבלירט ווי האָטעלן, אַפּאַרטאַמענט הייזער איינגעאָרדנט אַזוי, אַז זיי מאַכן אַן איינדרוק, אַז די צימערן זיינען נומערן אין האָטעלן. מען האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין מעבל, עסן, געשיר, ווייל די אַפּאַרטאַמענטן זיינען געווען באַזאָרגט מיט אַלץ וואָס איז נויטיק און אַלץ וואָס מען דאַרף האָבן אין באַלעבאַטישקייט. פאַר דריי דאָלאַר אַ וואָך האָט מען געקענט דינגען אַזאַ אַפּאַרטאַמענט פון דריי צימערן. פאַר 50 דאָלאַר אַ חודש האָט מען געקענט קריגן די שענסטע דירה מיט אַלעם פּאַרטיקן. סאַן פראַנציסקאָ אַליין איז אַ מאַלעריש שיינע שטאָט, וועלכע האָט זיך צע־שפּרייט איבער אַ סך בערג און טאָלן. אומעטום גרינען אַ גאַנץ יאָר ביימער, בלומען, גראָזן.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען אין סאַן פראַנציסקאָ, נישט לאַנג נאָך דער וועלט באַוווסטער ערד־ציטערניש, האָב איך געטראָפן גאַנ־צע געגנטן פאַרוויסט, רוינירט, די הייזער פאַרניכטעט. פון זיי זיינען בלויז פאַרבליבן ציגל און אייזן, פונאַנדערגעוואָרפענע איבער די הויפן. די מערסטע חורבות זיינען געווען אַרומגעצאַמט, ווייל ס'איז נאָך געווען אַ געפאַר צו גיין צו זיי, אַז מען זאָל נישט דערהרגעט ווערן פון די פאַלנדע ציגל פון די חרובע ווענט. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי די אויסגעגראָבענע שטאָט פּאָמפּיי, וואָס מען ווייזט איצט אין איטאַליע. ס'איז פאַר מיר געווען אַ שווידערלעכע איבערלעבונג צו גיין איבער די גאַסן וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן פון דער ערד־ציטערניש. אַלע אונטערן פרישן איינדרוק פון דער גרויזאַמער קאַטאַסטראָפע, האָבן דערציילט מעשיות פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען און דורכגעמאַכט: מעשיות און מעשיות אָן אַ סוף און פון יעדער מעשה גליווערט די בלוט אין די אָדערן. און ביז היינט צו טאָג

װײַסט מען נישט װיפֿל טױזנטער מענטשן האָבן פֿאַרלאָזן זײערע לעבנס אין יענער קאַטאַסטראָפֿע.

אָבער צו דער זעלביקער צײַט האָט מען געקענט זען װי סאַן פֿראַנציסקאָ קומט צוריק צו זיך פֿון דער ערד־ציטערניש. טױזנטער הײַזער בױען זיך, הױפֿן װערן אױסגערײניקט, די חורבות פֿאַרשװינדן, אומעטום אַרבעט מען אינטענסיװ צו רעסטאַװרירן די שטאָט. און מען בױט שױן אין אָנבליק פֿון דער ערד־ציטערניש אַנדערע סאָרטן הײַזער, װעלכע זאָלן קענען קעמפֿן מיט אַזעלכע קאַטאַסטראָפֿעס אין דער צוקונפֿט, זײ זאָלן זיך קענען שאָקלען, אַפֿילו בױגן און נישט אײַנפֿאַלן, „סענדװיטש הײַזער", װי מען רופֿט זײ. די װענט זײַנען פֿון ציגל, אין מיטן זײַנען זײ פּוסט און די פּוסטקײט װערט אָנגעפֿילט מיט זאַמד.

אומעטום האָט מען געאַרבעט. מען האָט צוריק אָנגעהױבן אױפֿשטעלן נײַע הײַזער אױפֿן אָרט פֿון די צעװאָרפֿענע. די געפֿערלעך קראַנקע שטאָט האָט איבערגעטראָגן דעם קריזיס און הױבט אָן קומען צוריק צו אירע אַמאָליקע כּוחות. די רײַכע, װאָס זײַנען אַנטלאָפֿן גלײַך נאָך דער ערד־ציטערניש, קערן זיך אום צוריק און בױען אױף זײערע הײַזער נאָך מיט מער גלאַנץ און פּראַכט. עס בױען זיך נײַע האָטעלן, נײַע רעסטאָראַנען, נײַע געשעפֿטן און קראָמען.

סאַן פֿראַנציסקאָ איז פֿון דרײַ זײַטן אַרומגערינגלט מיטן ים. און דער ים הערט זיך אין שטאָט מיט זײַן גערױש, מיט זײַן רעװען. און די סאַן פֿראַנציסקאָנער האָבן זײער ליב דעם ים, און װען נאָר זײ האָבן צײַט פֿאָרן זײ צו אים צו גאַסט, ספּעציעל שבת און זונטיק און אין אַלע יום טובֿים, װען אַלע ברעגן זײַנען איבערפֿולט מיט מענטשן אַ גאַנצן טאָג און אַנדערע זיצן דאָרטן אָפֿט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער דער באַליבטסטער פּלאַץ פֿאַר אַלעמען איז לעבן די סוטראָ בערג. סוטראָ איז גראַדע געװען אַ ייִד. ער האָט זיך פֿאַרזינדיקט אין זײַן געבורטסלאַנד — דײַטשלאַנד מיט זײַן אָנטײלנעמען אין דער רעװאָלוציע פֿון 1848 און איז אַנטלאָפֿן אין אַמעריקע. לױט דער פּראָפֿעסיע איז ער געװען אַן אינזשעניער. נאָך אַ לענגערער צײַט פֿון אַרומװאַנדערן איבער אַמעריקע איז ער געקומען אין קאַליפֿאָרניע, װוּ ער איז געװאָרן אַ גאָלד זוכער. און אים האָט אױסערגעװײנלעך אָפּגעגליקט. ער איז געװאָרן אײנער פֿון די רײַכסטע גאָלד זוכער און אײנער פֿון די רײַכסטע לענדלאָרדס פֿון סאַן פֿראַנציסקאָ און צו אים האָט געהערט זײער אַ גרױסער טײל פֿון דער שטאָט סאַן פֿראַנציסקאָ. פּראָמינענט איז ער געװאָרן אױף אַזױ פֿיל, אַז מען האָט אים דערװײלט אַלס גאָװערנאָר פֿון שטאָט. פֿאַרן טױט האָט ער אַלץ,

וואָס האָט באַלאַנגט צו אים, איבערגעגעבן אַלס מתנה דער שטאָט און ביז היינט גייט מען אין מאַסן אין די סוטראָ בעדער, מען קריכט איבער די סוטראָ בערג, מען גייט זען דעם סוטראָ מוזיי, ווו אויסער אַלץ געפינען זיך אייניקע גאָר וויכטיקע העברעיִשע מאַנוסקריפּטן, גרויסע זעלטנהייטן, וואָס האָבן באַלאַנגט צום פאַרשטאָרבענעם סוטראָ.

דער סוטראָ געגנט איז איינער פון די שענסטע אין סאַן פראַנציסקאָ. בערג. אויף די בערג אַ וווּנדערבאַרער פּאַרק מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר די באַזוכער. פון די בערג זעט זיך אַרויס דער פּאַסיפיק אין דער לענג און ברייט אויף צענטליקער מייל. נישט ווייט פון ברעג אין ים געפינען זיך הייזער, וועלכע די ים־לייבן האָבן פאַר זיך אויסגעבויט. מען זעט די ים־לייבן אין צענדליקער, שווימענדיק מיט די אַרויסגעשטעלטע קעפּלעך אַרום זייערע הייזלעך, אָדער שפּילנדיק איינע מיט די אַנדערע, אָדער גלאַט וואַרעמענדיק זיך אויף דער זון. זיי זיינען אַזוי גראַציעז און שיין, אַז מען מוז זיך אָפּשטעלן און אַ לאַנגע צייט זיי באַטראַכטן און מען קען זיך פאַר קיין פאַל פון זיי נישט אָפּרייסן. דער ים איז שטורמיש, רוישנדיק, די כוואַליעס זיינען הויכע און טויזנטער מענטשן זיצן ביים ים־ברעג, אָ־דער אויף די סוטראָ בערג באַוווּנדערנדיק דעם ים און די לייבן. נישט ווייט פון דאַנען זעט זיך דער „גאָלדענער צאם" (גאָלדען גייט). דאָ קו־מען זיך צונויף די ברעגן פון ים אַזוי נאָענט, אַז עס פאַרבלייבט נאָר אַ שמאָלער וואַסער־פּאַס, דורך וועלכן די שיפן פון די ווייטע לענדער מוזן דורכגיין, כדי אָפּצושטעלן זיך אין סאַן פראַנציסקער פּאָרט. און דאָ טאַקע געפינען זיך די אונטערערדישע פעסטונגען „פּרעזידיאַ", וועלכע פאַר־טיידיקן די סאַן פראַנציסקער ברעגן קעגן אַריינדרינגונג פון שונאים אויף די ברעגן. דאָ, אין פעסטונג, געפינען זיך די אַלע סאַן פראַנציסקער סאָל־דאַטן. אין דער פעסטונג בין איך געווען צוויי מאָל, און זי האָט אויף מיר אַן אומגעהויערן איינדרוק געמאַכט. ספּעציעל האָט מיר אימפּאָנירט ווי די סאָלדאַטן לעבן דאָרט. זיי געפינען זיך ווי אין אַ האָטעל אין באַזונדערע צימערן. גוטע בעטגעוואַנט, מאָדערנע מעבל, אין די צימערן אויפן טיש ביכער, צייטונגען. דאָס עסן אַזוי ווי אין דעם בעסטן רעסטאָראַן. זיי קריגן אויך אַ גוטן געהאַלט. לעבן ווי ציוויליזירטע מענטשן דאַרפן לעבן, נישט ווי אין דער מינסקער קאַזאַרמע, ווו איך האָב פאַרבראַכט אַ יאָר אויף די האַרטע נאַרעס אָן אַ מאַטראַץ און אָן אַ קישן און געגעסן האָב איך יעדן טאָג פאַרשטונקענע קרויט מיט קאָרענעם אַלטן ברויט, אָדער סוכאַרעס.

פון ים־ברעג קען מען דייטלעך זען ווייט איבערן וואַסער, אויפן צווייטן ים־ברעג, „די שלאָפנדיקע פּרינצעסן", אַ נאַטור ווונדער. אויפן שפּיץ

פון אַ הויכן באַרג זעט זיך אַרויס, דורך אַן אויסערגעוויינלעכער קאָמבי־נאַציע פון בערגיקער נאַטור, אַ פיגור, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ גיגאַנטישע פרוי, וואָס ליגט אַ הוילע אויסגעצויגן איבערן באַרג מיט אי־רע לאַנגע האָר צעשפרייט איבער די זייטן פון באַרג. איר קענט באַשיי־פערלעך זען איר גאַנצן קערפּער: דעם קאָפּ, די אויגן, דעם נאָז, די הענט, די פיס, די ברוסטן און זי זעט אויס אַזוי רעאַל און לעבעדיק, אַז דו באַ־מערקסט ווי די ברוסטן הויבן זיך אויף און לאָזן זיך אַראָפּ פון איר אָטע־מען. די אַמאָליקע אינדיאַנער האָבן די פיגור אַ נאָמען געגעבן „די שלאָפנדי־קע פּרינצעסן" און זיי האָבן געשאַפן אַ סך לעגענדעס און מעשיות וועגן איר. אָבער ווונדערבאַר איז, וואָס די פיגור זעט אַזוי אויס בלויז פון דער־ווייטנס. מיר איז אייניקע מאָל אויסגעקומען זיין נאָענט פון איר און וויפל איך האָב נישט געזוכט, האָב איך איר נישט געקענט געפינען.

סאַן פראַנציסקאָ איז נאָך מיין מיינונג איינע פון די שענסטע שטעט אויף דער וועלט. א שטאָט צעשפּרייט איבער בערג און טאָלן און ארומגערינגלט מיטן ים. און פון ים זעען זיך אַרויס די הויכע בערג, וועלכע פאַרשטעלן דעם גאַנצן האָריזאָנט. מיר איז אויסגעקומען צו קלעטערן איבער די בערג, וועלכע שפּאַרן אריין זייערע שפּיצן אין די הימלען. אַרויפשטייגן איבער זיי איז נישט קיין גרינגע אַרבעט. איינמאָל האָב איך אָנגעהויבן צו קלעטערן אויף אַזאַ הויכן באַרג אין דער פרי און איך האָב ערשט צום אָוונט דערגרייכט דעם שפּיץ זיינעם. אויף טויט אַ פאַרמאַטערטער בין איך אַריין אין האָטעל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שפּיץ באַרג. איך האָב גענומען א צימער, זיך גלייך אריינגעוואָרפן אין בעט און אָפּגעשלאָפן דאָרטן די גאַנצע נאכט מיט אַ סמיטשיק און אין דערפרי האָב איך זיך געלאָזן צוריק אין וועג אַריין באַרג אראָפּ. און דער וועג איז זייער אַ גע־פערלעכער. מען איז די גאנצע צייט פון גיין אָנגעשטרענגט אויפן העכסטן גראַד, נישט צו פאַרטשעפּען זיך אָן עפּעס, נישט א גליטש טאָן זיך און נישט אראָפּפאלן ערגעץ אין אן אָפּגרונט. פאראן ערטער ווו מען דאַרף קלעטערן אויף משופּעדיקע ווענעלעך און אויף יעדן טראָט לויערט אויף דיר דער טויט. פּשוט מען קריכט אויף שיבעלניצעס. און דאָס קלעטערן אויף די בערג איז דער באליבטסטער ספּאָרט פון דער סאַן פראַנציסקער יוגנט.

דער קלימאַט אין סאַן פראַנציסקאָ איז פאר מיר געווען א סך אָנגענע־מער ווי אין לאָס אַנדזשעלעס. ס'איז טאַקע הייס, אָבער א סך קילער ווי אין דער מלאכים שטאָט. און די ווינטן זענען קילער אין דער פרי און נאָך אַ האַלבן טאָג בלאָזט פון ים אַן אָנגענעמער אָפּפרישנדיק ווינט. ביינאַכט,

אַפּילו זומער־צייט איז א פארגעניגן צו שלאָפן און אין רעגן סעזאָן איז גאַנץ קיל. דעם רעגן־סעזאָן רופט מען ווינטער, וועלכער ציט זיך פון דע־צעמבער ביז פעברואַר. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען — אונדזערע ניו־יאָרקער, ווען זיי קומען אין סאן פראנציסקאָ, טרייסלען זיך די ערשטע דריי פיר חדשים פון קעלט, און נאָך לאָס אנדזשעלעס, ווו עס ברענט און בריט כמעט א קיילעכדיקער יאָר, איז סאן פראנציסקאָ פאר מיר געווען פשוט אַ דערקוויקונג, אַ דערפרישונג.

דאָס לעבן אין סאן פראנציסקאָ איז אין גאנצן אַן אנדערער ווי אין לאָס אנדזשעלעס, וואָס האָט אין מיין צייט געליטן שטארק פון פּראָווינציאַליזם, פון מאָראַלישקייט, עפּעס א מין פרומקייט, צוריקגעהאלטנקייט. אין סאן פראַנציסקאָ איז פאַרקערט. דער עולם פילט זיך גרויס שטאָטיש, פון פרומקייט, מאָראַל, צוריקגעהאלטנקייט האָט ער נישט געהאלטן און ווי אויבן באמערקט, איז דער גאַנצער לעבן געווען אַ האָטעל לעבן.

אויף מיר פערזענלעך האָט קאַליפאָרניע גוט געווירקט. איך האָב גע־קראָגן א דראנג צו שרייבן. איך האָב אָנטייל גענומען אין דער לאָקאלער צייטונג „די קאַליפאָרניער שטימע", אין לאָס אנדזשעלעסער „פּראָגרעס", אין זשיטלאָמירסקעס „דאָס נייע לעבן", אין א סאָציאַליסטישער צייטונג אין שיקאגאָ, אין דער „פרייער ארבעטער שטימע" אין אונדזער פאַרטיי־זשורנאַל אונטער גלאַנצ'ס רעדאקציע „דאָס נייע וואָרט", רעגלמעסיק אין „פאָרווערטס" און אין אַנדערע אויסגאבן.

קאַפּיטל 46.

אין ניומאַן, קאַליפאָרניע

אָפּגעוועזן אנדערהאלבן יאָר אין סאַן פראַנציסקאָ האָט זיך מיר ווידער שטארק פארוואָלט ערגעץ פאָרן. מיר איז דערעסן געוואָרן די ארבעט, די שטאָט, אפילו מײַנע פריינט און באַקאַנטע. האָב איך אָפּגערעדט מיט מײַנעם א לאַנדסמאַן און פריינד יודל שאַפּיראָ אוועקלאָזן זיך איבער קאַליפאָרניע. מיר האָבן בײדע געהאַט א ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, פון וואָס מיר האָבן בײדע שטארק נישט געהאַלטן און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַן און זאָל זי אונדז פירן. מיר האָבן גענומען די ריכטונג צו יאָסעמיט וואלי, די וואלי, וואָס איז אזוי באַזונגען אין דער אמעריקאַנער ליטעראַטור. פאָרן מיר. וואָס ווײַטער, מיר פאָרן אַלץ מער שײַנט און וואַרימט די זון און די פּאַנאָראַמע ווערט שענער און שענער. אומעטום בליט און וואַקסט, אומעטום ברײַטע, לאַנגע „רענטשעס" — די קאַליפאָרניער גרינס און פרוכט פעלדער און וועלדער און זײ זענען אַזוי רײַך, אַזוי קאָלירפול אַז בלויז אין טראָפּישע לענדער קענסטו אַזאַ רײַכקײט און שײנקײט אָנטרעפן. און פון די גערטנער און סעדער הערט זיך א פאַרשידנאַרטיקסטער געזאַנג, פּישטשערײַ, זשומערײַ. און אונדזער באַן לויפט צווישן די אָרענדזש וועלדער. גאָט מײַנער, וויפל אָרענדזשעס עס ליגן אויפן וועג! כאַפּט נעם זעק, גײ אַראָפּ און קלײַב זײ צענויף.

אָפּגעפאָרן א שעה פינף־זעקס פאָרן מיר אַרײַן אין א סטאַנציע, וואָס הײסט ניומאַן.

— ווײסט וואָס יודל — זאָג איך צו אים — לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן. ער שטימט אײַן און מיר גײען אַראָפּ פון באַן. צוערשט זענען מיר אַרײַן אין כינעזישן רעסטאָראַן אָפּעסן. דערנאָך האָבן מיר א פּאָר מאָל דורכשפּאַצירט די שטעטל אין דער לענג און אין דער ברײט און זי האָט אויף אונדז א וווּנדערבאַרן אײַנדרוק געמאַכט. אַלץ איז אײַנגעטונקט אין בלומען, בײמער, שײנע, גרויסע הײַזער פאַררוקט טיף הינטער די בײמער. אין שטעטל הערשט אַזאַ שטילקײט, אַז דאָס קלענסטע גערויש שאַפט א דיסאָנאַנס. מיר גײען אַרײַן אין א פּאָר קראָמען, קויפן זיך עפּעס פרוכט

און קייענדיק שפּאַצירן מיר ווידער. סיי ווי סיי, זעט מען קיינעם נישט, א טויטע שטעטל. און דאָס אימפּאָנירט אונדז מער פון אַלץ. און מיר קע־נען דאָ קיינעם נישט און קיינער קען אונדז נישט. מיר גייען צו צום באַן. דער טרעגער האָט נישט וואָס צו טראָגן און ער ליגט אויסגעצויגן אויפן גראָז. מיר גייען צו, זעצן זיך אוועק לעבן אים און עס פארבינדט זיך אַ געשפּרעך. מיר שטעלן פראַגעס און ער ענטפערט אונדז. און פון די ענט־פערס דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס שטעטל פארמאָגט א זעקס טויזנט איינ־וווינער, אַלע אַמעריקאַנער פון דור דורות, אָבער זיי שטאַמען פון פּאָר־טוגעזישע און שפּאַנישע אימיגראַנטן, וואָס זענען געקומען אהער מיט הונ־דערטער יאָרן צוריק; אויך זענען דאָ א סך אין וועלכע עס פליסט אינדו־טישע בלוט צוגלייך מיט די בלוטן פון די שפּאַניער און פּאָרטוגעזער. פאַ־ראַן דאָ אויך אין א קליינער צאָל גריכן, איטאַליענער און אידן.

ווער זענען דאָ די יידן?

דער אַלטער ניומאַן מיט זיינע קינדער און אייניקלעך, זייערע פרויען מענער און קינדער. ער איז זייער רייך. האָט א דעפּארטמענטס געשעפט, ווו מען קען קריגן אַלץ, אין וואָס נאָר די באַפעלקערונג נויטיקט זיך. האָט אַ באַנק און אָט דעם ניומאַנס פאָטער איז געווען דער גרינדער פון דער שטעטל — איר ערשטער איינוווינער. מיט א הונדערט יאָר צוריק קומט א דייטשער ייד אין אַמעריקע. ער וואנדערט איבער אמעריקע, ביז ער קומט אָן אין קאַליפאָרניע. ער איז געווען פון די גאָלד־זוכער. וואנדערט איבער קאַליפאָרניע ביז ער קומט אָן אין אָט דער געגנט, וועלכע פארכאפּט אים און ער באשליסט דאָ בלייבן. די רעגירונג גיט אים א גרויס שטיק לאַנד. ער פארפלאנצט א גרויסן רענטש, בויט זיך אויס א הויז, עפנט א שפּייז קרעמל און די אַרומיקע רענטשערס קויפן ביי אים. דער פּלאַץ ווערט באַוווסט אַלס ניומאַנס פּלאַץ. שפּעטער פירט מען דורך אַ באַן פון שיקאַגאָ ביז סאַן פראַנציסקאָ און דאָ ווערט א סטאַנציע, וועלכע מען גיט א נאָמען ניו־מאַן. און דאָ באַזעצן זיך אַלץ מער און מער מענטשן, מערסטנס פון שפּא־נישן און פּאָרטוגעזישן אָפּשטאַם און מיט דער צייט ווערט דאָ א שטעטל און די פּראָמינענטסטע איינוווינער זענען די ניומאַנס. זיי זענען די פירער פון דער שטעטל־פּאַרוואַלטונג מיט אַלע אירע אָפּטיילונגען, די רייכסטע מענטשן אין שטעטל און צו דער זעלביקער צייט די אממיינסטן רעספּעק־טירטע מענטשן.

איך בין מיט יודלען אַוועק צו אַ פּלאַץ, וועלכן דער טרעגער האָט אונדז אָנגעוויזן, אַז דאָרטן קען מען שלאָפן פאר 25 סענט א נאַכט. אָנגע־קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אין טיר, ערשט קיינער ענטפערט נישט. באשליסן מיר.

אַז די באַלעבאָסטע האָט געמוזט ערגעץ אַוועקגיין, און מיר וועלן דאָ אויפן גאַניק צוואַרטן ביז זי וועט קומען. מיר זעצן זיך אַוועק אויף די שטולן אויפן פּאָרטש און טיילן זיך מיט די איינדרוקן פון טאָג. מיר האָבן גערעדט אפשר א צען מינוט — ערשט מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר, עס לויפט ארויס עפּעס אַ מאַן מיט קוטשעראַווע געלע האָר, און אויפן פּנים האָט מען גרינג געקענט באמערקן, אַז ער איז ערשט פון שלאָף אויפגעשטאנען און א קוק טוענדיק אויף אונדז, האָט ער מיט גרויס פארוואונדערונג און באַגייסטערונג אויסגעשריען: „טאַקע יידן! שוין אַכט יאָר ווי איך וווין דאָ און פאר דער גאנצער צייט האָב איך דאָ קיין איין יידן נישט געטראָפן. קומט זשע אריין צו מיר”. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן ליכטיקן צימער, וועלכער האָט אויסגעזען ווי א גומער אין אַ האָטעל. צווישן אנדערע זאכן האָב איך אויפן קאָמאָד דערזען בילדער, גרויסע בילדער. ער האָט באמערקט מיין נייגעריקייט און מיר, אָנווייזנדיק אויף די בילדער, דערקלערט: אָט די איז מיין פרוי, אָט די זענען מיינע זין. פיר זין האָב איך און דריי פון זיי גייען אין קאלעדזש, דער פערטער איז נאָך א האי־סקול־באָי. און אָט יענע זענען מיינע עלטערן. אויך זענען דאָ געווען בילדער פון זיינע ברידער, שוועסטער, פעטערס און מומעס. נאָר אויף איין בילד האָט ער מיר נישט געזאָגט ווער זי איז. און גראדע איז זי מיר געווען טשיקאווע, ווייל זי האָט נישט געהאט קיין יידישן פּנים, נאָר האָט אויסגעזען, ווי א ריין־בלוטיקע אַמעריקאנערין. נישט, איז נישט. אונדזער נייער באקאנטער, וועמעס פאַמיליע־נאָמען איז געווען פליישמאן, איז ארויסגעלאָפן עפּעס איינקויפן און איז אין גיכן געקומען צולויפן מיט א גאנצן פּאק עסנווארג, פון דאָס שענסטע און בעסטע, און מיר זאלבעדריט האָבן געגעסן א וואונדערבאַרן מאָלצייט. ער האָט דערציילט וועגן זיך. ער איז אַ סלאָבאָדקער, וואָס לעבן קאָוונע. געלערנט זיך ביי גוטע מלמדים און אויך באזוכט די קאָוונער ישיבה. לויטן פאַך איז ער דאָרט געווען אַ משורר ביים קאָוונער חזן. צו 17 יאָר איז ער געקומען אין אַמעריקע, געארבעט אין שאָפּ און זיך געלערנט ענגליש. זיינע גרינע יאָרן האָט ער פארבראכט אין באָסטאָן, ווו ער איז מיט דער צייט געוואָרן פאר דער רעגירונג אן איבערזעצער ביים אָנקומען אין אמעריקע עמיגראנטן, יידן און לאטישן. ער האָט חתונה געהאט, זיין ווייב האָט אים געבאָרן פיר טייערע יאטן. זיין געהאלט איז געווען א קליינע, האָט ער פאַרלאָזן באָסטאָן און זיך אוועקגעלאָזן איבער אמעריקע זוכן זיין גליק. און גאָט צו דאנקען: ער האָט זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן. ער איז שוין דאָ אין ביומאן אכט יאָר, ער ארבעט פאר לעסערס פלייש מארקעטס. ער קויפט דאָ אין דער געגנט אויף בהמות, שעפּסן, אָקסן, קעלבער, טויט זיי,

שינדט זיי אָפּ און שיקט דאָס פליישׁ אַוועק לעסערן. ער פאַרדינט גאָט צו דאַנקען א שיינע פּאָר הונדערט דאָלאַר א וואָך. די צרה איז, וואָס נישט זיין פרוי און נישט זיינע זין, ווילן זיין דאָ. מיט א פיר יאָר צוריק זענען זיי דאָ געווען א האלב יאָר, און יעדן טאָג האָבן זיי געוואָלט צוריקפאָרן אין באָסטאָן. זיי קענען דאָ נישט זיין. שיקט ער דער פרוי אַלע וואָך אַ באַשטימטע סומע און ער איז צוליב פרנסה, אָפּגעזונדערט פון זיין משפחה. שוין פיר יאָר זיי נישט געזען...

די לענד לײדי איז שוין לאַנג געקומען, ער איז צו איר ארויס, זי האָט אונדז געגעבן צוויי צימערן. אין פינף מינוט שפּעטער זענען מיר שוין גע־ווען פארזונקען אין טיפן שלאָף

צוויי טעג האָט מר׳ פליישמאַן געפּייערט אונדזער קומען. מיט אונדז געגעסן געטרונקען, מיט אונדז אומגעפאָרן אויף זיין אויטאָמאָביל, אויף זיין בריטשקע און אפילו מיר האָבן געמוזט צוזאמען מיט אים פאָרן איינ־קויפן בהמות. און אין וועג דערציילט ער אונדז וועגן אונדזער גוטן יידישן גאָט.

איינמאָל פאָרט ער אום א גאנצן טאָג און האָט אפילו קיין קעלבל נישט געקראָגן צום קויפן. אויפן הארצן איז געווען טרויעריק, זיין גאנץ וועזן האָט געוויינט. מיט אמאָל, נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער אָנגע־הויבן זינגען „מאין יבא עזרי?״ מיטן הארציקן און וויינענדיקן מאָטיוו פון זיין קאָוונער חזן. גלייך, ווי ער האָט פארענדיקט זינגען, האָט זיך פון צווישן די אָרענדזש ביימער צו אים דערנענטערט א פארמער און פרעגט אים צי ער קויפט בהמות און דערוויסנדיק זיך, אז דאָס איז זיין באַשעפ־טיקונג, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף פליישמאַנס טראָק און געוויזן אים ווי צו פאָרן צו זיין רענטש.

און גאָט האָט מיר פאר מיין צער און געבעט גוט באַפרידיקט. פון דעם וויזיט האָב איך געמאַכט איבער אַ הונדערטער, — האָט פליישמאַן פאַר־ענדיקט זיין מעשה.

און איינמאָל אויף מיין באַמערקונג, אַז דאָ זענען דאָך פאַראַן נאָך יידן — די ניומאַנס און דאָברזשינסקעס, האָט ער זיך פון זיי אויסגעלאַכט — יידן, יידן, זייערע אורעלטערן זענען געווען יידן, אַליין זענען זיי גויים, וויסן נישט פון אַ יידישן אות, וויסן גאָר נישט פון יידישקייט און זענען נאָך דער־צו גרויסהאלטער. זיי שטייט נישט אָן צו רעדן מיט מיר.

אין גיכן האָט יודל פאַרלאָזן דאָס שטעטל, זיך אומגעקערט צוריק אין סאַן פראַנציסקאָ. איך האָב זיך ארויסגעצויגן פון מיין האָטעל אין א פּריוואטע הויז און פליישמאַן פלעגט אָפט צו מיר קומען — מיר „אַרויסנע־

מען" פאַר אַ „גוד טיים". דערווייל בין איך געוואָרן אַ ניומאַנער בירגער. די לאָקאַלע צייטונג האָט באַריכטעט וועגן מיין קומען. די ביבליאָטעקאַרן פלעגט אָפט אויסשרייבן פאַר מיר די נייסטע ביכער פון די ביבליאָטעקן פון די גרויסע שטעט. מען האָט מיך איינגעלאַדן אין דער מיטל שול צום גראַדואירונגס יום־טוב. איך בין צוזאַמען מיט אַלעמען געפאָרן צו אַ פיקניק אין אַ דערבייאיק שטעטל לאָס באַגאָס. איך האָב זיך דאָ דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער און ביז היינטיקן טאָג קען איך נישט פאַרגעסן די גאַסטפריינטלעכקייט פון דער ניומאַנער באַפעלקערונג. איינמאָל אין דער פרי קומט צו מיר פליישמאַן און בעט מיך איך זאָל צופאָרן מיט אים צום באַן — ער וויל באַגעגענען זיין באַקאַנטער. איך פאָר צו. ערשט ווען מיינט איר, האָב איך באַגעגנט? אָט די קריסטן, וועמעס בילד איך האָב געזען אויף זיין קאַמאָד. מיר זענען צוגעפאָרן צו איר הויז און זי האָט אונדזביידן געבעטן אַריינקומען. איך האָב באַמערקט אַז זיי זענען אין די פריינדלעכסטע באַציונגען. מיר האָבן געגעסן אַ גוטן מיטאָג און גייענדיק אַהיים, האָט ער מיר דערציילט, אַז זי איז זיין בעסטע פריינדין און האָט אים אַפילו געשענקט אַ גרויסן רענטש פון אַכט הונדערט אַקער לאַנד. קענטיק, אַז גאָט האָט זיך נאָך אַמאָל צוגעהערט צו זיינע האַרציקע תפילות, וואָס ער האָט אויסגעזונגען מיט די נגונים פון קאָוונער חזן...

נו, איז דאָרטן געוואָרן הייס — נישט אויסצוהאַלטן. גאַנצענע טעג פלעג איך גיסן אויף זיך קאַלטע וואַסער פון קראַן. און מיר האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט צו באָדן זיך אין טייך. נאָר פליישמאַן האָט מיר פון דעם אָפּ־געהאַלטן. ס'איז אַזאַ טייך, האָט ער מיר דערקלערט, וואָס נעמט אַריין מענטשן, אָבער לאָזט זיי נישט אַרויס קיין לעבעדיקע. נאָר איינמאָל האָב איך באַשלאָסן וואָס עס זאָל נישט זיין מוז איך גיין באָדן זיך, און ווען איך האָב דאָס אים קאַטעגאָריש דערקלערט, האָט ער מיר געראַטן איבערלאָזן ביי אים דעם אַדרעס פון מיינע קרובים. איך האָב דאָס אים צוליב געטאָן און איבערגעלאָזן דעם אדרעס פון מיין שוועסטער אין סאַן פראַנציסקאָ.

און איך בין אַוועק. דריי מייל האָב איך געדאַרפט גיין אין אַ הויכן גראָז, וואָס איז געווען העכער פון מיר. און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט פון זשול ווערנס אַ באַשרייבונג פון דעם געגנט. צווישן אַנדערס שרייבט ער, אַז אין די סטעפּעס געפינען זיך די ברילן־שלאַנגען, וועלכע מאַגנעטיזירן דעם פאַרבייגייענדן אַזוי, אַז ער קען ווייטער נישט גיין און נישט אַנטלויפן. רוקן זיי אים אַריין דעם גיפט פון זייער צינגל און דער פאַרבייגייער ווערט געטויט אויפן אָרט. און איך האָב מורא צו גיין. מיט יעדן טראָט דוכט זיך מיר, אַז איך טרעט אַרויף אויף אָט דעם ברילן־שלאַנג און מאַ־

מענטאַל שפּרינג איך ארויף אויף דער צווייטער פוס, און דאָ ווידער אויף דער ערשטער פוס. דאָס איז נישט געווען קיין גאנג, נאָר א משוגענער שפּרינגען פון פוס אויף פוס. איך בין פאַרט דערשפּרונגען צום טייך. איך גיי צו צום טייך, און באַטראַכט איר. דאָס בין איך צוגעגאנגען צו א פּונקט, ווו די צוויי גרויסע טייכן — די סטאַניסלאַוו טייך און סען יאָאַקים טייך קומען זיך צענויף און ווו זיי טרעפן זיך צוזאמען, דערזע איך אַ וואַנט פון וואַסער. דער ברעג איז זייער א הויכער — אפשר א פערציק פוס איבערן וואַסער. איך טראַכט נישט קיין סך, טו זיך אויס און גיב פון דער הויך א שפּרונג אין וואסער אַריין. אַ פאַרגעניגן. איך קיל זיך אָפּ פון א פּאָר חדשים בריען זיך און ברענען. איך טונק זיך אָפּ, לאָז זיך אראָפּ צום גרונד: ס'איז אַזוי טיף, אַז איך האָב דעם גרונט נישט דערגרייכט. נאָר מיך אַרט דאָס נישט. איך האָב גרויס פארגעניגן פון שווימען אויפן בויך, אויף דער פּלייצע, פון „לייגן קלאָפּטער". אָנגעזעטיקט זיך מיטן וואסער, וויל איך אַרויף אויפן ברעג, זייפן זיך און צוריק אין וואסער אָפּשווענקען זיך און דערנאָך גיין צוריק. אָבער עס הויבט זיך נישט אָן. איך קען פאַר קיין פּאַל נישט ארויף אויפן ברעג. די וואנט פון ברעג איז צו הויך, און קריכן אויף דער שיבעלניצע קען איך נישט — נישטאָ אָן וואָס זיך אָנהאלטן און קריכן אַרויף. יעדעס מאָל, וואָס איך שטרענג זיך אָן ארויפקריכן, פאַל איך צוזאַמען מיט די ערד, צוריק אין טייך אַריין. איך אַרבעט אָנגעשטרענגט, שלאָג זיך אַרויס אין גאנצן פון מיינע כוחות און קען פאר קיין פאל אויפן ברעג נישט ארויפקריכן. פאַרפאַלן, טראכט איך, איך וועל זיך האלטן אויפן וואַסער ביז א שיף וועט צוקומען. איך וואַרט אַזוי א האלבע שעה, א גאנצע שעה. קיינער קומט נישט אָן. און צו דער נעענטסטער הויז פון דאנען איז דריי מייל. שרייען פון דאנען האָט קיין זין נישט. און דאָ בין איך איינער אַליין, און עס פארדריסט מיך די גאנצע מעשה. איך זע קיין אויסוועג נישט. און איך טראַכט: ס'איז נאַריש צו שטאַרבן דאָ, ווייט פון מענטשן, פון נאָענטע, באַקאַנטע, און צוליב וואָס? האָט זיך מיר געלוינט אזאַ נאַרישער טויט?

באַטראַכטנדיק גוט דעם ברעג, באַמערק איך, אפשר א האלב מייל פון מיר, וואַקסט אויפן הויכן ברעג א בוים און די וואָרצלען טאַרטשען ארויס פון דער הויכער וואַנט. אָט דאָס איז מיין רעטונג, טראַכט איך, און שווים צו אהין. כאַפּ זיך אָן אָן די וואָרצלען. יאָ, זיי זענען גענוג שטאַרק צו הייבן מיך. אָבער די אנדערע וואָרצלען, ווען איך הויב זיך שניידן זיך אריין אין לייב און איך פּיל ווי בלוט רינט פון מיר. זאָל רינען, אָבי איך קען זיך אָנהאַלטן אָן די וואָרצלען. און אַזוי בייטנדיק די וואָרצלען אויף אַלץ העכערע

בין איך אַרויפגעקומען אויפן הויכן ברעג. אָבער, גאָט מיינער, ווי איך האָב אויסגעזען, די וואָרצלען האָבן צודראַפּעט מיין לייב אין די פאַרשידנס־טע ריכטונגען, איך בין באַדעקט געוואָרן מיט פייכטער ערד, וועלכע איז דורכגעווייקט געוואָרן מיט מיין בלוט, נאָר מיך אַרט דאָס נישט. איך בין צופרידן וואָס איך האָב זיך געראַטעוועט און איך בין שוין אין דער הויך. צוגעלאָפן צו מיינע זאכן, אויף גיך זיך אָנגעטאָן און בין אוועקגעלאָפן אהיים. דאָרטן ערשט האָב איך זיך גוט אויסגעוואשן, אָפּגערייניקט מיין קערפּער פון די בלאָטעס און בלוט און ווען מר. פליישמאן איז געקומען זען צי איך בין געקומען א לעבעדיקער פון די שלעכטע טייכן, איז ער געווען אַ גליקלעכער, וואָס ער זעט מיך אַ לעבעדיקן. וועגן מיינע צרות און אי־בערלעבונגען האָב איך אים נישט דערציילט.

אין יענער שטעטל זענען מיר געווען דריי „סטרענדזשערס״ — פרעמ־דע. דער גריך, וואָס האָט געהאַלטן דעם איינציקן אייראָפּעישן רעסטאָראַן אין ניומאַן, א שפאַנישער מאַטראָס און איך. און מיר אַלע דריי זענען אין אונדזער לעבן אביסל אַרומגעפאָרן, ספּעציעל דער מאַטראָס. מיר פלעגן אַלע דריי אַלע מאָל עסן צוזאמען אונדזער אָוונט ברויט, און מיר פלעגן נאָכן עסן פאַרבלייבן א לענגערע צייט אין רעסטאָראַן און דערציילן אײנע די אַנדערע וועגן אונדזערע רייזעס, אונדזערע באַגעגענישן, טשיקאַווע פאַלן אין פרעמדע לענדער און וועגן קאָמישע סיטואַציעס. אַמאָל פלעגן מיר אַריינ־זיצן ביז גאָר שפּעט אין דער נאכט. און איינמאָל האָט דער מאַטראָס דער־ציילט פון זיינע קינדער יאָרן אין א שטעטל אין שפּאַניע. און דערנאָך האָט ער דערציילט אין אלגעמיין וועגן זיין לאַנד. דאַן האָב איך אים אויפמערק־זאַם געמאכט, אַז ביז מיט א 500 יאָר צוריק האָבן אויך יידן געוווינט אין זיין לאַנד. און מיר יידן וועלכע זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט האָבן מער ווי אומעטום געליטן פון די שפּאַניער. איר האָט דער־פונדן די שרעקלעכסטע באַשטראָפונג פאַר אונדזער יידישקייט — די אינקוויזיציע.

— ניין, ענטפערט ער מיר. נישט איר האָט געליטן, נאָר מיר, די שפּאַ־ניער. דאָס האָט מען אונדזערע אפּיקורסים אומגעבראַכט דורך איר.

ניין, האַק איך אים איבער. נישט איר, שפּאַניער, זענען געווען די אפּי־קורסים, נאָר מיר, די יידן. איר האָט אונדז אפריער געצוווּנגען שמדן זיך, און ווען מיר האָבן נישט אויסגעפאָלגט די אַלע דינים פון דער קריסטלע־כער רעליגיע, אָדער מיר האָבן שטילערהייט אָדער באַהאַלטענערהייט גע־דאַוונט אָדער געיומטובט ווי יידן, פלעגט מען אָנפאַלן אויף די גאָט־לעס־

טערער, אפיקורסים, און זיי איבערגעבן אין די הענט פון דער אינקוויזי־ציע.

—איך האָב דאָס נישט געוווסט, האָט ער מיר אויף דעם באמערקט, און־דזער געשיכטע, מיט וועלכער איך בין גוט באקאנט, דערציילט דאָס נישט.

אין ניומאן האָב איך זיך באַפריינדעט מיט מיינעם אַ שכן מר. דייוויס, פון שפּאנישן אָפּשטאם. איינמאָל, אין א זונטיקדיקן טאָג איז ער אַריין צו מיר. ער האָט מיר דערציילט אז ער קומט איצט פון קלויסטער און מיר דער־ציילט וועגן דער גאָטעסדינסט. נאָך אַ לענגערער הפסקה פרעגט ער מיר, פאַרוואָס איך בין נישט געווען אין קלויסטער. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך גיי נישט אין קלויסטער, ווייל איך בין א ייד.

— און אז מען איז א ייד, גייט מען נישט אין קלויסטער? פרעגט ער מיר.

— ניין.

— וווהין זשע גייט איר אין די זונטיקס און ימים טובים?

— זונטיק איז ביי אונדז נישט קיין יום־טובדיקער טאָג, נאָר שבת. מיר באַזוכן נישט קיין קלויסטער, נאָר מיר האָבן אונדזערע יידישע סינאגאָגעס.

— זע, ס'איז עפּעס מאָדנע, און איך האָב וועגן דעם קיין באַגריף נישט געהאט.

אין יענעם האלבן יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ניומאַן, זענען פאָרגעקומען פאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאנד און א סך פון מיינע באַ־קאַנטע האָבן מיר ארויסגעוויזן זייער סימפּאטיע און באַדויערן. צווישן אנ־דערע האָבן מיר אייניקע געשטעלט די זעלביקע פראַגע:

— ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ קליינע גרופּע פון כוליגאַנעס זאָלן אָנ־פאַלן אויף אַ טייל פון דער באַפעלקערונג און דאָס טייל זאָל זיך נישט פאַר־טיידיקן, אפילו דערהרגענען די מערדער.

און איך האָב זיי געמוזט אויפקלערן וועגן אונדזער מינדערהייט אומע־טום, אונדזער ווידערשטאַנד וואָלט ארויסגערופן די שרעקלעכסטע קאָמ־פּליקאציעס פאַר יידן אין רוסלאנד און נאָך ערגער: דער יידישער ווידער־שטאַנד וואָלט געפירט דערצו, אַז צו די כוליגאַנעס זאָל צושטיין די פּאָלי־ציי, די מיליטער, די קאָזאקן מיט די שוידערלעכסטע קאָנסעקווענצן נישט נאָר פאַר די יידן אין יענער שטאָט, נאָר פאַר אַלע יידן אין גאנץ רוסלאַנד. דאָך באַהאַלטענערהייט ווייזן די יידן אַלע מאָל אַרויס א ווידערשטאַנד. עס געפינען זיך אַלעמאָל יידן, וואָס רעכענען זיך אָפּ מיט די כוליגאנעס. דאָס האָט זיי אַביסל אויפגעקלערט, אָבער נישט אין גאנצן. אַמעריקאנער קענען דאָס נישט פאַרשטיין...

אין אלגעמיין האָב איך אין מיינע באציונגען מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג קיינמאָל נישט באמערקט קיין אנטיסעמיטיזם, קיין יידן האָס. גראַדע פאַרקערט, די שענסטע באציונג, אפילו דעם ווילן מיך מיט עפּעס דינען. אַ מאָדנע זאַך, מיט די דייטשישע יידן — די ניומאַנס, דאָברזשינסקעס האָב איך פאר קיין פאל נישט געקענט דערנענטערן צו זיך. ווייסנדיק, אַז איך בין א ייד, האָבן זיי דאָך קיינמאָל נישט געפונען פאר נויטיק מיך איינלאַדן צו זיך, דערנענטערן צו זיך. מיר פלעגן זיך ביי באגעגענישן באַגריסן איינע די אנדערע, נאָר מיר האָבן קיינמאָל נישט גערעדט, קיינמאָל נישט פאַרבראַכט, און מיט די אַמעריקאנער פון שפּאנישן און פּאָרטוגעזישן אָפּשטאם האָב איך זיך באפריינדעט און זיי אַליין האָבן מיר א סך פריינטשאפט ארויסגעוויזן, אַפילו מיך אריינגעצויגן אין זייער געזעלשאפטלעכן לעבן.

דאָך האָב איך דאָרט מער פון א האלב יאָר נישט געקענט איינזיצן און איך בין אוועקגעפאָרן צוריק אין לאָס אנדזשעלעס. אָבער אויך אין לאָס אנדזשעלעס בין איך לאנג נישט געווען. עס האָט זיך ביי מיר אָנגעצונדן א שטאַרקער פאַרלאַנג צו זען מעקסיקאָ, נאָר פריער פאַר דעם האָב איך באשלאָסן פאַרברענגען א קורצע צייט אין סאן בערנארדינאָ.

קאַפּיטל 47

סאַן בערנאַרדינאָ

ניִשט לאַנג האָב איך פאַרבראַכט אין לאָס אַנדזשעלעס. כ׳האָב געקראָגן אַ גרעסערן טשעק פון „פאָרווערטס" און מיט די געלט האָב איך זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער ברייט פון קאַליפאָרניער שטאַט אין דער ריכטונג פון שטאַט אריזאָנא — אין סאַן בערנאַרדינאָ. און וואָס מער איך פאָר צום מזרח אַלץ הייסער ווערט אין וואַגאָן. די היץ פייניקט דיך פשוט אויס. די זון פלאַקערט מיט פייער. עס העלפן ניִשט די פאָכערס, די אָפענע פענצטער און אפילו ניִשט דער ווינט פון שנעלן לויפן פון אונדזער באַן. דער עולם אַרום איז לייכט אָנגעטאָן און איך בין זיי מקנא: זיי אַרט ניִשט אַזוי די היץ. שוין צוגעוווינט. אונדזער גאַנצער וועג איז דורך בערג, וועלדער, טאָלן און טייכן. איך וווּנדער זיך פון דער איינגעאָרדנטער קינסטלעכער באַוואַסערונג פון די אַלע גערטנער און סעדער און אויך ווי גוט און וויסנשאַפטלעך די פאַרמערס באַאַרבעטן זייערע לענדערייען. אַ פלאַנץ פון אַ פלאַנץ אָפּגערוקט ווי מיט אַ צירקל אָפּגעמאָסטן. ווי גלייך די בייטן לויפן אין די פאַרשידענע ריכטונגען, שאַפנדיק געאָמעטריש ריכטיקע קוואַדראַטן, אויף וועלכע די גאַנצע פעלד איז איינגעטיילט. פון דער ווייטנס זעען זיי אויס ווי דאָס גאַנצע פעלד איז אויף קוואַדראַטן אויסגעמאָסטן און יעדער קוואַדראַט שטעלט מיט זיך פאָר אַ וווּנדערבאַרן בוקעט. די אָרענדזשביימער זענען אויך מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט פאַרזעצט. די ביימער אין לענג און אין דער ברייט ציִען זיך מיט אַ גלייכער ליניע. און פּאַלמען! אַ וועלט פון פאַרשידנאַרטיקסטע פּאַלמען. ניִדעריקע און ברייטע, הויכע און שלאַנקע. מיט די צווייגן און ריזיקע בלעטער אין דער הויך, אַנדערע צו די זייטן פון שטאַם. ברייטע בלעטער און שמאָלע בלעטער. אַזעלכע שיינע פּאַלמען האָב איך ניִשט געזען ניִשט אין אינדיע, ניִשט אין אַפריקע און ניִשט אין ארץ ישראל. און ווי גראַציעז אונדזער באַן שלענגלט זיך אַרום די בערג. און אָט לויפט די באַן מיט אַ ריזיקער קראַפט צו עפּעס אַ הויכן באַרג און אָט דוכט זיך דיר, וועט די באַן אַריינפאָרן אין יענעם הויכן בלויען באַרג. קומענדיק אָבער צום באַרג, פאַרדרייט זי זיך אין אַ זייט און מיר יאָגן זיך ביים פוס

פון באַרג פאַראַלעל מיט אים. מיר פאָרן דורך שטעט, שטעטלעך, דערפער. און וואָס ווייטער איך פאָר, אַלץ מער און מער מעקסיקאַנער קומען, גייען אַראָפּ און קומען אַריין אין באַן.

„סאַן בערנאַרדינאָ"! רופט אויס דער קאָנדוקטאָר. און איך גיי אַראָפּ. דורכגעשפּאַצירט א פּאָר גאַסן און גלייך באַמערקט איך, אַז אין שטאָט וווינען מער מעקסיקאַנער, ווי אַמעריקאַנער. אויף דעם זאָגן עדות, די שפּאַנישע שפּראַך, וועלכע מען הערט מער ווי ענגליש, די שילדן: אין שפּאַניש און ענגליש, די קראָמען, די רעסטאָראַנען און די הייזער געבויט אין מעקסיקאַנישן סטיל.

איך בין אַריין אין אַ „האָטעל", גענומען זיך א צימער, מקיים געווען די מצוה פון עסן טאַמאַלעס, — אַ ביטערן פעפער זופּ, און געגאַנגען שלאָפן. נאָר ווער האָט געקענט שלאָפן. אין דעם האָטעל ווױנט דער אָפּפאַל פון שטאָט, מערסטנס מיידלעך. מען האָט אַזוי געשריען, געזונגען מעקסיקאַנער לידער, געסקאַנדאַלעוועט, אַז איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געקענט איינשלאָפן, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט העלפן. איך בין געקומען אהין מיט אַרום צען דאָלער. מען מוז היטן יעדע פּעני. און טאקע באַלד איז דערגאַנגען צו דעם, אַז איך בין געבליבן אָן א פּעני געלט. און מען מוז עפּעס זוכן אַן ארבעט. שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן, האָב איך באמערקט א שילד „אַלטע זאַכן ווערן געקויפט" און די פאַמיליע פון אייגנטימער איז — איירא. איירא — טראַכט איך — איז אַ יידישער נאָמען פון אהרן. מען דארף א פּרווו טאָן — אפשר וועל איך ביי אים קריגן עפּעס ארבעט. איך גיי אַריין, טרעף דעם באַלעבאָס אין אָפיס, שטעל זיך פאָר: א ייד פון לאָס אנדזשעלעס, א געבראָכענער מעמבער (אָן געלט) און וואָלט וועלן אַ ביסל אַרבעטן.

— שרייבן און רעכענען קענט איר? פרעגט ער מיר.

— און נאָך ווי — ענטפער איך.

— זייער גוט, — ענטפערט ער. ער גיט מיר א רעכענונג, הייסט מיר סומירן. איך מאַך עס שנעל און ווייז אים.

זייער גוט, — זאָגט ער — נאָך אַמאָל. ביי מיר ארבעט א ייד מיטן נאָמען „דזשיזוס". ער פעדלט פאָר מיין געשעפט. ער פארדינט א סך געלט. נאָר ער האָט עפּעס צרות פון דער היגער פּאָליציי, וועלכע פאָדערט פון אים ער זאָל פאַרשרייבן אַלץ, וואָס ער קויפט, און אויך וויפל ער צאָלט און פאַר וויפל ער פארקויפט מיר. קען ער נישט לייענען און שרייבן און קען אפילו נישט רעכענען — אַ גאַליציאַנער. זוכט ער א שותף, וואָס זאָל דאָס אַלץ קענען. און איר וואָלט געווען פאַר אים דער ריכטיקער שותף. ער זוכט טאקע אַזאַ מענטשן. קומט צוגיין א זייגער זעקס, וועט איר אים דאָ

טרעפן און איך וועל שוין מאכן דעם שדוך. מר. אהרן וויזט מיר אויס זייער סימפּאַטיש, א גוטמוטיקער, א קלוגער און א וויצלינג. מיר האָבן א ביסל פאַרבראַכט און דערנאָך האָט ער מיר געוויזן זיין געשעפט א גרויסער שטאַל מיט נאָך אַ גרעסערן הויף אָנגעפּאַקט מיט אַלטע זאכן: זעק, פלע־שער, אייזנס, שמאַטעס. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאר זיין געשעפט פאַרוואַלטער, א יונגן מעקסיקאנער שגץ, זייער שטאַרק און שיין געבויט. פון זיין פאַרברענטן ברוינעם פּנים שיינען ארויס זיינע גרויסע שווארצע אויגן און ווייסע ציין. מיר פאַרברענגען שוין זאלבעדריט. און דער מעק־סיקאנער רעדט א יידיש, אַז ס'איז א פאַרגעניגן צו הערן. זיין יידיש איז שטאַרק באַזאַלצן מיט גנבישע און כליזמרישע אויסדרוקן און ווערטלעך און ווען ער רעדט האָט ער ליב צו ווינקען מיט די אויגן. איך קען שווערן, אז ער רעדט בעסער יידיש, ווי זיין מוטערשפּראַך — שפּאַניש.

איך בין אַוועק עסן און געזאָגט דעם מעקסיקאנער, אַז איך וועל דאָ זיין אַרום 6 און צו דער באַשטימטער צייט בין איך טאַקע געקומען. און אין א פּאָר מינוט שפּעטער האָב איך טאַקע דערזען א גאַנץ שיינעם שפּאַן פון צוויי פערד, מיט גלעקלעך אויף די העלדזער, אַ גרויסן פול געפּאַקטן וואָגן מיט אַלטוואַרג. אייראָן איז צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט אז דער געקומענער איז דזשיזוס. איך האָב א קוק געטאָן אויף מיין צוקונפטיקן שותּף — דעם קליין, דאַר און בלייך אידל, מיט א סך זומער שפּרינקלעך, קליינע שפּיציקע אויגעלעך, וואָס לויפן אין אַלע זייטן און ער האָט אויף מיר אַ שוידערלעכן איינדרוק געמאַכט. ער האָט אָנגעהויבן אויספּאַקן זיין וואָגן פון די אַלטע זעק, פלעשער, אלטע בעטן, מאַטראַצן, אויוונס, זעק מיט שמאַ־טעס, דראָטן, שטאַל, קופּער, בראָנז. און ער אַליין האָט געהאַלטן אין איין דערציילן מעשיות פון די גליקן, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט. ער האָט א ווונק געטאָן דעם באַלעבאָס מיט אן אייגל, אָנווייזנדיק אים אויף א באַהאַל־טענעם פּעקל, דאָס איז געווען א פּעקל מיט עלעקטרישע דראָט, וועלכע ער האָט ערגעץ צוגעלקחנט. אויף מר. אייראָנס פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן א גרויסע צופרידנקייט: קענטיק אַז מען קען פון דעם האָבן א גוטן פאַר־דינסטל.

מען האָט די סחורה אָפּגעוויגן, יעדן פּאַק באַזונדער, אויסגערעכנט וויפל מען דאַרף פאַר יעדן פּעקל צאָלן און אויסגעצאָלט דזשיזוסן די געלט.

גלייך נאָך דעם, האָט אייראָן מיך פאַרגעשטעלט פאר דזשיזוסן: — א ייד פון לאָס אַנדזשעלעס א געבראָכענער מעמבער, קען גוט לייענען, שרייבן און רעכענען. ער זוכט אַרבעט. ער וואָלט געווען זייער א גוטער שותּף פאַר דיר.

דזשיזוס האָט זיך מיט מיר דערפרייט און גלייך אָנגעהויבן איינרעדן מיר, אַז עס איז אַ גאָלדענע ביזנעס, אַז מען קען פאַרדינען אַ 20 דאָלער אַ טאָג און אַמאָל נאָך מער. היינט צום ביישפּיל האָט ער געמאַכט 22 דאָלער, אָט איז איראָן אַן עדות. נאָר ער מוז האָבן אַ שותּף, ווייל די פּאָליציי „באַ־דערט" אים צופיל, ער האָט נישט אויף וועמען איבערלאָזן די פערד מיטן וואָגן און די סחורה, און די מעקסיקאַנער זענען גרויסע גנבים. גנבענען פון אונטער די הענט. מיר שליסן דעם אָפּמאַך: די הוצאות אויף העלפּט און דעם פאַרדינסט אויף העלפּט.

— ס'וואָלט גוט געווען, ווענדעט ער זיך צו מיר, ווען מיר קענען ביידע שטיין אין איין האָטעל. ס'איז פּריילעכער: מען קען אַרויספאָרן צוזאַמען, קומען צוזאַמען, עסן צוזאַמען און מען וועט נישט דאַרפן וואַרטן איינער אויפן צווייטן. דערווייל לאַדט ער מיך איין אין אַ רעסטאָראַן עסן. נישטאָ דאָ קיין יידישע רעסטאָראַנען, — אינפאָרמירט ער מיר, מוזן מיר עסן ביי די מעקסיקאַנער.

איך קען נישט עסן דעם סטייק, וואָס איז האַרט ווי אַ פּאָדעשווע, די טאַמאַלעס, וואָס עקלען מיר אָפּ מיט זייער אויסזען און די זופּ, וואָס ברענט אין מויל ווי פייער. אַ הונגעריקער בין איך אַרויס פון רעסטאָראַן און מיין דזשיזוס האָט פאַרצערט נישט נאָר זיין עסן, נאָר אויך מיינע געריכטן.

איך האָב ביי אים אַנטליען פינף דאָלער און דעם זעלביקן אָוונט האָב איך זיך אַריבערגעקליבן אין זיין „האָטעל", וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון מיינעם. די זעלביקע שמוץ, דער זעלביקער אָפּפאַל, די זעלביקע מיידלעך, געשרייען, זינגערייען, סקאַנדאַלן. דער האָטעל איז באַ־שטאַנען פון אַ גרויסע שוואַרצע הילצערנע הויז, מיט אַ סך קליינע, פינצ־טערע, שמוציקע צימערלעך. איך האָב דאָרטן אויך נישט געקענט שלאָפן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. כמעט יעדע נאַכט פלעגן מיר זיך אויפכאַפּן פון די סקאַנדאַלן, וואָס פלעגן דאָרט פאָרקומען, אָדער מיר האָבן נישט געקענט איינשלאָפן צוליב די אָרגיעס און וואַקכאַנאַליעס, וואָס מען פלעגט דאָרט פּראַווען. און מיין דזשיזוס פלעגט שטונדנווייז רעכענען, וויפל וואָלט ער געקענט מאַכן, ווען די אַלע מיידלעך וואָלטן באַלאַנגט צו אים.

ווען מיר זענען צום ערשטן מאָל אַרויסגעפאָרן פּעדלען, איז דזשיזוס געוואָרן מיין לערער פון שפּאַניש און מיך געלערנט, ווי מען דאַרף אויס־שרייען „סאַקאָס! באַטעיאַס" (זעק, פלעשער), ווי אַזוי צו באַגריסן און רעדן מיט די מעקסיקאַנער, אויך האָט ער מיך געלערנט, ווי צו גנבענען, נישט דערדערכענען. אָבער אויף דעם האָב איך אים קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ס'איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. איך וועל דאָס פאַר קיין פאַל נישט טאָן,

אַפילו אונדזער שידוך זאָל זיך צוגיין. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין הלכת גנבה בין איך אַ האָפנונגלאָז פאַרפאַלענער מענטש, עס וועט שוין פון מיר קיין לייט נישט זיין.

מיר זענען צוגעפאָרן צו אַ גרויסן דאָרף. ער האָט אָנגעהויבן שרייען, איך האָב אים צוגעהאָלפן. ס'האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר מעקסיקאַנערינס און ער האָט אָנגעהויבן אײַנהאַנדלען זײַנע שמאַטעס, אַלטוואַרג. ס'זענען צוגעקומען אַלץ מער און מער מעקסיקאַנערינס און ס'איז געוואָרן אַן אמתער מאַרק. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן דזשיזוס אין זײַן גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ. און איך מוז צוגעבן, אַז ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין זײַן פאַך, האָט געוווּסט ווי צו רעדן מיט זיי, ווי אַזוי צו דינגען זיך מיט זיי, און הויפּטזעכלעך ווי אַזוי צו גנבענען. ווי נאָר די מעקסיקאַנערין האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעקערט, האָט ער שוין דאָס אויסגענוצט און עפּעס צוגעשלעפּט, אָדער באַהאַלטן. אַלץ וואָס ער האָט אײַנגעקויפט און באַצאָלט, פלעג איך נעמען צום וואָגן. אַז מיר זענען אָפּגעפאָרן פון דאָרף האָט ער מיר ערשט אָנגעהויבן דערציילן, וואָס פאַראַ טײַערע סחורה ער האָט אײַנגעקויפט און וויפל ער וועט פון דעם פאַרדינען. און דער וועג איז אַ וווּנדערבאַרער שיינער. די פּאַלמעס אײַנגעטונקט אין די שטראַלן פון דער העל בלענדנדער זון, זעען אויס מאַיעסטעטיש. ס'איז שטיל רויק — אַ פאַרכשופטער וועג. עס ווילט זיך נישט טראַכטן פון געלט, פאַרדינסטן, עס ווילט זיך נישט שרייען פאַר די הייזער אויפן וועג, עס ווילט זיך נישט שטערן די שיינע אידיליע פון דער נאַטור. אָבער מײַן דזשיזוס איז פּראָזאַיִש, אויפן העכסטן גראַד פּראָזאַיִש. און ער פירט מיך אַרײַן אין אַ קליין מעקסיקאַניש שטעטל, נאַטירלעך רײַך און שיין, אָבער פּאַקטיש שמוציק, אָפּגעלאָזן. ברייטע הייזער מיט אַ סך טירן און הינטער יעדער טיר וווינט אַ מעקסיקאַנער הויז געזינד. קינדער שמוציקע, באָרוויסע, פון זון פאַרברענטע, לויפן אום אין שמוציקע העמדלעך. פרויען ברייטע פולברוסטיקע, אויסגעהאָרעוועטע. מענער מיט אַריבערגוואָרפענע איבער זיך סעראַפּעס, אויפן קאָפּ — ברייטע שטרויענע קאַפּעלושן, אָבער בעסער אָנגעטאָן פון די פרויען און זעען טאַקע אויס שענער פון זיי.

דזשיזוס וואָרנט מיך, אַז אויב איך וויל נאָך לעבן, זאָל איך זיך נישט פאַרטשעפּען מיט אַ מעקסיקאַנער פרוי, ווייל עס איז אויף דער וועלט נישטאָ, אַזעלכע ווילדע משוגענע מענער ווי די מעקסיקאַנער זענען. בײַ זיי דערהרגענען אַ מענטשן איז גאָרנישט.

פאַרן טאָג אַרבעט האָב איך געקראָגן נאָך אַלע הוצאות 9 דאָלער מיט סענטן. איך האָב אים אומגעקערט די פינף דאָלער און בין נאָך געבליבן

מיט אַ פּאָר דאָלער. איך האָב אויף אַן אָפּיציעלן בלאַנק פאַרשריבן די אַלע זאַכן, וואָס און ביי וועמען מיר האָבן איינגעקויפט און וויפל מיר האָבן דערפאַר באַצאָלט און אויך, אַז די אַלע זאַכן האָבן מיר פאַרקויפט איינאַנען. ער האָט זיך געצאַצקעט מיטן אויסגעפילטן בלאַנק און איז געווען זייער צופרידן מיטן שותף.

איינמאָל ליגן מיר ביידע ביי מיר אין צימער. דזשיזוס דערציילט מיר מעשיות פון זיין לעבן. געבאָרן געוואָרן אין אָרעמקייט אין אַ קליין שטעטל אין גאַליציע, ביז 16 יאָר געהונגערט. געהאַט אַ שוידערלעכע יוגנט. דאַן האָט זיין עלטערער ברודער, וואָס האָט זיך צו יענער צייט געפונען אין סאַן פראַנציסקאָ געשיקט פאַר אים אַ שיפס קאַרטע. און ער איז אוועקגעפאָרן אין אַמעריקע און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פילאַדעלפיע. דאָרטן האָט ער שווער און ביטער געאַרבעט אין אַ שאַפּ, קריגנדיק די ערשטע צייט צוויי דאָלער אַ וואָך. דערנאָך מער, ביז ער האָט זיך ארויפגעאַרבעט אין פאַרלויף פון פיר וואָכן אויף זעקס דאָלער אַ וואָך. דאַן האָט ער חתונה געהאַט פאַר אַן אָפּרייטאָרין אין שאַפּ, וווּ ער האָט געאַרבעט. פאַר פיר יאָר צייט האָט זיין פרוי אים געבוירן דריי קינדער, צוויי יינגלעך און אַ מיידל. אָבער די ווייב איז געווען שלעכט צו אים און פלעגט זיך האַלטן מיט אים אין איין קריגן און שילטן ביז אים איז דערעסן געוואָרן די ווייב מיט די קינדער, מיט זיין שווערער אַרבעט און קליינע פאַרדינסטן און ער האָט איבערגעלאָזן אַלץ מיט אַן אַנדער און איז אוועקגעפאָרן מיט דער הילף פון רעמזאוויל אָפּיס — אין סאַן פראַנציסקאָ צו זיין ברודער, וואָס האָט געאַרבעט אין אָפּיס פון די יידישע טשאַריטיס. פאַרשטייט זיך, אַז קומענדיק אין סאַן פראַנציסקאָ האָט ער זיך באַזעצט ביי זיין ברודער, און גענומען זוכן אַ וועלכע ס׳איז באַשעפטיקונג, האָפנדיק אַז זיין ברודער וועט אים ארויסהעלפן מיט אביסל געלט און ער וועט זיך קויפן אַ קרעמל. אָבער דער ברודער האָט קיין געלט נישט געהאַט און איז אַליין געווען אַן אָרימאַן. דער ברודער האָט אָנגעהויבן קוקן קרום אויף אים, פאַר וואָס ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי אים און טוט גאָרנישט און צאָלט אים אפילו נישט פאַר זיין אויסהאַלט. דער סוף איז געווען דאָס דער ברודער האָט זיך צעקריגט מיט אים און אים געהייסן גיין. איז ער אַוועק אין סטאַקטאָן, וווּ עס האָט זיך געפונען זיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ שיינקער. דער לאַנדסמאַן האָט אים זייער שיין אויפגענומען און אים באַזאָרגט מיט אַ גוטן געשעפט, אַ הייזקע מיט דריי מיידלעך, איינע אַ גריכישע און צוויי שפּאַנישע. און אים איז אַוועק גוט, ווי בעסער דאַרף מען נישט. ער האָט געלעבט ווי אַ גראַף, גע־

געסן פון דאָס בעסטע און שענסטע. און מיט דעם האָט ער מיר פאַרענדיקט זיין „לעבנסבאַשרייבונג".

— זאָג מיר נאָר, מיין טייערער יאַנקעלע, (דאָס איז געווען זיין אמתער נאָמען) פאַרוואָס רופן דיך אַלע דזשיזוס? — האָב איך אים איינמאָל געפרעגט. ער האָט נישט געוואָלט מיר ענטפערן, נאָר ווען איך בין צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער מיר דערציילט. און די מעשה איז אַ גאַנץ טשעקאַווע.

טאַקע די מעשה הייבט זיך אָן מיט סטאַקטאָן, קאַליפאָרניע. א דריי יאָר האָט ער דאָרטן געלעבט רויק, נישט וויסנדיק פון קיין שום זאָרג. די מיידלעך זענען געווען ווילדע, געהאָרכזאַמע, זייער שיינע, האָבן געקענט נעמען „יעדן יאָלד אויף זיכער". דאַרף זיך גראַדע מאכן, אז אין יענער שטאָט זאָל קומען אן איטאַליענער אויך מיט דריי מיידלעך און האָט אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט אים. נאָך ווייניק פאַר אים, האָט ער זיך א נעם געטאָן צו זיין מיידל, די גריכישע, אז זי זאָל אריבערגיין צו אים „אַרבעטן". און גראַדע איז זי געווען זיין בעסטע מיידל. וויפל ער האָט זיך נישט געווערט קעגן דעם, האָט עס נישט געהאָלפן. ער האָט באַמערקט אַז אָט אָט און ער פאַרלירט דאָס מיידל. און איינמאָל איז ער מיט די מיידלעך געזעסן ביי זיין לאַנדסמאַן אין שיינק און דער איטאַליענער איז אריינגעקומען מיט זיינע מיידלעך, זיך צוגעזעצט מיט זיי ביי זיין טיש. זיי האָבן צום אָנהויב זייער גוט פאַרבראַכט: געגעסן, געטרונקען, אַ סך געטרונקען ווין און ביר. זיי האָבן זיך אַלע גוט אָנגעשכורט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריג צווישן אים און זיין קאָנקורענט, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם איטאַליענער אַ פלאַש אין קאָפּ. און ער איז דאַן געקומען צו זיך, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און פון שיינק איז ער אַוועקגעלאָפן צו זיין הייזקע צוגענומען זיינע זאכן און צום באַן, און איז אנטלאָפן אין לאָס אנדזשעלעס, וו ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעדרייט און קיין באַשעפטיקונג נישט געקראָגן. אַזוי איז ער אומגעגאַנגען א זעקס וואָכן אָן אַ שטאָך אַרבעט. און איינמאָל, שפּאַצירנדיק שבת בייטאָג איבער די גאַסן פון לאָס אנדזשעלעס, האָט ער אויפן ווינקל פון מיין און צווייטע גאַס דערזען א יידל מיט אַ גאַנץ שיינער יידישער בערדל — וועלכער האָט פאַר אַ קליינע גרופּע יידן געפּרעדיקט. דאָס איז געווען א מיסיאָנער. אים איז גלייך איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער קען דאָ מאַכן אַ פּאָר דאָלער. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז וואַנען דער „יידל" האָט פאַרענדיקט זיין רעדן און אים געפרעגט, וויפל קריגט ער פאַר זיין אַרבעט. דער יידל האָט אים געענטפערט — 25 דאָלער אַ וואָך פאַר צוויי מאָל רעדן.

— צי קען איך אויך קריגן אַזאַ דזשאַב? —

— געוויס, — האָט דער יידל געענטפערט, — מען דאַרף בלויז דורכ־מאכן אַ קליינעם פּראָצעס, אביסל אונטערבלאָפן דעם אבאט און דאן וועט ער געוויס קענען קריגן אַזאַ שטעלע. דער יידל האָט אים שוין נישט אָפּ־געלאָזן. מיט אים אַ לאַנגע צייט שפּאַצירט, אויסגעפרעגט פון זיין לעבן, דערציילט אים וועגן זיין אַרבעט, וואָס איז כמעט קיין אַרבעט נישט און קריגט דערפאר אַזוי גוט באצאָלט — גאנצע פינף און צוואנציק דאָלער א וואָך און מען לעבט ווי אַ פריץ. אין שאָפּ ביי אַ 9־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג קען מען קריגן א 10־12 שמאָלאריעס פאר א גאנצע וואָך און דאָ ביסטו א גאנצע וואָך א פריץ, טוסט נישט אריין די האנט אין קאלטע וואַסער. די גאנצע ארבעט איז פרייטיק און שבת ביי טאָג, א שעה רעדן און מען קריגט א פערטל הונדערטער. און דער יידל האָט אים פאַרגעשלאָגן, אז זיי זאָלן זיך ביידע טרעפן מאָרגן אין דער פרי און ער וועט אים נעמען צום אבאט. ער זאָל זאָגן דעם אבאט, אַז ער איז א בן הרב פון אַ גאַליציאַנער שטעטל, אַז ער איז דערגאנגען, אַז דזשיזוס איז טאקע גאָטס זון, וועלכן זיין פאָטער האָט אראָפּגעשיקט צו דער מענטשהייט אויסצולייזן איר פון די זינד און איצט האָט ער געמאכט פאר זיין לעבנס אויפגאבע צו פריידיקן קריסטנטום פאַר זיינע פאַרפירטע ברידער, די יידן, כדי צו ראטעווען זייערע זינדיקע נשמות. און דער אַבאַט וועט אים געבן אַ שטעלע און ער, דער מיסיאָנער, וועט אים שוין אויסלערנען, וואָס ער וועט דארפן רעדן פאר די יידן, וואָס פארא רעדעס ער זאָל פאר זיי האלטן.

און אַזוי איז טאקע פאָרגעקומען. מען האָט דזשיזוסן אָפּגעשמדט, מען האָט אים געגעבן א „דזשאָב" און אַ פּלאַץ צו פריידיקן — אויף בראָדוויי לעבן דער זעקסטער גאַס. דער „יידל" פלעגט צו אים קומען יעדן טאָג, מיט אים איינשטודירן די רעדע און אין א וואָך צייט האָט ער שוין געקענט די רעדע אויף אויסנווייניק און ער האָט געקראָגן די דערלויבעניש פון דעם „יידל אַרויסצוטרעטן עפנטלעך מיט זיין פריידיקן.

ער האָט אויף זיין פּלאַץ צונויפגעקליבן א גרופּע יידן און געהאלטן זיין דעביוט. דער עולם האָט אים אָנגעהויבן שטעלן פראַגן, אויף וועלכע ער האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. און ער איז דורכגעפאַלן. מען האָט אים אויסגעלאכט, געזידלט און אפילו פארוואָרפן מיט פוילע עפּל. דער „יידל" האָט זיך פעסטער צו אים א נעם געטאָן. אים געלערנט אין אַזוינע פאַלן, וואָס צו זאָגן, וואָס צו ענטפערן. און ער פלעגט אָפילו אויך קומען צו זיינע רעדעס און אָפּטמאָל, העלפן אים צו פאַרענטפערן די פאַרשידענע פראַגן, נעמען א וואָרט אין די דעבאטן. נאָר ס'איז אים נישט געגאנגען. נישט נאָר מען האָט אים פאַרוואָרפן מיט עפּל, נאָר אויך מיט שטינקענדיקע

אייער, צעפוילטע אָראַנדזשעס און מען פלעגט אים מאַכן אויסצודרייען. אַזוי האָט ער אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן חודש, ביי דער לעצטע רעדע אין גאַס איז דער יידישער עולם אויף אים אַזוי אין כעס געוואָרן, אַז מען האָט אים אפילו גוט אָנגעשלאָגן.

דאַן האָט ער זיך דערטראַכט צו אַ נייעם פּלאַן און איז מיטן פּלאַן אַוועק צום אַבאַט און אים אויפגעקלערט, אַז מיטן פּריידיקן אין גאַס קען מען ווינציק וואָס אויפטאָן. כדי טאַקע ראַטעווען יידישע נשמות מוז מען האָבן אַ מין בית מדרש אין הארץ פון דער יידישער געטאָ — אין טעמפּל גאַס, מיט טישן און בענק, מיסיאָנערישע ספרים, צייטונגען און זשורנאַלן. אַהין וועלן אַריינקומען אינטעליגענטע יידן און דאָרטן וועט מען קענען האַלטן די רעדעס און אויך די לעקציעס פון געלערנטע מיסיאָנערן. און אויף דעם אַלעם דאַרף מען האָבן אַ וואָסערע 300 דאָלער. דער יאָלד האָט אים טאַקע געגעבן דאָס געלט און ער האָט טאַקע געדונגען אויף טעמפּל גאַס צוויי צימערן מיט אַ קיך פאַר 17 דאָלער, אַ 25־קער האָט אים גע־קאָסט אויסמעבלירן זיי, ביים אַבאַט האָט ער געקראָגן די פאַרשידענע ספ־רים, צייטשריפטן, ליפלעטס און זיין קרעמל איז פיקס און פאַרטיק און טאַקע דעם זעלביקן פרייטיק האָט ער דאָרט געהאַלטן זיין היסטאָרישע רעדע.

נאָר דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן גרעסערע סקאַנדאַלן, ווי דאָרטן אויפן גאַס. עס פלעגן קומען געבילדעטע יונגעלייט, וואָס האָבן גוט געקענט די שוואַרצע פינטעלעך און עס פלעגט כמעט יעדן אָוונט דערגיין צו זידלע־רייען, קריגערייען און אפילו צו געשלעגן. ער פלעגט אָפט דאַרפן אַרויס־רופן פּאָליציי. עס האָט נישט געהאָלפן, ווען אפילו דער פּאָליציי שעף האָט אים אַריינגעשיקט אַ פּאָליציסט יעדן אָוונט וואָס ער פלעגט פּריידיקן. זיי די יונגע לייט איז געגאַנגען אין לעבן אים פון דאָרטן פאַרטרייבן. זיי האָבן אים דאָס לעבן פאַרביטערט, ביז... ער האָט איינמאָל אַריינגערופן אַ פּעד־לער און פאַרקויפט זיין גאַנצע קרעמל פאַר פינף דאָלער און ער האָט גלייך פאַרלאָזן לאָס אַנדזשעלעס. געלט האָט ער געהאַט גענוג, איז ער אַוועק קיין מעקסיקאָ און געלעבט אַ גוטן טאָג. אין אַ צייט שפּעטער האָט ער זיך אַריינגעגנבעט צוריק אין אַמעריקע און נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט דער סאַלאָווישאָן אַרמיי און ביי זייערע אַרויסטרע־טונגען אין די גאַסן פלעגט ער אומעטום אין די פאַרשידנסטע שטעט און שטעטלעך פון קאַליפאָרניע האַלטן זיין היסטאָרישע רעדע. אין דער סאַלאָ־ווישאָן אַרמיי איז אים געווען זייער גוט. עס האָט אים דאָרט גאָרנישט געפעלט, ער איז געווען אויף אַלעם פאַרטיקן, מיט ווייב, וויין, געזאַנג, ווי

די געבילדעטע זאָגן. אַזוי איז ער אומגעפאָרן איבער דער לענג און ברייט פון קאַליפאָרניע, אריזאָנע, וואַשינגטאָן און דעם גאנצן ווייטן מערב. אַלע יידן פון יענע געגנטן האָבן אים שוין געקענט, ווי א בייזן שילינגער און זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן, פאר זיין רעדע, דזשיזוס.

— אָבער אייך, — האָט ער פאַרענדיקט זיין מעשה, קען איך זאָגן דעם אמת איך בין די גאַנצע צייט געווען אַזאַ ייד, ווי אַלע יידן אויף דער וועלט. אַלע ראש השנה און יום כפור פלעג איך פאָרן אין אַ גרויסע שטאָט, דאַווענען ווי אַלע, שיין צאָלן פאר מיין אויפהאַלט, פלעג אַריינוואַרפן געלט אין אַלע פושקעס, פלעג איבערלאָזן געלט אויף צדקה און אָפטמאָל אַ שיי־נע פאָר דאָלער פאַר דער שול.

אָבער דאָס האָט געדויערט ביז ער איז געקומען אין סאַן בערנאַר־דינאָ. דאָ האָט ער געהאַט שוועריקייטן מיט דער פאָליציי און ער האָט דאָ געמוזט פאַרבלייבן. ער האָט איבערגעריסן אין גאַנצן מיט די מיסיאָנערן און מיט דער סאַלאַוויישאָן אַרמיי, איז געוואָרן אַ פעדלער פון אַלטע זאַכן ביי אייראָנען און איז געוואָרן גאַר אַן אַנדער ייד. גייט אַלע שבת און יום־טובים אין שול, ווו ער איז אַ שטענדיקער מעמבער, גיט געלט אויף צדקה און פירט אַן אמת יידישן שטאָט.

איך האָב אָפּגעאַרבעט מיט דזשיזוסן אַ פּאָר חדשים און פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט מיך פון אים געעקלט. איך האָב אָנגעזאַמלט אַ פּאָר הונדערט דאָלער און באַשלאָסן גטן זיך פון אים.

וועגן דעם האָב איך דערציילט אייראָנען.

— איך האָב פאַר אייך אַן אַנדער פּלאַן, — האָט מיר אייראָן געזאָגט. — די טעג האָט מען אַרעסטירט פערנאַנדן (אַ מעקסיקאַנער פעדלער, וואָס האָט אויך געאַרבעט פאַר אייראָנען). ער איז אין אַן אָנפאַל פון משוגעת אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און האָט פשוט געממית'ט קינדער אין גאַס. זיין פרוי איז געבליבן אָן אַ פעני. גייט צו איר און זאָגט איר, אַז איך האָב אייך געשיקט. נעמט ביי איר דעם פערד און וואָגן. איר וועט איר דאַרפן צאָלן אַ דאָלער אַ טאָג פאַר דעם, און איר וועט קענען פעדלען גאַנץ זעלבסטשטענדיק.

און איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן. דער יונגער, שיינער מעקסיקאַנע־רין איז דער פּלאַן זייער געפעלן געוואָרן און מיט פרייד האָט זי זיך אָנ־געכאַפּט אָן דעם פאָרשלאָג. זי וועט מיר דעם פערד איינשפּאַנען אין דער פרי און אויסשפּאַנען, ווען איך וועל אים צוריקברענגען, און וועט מיר געבן יעדן אין דער פרי אַ זעקעלע האָבער פאַרן פערד. אין דער זעלבי־

קער צייט האָט זי מיר דערציילט, אַז איר מאַן פירט מען איבער אין אַ משוגעים־הויז פאַר אַ לענגערער צייט.

און איך האָב אָנגעהויבן אַליין אַרבעטן פאַר זיך. אמת, איך פלעג שוין נישט פאַרדינען אַזוי פיל ווי פריער, אָבער איך האָב זיך געפילט אַ סך בעסער, באַפרייט געוואָרן פון דעם עקלדיקן דזשיזוסן מיט זיינע גנ־בות, מיט זיינע ליגנס, ציניזם.

און איינמאָל, קומענדיק מיטן פערד און וואָגן צו דער מעקסיקאַנע־ריין, האָב איך באַמערקט דזשיזוסן ביי איר אין שטיבל. איך האָב אויף דעם קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט. נאָר איינמאָל, ווען איך בין געקומען מיטן פערד און וואָגן, איז די מעקסיקאַנערין צוגעגאַנגען צו מיר און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן מיך, איך זאָל איר באַפרייען פון דזשיזוסן — ער לאָזט איר נישט צורו. ער רעדט איר איין, זי זאָל גיין צו אים אין האָטעל, ער וועט נעמען פאַר איר אַ גוטן צימער, ער וועט איר אויסהאַלטן מיט דאָס בעסטע און שענסטע, ער וועט איר קליידן אין זיידנס און סאַמעט און זי וועט גאָרנישט דאַרפן טאָן. זי וועט לעבן ווי אַ פּריצטע — אָבער איך ווייס אויף וואָס ער דאַרף מיך און איך וויל דאָס נישט, — האָט זי פאַרענדיקט.

איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל זען, אַז ער זאָל איר מער קיין שענדלעכע פאָרשלאָגן נישט מאַכן, און איך האָב פאַרלאָזן איר הויף.

ביי דער נאַכט בין איך אַריין צו דזשיזוסן אין צימער און מיט האַר־בע ווערטער אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אויפהערן צו גיין צו דער מעק־סיקאַנערין און נישט מאַכן איר קיין שענדלעכע פאָרשלאָגן.

ער איז אויף מיר אָנגעפאַלן מיט די שמוציקסטע ווערטער און זיך־לערייען און אויך מיר אָנגעזאָגט, אַז ס'איז נישט מיינע חזירישע ביזנעס צו מישן זיך אין זיינע זאַכן. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו קריגן און עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיר אַ קלאַפּ צו טאָן. איך האָב אָפּגעהאַלטן זיינע הענט און געזאָגט, אַז אויב שלאָגן זיך, באַ־דויער איך אים, ווייל איך בין אַ סך שטאַרקער פון אים, נאָר איך וויל דאָס נישט. אָבער איך באַשטיי אויף מיינס — ער זאָל צו דער מעקסיקאַ־נערין מער נישט גיין, און אויב ער וועט דאָס יאָ טאָן, וועל איך אַריבער־גיין צו דער פּאָליציי, מיט וועלכער ער זעט זיך סיי ווי סיי יעדן שבת, ברענגענדיק די 10 דאָלער פאַר זיין ווייב און קינדער. און דאָס האָט גע־ווירקט. ער האָט מיר צוגעזאָגט מער צו איר נישט גיין. און ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. מער האָב איך אים אין יענער הויז נישט געטראָפן. פאַרשטייט זיך, אַז מער האָבן מיר נישט גערעדט.

אין אַ צווײ וואָכן שפּעטער האָב איך געפּעדלט אין דער מעקסיקאַ־נער שטעטל קאַלטאַן. עס האָט שוין געמוזט זיין אַזייגער זעקס פאַרנאַכט. מיט אַמאָל האָב איך דערהערט אַ געשריי פון דער ווייטנס: האָ! איך דריי אויס דעם קאָפּ און דערזע אויף זיינע פערד און וואָגן, דזשיזוסן. וואָס?

ס'שוין שפּעט. מען דאַרף פאָרן אַהיים. אים איז אומעטיק צו פאָרן אַליין אין סאַן־בערנאַרדינאָ און ער בעט, איך זאָל צובינדן מיין פערד צו זיין וואָגן און איך זאָל אַרויף אויף זיין קעלניע. ס'איז ראש השנה צייט. מען דאַרף נישט זיין ברוגז. ס'איז אים נישט גוט אויפן האַרצן. אַ גאַנצן טאָג זינגען זיך די ימים־נוראימדיקע ניגונים און עס איז אַזוי אומעטיק...

איך בין אַ ביסל גערירט געוואָרן פון זיינע שטימונגען און זיך אַוועק־געזעצט אויף זיין קעלניע. אַזוי זיינען מיר אָפּגעפאָרן מער ווי אַ העלפט וועג. מיט אַמאָל ווענדעט ער זיך צו מיר און פרעגט:

— ווו וועט איר ראש־השנה און יום־כיפּור פאַרברענגען?

— איך דענק פאָרן אין מעקסיקאָ, — האָב איך געענטפערט.

— דאָרטן זענען דאָך קיין ריכטיקע שולן נישטאָ.

— נו, וועל איך אויסקומען אָן זיי.

— צו, אַוו וועט איר דאַווענען ראש־השנה און יום־כיפּור?

— וועל איך נישט דאַווענען.

— ווי אַזוי קען דאָס אַ ייד פועלן נישט צו דאַווענען ראש־השנה און יום־כיפּור, — פרעגט ער מיך שוין אין גרויס אויפרעגונג.

— אָט אַזוי, גאַנץ פשוט, מען דאַוונט נישט.

מיין קאַלטבלוטיקייט האָט אים נאָך מער אויפגערייצט .ער איז אַזש ווילד געוואָרן פון כעס.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט ער אויסגעשריגן, — ווען אַלע יידן וואָלטן אַזוי געטראַכט און געטאָן ווי איר, וואָס וואָלט פאַרבליבן פון יידיש־קייט?! דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן הער איך, אַז אַ ייד זאָל אַזוי רעדן. אָט זעט איר, — האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגעשריען, — איך בין שוין אין אַמעריקע 22 יאָר, כמעט די גאַנצע צייט פאַרוואָרפן פון יידן און יידישקייט, ווייט פון וועלכער ס'איז נישט גרויסע יידישע שטאָט, און יע־דעס יאָר, מעג מיך קאָסטן גאָט ווייס וויפל, פאָר איך אויף ראש־השנה און יום־כיפּור אין לאָס אַנדזשעלעס און אַמאָל אפילו אין סאַן פראַנציסקאָ, פאַרפאָר צום שמש, באַצאָל אים זייער גוט, קויף מיר אַ פעטע עליה, נישט רעכענענדיק וויפל עס דאַרף מיך קאָסטן; איך באַצאָל פאָר אַ גוטע, אָנשטענדיקע שטאָט און זיץ מיט אַלע אָנגעזעענע באַלעבאַטים צוגלייך, גיב נאָך אַ פאָר דאָלער אויף דער שול, און איך בן אַ ייד מיט אַלע יידן

צוגלייך. אַ ייד דאַרף וויסן, אַז כאָטש איינמאָל אין יאָר מוז ער זיך אין זיין יידישקייט דערמאָנען. און איר פּטרט דאָס אָפּ מיט גאָרנישט. אפילו גויים גייען אין קלויסטער און האַלטן פון זייערע יום־טובים. און וועגן אייך ווייס איך שוין נישט וואָס צו טראַכטן. איר זייט נישט קיין ייד און ערגער פון אַ גוי. אַראָפּ פון מיין וואָגן, טאַקע שוין די מינוט. מיט אָט אַזאַ ווי איר איז אַ געפאַר צו פאָרן.

און איך בין אַראָפּ פון זיין קעלניע. מיט דער רעדע איז ער ביי מיר גראדע אויסגעוואקסן...

נאָר מיר האָבן מער זיך שוין נישט געטראָפן, ווייל אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָב איך פאַרלאָזן סאַן בערנאַרדינאָ און בין מער דאָרט קיינמאָל נישט געווען.

קאַפּיטל 48

ווידער אין סאַן פראַנציסקאָ

איך בין שוין אין מעקסיקע נישט געפאָרן, און אַנשטאָט דעם, בין איך אָוועקגעפאָרן צוריק קיין סאַן פראַנציסקאָ. אַ פּאָר דאָלער האָב איך געהאַט, איז נישט געווען וואָס צו זאָרגן זיך. געגומען אַ צימער אין אַ ביליקן האָטעל, געגעסן אין אַ ביליקן רעסטאָראַן. איך פלעג מערסטנס פאַרברענגען מיין צייט אין דער שטאָט־ביבליאָטעק ביי ביכער און צייטשריפטן. געלעבט האָב איך איינזאַם און צוריקגעצויגן. מיט ליזען האָב איך שוין לאַנג איבערגעריסן. זוכן אַרבעט האָט זיך מיר נישט געוואָלט און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאָרן צוריק אין ניו יאָרק. און דאָ קריג איך בריוו פון מיינע חברים און פריינד פון ניו יאָרק; זיי שלאָגן מיר פאָר קומען אין ניו יאָרק און מיין חשק צו פאָרן צוריק אין די יידישע געטאָס שטאַרקט זיך.

איינמאָל ליג איך אויפן בעט אין מיין צימער, פאַרטיפט אין מיינע טרויעריקע געדאַנקען, ערשט אימיצער קלאַפּט. איך בעט אַריינקומען. קומט אַריין אַ מאַן, שטעלט זיך פאָר: יודל גאָוועז פון באַראַנאָוויטש. ער ווייסט פון מיר, קען זיך מיט מיינע שוועסטער און בעט מיך האַרציק אַריינקומען צו אים אין זיין געשעפט. וואָס פאַר אַ געשעפט? דערקלערט ער מיר, אַז גאָר אין גיכן וועט אין סאַן פראַנציסקאָ געעפנט ווערן אַן אויסשטעלונג — די פּאַנאַמאַ פּאַסיפיק וועלט־אויסשטעלונג. דערווייל בויט מען איר און ביי דעם זענען באַשעפטיקט טויזנטער אַרבעטער. גרייטן זיי צו עסנס פאַר די אַרבעטער און דאָס איז איצט אַ גוטער געשעפט.

אויף מאָרגן בין איך טאַקע אַריין צו אים אין געשעפט, און טרעף דאָרטן אַלעמען ביי דער אַרבעט — די דריי באַלעבאַטים און צוויי יידישע פרויען, די אַרבעטערינס. פון די צוויי שטעלט זיך פאָר מיר פאָר מיט פריינדלעכקייט און גרויס פרייד מאַניע סעמיאַנאָוו. דעם נאָמען האָב איך אַמאָל געהערט פון אַ סך, וואָס זענען געקומען פון דענווער. זיי האָבן פון איר גערעדט מיט ליבשאַפט און פאַרערונג. זי גיט מיר איבער, אַז זי האָט אַ סך געהערט פון מיר און זי האָט דאָס געבעטן דעם באַס גיין צו מיר

אַהיים און איינלאָדן מיך אַהער. פון פריער האָב איך געהערט, אַז זי איז אַ רעוואָלוציאָנערין, געווען אייניקע מאָל אַרעסטירט אין רוסלאַנד. אין דער טשערניגאָווער טורמע האָט זי זיך באַקאַנט מיט סעמיאָנאָוון, וועלכער איז אויך אָפּגעזעסן דאָרט זיין שטראָף, און זיי האָבן טאַקע דאָרט אין טורמע חתונה געהאַט. איך האָב מיטן עולם פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל צושטיין צום געשעפט, אויף וואָס איך האָב מיט פאַרגעניגן איינגעוויליקט. גלייך האָב איך מיין דירה אויך געביטן — אַריינגעצויגן זיך צו מאַניען. באַקאַנט זיך מיט איר מאַן — איינער פון די סימפּאַטישסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען אין מיין לעבן געטראָפן, און איר זון, און איך בין געוואָרן איינער פון דער משפחה. מיין אַפּאַטיע איז פאַרשווונדן און איך האָב צוריק אָנגעהויבן צו שפּרודלען מיט לעבן. געאַרבעט האָב איך אין גאַנצן פיר שעה אַ טאָג און די איבעריקע צייט האָב איך אַוועקגעגעבן מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ קליינע גרופּע חברים. איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיטן אַרבעטער־רינג, געוואָרן אַ מיטגליד און אין גיכן דער סעקרעטאַר, אָנגעהויבן ווידער שרייבן אַרטיקלען פאַרן „פאָרווערטס” און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן. פון „פאָרווערטס” פלעג איך קריגן פינף דאָלער פאַר אַן אַרטיקל, פלעג איך מערסטנס שיקן איין אַרטיקל אַ וואָך און אַנדערע וואָכן פלעג איך אפילו שיקן צוויי אַרטיקלען און אַ זייטיקע פּרנסה פון פינף אָדער צען דאָלער אַ וואָך איז פאַר יענער צייט געווען אַ סך. אָבער מיין אַרבעט ביי מיין שפּיוז־פירמע האָט זיך גלייך, ווי די וועלט־אויסשטעלונג האָט זיך אָפּיציעל געעפנט, איבערגעריסן, און איך האָב געמוזט לעבן אויפן רעכענונג פון מיין שרייבעריי. דאָך האָב איך באַשלאָסן, אַז פאַרן גאַנצן יאָר, וואָס די וועלט־אויסשטעלונג וועט זיין אָפן, זאָל איך נישט אַרבעטן און אָפּגעבן זיך ספּעציעל מיט איר. דריי יידישע צייטונגען האָבן מיך געבעטן, איך זאָל זיי שרייבן וועגן דער אויסשטעלונג און מיר אַריינגעשיקט קרעדענשלס, וואָס האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט פריי באַזוכן די אויסשטעלונג, און אויך, אַז די פאָרשטייער פון די פאַרשיידנסטע אָפּטיילונגען, סעקציעס, אויסשטעלונגען און געשעפטן זאָלן מיר געבן די פאַרשיידענע אינפאָרמאַציעס, אָנווייזונגען, מיך אומעטום אַרומפירן, דערקלערן. און איך האָב דאָס אויסגענוצט אין דער פולסטער מאָס. איך האָב באַזוכט די אויסשטעלונג אַ גאַנצן יאָר. אפשר האָב איך דורכגעלאָזן פאַרן יאָר אַ פינף־זעקס טעג, אָבער נישט מער. טאָג־איין, טאָג־אויס פלעג איך קומען און יעדן טאָג האָב איך געהאַט וואָס צו לערנען, געזען עפּעס נייעס, וואָס האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. די אויסשטעלונג

איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער יום־טוב, וועלכן איך וועל אויף מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. אויך איז זי געווען פאַר מיר אַן אוניווערזיטעט, אַ קאָנסערוואַטאָריע, הויכע קורסן פון מאָלעריי און וואָס נישט. אַלץ אויף דער אויסשטעלונג איז פאַר מיר געווען וווּנדער איבער וווּנדער און אַלץ האָט מיך אַזוי אינטערעסירט, אַז איך האָב זיך נישט געקענט אָפּרייסן.

אַלע טאָג אַ מאַסע קאָנצערטן און טאַקע פון דאָס בעסטע. אי די אָרקעסטערס זענען געווען פון די בעסטע אויף דער וועלט אי זיי פלעגן געבן פון די בעסטע נומערן. און מוזיק האָב איך ליב ביז משוגעת. איך האָב דאָרט געהערט מוזיק פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע פעלקער. נישט רעדנדיק פון דער אייראָפּעישער מוזיק, פלעג איך אָפט הערן די פיליפּינער, מעקסיקאַנער, אַרגענטינער, האַוואַיער, אפילו פון סאַמאָאַ, פון כינע, יאַפּאַן און וועלכע נישט? איך האָב געזען אַלע פעלקער אין זייערע טענץ, אפילו אַצטעקן אין געזאַנג און טענץ. יעדעס פאָלק האָט געהאַט זיין פּאַוויליאָן, און דאָרטן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון די פעלקער, פון די ווילדסטע ביז די ציוויליזירטסטע. אָט האָסטו אַ יאַפּאַניש דערפל און אָט איז אַ קאַירער גאַס מיט זייער ספּאָרט, מאַגיקער, טעאַטערס, קאַפעטעריעס, טענצערינס, געזאַנגען און אָט פאַלסטו גאָר אַריין אין אַ פּוריטאַניש־האָלענדיש פישער־דערפל, און פון דאַנען פאַלסטו גאָר אַריין אין כינעזישן פּאַוויליאָן, און אַלץ, וואָס דו זעסט דאָרטן איז אַזוי פאַרשיידן פון אַלץ, וואָס דו האָסט פריער געזען. ווילסטו, גייסטו אַריין צו די האַלב־נאַקעטע טאַיטער חברה — מענער און פרויען. וויינען אין ביידלעך וועלכע זענען אין גאַנצן ליידיק, נישט מער ווי גראָז איז אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און אויפן גראָז ליגן זיי, אָדער זיצן. אָט גייען זיי אַרויס טאַנצן. אַזעלכע נישט קיין שיינע קערפּערס. די ווילדע קלאַפּ־מוזיק שפּילט, קלאַפּט, זיי שטעלן זיך אויס איינע הינטער די אַנדערע, לייגן אַרויף די הענט אויפן צווייטנס פּלייצעס. די מוזיק שפּילט און די טענצער קלאַפּן מיט די פיס; פון צייט צו צייט לאָזן זיי אַרויס ווילדע אויסגעשרייען. דערנאָך, אַז זיי קומען אַריין אין עקסטאַז הויבט זיך אָן דער ווילדער טאַנץ מיטן משוגענעם וואַרפן זיך, מיט ווילדע אויסגעשרייען און באַוועגונגען.

בילדער זעסטו אומעטום אין יעדן פּאַוויליאָן, ביי די אויסשטעלונגען פון די פעלקער. נאָר די גרעסטע זאַמלונג איז אין דער בילדער־פּאַוויליאָן. זאַלן און זאַלן פון וועלכע די ריזיקע ווענט זענען באַהאַנגען מיט בילדער. בילדער פון די גאָר אַמאָליקע צייטן, בילדער פון פּרימיטיווע פעלקער, בילדער פון וועלט־באַוואוסטע מאָלער. גייסט פון זאַל אין זאַל, באַטראַכטסט די בילדער, לייענסט וועגן די מאָלער אין קאַטאַלאָג. טרעפסט אַ סך יידי־

שע נעמען, נאָר ס'פּאַרדריסט, וואָס אַזוי ווייניק יידישע סיוזשעטן. און נאָך מער פּאַרדריסט דיך, וואָס יידן האָבן נישט קיין אייגענעם פּאַוויליאָן, נאָר יידיש קונסט און אויפטו איז צעשפּרייט און צעזייט איבער די פּאַ־וויליאָנען פון די פאַרשיידנסטע פעלקער פון דער וועלט.

גייסט אַריין אין דער אָפּטיילונג פון מאַשינען: די פאַרשיידנסטע מאַ־שינען אַרבעטן און דו זעסט ווי די פאַרשיידנסטע אַרטיקלען ווערן דורך די מאַשינען אויסגעאַרבעט. דו זעסט די פאַרשיידנסטע שטופן, וועלכע די מאַשינען זענען דורכגעגאַנגען, ביז זיי האָבן געקראָגן דעם איצטיקן פּנים. דו זעסט שריפטזעצעריי אין דער צייט פון גוטענבערג און די אַנטוויקלונג פון דרוקעריי פאַר דער גאַנצער צייט ביז אַ מאָדערנער זאַץ־מאַשין אין די מאָדערנע דרוקערייען: אויף דער ריזיקער דרוק־מאַשין אַרבעט מען ווי אויף אַ פּיאַנאָ ביים שפּילן און די צייטונגען דרוקן זיך אָפּ, לייגן זיך צונויף און גייען אַרויס פון דער מאַשין פולקאָם פאַרטיקע צום לייענען. אָדער דו גייסט גאָר אַריין אין דער געביידע פון טראַנספּאָרט און דו זעסט ווי אַמאָל פלעגט מען פירן מענטשן און סחורות אויף אָקסן, קעמלען, פערד, און ווי גראַדנוויז עס אַנטוויקלט זיך די באַן, די שיף, דער אויטאָמאָביל און שוין אין יענער צייט האָט מען דאָרט געזען דעם אָנהויב פון דעם איצטיקן עראָפּלאַן. דו זעסט דאָרטן די פאַרשיידנסטע וועגענער, וואַגאָנען, לאָקאָמאָטיוון, אויטאָמאָבילן, פון זייער ערשטער פאָרם, און אויך ווי אַזוי זיי האָבן זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין די וואַגאָנען, וועגענער, בריטשקעס, אויטאָמאָבילן, וועלכע מיר באַנוצן היינט צו טאָג, און דו וווּנדערסט זיך אויף דעם אומגעהויער גרויסן פּראָגרעס, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין פאַרלויף פון אַזאַ קורצער צייט.

גייסט אַריין אין דער אָפּטיילונג פון באַלייכטונג. דאָס איז אַ כּישוף־וועלט. אַ וועלט פון טויזנט און איין נאַכט און אַלץ געמאַכט פון די עלעק־טרישע פייערלעך. קענסט אָפּזיצן אין פאַרוווּנדערונג אַ גאַנצן טאָג און דו קענסט זיך פאַר קיין פאַל נישט אָפּרייסן פון די כּישופידקע פּאַנאָראַמעס און וווּנדערבאַרע אילומינאַציעס.

און וואָס האָב איך פאַרן יאָר נישט געזען. מיר דוכט זיך עס איז נישט געווען קיין איין דעראָבערונג פון דער ציוויליזאַציע, וואָס האָט נישט געפונען קיין אָרט אויף דער אויסשטעלונג. עס איז נישט געווען קיין איין פאַך פון מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס איז דאָ נישט געווען פאַרטראָטן. אַ גאַנצן יאָר בין איך געגאַנגען צו דער אויסשטעלונג טאָג־איין־טאָג־אויס,

און דאָך נישט געזען אַלץ, וואָס ס׳איז געווען דאָרט צו זען, און יעדן טאָג האָב איך געפונען דאָרט עפּעס נייס, וואָס האָט מיך שטאַרק פאַרכאַפּט, פאַר־אינטערעסירט. אַן אוניווערזיטעט קען נישט געבן אַ סטודענט אַזוי פיל און אַזאַ פילפאַכיקן וויסן, ווי אַ גוט־איינגעאָרדנטע וועלט־אויסשטעלונג, ספּעציעל די פּאַנאַמאַ פּאַסיפישע אויסשטעלונג אין 1915.

קאַפּיטל 49

איך ווער באַפרײַנדעט מיט רבקה גאַלין

זייענדיק אין סאַן פראַנציסקאָ האָב איך אָפט געהערט פון איר. מען פלעגט איר דערמאָנען מיט ליבע און פאַרערונג. ספּעציעל פלעגן איר ליבן מיין גוטער פריינד דער יונגער פּאָעט אפרימסאָן און מאַניע סעמיאַנאָוו. דער ערשטער האָט פון איר גערעדט, ווי וועגן אַ באַגאַבטער דיכטערין און די צווייטע, ווי וועגן אַ קלוגער און אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט. מען האָט מיר דערציילט, אַז זי קומט אָפט אַריין צו די יהואָשעס, זי איז ביי זיי זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט, און אַז יהואָש האָט פון איר זייער אַ הויכע מיינונג. איך האָב איר געוואָלט קענען. אָבער גיי באַקאַן זיך, אַז זי איז אין דענווער און איך אין סאַן פראַנציסקאָ.

אָנהויב 1914 האָבן מיר זיך באַקאַנט, און אונדזער ערשטע באַגע־געניש איז געווען אַ טשיקאַווע. איך האָב געהאַלטן אַ לעקציע וועגן דעם דיכטער דוד עלדשטאַט. אַלס פּאָעט האָב איך פון אים ווייניק געהאַלטן און מיין לעקציע איז געווען אַ קריטישע. די לעקציע איז געווען פאַרן ברענטש פון סאַן פראַנציסקער אַרבעטער־רינג. עס זענען אויך געקומען אַ סך נישט־מיטגלידער. די לעקציע האָט צוגעצויגן די גאַנצע יידישע אינטע־ליגענץ פון סאַן פראַנציסקאָ. נאָך דער לעקציע און דיסקוסיעס קומט צו מיר צו אפרימסאָן מיט אַ יונגער מיידל און שטעלט אונדז פאָר: רבקה גאַלין — נח מישקאָווסקי. מיר זענען גלייך אַרויס פון האָל און זי דערציילט מיר, אַז זי האָט פון מיר אַ סך געהערט אין דענווער, אויך געלייענט מיינע אַר־טיקלען און דערציילונגען. אין איר היים־שטעטל, לעכעוויטש, האָט זי געהאַט אַ לערער פאַר רוסיש מיטן זעלביקן נאָמען מישקאָווסקי, האָט זי זיך פאַר־געשטעלט, אַז איך בין איר געוועזענער לערער. און דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אין רוסלאַנד געווען אַ לערער, איז ביי איר קיין צווייפל שוין נישט געווען אין דעם. און אַ פאַרלאַנג האָט זיך אין איר אָנגעצונדן צו טרעפן זיך מיט איר געוועזענעם לערער. און איצט איז זי ספּעציעל געקומען צו זען אים און ווען זי איז געקומען צו דער לעקציע האָט זי צו איר באַדויערן דערזען, אַז איך בין נישט איר געוועזענער לערער (מיט יאָרן שפּעטער

רבקה גאלין (1916).

זענען מיר דערגאַנגען, אַז איר געוועזענער לערער האָט געהייסן לייב מישקאָווסקי און ער איז געוואָרן אַ קאָמיסאַר איבער יידישער פאָלקס־בילדונג אין דער ווייס־רוסישער סאָוויעטישער רעפּובליק).

מיר זענען אַריין אין אַ קאַפעטעריע און דאָרט פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה. מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט. זי קען פון לעכעוויטש מיין עלטער־פעטער ישראל מישקאָווסקי, דעם סטאַראָסטע פון שטעטל, מיט זיין יינגסטער טאָכטער איז זי געווען חברטע. איך האָב איך דערציילט, אַז איך בין אַ צוגעשריבענער אַ לעכעוויטשער, אַז איך בין דאָרט געווען אייניקע מאָל. דעם ערשטן מאָל, ווען מען האָט מיך גערופן צום פּריזיוו און צוויי מאָל בין איך געקומען אַרויסנעמען אַ פּאַספּאָרט.

מיר האָבן זיך באַפריינדעט פון דער ערשטער באַגעגעניש. איך האָב איר באַגלייט אַהיים און איך האָב איר צוגעזאָגט זיין אין אַ פּאָר טעג אַרום ביי איר. געוווינט האָט זי ביי די מאָרטנס. ער איז געווען אַ באַקאַנטער אַנאַרכיסט, אַן אַרבעטער־פירער. זייענדיק אַ העכסט אינטעליגענטער און קענענדיק גוט די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטור, פלעגט ער אָפט איבערזעצן אַרטיקלען, דערציילונגען פון די סקאַנדינאַווישע שפּראַכן אין ענגליש. אַ־לײן איז ער געווען אַ שוועדישער, אַ קריסט. זיין פרוי איז געווען אַ יידישע, אַ העכסט סימפּאַטישע פּערזאָן. ער האָט אַ סך געטרונקען, כמעט שטענדיק געווען שיכור און איך האָב קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי די שטילע, צוריקגעצויגענע, העכסט מאָראַלישע מרס. מאָרטן קען זיין מיט אים צוזאַמען. און טאַקע אין יענעם הויז האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער פּראָגרעסיווער נישט־יידישער סאַן פראַנציסקאָ: מיט טאָם מוני און זיין פרוי ראַבינס, מיט די פּראָגרעסיווע פאַרשטייער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און יוניאָנס.

מיינע וויזיטן צו רבקהן זענען געוואָרן אַלס אָפטערע און אָפטערע, ביז מיר פלעגן זיך טרעפן כמעט אַלע טאָג און גיכן האָבן מיר באַשלאָסן חתונה האָבן.

מיינע פאַרדינסטן זענען דאַן, ווי כמעט אַלע מאָל, געווען זייער קליי־נע. מיין אויסקומעניש האָב איך פאַרדינט פון אַ קליינעם געהאַלט אַלס אַ סעקרעטאַר פון סאַן פראַנציסקער אָפּטיילונג פון דער „דזשויש סענטראַל קאָמיטע" — הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר די יידן אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויך פון מיין שרייבן. צוזאַמען איז דאָס געווען גאָר ווייניק פאַר אונדז ביידן.

איך בין אַריין אין אַ גרויסער וועשעריי און פאַרגעשלאָגן מיין דינסט. האָבן זיי מיר רעקאָמענדירט צו שאַפן אַן אייגענע קליענטעלע, דינגען אַ

פערד און וואָגן און אַרבעטן פאַר זיי. אַ באַקאַנטשאַפט אין סאַן פראַנציסקאָ האָב איך געהאַט אַ ברייטע און גאָר אין גיכן האָב איך געקראָגן אַ סך בעלנים צו געבן מיר שמוציקע וועש און איך זאָל זיי ברענגען אויסגעוואַשענע, ריינע. פון דער פירמע האָב איך געקראָגן אַ דריטל פון דעם, וואָס זיי האָבן גערעכנט פאַרן וואַשן. מיר געדענקט זיך, אַז די ערשטע וואָך האָב איך געבראַכט אַהיים בלויז דריי דאָלער, די צווייטע אַרום זעקס. אָבער אין גיכן האָב איך שוין פאַרדינט פון צוועלף ביז פופצן דאָלער און אָפטמאָל מער. די אַרבעט האָט מיך נישט שטאַרק פאַרמאַטערט און איך האָב געקענט אָנהאַלטן מיין „שטעלע" און אויך אַ ביסל שרייבן.

גלאַט איז מיין חתונה אין סאַן פראַנציסקאָ נישט דורכגעגאַנגען. אַ סך פון מיינע נאָענטע פריינד האָט פאַרדראָסן, וואָס איך בין אַוועק פון מיין בחורשן לעבן און גיב זיך מער נישט אָפּ מיט זיי און ספּעציעל איז געווען קעגן מיין חתונה פּראָפעסאָר וואַקס, וועלכער איז געווען באמת אין כעס, וואָס ער האָט פאַרלאָרן מיינע און רבקהס געזעלשאַפט. ער האָט אַראַנזשירט אַן עפנטלעכן אָוונט אין עליס האָל צו באַקלאָגן אונדז. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען צום אָוונט נישט געקומען. אָבער אויך אָן אונדז האָט זיך דער אָוונט איינגעגעבן. מען האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז ער האָט געהאַלטן אַ שטאַרקן „הספד" איבער מיר מיט רבקהן. געווען אַזעלכע ווילע מענטשן, אינטערעסאַנטע מענטשן, און מיטאַמאָל געשטאָרבן אין די בליענדיקע יאָרן. דער פאַרלוסט איז אַ שוידערלעכער. נישטאָ מער מישקאָווסקי, נישטאָ מער רבקה. זיי זענען דערטרונקען געוואָרן אין זייערע קליינבירגערלעכע אינטערעסן און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי פאַרבייטן. זייערע ערטער צווישן אונדז וועלן אייביק פאַרבלייבן ליידיקע...

אויף מיר האָט דער הספד קיין איינדרוק נישט געמאַכט, אָבער רבקהן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן און זי האָט באַשלאָסן אים אָפּטאָן און זי האָט אים איינגעלאָדן אויף אַ זונטיקדיקן מיטאָג. צו דער צייט איז ער געקומען. אָבער אין פאַרלויף פון מיטאָג האָט זי מיר אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ליבשאַפט און צערטלעכקייט, אַז ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און האָט אונדז פאַרלאָזן אין מיטן עסן.

אָבער אונדזער פריינדשאַפט איז נישט איבערגעריסן געוואָרן. און מיט אייניקע יאָר שפּעטער, ווען איך בין געווען אין מאַנדזשוריע און ער אין ווּלאַדיוואָסטאָק, האָב איך זיין לעבן געראַטעוועט. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

אינטערעסאַנט איז, וואָס רבקה האָט מיר קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז זי שרייבט. און איינמאָל, שוין איבער אַ יאָר, אַז מיר זענען געווען צוזאַמען, האָב איך איר איבערגעגעבן, אַז אפרימסאָן האָט מיר דערציילט, אַז זי שרייבט

און איך וואָלט געוואָלט זען, וואָס זי האָט אָנגעשריבן. האָט זי פון איר גרויסן קופערט אַרויסגענומען אַ גאַנצן ביכל מיט אירע געשריבענע לידער און מיר, אָן עפּעס צו זאָגן, איבערגעגעבן. איך האָב זיך אַ נעם געטאָן צום ביכל. דעם אמת זאָגנדיק, האָבן די לידער אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ איינדרוק ווי אויף אפרימסאָנען. אמת, איך האָב גלייך באַמערקט איר טאַלאַנט, די בילדלעכקייט, איר שיינע שפּראַך און אויסדרוקן, איר לירישקייט און רייכע געפילן, אָבער אין טעכניק איז זי געווען שוואַך, פּשוט נישט געוווּסט פון איר.

און איך האָב דאָס איר געזאָגט. זי איז מיר געווען זייער דאַנקבאַר פאַר מיין אָפנהאַרציקער קריטיק און מיך געבעטן איך זאָל איר לערנען די געזעצן פון ווערסיפיקאַציע. מיט פאַרגעניגן האָב איך די אַרבעט אויף זיך גענומען. איך האָב איר געלערנט וועגן מעטער, מאָס, קלאַנג, וועגן כאָריי, יאמב, דאַקטיל און אַנדערע אויסמעסטונגען און קלאַנגען; איך האָב מיט איר געליינט אַ סך לידער פון אונדזערע גרויסע פּאָעטן, און גרויסע פּאָעטן פון רוסלאַנד און דייטשלאַנד און מיר פלעגן לויט דער טעאָריע פון ווער־סיפיקאַציע, וועגן און מעסטן די לידער. זי איז געווען זייער אַ פעיקע און גיכן האָט זי די „וויסנשאַפט" געקענט בעסער פון מיר. און זי האָט אָנגעהויבן אירע פריערדיקע לידער איבעראַרבעטן און דיכטן נייע. צוויי לידער אירע האָב איך אַריינגעשיקט אין „פּראָגרעס" — לאָס אַנדזשעלע־סער צייטונג, אַרויסגעגעבן פון יאָניע אייבל און רעדאַגירט פון דעם פאַר־שטאָרבענעם פּאָעט לונער. פון לעצטן האָט זי גלייך דערהאַלטן אַ באַגייס־טערטן בריוו מיט דער ביטע אַריינצושיקן אים וואָס מער פון אירע לידער. איך האָב אויך אַריינגעשיקט אירע אַ דערציילונג אין „פרייע אַרבעטער־שטימע", די „באַרמהערציקע שוועסטער" און זי איז אויך גלייך אָפּגעדרוקט געוואָרן.

רבקה איז געווען איבערגליקלעך. נאָר דעם גליק האָט זי אין זיך באַ־האַלטן, אפילו מיט מיר נישט געטיילט זיך. אין אַלגעמיין האָט זי קיינעם נישט דערציילט, אַז זי שרייבט, פאַר קיינעם אירע לידער און דערציילונגען נישט געליינט און פלעגט ווערן אין כעס, אַז איך פלעג איר פאָרשלאָגן, אַז זי זאָל אימיצן ווייזן אירע לידער און דערציילונגען. זי אַליין האָט דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. און וווּנדערבאַר — איר גאַנץ לעבן, אפילו דאַן, ווען אירע לידער זענען געדרוקט געוואָרן כמעט אין אַלע צייטונגען און זשור־נאַלן, אפילו דאַן, ווען עס איז אַרויס איר וווּנדערבאַרער בוך „טייבעלע" — די ערשטע זאַמלונג פון אירע קינדער־לידער און די גאַנצע יידישע פּרעסע — נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין פּוילן, רומעניע, אַרגענטינע,

אין פּאַריז און לאָנדאָן — האָט מיט באַגייסטערונג זיך אָפּגערופן וועגן דעם בוך, האָט זי נאָך אַלץ פון זיך נישט געהאַלטן ווי פון אַ גוטער דיכטערין. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ווארשע האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ ביכל מיט אירע לידער פאַר די יידישע שולן, וואָס אירע לידער זענען דעקלאַמירט געוואָרן אויף דער ראַדיאָ, געזונגען געוואָרן אין אַלע יידישע שולן, רעצי־טירט אויף די פאַרשיידנסטע שולן אונטערנעמונגען, אַפילו דעקלאַמירט אין אַ מווי פון דעם מעדעם סאַנאַטאָריום. אַלע וואָס האָבן געדרוקט זייערע לידער אין דער יידישער פּרעסע זענען געווען פּאָעטן, אָבער נישט זי...

זי האָט זיך מיט דעם קיינמאָל נישט איבערגענומען און קיינמאָל נישט שטאָלצירט, אַפילו דאַן, ווען זי איז אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע פון יידישע שרייבערינס און ווען אירע קינדער לידער זענען אַריין אין די כרעסטאָמאַ־טיעס פאַר די יידישע שולן.

פון 17־טן יאָר איז זי געווען אַ קראַנקע, אַ טובערקולאָזע. פון דער קרענק האָט זי שרעקלעך געליטן. פאַר אונדזער חתונה איז זי שוין געווען אין אייניקע סאַנאַטאָריעס און ס'איז מערקווירדיק — פאַר מיר, פאַר אונד־זערע באַקאַנטע, פאַר אונדזערע פריינד האָט זי קיינמאָל נישט גערעדט פון איר קראַנקהייט און פון די סאַנאַטאָריומס, געהאַלטן זיך, ווי עס האַלטן זיך אַלע געזונטע מענטשן. איר פלעגט שטאַרק פאַרדריסן, ווען מען האָט איר אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'איז עפּעס צו שווער פאַר איר, ווייל זי איז שוואַך.

מיר געדענקט זיך. איינמאָל האָט זי אין מיטן נאַכט געהאַט אַ בלוט־שטורץ. זי האָט קיינעם נישט אויפגעוועקט און קיינעם פון דעם נישט דער־ציילט, אין גיכן האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם און איך האָב איר אויס־גערעדט, פאַר וואָס זי האָט מיר נישט אויפגעוועקט.

— דו האָסט אַזוי געשמאַק געשלאָפן, אַז איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט דיך אויפוועקן, — האָט זי מיר אויף דעם געענטפערט.

זי האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן שטאַרקן לוסט צום לעבן. אַלע מאָל געבויט פּלענער צו גיין אין טעאַטער, זיין אויף אונטערנעמונגען, גיין אויף פאַרלעזונגען, באַזוכן פריינד און באַקאַנטע, גיין צו באַנקעטן, בייווי־נען בעלער און קאָנצערטן און דאָס טראַגישסטע איז געווען, וואָס זי האָט עס כמעט קיינמאָל נישט געקענט דורכפירן און זי פלעגט פון דעם שרעק־לעך ליידן.

און איך, צוליב מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, בין זעלטן אין די אָוונטן געווען אין דער היים, און זי פלעגט מוזן בלייבן אין שטוב אַלעמאָל איינע אַליין...

און אַז איך פלעג קומען שפעט ביינאַכט אַהיים פלעג איך איר טרעפן אַ פריילעכע, אַן אויפגעלייגטע, מיט איר שטענדיקן שמייכל און מיט אַ טיפן אינטערעס, פלעגט זי אויסהערן מיין באַריכט פון דעם אָוונט...

זי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער גרינגער מענטש. פאַר די 21 יאָר, וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען, האָט זי מיר קיינמאָל נישט, פאַר גאָרנישט אויסגערעדט, קיינמאָל נישט באַקלאָגט זיך, כאָטש מיר האָבן געהאַט אַ סך שווערע צייטן, אָדער זי האָט שטאַרק געליטן. אַפילו ווען אונדזער קינד, טייבעלע, איז געשטאָרבן און זי האָט געליטן אויפן העכסטן גראַד און איז ביז איר טויט מיט צען יאָר שפעטער צו זיך נישט געקומען פון דעם שרעקלעכן קלאַפ, האָט זי דאָך פאַר קיינעם נישט געקלאָגט זיך און קיינעם פון די איבערמענטשלעכע יסורים נישט דערציילט, מיט מיר איז געווען אַזוי ווי אַן אָפמאַך וועגן דעם קיינמאָל נישט ריידן...

זי איז געווען אויסערגעוויינלעך קלוג און ווייטזעעדיק. איך פלעג איר קלוגשאַפט און פאָרויסזעעדיקייט אין לעבן אַלע מאָל באַוואונדערן. און וווּנדערבאַר איר פאָרויסזען איז אַלע מאָל מקוים געוואָרן.

וואָס אַנבאַלאַנגט איר אַליין, האָט זי זיך זייער ערנסט באַצויגן צו אירע לידער. שטענדיק האָט זי איבער זיי געאַרבעט, אַפילו אין די צייטן, ווען זי האָט זיך זייער שלעכט געפילט. האָט אַפילו ערנסט געאַרבעט איבער אירע, שוין פון לאַנג, געדרוקטע לידער, פלעגט זיי הונדערטער מאָל לייענען און אויסבעסערן. נאָך מער האָט זי געאַרבעט איבער זיך אַליין. וועלט־פאָעזיע איז געווען איר לעבנס אינטערעס. זי האָט געלייענט אין פיר שפראַכן — יידיש, העברעיש, רוסיש און ענגליש. אין די שפראַכן האָט זי דורכגעלייענט כמעט אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אויפן געביט פון פאָעזיע. אָבער דורך די איבערזעצונגען אויף ענגליש האָט זי זיך באַקאַנט מיט דער פאָעזיע פון די אַראַבער, פערסיער, כינעזער, יאַפאַנער, אינדיער און אַ סך אַנדערע. זי האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער קינדער ליטעראַטור פון די פאַרשיידנסטע פעלקער. די פאָעמען, וואָס זענען איר אַמערסטן געפעלן געוואָרן, פלעגט זי אויסלערנען אויף אויסווייניק. געלעבט האָט זי אין אַ וועלט פון פאָעזיע.

אין אַלגעמיין איז זי געווען דער שענסטער טיפ מענטש, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געטראָפן.

קאַפּיטל 50

די יידן אין קאַליפאָרניע

אויסער לאָס אַנדזשעלעס זענען די יידן אין קאַליפאָרניע געווען שטאַרק אַסימילירט, וואָס ביי זיי האָט עס געהייסן אַמעריקאַניזירט. זיי זענען נישט געשטאַנען מיטן פּנים צום יידישן פאָלק, זיך ווייניק אינטערעסירט מיט יידישע אינטערעסן, מיטן יידישן לעבן, מיט יידישע פראַגן, יידישער דער־ציונג און כמעט אַלע האָבן גערעדט ענגליש. די אָרטיקע יידן, אַפילו די איג־טעליגענטערע, זענען געווען אין גאַנצן גוייש און זיך באַצויגן צו אַלע יידישע פראַגן, אויסער פילאַנטראָפּיע, ווי ווילד פרעמדע. זייער זעלטן האָט איר געקענט טרעפן אַ קאַליפאָרניער יידן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ וועלכן ניט איז יידישן קולטור־באַגאַזש. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי שטאַמען פון יידן, אָבער זיי האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט צו וואָס דאָס פאַרפליכטעט זיי. אין יידישע פראַגן זענען זיי געווען אין גאַנצן פרעמד, אויסגעליידיקט. נישט מער ווי אַן אומבאַדייטנדער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, בלויז איינציקע האָבן פאַרמאָגט א יידישן קולטורעלן סטאַזש. ווען איך בין אַריינ־געטראָטן אין אַרבעטער רינג ברענטש פון סאַן פראַנציסקאָ, בין איך געווען אומאַנגענעם איבערראַשט, וואָס די מיטינגען ווערן געפירט אין דער ענגלי־שער שפּראַך. מיר דוכט זיך, אַז איך בין געווען דער איינציקער, וואָס פלעגט אַרויסטרעטן אין יידיש. דאָס זעלביקע איז געווען אויף די זיצונגען פון דעם צענטראַלן הילפס קאָמיטעט פאַר די יידן אין אייראָפּע, וואָס האָבן געליטן פון דער מלחמה (דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה). אין דעם קאָמיטעט זענען געווען פאַרטראָטן כמעט אַלע יידישע אָר־גאַניזאַציעס פון סאַן פראַנציסקאָ. די הויפּט ראָל האָבן געשפּילט די פּרומע יידן, ווי שוגערמאַן, שענזאַנס, שפּיגלמאַן, און פון די יידישע סאָציאַליסטן — הערי קאַבליק, איינער פון די סימפּאַטישסטע טיפּן פון סאַן פראַנציסקער יידן. אַ צו נישטיקן פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג האָבן די יידן מיט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זאָלן קענען אָנהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן פּנים און קעמפן פאַר זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן דאָ אין אַמעריקע און נאָך ווייניקער פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די יידן איבער דער וועלט.



די ערשטע מיטגלידער פון דעם ערשטן נאציאָנאַל־ראַדיקאַלן קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס צוזאַמען מיטן גאַסט משה קאַץ.

מיט דער צייט האָבן זיי פאַרגעסן אַלץ, וואָס זיי האָבן אַמאָל אין זייער אַלטער היים געלערנט פון זייערע עלטערן, אין די חדרים, און אין די שולן, און קיין נייעס, וואָס זאָל האָבן עפּעס אַ ווערט האָבן זיי אין דער נייער היים נישט דערוואָרבן. און זיי זענען אויסגעליידיקט געוואָרן... די קינדער זייערע האָבן אַפילו נישט פאַרמאָגט דאָס, וואָס די עלטערן האָבן פאַרגעסן... און דער נייער דור איז אויסגעוואַקסן ווי ווילדפלייש אויף אונדזער נאַציאָנאַלן קערפּער. אמת, דאָס זעלביקע איז פאַרגעקומען דאָ אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון אַמעריקע, אָבער נישט אַזוי גיך, נישט אַזוי ראַשיק. פאַר די ברייטע יידישע מאַסן איז דער פּראָצעס אין דער ערשטער צייט, אין זייערע גריגעיאָרן געווען אַ שווערער, אַ ווייטאָקדיקער, אָבער דערנאָך איז דער פּראָצעס פון אַמעריקאַניזירן זיך אַנגעגאַנגען אומבאַוווסטזיניק.

אין סאַן פראַנציסקאָ איז מיר אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף קעגן דער באַוווסטזיניקער און אומבאַוווסטזיניקער אַסימילאַציע.

ערשט אין די יאָרן 1915—1916 און 1917 אונטערן דרוק פון דער מלחמה, פון די שוידערלעכע שחיטות אויף יידן, אַ דאַנק דער באַוועגונג פאַר אַן יידישן קאָנגרעס און פאַרשטאַרקטער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פאַר ארץ ישראל אַלס אַ היים פאַר יידן און אַ דאַנק דער אויפקלערונג פון ד"ר סירקין, יצחק אייזיק הורוויטש, ד"ר זשיטלאָווסקי און אַנדערע האָבן זיך די יידן אין סאַן פראַנציסקאָ אַביסל מער פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע.

דאָס צוזאַמענלעבן פון די יידן און קריסטן איז געווען אַ העכסט פריינטלעכע. דאָס איז געווען צו באַמערקן פון דער אַלגעמיינער סאַן פראַנציסקער פּרעסע, וועלכע האָט נישט געקאַרגט קיין פלאַץ פאַר באַריכטן און אָפּהאַנדלונגען פון יידישן לעבן. די יידישע פאַרשטייער פון דער רעליגיעזער, פינאַנציעלער, אָדער פּאָליטישער וועלט האָבן געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט דער קריסטלעכער. אין די דאַמאָלסטיקע גרויסע פּאָליטישע פּראָצעסן פון די יידן אייב רוף, דוד קאַפּלאַן, וויינבערג איז אַבסאָלוט נישט גערעדט געוואָרן, און קיין שמוץ איז נישט געוואָרפן געוואָרן אויף זיי, ווי אויף יידן.

כמעט אין אַלע גרויסע היסטאָרישע מאָמענטן פון קאַליפאָרניער לעבן, האָבן יידן אַ טיכטיקן אַנטייל גענומען און ביז איצט זענען זיי אומעטום פאַרטראָטן. אַפילו דער וויצע פּרעזידענט פון דער פּאַנאַמאַ פּאַסיפישער אויסשטעלונג איז געווען דער איד שלאָסס. צו די יידן געהערן די גרעסטע בענק. יידן זענען שטאַרק פאַרטראָטן אין די פרייע פּראָפעסיעס, אפשר אַ 5—7 פּראָצענט פון אַלע געשעפטן געפינען זיך אין יידישע הענט. די זעלגג־

מאַנס, הענריס, וויליאמס, דזשעסע, שלאָסס זענען נאָך ביז היינט צו טאָג די פאָרשטייער פון פינאַנץ.

איך בין דורכגעפאָרן קאַליפאָרניע אין דער ברייט און אין דער לענג און איך האָב אין ערגעץ נישט געטראָפן קיין יידן האַס. דאָס איז געווען אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט מלחמה און ווי געוויינטלעך האָבן זיך אין רוסלאנד אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף יידן, און די פּרעסע האָט וועגן דעם א סך געשריבן. הונדערטער קריסטן זהאָבן מיר געשטעלט די פראַגע, פאַרוואָס שלאָגט מען די יידן אין רוסלאנד. זיי האָבן דאָס פאר קיין פאַל נישט געקענט פאַרשטיין.

אַז מען רעדט מיט אַרבעטער, וועלכע האַסן די אָרטיקע כינעזער, יאַ־פּאַנער און שווארצע איז וועגן יידן, ענטפערן זיי געוויינלעך: וואָס קענען מיר האָבן צו יידן? זיי זענען דאָך אונדזערע, זיי זענען דאָך פון דער ווייסער ראַסע.

אין דעם אלגעמיין געזעלשאַפטלעכן לעבן זענען די יידן מיט די קריסטן פאראייניקט. איר וועט זיי אלעמאָל טרעפן אין די אָרדנס, אויף די צוזאמענ־פאָרן, אין די שטאָט און שטעטלעך ראַטן. צווישן די יידישע ראדיקאַלן איז דער צוזאמענלעבן נאָך שטארקער, נאָר פריינטלעכער. מען גייט איינע צו די אנדערע, מען פראַוועט צוזאַמען שמחות. איז ביי אימיצן א היימישע שמחה קומען זיך אַלע צענויף. עס טרעפט ביי אימיצן פון זיי עפּעס אן אומגליק קומען זיי זיך אויך צענויף זען מיט וואָס מען קען אַרויסהעלפן, און אַזעל־כע פּריוואַטע צוזאַמענקונפטן האָבן זיי אָפט.

מיר געדענקט זיך אַ שמחה ביי אן איטאַליענישן גענאָסע רעגאַטאָ לכבוד זיין בייער הויז, וואָס ער האָט אויסגעבויט. עס זענען געווען פאַר־טראָטן כמעט אַלע ראדיקאַלן פון לאָס אנדזשעלעס: אנארכיסטן, סאָציאַ־ליסטן, אינדוסטריאלניקעס און ווער נישט. אַפילו מיר, דעם פּועלי ציון, האָט מען איינגעלאַדן. אַלץ איז געווען געגרייט כיד המלך. די שמחה האָט זיך אָנגעהויבן פון מיטאָג און זיך פארצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט געגעסן, געטרונקען, געהאַלטן רעדעס, געזונגען אמע־ריקאנער רעוואָלוציאָנערע לידער. אין אָוונט איז אומבאַמרקט פאָרגעקומען אַ גאַנצע רעוואָלוציע: דער עולם האָט זיך צעטיילט לויט דער נאַציאָנאַלי־טעט, און יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע האָט פאַרנומען אַ באַזונדער צימער, אַ צימער מיט ריין אַמעריקאנער, מעקסיקאנער, דייטשן, נאָרוועגיער און יידן. איין פראנצויזקע איז נעבאך אומגעגאנגען פון צימער אין צימער און אור־מעטום זיך געפילט פרעמד, ביז צום סוף האָט זי זיך אָפּגעיידישט. די יידי־שע גרופּע האָט אָנגעהויבן פון יידישע רעוואָלוציאָנערע לידער פון עדל־

שטאָט, באָרושאָווער, ווינטשעווסקי, אנסקי, אַריבער צו פאָלקס לידער און אַריבער דערנאָך צו רעליגיעזע און חסידישע לידער. און אז מען זינגט שוין די חסידישע נגונים, בעטן זיך די פיס טאנצן און מען קען קיין חזיר נישט זיין. און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן טאנצן און מען האָט גע־טאנצט ביז מען איז אנידערגעפאלן. און פון די אנדערע צימערן האָבן זיך געטראָגן די וואונדערבארע שפאנישע מאָטיוון, די ערנסטע דייטשע רעוואָ־לוציאָנערע לידער, די פרעמדע פאַר אונדז נאָרוועגישע נגונים און אפילו דער פראַנצויזישער „קארמאניאל".

א מאָדנעם פאל האָב איך געהאט אין סטאקטאָן, קאַליפאָרניע. דאָרטן בין איך געווען איינציקע טעג ביי מיינער אַ קוזינע מרס. דייווידסאָן, איינע פון די רייכסטע אין סטאקטאָן. פרייטיק אָוונט איז אריינגעקומען צו איר דער סטאַקטאָנער רב דר' רייזין מען האָט אונדז באקאנט. דר' רייזין איז גע־ווען א יונגער גאלאנטער קאַוואַליער. ער האָט אונדז איינגעלאַדן אין זיין שול צו קבלת שבת. און נאָך ליכט בענטשן זענען מיר אהין געקומען. דאָס ערשטע מאָל האָב איך באזוכט אן אמעריקאנער שול און ווי גרויס איז גע־ווען מיין איבערראשונג, ווען איך האָב באמערקט, אַז דער אָרגאן שפּילער איז אַ קריסט, דער כאָר באַשטייט פון שיקסעס, אפילו די מערסטע פון די באַזוכער זענען געווען קריסטלעכע פרויען. נישט ווילנדיק האָב איך א טראַכט געטאָן, אַז ווען נישט די קריסטן, וואָלט מען געדאַרפט שליסן די שול. נאָכן דאווענען זענען די קריסטלעכע פרויען צוגעגאנגען צום רב, אים געדריקט די האַנט און הארציק באַדאַנקט פאר דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט.

ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן אָפּברעכן דעם אָפּמאָך מיט רוס־לאנד פאר נישט אריינלאָזן אהין יידן מיט אַמעריקאנער פאספּאָרטן, איז די באַוועגונג פאר דעם אין קאַליפאָרניע געווען זייער אַ גרויסע. כמעט אַלע יידישע און קריסטלעכע פּאַרטייען זענען פאר דעם געווען פאַראייניקט. אין לאָס אנדזשעלעס האָט מען געהאלטן פייערדיקע רעדעס קעגן רוסלאנד, אין אַלע קלויסטערס האָט מען גערעדט וועגן דעם און אין אַלע קלויסטערס האָבן די גאנצע צייט פון די רעדעס געקלונגען די גלעקער.

נאָך גרעסערע פּראָטעסטן זענען פאָרגעקומעןביים משפט פון מענדל בייליס אין קיעוו. מען האָט וועגן דעם פּראָצעס גערעדט מיט האַס אין אַלע קלויסטערס און מאסן פארזאמלונגען. אויף דעם הויפּט פּראָטעסט מיטינג אין סאן פראַנציסקאָ האָט געדונערט מיט זיין רעדע דער מעיאָר פון שטאָט. די קאַטאָליקן האָבן אהין געשיקט זייערע פאָרשטייער און רעדנער. די אַלע הוצאות פון דער אונטערנעמונג האָבן געדעקט די קריסטן.

איך האָב אין ערגעץ נישט געזען אַזוי פיל געמישטע חתונות, ווי אין

קאַליפאָרניע. דאָרטן איז דאָס א געוויינלעכע דערשיינונג. מיר איז אַליין אויסגעקומען רעדן וועגן דעם מיט קריסטלעכע פרויען און כמעט אַלע האָבן פאַר מיר אויסגעדריקט זייער פאַרלאַנג, אַז זייערע טעכטער זאָלן חתונה האָבן מיט יידישע יונגע לייט. ווען איך האָב איינער אויפמערקזאם געמאכט, אַז איך בין נאָך נישט זיכער אין דעם אַז געמישטע חתונות גיבן מער גליק אין לעבן, האָט זי מיר אויף דעם געענטפערט: איך האָב איניקע יאָר געוווינט אין איין הויז מיט א יידישער פאַמיליע, דער מאן איז אַלעמאָל געווען גוט צו זיין פרוי און קינדער, ער האָט איר קיינמאָל נישט געשלאָגן, פלעגט אַלע וואָך ברענגען זיין פולן געהאלט און עס איבערגעבן פאַר דער הויז, ער פלעגט אָן איר אין ערגעץ נישט ארויסגיין, ער האָט איר קיינמאָל נישט געזידלט, זיינע קינדער קיינמאָל נישט געשלאָגן. אונדזערע מענער פאַרטרינקען זייער געהאלט אין שענק, קומען אהיים שכור און שלאָגן דער פרוי מיט די קינדער. זיי זענען אלעמאָל אומצופרידן און לאָזן אויס דעם כעס אויף זייערע פרויען...

און איינמאָל האָט מיט מיר געטראָפן א קוריאָז. איך גיי פון דער אַרבעט אַ זייגער זעקס, אויף אַ האַלב וועגס טרעף איך אָן אַ קריסטין, וועלכע שטעלט מיך אָפּ מיט דער פראַגע צי איך בין א ייד. יאָ, — ענטפער איך איר.

— אפשר וועט איר ארײנקומען אין מיין הויז דאוונען? איר שווער איז געשטאָרבן, מוז זי האָבן א מנין צום דאוונען. גייענדיק דערציילט זי מיר, אַז איר שווער איז געווען זייער אַן אלטער, געשטאָרבן צו 93 יאָר. ער איז געווען א ייד פון די ערשטע גאָלד זוכער. ער האָט איבערגעלאָזן זעקס זין, וועלכע האָבן חתונה געהאט מיט קריסטנס, ווייל עס זענען דאן פשוט נישט געווען קיין יידישע מיידלעך. זיי זענען פרומע יידן און האָבן אונדז געמאכט פאר פרומע יידישקעס.

איך בין אַריין מיט איר אין הויז. און גלייך ווי איך בין אַריין האָט זיך דער עולם געשטעלט דאוונען מנחה. און וואונדערבאר, די אַלע זעקס גויעס האָבן זיך געשטעלט הינטער אַלעמען ביי דער וואנט און האָבן נאָכגעטאָן דאָס, וואָס אַלע האָבן געטאָן: זיך געשאָקלט, ווען אַלע האָבן זיך געשאָקלט, געשעפּטשעט עפּעס, ווען די יידן האָבן געדאוונט, געענטפערט אמן, אָפּגעטראָטן אביסל אויף הינטן, ווען די מענער האָבן דאָס געטאָן. פאַר מיר איז די סצענע געווען אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן נישט ארויסצופלאצן מיט אַ געלעכטער. פאַרן אוועקגיין האָבן מיר די גויעס זייער שיין באדאנקט פאר מיין גרויסע הילף, וואָס איך האָב זיי געגעבן.

קאַפּיטל 51

די לעצטע פֿאַר יאָר אין סאַן פראַנציסקאָ

שוין אייניקע יאָר, ווי איך האָב פאַרלאָרן מיין באַגייסטערונג פאַרן יידישן סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם אייניקע פון מיינע פריערדיקע חבֿרים האָבן דאָס זעלביקע דורכגעמאכט און זענען ארויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי, און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער פועלי ציון באוועגונג. דעם ערשטן ביישפּיל האָט באוויזן אב. גאָלדבערג, דערנאָך ברוך צוקערמאַן און שפּעטער דר׳ סירקין. נאָך זייענדיק אין ניו יאָרק איז צו מיר געקומען צוקערמאַן מיטן פאָרשלאָג איך זאָל זיך אָנשליסן אין דער פועלי ציון פּאַרטיי. נאָר איך האָב דאַן דעם פאָרשלאָג נישט אָנגענומען. איך האָב פּשוט נישט געקענט איבעררייסן מיט אַ באַוועגונג, פאַר וועלכער איך בין געוועזן אַזוי באַגייסטערט, און וועלכער איך האָב מיינע בעסטע יאָרן אַוועקגעגעבן.

נאָכן טעריטאָריאַליסטישן עקספּערימענט מיט יידישער אימיגראַציע קיין טעקסעס, אויף וועלכן איך האָב געלייגט גרויסע האָפענונגען און ווען דער עקספּערימענט איז דורכגעפאַלן, איז מיין צובונד צו דער סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליסטישער פּאַרטיי געוואָרן אַ לויזע, כאָטש איך האָב מיטגעאַרבעט אין איר צייטשריפט. און וואָס ווייטער בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די איינציקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע איז ארץ־ישראל. גאָר שטאַרק פאַר דעם האָט אויף מיר געווירקט די רעוואָלוציע אין טערקיי.

אין 1915 איז דר׳ סירקין געקומען אין סאַן פראַנציסקאָ האַלטן לעקציעס און באַזוכן די וועלט אויסשטעלונג. ער האָט מיר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. דעם גאַנצן אָוונט וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט האָט ער מיט מיר גערעדט און צוגערעדט איך זאָל אריין אין דער פועלי ציון פּאַרטיי. איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין א פועלי ציוניסט, נאָר מיך האַלט אָפּ פון אָנשליסן זיך אָן זיי דאָס, וואָס זיי זענען נישט גענוג סאָציאַליסטיש, זיי זענען ליבעראַל, דעמאָקראַטיש אָבער נישט קיין סאָציאַליסטן. דאָך האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל ערנסט וועגן דעם אַ טראַכט טאָן. אין יענער צייט איז אין סאַן פראַנציסקאָ געגרינדעט געוואָרן אַ פועלי ציוניסטישע גרופּע. דער אקטיווסטער טוער פון וועלכער איז געוועזן מיינער א פריינד

מושקין. אָט דער מושקין איז פאר אַ לאַנגער צייט צוגעשטאַנען צו מיר
איך זאָל ווערן א מיטגליד פון דער גרופּע. איך בין יאָ אריין אין דער גרו־
פּע, מיט דער האָפנונג, אז מיר וועט זיך איינגעבן ארייַנבלאָזן אין איר דעם
סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן גייסט. צו יענער צייט איז געקומען אין סאַן
פראַנציסקאָ זרבבל, וועגן וועלכן איך האָב זיך אַזויפיל אָנגעהערט פון
פריער. די חברים האָבן מיך גלייך באקאנט מיט אים. ער האָט אויף מיר
געמאכט זייער אַ גוטן איינדרוק. אין אים האָב איך דערזען דעם אמתן פּועלי
ציוניסט, דעם אמתן סאָציאַליסט ציוניסט. איך האָב באזוכט זיינע אלע
לעקציעס, וועלכע האָבן מיך פּשוט באצויבערט. און איך האָב אָפּגעמאכט
מיט רבקהן מיר זאָלן אים איינלאדן צו א מיטאָג ביי אונדז. ער האָט מיט
פאַרגעניגן די איינלאדונג אָנגענומען. מיר האָבן איינגעלאדן נאָך איניקע
פריינט אונדזערע און מיר האָבן דאן פארבראכט דעם טאָג אויסערגעוויינ־
לעך אינטערעסאנט. ער האָט אונדז דערציילט פון לעבן פון די יידישע אר־
בעטער אין ארץ ישראל, וועגן זייערע קאמפן, פּלענער, ליידן און נויט. אויך
האָט ער אונדז דערציילט וועגן דעם גרויסן חורבן אין יידישן לעבן פון
ארץ ישראל צוליב דער אנטי יידישער טערקישער פּאָליטיק אין ארץ יש־
ראל. אויך ווי ער איז פון דאָרטן אן אָפּגעראזירטער און אן איבערגעטאָע־
נער אַנטלאָפן. און דאָס אַלץ איז פאַר אונדז געווען אַזוי ניי, אַזוי אינטערע־
סאַנט, אַז מיר האָבן פּשוט געשלונגען יעדעס וואָרט. און דער עולם איז
געווען אויפן העכסטן גראַד באַגייסטערט. אויך בין איך געווען צו זיינע לעק־
ציעס אין לאָס אנדזשעלעס. די טעמעס זענען געווען פון יידישן נאציאָנאל
סאָציאַליסטישן קאַמף, וועגן ארץ ישראל אַלס דער פּלאץ פון יידישער
אימיגראציע, קאָלאָניזאַציע און קאָנצענטראַציע. אויך האָט ער גערעדט
וועגן דער יידישער ליטעראטור און אירע פאָרשטייער. די אַלע לעקציעס
זענען געווען גוט באַזוכט און דער רעדנער האָט געהאט אַ קאָלאָסאלן דער־
פאָלג און זרובבל איז געוואָרן אין קאַליפאָרניע דער באַליבטסטער רעדנער.

עס איז געווען א סך אַרבעט פאר מיר אויסער דער פּארטיי. גאָר א
קלייניקייט די ערשטע וועלט מלחמה. אויך זענען אין סאַן פראנציסקאָ אָנ־
געקומען א סך יידישע פּליטים פון רוסלאנד, א סך צייט האָב איך אוועק־
געגעבן פאר דער הילפס־ארבעט פאר די יידן אין רוסלאנד און פּוילן און
דאָ בין איך אויפן העכסטן גראַד באַגייסטערט געוואָרן פאר דער אידייע
פון שאפן א יידישן קאָנגרעס, וועלכער זאָל אויפנעמען די פראַגן פון יידישע
פאָדערונגען פאר דעם נאָך מלחמה־פעריאָד, ווי אָפּשאפן די רעכטלאָזיקייט
פון יידן אין מזרח אייראָפּע, פאָדערונגען פון גלייכבארעכטיקונג, פון ביר־
גערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, אויך די פאָדערונג פון יידן, אז ארץ ישראל
זאָל איבערגעגעבן ווערן צו יידן. די פראַגע פון שאַפן אַזאַ קאָנגרעס האָט

זרבבל (אָן א באָרד) לעבן אים ווײנער.

מיך כמעט אין גאנצן דערשלונגען. איך האָב אָנגעפירט א ברייטע און פאַרצווייגטע אַרבעט. געפריידיקט אין די אַרבעטער רינג קרייזן, וועלכע זענען געווען קעגן. דאָך איז דער פאַרשטייער פון ארבעטער רינג, מיין טייע־רער פריינד הערשי קאַבליק, צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג און זיך מיט לייב און לעבן אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. די באַלעבאַטישע עלעמענטן זענען גלייך צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג. אויך זענען צוגעצויגן געוואָרן צו דער באַוועגונג די פאַרשטייער פון די דייטשע, פון די שפּאַנישע און פון די פּאַרטוגעזישע יידן ווי דר׳ אָטאָ אוירווינג וויז, דער ברודער פון אונ־דזער דר׳ סטיפען וויז, ראַבאַי ניעטא, דער באַנקיר העלמאַן און אנדערע. אינטערעסאַנט איז, אַז מיט דער חברה, מיט די יאהודים, האָב איך געדאַרפט אַ סך אַרבעטן, אַז זיי זאָלן אָננעמען אונדזערע פאָדערונגען. זיי האָבן אנ־דערש נישט געקענט פאַרשטיין די יידישע פראַגע ווי נאָר פון רעליגיעזן שטאַנדפונקט.

מיר האָבן צוזאַמענגערופן אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג מיט אונדזערע און „זייערע" רעדנער און אַלע זייערע רעדנער האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָ־דערונג פון רעליגיעזער פרייהייט. דאַן בין איך ארויסגעטראָטן און דער־קלערט, אַז נישט אין רוסלאַנד, נישט אין פּוילן און נישט אין רומעניע האָבן מיר שטערונגען אין אונדזער יידיש־רעליגיעזן לעבן. די געזעצן פון די לענדער שטעלן אונדז אַוועק אין אַ קאַטעגאָריע פון אַ מינדערווירדיקע ראַסע. די יידן ליידן דאָרט פון די „אויסנאַם געזעצן". מיר טאָרן זיך נישט באַוועגן וווהין מיר דאַרפן, מיר טאָרן זיך נישט באַשעפטיקן מיט פאַרשיי־דענע באַשעפטיקונגען און מלאכות, מיר טאָרן אפילו נישט קריגן קיין אַל־געמיינע בילדונג, מיר טאָרן נישט פאַרנעמען קיין רעגירונגס שטעלעס, מיר טאָרן נישט האָבן קיין שטיקל ערד צו באַאַרבעטן און מען מאַכט אונדז אפּי־לו שוועריקייטן צו טאָן דאָס, וואָס מיר מעגן יאָ...

אַ לענגערע דעבאַטע האָט זיך אַנטוויקלט ביי דער ערשטער זיצונג פון דעם קאָנגרעס־קאָמיטעט פון די אויסדערוויילטע פון די פאַרשיידענע יידי־שע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין הויז פון אָטאָ אוירווינג וויז. איך האָב געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע צו דערקלערן זיי וועגן דער לאַגע פון די יידן אין מזרח אייראָפּע און ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט אין ארץ ישראל. דאַן האָט אונדזער פּראָגראַם געזיגט און איז אָנגע־נומען געוואָרן.

מיר האָבן אָנגעפירט א מעכטיקע פּראָפּאגאַנדע און אַגיטאַציע סיי מינדלעך, סיי שריפטלעך און צום סוף באַשטימט דעם טאָג פון וואַלן. פון פינף אויסגעוויילטע האָט מען געדאַרפט ווילן דריי דעלעגאַטן צום יידישן

קאָנגרעס. אויף די וואָל צעטלעך זענען אַרויף אָטאָ אוירווינג וויז, דר׳ מארטין מייערס, דער באַנקיר הילמאַן, הערר קאבליק און מיין ווייניקייט.

דער רעזולטאַט איז געווען, אז די ערשטע דריי זענען דערוויילט געוואָרן, זיי האָבן געקראָגן צו איבער עלף הונדערט שטימען איך האָב געקראָגן ארום 800 שטימען און קאבליק א העלפט פון מיר. וואָס אנבאלאנגט מיך, בין איך אַרויס פון די וואלן העכסט צופרידן. ערשטנס האָב איך געקראָגן שטימען אַ סך מער ווי איך האָב דערוואַרטעט און צווייטנס דורכגעפירט אַזאַ קאָלאָסאַלע נאַציאָנאַלע אַרבעט. איין זאַך האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן: איך האָב זיך ארומגעטראָגן מיטן געדאנק צו גרינדן אין סאן פראנציסקאָ א נאציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול. איך האָב זיך שוין ארומגערינגלט מיט אַ פּאַסיקע גרופּע טוער. מיר האָבן איבערגעדרוקט און פאַרשפּרייט מיין לאָס אנדזשעלעסער אויפרוף אין טויזנט עקזעמפּלאַרן. מיר האָבן שטאַרק אגיטירט פאַר דעם. נאָר מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַזויפיל סקעפּטיציזם און ביטול באַציונג פון די אַלע שיכטן פון דער סאן פראנציסקער יידישער באַפעלקערונג, אַז די הענט אונדזערע האָבן זיך אַפּגעלאָזן און מיר האָבן געוואָרפן די אַרבעט.

אין סאן פראַנציסקאָ האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערנענטערט צו די אלט איינגעזעסענע יידן — די אור־אייניקלעך פון די אַמאָליקע יידן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און אויך פון דייטשלאַנד. און טאקע דאָ האָבן זיך געטראָפן צוויי באַזונדערע וועלטן. זיי פון איין זייט און קאבליק מיט מיר פון דער אנדערער זייט. נישט נאָר האָבן מיר גערעדט אויף פאַרשיידענע שפּראכן, נאָר מיר זענען געווען אין גאנצן אנדערש פּסיכאָלאָגיש, מיר האָבן געהאַט אנדערע באגריפן וועגן דעם יידישן פאָלק, וואָס זיי האָבן נישט אנערקענט אַלס פאָלק, נאָר ווי אַ רעליגיעזע גרופּע. פאַרשטייט זיך אַז ביי אַזאַ קוק זענען ביי זיי נישט געווען קיין יידישע האָפענונגען, קיין יידישע שטרעבונגען, אידעאַלן. אין אַלגעמיין האָבן זיי געהאַט א מאָדנעם באַגריף פון אונדז, די אַראָפּגעקומענע פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, ווי עפּעס מאָדנע נישט דערצויגענע ברואים. מיר איז אין יענער צייט אויסגעקומען אָפט טרעפן זיך מיט זיי אין מיין אַרבעט פאַר די פּליטים, פאַר די יידישע מלחמה־ליידנדע, פאַרן יידישן קאָנגרעס. איך קען נישט לייקענען, זיי האָבן זיך צו מיר באַצויגן זייער שיין און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, דאָך פלעגן מיר שטענדיק דיסקוטירן. איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם יידישן שאפנדן גייסט פאַר די לעצטע יאָרן, וועגן די יידישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד און פּוילן, וועגן די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס נעמען אַריין די יידישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, ווי אַזוי די ציוניסטן אין רוסלאַנד אַרבעטן פאַרן ציוניסטישן אידעאַל, וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און



אין קאָך פון די וואלן צום יידישן קאָנגרעס. רעכטס די 2 קאנדידאטן פון
סאן פראנציסקאָ איך און הערי קאבליק.

פרעסע, וועגן אונדזער אינטעליגענץ אין רוסלאנד און פוילן. פאַר זיי איז דאָס געווען וווּנדער איבער וווּנדער. ווען דר׳ סירקין איז געווען אין סאַן פראַנציסקאָ האָב איך זיי מיט אים באַקאַנט. זיי האָבן באַזוכט זיינע לעקציעס און זענען אַרויס הע׳כסט באַגייסטערט פון זיין אינטעלעקט. אין יענער צייט איז אויף דער ערשטער זייט פון „קאָסמאָפּאָליטאַן" געווען אָפּגעדרוקט יצחק אייזיקס בילד מיט דער באמערקונג, אז ער איז דער אינטעליגענטסטער ייד אין אַמעריקע. איינמאָל אין אַ געשפּרעך פרעגן זיי מיך צי איך קען אים. איך האָב זיי געזאָגט, אַז די טעג האָב איך געהאט א בריוו פון אים, אַז ער קומט אין סאַן פראַנציסקאָ זען די אויסשטעלונג. און ער בעט מיך איך זאָל פאר אים באַשטעלן אַ צימער אין אַ האָטעל. דעם צימער האָבן זיי שוין גראַדע באַשטעלט דורכן טעלעפאָן און זיי האָבן מיך געבעטן, איך זאָל זיי מיט אים באַקאַנען. איך האָב זיי צוגעזאָגט. און ווען יצחק אייזיק איז געקומען האָב איך זיי צונויפגעפירט. זיי זענען געקומען צו זיינע לעקציעס, וואָס מיר האָבן אראנזשירט. זיי האָבן זיך אין אים פּשוט פאַרליבט. און דיביידע ראַבאַיס פון די דייטשע און שפּאנישע טעמפּלס האָבן אים איינגעלאַדן ער זאָל רעדן און יצחק אייזיק האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. נאָך אים איז געקומען דר׳ זשיטלאָווסקי און איך האָב זיי אויך באַקאַנט מיט אים. זיי האָבן באַזוכט זיינע צוויי לעקציעס: „ייד און מענטש" און אויך אַ לעקציע אויף אַ פילאָזאָפישער טעמע. פּראָפעסאָר מייער האָט זיך אָפּגערופן וועגן זשיטלאָווסקען מיט אנטציקונג. פאַר זיי איז דאָס געווען אַן אנטפּלעקונג: רוסישע יידן און אַזאַ הויכע אינטעליגענץ! אַ דאַנק טאַקע אָט די פאָרשטייער פון יידישן גייסט האָבן די רוסישע יידן אַ סך געוואונען אין פּרעסטיזש אין סאַן פראַנציסקאָ.

איינמאָל האָב איך אַ גאַנצן אָוונט פאַרבראַכט מיט פּראָפעסאָר מייער. מיר האָבן גערעדט וועגן יידן אין מזרח אייראָפּע מיט וועלכע ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט. (ער איז געווען אויסער ראבאי אויך אַ פּראָפעסאָר אין בוירקלי אוניווערזיטעט איבער די סעמיטישע שפּראַכן). אין פאַרלויף פון דעם געשפּרעך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז מיר זייער דאנקבאר, וואָס איך האָב אים געגעבן די געלעגנהייט צו באקענען זיך מיט די בעסטע פאָרשטייער פון אונדזערע יידן. ער האָט קיין אנונג נישט געהאט, אַז מיר פאַרמאָגן אַזאַ אינטעליגענץ. אַלס לאַנג יאָריקער פּרעזידענט פון די יידישע טשאַריטיס אין סאַן פראַנציסקאָ האָט ער די מזרח יידן אנדערש נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, ווי יידן וואָס קומען בעטן הילף, יידן פּעדלער, קליינע קרעמער, באלמעלאָכעס, יידן דורכפאָרער, וואָס בעטן אויף א באַן־בילעט. און ער האָט פון זיי נישט שטארק געהאלטן. אָבער אַז עס זע־

נען אויך דאָ אַנדערע יידן, האָט ער נישט געוווסט. און איצט האָט ער אין גאַנצן געביטן זיין מיינונג וועגן אונדזערע יידן, איצט האָט ער זיך אי־בערצייגט, אַז מיר פאַרמאָגן אַזאַ הויכע אינטעליגענץ, פון וועלכער זיי, די אַמעריקאנער יידן, האָבן וואָס צו לערנען.

אויך האָבן מיר דאַן געהאט מאָדנע געסט: מאַדאַם קאָלאָנטאַי און קאַרל ליבקנעכט. איך בין זיי ביידן געגאַנגען הערן. זיי האָבן ביידע גע־רעדט וועגן דער מלחמה און ביידע האָבן פאָרויסגעזען אַ רעוואָלוציע אין איראָפּע, וואָס וועט איבערקערן די גאַנצע געזעלשאַפט פון אונטן ארויף. קאָלאָנטאַי האָט גערעדט זייער באַגייסטערט און מיטגעצויגן דעם עולם. ליבקנעכט האָט גערעדט פאַר א דייטשן עולם. ער האָט געהאלטן א שטראָף רעדע — פאַר וואָס די אַמעריקאַנער דייטשן זענען אַזוי פאַרגרעבט גע־וואָרן, זיי טראַכטן נאָר וועגן פרעסן און זויפן און גיבן זיך נישט אָפּ מיט סאָציאַלע פראַגן. זיינע דייטשן האָבן אויסגעהערט זיינע שטראָף רייד און זענען אַוועק ווידער פרעסן און זויפן.

מיר פערזענלעך איז מער פון אַלעמען געפעלן געוואָרן דר׳ ג. סיר־קינס רעדע. ער האָט זיך דאַן דערהויבן צו א נביא. עס קלינגען מיר נאָך היינט צו טאָג זיינע ווערטער: עס איז נישט קיין מלחמה פון די אמאָליקע יאָרן, עס איז אַ רעוואָלוציע. די אַרבעטער פון די פראָנטן וועלן שוין די געווער, וואָס זיי האלטן אין די הענט נישט אוועקגעבן די הערשער, די אונטערדריקער, די עקספּלואַטאַטאָרס, נאָר וועלן מיט די זעלביקע געווער קעמפן קעגן זיי, און וועלן איינפירן א נייעם לעבן פון גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אים האלטן אַזאַ גייסטרייכע, געהויבענע, נביאישע רעדע.

פראָפ. י. א. הורוויץ.

קאַפּיטל 52

איך קלייב זיך פאַרלאָזן אמעריקע

די וועלט מלחמה האָט זיך אַלץ מער און מער פאַנאַנדערגעפלאַקערט. עס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין איר אַלץ מער און מער פעלקער. פון די שוידערלעכקייטן און גרויזאַמקייט פון דער מלחמה שטעלן זיך די האָר קאַפּויר. די מערסטע יידן זענען געווען אויף דער זייט פון דייטשלאַנד, נישט דערפאַר, וואָס מיר זענען געווען פאַרליבט אין איר, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס זי גיט קלעפּ דער צאַרישער רוסלאַנד — אונדזער ערגסטן שונא אין יענער צייט. און רוסלאַנד כאַפּט קלעפּ, שוידערלעכע קלעפּ און דאָס שטילט אונדזער כעס, דאָס היילט אונדזערע וווּנדן. און אָט איז שוין דער דריטער יאָר מלחמה. רוסלאַנד איז די ערשטע אַרויסגעפאַלן פון דער מלחמה: זי איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן. דאָס פאָלק הונגערט, דאָס פאָלק איז פאַרשמאַכט. אַלעמענס צאָרן האָט זיך אָנגעצונדן קעגן דעם צאַר, דעם צאַריזם און זיין קליקע און עס האָט זיך אָנגעהויבן די פעברואַר רעוואָלוציע. יעדן טאָג קריגן מיר נייעס, וואָס פריידט אונדז אויפן העכסטן גראַד. די סאָלדאַטן גיבן נישט אָפּ די געווער. זיי פאַרלאָזן די פראָנטן מיט געווער אין האַנט. די רוסישע ליבעראַלן האָבן זיך אַרויסגערוקט אין פראָנט פון דער עפנטלעכקייט. גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך אויפגעוועקט! רוסלאַנד רעוואָלטירט! די צאַרישע רעגירונג מיט אירע געזעצן ווערן איגנאָרירט. מען האָט אראָפּגעזעצט דעם צאַר. די מאַכט איז אַריבער צו די ליבעראַלן, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַל דעמאָקראַטן. מען פּלאַנעוועט אַן אַלגעמיינעם רוסישן צוזאַמענפאָר, וועלכער וועט דערוויילן אַ נייע רעפּובליקאַנער רעגירונג. דערווייל איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צייטווייליקע רעגירונג מיט קערענסקין, דעם סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער בראָש. און עס האָט מיך א שטאַרקן צי געטאָן קיין רוסלאַנד, ביילעבן און מיטווירקן אין דער לאַנג דערוואַרטעטער רוסישער רעוואָלוציע. מיך האָט זיך דעמאָלסט דערמאָנט די מפּיל רעוואָלוציע אין 1905, ווי איך האָב דאַן געחלשט פאָרן אין רוסלאַנד. איך האָב דאַן געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון פרויישע קליידער. דאַן פאָרן קיין רוסלאַנד איז פאַר מיר געווען אַן אוממעגלעכקייט. איך האָב קוים פאַרדינט אויף מיין טרוקענעם שטיקל ברויט און די רייזע וואָלט געדאַרפט קאָסטן אפשר א הונדערט דאָלער, וועגן דעם האָב איך אפילו פאַנטאַזירן

נישט געקענט. פלעג איך זיצן אין שאַפּ און טראַכטן וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע און ווי גליקלעך זענען די מענטשן, וואָס זענען דאָרט און לעבן דאָס דורך. נו, האָב איך דעמאָלסט געבענקט נאָך רוסלאַנד, האָב איך איר דעמאָלסט ליב באַקומען! נאָר איצט האָב איך דאָס נישט געקענט אויס־האַלטן.

און אַז עס איז פאַרגעקומען די פעברואַר רעוואָלוציע האָב איך באַשלאָסן, אַז איצט וועל איך פאָרן אין רוסלאַנד. איך מוז ביילעבן די רע־וואָלוציע. איך מוז מיטווירקן. איך מוז זיין א שומר פון די יידישע אינטע־רעסן, פון די יידישע אַרבעטער. איך מוז זיך שטעלן אין דינסט פון מיין פאָלק, מען זאָל אין דער רעוואָלוציע זיינע אינטערעסן נישט פארטאכלע־ווען. און וואָס מער איך האָב וועגן דעם געטראַכט, אלץ מער האָט זיך אָנגעצונדן דער פאַרלאַנג אהין פאָרן. גאַנצע נעכט ליג איך, איך קען פאר קיין פאַל נישט איינשלאָפן און טראַכט וועגן אונדזערע יידישע פאָדערונ־גען פון דער רעוואָלוציע. וועגן גלייכבאַרעכטיקונג איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן. דאָס איז די פאָדערונג פון גאַנצן יידישן פאָלק און פון אַלע אירע פאַרטייען. און דאָס דאַרף מען גאָרנישט פאָדערן, לאָגישערווייז וועט דאָס געגעבן ווערן. מיר דאַרפן פאָדערן נאַציאָנאַל פערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע. די פולע אנערקענונג פון דער יידישער שפראַך, יידישע שולן, מיטלשולן און העכערע קורסן. און די פאַנטאַזיע האָט זיך ביי מיר פאַרנאַנדערגעשפּילט וועגן די מעגלעכקייטן פון דער יידישער זעלבסטפארוואלטונג אין רוסלאַנד, ליטע, ווייסרוסלאַנד, וואָס פארא גרויסע פערספּעקטיוון זי וועט שאַפן פאַרן יידישן פאָלק, זיין אנטוויקלונג און פאר ארץ ישראל...

און מיין פאַרלאַנג צו פאָרן אין רוסלאַנד הויבט אָן ברענען מיט א העלישן פייער. איך לעב אויף אויף דאָס ניי. עס עפענען זיך פאר מיין טע־טיקייט נייע האָריזאָנטן. וואָס מער איך טראַכט וועגן דעם, ווער איך אַלץ מער באַגייסטערט און עס ציט מיך ווי מיט צוואַנגען צוריק קיין רוסלאַנד.

און דאַן קומען אָן אין סאַן פראַנציסקאָ פאַרטייעס רעוואָלוציאָנערע יידן און רוסן, וואָס פאָרן קיין רוסלאַנד צו דער רעוואָלוציע. עס קומען פאַר־טייעס פון דעטראָיט, פון שיקאַגאָ, פון ניו־יאָרק, פון קליוולאַנד און פון מילוואָקי און צוליב דער מלחמה פאָרן זיי אלע דורך סאַן פראַנציסקאָ, כי־נע, סיביר. איך טרעף זיך מיט זיי. זיי זענען אַזעלכע פריילעכע, אויפגע־לייגטע, באַגייסטערטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע און איך בין זיי אַזוי מקנא, איך וואָלט מיין לעבן אַוועקגעגעבן צו זיין אויף זיין אָרט. און אָט דערוויס איך זיך, אַז מיינע פאַרטיי חברים קענדזשערסקי, ברייטמאַן און אנדערע זענען אויך געווען אין אונדזערע געגנטן אויפן וועג קיין רוסלאַנד און אַז אונדזער בער באָראָכאָוו פאָרט קיין רוסלאַנד דורך סקאַנדינאַוויע.



פּראָפ. י. א. הורוויץ, רעכטס ווינער, לינקס מישקאָווסקי, ביים רעדל יאשא ניימאַן, לעבן אים מישקין.

רבקה וויל פון אונדזער רייזע אין רוסלאנד נישט הערן. איך דער־קלער איר קאַטעגאָריש, אַז איך מוז פאָרן קיין רוסלאנד. פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל פאָרן מיט איר צוזאַמען, נאָר אויב זי וויל דאָס אויף קיין פאַל נישט, וועל איך געצוווּנגען זיין פאָרן אַליין. איך קען מער נישט איינזיצן אין אַמעריקע, ווען דאָרט אין רוסלאנד, ווערט איצט פארווירקלעכט מיין לעבנס טרוים, פאר וועלכן איך האָב אַזוי פיל געליטן. איך מוז אַנטייל נע־מען אין דער רעוואָלוציע אין די אינטערעסן פון די ברייטע יידישע מאסן, אין די אינטערעסן פון מיין פאָלק. צוויי וואָכן קומט פאָר דער קאמף צווישן מיר און רבקהן ביז זי שטימט איין אויך צו פאָרן. איך האָב איר דאן גוט פאַרשטאַנען. דאָ, אין אַמעריקע האָט זי געהאט איר פאָטער, אירע צוויי ברי־דער און צוויי שוועסטער, וועלכע זי האָט אַזוי שטארק ליב געהאט, אהער איז זי געקומען א קליין מיידל, כמעט איר גאַנץ באַוווּסטזיניקן לעבן האָט זי פאַרבראַכט אין אמעריקע און דאָרט האָט זי קיינעם נישט, זי האָט זיך געפילט פרעמד צו רוסלאנד און דערצו קומט נאָך דאָרט פאָר א מלחמה און אַ רעוואָלוציע און אין לאנד איז אַזאַ שרעקלעכער אומאָרדענונג.

איך בין אַריין צום רוסישן קאָנסול אין סאן פראנציסקאָ, אים אי־בערגעגעבן, אַז איך ווי א רוסישער רעוואָלוציאָנער וויל מיט מיין פרוי פאָרן קיין רוסלאנד אַנטייל נעמען אין דער רעוואָלוציע און איך וויל פאָרן אויפן רעכענונג פון דער רוסישער רעגירונג. ער האָט פאַרשריבן די אַלע איינצלהייטן וועגן מיין טעטיקייט אין רוסלאנד און געבעטן מיר קומען אין אַ צען טעג שפּעטער, ער דארף קריגן וועגן מיר מער אינפאָרמאציע. איך בין געווען זיכער אין מיין רייזע און איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן אין מיין וועג אריין. און אַזוי איז טאקע געווען. איך האָב פון קאָנסול געקראָגן אַ פּאָזיטיוון ענטפער. איך האָב פארקויפט מיין לאָנדרי ראוט, איינגעקויפט פאָר זיך און פאר רבקהן פארשיידענע זאכן, וואָס מיר האָבן געוווּסט, אַז מען קאָן זיי נישט קריגן אין רוסלאנד. דער קאָנסול האָט אונדז באַזאָרגט מיט צוויי שיפס בילעטן צווייטן קלאס פון סאן פראנציסקאָ ביז יאָקאָהאָ־מאָ, יאַפּאַן, מיט אַ שיינע פּאָר הונדערט דאָלער אויף אנדערע הוצאות און אויך מיט דאָקומענטן. אויסער דעם האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז אין יאָ־קאָהאמא וועל איך קריגן אויף מיין רייזע ביז מאָסקווע.

און איצט האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה פון זעגענען זיך...

דאָס אינטערעסאנטסטע געזעגענען זיך איז געווען מיט טאָם מוני, וואָס איז דאן מיט זיינע חברים געזעסן אין סאן קווינטאנער טורמע, פאָר דער באָמבע, וואָס ער האָט כלומרשט געוואָרפן אויף דעם פאַראַד צו צוגריי־טן צו דער מלחמה. נאָך דעם, ווי איך האָב געקראָגן פון שעריף די דער־

לויבניש צו זען מונין אין טורמע, האָב איך געקויפט די צייטונג „טריבון" און איך האָב גענומען די קאר, וואָס דאַרף מיך פירן צו דער טורמע, וואָס איז זייער ווייט פון שטאָט. ווען איך בין געקומען, האָט מען אים אַראָפּגע־רופן און מיר האָבן פאַרבראַכט דורך די גראַטעס. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין געקומען זעגענען זיך מיט אים, ווייל איך פאָר די טעג אין רוסלאַנד. מיר האָבן גערעדט אַרום אַ שעה צייט. צווישן אַנדערע האָט ער מיך געבעטן, אַז קומענדיק אין רוסלאַנד, זאָל איך וועגן זיין פּראָצעס שרייבן אין די רוסישע צייטונגען און אויב מעגלעך, זאָל איך דאָרט אויפהויבן אַ פּראָ־טעסט באַוועגונג. איך האָב אים צוגעזאָגט שרייבן וועגן זיין פּראָצעס, נאָר צו אָרגאַניזירן אַ פּראָטעסט באַוועגונג קען איך אים נישט צוזאָגן. טאַקע איך בין געווען דער ערשטער צו שרייבן אין דער רוסישער פּרעסע וועגן זיין אַרעסט, וועגן די ליגנערישע באַשולדיקונגען פון דעם דיסטריקט אַטוירני און פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע. מיר איז דאַן געווען גוט באַוווסט, אַז ער איז אין דער צייט פון פּאַראַד, גאָר נישט געווען דאָרט, וווּ די באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן, ער איז גאָר געווען מיילן ווייט פון דאָרט, גאָר אין אַן אַנדער קליין שטעטל און ער האָט גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיט דער באָמבע. מיר, אין סאַן פראַנציסקאָ, זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון דייטשע שפּיאָנען. מען האָט אים אַרעסטירט בלויז דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער פּי־רער און וואָס ער האָט מיט זיינע אָנפירנדע סטרייקס די קאַפּיטאַליסטן פאַר־ביטערט דאָס לעבן.

אין דער צייט ווען איך האָב פאַרבראַכט מיט מונין זענען צו אונדז צוגעקומען אויך די אַנדערע באַשולדיקטע אין דער באָמבע וואַרפעריי — וואָרען און בילינג און מיט אַמאָל האָט מוני דערזען ביי מיר אין קעשענע די צייטונג און איר געבעטן ביי מיר. איך האָב אים געוואָלט די צייטונג דורכשטופּן דורך די דראָטן פון די גראַטעס, נאָר עס איז געווען אומ־מעגלעך. דאַן, באַמערקנדיק, אַז די טיר פון טורמע איז אָפן, ווייל מען לאָזט אַריין אין טורמע אַרעסטאַנטן, האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן ביידע צוגיין צו דער טיר און פון דאָרטן אים דערלאַנגען די צייטונג. אַזוי האָבן מיר געטאָן. נאָר ווען איך האָב אים געוואָלט דערלאַנגען די צייטונג איבער די קעפּ פון די אַרעסטאַנטן, האָט דאָס אַ וואָרדען דערזען און מיך אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט.

און מער האָט אים נישט געפעלט. מוני איז אויף אים אָנגעפאַלן מיט אַ מענה לשון און אַזעלכע זידלערייען, וועלכע איך האָב נישט געהערט אפילו אין דער רוסישער טורמע און נישט אין דער רוסישער קאַזאַרמע. דער סוף איז געווען, אַז דער וואָרדן האָט זיך אַנטשולדיקט און אַליין אים

איבערגעגעבן די ציישונג. מיר האָבן זיך פיין צעזעגנט און איך האָב מיט אַ שווערן געמיט פארלאָזן די טורמע.

סאַן פראַנציסקאָ האָט אונדז געגעבן אַ זייער וואַרימען און האַרציקן „פאָרט געזונט". מען האָט פאר אונדז איינגעאָרדנט א גרויסארטיקן באַנ־קעט אין גרינבערגס רעסטאָראַן צו וועלכן עס זענען געקומען מיינע פריינד און באקאנטע, אויך זענען געקומען פאָרשטייער פון עלף יידישע אָרגאַני־זאַציס. די גרעסטע איבערראַשונג פאר מיר איז געווען, ווען עס איז אריינ־געקומען די פאָרשטייערין פון פאָליטישע אַרעסטירטע אין סען־קווענטין טורמע, די פרוי פון דעם אַרעסטירטן ווייַנבערג, און מיר געווונטשן אין זייער נאָמען א גליקלעכע רייזע און פרוכטבארע טעטיקייט אין רוסלאַנד. צום שיף זענען געקומען אפשר א פאָר הונדערט מענטשן מיט מתנות און אָנדענק סוווענירן מיט אונדז זעגענען זיך. איך בין געווען אַזוי גערירט, אַז מרערן האָבן מיך געשטיקט.

אונדזער שיף האָט זיך א ריר געטאָן און מיר האָבן פארלאָזן די אמע־ריקאנער ברעגן.

אינהאַלט:

מיין שטעטל מיר	זייט 7
מיין משפחה	" 17
מיין קינדהייט	" 28
איך הויב אָן לייענען	" 35
די „גרויסע שרפה"	" 38
איך הויב אָן ווערן אַ מענטש	" 42
טרוים אוןווירקלעכקייט	" 49
איך פאָר קיין וואַרשע	" 53
איך פאָר איבער דער פוילישער הויפטשטאָט	" 59
איך באַטראַכט וואַרשע	" 65
די יידישע וואַרשע מיט פופציק יאָר צוריק	" 71
דער ערשטער פסח אין דער פרעמד	" 75
די ערשטע יאָרן אין וואַרשע	" 82
איך פאָר צוריק אין דער מיר	" 91
איך שליס נייע באַקאַנטשאַפטן אין וואַרשע	" 95
די ערשטע יידיש־וועלטלעכע שול אין דער וועלט	" 102
די דערוואַכונג	" 109
אין מינסקער קאַזאַרמע	" 113
די גרינדונג פון דער צווייטער יידישער שול אין רוסלאַנד	" 121
מיין געזעלשאַפטלעך סאָציאַליסטישע אַרבעט אין ניעסוויזש	" 135
אין מיין געבורטשטעטל קאַפולע	" 141
איך פאָר ווידער קיין וואַרשע	" 145
איך ווער אַ פאַרטיי מענטש	" 151
אַן אָרגינעלע אונטערנעמונג	" 159
מיינע לעצטע וואָכן אין וואַרשע	" 164
איך בין שוין אין אייראָפּע	" 170
דאָס ערשטע מאָל אויפן ים	" 183

לאָנדאָן זייט 188
איך ווער טעטיק אין לאָנדאָן " 196
מיט יידישע עמיגראַנטן פון ליווערפּול ביז באָסטאָן " 207
די ערשטע צייט אין ניו יאָרק " 214
די שטאָט ניו יאָרק " 218
מיט די פּועלי ציון אָנהויב 1905 " 227
מיט די פּועלי ציון און סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן " 232
מיין ערשטער אַרטיקל אין דער פּרעסע " 239
דער קלאוקמייקער סטרייק אין 1910 " 242
אין סענט לואיס, מיזורי " 247
שיקאַגאָ " 253
מיין אַרבעט אין שיקאַגאָ " 258
דער קריזיס־יאָר " 262
מיין רייזע פון ברעג צו ברעג " 266
די יידישע לאָס אַנדזשעלעס מיט 37 יאָר צוריק " 271
די נאַציאָנאַל ראַדיקאַל שול אין לאָס אַנדזשעלעס " 278
ביים געבורט פון לאָס אַנדזשעלעסער סאַנאַטאָריום פאַר שווינדזיכטיקע " 285
סאַן פראַנציסקאָ " 291
אין ניומאַן, קאַליפאָרניאַ " 297
סאַן בערנאַרדינאָ " 306
ווידער אין סאַן פראַנציסקאָ " 319
איך ווער באַפריינדעט מיט רבקה גאַלין " 324
די יידן אין קאַליפאָרניע " 331
די לעצטע פאָר יאָר אין סאַן פראַנציסקאָ " 339
איך קלייב זיך פאַלאָזן אַמעריקע " 351